STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01082

DOVID EDELSHTAT

Kalmon Marmor

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph Muchnick
in honor of
his family

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלמן מרמר
דוד עדעלשטאַט

קלמן מרמר

דוד עדעלשטאַט

איקוף פאַרלאַג

1950

KALMAN MARMOR
DOVID EDELSTADT

Copyright by
YDDISHER KULTUR-FARBAND—YKUF
189 Second Ave., New York 3, N. Y.
New York, 1950

Printed in U. S. A.

158

געדרוקט אין דער דרוקעריי פֿון פּ. מאַליניאַק, 250 וועסט 54סטע גאַס, ניו־יאָרק, נ״י.



דוד עדעלשטאט (עטלעכע יאָר נאָך זיין אָנקומען אין ניו־יאָרק)

געהייליקט דעם אָנדענק פֿון
מיין חברטע און פֿריינט, מיין
מיטהעלפֿערין אין דער אַרבעט
ש ר ה ש פֿ ר ה מ ר מ ו׳

אינהאַלט

פֿונעם קלמן מרמר יובֿילײ־קאָמיטעט 7
אַרײַנפֿיר 13

דוד עדעלשטאַטס ביאָגראַפֿיע

1 עדעלשטאַטס קינדהייט 17
2 קיעוו — דער אָפּפֿאָר קיין אַמעריקע 20
3 אין סינסינעטי 24
4 ערשטע טריט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג 28
5 דער קאַמף פֿאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג 33
6 אונטער דער ווירקונג פֿון דער „שיקאַגער טראַגעדיע" 36
7 ערשטע לידער פֿון אַרבעטער־לעבן 43
8 „די וואַרהייט" 46
9 „פּאַסקאַרעל" 59
10 אין קאַמף צווישן די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן 64
11 האָס צום שונא 66
12 אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע 70
13 „די אַרבעטער־צייטונג" 73
14 סינסינעטער טעטיקייט 78
15 עדעלשטאַט אַלס מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָר פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע" 86
16 שטעלונג צו פֿראַגעס פֿון טאָג־טעגלעכן קלאַסנקאַמף 96
17 רעדאַקציע־אַרבעט 103
18 דוד עדעלשטאַט און מאָריס ראָזענפֿעלד 110
19 ווינטשעווסקיס ווירקונג 115
20 אין עדעלשטאַטס דיכטערישער לאַבאָראַטאָריע 124
21 פּראָזע־שריפֿטן 142
22 אין דענווער, קאָלאָראַדאָ 147
23 די לעצטע טעג 152
24 עפּילאָג
נעקראָלאָגן 161
עדעלשטאַטס דענקמאָל 164
געדענק־טעג 166

אויסגאַבעס פֿון עדעלשטאַטס ווערק 167
עדעלשטאַטס ליטעראַרישע ירושה 173
עדעלשטאַט, ווי ער האָט אויסגעזען ביי זיינע מיטצייטלער 174
ליטפֿאַדעם פֿון עדעלשטאַטס לעבן 176
בריוו פֿון דוד עדעלשטאַט 183
אָנמערקונגען און עקסקורסיעס 247
ביבליאָגראַפֿיע 297
פּעריאָדישע אויסגאַבעס און זאַמלביכער, דערמאָנט אין די מאַטעריאַלן 399
זוכצעטל פֿון נעמען 402

בילדער

דוד עדעלשטאַט 1
דוד עדעלשטאַטס עלטערן 18
אַנאַ נעטער 55
עדעלשטאַטס שוועסטער סאָניע (שרה), איר מאַן אַרקאַדיע טעלסאָן און זייער זון דוד 108
פֿון דוד עדעלשטאַטס כתב־יד 128
דוד עדעלשטאַט, אַניטאַ וואַלפֿסאָן און אַ אומבאַקאַנטע 144
דוד עדעלשטאַטס מצבה 165

פונעם קלמן מרמר יובילײ־קאָמיטעט

דאָס דוד עדעלשטאַט־בוך דערשײנט לכבוד דעם 70טן געבוירן־טאָג פֿון קלמן מרמר. פֿאַקטיש אָבער איז עס פֿיל מער, ווי גלאַט אַ יובל־אויסגאַבע. די יובילײ־פֿײערונגען לכבוד קלמן מרמר האָבן בלויז באַשטימט די דאַטע פֿון דער אויסגאַבע.

עס איז שוין לאַנג געווען דער חוב פֿון יידישן פֿאַרלאַג־וועזן אַרויס־צוגעבן וויסנשאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן די וויכטיקסטע ווערק פֿון דער עלטערער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אויף יידיש. נאָר ביי אונדזערע קנאַפּע פֿאַרלאַג־מעגלעכקייטן פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכע אויסגאַבעס איז פֿאַר־שטענדלעך, אַז אַ פֿולשטענדיקע קלאַסישע אויסגאַבע פֿון אַלע יידישע פּראָלעטאַרישע קלאַסיקער, ווי ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער און אַנדערע, איבער וועלכע קלמן מרמר גופֿא האָט שוין פֿאַרעפֿנטלעכט באַדייטנד־ווערטפֿולע אַרבעטן, איז דערווייל אוממעגלעך.

אָבער אַן אָנהויב האָט געמוזט געמאַכט ווערן. און וואָס דער אויסוואַל איז געפֿאַלן אויף דוד עדעלשטאַט, איז ניט קיין צופֿאַל. אין די קנאַפּע פֿיר יאָר פֿון דוד עדעלשטאַטס ליטעראַרישער טעטיקייט אויף יידיש שפּיג־לען זיך אָפּ ניט בלויז די ליטעראַריש־קינסטלערישע לייסטונגען פֿון יחיד־פּאָעט דוד עדעלשטאַט, נאָר — און דאָס איז דער עיקר — דער גאַנצער מהות און סביבה פֿון יענער קורצער, אָבער אַזוי שטורמישער עפּאָכע אויפֿן געביט פֿון די ליטעראַרישע און געזעלשאַפֿטלעכע קאַמפֿן פֿון יענער צייט, אַז דוד עדעלשטאַט קאָן אַרויסגעשטעלט ווערן, ווי דער פֿאָרשטייער פֿון יענע ראַנגלענישן אויף דער יידישער און ניט־יידישער גאַס. אין דעם זין האָט דוד עדעלשטאַטס ליטעראַריש פֿאַרמעגן נאָך ביז היינט־צו־טאָג אַ פּאָזיטיוון, אומדערשעצבאַרן ווערט. אַן אָב־יעקטיווע אָפּשאַצונג פֿון אָט דער צייט און אַלע אירע קאַמפֿן שיינט צו זיין נאָך אויף אַזוי פֿיל וויכטיקער, וואָס אונדזער ליטעראַרישע קריטיק וועגן דוד עדעלשטאַטן איז ביז ניט לאַנג צוריק געהאַלטן געוואָרן מער אין דער ראַם פֿון פּאַרטייאישקייט, מיט אָפּט אַ ניט איבעריק פּאָזיטיוון, און נאָך אָפטער אַ דירעקט נעגאַטיוון צוגאַנג.

אַ פּרואוו פֿון אַן אָביעקטיווער אָפּשאַצונג פֿון יענעם פּעריאָד אין אונדזער ליטעראַטור און אַרבעטער־קאַמפֿן איז געמאַכט געוואָרן אין 1934, דורך דער סאָוועטישער אויסגאַבע פֿון קלמן מרמרס דוד עדעלשטאַט־ביאָגראַפֿיע, צוגעגרייט צום דרוק דורך דער סעקציע פֿאַר ליטעראַטור און קריטיק ביים אינסטיטוט פֿון דער יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פֿון דער אוקראַאינישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע. די דאָזיקע אויסגאַבע האָט זיך געשטיצט דער עיקר אויף קלמן מרמרס רייכן האַנטשריפֿטלעכן און געדרוקטן אַרכיוו־מאַטעריאַל פֿון די 80ער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט, ווי אויך אויף דירעקטע לאַנג־יאָריקע פֿאָרשערישע אַרבעטן פֿון קלמן מרמר.

צוליב דער פּאָליטישער לאַגע אין יענע יאָרן, איז די דאָזיקע אויסגאַבע געבליבן, ליידער, בלויז אין די גרענעצן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. זייער וויניק עקזעמפּלאַרן האָבן דערגרייכט דעם אייראָפּייאישן ביכער־מאַרק, און נאָך וויניקער דעם אַמעריקאַנער. כדי אָט די ווערטפֿולע אַרבעט זאָל ניט פֿאַרלוירן גיין אויך פֿאַר דעם ניט־סאָוועטישן לייענער און פֿאָרשער, איז נויטיק געווען אַ נייע אויסגאַבע פֿון קלמן מרמרס עדעלשטאַט־בוך.

אין עצם איז די איצטיקע אויסגאַבע געשטיצט אויף דער פֿריערדיקער אויסגאַבע פֿון 1934. אָבער אין משך פֿון די 15 יאָר זיינען צוגעקומען נייע עדעלשטאַט־מאַטעריאַלן, וואָס האָבן באַוויזן אַ טייל פֿאָרשער (בפֿרט די פֿון „בעגאַטיוון חדר״) צו ענדערן זייער אָפּשאַץ־שטעלונג בנוגע דוד עדעלשטאַט. דאָס אַלץ האָט קלמן מרמר גענומען אין באַטראַכט ביי אָט דער רעווידירטער אויסגאַבע, אַנווענדנדיק אַ נייעם מעטאָד אין דער באַהאַנדלונג פֿון דעם פֿאַרליגנדיקן מאַטעריאַל — אַפֿילו אין סטיליסטישן זין.

באַרעכנט דער עיקר פֿאַר דעם אַמעריקאַנער (און אויך אייראָפּייאישן) לייענער, זיינען אין דער אויסגאַבע ניט אַריינגענומען געוואָרן די אָריגינאַלן פֿון עדעלשטאַטס רוסישע בריוו, נאָר זיי זיינען געבראַכט אין אַ רעווידירטער יידישער איבערזעצונג. דערפֿאַר אָבער איז צוגעגעבן געוואָרן אַ — אויף ווי ווייט מעגלעך — אויספֿירלעכע ביבליאָגראַפֿיע, וואָס איז ניט אַריין אין דער ערשטער אויסגאַבע. דערפֿירט ביז 1934 דורך קלמן מרמר, איז די ביבליאָגראַפֿיע, טיילוויז דערגאַנצט, וויטער געפֿירט געוואָרן (ביז 1948) דורך יעקב מעסטל.

ניט געקוקט וואָס די אויסגאַבע איז מער אַן אַקאַדעמישע, איז זי אָבער — מיט איר פֿאָלקסטימלעכן סטיל, און באַזונדערס מיט איר קלאָרן

בילד פֿון דער סביבה פֿון יענער עפּאָכע (אַ קלאָרקייט, וואָס מען טרעפֿט זעלטן אין די פֿילע געשיכט־אויסגאַבעס פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע!) — ניט בלויז אַן אויסערסט ווערטפֿולער האַנטבוך פֿאַר פֿאָרשער, אָבער אויך אַן אויסגעצייכנטער לייען־ און שטודיר־שטאָף פֿאַרן דורכשניטלעכן לייענער. אין דעם זינען גיבן מיר איבער דאָס איצטיקע קלמן מרמר־ווערק דעם ברייטן אַלגעמיינעם יידישן לייענער.

מיר ווילן ביי דער געלעגנהייט אויסדריקן אַ וואַרעמען דאַנק עדעל־שטאַט שוועסטער סאָניע (שרה עדעלשטאַט־טעלסאָן), וועלכע האָט איבער־געגעבן קלמן מרמרן עדעלשטאַטס מאַנוסקריפּטן און אַנדערע מאַטער־יאַלן פֿון עדעלשטאַטס אַרכיוו, ווי אויך אַ סך מינדלעכע און שריפֿטלעכע אינפֿאָרמאַציע וועגן עדעלשטאַטס לעבן, די זכרונות פֿון זייער עלטסטן ברודער אַב. עדעלשטאַט און אַ בריוו, געשריבן פֿון זיין פֿרוי אַנאַ עדעל־שטאַט.

קלמן מרמר יובליי־קאָמיטעט:

איטשע גאָלדבערג	ר. יוקלסאָן
י. וואָפּסי	נחמן מייזיל
ז. וויינפּער	יעקב מעסטל
ראובן זאַלצמאַן	י. א. ראָנטש

ווי אויך אַברהם לעפּער פֿוןברידזשפּאָרט, ק. י.

ניו־יאָרק, אויגוסט, 1949.

ביאָגראַפֿיע

דוד עדעלשטאַט איז ליטעראַרישע טעטיקייט אין דער יידישער שפּראַך דויערט אינגאַנצן קנאַפּע פֿיר יאָר. מער ווי אַ פֿערט־חלק דערפֿון איז ער שטאַרק קראַנק אויף טובערקולאָז. אינעם עלטער פֿון 26 יאָר איז ער געשטאָרבן.

ניט געקוקט אויף אַט דער גאָר קורצער צייט פֿון זיין שאַפֿן, האָט דער יונגער רעוואָלוציאָנערער דיכטער דוד עדעלשטאַט באַוויזן איינצוקריצן זיך טיף אין די הערצער פֿון האָרעפּאַשנע יידישע מאַסן אין אַמעריקע. אין משך פֿון פֿיל יאָרן נאָך עדעלשטאַטס טויט האָט נאָך זיין ליד געקלונגען אין אַלע לענדער, וואו יידיש־ריידנ־דיקע אַרבעטער האָבן געקעמפּט קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן יידישע אַרבעטער געזונגען עדעלשטאַטס לידער צוערשט ביי דער אַרבעט אין וואַר־שטאַט און אויף געהיימע פֿאַרזאַמלונגען, און שפּעטער אויף דע־מאָנסטראַציעס און אויף באַריקאַדעס.

אין עדעלשטאַטס לידער האָבן די יידישע אַרבעטער געשעצט דעם פֿלאַמיקן פּראָטעסט קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, דעם ליידנשאַפֿט־לעכן רוף צום קאַמף קעגן די עקספּלואַטאַטערס, דאָס דעמאַסקירן די משרתים פֿונעם קאַפּיטאַל און באַזונדערס די כּלי־קודש, דעם ברויזנדיקן פּאַטאָס, וואָס האָט זיך געפֿילט אין עדעלשטאַטס גאַנ־צער דיכטונג.

עדעלשטאַט איז געווען מער בונטאַר ווי קלאַסנקעמפֿער. ער האָט אויסגעדריקט די שטימונג און די געפֿילן פֿון אַ טייל ניט־לאַנג אַריבערגעקומענע, אָקאָרשט האַלב־פּראָלעטאַריזירטע נעכ־טיקע יידישע קליינבירגער (קליין־פּראָדוצירער און קליין־אייגנטי־מער), וואָס זיינען אַריינגעפֿאַלן אין דער שוויץ־באָד פֿון די קאַפּי־טאַליסטישע „שעפּער" און געוואָרן דער אָביעקט פֿון שווידערלעכס־טער עקספּלואַטאַציע. אַט די נאָך שוואַך־אָרגאַניזירטע, אינעם ניי־עם אַמעריקאַנער באָדן קנאַפּ־איינגעוואָרצלטע, געוועזענע קליינ־בירגערלעכע מאַסן, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט האַס צום קאַפּיטאַליזם. גלייכצייטיק זיינען זיי אָבער געווען פֿול מיט שרעק

פֿאַר דער פֿאַבריק און האָבן געשטערבט וואָס גיכער זיך אַרויסצו־ רייסן פֿון איר און צוריק ווערן „זעלבסטשטענדיקע" מענטשן.

אַ טייל פֿון אָט די נעכטיקע קליינבירגער האָט געזוכט דעם אויסוועג דורך פּעדלערײַ, קרעמערײַ, און ניט ווייניק פֿון זיי זיינען טאַקע אינגיכן אַליין געוואָרן „באָסעס" און האָבן עקספּלואַטירט אַרבעטער אין זייערע גרעסערע און קלענערע פֿאַבריקן. אַנדערע ווידער זיינען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון אַנאַרכיזם, פֿון אָט דער „בור־ זשואַזקייט אויף דער לינקער זייט".[1] דער אַנאַרכיזם האָט זיי גע־ צויגן און געבלענדט מיט זיינע אינדיווידואַליסטישע פֿאַרשטעלונ־ גען וועגן דער צוקונפֿט־אָרדענונג, מיט זיין הורא־רעוואָלוציאָנע־ רער פֿראַזע און מיט דער „טעאָריע", אַז דער קאַפּיטאַליזם קאָן פֿאַרניכטעט ווערן מיט איין קלאַפּ — דורך „דירעקטער אַקציאָן". אויך דער אַנאַרכיזם האָט, אַזוי אַרום, אויף זיין אופֿן געשפּייזט די אילוזיעס פֿון די דאָזיקע מאַסן וועגן אויסגעלייזט ווערן פֿון דער פֿאַבריק און וועגן „זעלבסטשטענדיקייט".

אָט די אַנאַרכיסטישע אידעאָלאָגיע דרינגט אַדורך אַלע שריפֿטן עדעלשטאַטס: זיינע לידער אין רוסיש און יידיש, זיין קינסטלע־ רישע פּראָזע, זיין פּובליציסטיק.

עדעלשטאַטס ליטעראַרישע ירושה פֿאָדערט דערום אַ קריטישע דורכאַרבעטונג און ליטערונג אין ליכט פֿון מאָדערנער פֿאָרשונג.

עס איז קלאָר, אַז עדעלשטאַט דער אַנאַרכיסט, וועמען ס'איז פֿרעמד געוועזן די לערע פֿונעם מאַרקסיזם און וואָס זיין סאָציאַליזם האָט געקראָגן אַ נעפּלדיקן כאַראַקטער, האָט ניט געקאָנט זיין קיין אויסגעהאַלטענער פּראָלעטאַרישער שרייבער. גלייכצייטיק אָבער האָט עדעלשטאַט מיט טיפֿסטן מיטגעפֿיל אָפּגעשפּיגלט אין זיינע שריפֿטן די אומגעהויערע ליידן פֿון די גרויסע מאַסן אַרבעטנ־ דיקע אינעם קאַפּיטאַליסטישן גיהנום. ער האָט געהאַסט די בורזשו־ אַזע עקספּלואַטאַציע און לײדנשאַפֿטלעך פֿאַראורטיילט איר צבי־ עותדיקע מאָראַל, רעליגיע, פּאַטריאָטיזם, נאַציאָנאַליזם, געזעצן, פּרעסע, ליטעראַטור. זיין דיכטונג האָט געטרונקען פֿון די קוואַלן פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער ראַדיקאַלער און רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור פֿונעם XIX יאָרהונדערט — נעקראַסאָוו און היינע, פֿרייליגראַט און ניקיטין.

דאָס אַלץ שטעלט מיט זיך פֿאָר פּאָזיטיווע און נאָך ביז איצט לעבעדיקע ווערטן אין עדעלשטאַטס ליטעראַרישן פֿאַרמעגן. קרי־

טיש איבערגעארבעט, גייען זיי אריין אין דער קולטור־ירושה פֿון נעם פּראָלעטאַריאַט, ווי וואָפֿן אין אונדזער קולטור־רעוואָלוציע, ווי ציגל אינעם בנין פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קולטור.

כּדי אָבער קריטיש דורכצואַרבעטן עדעלשטאַטס ליטעראַרישע ירושה, איז נויטיק פֿריער פֿאַר אַלץ צו געבן אַ קלאָר בילד פֿון יענע קאָנקרעטע היסטאָרישע פֿאַרהעלטענישן, אין וועלכע ס'איז אויפֿגעקומען און ס'האָט זיך אַנטוויקלט עדעלשטאַטס שאַפֿן. דאָס איז דער גרונט־ציל פֿון דער עדעלשטאַט־ביאָגראַפֿיע, וואָס ווערט דאָ געגעבן.

*

טייערער פֿריינט יעקב מעסטל,

דערלויבט מיר אויסצודריקן אייך מיין דאַנק פֿאַר אייער טיכטיקער, מוסטערהאַפֿטער מיטהילף אין רעווידירן מיין עדעלשטאַט־ביאָגראַפֿיע.

אַליין אַ דיכטער און רעוואָלוציאָנער, האָט איר מיט געהעריקער פֿאַרשטענדעניש און מיטגעפֿיל פֿאַר אָט דעם יוגנטלעכן רעוואָלוציאָנערן דיכטער, מיר מיטגעהאָלפֿן אין מיין פּרואוו באַקאַנט צו מאַכן זיין קורצן לעבן און שאַפֿן.

איר האָט עס געטאָן מיט עכט־חברשער איבערגעגעבנקייט. מיט אייערע פֿיינע אייגנשאַפֿטן: אויסערסטער פּינקטלעכקייט, דיסציפּלינירטקייט און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָט איר מיטגעהאָלפֿן ניט בלויז פֿעסטצושטעלן גענוי פֿאַקטן, דאַטעס, ציטאַטן און איבערזעצונגען, נאָר איר האָט אויך דערגאַנצט מיין ביבליאָגראַפֿיע, וועלכע כ'האָב צוגעגרייט אין 1935, אין מאַנוסקריפּט, פֿאַרן דריטן באַנד „עדעלשטאַט" פֿון דער מאָסקווער אויסגאַבע.

מיט האַרציקער דאַנקבאַרקייט

אייער קלמן מרמר

לאָס־אַנדזשעלעס, 18טן אויגוסט, 1949.

1

עדעלשטאַטס קינדהייט [1]

דוד עדעלשטאַט איז געבוירן געוואָרן אין קאַלוגע, דעם 21טן מאַי 1866.

זיינע עלטערן זיינען געווען פּשוטע פֿאָלקס־מענטשן.[3] דער פֿאָטער, מאָיסעי איוואַנאָוויטש (משה), איז געווען אַן אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווס־קער סאָלדאַט, ווייזט אויס, אַ קאַנטאָניסט.[4] נאָכן מיליטער־דינסט האָט ער זיך באַזעצט אין קאַלוגע אַלס גאַרדאָוואָי (פּאָליציאַנט) און געלעבט אָרעם. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין אַ זעג־מיל. די מוטער, קאַטערינאַ פֿיאָ־דאָראָוונאַ (עטל), איז געווען אַן ענערגישע פֿרוי. זי האָט מיט איר טע־טיקייט [5] געהאָלפֿן אויפֿהאַלטן איר גרויס געזינד: דריי זין פֿון איר ערשטן מאַן (מוטשניקאָוו) און דריי זין און אַ טאָכטער פֿון עדעלשטאַטן.

קאַלוגע, אַן אַלטע רוסישע שטאָט, 172 וויאָרסט פֿון מאָסקווע, איז געלעגן ווייט אויסערן תּחום (די געגנט, וואו ייִדן האָבן געמעגט וואוינען ביי דער צאַרישער הערשאַפֿט). אין דוד עדעלשטאַטס קינדער־יאָרן זיינען אין קאַלוגע געווען אַ פּאָר הונדערט ייִדישע נפֿשות (די גאַנצע באַפֿעל־קערונג אין קאַלוגע האָט דאַן באַטראָפֿן 39,000) — דאָס רוב פֿון זיי אויס־געדינטע ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַטן און באַלמעלאָכעס. קיין רעליגיעזע אַנשטאַלטן האָבן זיי ניט געהאַט.[6] דוד עדעלשטאַט האָט דעריבער ווייניק־וואָס געוואוסט פֿון ייִדישקייט. אַ געוויסע צייט האָט ער געלערנט ביי אַן איינגעוואָנדערטן ליטווישן מלמד, נאָר יענער האָט אים כּמעט גאָרנישט ניט אויסגעלערנט. דאָס ביסל ידיעות פֿון אָט דעם מין, וואָס דוד עדעל־שטאַט האָט פֿאַרמאָגט, האָט ער זיך דערוואָרבן מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט ייִדישע אַרבעטער פֿון מזרח־אייראָפּע.

קיין רוסישע שול האָט דוד עדעלשטאַט ניט באַזוכט. קאַלוגע האָט אין די 70ער יאָרן געהאַט צענדליקער קירכן און איבער אַ הונדערט שענקען, אָבער גאָר ווייניק קולטור־אַנשטאַלטן. פֿאַר די קינדער פֿון די פּריצים און גבֿירים האָט די צאַרישע רעגירונג אויסגעהאַלטן אַ פּאָר גימנאַזיעס, אַ רעאַל־שול אַד״גל. פֿאַר די קינדער פֿון דער איבעריקער באַפֿעלקערונג האָט זי געהאַט בלויז אַ הייפֿל עלעמענטאַרע שולן.[7] לייענען און שרייבן רוסיש האָט זיך דוד עדעלשטאַט אויסגעלערנט ביי אַ פּריוואַטן לערער.



דוד עדעלשטאַטס עלטערן

גאַר יונג הויבט אָן דוד עדעלשטאַט שרייבן לידער. ער באַזינגט די נאַטור (דעם קאַלוגער ברייטן טייך אָקאַ, איבער וועלכן ס'באַוועגן זיך היפּשע שיפֿן, די אַרומיקע גערדיכטע וועלדער און דאָס געזאַנג פֿון דעם באַרימט־געוואָרענעם קאַלוגער נאַכטיגאַל). ער שרייבט אויך געלעגנהייט־לידער. אַזוי באַזינגט ער אַ זינגערין, זאַרינאַ, וועלכע גאַסטראָלירט אין קאַלוגע; ער שרייבט אָן אַ ליד "Роковое три" (פֿאַטאַלע דריי), ווען ער הערט אונטער אַ שמועס פֿון מיליטער־לייט, וועלכע זײַנען געווען אײַנ־גייערס אין הויז פֿון זײַנע עלטערן, אַז דריי איז אַ פֿאַטאַלע צאָל.[8] אײַן ליד זײַנס, אַ נעקראָלאָג אויפֿן פּריצייטיקן טויט פֿון גוטהאַרציקן דאָקטער יאַראָווסקי (אַ פּוילישער פּאַרשיקטער אין קאַלוגע, וואָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף עדעלשטאַטן און זיך באַצויגן פֿרײַנטלעך צו אים), ווערט געדרוקט אין דער אָרטיקער צײַטונג „גובערנסקיע וועדאָמאָסטי״.[9]

די „גוטע מיינונגען וועגן מײַן קינדערשן טאַלאַנט״ — דערציילט עדעלשטאַט אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿישער דערציילונג „וועראַ״[10] — „פֿלעגן אָנפֿילן מײַן יונגע ברוסט מיט רייכע, אָפּטמאָל ווילדע האָפֿענונגען. איך פֿלעג טרוימען, אַז איך וועל נאָך אַמאָל זײַן אַ בײַראָן אָדער אַ שעקספּיר״...

די פֿאָלקיסטישע אידייען פֿון די 70ער יאָרן זײַנען שוין געווען אַרײַנגעדרונגען אויך אין קאַלוגע. מעגלעך, אַז אין די אַרומיקע דערפֿער האָבן טאָקע געווירקט אַזוינע אמתע רעוואָלוציאָנערן, ווי וועראַ, די העלדין פֿון עדעלשטאַטס דערציילונג מיט דעם זעלביקן נאָמען. פֿאָלקיסטישע שטי־מונגען דרינגען אַרײַן אויך אין עדעלשטאַטס סביבה. בײַ אים דריקן זיי זיך אויס אין זײַן באַגײַסטערונג פֿאַר דער פֿאָלקיסטישער פּאָעזיע. ער שרייבט וועגן דעם אין זײַן דערמאָנטער דערציילונג:

> איך בין דעמאָלט געווען אַלט אַ יאָר 15 און האָב געוואוינט מיט מײַנע עלטערן אין דער שטאָט ק. [קאַלוגע]. שוין דעמאָלט האָב איך צווישן מײַנע פֿרײַנט און באַקאַנטע געטראָגן דעם נאָמען 'פּאָעט' און האָב געשריבן רוסישע גערדיכטע. מײַן לײַדנשאַפֿט פֿאַר פּאָעזיע, אױ־בערהויפּט פֿאַר די רוסישע דיכטער ניקיטין און נעקראַסאָוו, האָט זיך פֿרי דערוועקט אין מײַן האַרצן. איך האָב פֿאַרבראַכט פֿילע טעג און נעכט איבער זייערע מייסטערהאַפֿטע שילדערונגען פֿון די לײַדן און זאָרגן פֿונעם אָרעמען רוסישן פֿאָלק.

אין יענער צײַט ווערט שוין דוד עדעלשטאַטן צו ענג אין זײַן געבורט־שטאָט. זײַנע עלטערע פֿיר ברידער האָבן שוין געהאַט פֿאַרלאָזט קאַלוגע. נחמן מוטשניקאָוו, דער סאַמע עלטסטער, האָט געהאַט אויסגעשטודירט אויף אַדוואָקאַט און האָט פּראַקטיצירט אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג.

די אַנדערע דריי ברידער: גרישאַ (הערש) און אַראָשאַ (אַהרון) מוטשני־קאָוו און אַבראַשאַ (אַברהם) עדעלשטאַט האָבן געאַרבעט אין קיעוו. אַהין פֿאָרט אַריבער אויך דער 15־יאָריקער דוד עדעלשטאַט.

2

קיעוו — דער אָפּפֿאָר קיין אַמעריקע

דוד עדעלשטאַט קומט קיין קיעוו אין אַן אומרואיקער צייט. די צאַרישע רעגירונג פּרואווט באַקעמפֿן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג דורך פֿונאַנדערבלאָזן שאָוויניסטישע שטימונגען. גלייכצייטיק וויל זי אויך באַ־שטראָפֿן די יידישע אָרעמע באַפֿעלקערונג פֿאַר דעם היפּשן אָנטייל פֿון יידישע יוגנטלייט אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פֿון די 70ער יאָרן. זי פֿירט דעריבער, דורך אירע אַגענטן אין קיעוו, ווי אין אַ סך אַנדערע שטעט, אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע. פֿון דער אַנדערער זייט, פֿאַרמאָגט דעמאָלט קיעוו אַ לעבהאַפֿטיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. עס אַרבעטן דאָרט דער באַנייטער „דרום־רוסישער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד״ און אַ ריי סטודענטישע פֿאָלקיסטישע קרייזלעך. אינעם שוסטער־וואַרשטאַט פֿון עדעלשטאַטס עלטערן ברודער, אַבראַשאַ, קומען אַריין סטודענטן און רעוואָלוציאָנערן.[12]

דער יונגער דוד איז אָבער די ערשטע צייט אַריינגעטאָן אינגאַנצן אין לייענען די קלאַסישע רוסישע ליטעראַטור און אין שרייבן רוסישע לידער.

זיינע לידער פֿון יענער צייט זיינען פֿול מיט יוגנטלעכער באַגייסטע־רונג פֿאַר דער שיינער נאַטור. אַריבערגעקומען פֿון דעם קאַלטן צפֿון צום זוניקן דרום, איז ער באַרוישט פֿון ליכט און פֿאַרב. ווען ער גיט אַ קוק אויף דער „הייליקער געטין פֿרילינג״, פֿאַרגעסט ער מענטשלעכע מי און ליידן. אין זיין ליד "Сон—Из южной поэмы" (אַ חלום — פֿון אַ דרום־דיקער פּאָעמע) חלומט ער וועגן „אַ הייליקע פֿייע״ וואָס קומט צו אים אַרונטער פֿון די וואָלקנס, „און דורך דעם געמיינעם פּענצטערל״ פֿון זיין קבצנישן הייזל דרינגט אַריין „די רעגנבויגנדיקע זון מיט אַ מיליאַרד

פורפור־שטראַלן". די מענטשלעכע ליידן ווערן געמילדערט דורך די „וואונ־דער־אויגן פֿון דער מאַדאָנע", וואָס קוקן „מיט מילדקייט פֿון קריסטוס" און וועקן אויף אין דער ברוסט פֿונעם יוגנטלעכן דיכטער דעם „גאָט פֿון ליבע און אמת"...

מער נאַטור־ליבע און לעבנס־פֿרייד פֿילט זיך אין זיין ליד "Две елки" (צוויי יאָדלעס), וואו דער פּאָפּצניאַריקער עדעלשטאַט מאָלט אַ לאַנדשאַפֿט פֿרילינג־צייט:

ליב איז געווען זיי,
ווען ס'איז געקומען
פֿון פֿרילינג דער הייליקער גאָט,
און אַלץ האָט געגרינט און געטאַנצט און געזונגען,
געפֿרייט זיך אין איין קאַראַהאָד[13].

דוד עדעלשטאַטס זאָרגלאָז לעבן און דיכטן דויערט ניט לאַנג.[14] אין דער קעגנוואָרט פֿון זיין „געטין־פֿרילינג" און ביי דער פֿולער שיין פֿון איר „רעגנבויגנדיקער זון" האָט די צאַרישע רעגירונג אָרגאַניזירט אַ פּאָגראָם אויף יידן אין קיעוו (דעם 8טן מאַי 1881). ווען דאָס צאַרטפֿילנדיקע יינגל דערזעט די צעיושעטע פּאָגראָמשטשיקעס, ברעכט ער צוזאַמען און פֿאַלט אַריין אין אַ היץ־קראַנקייט. ער ווערט צוגענומען אין צייטווייליקן שפּיטאָל פֿאַר די פּאָגראָם־געליטענע יידן, אויף פּעטשערסק. סטודענטן פֿון קיעווער אוניווערסיטעט, וועלכע האָבן געגעבן מעדיצינישע הילף די פֿאַרוואונדעטע יידן, געפֿינען אין עדעלשטאַטס קעשענעס זיינע רוסישע לידער. זיי פֿאַר־אינטערעסירן זיך מיט אים. זיי זיינען גרייט אים העלפֿן זיך צוגרייטן צום אוניווערסיטעט. ער ווערט דורך זיי אַן אַריינגייער אין הויז פֿון ד"ר מאַנדעלשטאַם,[15] וועלכער נעמט אים אַריין אין קאַנצעלאַריע פֿונעם קאָמיטעט, וואו עס ווערט געטיילט הילף די פּאָגראָם־געליטענע.[16]

דער פּאָגראָם אין קיעוו, ווי אין אַלע אַנדערע פּונקטן, האָט געטראָפֿן דער עיקר די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און די אָרעמשאַפֿט. די רייכע יידן האָט דער קיעווער פּאָליצמייסטער פֿאַרויס געוואָרנט. ער האָט זיי אויך געגעבן שוץ. געליטן האָבן הויפּטזעכלעך אַרבעטער, באַלמעלאָכעס און קליינהענדלער, וועמעס ביסל אייגנטום ס'איז אינגאַנצן פֿאַרניכטעט געוואָרן. פֿון די 750 פֿאַמיליעס (3,150 נפשות), וואָס האָבן ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, איז געווען 403 פֿאַמיליעס פֿון אַרבעטער און באַלמעלאָכעס.[17] דערצו נאָך האָט זיי די צאַרישע פּאָליציי מיט באַ־זונדערער אַכזריות געטריבן פֿון קיעוו. דער צאַרישער מיליטערישער טריבונאַל האָט ריינגעוואַשן די פּאָגראָמשטשיקעס. ווען אַ יידישע דעפּו־

טאַציע פֿון דעמיעווקע האָט אַפּעלירט צום קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט ער איר געענטפֿערט: „אויב איך געפֿעלן ניט די היגע באַדינגונגען, טאָ גייט קיין ירושלים”...[17]

די עצה פֿונעם קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר צו גיין צוריק קיין ירושלים האָט אויפֿן ערשטן בליק געשטימט מיטן פּאַלעסטיניזם פֿון די פֿריערדיקע אַסימילאַטאָרישע און איצט נאַציאָנאַליסטיש געוואָרענע יידישע אינטעליגענטן אין כאַרקאָוו, וועלכע אָרגאַניזירן דעמאָלט אַ גרופּע פּאַ־לעסטינצעס אונטער דעם לאָזונג „בילו”, — די אָנהויב־בוכשטאַבן פֿון די ווערטער „בית יעקב לכו ונלכו” (יעקבס הויז, קומט, לאָמיר גיין!)... פּאַקטיש האָבן אָבער דעמאָלט אין קיעוו גופֿא אַפֿילו נאַציאָנאַליסטן גע־זוכט פֿאַרבינדונגען מיט אַמעריקע.[18] אויך די ברייטע מאַסן יידישע עמי־גראַנטן האָבן געלייזט די פֿראַגע לטובת אַמעריקע.[19]

אין 1882 פֿאַרשאַרפֿט די צאַרישע רעגירונג אירע אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן, און ס'הויבט זיך אויף אַ נייע כוואַליע געצוואונגענע יידישע אויסוואַנדערער פֿון רוסלאַנד. בפֿרט איז גרויס געווען דער עמיגראַציע־שטראָם פֿון קיעוו, וואו די צאַרישע אַדמיניסטראַציע האָט זיך באַזונדערס גרויזאַם איזדיעקעוועט איבער דער יידישער באַפֿעלקערונג. זי פֿלעגט אַרויסשיקן יידישע אַרבעטער און באַלמעלאָכעס.[17] אָט די נייע עמיגראַציע־כוואַליע רייסט מיט אויך דוד עדעלשטאַטן.

דוד עדעלשטאַט פֿאָרט קיין אַמעריקע צוזאַמען מיט אַ קיעווער סטו־דענטן־גרופּע, „עם־עולם” (אייביק פֿאָלק), וואָס פּלאַנט צו גרינדן אין אַמעריקע אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניע אויף קאָמוניסטישע יסודות.[20] מער פֿון אַלץ האָט אָבער עדעלשטאַט געהאַט אינזינען צו פֿאָרן צו זיין משפּחה, צו זיינע צוויי עלטערע ברידער, אַראָשאַ (אַהרון) און גרישע מוטשניקאָוו.

דער 16־יאָריקער דוד עדעלשטאַט האָט, פּונקט ווי די עלטערע פֿון אים מיטגלידער פֿון דער „עם־עולם”־גרופּע, זיך פֿאָרגעשטעלט אַמעריקע ווי אַ לאַנד פֿון פֿרייהייט און גלייכהייט. דער דורכגעלעבטער פּאָגראָם אין קיעוו, די ברוטאַל־ציניש עהאַנדלונג פֿון דער צאַרישער מאַכט, ווי אויך דער מאַרטירער־טויט פֿון די העלדישע נאַראָדאָוואָלצעס — דאָס אַלץ האָט אָנגעפֿילט דאָס האַרץ פֿונעם יונגן דיכטער מיט אַ טיפֿן האַס צום צאַריזם. דוד עדעלשטאַט פֿאַרלאָזט רוסלאַנד מיט אַ קללה צו די אונטערדריקער פֿונעם לאַנד. ער פֿאָרט אָפּ קיין אַמעריקע מיט גרויסע האָפֿענונגען אויפֿן נייעם לעבן אין דער רעפּובליק, וואו — לויט ווי ער

גלויבט — אַלע מענטשן זיינען גליך, און אַלע האָבן די פולע מעגלעכ־קייט צו לעבן און צו געניסן.

די קיעווער „עם־עולם"־גרופע האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אין אויסלאַנד. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל פאַרויס פון דער גרופע איז געגאַנגען די נייעס, אַז יידישע סטודענטן פאָרן גרינדן קאָמוניסטישע קאָ־לאָניעס אין אַמעריקע. אויפן גאַנצן וועג פון איר רייזע, אין בראָד, לעמ־בערג (וואו זי האָט פאַרבראַכט אַ וואָך צייט), קראָקע, ברעסלוי, בערלין, האַמבורג און ליווערפול, האָט מען די גרופע אויפגענומען מיט פאַראַד. דער מטושטשדיקער אידייאישער פרצוף פון דער גרופע שפיגלט זיך אָפּ אין די מתנות, וואָס זי האָט געקראָגן אין וועג. ווי ס'דערציילט איר פירער ניקאָליי אַלייניקאָוו, האָט די קיעווער „עם־עולם"־גרופע באַקומען, פון איין זייט, אַ ספר־תורה מיט אַ נאַציאָנאַליסטישער פאָן און, פון דער צווייטער זייט, קאַרל מאַרקס' „קאַפּיטאַל".[21]

דוד עדעלשטאַטס געפילן בעת דער רייזע קיין אַמעריקע זיינען אויס־געדריקט אין זיינע צוויי לידער — "Ночь на Атлантическом океане" (נאַכט אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן) און "На океане" (אויפן אָקעאַן).

דאָס ערשטע ליד הויבט ער אָן מיט די ווערטער:

די נאַכט איז שיין. דער ים איז רואיק.
די לויטערע לבנה בלאַנקט.
נאָר אַ כוואַליע וויגט מיין זעגל —
נאָר אַ זילבער־כוואַליע צאַנקט.
שטרייט דאָס ליכט נאָך מיט דער פינצטער
און באַקעמפט זי מיט דערפאָלג.
נאָר דערווייל: ביי וואָלגע, קאַמע,
קרעכצט מאַרטירעריש דאָס פאָלק.[13]

דאָס צווייטע ליד הויבט ער אָן אַזוי:

די כוואַליעס פון בייזן אַטלאַנט
טראָגן משוגע די שיף,
סע שטייען צוויי עמיגראַנטן
אין אומעט פאַרטיפט...[22]

ער זעט, אַז פון זייערע אויגן רינען טרערן... פרעגט ער זיי וועגן וואָס זיי טראַכטן, צי טראַכטן זיי וועגן זייערע נאָענטע אין דער היים... און ער פאַרענדיקט:

וואַרפט אָפּ די זאָרג: מיר וועלן אין אַמעריקע
קיין איינציקע טרער ניט פאַרגיסן:
נאָר לאַכן, פריינט, ביז היסטעריקע,
מיר וועלן בלויז גליק דאָרטן וויסן.[22]

דעם 30טן מאַי 1882, באַגינען, קומען אָן די קיעווער און ווילנער „עם־עולם״־גרופּעס מיט דער שיף קיין פילאַדעלפיע, און פון דאָרט פאָרן זיי דעם זעלבן טאָג מיט דער באַן קיין ניו־יאָרק. אַרויסגייענדיק פון ניו־יאָרקער וואָקזאַל, שטעלן זיך אויס די „עם־עולמניקעס״ אין רייען, נעמען אַרויס זייער ספר־תורה, וויקלען פאַנאַנדער זייער יידישע פאָן און הויבן אָן מאַרשירן, זינגענדיק רוסישע רעוואָלוציאָנערע לידער. פונוייטנס הערט זיך מוזיק. ס׳איז דער 30טער מאַי, דער אַמעריקאַנער יום־טוב „דעקאָריישאָן־דעי״ (באַפּוצונג־טאָג), און פּאַטריאָטן מאַרשירן מיט מוזיק צו דעקאָרירן די קברים פון מלחמה־העלדן. די אָנגעקומענע אימיגראַנטן מיינען, אַז „דאָס האָט אַמעריקע פאַר זיי אַראַנזשירט אַן אויפנאַמע״... נאָר זייער אילוזיע ווערט באַלד צעשטערט דורך די שטיינדלעך, מיט וועלכע גאַסן־יונגען באַוואַרפן זיי...[21]

דאָך איז דער יונגער עדעלשטאַט נאָך אַ היפּשע צייט פול מיט גלויבן אין אַמעריקע, ווי אַ לאַנד פון פרייהייט. אין אַ ליד א״נ "В Америке" (אין אַמעריקע), באַזינגט ער מיט אַנטציקונג זיין אָנקום אין לאַנד, וואו ער גלויבט צו זען אַרומגיין „אויף דער פרייהייט, שיינהייט, וואָרהייט אָן אַ צוים״.[23]

3

אין סינסינעטי

דוד עדעלשטאַט בלייבט ניט לאַנג אין ניו־יאָרק.[24] דער פאַראיין צו העלפן די אימיגראַנטן זאָגט זיך אָפּ צו קאָלאָניזירן די „עם־עולם״־גרופּעס, און זיי צעפאַלן זיך.[25] עדעלשטאַט פאָרט דעמאָלט אָפּ צו זיינע ברידער אין סינסינעטי (מיטל־מערב פון די פאַראייניקטע שטאַטן).

סינסינעטי האָט אין די 80ער יאָרן געהאַט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 300,000 נפשות, דערפון אַ דריטל דייטשן און קנאַפּע פינף פּראָצענט יידן. צווישן די דייטשן איז שוין אין די 60ער יאָרן געווען אַ באַדייטנדיקער רעוואָלוציאָנערער עלעמענט. אין 1870 קומט דאָרט פאָר דער טרייד־יוניאָן־קאָנגרעס פון דער „נעשאַנעל לייבאָר יוניאָן״ (געגרינדעט אין 1866). בעת דער גרינדונג פון דער אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־

פּאַרטיי, צום סוף פונעם יאָר 1877, ווערט באַשטימט, אַז איר צענטראַל־קאָמיטעט זאָל זיך געפינען אין סינסינעטי. אין די 70ער יאָרן גייט דאָרט אַרויס אַ טעגלעכע סאָציאַליסטישע צייטונג.[26]

די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער יידישער איינגעוואַנדערטער באַפעלקערונג אין סינסינעטי איז אין די 80ער יאָרן, און טיילווייז אויך אין די 90ער, באַשטאַנען פון פּרומאַקעס, וועלכע פלעגן אָפטמאָל אין זייערע בתי־מדרשים פירן געשלעגן איבער עליות און כיבודים.[27]

דער בורזשואַזער יידישער ישוב פון סינסינעטי, דער עלטסטער אין מיטל־מערב פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איז געווען דער מיטלפּונקט פון דער באַוועגונג פאַר רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע. זינט 1854 דערשיינט דאָרט דער אָרגאַן פון די רעפאָרם־יידן, "The American Israelite"; זינט 1875 געפינט זיך דאָרט דער סעמינאַר פאַר רעפאָרם־ראַבינערס, "The Hebrew Union College", דער „פאַרבאַנד פון יידישע געמיינדעס" און אַנדערע צענטראַלע יידישע בורזשואַזע רעפאָרם־אַנשטאַלטן. טריי צו אירע קלאַסן־אינטערעסן, האָט אָט די ליבעראַלע יידישע בורזשואַזיע אין סינסינעטי גאָרנישט ניט געטאָן פאַר העכערן דעם קולטור־ניוואָ פון די האָרעפּאַשנע יידישע מאַסן, וועלכע זי האָט עקספּלואַטירט אין אירע האַנדל־הייזער, קליידער־ און שוך־פאַבריקן, און אויך געהאַלטן אין אָפּהענגיקייט דורך אירע צדקה־אַנשטאַלטן, צו וועלכע די יידישע אָרעמשאַפט האָט געמוזט אָנקומען אין איר נויט.

די אימיגראַציע ברענגט אין סינסינעטי אויך אַ קליינע גרופּע רוסיש־יידישע ראַדיקאַלן: געוועזענע גימנאַזיסטן, לערער, משכילים אד"גל. ס'זיינען געווען צווישן זיי אויך אייניקע פון דער „יעליסאַוועטגראַדער ברודערשאַפט" — די „דוכאָוונאַיע ביבלייסקאַיע בראַטסטוואָ" (גייסטלעך־ביבלישע ברודערשאַפט) — אַ יידישע טאָלסטאָאַישע סעקטע אין יעליסאַוועטגראַד (איצט קיראָוואָ), געגרינדעט פון דעם שפּעטערדיקן רעפאָרמאַטאָר פון יידישן טעאַטער, יעקב גאָרדין (1853—1909).[28] די מערהייט מיטגלידער פונעם ראַדיקאַלן קרייז לעבן פון לוין־אַרבעט. דאָך אינטערעסירן זיי זיך ניט די ערשטע צייט מיט אַמעריקאַנישע אַרבעטער־פּראָגעס. זייער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט באַשטייט דער עיקר אין דיסקוטירן פּראָגעס פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור און פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס לעבן אינעם נייעם לאַנד איז זיי נאָך גאָר פרעמד, זיי וויסן ווייניק פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין סינסינעטי און נאָך ווייניקער פון דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל. ביסלעכווייז אָבער ווערן זיי אַריינגעצויגן אין דער אַמע־

ריקאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג. אייניקע פֿון זיי וואַקסן אויס אַלס אָנגע־זעענע טוערס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דוד עדעלשטאַט דערנענטערט זיך באַלד צו אַט דעם קליינעם ראַדי־קאַלן קרייז. זיינע נאָענטע פֿריינט דאָ זיינען צום גרעסטן טייל רוסיפֿי־צירטע יידישע שניידער: זאַלאַטאַראָוו, זאַסלאַווסקי, לוקאַווסקי, מייטוס א״אַ.[29] עס דויערט ניט לאַנג, און ער ווערט אויך אַריינגעצויגן אין דער זעלביקער אינדוסטריע. זיין עלטסטער ברודער האָט אַ גוט־באַצאָלטע שטע־לע אַלס בוכהאַלטער אין אַ קליידער־געשעפֿט און האַלט אויס אויף זיין חשבון די יינגערע צוויי ברידער. אַ דאַנק דעם, האָט דוד עדעלשטאַט בעסערע באַדינגונגען פֿאַר שטודירן, ווי זיינע חברים זאַלאַטאַראָוו און מייטוס. ער וויל אָבער ניט שטודירן אויפֿן ברודערס חשבון. אים ווילט זיך לעבן פֿון אייגענער פּראַצע און פֿון פֿיזישער אַרבעט. לערנט ער זיך אויס אַרבעטן אויף אַ קנאָפּלאָך־מאַשין און הויבט אָן דאָס לעבן פֿון אַ שאַפּ־אַרבעטער.[30]

די ערשטע יאָרן אין סינסינעטי איז דוד עדעלשטאַט, ווי דאָס רוב מיט־גלידער פֿון זיין קרייז, אַ רוסישער פּאָלקיסט. זיינע לידער פֿון יענער צייט פֿאַרנעמען זיך מיט רוסישע סוזשעטן. אין "Два поети" („צוויי פּאָעטן״) דערקלערט ער, אַז „ביי אונדז רוסן״ איז ניטאָ קיין גראַם פֿאַרן וואָרט "Правда" (אמת). אין אַ ליד "Точки" (פּינטעלעך) לאַכט ער אויס דאָס צביעות פֿון אַ רוסישער גענעראַלישער פֿאַמיליע. אין אַן אַנדער ליד "Наивная мысль" (נאַאיווער געדאַנק), דערקלערט ער, אַז ווען מענטשן וואָלטן פֿאַרשטאַנען, אַז צוויי מאָל צוויי איז פֿיר, וואָלטן זיי ניט געדולדעט קיין צאַר איבער זיך.[31]

צווישן עדעלשטאַטס פּאַפּירן געפֿינען זיך אויך פֿראַגמענטן פֿון רוסי־שע רעפֿעראַטן איבער היינע, איבער עסטעטיק און "Что такое Истина?" (וואָס איז אַזוינס אמת). היינעס לעבן און שאַפֿן איז דעם יונגן עדעלשטאַטן געווען צו ווייניק באַקאַנט, ער זאָל קאָנען געבן אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פֿון דעם דאָזיקן דיכטער. היינע זעט אויס ביי אים ווי עפּעס אַ סענטי־מענטאַלער דיכטער, וואָס איז אַ גוטער זון צו זיין מאַמען.

אין ליד עדעלשטאַטס, "Моисею Монтефиоре", וואָס איז גע־שריבן געוואָרן לכּבֿוד משה מאָנטעפֿיאָרעס 100טן געבוירנטאָג (24טן אָקטאָבער, 1884), טראָגט אַ נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער. עדעלשטאַט באַזינגט דאָ דעם אַלטן יידיש־ענגלישן פֿילאַנטראָפּ, אַז ער האָט געוואונען אַלוועלטלעכן לויב ניט פֿאַר אַ גלענצנדיקער פֿעדער, ניט פֿאַר קאַלטבלו־

טיק פֿאַרגיסן אַ ים בלוט, נאָר פֿאַר ליבשאַפֿט און פֿאַר גוטסקייט. ער באַזינגט אויך מאַנטעפֿיאָרעס ליבע צו ציון.

אַגב, איז אַ נאַציאָנאַליסטישער צוגאַנג צו מאָנטעפֿיאָרען אין יענער צייט געווען כאַראַקטעריסטיש אויך פֿאַר אַ גאַנצער ריי אַנדערע טוער אין די ראַדיקאַלע קרייזן פֿון די יידישע אימיגראַנטן אין לאָנדאָן און אין אַמעריקע. מאָריס ווינטשעווסקי, אַ שטייגער, האָט צו מאָנטעפֿיאָרעס 100טן געבוירנטאָג אָנגעשריבן אין זיין צייטונג „דער פּוילישער יידל״ אַ ביאָגראַ־פֿישן לייטאַרטיקל. ווינטשעווסקי אַנטשולדיקט זיך דערביי, פֿאַר זיינע אַרבעטער־לייענער, פֿאַרוואָס ער באַשרייבט אַ רייכן יידן: דער נאָמען מאָנטעפֿיאָרע „פֿאַראייניקט אין דיזן אויגנבליק די הערצער פֿון אַלע יידן, און דיזער נאָמען דערוויכט קעגן אונדז אַפֿילו די הערצער פֿון אונדזערע שונאים״.

דאָ קומט צום אויסדרוק די ווירקונג פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער כוואַליע אין אָנהויב פֿון די 80ער יאָרן אַפֿילו אויף יענעם טייל פֿון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ, וואָס איז, אין קעגנזאַץ צו קאַמינערן, ליל־יענבלומען, יהללן א״אַ, ניט מיטגעריסן געוואָרן מיטן תשובה־שטראָם. ס׳איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז אַנדערע לידער עדעלשטאַטס פֿון יענער צייט זיינען פֿריי פֿון נאַציאָנאַליזם.

לאַנגזאַם, אָבער אומאויפֿהערלעך הויבט אָן עדעלשטאַט זיך צו אַנטוישן אין אַמעריקע. אין אַ ליד "Из недавнего прошлого" (פֿון דער ניט־ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט), שילדערט ער, וואָס עס איז געוואָרן פֿון זייער גרופּע אינטעליגענטישע אימיגראַנטן: דער מאָלער איז געוואָרן אַ שוסטער, דער פּאָעט — אַ שניידער, און דער פֿילאָסאָף — אַ שמיד...

ווי אַ סך אַנדערע אימיגראַנטישע אַרבעטער, איז דוד עדעלשטאַט אין דער ערשטער צייט צופֿרידן מיטן אַמעריקאַנער לעבן. די אַרבעט איז אַפֿילו שווער, אָבער די רוסיש־יידישע אימיגראַנטן מעסטן אין אָנהויב זייערע פֿאַרדינסטן מיט דער מאָס פֿון דער ניט־אינדוסטריעלער אַלטער היים. זייער לעבנס־שטייגער איז דער זעלביקער, וואָס אין אַלטן שטעטל, די באַדערפֿענישן זיינען באַשיידענע, באַטראַכטן זיי זיך דעריבער פֿאַר גרויסע פֿאַרדינערס און זעען אַ געוויסע צייט בלויז פּאָזיטיוס אין זייער נייער היים. אַרויסגעריסן זיך פֿונעם צאַרישן רוסלאַנד, ווערן זיי פֿאַר־בלענדט פֿון די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע. באַזונדערס מאַכט אויף זיי אַ גוואַלדיקן איינדרוק דאָס פֿעלן פֿון אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן. אַזוי גלויבט אויך עדעלשטאַט אַ היפּשע צייט אין דער אַמעריקאַנישער פֿרייהייט. ווען ער קריגט אַ פֿאַמיליע־בילד פֿון דער אַלטער

היים, ענטפֿערט ער דער פֿאַמיליע אין זיין פֿריער דערמאָנטן רוסישן ליד (פֿאַמיליע־פּאָרטרעט), אַז ער וועט זיין גליקלעך, ווען דער פֿאָטער וועט זיך שוין געפֿינען אין אַמעריקע, אינעם „לאַנד פֿון פֿרייהייט״, וואו ער וועט קאָנען „רואיק אָפּאָטעמען פֿון דעם שטורעם, פֿונעם לעבן־שלעכטן וועטער״.

שוין ביים פֿאַרלאָזן רוסלאַנד איז עדעלשטאַט דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע סענטימענטן. דער ראַדיקאַלער קרייז פֿון זיינע באַקאַנטע איז מער אָדער ווייניקער געווען באַגייסטערט פֿאַר די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פֿאָלקיסטן, פֿאַר די „נאַראָדאָוואָלצעס״. אָבער קיינער פֿון אָט די יידישע אינטעליגענטן האָט ניט געהאַט קיין שום דערפֿאַרונג אין דער פּראַקטיק פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די יעניקע פֿון זיי, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן אָנגעזעענע אַרבעטער־פֿירער, האָבן זיך באַקאַנט מיטן פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף ערשט אויפֿן באָדן פֿון אַמעריקע. אין די גרעסערע אינדוסטריעלע צענטערס האָט דאָס געדויערט ווייניקער צייט. אין סינסינעטי האָט עס געדויערט לענגער. סוף־כּל־סוף אָבער דערגרייכט די כוואַליע פֿונעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף אויך צו דעם יידישן ראַדיקאַלן קרייז אין סינסינעטי און אויך צו דעם 19־20־יאָריקן שאַפּ־אַרבעטער דוד עדעלשטאַט.

4

ערשטע טריט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג

דוד עדעלשטאַט געפֿינט ניט אין אַמעריקע קיין יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. זי הויבט זיך אָן ערשט אין זיין צייט. אַ טייל יידישע איינוואַנדערער, וואָס זיינען אָנגעקומען גלייכצייטיק מיט עדעלשטאַטן (זומער 1882), ווערן אַ געוויסע צייט — ניט באַוואוסטזיניקערהייט — אויסגענוצט פֿאַר שטרייק־ברעכעריי.[32] אַפֿילו מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען ענערגישע יידישע אַרבעטער־טוער, געשטיצט פֿון דער דייטשישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, הויבן אָן אָרגאַניזירן יידישע טרייד־יוניאָנס (פּראָפֿאַראיינען), קומט זיי אָן די אַרבעט זייער שווער. דער שטראָם פֿון עמיגראַציע האָט כּסדר געבראַכט נייע רעקרוטן פֿאַר די „סוועט־שעפּער״, וואו די אימיגראַנטן פֿלעגן אין אומגעזונטע באַדינגונגען,

פֿאַר אַ נישטיקן לוין, שוויצן ביי דער אַרבעט פֿון 14 ביז 16 שעה. אַ היפּשער טייל פֿון אָט די נייע יידישע שאָפּ־אַרבעטער איז באַשטאַנען פֿון נעכטיקע קליינבירגער, וואָס האָבן געשטרעבט אָפּצושפּאָרן גענוג געלט, כּדי אַליין צו עפֿענען שוויץ־פֿאַבריקלעך, זיך נעמען צו פּעדלעריי, אָדער צו קליינקרעמעריי.

די אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט שוין דעמאָלט געהאַט דורכגעמאַכט אַ ריי הערבאַישע קאַמפֿן. באַזונדערס מוטיק האָבן די אַמע־ריקאַנער אַרבעטער געקעמפֿט אין די קריזיס־יאָרן 1873—1880, ווען די בורזשואַזיע האָט ביי זיי אַוועקגענומען אַלע זייערע דערגרייכונגען, האָט פֿאַרפֿאָלגט מיט ווילדסטער אַכזריות די אַרבעטלאָזע[33] און פֿאַראורטיילט צום טויט אַ ריי מיטגלידער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער קוילנגרעבער־אָרגאַניזאַציע „מאָלי מעגווייערס“. די שטרייקנדיקע אייזנבאַן־אַרבעטער אין 1877 פֿאַרטיידיקן זיך מוטיק קעגן דער באַוואָפֿנטער מאַכט פֿון זייערע באַלעבאַטים. אין סט' לואיס גרינדן דעמאָלט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און סאָציאַליסטן אַ שוץ־קאָמיטעט, וואָס האָט אין משך פֿון צוויי טעג געהאַלטן די מאַכט אין שטאָט.[34] ווען אין אָנהויב פֿון די 80ער יאָרן בליט ווידער אויף די אַמעריקאַנער אינדוסטריע, און נאָך מיט מער שוואונג ווי פֿריער, וואַקסט שטאַרק אויס די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע „נאַיטס אָוו לייבאָר“ (ריטער פֿון אַרבעט), וואָס ציילט אַרום 700,000 מיטגלידער, און צווישן זיי אַ היפּשע צאָל רעוואָלוציאָנער געשטימטע. זי האָט אויך צווישן אירע פֿירער אַזוינע, וואָס אָנערקענען די אייניהייטלעכע אינטערעסן פֿונעם אַרבעטער־קלאַס און דעם אומקאָמפּראָמיסלעכן קעגנזאַץ צווישן די אינטערעסן פֿון אַרבעט און קאַפּיטאַל.[35] זיי שטרעבן צו פֿאַראייניקן אין איין אָרגאַניזאַציע אַלע אַרבעטער פֿון אַמעריקע אָן אונטערשייד צווישן קוואַליפֿיצירטע און ניט־קוואַליפֿיצירטע, סיי מענער, סיי פֿרויען, ווייסע און שוואַרצע. אין דער צייט פֿון דער דעפּרעסיע (1883—1885), ווען די אַרבעטסגעבער האָבן שטאַרק געשניטן די שכירות פֿון די האַלב־ און ניט־קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער, ווערן די דאָזיקע אַרבעטער געפֿירט אין שטרייק דורך די „ריטער פֿון אַרבעט“. אָבער די פֿאַך־יוניאָנס פֿון די, מערסטנס איינגעבוירענע, קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער האָבן באַטראַכט די, הויפּט־זעכלעך אימיגראַנטישע,[36] ניט־קוואַליפֿיצירטע אַרבעטערשאַפֿט ווי אַ גע־פֿאַר פֿאַר זייערע פּריווילעגירטע אינטערעסן און האָבן זיך אָרגאַניזירט באַזונדער. אויף אַ צוזאַמענפֿאָר אין פּיטסבורג, אין נאָוועמבער 1881, גרינדן זיי די „פֿעדערייש אָוו אָרגעניייזד טרעיד ענד לייבאָר יוניאָנס אָוו די יונייטעד סטעיטס ענד קענעדע“ (פֿעדעראַציע פֿון אָרגאַניזירטע

פאַך־ און אַרבעטער־יוניאָנס אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע). זי ווערט שפּעטער (1886) רעאָרגאַניזירט אין דער נאָך איצט עקזיסטירנ־ דיקער אָרגאַניזאַציע „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר״ פון „פּיור ענד סימפּל״ (ריינעם און פשוטן) טרעיד־יוניאָניזם אָדער עקאָנאָמיזם.

די פּריווילעגירטע לאַגע פון די איינגעבוירענע לגבי די איינגעוואַנ־ דערטע אַרבעטער האָט, ווי ס׳ווייזט אָן ענגעלס, שטאַרק געשטערט דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.[37]

די ראַדיקאַלע עלעמענטן צווישן די יידישע אַרבעטער האָבן שפּע־ טער זיך גענומען דערנענטערן צו די „ריטער פון אַרבעט״; אָבער מער באַאיינפלוסט זיינען זיי געוואָרן פון די דייטשע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן. די דייטשישע שפּראַך איז דעם ראַדיקאַלן יידישן אַרבעטער געווען מער צוגענגלעך ווי ענגליש. דערצו נאָך זיינען דעמאָלט די ראַדיקאַלע דייטשי־ שע אַרבעטער געווען דער אַקטיווסטער עלעמענט אין דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג. די גרענעץ־ליניע צווישן סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם איז נאָך דעמאָלט ניט געווען פעסט געצויגן אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. אַפילו מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין 1884—1885, האָט דער „שוואַרצער״ אַפּטייל פון דער אַנאַרכיסטישער „אינטערנאַציאָ־ נאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע״ אין אַמעריקע פאַרשפּרייט אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור („אַרבייטער־ פריינד״, מאַי 1886).

דער לאָנדאָנער „אַרבייטער־פריינד״, וואָס איז אויך געווען דער הויפּט־אָרגאַן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, האָט זיך אָפיציעל דערקלערט פאַר אַן „אומפּאַרטייאיש־סאָציאַליסטישער צײ־ טונג״. אויגוסט שפּיז,[38] דער רעדאַקטאָר פון דער שיקאַגער „אַרבעטער־ צייטונג״ און די איבעריקע שיקאַגער אַנאַרכיסטן ווערן אין „אַרבייטער־ פריינד״ אָנגערופן „באַקאַנטע סאָציאַליסטן״. מאָריס ווינטשעווסקי און פיליפּ קראַנץ בייזערן זיך דאָרט אויף יענע אַנאַרכיסטן, וועלכע טראָגן אַריין סיכסוכים אין דער אַרבעטער־באַוועגונג צוליב זייערע צוקונפט־ פּלענער. ווינטשעווסקי און קראַנץ האָבן דעמאָלט געהאַלטן, אַז די אַנאַר־ כיסטן־קאָמוניסטן, וואָס זיינען קעגן יעדן מין מלוכה, און די סאָציאַליסטן, וואָס אָנערקענען אַ „מלוכה פון אַרבעטער״, קאָנען אַרבעטן האַנט ביי האַנט ביז „דעם אַנדערן טאָג נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן״... זייער „אומפּאַרטייאישע סאָציאַליסטישע צייטונג״ האָט אַגיטירט, אַז די אַרבעטער האָבן גאָרניט צו דערוואַרטן פון דעם פּאַרלאַמענט, פון די טרעיד־יוניאָנס, פון די קאָאָפּעראַטיוון אד״גל, ווייל די „שקלאַפעריי פון דעם אַרבעטער

קאָן נאָר דאַן נעמען אַ סוף, ווען זיי וועלן צוזאַמען אויפֿשטיין קעגן זייערע אונטערדריקער און מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן״ (דאָרט, סעפּטעמבער 1886). די ערשטע צייט האָט דער „אַרבעטער־פֿריינד״ נאָך רעקאָמענ־דירט די אויפֿגעקלערטע אַרבעטער זיי זאָלן זיך באַנוצן מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע „צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע אין פֿאָלק, צו דערקלערן די לערע פֿון סאָציאַליזמוס״. שפּעטער אָבער טרעט ארויס דער „אַרבעטער־פֿריינד״ אינגאַנצן קעגן דעם פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף. ערב די וואַלן פֿונעם יאָר 1886 האָט דער „אַרבעטער־פֿריינד״ געוואָרנט די אַרבעטער קעגן דעם „וואַל־שווינדל״ און צו זיי גערופֿן: „וואָטירט [שטימט] ניט, אַרבעטער!״, נאָר „לערנט די סאָציאַלע פֿראַגן, לעזט די סאָציאַליסטישע צייטונגען און ביכער און אָרגאַניזירט זיך צום קאַמף מיט די קאַפּיטאַליסטישע וועלף״ (דאָרט, יולי 1886).

די דאָזיקע עקלעקטיש־טעאָרעטישע זאָרגלאָזיקייט און ניט־שטאַנד־האַפֿטיקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם אומגעהויער נידעריקן טעאָרעטישן ניוואָ פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער יידישער סביבה, האָבן מעג־לעך געמאַכט די צוזאַמענאַרבעט פֿון די סאָציאַליסטן מיט די אַנאַר־כיסטן און די אויסבילדונג פֿון גרופּעס „אומפּאַרטייאישע סאָציאַליסטן״, ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל מיטן „אַרבעטער־פֿריינד״ און מיט דער ווינטשעווסקי־גרופּע.

אין די פֿאַלן ווידער, ווען די סאָציאַליסטן פֿלעגן זיך יאָ אָפּגרענעצן פֿון די אַנאַרכיסטן, פֿלעגט זייער אַטאַקע אויפֿן אַנאַרכיזם אָפֿט געמאַכט ווערן פֿון אָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציעס. די יעניקע, וואָס האָבן זיך גע־האַלטן פֿאַר סאָציאַליסטן, זיינען דאָך אין זייער גרעסטער מערהייט געווען אונטער דער ווירקונג פֿונעם רעכטן פֿליגל פֿון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, — מער אונטער דער ווירקונג פֿון לאַסאַלן, איידער פֿון מאַרקסן. דאָס האָט, נאַטירלעך, בלויז געגאָסן וואַסער אויף די רעדער פֿון די הורא־רעוואָלוציאָנערע אַנאַרכיסטישע פֿראַזיאָרן. דער רעפֿאָר־מיזם און דער אַנאַרכיזם זיינען אין תוך צוויי זייטן פֿון איין און דער זעלביקער מטבע. זייער סאָציאַלע באַזע אין אַמעריקע איז געווען די אָקאָרשט פּראָלעטאַריזירטע, עמיגראַנטישע מאַסע, וואָס האָט זיך געפֿילט פֿאַרלוירן אינעם הויך־קאַפּיטאַליסטישן גיהנום. זיי זיינען געווען דער אויסדרוק פֿון קליינבירגערלעכע פֿאָראורטיילן און השגות. ניט האָבנדיק קיין געדולד פֿאַר אַ לאַנגדויערנדיקן סיסטעמאַטישן קלאַסן־קאַמף, האָבן אָט די צעטומלטע אימיגראַנטן אַלץ געטראַכט ווי אַזוי און וואָס גיכער זיך אַרויסצורייסן פֿונעם אַרבעטער־שטאַנד. אויף אָט דעם עלעמענט האָט

הויפּטזעכלעך זיך געשטיצט דער אַנאַרכיזם סיי אין ענגלאַנד,[39] סיי אין אַמעריקע.

אַ היפּשע ראָלע אין דעם דערפֿאָלג פֿונעם אַנאַרכיזם צווישן ברייטע שיכטן יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע אין די 80ער און אין אָנהויב פֿון די 90ער יאָרן האָט אויך געשפּילט דער אָפּאָרטוניזם פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועלכע איז געווען אָנגעפֿירט פֿון דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, דאָס רוב געוועזענע לאַסאַליאַנער. „דער אַנאַרכיזם פֿלעגט ניט זעלטן זיין אַ מין שטראָף פֿאַר די אָפּאָרטוניסטישע זינד פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג", זאָגט לענין.[40] עס איז דערפֿאַר געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז דער אַנאַרכיזם, וואָס איז לויט לענינס טרעפֿלעכן אויסדרוק „אַ לייבלעכער ברודער פֿונעם אָפּאָרטוניזם"[41] האָט — אַ דאַנק זיין קריטיק פֿון דער פֿרידלעכער פּשרה־מאַכערישער טאַקטיק פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — דעמאָלט געוואונען אַ באַדייטנדיקן איינפֿלוס צווישן די רעוואָלוציאָנער־געשטימטע אַרבעטער.

דעם גרעסטן איינפֿלוס אויף די יידישע אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע האָט געהאַט יאָהאַן מאָסט, דער רעדאַקטאָר פֿון דער דייטשישער אַנאַרכיסטישער צייטונג „פֿרייהייט".[42] מאַרקס און ענגעלס זיינען געווען שטאַרק קעגנער פֿון מאָסטן אַפֿילו אין יענע יאָרן, ווען מאָסט איז נאָך געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און זיין צייטונג — אַ סאָציאַליסטישע. אין זיין בריוו צו זאָרגען פֿונעם 19טן סעפּטעמבער 1879, כאַראַקטעריזירט מאַרקס מאָסטן אַלס „אַ מאַן פֿון קינדערשן ערגייץ און אַן גייסטיקער פֿעסטקייט". ווען בערנשטיין וואַרפֿט פֿאַר מאָסטן, אַז ער איז „צו רעוואָלוציאָנער",[43] שרייבט מאַרקס: „מיר [מאַרקס און ענגעלס] וואַרפֿן אים פֿאַר, אַז זי [די „פֿרייהייט"] האָט ניט קיין רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט, נאָר זי מאַכט בלויז רעוואָלוציאָנערע פֿראַזעס" (אונטערגעשטראָכן פֿון מאַרקסן), און אַז מאָסט פֿאַרשפּרייט „פּלענער פֿון אידיאָטישע געהיימע פֿאַרשווערונגען".

סינסינעטי איז געווען איינע פֿון די שטעט, אין וועלכע מאָסט האָט געהאַט נאָענטע חברים. דאָך איז ביי עדעלשטאָטן ניטאָ קיין אָנדייטונג, אַז מאָסט זאָל אים האָבן באַאיינפֿלוסט אין דער ערשטער העלפֿט פֿון די 80ער יאָרן. מעגלעך, אַז דאָ האָט מיטגעשפּילט דער פֿאַקט, וואָס דער רוסיפֿיצירטער עדעלשטאַט האָט שווער פֿאַרשטאַנען די דייטשע שפּראַך (ער האָט אויך שפּעטער געקענט ענגליש בעסער ווי דייטש). זיכער איז

אַבער, אַז אַ טיפֿערן איינפֿלוס, ווי מאָסט, האָט אויף עדעלשטאַטן געהאַט איינער פֿון די פֿינף שיקאַגער מאַרטירער, אַלבערט פּאַרסאָנס, רעדאַקטער פֿון דער ענגלישער אַנאַרכיסטישער צייטונג „אַלאַרם" אין שיקאַגאַ.[44]

5

דער קאַמף פֿאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג

די שטאַרקסטע ווירקונג אויף עדעלשטאַטס לעבן און שאַפֿן האָט גע־האַט דער קאַמף פֿאַרן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג פֿון די אַמעריקאַנער אַרבעטער־מאַסן און דער מאַרטירער־טויט פֿון זיינע אָנפֿירער אין שיקאַגאַ.

די פֿאָדערונג פֿון אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג ווערט אַרויסגע־שטעלט אין אַמעריקע באַלד נאָכן בירגערקריג פֿון 1861—1865, ווען די אַמעריקאַנער אינדוסטריע האָט זיך גענומען ברייט פֿאַנאַנדערוואַקסן. דער צוזאַמענפֿאָר פֿון די אַמעריקאַנער אַרבעטער־יוניאָנס אין באַלטימאָר (1866) באַשליסט צו פֿאָדערן אַ געזעץ, וואָס זאָל באַגרענעצן דעם אַרבעטסטאָג ביז אַכט שעה. מיט דריי יאָר שפּעטער ווערט אין באָסטאָן אָרגאַניזירט אַן „אַכט־שעה־ליגע", וואָס פֿירט פֿאַר דעם אַ באַדייטנדיקע שריפֿטלעכע פּראָפּאַגאַנדע. אינעם אָנהויב פֿון די 70ער יאָרן קומען פֿאָר גרויסע דע־מאָנסטראַציעס פֿאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג. מאַרקס האָט עס באַ־טראַכט ווי אַ פּאָליטישע באַוועגונג,[45] און אַלע אַמעריקאַנישע סעקציעס פֿונעם 1טן אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער באַוועגונג. די בורזשואַזיע ענטפֿערט מיט רעפּרעסיעס קעגן דעם רעוואָ־לוציאָנערן אַוואַנגאַרד. ווען ס'ברעכט אויס די גרויסע שריפֿה אין שיקאַגאַ (אָקטאָבער, 1871), ווערן די מיטגלידער פֿונעם 1טן אינטערנאַציאָנאַל באַשולדיקט אין אונטערצינדן די שטאָט.[46] דאָך איז די רעגירונג געצוואונ־גען איינצופֿירן דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג אין מלוכהשע אונטער־נעמונגען. די באַוועגונג פֿאַרן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג ווערט אָפּגע־שוואַכט בעתן קריזיס אין די שפּעטע 70ער יאָרן. זי ווערט אָבער באַנייט מיט אַ שטאַרקן אימפּעט אין די 80ער יאָרן. די אַמעריקאַנער אַרבעטער גלויבן דעמאָלט, אַז דער אַכט־שעהדיקער אַרבעטסטאָג וועט אָפּשאַפֿן אַר־בעטסלאָזיקייט און נויט, אַזוי אָרום, באַדייטנדיק פֿאַרבעסערן די לאַגע

פֿונעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. די פֿעדעראַציע פֿון די טרייד־יוניאָנס, וואָס האָט צוערשט ווייניק דערפֿאָלג אַפֿילו צווישן קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער, וואַקסט באַדייטנדיק אויס, ווען זי נעמט אָן, אויף איר 4טן צוזאַמענפֿאָר אין שיקאַגאָ (אָקטאָבער, 1884), דעם פּאָפּולערן לאָזונג: „אָן אַכט־שעה־דיקער אַרבעטסטאָג פֿאַר די אַמעריקאַנער אַרבעטער ביזן 1טן מאַי 1886". זי באַשליסט עס אויסצוקעמפֿן דורך אַ גענעראַל־שטרייק. די 5טע קאָנווענשאָן (דעצעמבער, 1885) באַשטעטיקט דעם באַשלוס. די דורכפֿירונג פֿונעם שטרייק ווערט איבערגעגעבן צו די אָרטיקע יוניאָנס.[47]

די ברייטע מאַסן אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן מיט באַגייסטערונג דערוואַרט עפּעס אומגעוויינלעכס פֿון דעם גענעראַל־שטרייק.[48] אָבער אַחוץ די העצעס, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט געפֿירט קעגן דעם געפּלאַנטן גענעראַל־שטרייק, איז די „אַכט־שעה־באַוועגונג" באַקעמפֿט געוואָרן (פֿון רעכטס און פֿון „לינקס") אויך מצד דער אָפּאָרטוניסטישער אַרבעטער־פֿירערשאַפֿט.[49] דער רעכטער יוניאָן־ביוראָקראַט פּאַודערלי און דער „לינקער" אַנאַרכיסט מאָסט האָבן ביידע געטענהט, אַז אַן אַכט־שעה־דיקער אַרבעטסטאָג מוז באַגלייט ווערן מיט אַ פֿאַרקלענערונג פֿון דעם אַרבעטסלוין, און ווער, אַזוי אָרום, גאַרניט געבן די אַרבעטער. דער פֿאַררעטער פּאַודערלי, וועלכער גייט שפּעטער אינגאַנצן אַריבער צו דער בורזשואַזיע, שיקט אַרויס אַ געהיימען צירקולאַר צו די „ריטער"־אָרגאַניזאַציעס, אַז די אַרבעטער זאָלן זיין פֿאָרזיכטיק און זיך ניט איילן צו שטרייקן. מאָסט, ווידער, רופֿט די אַרבעטער, אַנשטאָט צו קעמפֿן פֿאַרן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, זיך תּיכּף באַוואָפֿענען פֿאַר אַ רעוואָלוציע אויף אַראָפּצוּוואַרפֿן דעם קאַפּיטאַליזם אינגאַנצן. אויף אַ פֿאַרזאַמלונג, ערב דעם גענעראַל־שטרייק, דעמאָנסטרירט מאָסט מיט אַ ביקס אין האַנט, ווי אַזוי מען דאַרף „קעמפֿן" קעגן דעם קאַפּיטאַליזם. ער לערנט ווי אַזוי צו מאַכן דינאַמיט־באָמבעס, ווי אַזוי צו פֿאַרכאַפּן די טעלעגראַפֿן. אַלס אַן אַקט פֿון סאָציאַלער נקמה רעקאָמענדירט ער, אַז די „טעכטער פֿונעם פּראָלעטאַריאַט — די דינסטן" — זאָלן אַריינטאָן „אַ קליין ווייניק גיפֿט אין די שאַמפּאַניער־גלעזער" פֿון די בורזשואַזע טרינקער...[50] עס פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט דעם האָט מאָסט נאָר געקאָנט דעזאָרגאַניזירן דעם קאַמף פֿאַרן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג.[51]

איבער שלעכטער אָנפֿירונג האָט דעם 1טן מאַי 1886 געשטרייקט בלויז אַ קליינער טייל פֿון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפֿט. דאָך האָט איבער אַ העלפֿט פֿון די אומגעפֿער 350 טויזנט שטרייקער געוואונען די אַרויסגעשטעלטע פֿאָדערונג.

אַנדערש איז געווען די לאַגע אין שיקאַגאָ, וואו עס האָבן געשטרייקט 80 טויזנט אַרבעטער, — ביי אַ פערטל פון די באַטייליקטע אינעם גענעראַל־שטרייק איבערן גאַנצן לאַנד.[53]

דער קלאַסן־קאַמף אין שיקאַגאָ האָט אָנגענומען שאַרפע פאָרמען זינט פעברואַר 1886, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער שטרייק אין דער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער מאַשינען־פאַבריק פון מעקקאָרמיק, — איינער פון די אייגנטימער פון דער איינפלוסרייכער צייטונג „שיקאַגאָ־טריביון".[55] די שיקאַגער פאָליציי האָט די אַרבעטער, און באַזונדערס די איינגעוואַנדערטע, כסדר טעראָריזירט. זי פלעגט ברוטאַל זיך אַריינרייסן אין זייערע פאַרזאַמלונגען, שלאָגן, און יאָרנלאַנג, דורך פאַרשיידנערליי מאַכינאַציעס אַוועקגענומען ביי זיי דאָס וואַלרעכט.[54] אַלבערט פאַרסאָנס אין „אַלאַרם" און אויגוסט שפּיז אין „אַרבעטער־צייטונג" האָבן גערופן צו אַ באַוואָפנטער דעמאָנסטראַציע פאַרן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג דעם 1טן מאַי 1886. ניט געקוקט אויף דעם, איז דער ערשטער טאָג פונעם גענעראַל־שטרייק אַריבער פרידלעך. צווישן די ערשטע 40 טויזנט, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט די אַרבעט, זיינען געווען 10 טויזנט האָלץ־אַרבעטער, דעמאָלט אַן אַקטיווער קעמפערישער עלעמענט. דעם 3טן מאַי האָבן זיי אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג לעבן מעקקאָרמיקס פאַבריק, מיט אויגוסט שפּיז אַלס הויפּט־רעדנער. אינמיטן פון זיין רעדע קומען אַרויס פון דער אַרבעט די שטרייקברעכער, באַגלייט פון ברוטאַלע דעטעקטיווס. עס ברעכט אויס אַ געשלעג; פאָליציי מישט זיך אַריין, און אָן שום וואָרנונג שיסט זי אין די שטרייקער. עס פאַלן פיר טויטע. שפּעטער שטאַרבן נאָך צוויי פון די אַרום צוואַנציק שווער־פאַרוואונדעטע.[55]

שטאַרק אויפגערעגט איבער דעם בורזשואַזן פאָגראָם אויף די ניט־באַוואָפנטע אַרבעטער, האָט אויגוסט שפּיז אָנגעשריבן אַ פלוג־בלעטל מיטן נאָמען „ראַכע!" (נקמה), אין וועלכן ער האָט גערופן צו אַ באַוואָפנטער דעמאָנסטראַציע דעם 4טן מאַי.[56]

די דעמאָנסטראַציע, אויפן היימאַרקעט־סקוועער, איז דורכגעגאַנגען רואיק. דער מעיאָר (בירגערמייסטער) פון שיקאַגאָ איז בייגעווען אויף דער דעמאָנסטראַציע ביז 10 אַזייגער ביינאַכט. ווען ער האָט געזען, אַז די דעמאָנסטראַציע גייט דורך רואיק, האָט ער געעצהט דעם פאָליציי־קאַפּיטאַן פאַנאַנדערצולאָזן די פאָליציסטן און איז אַליין אַוועק. פאַרסאָנס און שפּיז האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט זייערע רעדעס.[57] אַזוי ווי עס האָט אָנגעהויבן שטאַרק רעגענען איז דער גרויסער עולם זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. עס איז געבליבן בלויז אַ פּאָר הונדערט פערזאָן, וועלכע האָבן געהערט

דעם לעצטן רעדנער, סעמיועל פֿילדן. פּלוצים זיינען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון 176 פּאָליציסטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַראָפּרייסן די פֿאַרזאַמלונג אויף זייער ברוטאַלן שטייגער. אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַ באַשטעלטער פֿון דער שיקאַגער בורזשואַזיע, וואַרפֿט דעמאָלט פֿון אַ דערבייאיקן הויף אַ באָמבע אויף דער פּאָליציי. איינער פֿון דער פּאָליציי פֿאַלט טויט, און אַ געוויסע צאָל ווערט פֿאַרוואונדעט.[58] דער בורזשואַזער טעראָר הויבט זיך דעמאָלט אָן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב. די בורזשואַזע פּרעסע הויבט אויף אַ שטאַרקע העצע קעגן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, באַצייכענענדיק זיי אָלעמען ווי באָמבע־וואַרפֿערס. די שיקאַגער פֿירער פֿון דער באַוועגונג פֿאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג ווערן אַרעסטירט און באַשולדיקט אין ערשטן גראַד מאָרד. אַלבערט פּאַרסאָנס, וועמען עס איז געלונגען זיך צו באַהאַלטן בעת די אַרעסטן, גיט זיך שפּעטער פֿרייוויליק איבער, כּדי צו שטיין פֿאַרן געריכט צוזאַמען מיט זיינע חברים. מיט דער צושטימונג פֿון אויגוסט שפּיז, נעמט איבער די רעדאַקציע פֿון דער „אַרבעטער־צייטונג" דער אַלטער סאָציאַליסט יאָזעף דיטצגען.[59]

דער פּראָצעס איז געווען בלויז אַן אָנשטעל. די באַשולדיקונג האָט, אויסער דעם „נקמה־אויפֿרוף" פֿון אויגוסט שפּיז, ניט געהאַט קיין אַנדערע באַווייזן, אַז די אַרבעטער־פֿירער האָבן געהאַט אַ שייכות צום באָמבע־וואַרפֿער. דער בורזשואַזער געריכט האָט אָפֿן דערקלערט, אַז די אַכט אָנגעקלאָגטע ווערן געמשפּט ניט פֿאַר זייערע טאַטן, נאָר פֿאַר זייערע ווערטער. דער אורטייל איז געווען באַשטימט פֿון פֿאָראויס: טויט פֿאַר די, וואָס רופֿן די אַרבעטער צום אַקטיוון קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם. בלויז איינער פֿון זיי — ניבע — ווערט פֿאַראורטיילט נאָר צו 15 יאָר געפֿענגעניש.[60]

6

אונטער דער ווירקונג פֿון דער „שיקאַגער טראַגעדיע"

די שיקאַגער, אָדער די היימאַרקעט־טראַגעדיע, ווי די געשעענישן פֿון מאַי 1886 אין שיקאַגאָ זיינען אָנגערופֿן געוואָרן, האָט דערמוטיקט די אַמעריקאַנער אַרבעטער צום פּאָליטישן קאַמף. אין ניו־יאָרק האָבן די אַרבעטער צום ערשטן מאָל געשאַפֿן אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט אויפֿן פּאָליטישן געביט. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ „פֿאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי"

צו דערוויילן זייער קאַנדידאַט, הענרי דזשאָרדזש, פֿאַר מעיאָר (בירגער־מייסטער) פֿון ניו־יאָרק. אַ האַלב יאָר שפּעטער באַטייליקן זיך מאַסן אַרבעטער אין סינסינעטי און אין שיקאַגאָ אין די פֿרילינג־וואַלן, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער יוניאָן־לייבאָר־פּאַרטיי.[61] אומעטום וואַרפֿן זיך אַריין אין קאַמף אויך אַזוינע ראַדיקאַלע עלעמענטן, וואָס זיינען פֿריער ניט געווען טעטיק פּאָליטיש. זיי האָפֿן דורך דעם צו צווינגען די בורזשואַזיע, זי זאָל שאַנעווען די לעבנס פֿון די פֿאַראורטיילטע אַרבעטער־פֿירער אין שיקאַגאָ.[62] אויך דוד עדעלשטאַט וואַרפֿט זיך אַריין אינעם פּאָליטישן קאַמף. ער איז באַזונדערס זייער אַקטיוו אין די מעיאָר־וואַלן אין ניו־יאָרק, וואו ער באַזעצט זיך זומער 1886.[63]

די פּאָליטישע אָפּגעשטאַנענקייט און דער טעאָרעטישער פּלאָנטער פֿון דער „פֿאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי" ווערן כאַראַקטעריזירט דורכן פֿאַקט, וואָס איר קאַנדידאַט פֿאַר מעיאָר פֿון ניו־יאָרק איז געווען העגרי דזשאָרדזש, דער גרונטלייגער פֿון דער בורזשואַזער באַוועגונג פֿאַר אַגראַר־רעפֿאָרם. אַ געוועזענער מאַטראָס, גאָלדגרעבער און בוך־דרוקער, ווערט ער אינעם יאָר 1880 באַרימט דורך זיין בוך „פּראָגרעס און אָרעמקייט". ער אַטאַקירט דאָרט שאַרף די ערד־אייגנטימער און דערקלערט, אַז דער קוואַל פֿון אָרעמקייט איז פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד.[64] נעמענדיק אָבער אין אַכט, אַז די הויפּט־געפֿאַר פֿאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע איז אין יענער צייט געווען די געפֿאַר פֿון סעקטאַנטישקייט, פֿון אָפּגעריסנקייט פֿון די מאַסן, איז ענגעלס געווען צופֿרידן, וואָס די סאָציאַליסטן אין ניו־יאָרק האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער „פֿאַראייניקטער אַר־בעטער־פּאַרטיי". ענגעלס שרייבט צו זאָרגען (29טן נאָוועמבער 1886): „דאָס, וואָס די ערשטע פּראָגראַם פֿון אָט דער פּאַרטיי איז נאָך פֿאַר־פּלאָנטערט און אויסערסט פּעלערהאַפֿט, אַזוי אַז זי האָט דעם העגרי דזשאָרדזש אַרויסגעשטעלט פֿאַר אַ פֿאָן, איז עס אַן אומפֿאַרמיידלעך בייז, אָבער אויך בלויז אַ פֿאַרבייגייענדיקס.[65]

די אַמעריקאַנער בורזשואַזיע האָט גוט פֿאַרשטאַנען די געפֿאַר, וואָס אַ פֿאַראייניקטער אַרבעטער־פֿראָנט באַטייט פֿאַר אירע אינטערעסן. זי האָט דעריבער ניט געזשאַלעוועט קיין געלט צו קויפֿן שטימען פֿאַר אירע קאַנדידאַטן. דאָך האָט די „פֿאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי" באַקומען אין ניו־יאָרק איבער 68 טויזנט שטימען, — אַ גאָר גרויסע צאָל פֿאַר יענער צייט (דער דעמאָקראַטישער קאַנדידאַט האָט דעמאָלט געזיגט ביי די וואַלן בלויז מיט 90 טויזנט שטימען).

דוד עדעלשטאַט פֿאַרבלייבט ניט אין ניו־יאָרק ביז צום וואַל־טאָג. אין אָקטאָבער קומען אָן אין אַמעריקע זיינע עלטערן מיט זייער גאַנץ הויזגעזינד (פֿון קיעוו, וואוהין זיי האָבן זיך מיט עטלעכע יאָר פֿאַר דעם געהאַט אַריבערגעקליבן פֿון קאַלוגע). דוד עדעלשטאַט נעמט זיי אַראָפּ פֿון שיף און פֿאָרט מיט זיי אַוועק צו די עלטערע צוויי ברידער אין סינסינעטי.

*

ווי אַ סך אַנדערע רוסלענדישע ראַדיקאַלן, איז דוד עדעלשטאַט ביז צום גענעראַל־שטרייק פֿונעם 1טן מאַי 1886 ניט געווען פֿאַרבונדן מיט די אָרטיקע יידיש־ריידנדיקע אַרבעטער. ער האָט געלייענט, געשריבן און גערעדט בלויז אין רוסיש און זיך אינטערעסירט הויפּטזעכלעך מיט די אַנגעלעגנהייטן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. נאָר דער קאַמף פֿאַרן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג און די וואַל־קאַמפּאַניע אין ניו־יאָרק דערנעענטערט אים און זיין קרייז צום קלאַסנקאַמף אין אַמע־ריקע. דאָ הויבן זיי שוין אָן זיך אינטערעסירן אויך מיט דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט. האַלטנדיק, אַז אין דער הינטערשטעליקייט פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט האָט אַ היפּשע שולד די רעליגיע, גיבן זיי זיך אָפּ דער עיקר דעם אַנטי־רעליגיעזן קאַמף. זיי גרינדן אָן אַפּיקורסים־קרייזל, צו וועלכן עס שטייען צו אויך ראַדיקאַלע משכּילים, ווי דער דיכטער דוד (זאַהיק) גרינבערג[66] אד״גל.

עדעלשטאַט ווערט אויך טעטיק אויפֿן טרעיד־יוניאָן־ (געווערקשאַפֿטן)־געביט. ער זוכט צו אָרגאַניזירן אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין פֿון זיין קנאָפּ־לאָך־נייער־פֿאַך און ווערט שפּעטער דערפֿאַר אָפּגעזאָגט פֿון דער אַרבעט. ער נעמט אויך אַ שטאַרקן אָנטייל אין דעם קאַמף פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון די שיקאַגער אַרבעטער־פֿירער און ווערט אַרעסטירט פֿאַר זיין טעטיקייט.[67]

ביז האַרבסט 1887 האָפֿט נאָך עדעלשטאַט, אַזוי ווי אַנדערע אַרבעטער אין אַמעריקע, אַז דער „סופּרים־קאָורט״ (העכסטער געריכט) אין וואַשינג־טאָן וועט באַשטימען אַ נייעם פּראָצעס פֿאַר די שיקאַגער אַרבעטער־פֿירער. די בורזשואַזע פּרעסע האָט פֿאַנאַנדערגעבלאָזן אַט די האָפֿענונג (כּדי אָפּצושוואַכן דעם קאַמף פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון די אַרבעטער־פֿירער) און צוגלייך כּסדר געהעצט קעגן די אָנגעקלאָגטע און קעגן די אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטע אַרבעטער בכלל.[68]

דער העכסטער געריכט האָט באַשטעטיקט דעם טויט־אורטייל אויף די פירער. עס זיינען געבליבן בלויז געציילטע טעג צום אויספירן דעם אורטייל, און די אַרבעטער האָבן געדאַרפט האַנדלען שנעל און ענערגיש. נאָר זייער מעכטיקסטע אָרגאַניזאַציע, די „ריטער פון אַרבעט״, איז סאַבאָטירט געוואָרן דורך איר פאַררעטערישן פירער פּאַודערלי. די „אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר״ אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג; אָבער איר קאָנסערוואַטיווער פּרעזידענט, סעמיועל גאָמפּערס,[69] פּרוּווט אויף אַזוי פיל זיך אָפּצוגרענעצן פון די שיקאַגער אַרבעטער־פירער, אַז זיין פּראָטעסט ווערט איינגאַנצן אַ בלאַסער. עס האָט זיך פאַקטיש באַקומען אַ פאַראייניקונג מיטן בורזשואַזן כאָר. שאַרף טרעט אַרויס די „סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי״. אין ניו־יאָרק ווערט דורכגעפירט אַ דעמאָנסטראַציע פון 20,000 מאַן מיט געווער אין די הענט. עס זיינען אויך אָנגעקומען פּראָטעסטן פון דער אַרבעטערשאַפט אין אויסלאַנד, דערונטער אויך פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין דייטשלאַנד.[69] ביי דער בורזשואַזיע איז אָבער געווען באַשטימט צו טויטן די ענערגישע אַרבעטער־פירער. זי לאָזט אַראָפּברענגען אַ סך מיליטער אין שיקאַגאָ, פאַרבאַריקאַדירט יעדן צוגאַנג צו דער געפענגעניש, וועלכע זי האָט פאַרוואַנדלט אין אַ באַלאַגערטער פעסטונג. דערביי פאַרלאָזט זי זיך ניט בלויז אויף איר פיזישער מאַכט, נאָר נעמט צו הילף אויך די רעליגיע. אַ גייסטלעכער האָט דעמאָלט געשריבן אין אַ קאַפּיטאַליסטישער צייטונג אין שיקאַגאָ:

> מען דאַרף זיי הענגען אויף אַ שטריק, וואָס זאָל זיך צוויי, דריי מאָל צערייסן בעתן הענגען. ווי איז בעסער זיי צו הענגען, — אַלע מיט איינמאָל, אָדער צוויי מיטאַמאָל? ווען מען פריער? פאַרסאַנסן און שפּיזן? ניין, בעסער פריער ענגעלסן און ליגנן, ווייל שפּיז איז נערווען; זאָל ער בעסער צוערשט זען, ווי מע הענגט די אַנדערע, כדי אים צו קרענקען.[70]

אין איר היסטער אַכזריות האָט די בורזשואַזיע אויך ניט צוגעלאָזט פאַרסאַנס פרוי און קינדער צו געזעגענען זיך מיט אים,[71] ווי דאָס ווערט דערלויבט אַפילו דעם ערגסטן מערדער. אירע פּאָליציסטן האָבן אָפּלאַדירט, ווען דער תּליון האָט פאַרוואַרפן די שטריק אַרום די העלדזער פון אירע פּראָלעטאַרישע קלאַסן־שונאים.

די שיקאַגער מאַרטירער זיינען געגאַנגען צום טויט מיט פולער זיכערקייט אינעם ענדלעכן זיג פונעם פּראָלעטאַריאַט. זיי זיינען געגאַנגען צו דער תּליה מיט אויסערגעוויינלעכן מוט, ווי מענטשן, וואָס זיינען זיכער, אַז זייער טויט וועט פיל אויפטאָן פאַר זייער לעבנס־אידעאַל. ניט אומ־

זיסט האָבן זיך די קאַפּיטאַליסטן געשראָקן פאַר זייער לעצטן וואָרט און גיך פאַרצויגן די פּעטליעס אַרום זייערע העלדזער. ווען מען האָט זיך געגרייט צו פאַרציען די פּעטליעס, האָבן זיך צוערשט דערהערט די היס־טאָריש־געוואָרענע ווערטער פון אויגוסט שפּיז: „עס וועט קומען אַ צייט, ווען אונדזער שווייגן וועט זיין אַ סך שטאַרקער ווי די שטים, וואָס איר דערשטיקט היינט!“ דער שריפטזעצער אַדאָלף פּישער האָט אויסגערופן: „דאָס איז דער גליקלעכסטער מאָמענט פון מיין לעבן!“ פּאַרסאָנס האָט געוואָלט האַלטן אַ רעדע. ער האָט אָנגעהויבן אַזוי: „וועט מיר דערלויבט זיין צו רעדן, אָ, מענער פון אַמעריקע! לאָז מיך רעדן, שעריף מאַטסאָן! זאָל די שטים פון פאָלק געהערט ווערן! אָ... — נאָר דער שעריף (דער באַאַמטער, וואָס האָט די אויפזיכט איבער דער דורכפירונג פונעם געזעץ) האָט גלייך געגעבן דעם צייכן, און די פּעטליעס זיינען תיכף פאַרצויגן געוואָרן.

געהאַנגען זיינען געוואָרן דעם 11טן נאָוועמבער 1887 פּאַרסאָנס, שפּיז, ענגעלס און פּישער. דער 22־יאָריקער מוטיקער האָלץ־אַרבעטער, לואיס לינג, וועלכער האָט געדעדט אין געריכט מיט דער שפּראַך פון אַ באַוואוסט־זיניקן פּראָלעטאַרישן קעמפער[72] און דורך דעם קאָנצענטרירט אויף זיך די הויפּט־שנאה פון דער בורזשואַזיע, איז מיט אַ טאָג פריער געטויט געוואָרן (דורך מאָרד, אָדער זעלבסטמאָרד) אין זיין קעמערל דורך אַ דינאַ־מיט־אויפרייס. צוויי, פילדן און שוואַב, האָבן אונטערגעשריבן די פּעטיציע פון די שיקאַגער אַרבעטער צום גובערנאַטאָר אָגלעסבי, און זייער טויט־אורטייל איז פאַרביטן געוואָרן אויף לעבן־לאַנגער תּפיסה.[73]

די בורזשואַזע פּרעסע האָט ביי איר גאַנצער בייזוויליקייט ניט גע־קאָנט אָפּשוואַכן דעם געוואַלדיקן איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט דער העלדנמוט פון די שיקאַגער אַרבעטער־מאַרטירער. די דערמאָרדונג פון די אַרבעטער־פירער האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ניט אָפּגעשטעלט. פאַרקערט, איר אימפּעט איז געוואָרן נאָך גרעסער. ס׳זיינען אויך צוגעקומען נייע עלעמענטן, ווען דאָס חיהשע אַכזריות פון דער בורזשואַזיע האָט געעפנט די אויגן איינצוזען, אויף וואָס די בורזשואַזיע איז פייאיק, ווען מען רירט אָן אירע קלאַסן־אינטערעסן. די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז די בורזשואַזיע האָט אַזוי פיל געוואַגט בלויז דער־פאַר, ווייל די אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט איז געווען אומוויסנדיק און ניט אָרגאַניזירט. זיי האָבן דערפון געמאַכט דעם ריכטיקן אויספיר, אַז מען דאַרף מיט באַזונדערער ענערגיע זיך אָפּגעבן אויפצוקלערן די הינטער־שטעליקע אַרבעטער־מאַסן און זיי אָרגאַניזירן.

דוד עדעלשטאַט איז נאָך אין 1887 געווען הויפּטזעכלעך אַ פּאָלקיסט. ער האָט געגלויבט אין אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער גערעכטיקייט און אין אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן געוויסן. דער פֿאַקט, וואָס די אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט האָט געהאַלטן פֿאַר גערעכט און געוויסנהאַפֿטיק צו דערמאָרדן מענטשן פֿאַר זייער טעטיקייט צו פֿאַרבעסערן דאָס לעבן פֿון די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן, האָט דעריבער געטריבן דעם 21־יאָריקן עדעלשטאַט צו פֿאַרצווייפֿלונג. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער, האָט ניט געקאָנט מער אַרבעטן ביי זיין שניידער־פֿאַך. ער פּרואווט זיך ראַטעווען פֿון זיין געדריקטן צושטאַנד דורך אַריבערקלייבן זיך קיין ניו־יאָרק. אָבער אויך דאָרט קאָן ער לאַנג ניט פֿאַרבלייבן. די אַרבעט אין די ניו־יאָרקער שוויץ־שעפּער איז געווען שווער, די לעבן־באַדינגונגען שוידערלעכע. ס'פֿעלט אים די צערטלעכקייט פֿון דער היימישער סביבה פֿאַר זיינע צערודערטע נערוון, און ער פֿאָרט באַלד צוריק קיין סינסינעטי.

צוריקגעקומען אין סינסינעטי, איז שוין דוד עדעלשטאַט ניט געווען דער זעלביקער, וואָס פֿאַרן עלפֿטן נאָוועמבער 1887. זיין גלויבן אין אַמעריקע איז געווען טויט. ער איז אַנגעפּילט געוואָרן מיט טיפֿן האָס צו איר פֿאַלשער דעמאָקראַטיע און צו אירע קליינע און גרויסע „וואַמפּירן", ווי ער האָט עס אויסגעדריקט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אין זיין ליד „נאַטור און מענטש" („וואָרהייט", 29טן מערץ 1889):

פֿאַראַן אויך פֿרייע רעפּובליקן,
וואָס זיינען נאָר פֿריי אויף דעם פּאַפּיר; —
און פֿול מיט קנעכט זיינען דאָרט די פֿאַבריקן,
און יעדער הערשער — אַ וואַמפּיר.

זיינע רוסישע לידער און פּראָזע פֿון יענער צייט האָבן שוין מאָטיוון פֿון קלאַסן־קאַמף, כאָטש זייער הויפּט־מאָטיוו איז נאָך אַלץ די ביטערע אַנטוישונג אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט. פּערזענלעך איז עדעלשטאַט אין יענער צייט (1887—1888) געווען „געזונט און גליקלעך" און „געהאַט פֿריינט", ווי ער דערמאָנט עס עטלעכע יאָר שפּעטער (8טן יולי 1892) אין אַ בריוו פֿון דענווער צו זיין משפּחה אין סינסינעטי.

גאָר לאַנג בלייבן אין סינסינעטי קאָן ניט עדעלשטאַט. אים ציט צום ברויזנדיקן קלאַסן־קאַמף, און אין סינסינעטי איז די באַוועגונג צו לאַנגזאַם, צו רואיק. זיין באַשלוס צו פֿאַרלאָזן סינסינעטי (אין האַרבסט, 1888) ווערט נאָך באַווירקט דורך זיין, פֿריער דערמאָנטן, פּרואוו צו אָרגאַניזירן אַ טרעיד־יוניאָן אין זיין קנאָפּלאָך־פֿאַך. די באַלעבאַטים שטעלן אים אויפֿן שוואַרצן צעטל און ער ווערט אַרבעטלאָז.[67]

ווי אַן אַרבעטלאָזער לעבט איבער עדעלשטאַט זייער שווערע טעג. צווישן זיינע רוסישע מאַנוסקריפּטן געפינט זיך אַ פראַגמענט, וואָס פאַר־נעמט זיך אויסשליסלעך מיט זיינעליידן אַלס אַרבעטלאָזער. ער ווענדט זיך דאָרט צו די, וואָס ווערן פּעט, „נערנדיק זיך מיטן שווייס און בלוט פון זייערע ברידער און שוועסטער״; ער לייגט זיי פאַר צו נעמען זיין „לעבנס־פרילינג״ און „צוזאַמען מיט אים די טרוימען און האָפענונגען אויף בעסערע צייטן״, און אים דערפאַר געבן „נאָר ברויט״ פאַר זיין פאַמיליע און „אַ וואַרעמען ווינקל״ פאַר זיינע „אַרעמע גרויע זקנים״, — פאַר די „שטילע גוטע באַשעפענישן, וועלכע האָבן דאָס גאַנצע לעבן זייערס געאַרבעט״ פאַרן „קאַמפאָרט״ פונעם הערשנדיקן קלאַס:

> זאַטע, מאַכטהאָבנדיקע בירגער פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. קרעזן [קרעזוסן], צעזאַרן פון XIX יאָרהונדערט, איך פאַרקויף אייך מיין פעל, איך פאַרקויף מיין לעבן, מיין פלייש. גיט מיר אַרבעט. — — — איך וואָלט שטאָלץ געשטאָרבן פון הונגער־טויט, אָבער די משפּחה... — — — זען די מוטער אַ קראַנקע, אַ גרויע, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. זען די הונגעריקע הילפלאָזע מוטער, זען אירע געהיימע טרערן, הערן אירע דערשטיקטע שלוכצן, זען די יונגע שוועסטער אין בלי פון אירע כּוחות, ווי עס שניידן פון איר שטיקער די אָרעמקייט און די טאָג־טעגלעכע נויט, ווי זי איז דערשלאָגן פון צרות, בעט אויף זיך דעם טויט אַלס איינציקע רעטונג פון די פּייניקונגען און וויסטקייט פון אָט דעם שרעקלעכן לעבן. — — — גיט מיר ברויט, ברויט, אַרבעט, אַרבעט!

און עדעלשטאַט שילדערט דעם ענטפער פון די רייכע — אַז זיי האָבן אַן אים אויך גענוג קנעכט, און דערצו נאָך אַזוינע עכטע קנעכט: „אייביק איינגעהויקערטע, אייביק שמייכלענדיקע (חנפענענדיקע)״ אונטער די קלעפּ פון דער קאַפּיטאַליסטישער בייטש; קנעכט, וואָס „לעקן די קנאַפּל פון זייערע באַלעבאַטים און קושן די בייטש, וואָס שלאָגט זיי״. אים באַטראַכט די בורזשואַזיע פאַר „ניט קיין צופרידענעם, ניט קיין פּיאַיקן קנעכט״. זיי דאַרפן אָבער האָבן „פאַרפולקומטע קנעכט״. און עדעלשטאַט איז מסכּים, אַז ער איז טאַקע „אַ שלעכטער קנעכט, ניט קיין פאַרפולקומטער קנעכט״... „אַ שלעכטער, אַ האַמעטנער קנעכט״, וואָס האָט אין משך פון זיין „פינף־יאָריקער קנעכטשאַפט אויף דעם אַמעריקאַנישן באָדן״ זיך ניט אויסגע־לערנט צו חנפענען און צו שווייגן, צוזעענדיק „שרייענדיקע אומרעכט״.

7

ערשטע לידער פֿון אַרבעטער־לעבן

אָנהויב נאָוועמבער 1888 קומט דוד עדעלשטאַט ווידער קיין ניו־יאָרק. ס׳איז די צייט פֿון ברויזנדיקן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף, ווען ס׳האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערוויקלען די טרעיד־יוניאָן־באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער.

אין אָקטאָבער 1888 זיינען שוין די יידישע טרעיד־יוניאָנס געווען אָרגאַניזירט אין „פֿאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפֿטן". די גרענעצן צווישן די אַנאַרכיסטן און די סאָציאַליסטן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין שאַרפֿע, כאָטש צווישן זיי זיינען שוין פֿאָרגעקומען שאַרפֿע דעבאַטן.

די אַנאַרכיסטישע גרופּע „פּיאָנערע דער פֿרייהייט" (פּיאָנערן פֿון דער פֿרייהייט — געגרינדעט אין אָקטאָבער 1886), צו וועלכער עס האָט אויך געהערט מאָריס ראָזענפֿעלד, און אַן וועלכער ס׳האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן דוד עדעלשטאַט, האָט אין נאָוועמבער 1888 געפֿירט אַפֿילו אַ „פֿרייע דיסקוסיאָן" וועגן דער פֿאַראייניקונג פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט די אַנאַרכיסטן.[74]

די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט דעמאָלט, אין האַרבסט 1888, צום ערשטן מאָל אַרויסגעשטעלט אַן אייגענעם קאַנדידאַט פֿאַר מעיאָר פֿון ניו־יאָרק. דער וואַל־קאַמף אין די יידישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן איז געווען זייער לעבהאַפֿט. נאָר עדעלשטאַט איז, קענטיק, געווען פֿאַראינטערעסירט הויפּטזעכלעך אין די פּרעזידענט־וואַלן. אויף זיינעם אַ בריוו פֿונעם 11טן נאָוועמבער איז פֿאַראַן אַן איראָנישע שורה „הוראַ פֿאַר העריסאָנען!" — דעם ניי־דערוויילטן רעפּובליקאַנישן פּרעזידענט־קאַנדידאַט פֿון דער אַמעריקאַנישער פּלוטאָקראַטיע.

עדעלשטאַט איז באַגייסטערט פֿון ניו־יאָרק. אין זיין בריוו פֿון 11טן נאָוועמבער 1888 שרייבט ער אַהיים, אַז „אין ניו־יאָרק לעבט זיך מערקווירדיק שנעל". אין איין טאָג פֿילט מען אָפּט דורך אַזויפֿיל, וויפֿל מען וועט „אין דער רואיקער פֿרידלעכער שטאָט סינסינעטי ניט דורכפֿילן און ניט דורכטראַכטן פֿאַר גאַנצע 5 יאָר". אַז די ניו־יאָרקער איינדרוקן האָבן אים

„פֿאַרפֿלייצט ווי אַ קאָכעדיקער שטראָם" כּמעט פֿון ערשטן טאָג אָן. ער מערקט דאָרט אַ „ניי לעבן, נייע כּוחות, לערע פֿון אמתן, זעלבסטבילדונג און גיריקע שטרעבונגען צו ליכט", „באַזונדערס אין די יידישע קרייזלעך".

באַזונדערס באַגייסטערט איז עדעלשטאַט פֿון דער גרויסער מאַסן־פֿאַרזאַמלונג אין קופּער־יוניאָן צום ערשטן יאָרצייט פֿון די שיקאַגער מאַרטירער. ער הערט דאָרט דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פֿירער סערגיי שעוויטש.[12] שעוויטשעס רעדע רירט עדעלשטאַטן ביז טרערן, און דער ענטוזיאַזם פֿון דער מאַסע מאַכט אים פֿילן, „אַז דער סאָציאַליזם איז ניט קיין טרוים, ניט קיין אילוזיע, אַז דאָס איז די רעאַלע צוקונפֿט פֿונעם פֿאָלק".

מיט זיין באַגייסטערונג אַליין קאָן אָבער עדעלשטאַט ניט לעבן. ער קריגט ניט קיין אַרבעט און לעבט איבער אַ שווערע צייט. קלאָגט ער זיך אין זיין „ליד פֿון אַ פּראָלעטאַריער" — "Песня пролетария":

האָסט קיין אַרבעט ניט — שלעכט!
עס שטיקט דיך די נויט.
האָסטו אַרבעט — איז שלעכט,
זי איז שווער ווי דער טויט.[11]

ער שטעלט דאָרט די פֿראַגע:

דיין לעבן, דיין ליד,
וואָס האָט דען אַ ווערט,
ווען דו ביסט ניט געליבט
און האָסט קיינעם ניט ליב,
ווען דו ביסט נאָך אַ קנעכט?
וואָס לעבסטו דען, זאָג,
אין צענטן פֿאַרנייגט
פֿאַרן קיסר, וואָס שטיקט דיך
און רויבט דיך און זויגט?[13]

טאָ צו וואָס טויג אינגאַנצן דאָס לעבן אויף דער וועלט? עס איז, זאָגט ער, „זייער אַ שווערע פֿראַגע, וואָס האָט שוין אַ באָרד", נאָר קיינער האָט זי ביז איצט נאָך ניט פֿאַרענטפֿערט. דעם פּראָלעטאַריער איז עס שווער צו פֿאַרענטפֿערן, אָבער נאָך שווערער איז צו לעבן, ניט פֿאַרשטייענדיק פֿאַר וואָס, פֿאַר ווען און פֿאַר וועמען?

אין אַ צווייט ליד, "Записки пролетарйя" (פֿאַרצייכענונגען פֿון אַ פּראָלעטאַריער), שרייבט עדעלשטאַט:

כ'בין ניט געבוירן פֿאַר זיסע אַריעס,
פֿאַר רויזן־ליבע און פֿאַר גליק.

כ'בין ניט קיין דיכטער, נאָר אַ פּראָלעטאַריער,
אַ קינד פֿאַר קאַמף און פֿאַר פֿאַבריק.[22]

לויט עדעלשטאַטס טאָגבוך, איז אָט דאָס ליד (ווייזט אויס, דער ערשטער וואַריאַנט) געווען געדרוקט דעם 5טן יאַנואַר 1889 אין דער „זנאַמיאַ" („די פֿאָן") — וועלכע סאָציאַליסטן האָבן באַטראַכט פֿאַר „אַ שאַרף רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג", געגרינדעט און רעדאַקטירט פֿון לעאָ באַנדעס.[76] דעם 17טן יאַנואַר פֿאַרעפֿנטלעכט דאָרט עדעלשטאַט זיין ליד "Нoги" (די פֿיס), אין וועלכן ער פֿרעגט: צו וואָס דאַרפֿן די אַמעריקאַנער „פֿיס", ווען זיי האָבן אייזנבאַנען איבערן קאָפּ און אונטער דער ערד? און ער ענטפֿערט דערויף: די אַמעריקאַנער אַר־בעטער דאַרפֿן האָבן פֿיס אַרומצולויפֿן זוכן אַרבעט, אָפּצושטיין שטונדן ביי די פֿאַבריק־טויערן, ביז עס קומט צו פֿאָרן דער באַלעבאָס און זאָגט, אַז ער דאַרף זיי ניט. עדעלשטאַט מאַכט אויך דעם אויספֿיר: „אָ, ווי זיי דאַרפֿן דעמאָלט האָבן די פֿיס, כּדי ניט צו פֿאַלן אינמיטן גאַס, אָן כּוח, אָן גלויבן, אָן האָפֿענונג, [כּדי ניט צו פֿאַלן] צו די פֿיס פֿון די דערפֿאָלג־רייכע אויסוואורפֿן".

די בורזשויען, זאָגט עדעלשטאַט, דאַרפֿן האָבן די פֿיס צו דריקן די אָרעמע און צו צעטרעטן די פֿרייהייט, צו טאַפּטשען אין שמוץ און פֿאַר־אומרייניקן „די הייליקע וואַרהייט אין ליבע", צו האָפּקען ווילד אויף די קבֿרים פֿון די פֿריינט פֿון פֿאָלק און זיינע קעמפֿער. ס'וועט אָבער, זאָגט ער, קומען אַ צייט פֿון פֿאָלקס־נצחון, דעמאָלט וועלן די בורזשויען ניט מער קאָנען באַנוצן זייערע פֿיס אויף צו צעטרעטן די אָרעמע —

אָ, ניין, אָן אַנדערער ז'זייער ציל!
ווען איבער דער וועלט ט'אַ [וועט אַ] גרויזאַמער, אַ שטרענגער
פּלוצים דער געריכט פֿון פֿאָלק אַ דונער טאָן —
דאַן, אויסוואורף, פֿאַרלאָז די פּאַלאַצן
און אָן אָטעם, ניט אומקוקנדיק זיך,
אַנטלויף וואו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט.[77]

אין זיין טאָגבוך דערציילט עדעלשטאַט, אַז דער רעדאַקטאָר פֿון „זנאַמיאַ" האָט פֿאַרקירצט דאָס ליד „די פֿיס" מיט גאַנצע 11 סטראָפֿן. ער דערציילט אויך, אַז ער האָט געוואָלט פֿאַרעפֿנטלעכן זיין ליד „פּראָג־רעס",[78] נאָר „דער פֿערז איז אַ שווערער" און איבעראַרבעטן קאָן ער ניט. ער וואָלט געקאָנט אָפּדרוקן עפּעס אַנדערש, נאָר אים האָט „דערעסן אַרומ־צושלעפּן זיך אין רעדאַקציע". דערצו איז ער ניט געזונט און אַרבעטלאָז.

סוף יאַנואַר קומט עדעלשטאַט פֿון ניו־יאָרק אין נאָענטן שטעטל אָרענדזש, אין נוי־דזשוירסי, צו זוכן אַרבעט אין עדיסאָנס פֿאָנאָגראַף־

פֿאַבריק, צו וועלכער ער האָט אַ רעקאָמענדאַציע. ער קריגט דאָרט אַרבעט ערשט אין אַ דריי וואָכן אַרום און אַרבעט בלויז 4 טעג, פֿון מאָנטיק דעם 18טן ביז דאָנערשטיק דעם 21טן פֿעברואַר. דעם 22טן, צום יום־טוב פֿון וואַשינגטאָנס געבורטסטאָג, ווערט די פֿאַבריק געשלאָסן אויף דריי וואָכן. דערוויל קריגט עדעלשטאַט אַרבעט אין ניו־יאָרק ביי זיין פֿאַך (מאַכן קנאָפּלעכער). ער ווערט צוגלייך זייער טעטיק אין דער גרופּע „פּיאָנערע דער פֿרייהייט", וועלכע הויבט דעמאָלט אָן אַרויסגעבן אַ וועכנטלעכע אַרבעטער־צייטונג מיטן נאָמען „די וואַרהייט". עדעלשטאַט ווערט אַריינגעצויגן אין אָט דער אַרבעט, און דורך איר אין דער יידישער ליטעראַטור.

8

„די וואַרהייט"

„די וואַרהייט" איז געווען די ערשטע יידישע צייטונג אין אַמעריקע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. די „פּיאָנערע דער פֿרייהייט" האָבן געפּלאַנט צו מאַכן זייער צייטונג פֿאַר אַ „סאָציאַליסטיש־אומפּאַרטייאישער", אויפֿן שטייגער פֿון דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער פֿריינד", וואו סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן האָבן געאַרבעט צוזאַמען. די אַרויסגעבער פֿון דער „וואַרהייט" האָבן דעריבער געוואָלט אַראָפּברענגען פֿאַר אַ רעדאַקטאָר מאָריס ווינטשעווסקין, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פֿון אַ „פֿריידענקענדן" (ס׳הייסט: אומפּאַרטייאישן) סאָציאַליסט.[79] ווען דאָס געלינגט זיי ניט, ברענגען זיי אַראָפּ פֿון לאָנדאָן אַן אַנאַרכיסטישן זשורנאַליסט, יוסף יאַפּפּאַ, וועלכער האָט דאָרט מיטגעאַרבעט אינעם אומפּאַרטייאישן „אַרבייטער פֿריינד".

איידער יאַפּפּאַ איז געקומען, איז אויף דערוויל באַשטימט געוואָרן אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע פֿון צוויי מיטגלידער: הלל זאָלאָטאַראָוו און דוד עדעלשטאַט.[80]

הגם עדעלשטאַט האָט ביז דעמאָלט געשריבן זיינע לידער נאָר אין רוסיש, דערמוטיקן אים זיינע נאָענטע חברים צו שרייבן פֿאַרן ערשטן נומער „וואַרהייט" (15טן פֿעברואַר 1889) אַ באַגריסונג־ליד אין יידיש. דוד עדעלשטאַט איז ניט זיכער, אַז ער וועט געפֿינען גענוג יידישע ווער־

טער פֿאַר אַזאַ ליד. זוכט ער פֿאַר זיין ליד אַ מוסטער, און געפֿינט עס — אָדער זיינע חברים ווייזן עס אים אָן — אין ווינטשעווסקיס „צורוף צום אַרבייטער פֿריינד”, געשריבן אין יולי 1885. עדעלשטאַט רופֿט אָן זיין ליד „צורוף דער 'וואַרהייט'” (אַ רוף צו דער „וואַרהייט”) און מאָדעלירט עס לויט ווינטשעווסקיס ליד. אַפֿילו זיינע גראַמען נעמט ער אויך פֿון דאָרט (וואַרהייט — קלאַרהייט, ברידער — גלידער, וועלט — געלט); זיינע איבעריקע גראַמען (הערצן — שמערצן, שטראַלן — פֿאַלן, נאַכט — מאַכט און קנעכט — רעכט) נעמט עדעלשטאַט פֿון ווינטשעווסקיס אַנדערע, דעמאָלט באַקאַנטע לידער. פֿון ווינטשעווסקין נעמט אויך עדעלשטאַט אַ ריי אויסדרוקן (וואָרט אין וואָרט אָדער אַ ביסל געענדערט), צ״ב „אָרעמע ברידער” — פֿאַר אַרבעטער; ער באַגריסט די ציימונג פֿון „הערצן” (ווינטשעווסקי האָט באַגריסט מיט „הערצלעכע פֿרייד”); ער רופֿט אָן די אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער „געפֿאַלענע קנעכט” (ביי ווינטשעווסקין — „איינגעבילדעטע קנעכט”). ווינטשעווסקי שרייבט:

> פֿאַרקינדיק [זאָג אָן] דעם אויפֿגאַנג פֿון דער ליכטיקער זאָנע
> און וווייז זיי דעם סוף פֿון דער פֿינצטערער נאַכט.

עדעלשטאַט שרייבט:

> קום, באַלויכט מיט דיינע הימלישע שטראַלן
> די שרעקלעכע פֿינצטערע נאַכט.

דאָך זיינען פֿאַראַן ענדערונגען אין דעם אופֿן, ווי אַזוי עדעלשטאַט דריקט אויס זיין סאָציאַלע לאַגע ווי אַן אַרבעטער. צ״ב, דאָרט, וואו ווינטשעווסקי זאָגט צום „אַרבעטער־פֿריינט”: „קלער אויף מיינע אָרעמע ברידער”, בעט עדעלשטאַט ביי דער „וואַרהייט”: „קום, דערקלער אונדז”. ער טראָגט אויך אַריין מער וועזנטלעכע ענדערונגען: דאָרט, וואו ווינטשעווסקי רעדט וועגן דער „לערע” (פֿון „פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט”), באַניצט עדעלשטאַט דעם אויסדרוק „קאַמף” (פֿאַר „ליבע און וואַרהייט”); ווינטשעווסקי ראָט דעם „אַרבעטער־פֿריינט” צו גיין זיין וועג און ניט קוקן אויפֿן גרעלעכטער פֿונעם „שקלאַף, וואָס בלייבט אייביק אַן איינבילדונג־קנעכט”, — עדעלשטאַט בעט ביי דער „וואַרהייט”:

> באַגייסטער, פֿאַראייניק דיינע אָרעמע ברידער!
> הייב אויף דעם געפֿאַלענעם קנעכט.
> צעברעך זיינע קייטן, באַפֿריי זיינע גלידער
> און גיב אים דאָס מענטשלעכע רעכט!...

פֿאַרן ערשטן נומער „וואַרהייט” האָט געבראַכט אַ ליד אויך מאָריס ראָזענפֿעלד — שוין דעמאָלט דער באַדייטנדיקסטער יידישער אַרבעטער־

דיכטער אין אַמעריקע. ראָזענפֿעלדס ליד „אַן די פּאָעטן" (צו די פּאָעטן — געדרוקט אין אַ שפּעטערדיקן נומער „וואַרהייט"), אין וועלכן ער רופֿט צו די דיכטער: „לאָזט צורו די רויזן, די ליליען, די שמעטערלינגען, די נאַכטיגאַלן", „זינגט קאַנאָנען־לידער... שפּיזן־לידער..." און „וועקט בע־סער צום קאַמף אייערע ברידער!" — איז אָן ספֿק געווען אָן אַ שיער בעסער ווי עדעלשטאַטס ערשטלינג־ליד אין יידיש. דער „זיצער" פֿון דער רעדאַקציע, ש. יאַנאָווסקי, וועלכער האָט אויסגעפֿילט צייטווייליק די פֿליכטן פֿון אַ טעכנישן רעדאַקטאָר, האָט געוואָלט אָפּדרוקן ראָזענפֿעלדס ליד. נאָר עדעלשטאַטס פֿריינט און חבר פֿון סינסינעטי, הלל זאָלאָטאַראָוו, איז באַשטאַנען דורכאויס, אַז עדעלשטאַטס ליד זאָל אַריין אין ערשטן נומער „וואַרהייט".[81] אַזוי אַרום האָט ער אַריינגעצויגן דעם רוסישן דיכטער אין דער יידישער ליטעראַטור.

וועגן אָט דער געשעעניש שרייבט עדעלשטאַט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אין זיין קאַפּיטל דערינערונגען „דער ערשטער שטראַל" („פֿאַ"ש" פֿון 3טן יולי 1891). ער געדענקט ניט מער, ווען דאָס איז געווען. אים דוכט זיך, אַז דער ערשטער נומער „וואַרהייט" איז אַרויס אין אָקטאָבער 1888 (אַנשטאָט פֿעברואַר 1889). ער געדענקט אָבער קלאָר זיינע איינדרוקן פֿון יענעם מאָמענט. ער שרייבט:

> פֿאַר מיר פּערזענלעך איז דאָס געווען אַ טאָפּלטע שמחה: צוזאַ־מען מיט דער „וואַרהייט" איז אויך געבוירן געוואָרן מיין יידישע מוזע, מיין ערשטעם יידישעם געדיכט. ווען איך האָב געשריבן מיין ערשטע זשאַרגאָנישע באַגריסונג צו דער „וואַרהייט", האָב איך נאָך ניט געדענקט, אַז מיין רוסישע מוזע וועט זיך טויפֿן אין אַ יידישקע מיט אַ רויטע ספּאָדניצע און וועט וועקן ישראליקן צום קאַמף. אָבער אַזוי איז מיר אַפּנים באַשערט געווען פֿון דעם גאָט [פֿון] דער פּאָעזיע, פֿון דעם גאָלד־לאָקיקן אַפּאָלאָ, וועלכער, ווי איך זע, מוז אויך זיין אַ גרויסער אַנטיסעמיט, אַניט וואָלט ער מיר ניט געגעבן קיין יידישע מוזע!

צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים איז עדעלשטאַט „געזעסן אין דער רעדאַקציע אַ גאַנצע נאַכט" און „זי [די „וואַרהייט"] ווי אַ הייליקייט אַרויס־געטראָגן פֿון דער רעדאַקציע", ווען זי איז באַגינען פֿאַרטיק געוואָרן צום דרוק. אין אַ פּאָר שעה אַרום, דערציילט עדעלשטאַט, איז איינער געקומען צו לויפֿן מיט אַ נומער „וואַרהייט". זיי זיינען אַלע אויף אים אַרויפֿגעפֿאַלן. „יעדער האָט געוואָלט זען דאָס ניי־געבוירענע פּראָלעטאַריער־קינד":

> „לאָזט מיך אַ קוק טאָן!", האָב איך געשריען, שטופּנדיק זיך צווישן די גענאָסן. איך בין אויך געווען נייגעריק צו זען מיין מוזע אין דער

זשאַרגאָנישער ספּאַדניצע. אָבער די צײַטונג וואָר [איז געוואָרן] אין דעם גרויסן קאַמף צעריסן. און איך האָב נאָר געקאָנט זען שטיקלעך פֿון מיין ערשטן יידישן געדיכט.

אין זיין צווייט ליד „געדאַנקען אין פֿאַבריק" (22טן פֿעברואַר 1889) פּרוּווט זיך עדעלשטאַט באַנוצן מיט דער פֿאָרם פֿון די פֿאָלקלאָר־לידער, וואָס ער האָט געהערט זינגען יידישע אַרבעטער אין די שניידער־פֿאַבריקן. דאָס דאָזיקע ליד (וואָס איז ניט אַריין אין קיין איין עדעלשטאַט־אויסגאַבע) איז געשריבן אין פּאָר־גראַמען, אין 4־, 8־ און 10־שורותדיקע סטראָפֿן. עס הויבט זיך אָן מיט די שורות:

עס לויפֿן די רעדער, עס רוישן די מאַשינען —
פֿון קאַפּיטאַליסטן געפֿאַנגענע בינען;
זיי קלייבן פֿאַר רייכע דעם האָניק צוזאַמען
און פֿאַר די אַרבעטער ביטערע סמען.

מיט דער ערשטער שורה הויבט עדעלשטאַט אָן אויך די צווייטע סטראָפֿע:

עס לויפֿן די רעדער, עס רוישן די מאַשינען,
טייכן פֿון בלוטיקן שוויס טוען רינען.

אַ סך אויסדריקן פֿון דעם ליד „געדאַנקען אין פֿאַבריק" חזרן זיך איבער אין עדעלשטאַטס שפּעטערדיקע לידער, — צ"ב, די ווערטער „ביטערע סמען", „אַרבעטער־טרערן", „די וועלט איז אַ פֿינצטערער יאָמערטאָל", „דער מענטש איז צום ווילדן ט י ר [חיה] געוואָרן", „מענטשן זיינען קנעכט", „איין ברודער דעם צווייטן גזלט", „טויזנטער הונגעריקע קינדער און ווייבער פֿאַרקויפֿן פֿאַר ברויט זייער ערע, זייערע לייבער"; יעדער טויט פֿון אַ פֿרייהייט־מאַרטירער רופֿט ביי אים צום „קאַמף און ראַכע", „ניט אייביק וועט הערשן די פֿינצטערע נאַכט" און אַ „פֿרייע גליק־לעכע מענטשהייט" וועט „באַזיצן די ערד". מיט די ערשטע שורות פֿון דער ערשטער און צווייטער סטראָפֿע, עטוואָס געענדערט, הויבט אָן עדעל־שטאַט אויך זיין פּאָפּולער ליד „דער אַרבעטער" — „שנעל לויפֿן די רעדער, ווילד קלאַפּן די מאַשינען".

אין זיינעם אַ בריוו פֿונעם 28טן פֿעברואַר צו דער שוועסטער שרייבט עדעלשטאַט, אַז אין ליד „געדאַנקען אין פֿאַבריק" איז פֿאַראַן בדחנות. דאָך איז ער שוין ביי זיך מוטיקער. ער פֿאַרשטייט, אַז פֿריער אָדער שפּעטער וועט ער באַהערשן די יידישע שפּראַך און וועט ווערן אַ דיכטער פֿון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. זיין דריט ליד, „אין קאַמף", האָט ער שוין מאָ־דעלירט לויט דער פֿאָרם פֿון זיינע רוסישע לידער, וועלכע זיינען כמעט אַלע געשריבן אין קרייץ־גראַמען.

מיט דעם ליד „אין קאַמף״, געשריבן אין 4־שורותדיקע סטראָפן, איז עדעלשטאַט שוין געווען צופרידן. ער רעקאָמענדירט זיין שוועסטער צו זינגען דאָס ליד מיט דער מעלאָדיע פון „איך זיץ ביי מיין אַרבעט״, וואָס דער אַלטער שניידער זאַלאַטאַראָוו פלעגט זינגען אין זייער ראַדיקאַלן קלוב אין סינסינעטי. ער איז „ביז טרערן צופרידן״, וואָס זיין „טאַטינקע״ וועט „איצטער קאָנען אַליין לייענען די פּאָעזיע פון זיין פּאָעט״. און „איך אַליין — שרייבט עדעלשטאַט — בין איצטער אויך איינגעליבט אין דער יידי־שער שפּראַך און געפין, אַז זי איז זייער מוזיקאַליש און פּלאַסטיש אויף אויסצודריקן דעם פאָלקס ליידן און זיינע האָפענונגען אויפן זיג פון אמת און ברידערלעכקייט״.

עדעלשטאַטס ליד „אין קאַמף״ ווערט באַלד זייער פּאָפּולער. מיט אַ יאָר שפּעטער שטעלט מאָריס ראָזענפעלד עדעלשטאַטס „אין קאַמף״ אין איין ריי מיט ווינטשעווסקיס „מאַרסעליעזע״ און באַטראַכט ביידע לידער פאַר פּראָלעטאַרישע מוסטער־לידער. אין זיין ליד „דער וואַרער [אמתער] רעטער — רעוואָלוציאָן״ („מאָרגנשטערן״, 14 מערץ, 1890) פאָדערט אויף ראָזענפעלד די רעוואָלוציאָנערע דיכטער:

> זינגט אונדז יעצט דאָס ליד „אין קאַמף״,
> זאָל דונערן די מאַרסעליעזע!

ניט וויניקער דערפאָלג האָט עדעלשטאַטס ליד „די צוואה״ („וואָר־הייט״, 22טן מערץ), צו וועלכן זיינע חברים האָבן באַלד צוגעפּאַסט אַ מע־לאָדיע פון אַ רוסישן רעוואָלוציאָנערן ליד.[83]

אין אַ בריוו צו זיין שוועסטער פונעם 23טן מערץ שרייבט עדעלשטאַט: „׳די צוואה׳ מיינע איז אַ סך אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ביי זיי איז אויסגע־וואַקסן אַן אַפּעטיט צו אַזאַ פּייערלעכער לוויה״.[83]

פון עדעלשטאַטס 14 געזונגענע לידער זיינען אַכט („אין קאַמף״, „די צוואה״, „נאַטור און מענטש״, „אין לאַנד פון די פּיראַמידן״, „מיין לעצטע האָפענונג״, „דער שניידער״, „דער אַרבעטער״ און „דער וועקער״) גע־שריבן אין דער ערשטער העלפט פון יאָר 1889. דריי פון זיי, „אין קאַמף״, „די צוואה״ און „דער אַרבעטער״, זיינען אויסגענוצט געוואָרן אין פאָלק־לאָרישן אַרבעטער־ליד.[84] די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד פלעגן זיי אויך באַניצן פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן.[85] די צאַרישע רעגירונג פלעגט דעריבער פאַרפאָלגן די אַרבעטער, ביי וועמען מען האָט געפונען עדעלשטאַטס לידער.[86]

פונקט ווי מאָריס ראָזענפעלד אין „אַרבעטער־פריינד״, אַזוי אויך שרייבט זיך אונטער עדעלשטאַט אין דער „וואָרהייט״ מיט לאַטיינישע

בוכשטאַבן (מאָריס ווינטשעווסקי פֿלעגט דעמאָלט נאָך אינגאַנצן ניט אונטערשרייבן זיין נאָמען אויף זיינע לידער). פּונקט ווי ווינטשעווסקי און ראָזענפֿעלד, אַזוי באַניצט זיך אויך עדעלשטאַט מערסטנס מיט קרייץ־גראַמען. ער האָט אָבער אויך אַנדערע פֿאָרמעס: פּאָר־גראַמען („געדאַנקען אין פֿאַבריק"), גאַרטל־גראַמען („דער וועקער", „דער פֿאַל פֿון דער באַסטיליע") און דורכגעלאָזטע גראַמען („וואָרע און פֿאַלשע העלדן", „דאָס פֿאַבריק־קינד" און „דער אַרבעטער").

עדעלשטאַטס לידער אין דער „וואָרהייט" צייכענען זיך אויס מיט זייער דירעקטן אַפּעלירן צו די אַרבעטער־מאַסן. אונטערן איינפֿלוס פֿון ווינטשעווסקיס לידער פֿון נויט[87] און ראָזענפֿעלדס לידער פֿון שאַפּ פֿאַרעפֿנטלעכט אויך עדעלשטאַט אַ ריי לידער, וואו ער באַשרייבט דירעקט דעם עלנט און די נויט פֿון די אַרבעטער־מאַסן. אין זיינע שפּעטערדיקע לידער האָט ער קיין געדולד ניט פֿאַר רעאַליסטישע שילדערונגען פֿונעם לעבן אין זיין צייט. ס'לאָזט זיך אַלץ מער פֿילן די אַנאַרכיסטישע וועלט־אַנשויאונג, די אָפּגעריסנקייט פֿון דער קאָנקרעטער פּראָלעטאַרישערווירקלעכקייט.

אַ טייל פֿון זיינע לידער אין דער „וואָרהייט" האָט עדעלשטאַט איבערגעדיכטעט פֿון זיינע רוסישע לידער. אַזאַ איבערדיכטונג האָבן מיר אין „בלומען און שטערן" (געדרוקט אין „וואָרהייט", 17טן אַפּריל), איבערגעדיכטעט פֿון ליד "Картинки"; אין זיין ליד „וואָרע [אמתע] און פֿאַלשע העלדן" (געדרוקט אין „וואָרהייט" פֿון 8טן מאַי) — פֿון ליד "Герой нашего времени"; זיין ליד „מיין לעצטע האָפֿענונג" („וואָרהייט" פֿון 10טן מאַי) האָט גאַנצע סטראָפֿן פֿון "Записки пролетарйя"; „אַ שטיקעלע ברויט" („וואָרהייט" פֿון 13טן מאַי) האָט מאָטיוון פֿון "Друзьям" און פֿון "Работники".

איין ליד — „דער אַרבעטער" („וואָרהייט", 7טן יוני) איז פֿאַרעפֿנטלעכט מיט אַ צושריפֿט „נאָך נעקראַסאָוו". אין עדעלשטאַטס מאַנוסקריפּט איז אָט די באַצייכענונג ניטאָ. עס זעט אויס, אַז עדעלשטאַט האָט, ווי ס'איז אָנגעוויזן אין דער זאַמלונג „פּראָבלעמען פֿון פֿאָלקלאָריסטיק" און אין „פֿאָלקלאָר־לידער",[84] גענומען דעם דאָזיקן מאָטיוו פֿון אַ רוסיש־פֿאָלקיסטישן וועבער־ליד, וואָס ער האָט אינגאַנצן איבערגעאַרבעט און אים געגעבן אַ רעוואָלוציאָנערע טענדענץ. ער האָט עס, מעגלעך, געהערט זינגען אין אַ רוסישן ראַדיקאַלן קרייז. נאָר ניט זייענדיק זיכער אין דעם, האָט אַפּשר ער אַליין, אָדער דער רעדאַקטאָר (ווען עדעלשטאַט האָט איבער־

געגעבן זיינע ספקות אין לעצטן מאָמענט) צוגעשטעלט די ווערטער „נאָך נעקראַסאָוו״.

צווישן עדעלשטאַטס לידער אין דער „וואַרהייט״ זיינען פאַראַן צוויי, וואָס האָבן צו זיך ניט קיין גלייכן אין זיינע ווייטערדיקע שאַפונגען. דאָס זיינען „יציאת־מצרים״ (אין לאַנד פון די פּיראַמידן)[88] און „בלומען און שטערן״.

עדעלשטאַט באַניצט זיך ניט אין ערגעץ מיט קיין ביבלישע מאָטיוון. די היסטאָרישע מאָמענטן אין זיין פּאָעזיע און פּראָזע זיינען: די פראַנ־צויזישע רעוואָלוציע (1789), די פּאַריזער קאָמונע (1871), דער אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן (1881) און די שיקאַגער טראַגעדיע (1886—1887). זיין טעמע „יציאת מצרים״ נעמט עדעלשטאַט אַ פּאַרטיקע ביי יאָהאַן מאָסט, וועמעס אַרטיקל „דער נייער יציאת מצרים״ איז געווען געדרוקט אין דעם ערשטן נומער פון דער „וואַרהייט״. מאָסט פלעגט האַלטן ספּעציעלע רעדעס אויף אָט דער טעמע, ווי עס איז צו זען פון די אַנאָנסן אין דער פּרעסע פון יענער צייט און אויך פון די שפּעטערדיקע יאָרן.[89] נאָר בעת אין מאָסטס אַרטיקל ווערט דערקלערט, אַז „משה איז דער סאָציאַליזם״, רעדט עדעלשטאַט בלויז פון סתם אַ העלד. עדעלשטאַטס אויספיר איז: „פאָלק, זיי דו זעלבסט דיין שיינער העלד!״.

אַלע שקלאַפן זינד [זיינען] יעצט ברידער,
רייכט זיך, ברידערלעך, די הענט,
שטירצט [וואַרפט] דיווילדע פּרעה׳ס נידער [אַרונטער]
און פון קנעכטשאַפט מאַכט אַן ענד!

אין זיין ליד „בלומען און שטערן״ („וואַרהייט״, 19טן אַפּריל 1889), האָט עדעלשטאַט געזוכט אויסצודריקן און גלייכצייטיק צו פאַרמאַסקירן זיין אינעווייניקסטן געראַנגל צווישן פרויען־ליבע און געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, צווישן „ערדישע בלומען״ און „הימלישע שטערן״.

דוד עדעלשטאַט איז אַ פּאָר מאָל געווען שטאַרק פאַרליבט: איין מאָל אין אַ ביבליאָטעקאַרין אין סינסינעטי,[90] אַ צווייט מאָל אין אַ פידל־שפּי־לערין אין ניו־יאָרק.[91] וועגן זיין ערשטער ליבע האָט ער געזונגען בלויז אין רוסיש, אין זיין ליד "Милая Американка" (ליבע אַמעריקאַנערין):

קינד פון ליבע, קינד פון פרייהייט,
הימל־שיינע קינד,
פון נאַטור די שענסטע שאַפונג —
ביסט מיין טרוים אַצינד.

אָ, ווי איך וואָלט איצט וועלן שפּירן
דאָס וואָרט פון „זיין אָדער ניט זיין",
צי וועסטו ערלעך מיך נאָך ליבן,
צי אפשר ווערן מיר א פּיינט.[22]

וועגן דער ניו־יאָרקער פּידל־שפּילערין האָט עדעלשטאַט אַ פּאָר לידער אין רוסיש — "Картинки" (בילדלעך) און איין ליד אין יידיש — „בלומען און שטערן". אין ביידערליי לידער מאָלט עדעלשטאַט זיין געליבטע אין דער געשטאַלט פון אַ בלום. זיין יידיש ליד הויבט ער אָן מיט די ווערטער „איך בין פאַרליבט אין אַ שניי־ווייסע בלום". אין איינעם פון זיינע רוסישע לידער שילדערט ער זי ווי אַ ליליע (וואָס איז אַ טאָכטער פון אַטלאַנטיק און ריין) מיט וואונדער־אויגן פון אַ דייטשקע און מיט אַ געשטאַלט פון אַ יענקי. אין אַ צווייט ליד אין רוסיש זינגט עדעלשטאַט אַזוי:

כ'האָב פאַרליבט זיך אין דער ליליע,
זי איז שנייאיק־ווייס און מילד,
און איך קוש זי און איך האָלדז זי,
און איך גלעט איר הייליק בילד.

כ'קום ביינאַכט צו דער אַלייע,
פאַרטייעט גיי איך צו איר צו —
עס דרימלט איין מיין בלייכע ליליע
אין שטילער און אין זיסער רו.

מיט לבנה־שיין באשפּריצט שוין
איז איר קערפּערל איר צאַרטס,
און זי אָטעמט ווי דער פרילינג,
ווי דער פרילינג אין מיין האַרץ.

דער גערויש פון קוואַל פון בלויען
האָט זי שוין פאַרוויגט פון לאַנג,
ווי דאָס ליד פון צויבער־פויגל,
וועלכער ציטערט פון געזאַנג.[13]

די שיינע יונגע פּידל־שפּילערין, אין וועלכער דוד עדעלשטאַט איז געווען האָפענונגסלאָז פאַרליבט, און שטאַרק אייפערזיכטיק, פלעגט אין די אָוונטן אַרויסטרעטן אין אַ ביר־גאָרטן. פלעגט עדעלשטאַט אין אָוונט קומען אַהין טרינקען אַ גלאָז ביר, כדי זי צו זען.[91] ער האָט אָבער קיין מוט ניט געהאַט צו דערקלערן זיך איר אין ליבע (ווי עס איז געווען ביי אים דער פאַל מיט זיין געליבטער ביבליאָטעקאַרין אין סינסינעטי).

וועז עס קומט די נאַכט, און עס איז שטיל אומעטום,
אין הימל שיינען די שטערן,
דאַן גיי איך אין גאָרטן צו מיין שניי־ווייסע בלום —
צו זען זי בין איך גערן.

זעט ער זי ניט, ווילט זיך אים „קלאָגן", און ווען ער זעט זי יאָ, ווערט ער „שטום" און קאָן קיין וואָרט „ניט זאָגן".

עדעלשטאַט מאַכט פון זיין נויט אַ טוגנט. ער דערקלערט, אַז מען קאָן זיך אויף די „ערדישע בלומען" ניט פאַרלאָזן — זיי ליבן היינט שיינע רויזן און מאָרגן די נאַכטיגאַל און איבערמאָרגן אַ גאָלדענע פליג.[92] ער גיט אָפּ דעריבער דעם פאָרצוג „די הימלישע שטערן", וואָס זיינען גוט און טריי, נאַרן ניט און שטערן ניט (ווי די פרויען־ליבע) „צו זיין פאַר־בינפּטיק און פריי" — די „הייליקע שטערן",

וואָס וועלן באַלייכטן מיט בליצנדע שטראַלן
פאַר עלנטע מענטשן דעם וועג,
און אין דער פינצטער ניט לאָזן זיי פאַלן —
פירן צו א הייליקן צוועק.

די ניט־קלאָרקייט פון עדעלשטאַטס „בלומען און שטערן" איז אויס־געלאַכט געוואָרן אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד" פון 10—17טן מאַי, 1889. פונקט ווי אין דער „וואָרהייט", איז דאָרט געווען אַן אָפּטייל „אָפּפער־אַלטאַר", און ווער עס האָט געבראַכט אַן „אָפּפער" (ביישטייערונג) אויפן „אַלטאַר" (פאַרן פאָנד) פון דער צייטונג, האָט געהאַט די פּריווילעגיע עפּעס צוצושרייבן דערצו.[93] האָט עמעצער געגעבן 2 פּענס און אָנגעשריבן:

פר. [פריינט] ד. עדעלשטאַט — וואָס זאָל איך שליסן פון אייערע בלומען און שטערן? די דופּט שמעקט — דער בלומען זינען וועלקט.

זיין געראַנגל צווישן פרויען־ליבע און סאָציאַלן אידעאַל האָט עדעל־שטאַט געזוכט צו פאַרבאָרגן אַפילו פון זיין איינציקער שוועסטער, מיט וועלכער ער איז, געוויינלעך, געווען זייער אָפנהאַרציק. אין אַ בריוו פונעם 23טן מערץ, אַן ערך מיט אַ חודש פריער, ווי ס'איז געווען געדרוקט זיין ליד „בלומען און שטערן", זוכט עדעלשטאַט אָפּצומעקן ביי זיין שוועסטער יעדן חשד, אַז ער איז פאַרליבט אין אַוועלכער־ס'ניט־איז פרוי. ער דער־קלערט איר, אַז ער איז שוין „צו אַלט פאַר דער ראָלע פון אַ פאַרליבטן". און אַז ער איז פאַרליבט בלויז אין זיין מוזע. דאָך, ווי ס'איז קענטיק פון זיינע שפּעטערדיקע בריוו, איז דער 23־יאָריקער אַרבעטער־דיכטער געווען אַרומגערינגלט מיט שיינע יונגע פרויען, צו וועלכע ער איז גאָרניט געווען גלייכגילטיק. זיין שעמעוודיקייט האָט אים אָבער ניט דערלאָזט צו דער־

נענטערן זיך אַפּילו צו די, וועלכע ער האָט געליבט. שפּעטער באַקומען בײַ אים די „שטערן" די אויבערהאַנט איבער די „בלומען" און ער לעבט בלויז פאַר זײַן אידייע.

*

פאַר זײַן אַרבעט אין שנײַדער־שאַפּ האָט עדעלשטאַט באַקומען 8 דאָלער אַ וואָך.[94] דאָס איז אים, לויטן געלט־ווערט פון 1889, געווען פול־שטענדיק גענוג צום לעבן. אַלס רעזולטאַט אָבער פון זײַנע פיר אַרבעטס־לאָזע חדשים אין ניו־יאָרק, האָט ער געהאַט אַ סך חובות, און, ווי ער דריקט זיך אויס אין אַ בריוו צו דער שוועסטער פון יוני 1889: „אַלע פאָדערן, און אַלעמען דאַרף מען באַצאָלן". עדעלשטאַט האָט דעריבער געמוזט לעבן זייער אָרעם. ער האָט געוואוינט בײַ די עלטערן פון זײַן חבר הלל זאָלאָטאַראָוו, מיט אים צוזאַמען אין אַ „דריטל ווערשקן קעמערל, טונקל, פייכט און שווער צו אָטעמען".[95] די איינציקע דעקאָראַציע אין זײַן צימער איז געווען אַ בילד פון היינע, געשענקט פון אַ פאַרערערין.[96]

אַננאַ נעטער

דעם 25טן מאַי האָבן עדעלשטאַטס פֿריינט געפּייערט זיין געבורטס־טאָג.[97] אין אַ בריוו פֿונעם 28טן מאַי צו זיין שוועסטער דערציילט ער, אַז גלייך באַגינען האָט אים זיין גוטע באַקאַנטע אַנאַ נעטער[98] געבראַכט אַ בוקעט בלומען. „מיר רופֿן זי — שרייבט ער — די קליינע גוטע נעטער. דאָס איז אַ קליינטשקע שייִנינקע ברונעטין, אַ ביסל אַן עקסצענטרישע, נאָר זייער אַן ערלעכע און אַ גוטע”. בייטאָג האָט ער מיט עטלעכע פֿריינט פֿאַרבראַכט אויפֿן קליינעם אינדזל, וואו עס שטייט די „פֿרייהייט־סטאַטוע”. אין אָוונט ווערט לכּבוד אים געהוליעט ביז 2 אַזייגער אין דער נאַכט. אויף דער הוליאַנקע זיינען געווען „סאָציאַליסטן און סאָציאַליסטקעס און גלאַט מיידלעך פֿון אונדזער קרייז, פֿאַרערערינס פֿון מיין פּאָעטישן טאַלאַנט”. עס זיינען געהאַלטן געוואָרן רעדעס וועגן זיין „באַדייטונג אַלס פּאָעט, אַלס מענטש, אַלס פֿריינט” אאַז”וו.

עדעלשטאַט איז אין ניו־יאָרק אַרומגערינגלט מיט פֿריינט און חברים. ער האָט חשק דאָרט צו פֿאַרבלייבן און ניט מער צוריקצוקערן קיין סינסינעטי. נאָר די פֿאַמיליע ציטערט איבער זיין שוואַכן געזונט. אין ליד "Сон" (אַ חלום), געווידמעט זיין שוועסטער, שטעלט ער זיך פֿאָר, ווי ער איז אין דער היים, און די מאַמע זאָגט צו אים: „מיין קינד, דו ביסט בלייך” . . . „האָסט זיך געמאַטערט, האָסט געליטן נויט אין דער פֿרעמד” . . .[99] דערצו נויטיקט זיך זיין אָרעמע פֿאַמיליע, ער זאָל געבן צושטייער אויף איר חיונה. זיינע עלטערן און שוועסטער פֿאַרלאַנגען דעריבער, ער זאָל קומען צוריק אַהיים.[100] דאָס איז פֿאַר אים אַ שווערע פּראָבלעם. „אַז איך הויב אָן טראַכטן וועגן מיין נסיעה — שרייבט ער אינמיטן יוני צו זיין שוועסטער — קומען ביי מיר אויף צוויי פֿאַרשיידענע דילעמעס: איך וויל אייך אַלעמען זען, לעבן מיט אייך און טיילן מיט אייך אַלץ, וואָס עס פֿאַלט אויס אויף אונדזער גורל. און דערנאָך דערמאָנט זיך ווידער אונדזער פֿאַרשלאָפֿענע שטאָט, וואָס אָטעמט קוים, מיט איר מאָנאָטאָנישקייט, און מיר דוכט זיך, אַז איך וועל ווידער ניט קאָנען לאַנג זיך האַלטן אין איר שטיקנדיקער סביבה. אָבער נאָך לאַנגע טראַכטענישן האָב איך פֿאַרט באַשלאָסן קומען צו פֿאָרן, אויב ניט אויף שטענדיק, איז אויף אַ שטיקל צייט”.

זיין לעבן אין ניו־יאָרק כאַראַקטעריזירט ער מיט פֿרוגס ווערטער:

פֿרייד אַ טראָפּן, לייד אַ כּוס —
דאָס איז אונדזער לעבנסמאָס.

ער הייסט געבן צו וויסן דער סינסינעטער ביבליאָטעק, אַז „דער פֿלייסיקער באַזוכער קומט ווידער, נאָר מיט אַ נייער באָרד און מיטן

נאָמען פֿון אַ יידישן פּאָעט". ער באַמערקט דערצו, אַז דאָס זיינען די איינ־ציקע זאַכן, וואָס ער וועט ברענגען צו פֿירן פֿון ניו־יאָרק.

צו עדעלשטאַטס אַנטשיידונג צוריק צו פֿאָרן קיין סינסינעטי האָט אויך בייגעטראָגן די שלעכטע לאַגע פֿון דער „וואַרהייט". דעם 14טן יוני איז די „וואַרהייט" ניט דערשינען. דעם 21טן איז זי דערשינען מיט עדעל־שטאַטס רוף „אַן [צו] די גענאָסן", אין וועלכן ער שרייבט:

די וואַרהייט ליגט עלנט אין קייטן געשלאָסן,
פֿאַרוואונדעט פֿון שרעקלעכן פֿיינט,
אָ, וואַרהייט! וואו זיינען דיינע טרייע גענאָסן?
וואו זיינען דיינע ערלעכע פֿריינט?

ער וויל ניט גלויבן, אַז אַלץ איז שוין פֿאַרלוירן:

ניין, ברידער, איך קען ניט, איך וויל דאָס ניט גלויבן!
מיר זיינען פֿאַרמאַטערט, פֿאַרשקלאַפֿט,
אין שטייגן פֿאַרצאַמט, ווי געפֿאַנגענע לייבן,
אָבער דאָך איז ניט טויט אייער קראַפֿט.

ער ווייזט אָן, אַז ווער עס ווייסט די געשיכטע פֿון דער וועלט, דער קאָן די האָפֿענונג אויף פֿרייהייט ניט פֿאַרלירן —

און ווען איר האָט האָפֿענונג, פֿאַרלירט ניט די וואָפֿן,
וואָס קאָנען אייך פֿירן צום זיג,
פֿאַרלירט ניט די וואַרהייט, זי קעמפֿט פֿיר די שקלאָפֿן,
פֿיר מענטשלעכע פֿרייהייט און גליק!

דעם 28טן יוני דערשיינט ווידער אַ נומער פֿון דער „וואַרהייט". איר אונטערגאַנג איז שוין אָבער אומפֿאַרמיידלעך. איר לעצטער (20טער) נומער דערשיינט דעם 12טן יולי, ווען עדעלשטאַט איז שוין צוריק אין סינסינעטי, פֿון וואַנען ער האָט צוגעשיקט אין דער צייטונג זיין ליד „דער פֿאַל פֿון דער באַסטיליע" (געשריבן דעם 6טן יולי).

זיינע לעצטע צוויי לידער אין דער „וואַרהייט" זיינען די איינציקע, וואָס זיינען געווען געשריבן אין זעקס־שורותדיקע סטראָפֿן און אין גאַרטל־גראַמען. ביידע אַנטהאַלטן פֿלאַמיקע אויפֿרופֿן צום קאַמף קעגן שונא. אינעם ערשטן פֿון אָט די צוויי לידער, „דער וועקער" (28טן יוני), רופֿט עדעלשטאַט די אַרבעטער צו קומען מיט „פֿרייע ווערטער, פֿרייע הערצער" אין זיין „פֿאָלק", וואָס וויל „פֿון שקלאַפֿן־יאָך באַפֿרייען דאָס אונטער־דריקטע פֿאָלק":

הערט ווי אונדז דער פֿיינט באַליידיקט,
גאָטעספֿורכט און קנעכטשאַפֿט פּרעדיקט
פֿיר דעם אַרבעטסמאַן...

שוין גענוג אין קייטן שלאָפֿן,
ברעכט די קערקער־טירן אָפֿן,
טויט צו דעם טיראַן!

אין ליד „דער פֿאַל פֿון דער באַסטיליע" שילדערט עדעלשטאַט, ווי עס פֿאַלט די באַסטיליע — „די שרעקלעכע מאַכט פֿון פֿראַנקרייכס געקרוינטע באַנדיטן". איצט זעט ער, ווי עס הויבט זיך אויף אַ געוואַלדיקער שטורעם קעגן דער „שוואַרצער באַסטיליע" פֿון דער וועלט, וואו אַ ברודער דערמאָרדעט דעם צווייטן, דריקט אים, באַרויבט אים און שליסט אים אין קייטן, פֿאַרקויפֿט אים פֿאַר לוקסוס און געלט". ער קומט צום אויספֿיר, אַז „די הייליקסטע פֿליכט פֿון מענטשלעכע פֿליכטן" איז „צעברעכן, פֿאַרברענען, פֿאַרניכטן דיזע שוואַרצע באַסטיליע [פֿון] דער ערד!" און ער רופֿט צום פֿאָלק:

ער וועקט דאָך דיין גייסט, דיין קראַפֿט, דיין צאָרן —
דער מענטש איז פֿיר ליבע, פֿיר פֿרייהייט געבאָרן —
פֿאָרווערטס מיט פֿלאַם און מיט שווערד.

עדעלשטאַט האָט זיך באַטייליקט אין דער „וואַרהייט" ניט בלויז מיט זיינע לידער. ער האָט אויך געשריבן אַדרעסן פֿאַר איר עקספּעדיציע און געטאָן אַלערליי אַנדערע נויטיקע אַרבעטן אין דער רעדאַקציע.[90] דער אונטערגאַנג פֿון דער „וואַרהייט" האָט אָפּגעשוואַכט זיין צובונד צו ניו־יאָרק און אים לייכטער געמאַכט זיין אומקער קיין סינסינעטי (סוף יוני). אין דער „וואַרהייט" איז די ניו־יאָרקער יידישע ראַדיקאַלע געזעלשאַפֿט־לעכקייט געווען עדעלשטאַטן דערווידער — ווי ער שילדערט עס אין זיין האַלב־פֿעליעטאָניסטישן מאַנאָלאָג „צווישן ניו־יאָרקער ראַדיקאַלן (אַ שאָטן־בילד פֿון אַגיטאַציאָנס־לעבן אין ניו־יאָרק)". ער דערציילט דאָרט, אַז ער האָט פֿריער געלעבט אין אַ „קליינער קאָונטרי" (פּראָווינץ־שטעטל), וואו עס איז אים ענדלעך זייער „לאַנגווייליק געוואָרן" און ער האָט „באַשלאָסן פֿאָרן קיין ניו־יאָרק". ער באַזוכט דאָרט די אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע פֿאַרזאַמלונגען, און אומעטום געפֿינט ער אַ גרינגשעצנדיקע באַציאונג צו די רעדנער און שרייבער פֿון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג. ער מאָלט אַ בילד פֿון אַ ניו־יאָרקער „קאַפֿע־סאַלון" (דאָס, וואָס מען האָט שפּעטער גערופֿן אַ ליטעראַרישע קיבעצאַרניע):

דער פּלאַץ איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענער. געל־בלויע, שוואַרצע, בלאַסע, דומע [נאַרישע] געזיכטער (דומע איז אויך אַ מין פֿאַרב...) האָבן געשמייכלט, געקרימט זיך, אָדער גלאַט אַזוי טאַמעוואַטע געקוקט אין דער וועלט אַריין. מע האָט געטרונקען, געגעסן, געראויכערט סיגאַרעטלעך, געלייענט צייטונגען, קריטיקירט, געשריען, געלאַכט.

װען אַ ניו־יאָרקער פֿריינט, װאָס האָט אים באַגלייט אין דעם „קאַפֿע־סאַלון", פֿרעגט, װי אַזוי דאָס געפֿעלט אים, ענטפֿערט עדעלשטאַט: „עס קוקט מיר אויס װי אַ דולהויז". דער ניו־יאָרקער פֿריינט װייזט אים אָן אויף „אַ יונגנמאַן, װאָס שפּילט אַזוי הייס אין פּינאָקל" [אַזאַ קאָרטן־שפּיל], און דערקלערט אים, אַז „דאָס איז דער רעדאַקטאָר פֿון אַן אַרבעטער־צייטונג... דאָ פֿאַרברענגען מיר די צייט נאָך אונדזער אַרבעט, נאָך די פֿאַרזאַמלונגען". „און װען לייענט איר עפּעס, װען לערנט איר?", פֿרעגט עדעלשטאַט. „דו ביסט אַ נאַר" — ענטפֿערט דער ניו־יאָרקער פֿריינט — װער לייענט עפּעס אין ניו־יאָרק, אַחוץ אַ צייטונג אין אַ קאַפֿע־סאַלון? װער לערנט, אַחוץ דער, װאָס דענקט קריגן אַ דיפּלאָם און מאַכן ביזנעס?"...

עדעלשטאַט מיינט צוערשט, אַז ער װעט זיין אימשטאַנד צו רעפֿאָרמירן די ניו־יאָרקער ראַדיקאַלע קרייזן. ער װערט אַ „מיטגליד פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַנאַרכיסטישע פֿאַראיינען" און זוכט אַריינצוברענגען אין זיי אַ נייעם גייסט. נאָר װי „אַן אומפּראַקטישער גרינהאָרן" װערט ער פֿון אָט די „פּראַקטישע" אָרגאַניזאַציעס אַרויסגעװאָרפֿן. עדעלשטאַט פֿאַרענדיקט זיין פֿעליעטאָן דערמיט, װאָס ער פּאַקט איין זיינע זאַכן און פֿאָרט צוריק אין זיין שטעטל...

9

„פּאַסקאַרעל"

עדעלשטאַט קומט צוריק אין סינסינעטי מיט „אַ נאָמען פֿון אַ יידישן פּאָעט". די פּריװאַטע סאָציאַליסטישע „ניו־יאָרקער יידישע פֿאָלקסצייטונג", װעלכע איז זינט איר גרינדונג (אין 1886) אָנערקענט געװאָרן פֿון דער באַװעגונג פֿאַר אַן אַרבעטער־צייטונג,[100] האָט עס באַקאַנט געמאַכט איבערן גאַנצן לאַנד. באַלד נאָך זיין אָנקומען אין סינסינעטי האָט די „ניו־יאָרקער יידישע פֿאָלקסצייטונג" (פֿונעם 15טן יולי 1889) פֿאַרעפֿנטלעכט אַ קורצן אַרטיקל מיטן נאָמען „דער יונגער פּאָעט עדעלשטאַט". דער אַרטיקל הויבט זיך אָן:

דיזע װאָך איז דער יונגער פּאָעט עדעלשטאַט פֿאַררייזט צו זיינע עלטערן אין סינסינעטי, אום נאָך זיינע שװערע קערפּערלעכע ארבעט

זיך אויסצורוען און זיין שוואכעם געזונטהייט צו קרעפּטיקן. אויסער דעם, וואָס עדעלשטאַט באַזיצט אַ וואַרעמע האַרץ פאַר זיינע ליידנדע ברידער, איז ער שטעטס בערייט [שטענדיק גרייט] פאַר דיזע מיט ליעב און זעלע צו קעמפּן און וואָס ער האָט אויך טרייליך געטאָן.

עדעלשטאַט באַזיצט אַ וואַרן פּאָעטישן טאַלאַנט און מע קאָן זאָגן, דאָס ער איז יעצט דער איינציקער אונטער די יידישע פּאָעטן, וועלכער אַלס וואַרער פריינט פון די אַרבעטנדע פאָלקס־מאַסן, האָט אויך זיין געוואַלדיקן טאַלאַנט צום נוצן פון זיינע ברידער פאַרווענדט. דאָס קאָן מען אויך זען פון זיינע ווערטער אין זיין ליד „אין קאַמף", ווען ער רעדט צו דער קאַפּיטאַליסטישער באַנדע וועגן דער אונטערדריקונג פון פרייהייטס־גייסט אין פאָלק.

נאָך דעם ציטירן איניקע סטראָפן פון זיינע לידער „אין קאַמף", „מיין צוואה", „באַטור און מענטש", „וואָרע און פאַלשע העלדן" און „יציאת מצרים", פאַרענדיקט זי איר אַרטיקל מיט די ווערטער:

די יידישע אַרבעטער־פּרעסע קאָן שטאָלץ זיין אויף דיזן בליענדן פּאָעטישן טאַלאַנט.

מיטן אונטערגאַנג פון „וואָרהייט" (דעם 12טן יולי 1889) הערט אויף עדעלשטאַט אויף אַ ווײַלע צו שרייבן אין יידיש. פאַרוואָס ער דרוקט זיך ניט אין דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", איז ניט קלאָר. ס'איז אויך ניט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער שרייבט אין דער „ניו־יאָרקער יידישער פאָלקסצייטונג" אויף רוסיש.[101] ער פאַרעפנטלעכט דאָרט נאָך טשערנישעווסקיס טויט זיין ליד "Памяти Николая Г. Чернышевского" (צום אָנדענק פון ניקאָליי ג. טשערנישעווסקי).[102] ס'איז ניט זיכער, צי ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם אַנטירעליגיעזן פלוגבלאַט „תפילה זכה", וואָס די „פּיאָנערע דער פרייהייט" האָבן אַרויסגעלאָזט ערב די „ימים־נוראים" 1889.[103] נאָר ווען די „ניו־יאָרקער יידישע פאָלקס־צייטונג" גייט אונטער (דעם 20טן דעצעמבער 1889), און איר רעדאַקטאָר, ד"ר אַ. ברעסלאָווסקי, הויבט אָן רעדאַגירן אַ נייע צייטונג — „דער מאָרגנשטערן" — ווערט דאָרט עדעלשטאַט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.[104]

דער „מאָרגנשטערן" איז געגרינדעט געוואָרן (דעם 17טן יאַנואַר 1890), ווי אַ פּריוואַטע אומפּאַרטייאישע אַרבעטער־צייטונג. דער רעדאַקטאָר איז געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. נאָר אין זיין צייטונג האָבן מיטגעאַרבעט מער אַנאַרכיסטן ווי סאָציאַליסטן. די לעצטע האָבן זיך שוין געגרייט אין קורצן אַרויסצוגעבן זייער אייגענעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָרגאַן די „אַרבעטער־צייטונג".

דוד עדעלשטאַט הויבט אָן מיטאַרבעטן אינעם דריטן נומער פֿונעם „מאָרגנשטערן“. ער אַרבעט אין דער דאָזיקער צייטונג, ביז זי גייט אונטער — דעם 20טן יוני 1890. זיינע לידער זיינען דאָרט געדרוקט צוערשט אונטערן פּסעוודאָנים „ד. פּאַסקאַרעל“, דערנאָך אונטער „ד. פּאַסקאַרעל, סינסינעטי“. אויף זיין ליד אין „אַרבעטער־פֿריינד“, געשריבן דעם 1טן מערץ, שרייבט ער זיך אונטער „ד. עדעלשטאַט (פּאַסקאַרעל)“. דאָס טוט ער אָבער ניט, כּדי צו פֿאַרבאָרגן זיין מיטאַרבעטערשאַפֿט אין דער צייטונג. דער פּסעוודאָנים „פּאַסקאַרעל“ איז געווען אַ פֿאָן. ער האָט דערמיט געוואָלט זיך אידענטיפֿיצירן מיטן העלד פֿון דעם ראָמאַן „פּאַסקאַרעל“ (“Pascarel—Ouly”, לאָנדאָן, 1872 — 2טע אויפֿלאַגע 1886) פֿון דער ענגליש־פֿראַנצויזישער ראָמאַן־שרייבערין אואידאַ — (Ouida Louise de la Ramée—).[105]

ווי אַלע אואידאַס פֿאָלקיסטישע ראָמאַנען, איז אויך פּאַסקאַרעל פֿול מיט סענטימענטאַלע מליצות וועגן ליבע ווי אַ באַפֿרייענדיקע מאַכט און מיט ענלעכע פֿראַזעס, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן אָנגערופֿן „ליבעס־דוזעלייען“, און עס אַזוי ביטער אויסגעלאַכט ביי דעם כּלומרשטן קאָמוניסט הערמאַן קריגע, דעם רעדאַקטאָר פֿון ניו־יאָרקער „פֿאָלקס־טריבון“ (1846).[106] אויף דעם יונגן סענטימענטאַלן עדעלשטאַט האָבן אָבער אואידאַס פֿראַזעס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. זייער איינפֿלוס פֿילט זיך אין זיינע רוסישע לידער "Бродяга" (וואַגאַבונד) און "Дед и внучка" (זיידע און אייניקל) און אין זיין דערציילונג „דער פֿאַרברעכער“.

שוין אין „מאָרגנשטערן“ דערקלערט עדעלשטאַט אין זיין ליד „מיין אָנטוואָרט צו ישראל בן עולם“[107] (6טן יוני 1890):

דאָך פֿריינט! לאָמיר לערנען די קעגנוואָרט האסן,
איר פֿאַלשקייט, אוממענטשלעכקייט, נויט —
דער האס וועט דערוועקן די אַרבעטער־מאסן,
דער האס וועט צעברעכן די קייט.[108]

פּאַסקאַרעל, דער אויסלאַכער און באַקעמפֿער פֿון די אונטערדריקער, בלייבט ביי עדעלשטאַטן אַ מוסטער. ער טרוימט צו ווערן ענלעך צו פּאַסקאַרעלן: שרייבן רעוואָלוציאָנערע פּיעסן פֿאַר אַ וואַנדערנדיקער טרופּע, אַרומפֿאָרן פֿון שטאָט צו שטאָט און אויפֿקלערן די מאַסן דורך שפּיל און געזאַנג.[60] אונטערן נאָמען פּאַסקאַרעל שרייבט אויך עדעלשטאַט אַ צוויי צענדליק לידער פֿון אַרבעט און נויט.

*

צווישן עדעלשטאַטס לידער אין „מאָרגנשטערן" געפינען זיך צוויי, ביי וועלכע ס'איז אָנגעגעבן זייער שייכות צו נעקראַסאָוו: „טייבעלע" — („אַ בילד פון לעבן נאָך נעקראַסאָוו" — 11טן אַפּריל) און „די פאַרשאַלטענע" („פריי נאָך נעקראַסאָוו" — 25טן אַפּריל).

דאָס ערשטע ליד (ניט אַריינגערעכנט אין קיין איינער פון די אויסגאַבעס פון עדעלשטאַטס שריפטן) גיט אַ בילד פונעם לעבנסשטייגער פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע אין די 80ער יאָרן. טייבעלע איז אַ „יונג ווייבל", די פרוי פון אַ „בלייכינקן שניידער", וואָס „אַרבעט אין דרייען געבויגן". איר ווילט זיך „איר שיינעם לייב" מיט סאַמעט „פּאַרדעקן, ווי ציקפּע דעם פאַרמאַנס ווייב" (די פרוי פון דעם אויפזעער איבער די אַרבעטער אין פאַבריק). זי וויל האָבן אַ גאָלדענע „וואַטש און טשיין" (זייגער און קייט), אַ זיידענע „דרעס" (קלייד). עס איז איר אויך „צו אַלטמאָדיש דאָס מעבל" — „אַ ענגלייכטער וויל זי, אַ שאַפע מיט אַ גרויסער גלעזערנער טיר, אַ קאַרפּעט [דיוואַן] און אויך אַ פּאַר בילדער, און דערצו אויך אויף בעלער גיין" —

זי איז יונג! זי וויל נעבעך לעבן,
אונד די אָרעמע קאָן ניט פאַרשטיין,
אז דער אַרבעטער טאָר יעצט ניט לעבן,
ער דאַרף זיין נאָר פאַרשווארצט אונד פאַרשמאַכט.

כדי צו באַפרידיקן טייבעלעס פאַרלאַנגען, מוז דער „בלייכינקער שניידער" אַרבעטן זייער „שווער און ביטער, ער פילט שוין אַ ווייטיק אין ברוסט..." און „עס קלינגט מיט שווינדזוכט זיין הוסט!" דאָך, ווען עס קומט „אַ שבת, אַ יום־טוב", ווען עס „האָט אויך אַ שניידער רו", גייט דאָס אַרבעטער־פּאָרל אַרויס שפּאַצירן אין „גרענד סטריט" (די גרויסע גאַס, אַ הויפּט־גאַס אינעם דעמאָלדיקן יידישן קוואַרטאַל פון ניו־יאָרק). ער איז אויסגעפּוצט אין אַ „פּרינץ אַלבערט" (אַ ראָק — סורדוט, שלוסראָק — אויפגענייט לויטן פאַסאָן, ווי דאָס פלעגט טראָגן דער מאַן פון דער ענגלישער קעניגין וויקטאָריאַ — פּרינץ אַלבערט) און מיט אַ פאַרביקן „נעקטיי" (שניפּס). זי, „זיין ליבע טייבעלע" — אין אַ „נייע זיידענע קליידעלע" און מיט גאָלדענער „וואַטש און טשיין" (זייגער און קייט) —

זיי גייען אין גרענד סטריט שפּאַצירן,
טייבעלע שיינט אין איר דרעס!
דאָך דער אָרעמער מאַן אין „פּרינץ אַלבערט"
איז אויסגעדאַרט, בלאַס ווי אַ מת.

דער הוסט לאָזט אים ניט צורו. זיין טאַשנטוך באַדעקט זיך מיט בלוטיקע פלעקן, ווען ער לייגט עס נאָר צו צו זיין מויל, און דער סוף איז, אַז אינגיכן ווערט די „שיינע טייבעלע" בלייבן אַן עלנטע „יונגע אַלמנה".

*

עדעלשטאַטס ערשטע לידער אין „מאָרגנשטערן" — „אַן [צו] די יידישע שריפטשטעלער" (31טן יאַנואַר) און דער „באַליידיקטער העלד" (7טן פעברואַר 1890) רופט אַרויס קעגן אים דעם באַוואוסטן ראָמאַנען־שרייבער שמ"ר (נחום־מאיר שייקעוויטש).

אַרויסגעקומען איז עס צוליב דעם, וואָס שמ"ר האָט ניט ריכטיק פאַרשטאַנען עטלעכע אויסדרוקן אין עדעלשטאַטס לידער: דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירער בעבעל האָט באַשולדיקט מאָסטן און אַנדערע אַנאַרכיסטישע פירער, אַז זיי זיינען פאָליצייאישע אַגענטן.[109] עדעלשטאַט רעאַגירט אויף דעם מיט זיין ליד דער „באַליידיקטער העלד", אין וועלכן ער רופט אָן בעבעלן דער „דייטשער מענטשן־פריינט".

שמ"ר, ניט באַהאַוונט אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, האָט געהאַלטן, אַז מיט אָט דעם אויסדרוק מיינט מען זיין צייטשריפט „דער מענטשנפריינט" (ווייל ער האָט געשריבן דייטשמעריש). ער נעמט דערפאַר אָן, אַז אויך אים האָט פאַסקאַרעל (עדעלשטאַט) געמיינט אין זיין ליד „אַן די יידישע שריפט־שטעלער", אויסדריקנדיק זיך, אַז אַ שרייבער מוז האָבן אַ „ריינעם געוויסן"... „אַז נישט ווערט ער זיך מיט זיין אייגענער האַנט אין זיין אייגענעם שמוץ באַגראָבן". שמ"ר שטעלט זיך אויך פאָר, אַז דאָס אַטאַקירט אים די נייע צייטונג צוליב קאָנקורענץ.

אין זיין ענטפער „אַ שפּאָגל נייע קאָנקורענציע" („מענטשנפריינט", פעברואַר 1890, ז"ז 18—19) שרייבט שמ"ר:

> נאַרישע ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך ערשט אויסגעלערנט דעם א"ב, די שפּרינגען אויך אַרויס מיט שימפּ־ווערטער און מיט קריטיק קעגן די בעסטע שרייבער און ווילן איינבילדן די לעזער, אַז קיינער קען ניט שרייבן, נאָר זיי.

דער „מאָרגנשטערן" פונעם 14טן פעברואַר ענטפערט אויף דעם אין אַן אָפענעם בריוו צו שמ"רן, אונטערן נאָמען „אַ לעכערלעכער טעות":

> ווערטער ה' שייקעוויטש — נישט איך האָט גאָר געמיינט דער פאָעט פאַסקאַרעל מיט זיין געדיכט. — דיזן פאָעט וואָלט קיינמאָל גאָרניט איינגעפאַלן צו פאַרטיידיקן אירגענד וועלכן „העלד" אויף דעם סאָציאַלן שלאַכט־פעלד קעגן אייערע אַנגריפע. ווען מע רעדט פון אַ

דייטשן מענטשנפריינט, מיינט מען מיט דעם זשארגאָנישן, אונד דער „מאָרגענשטערן" וועט געוויס קיינמאָל זיך ניט דערלויבן אזא עזות אונד שטעלן אויף אַ גלייכער שטופע אויגוסט בעבעל, דעם דייטשן סאָציאַל־דעמאָקראַט מיט אייך, ה' שייקעוויטש... — אומזיסט אייערע שענדלעכע שימפעריי [זידלעריי], אונד גלויבט אונדז, דאָס מיר אַנט־וואָרטן אייך נישט אום מיט אייך צו פּאָלעמיזירן, זאָנדערן [נאָר] אום אייך פון אַ קלעגלעכן אירטום [טעות] אַרויסצופירן.

10

אין קאַמף צווישן די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן

דער קאַמף צווישן די יידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן אין אַמע־ריקע איז אין די יאָרן 1888 — 1889 געווען הויפּטזעכלעך וועגן איינ־פלוס אויף די דייטשע יוניאָנס.[110] סוף 1889 ווערט דער קאַמף צווישן זיי פאַרשאַרפט אויך אַרום דער פראַגע וועגן פּאַרטייאישער אָדער אומפּאַר־טייאישער (געמיינט צווישנפּאַרטייאישע) אַרבעטער־פּרעסע.

די אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציע „פּיאָנערע דער פרייהייט", וואָס איר וואָכנבלאַט „די וואַרהייט" איז אונטערגעגאַנגען, ווייל זי האָט איינע אַליין ניט געקאָנט אויסהאַלטן די דאָזיקע צייטונג, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּלאַן פון אַ נייער אַרבעטער־צייטונג „פ ו ן אַ ל ע אַרבעטער און ריכ־טונגען פ אַ ר אַלע אַרבעטער און ריכטונגען".[111] זי האָט דעריבער איינ־געלאַדן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַראיינען און די „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן" (פאַרבאַנד פון יידישע יוניאָנס) אויף אַ קאָנווענשאַן (צוזאַמענפאָר) פון יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, אַרומצורעדן די פראַגע וועגן אַרויסגעבן אַ צווישנפּאַרטייאישע אַרבעטער־צייטונג אין יידיש. דאָס איז געווען אַן אַנאַרכיסטישער מאַנעוור: די אַנאַרכיסטן האָבן אָנגע־הויבן פילן, אַז זייער איינפלוס הויבט אָן פאַלן, אַז די אַגיטאַציע פון די סאָציאַליסטן באַקומט וואָס ווייטער אַלץ אַ פעסטערן באָדן, און דער לאָזונג פון „אויסערפּאַרטייאישקייט" איז, אַזוי אַרום, געווען אַ מאַס־קירונג פון אַנאַרכיסטישער פּאַרטייאישקייט. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אין לאָנדאָן, וואו די אַנאַרכיסטן זיינען דעמאָלט געווען איינפלוסרייכער, זיינען זיי טאַקע געשטאַנען פאַר אַ פּאַרטייאישער אַנאַרכיסטישער צייטונג.[112]

ביי דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אין אַמעריקע האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן געהאַט מער איינפֿלוס ווי די אַנאַרכיסטן. „ביי די יוניאָנס — שרייבט דער אַלטער אַנאַרכיסטישער פֿירער י. קאָפּעלאָוו, — זיינען די פּשוטע דיבורים פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן וועגן פֿאַרבעסערן די איצטיקע לאַגע, וועגן שטרייקן אד״גל געווען מער אָנגעלייגט [ווי די אַנאַרכיסטישע טעאָריעס], און דעריבער זיינען אין דאָס רוב יוניאָנס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן געווען מער פּאָפּולער און האָבן געהאַט אַ גרעַ־סערע דעה. אין דער נאָר־וואָס־געגרינדעטער ׳פֿאַראייניקטע יידישע געַ־ווערקשאַפֿטן׳ האָט דאָס רוב פֿאַרטרעטער סימפּאַטיזירט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. שפּעטער אַ ביסל האָבן די ׳פֿאַראייניקטע יידישע געווערק־שאַפֿטן׳ שוין כמעט אָפֿיציעל אָנגענומען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿיז־יאָגנאָמיע און אָפֿן געשטיצט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן ביי יעדער געלעגנ־הייט״.[113] די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן דערפֿאַר געהאַט אַ מערהייט אויף דער קאָנווענשאַן, וואָס האָט געדויערט פֿונעם 25טן דעצעמבער 1889 ביזן 2טן יאַנואַר 1890.

אויף דער קאָנווענשאַן האָבן די „פּיאָנערן״־דעלעגאַטן פֿאָרגעלייגט אַ פּלאַן פֿון אַן „אַלגעמיינער צייטונג פֿאַר אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען און מיינונגען אונטער דער רעדאַקציע פֿון צוויי רעדאַקטאָרס — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן און אַן אַנאַרכיסטישן״. זייער מאָטיווירונג איז געווען: ערשטנס, אַז אַ „צייטונג פֿון איין ריכטונג קאָן שווערלעך עקזיסטירן״, צווייטנס, אַז „דער אַרבעטער זאָל דורך זיין לייענען באַקאַנט ווערן מיט אַלע ריכטונגען און מיינונגען״, אַפֿילו „אין צייט פֿון אַ שטרייק, צי אין צייט פֿון וואַלן״.[114] די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אָנגעוויזן, אַז „די באַ־וועגונג — — — איז שוין אויסגעוואַקסן און מען מוז זי פֿירן אין אַ געוויסער ריכטונג; פֿירן איר [זי] אין צוויי ריכטונגען מיטאַמאָל איז שעד־לעך. און אויב אַזוי, מוזן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן שטרעבן צו אַן אייגענער פּאַרטייאישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ריכטונג״.[115]

די קאָנווענשאַן האָט זיך געענדיקט מיט אַ פֿולשטענדיקער שפּאַלטונג צווישן די אַנאַרכיסטן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. זיי האָלטן אָפּ צוויי באַזונדערע קאָנווענשאַנס, — אַ „פּאַרטייאישע״, ווי די אָנהענגער פֿון אַ פּאַרטייאישער צייטונג זיינען דעמאָלט אָנגערופֿן געוואָרן, און אַן אומ־פּאַרטייאישע — פֿון די, וואָס זיינען געווען פֿאַר איין אַרבעטער־צייטונג פֿאַר אַלע ריכטונגען. אין דער צווייטער קאָנווענשאַן האָבן זיך באַטייליקט אויך אַזעלכע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן מורא געהאַט, אַז אַ באַזונדערער פּאַרטיי־אָרגאַן וועט ניט קאָנען עקזיסטירן און וועט בלויז

צעשפּליטערן די כּוחות פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. דאָס איז אויך אַ געוויסע צייט געווען די מיינונג פֿון אַ צאָל אַרבעטער.[116]ביידע קאָנווענשאָנס באַשליסן אַרויסצוגעבן צייטונגען: די ערשטע — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, די צווייטע — אַן אומפּאַרטייאישע.

דוד עדעלשטאַט איז ניט געווען קיין דעלעגאַט אויף דער קאָנווענשאָן.[117] ער איז אָבער געווען אין פֿולער איינשטימונג מיט זיינע חברים די „פּיאָנערן", די „טרוט־סיקערס" (אמת־זוכער). „דער אומפּאַרטייאישער", אינדעראמתן — אַנאַרכיסטישער אַרבעטער־פֿאַראיין אין סינסינעטי (געגרינדעט אין יולי, 1889, מעגלעך דורך עדעלשטאַטן, אין וועלכן ער איז אויך געווען טעטיק) שיקט אַריין 50 דאָלער (אַ גאָר גרויסע סומע פֿאַר יענער צייט) פֿאַרן פֿאָנד פֿון דער געפּלאַנטער אומפּאַרטייאישער צייטונג („מאָרגענשטערן", 1טן פֿעברואַר 1890). עדעלשטאַטס מוסטער פֿון אַן אַרבעטער־צייטונג איז דער צוויי־פּאַרטייאישער „אַרבייטער פֿריינד" אין לאָנדאָן, וועלכן ער באַמיט זיך אויך אין יענער צייט צו שטיצן פֿינאַנציעל.[118] ער שרעקט זיך ניט פֿאַרן צונאָמען „פּאַרעווע לאָקשן", וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געגעבן די אומפּאַרטייאישע סאָציאַליסטן. זיין פֿעליעטאָן „צווישן ניו־יאָרקער ראַדיקאַלן" (זע קאַפּיטל 8) הויבט אָן עדעלשטאַט מיט די ווערטער: „איך בין ניט קיין סאָציאַליסט; איך בין, וואָס מען רופֿט ביי אייך אַ ‚פּאַרעווע לאָקש'". ווען ער נעמט אָבער פּאַרטייִדיקן זיין אומפּאַרטייאישקייט (צווישן סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן), ווייזט ער זיך אַרויס פֿאַר אַ פּאַרטייאישן אַנאַרכיסט, וואָס שטרעבט איינצורעדן די אַרבעטער, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען אָפּאָרטוניסטן, און אַז די אמתע רעוואָלוציאָנערן זיינען בלויז די אַנאַרכיסטן.[119]

11

האַם צום שונא

דוד עדעלשטאַט האָט פֿיל מאָל זיך אַליין כאַראַקטעריזירט ווי „אַ טרוימער, אַ קינד פֿאַרליבט אין בלומען, אין שטערן", אַ „בלאַסער טרוימער", וואָס „קען נאָר ליבן מענטשן, ליבן מער ווי זיך"; אַן „אומפּראַקטישער יונג, טרוימעריש און נאַאיוו, וואָס אויפֿן לונג, דאָס אויפֿן צונג, פֿון ביזנעס קיין באַגריף —

א טרוימער, וואָס זיין האַרץ פֿאַרביטערט
א צעטראָטענע בלום אין גאַס,
זעט ער אַ בעטלער, ווערט ער פֿאַרציטערט —
אַ היימלאָזעס קינד מאַכט אים בלאַס.

[„צו מיין פֿעדער"]

דאָס לעבן אָבער האָט אָט דעם טרוימערישן דיכטער פֿאַרוואַנדלט אין אַ קעמפֿער. דער מענטש־ליבהאָבער איז אָנגעפֿילט געוואָרן מיט צאָרן און האַס קעגן די, וואָס האָבן „ערד און מענטש פֿאַרשקלאַפֿט". דער „פֿאַרליבטער אין בלומען און שטערן" האָט ניט מער געקענט געניסן די שיינקייט פֿון דער נאַטור. אים האָט אויסגעוויזן, אַז די לבֿנה און שטערן, און „די זילבער־ווייסע ליליען־בלום זיינען פֿול מיט הייסע מענטשן־טרערן און זיינען פֿון שרעקן בלאַס און שטום..." אין דעם געזאַנג פֿון דער „זיסער נאַכטיגאַל" האָט דער אַרבעטער־דיכטער געהערט „קייטן־מוזיק איבעראַל"... ער האָט געהערט „קייטן באַרבאַרישע קלינגען" אין דער כּלומרשטער „פֿרייער רעפּובליק", און ער האָט מער ניט געקאָנט זינגען וועגן ליבע, לוסט און גליק.

ווי אַ דיכטער, האָט זיך עדעלשטאַט אין פֿרילינג געטרוימט „אַזוי גערן", — אָבער ווי אַ קעמפֿער האָט ער ניט געטראַכט וועגן „בלומען און שטערן", נאָר „וועגן די שקלאַפֿן־געצעלטן", וואו אַפֿילו „אַ פֿאַרוועלקטע בלום" זעט מען „זעלטן"...

איך טרוים ניט, ווי גליקלעכע דיכטער,
פֿון וויין און פֿון ליבע אין מאַי:
אַן ווײַן זיינען מיר ניכטער,
אַן ליבע זיינען מיר פֿריי.

עדעלשטאַט איז צו זיינע רעוואָלוציאָנערע אידייען געקומען אין דער ערשטער ריי דורך זיין ביטערער דערפֿאַרונג אין לעבן. זיין יוגנט איז פֿאַרשוואונדן „אין שטורעם און קאַמף", — ווי ער דערציילט אין זיין ליד „מיין לעצטע האָפֿענונג" („וואַרהייט", 10 מאַי, 1889):

פֿרי האָב איך מיין הויז און מיין היימאַט פֿאַרלאָרן,
פֿון קינדהייט אָן האָט מיר שוין דער מזל פֿאַרפֿאָלגט:
פֿאַרגיפֿטעט האָט ער מיינע בליענדע יאָרן
און תּמיד געמאַטערט, געקוועלט און געיאָגט.

פֿרי זיינען געשטאָרבן מיינע האָפֿענונגען די זיסע,
פֿרי האָב איך דערזען דעם ווילדן קאָנטראַסט:
דאָס אַרבעטער־פֿאָלק אין אַ פֿינצטערער תּפֿיסה
און שווינדלער און רויבער אין אַ רייכן פּאַלאַסט.

א גוואַלטיקער שטורעם האָט מיין זעלע צעציטערט,
און איך האָב געשוואָרן נקמה און טויט
צו אַלעם, וואָס האָט אונדזער לעבן פֿאַרביטערט,
געמאָרדעט, בארויבט אונדזער פֿרייהייט און ברויט.

צוזאַמען מיט דער פֿאַרפֿאָלגטער יידישער אָרעמשאַפֿט אין רוסלאַנד האָט דוד עדעלשטאַט דורכגעלעבט אין זיין יוגנט די שרעקן פֿונעם צארישן ווילקיר און פֿון די פּאָגראָמען. צוזאַמען מיט די אומבאַהאָלפֿענע קרבנות פֿונעם צאַריזם וואַנדערט ער אַריבער פֿון רוסלאַנד קיין אַמעריקע, און צוזאַמען מיט זיי פֿאַלט ער אַריין אין „שוויץ־שאָפּ״, וואו די „בייזע, ווילדע רייכע״ פֿרעסן „דאָס פֿלייש פֿון פֿאָלק״, טרינקען זייער בלוט און ווערן ניט „קיינמאָל פֿון געזעץ פֿאַרפֿאָלגט״. ער זעט בילדער פֿון קינדער־אַרבעט, פֿון שוידערלעכער עקספּלואַטאַציע פֿון אַלט און יונג. ער זעט דעם „באָס״ (מייסטער), וואָס צאַפּט דאָס בלוט פֿון זיינע קנעכט און „בלייבט דערצו אימער גערעכט״, די אָרעמע פֿרוי „ביי אַ טענעמענט־הויז״ (אַ הויז מיט אַ סך וואוינונגען, דער עיקר פֿאַר אָרעמער באַפֿעלקערונג), וועלכע וויינט און ברעכט די הענט: דער רייכער לענדלאָרד (הויז־אייגנטימער) וואַרפֿט זי אַרויס, „זי האָט ניט צו באַצאָלן קיין רענט״ (דירה־געלט) אַאַז״וו — און ווערט דורכגעדרונגען מיט האַס צו דער קאַפּיטאַליסטישער געזעל־שאַפֿט. ער האַסט די קעגנוואַרט, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין ליד „מיין אַנטוואָרט צו ישראל בן עולם״:

און ווען עס זאָלן נאָר אַלע שקלאַפֿן
די קעגנוואַרט האַסן ווי איך,
וואָלטן זיי געקאָנט אין איין טאָג באַשאַפֿן
אַ גאָלדענע צוקונפֿט פֿאַר זיך!

עדעלשטאַט האָט זיך אַ סך געגריבלט אין דער פֿראַגע וועגן געזעל־שאַפֿטלעכער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער האָט בשום אופֿן ניט געקענט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז די אונטערדריקער זיינען ניט שולדיק אין זייערע פֿאַרברעכנס קעגן דעם פֿאָלק, און אַז בלויז די אומשטענדן האָבן זיי געבראַכט צו אַזוינע פֿאַרברעכנס. ווי עדעלשטאַט דערציילט, איז ער געוואָרן שטאַרק אויפֿגערעגט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל גע־הערט אַזאַ געדאַנק. די ווערטער „ניט שולדיק״, זאָגט ער, זיינען אים ניט אַרויס פֿון קאָפּ און האָבן אים ניט געגעבן קיין רו:

ניט שולדיק! ס׳טייטש, אָט דיזע מענטשן־פֿרעסער! אָט די פּאַראַ־זיטן... ווער דען איז שולדיק אין דיזע אומענדלעכע שרעקלעכע שמערצן פֿון פֿאָלק! אָט צום ביישפּיל: מיין מייסטער, וואָס האָט מיר געשטאָכן אַ גאַנצן טאָג דערפֿאַר, וואָס עס האָבן געפֿעלט אַ פּאָר

> שטעך אין באָטנהאָל [קנאָפּלאָך], איז ער דען ניט שולדיק אין זיין בלוטצאַפּעריי?... אָבער דאָ זיינען מיר פּלוצלינג געקומען אין זיין די פאַרגעסענע סצענעס, ווי דער באָס פון ווערהויז [מאַגאַזין] האָט געגעבן אַ שוואַרצן סוף מיין באָס, גראַדע ווי מיין באָס מיר! און ווער ווייסט, האָב איך ווייטער געדענקט, אויב דער באָס פון וועהרויז קריגט ניט קיין קלעפּ פון גרעסערע קאַפּיטאַליסטן, ווי ער איז... אַלזאָ, — — — פֿיליכט זיינען טאַקע אָט די אַלע קליינע פּאַראַזיטן אומשולדיק, און שולדיק זיינען נאָר די גרויסע. אָט צום ביישפּיל, וואַנדערבילט, דזש. גולד, אַלעקסאַנדער דער דריטער און... אָבער וואָס טוט זיך מיט מיר? עס קומען מיר אין קאָפּ אַזעלכע מאָדנע געדאַנקען. האַ, וואָס איז דאָס! איז דאָס מעגלעך, אַז — — — נאָר וואַרט אַ ביסעלע, עס איז ניט קיין גרינג וואָרט! איך זאָל עס זאָגן, איך, אַז אויך דיזער בלוטיקער הענקער האָט קיין שולד? ניין, דאָס איז צופּיל. און דאָך, דער אומבאַרמהערציקער קאַלטער פאַרשטאַנד זאָגט מיר: יאָ, אומשולדיק! אומשולדיק! אָבער ווער זאָל דען זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דיזער גרויזאַמער טיראַניי, אוממענטשלעכקייט, פאַר דיזע צום הימל שרייענדע אומגערעכטיקייט, ווער? ווער? וואו זיינען די שולדיקע? וואו זיינען די רויבערס פון מענטשן־גליק? וואו זיינען די הענקערס פון אונדזער גליק און ליבע?
>
> [ציטירט פון עדעלשטאַטס אַ מאַנוסקריפּט].

לעבן זיין גאַנצן טיפן האַס צו די אונטערדריקער, געפינען מיר ביי עדעלשטאַטן אַ מין קליינבירגערלעכע אַפּאָלאָגעטיק פאַר דער בורזשואַזיע, (אַן אַפּאָלאָגעטיק, צו וועלכער עס ברענגט אים זיין אידעאַליסטישע עטיק), אַז ס'איז ניטאָ קיין פרייד אַפילו ביי די רייכע לייט, ווייל דער רייכער ווייסט זיין ענדע: „דאָס [איז] פון באַרויבטן פאָלק, פון פאַרבלוטיקטע געשפּענסטער ווערט ער טאָג און נאַכט פאַרפאָלגט" („זינג מיט לוסט", „פאַ"ש", 13טער פעברואַר 1891). אַזאַ מילדע שטעלונג צו די „רייכע לייט" איז אָבער ביי עדעלשטאַטן אַ זעלטנהייט. געוויינטלעך איז ער אָנגעפילט מיט אַ שטאַרקן האַס קעגן זיי. אין זיין „בריוו פון אַ זעלבסטמערדער" שרייבט עדעלשטאַט אַזוי:

> אַ פלאַקערדיקער האַס צו די רייכע, צו די זאַטע, צו די לייכטזיניקע האָט ארומגעכאַפּט מיין גאַנצע זעלע — — — מיין האַרץ האָט געדורשט נאָך בלוט. יאָ! נאָך בלוט פון די יעניקע, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אין דער וועלט גיפט, שרעקלעכע און אונערטרעגלעכע אומגליקן! פאַרוואַנדלען זייערע פּאַלאַסטן אין אַש — — — אויף זייערע קרעכצן — — — ענטפערן מיט אַ טייוולשן געלעכטער.

אין פּאָעזיע און פּראָזע לערנט עדעלשטאַט צו דענקען, קעמפן, האַסן. ער רעדט וועגן „ביטערן האַס", ער רופט צו נקמה, באַנוצט קריגס־אויס־

דרוקן: הייסט זיך באוואָפּענען מיט שפּיזן און שווערדן, אָנלאָדן די ביקסן און גיין אויף „שלאַכט־באַריקאַדן“ צו דער „לעצטער רעוואָלוציאָן“.

נאָך מאָריס ראָזענפעלדן באַנוצט עדעלשטאַט די רייכסטע צאָל עפּי־טעטן קעגן די קאַפּיטאַליסטן. ער רופט זיי אָן: אויסבייטער (עקספּלואַטאָ־טערס), אָפּגעפּרעסענע בורזשויען, באַנדיטן, באַרבאַרן, באַשיבוזשוקעס, בלוט־הינט, בעסטיעס, גאָלדענע קעלבער, הענקער, היענעס, היפּאָקריטן, וואָלד־רויבער, וואַמפּירן, ווילדע טיראַנען, טיגערס, יעזואיטן, מענטשנ־פרעסער, פּאַדלעצעס, פּאַראַזיטן, פּראָסטיטוטקעס, צווייפיסיקע חיות, קינס, רויבער־באַנדע, שווינדלער, שקלאַפּן־הענדלער אד״גל.

פון דער אַנדערער זייט, האָט עדעלשטאַט אַן אַ שיער צאַרטע אויס־דרוקן פאַרן „אַרבעטער־פאָלק“, פאַר זיינע „שוועסטער און ברידער“. ער רופט זיי אָן: גוטע ליבנדע ברידער, ליבע שוועסטער, ברידער אַרבעט־לייט, ברידער פון שקלאַפעריי, גוטע קאַמעראַדן, קעמפער, דענקער, אַר־בעטער־לייב, געפאַנגענע לייבן אאז״וו.

12

אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע

דער שוידערלעכער צושטאַנד אין דער שוויץ־פאַבריק האָט געצוואונ־גען די פּראָלעטאַריזירטע יידישע מאַסן צו אָרגאַניזירן זיך, כּדי זיך צו דערשלאָגן צו בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען אויפן וועג פון קלאַסן־קאַמף. יידישע אַרבעטער הויבן אָן זיך אָרגאַניזירן אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. באַלד געפינען זיי אויך דעם וועג צו דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנישער טרעיד־יוניאָן־באַוועגונג. כּדי צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער צום קלאַסן־קאַמף, האָט מען זיי געמוזט אַרויסרייסן פון אונטער דעם איינפלוס פון דער קלעריקאַל־נאַציאָנאַליסטישער יידישער פּרעסע, פון דער גאַנצער אָרטאָ־דאָקסישער יידישקייט, וואָס האָט געפּרעדיקט „כּל ישׂראל חברים“ און גע־העצט קעגן די, וואָס רופן די יידישע אַרבעטער צום קאַמף קעגן יידישע באַלעבאַטים. אין אָט דעם קאַמף דורך אויפקלערונג קעגן רעליגיע און נאַציאָנאַליזם נעמט עדעלשטאַט אַן אַקטיוון אָנטייל. אַ שטיקל צייט זעט ער אַפילו אין דער אַנטירעליגיעזער אויפקלערונג דורך ליטעראַטור די צענט־

ראַלע אויפֿגאַבן פֿון מאַסן־אַרבעט. דאָס שטימט, אַגב, אויך מיט זיין אי־דעאַליסטישן איבערשאַצן דעם איינפֿלוס פֿון דער ליטעראַטור אויפֿן לעבן (אין זיין אַרטיקל „פּרינציפּלאָזיקייט פֿון דער זשאַרגאָניסטישער ליטעראַ־טור אין אַמעריקע״, ווי אויך אין דעם פֿריער ציטירטן אַרטיקל וועגן דער שולדיקייט פֿון די אונטערדריקער, שטעלט זיך פֿאַר עדעלשטאַט, אַז ווען דער רוסישער צאַר אַלעקסאַנדער דער דריטער וואָלט אַלס אַן עופּהלע אַוועקגענומען געוואָרן פֿון זיין פֿאַמיליע, געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע און געוואָרן „דערצויגן אויף דער ליטעראַטור פֿון מאַסטן און קראַפּאָטקינען״, וואָלט ער זיך „אַנטוויקלט אַלס הייסער רעוואָלוציאָנער״)...

ווי שוין באַמערקט (זע קאַפּיטל 9), איז עדעלשטאַט באַזונדערס אַקטיוו אינעם קאַמף קעגן רעליגיע. ער באַטייליקט זיך אין די דעמאָלט פּאָפּו־לערע אַנטירעליגיעזע פֿלוג־בלעטער, אין די אַזוי גערופֿענע „תּפֿילה־זכּהס״[103] (פּאַראָדיעס אויף דער תּפֿילה מיט דעם זעלביקן נאָמען, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ערב יום כּפּור), וועלכע די „פּיאָנערע דער פֿרייהייט״ פֿלעגן אַרויסגעבן אין דער צייט פֿון די „פּאַרכטיקע טעג״ פֿון דער יידישער רעליגיע. זיין ליד „צו די פּאַרטיידיקער פֿון פֿינצטערניש״ („פֿאַ״ש״, 19טן סעפּטעמבער 1890) האָט עדעלשטאַט לכתּחילה געשריבן פֿאַר דער אַנטירעליגיעזער „תּפֿילה־זכּה״ פֿונעם יאָר 1890. אין אָט דעם ליד דערקלערט ער:

יעדע צייט האָט איר נייע תּורה —
אונדזער תּורה איז פֿרייהייט און רעכט:
און ביי אונדז איז די גרעסטע עבירה
צו זיין אַ געהאָרכזאַמער קנעכט.
מיר האָבן אויך נייע פּראָפֿעטן —
בערנע, לאַסאַל, קאַרל מאַרקס.[120]

אין אַ בריוו צו דוד עדעלשטאַטן, געשריבן דעם 12טן סעפּטעמבער 1890, טיילט אים מיט די רעדאַקציע פֿון „פֿאַ״ש״, אַז די „פּיאָנערע דער פֿרייהייט״ האָבן באַשלאָסן צו דרוקן אין דער „תּפֿילה־זכּה״ בן־נצס (מאָריס ווינטשעווסקיס) „פֿרייהייטס־גייסט״, און אַז דאָס ליד, וואָס עדעל־שטאַט האָט געשיקט פֿאַר דער „תּפֿילה־זכּה״, דרוקן זיי אין נאָענטסטן נומער „פֿאַ״ש״.

אַן אַנדער אַנטירעליגיעז ליד עדעלשטאַטס, „צו די גאָטספּאַרכטיקע בירגער״, איז, ווייזט אויס, געשריבן פֿאַר דער ערשטער „פּיאָנערישער „תּפֿילה־זכּה״ פֿונעם יאָר 1889.[121] ער דערקלערט דאָרט די „גאָטספּאַרכטיקע

לייט״, אַז „פוסט און גאָטלאָז, ברידער, איז דער הימל״, און עס איז ניט מער קיין סוד, אַז „גראָדע ווי אונטן, אַזוי אויך דאָרט אויבן גיט ניט [איז ניטאָ] קיין שפור פון אירגענד אַ גאָט״, אַז דער רבונו־של־עולם זיצט „ווי אַ ליימענער גולם״ און גיט זיך „ניט אַפילו קיין ריר״, ווען מען זידלט אים „גאָר אָן אַ שיעור״ —

— — — עס איז פשוט ניטאָ,
ווער און וואָס זאָל זיך אָנהויבן רירן,
וואָרעם דער, ביי וועמען אַ גאָט איז נאָך דאָ,
דעם פעלן אימער אין קאָפּ געהירן!

וואָס ווייטער ווערט ביי דוד עדעלשטאַט דער אומקאָמפּראָמיסלעכער קאַמף קעגן רעליגיע אַלץ מער פאַרבונדן מיט דעם קאַמף קעגן דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. אין זיין פריער דערמאָנטן ליד „צו די פאַרטיידיקער פון פינצטערניש״, געשריבן פאַר דער „תפילה־זכה״ פון 1890, טרעט ער אַרויס קעגן בוקן זיך צו די געטער „געלטזאַק און טראָן״. ער דערקלערט: „ייד! דיין איינציקע רעטונג איז די גרויסע רעוואָלוציאָן!״. ער שרעקט זיך אויך ניט פאַר די אָנפאַלן פון דער באַלעבאַטישער פרעסע אויף דער אַנטירעליגיעזער און אַנטינאַציאָנאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע פון די יידישע רעוואָלוציאָנערן. אין זיין ליד „צו די פינצטערע בטלנים״ („פאַ״ש״, 31טן יולי 1891) ווענדט זיך עדעלשטאַט צו די, וואָס רעדן אינעם נאָמען פון כל־ישראל:

איר קאָנט ווי תמיד נאָך האָפן אויף נדבות,
זיין גרויסע פּאַטריאָטן און לעבן פון „כאַפּ־לאַפּ״
און רופן אין דעם לאַנד פון אונדזערע טויטע אָבות,
אַהין, וואו עס הונגערט יעצט דער טערק און דער אַראַב.

די וועלט איז דום געגנוג, איר קאָנט נאָך שווינדלען, רויבן,
אַלעם אין נאָמען פונעם אונטערדריקטן ייד —
און ער, דער עלנטער, ער מוז אייך אַלעם גלויבן!
באַדעקט מיט פינצטערניש איז זיין יעדער שריט.

עדעלשטאַט וואָרנט אָבער אָט די כל־ישראלדיקע כלל־טוערס, אַז עס קומט אַ נייע צייט, ווען יעדעס „פאָלק און מענטש וועט זיין באַפרייט״, און דעמאָלט „ציטערט, איר גנבים, פּאַראַזיטן! מען וועט אייך ברענגען פאַרן פאָלקס־געריכט און איר וועט פאַרשווינדן, היפּאָקריטן, ווי פינצטערניש פאַר דאָס זאָנענליכט!״

13

„די אַרבעטער־צייטונג"

מיט דער גרינדונג פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אַרבעטער־צייטונג" (7 מערץ, 1890) שטייגט עדעלשטאַטס פֿאַרביטערטקייט און פֿאַרצווייפֿלונג.

דער קאַמף צווישן די אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָט זיך שטאַרק פֿאַרשאַרפֿט; די שפּאַלטונג צווישןביידע ריכטונגען איז געווען אַן ענטגילטיקע. דאָס האָט אַרויסגערופֿן שטאַרקע פּראָטעסטן ניט בלויז מצד אַנאַרכיסטן און אומפּאַרטייאישע, נאָר אויך מצד אַ טייל סאָציאַל־דעמאָקראַטן.[116] באַזונדערס האָט זיך דערפֿון געפֿילט געטראָפֿן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג אין לאָנדאָן, וואו ביידע ריכטונגען האָבן אַרויס־געגעבן דעם „אַרבייטער פֿריינד" און צוזאַמען אָנגעפֿירט מיט דער דאָר־טיקער אַרבעטער־באַוועגונג. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס די לאָנדאָנער יידישע אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן אַליין געשטרעבט צו אַ פּאַרטייאישן אָרגאַן,[112] זיינען געווען גרייט צו אַ שפּאַלטונג און האָבן אָפּגעוואָרפֿן די „אומפּאַרטייאישקייט", ווען ס'האָט זיי נאָר געלוינט. בעת די „אומפּאַרטיי־אישע סאָציאַליסטן" אָדער „סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן", ווי זיי פֿלעגן זיך אַליין אָנרופֿן, האָבן אָנגעווענדט אַלע זייערע כּוחות, כּדי איינצוהאַלטן די אייניקייט. ווינטשעווסקיס נאָענטער חבר, זיין שוואָגער קאָנסטאַנטין גאַלאָפּ, האָט, ווי דער רעדאַקטאָר פֿונעם „אַרבייטער פֿריינד", איינגעהיט די אומפּאַרטייאישקייט אַפֿילו בנוגע דער ניו־יאָרקער קאַמף־פֿראַגע. ער לאָזט אין „אַרבייטער פֿריינד" זיך אויסטענהן סיי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן (הילקוויט, זאַמעטקין און מילער) און סיי די אַנאַרכיסטן (לואיס און קאַ־פּעלאָוו) פֿון ניו־יאָרק. ער גיט אין „אַרבייטער פֿריינד" פּלאַץ פֿאַר אַן אַרטיקל צום דערשיינען פֿון דער פּאַרטייאישער „אַרבעטער־צייטונג". ער קעמפֿט אויך קעגן די אַנאַרכיסטן, ווען זיי פּרוּוון אויף דער מאַסן־פֿאַר־זאַמלונג אין לאָנדאָן דורכפֿירן אַ רעזאָלוציע צו טאַדלען די ניו־יאָרקער סאָציאַל־דעמאָקראַטן פֿאַר דער שפּאַלטונג אין ניו־יאָרק („אַרבייטער־פֿריינד", 28טן מערץ, 1890).[122]

די „אַרבעטער־צייטונג" האָט באַלד פֿון אָנפֿאַנג אָן געהאַט דערפֿאָלג. זי האָט געהאַט די פֿולע שטיצע פֿון די יידישע און דייטשישע טרעיד־

יוניאָנס.[123] מיט זייער הילף איז אין משך פֿון 6 וואָכן געשאַפֿן געוואָרן דער גרינדונגס־פֿאָנד פֿאַר דער צייטונג — 2000 דאָלאַר,[123] אַן אויסערגעוויינטלעך גרויסע סומע פֿאַר יענער צייט. דורך איר רעדאַקטאָר, פֿיליפּ קראַנץ,[124] האָט די „אַרבעטער־צייטונג" אויך געקאָנט דעמאָנסטרירן פֿאַר די ברייטע אומפּאַרטייאישע אַרבעטער־מאַסן, אַז זי איז ניט אַזוי „פּאַרטייאיש", ווי די אַנאַרכיסטן באַשולדיקן, — אַ באַוויז: זי האָט אויסגעקליבן פֿאַר אַ רעדאַקטאָר דעם זעלביקן סאָציאַליסט, וועלכער האָט פֿינף יאָר רעדאַקטירט דעם „אומפּאַרטייאישן" לאָנדאָנער „אַרבייטער־פֿריינד".

די „אַרבעטער־צייטונג" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון סאָציאַל־דעמאָקראַטן און פֿון די „פּראַיעניקטע יידישע געווערקשאַפֿטן", דאָך איז זי פּראַקטיש ניט געווען קיין אָפֿיציעלער אָרגאַן פֿון דער „סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי". זי ווערט עס ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען דאַניעל דעליאָן,[125] דער פֿירער פֿון דער אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי שטעלט אַרויס די פֿאָדערונג, אַז אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונגען דאַרפֿן זיין אָרגאַנען פֿון דער פּאַרטיי און שטיין דירעקט אונטער איר קאָנטראָל. די ערשטע צייט האָט די „אַרבעטער־צייטונג" געזוכט צו „נעמען דעם עולם" מיט סענסאַציעס.

אין דער צייט, וואָס דער „מאָרגענשטערן" (אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג) האָט געגעבן איבערזעצונגען פֿון טשערנישעווסקיס „וואָס איז צו טאָן?" און פֿון אַ סאָציאַליסטישן ראָמאַן פֿון נאַטאַליע ליבקנעכט (קאַרל ליבקנעכטס מוטער), האָט די „אַרבעטער־צייטונג" איבערגעזעצט אַ סענסאַציאָנעלן פֿראַנצויזישן ראָמאַן, וואו דער העלד איז אַ פּרינץ, און אַן ענגלישן דעטעקטיוו־ראָמאַן. בעת דער לאָנדאָנער „אַרבייטער פֿריינד" האָט געדרוקט ווינטשעווסקיס באַרימטע פֿעליעטאָנען „די צעשלאָגענע געדאַנקען פֿון אַ משוגענעם פֿילאָזאָף", האָט די „אַרבעטער־צייטונג" געגעבן „סדרות", — אַ מין „סאָציאַליסטישן" טייטש־חומש[126] פֿון אַב. קאַהאַן, אונטער דעם נאָמען „דער פּראָלעטאַרישקער מגיד", וואָס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ וואולגאַריזאַציע פֿון ווינטשעווסקיס פֿעליעטאָנען — „די צעשלאָגענע געדאַנקען פֿון אַ משוגענעם פֿילאָזאָף". באַלד אינעם ערשטן נומער איז אויך געווען אָפּגעדרוקט אַ שילדערונג פֿון אַב. קאַהאַן, ווי אַזוי בלוטדורשטיקע קאַניבאַלן איזדיעקעווען זיך איבער זייער מענטשלעכן קרבן.

אַזוינע סענסאַציעס און פּאָפּולאַריזאַציעס האָבן אָפּעלירט צו די אָפּגעשטאַנענע מאַסן. אין אַ קורצער צייט האָט זיך די „צירקולאַציע" (דער טיראַזש) פֿון דער „אַרבעטער־צייטונג" אויפֿגעהויבן פֿון 3000 ביז 6000

עקזעמפּלאַרן. דאָס איז אָבער געווען אַ דערפֿאָלג ניט פֿונעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, נאָר פֿון אַ סענסאַציאָנעלער צייטונג, איבער וועלכער עס הענגט, לויט עדעלשטאַטס אויסדרוק, „די רויטע פֿאָן פֿון אויספּאַרקויף".

דורכאויס אַפּאַרטוניסטיש איז געווען די שטעלונג פֿון דער „אַר־בעטער־צייטונג" צו רעליגיע. זי האָט עס באַזונדערס אַרויסגעוויזן אין די „פּאַרכטיקע טעג" פֿון 1890, ווען זי איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע פֿון די „פּיאָנערע דער פֿרייהייט".

די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע פֿון די „פּיאָנערע דער פֿרייהייט" איז, נאַטירלעך, געפֿירט געוואָרן ניט פֿון פּראָלעטאַרישע פּאָזיציעס. זיי האָבן אויסגעלאָכט די פֿאַלשע באַגריפֿן וועגן נאַטור און אָבערגלויבנס פֿון רעליגיע, ניט אויפֿדעקנדיק דערביי אירע קלאַסן־וואָרצלען. זיי האָבן ניט אַנטפּלעקט די קלאַסן־מאָטיוון, צוליב וועלכע אַפֿילו די פֿריידענקע־רישע בורזשואַזיע זוכט אויפֿצוהאַלטן די רעליגיע ביי די אַרבעטנדיקע מאַסן. זייער קאַמף קעגן רעליגיע איז ניט געווען פֿאַרבונדן מיט דעם טאָג־טעגלעכן קלאַסן־קאַמף פֿונעם פּראָלעטאַריאַט. די אַפּאַרטוניסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען אָבער אַרויסגעטראָטן קעגן דעם דאָזיקן מין פּראָפּאַגאַנדע ניט צוליב מאַרקסיסטישע, נאָר צוליב אַפּאַרטוניסטישע טעמים.[127]

ווי שוין דערמאָנט, פֿלעגן די „פּיאָנערע דער פֿרייהייט" אַרויסגעבן אין די „פּאַרכטיקע טעג" אַנטירעליגיעזע בלעטער אונטערן נאָמען „תּפֿילה זכּה".[104] די „תּפֿילה זכּה" פֿון סעפּטעמבער 1890, רעדאַקטירט פֿון דאָק־טער י. אַ. מעריסאָן, האָט אַנטהאַלטן פּאַראָדיעס פֿון דאָקטער יעקאַטערינאַ יעווזאַראָווא און דאָקטער זאָלאַטאַראָוו אויף געוויסע תּפֿילות, אויך לידער (צווישן זיי ווינטשעווסקיס ליד „דער פֿרייהייטס־גייסט") און אַ פֿילאָזאָ־פֿישע אָפּהאַנדלונג וועגן רעליגיע. די פֿירער פֿון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „ניו־יאָרקער פֿאָלקס־צייטונג" איז אָט די „תּפֿילה זכּה" געווען געפֿעלן — זיי האָבן אין איר געפֿונען רייכע געדאַנקען.[128] אָבער די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „אַרבעטער־צייטונג" האָט אויס־געלאַכט און פֿאַראורטיילט די „תּפֿילה זכּה". אירע וואָרט־זאָגער האָבן געטענהט, אַז זי איז געשריבן „אַזוי פּאַרטאַטשעש, וואָס עס נעמט אָן אין מאַנכע שטעלן אַן עקל, לעזנדיק פֿיר יעדן, וואָס האָט אַ ביסעלע ליטע־ראַרישע געשמאַק" (אַב. קאַהאַן — „אַרבעטער־צייטונג", 19טן סעפּטעמ־בער 1890), און אַז אירע שרייבער האָבן „אָנגעפּאַטשקעט אַ בעזגראַמאַטנע תּפֿילה זכּה, וועלכע האָט נאָר געמוזט אַרויסרופֿן פֿאַראַכטונג און עקל ביי יעדן דענקנדן מאָן" (פֿיליפּ קראַנץ, „אַרבעטער־צייטונג" פֿון 3טן

אָקטאָבער). זיי האָבן, נאַטירלעך, אויך שטאַרק פּאַראורטיילט דעם יום־כּפּור־באַל, וואָס די „פּיאָנערע דער פרייהייט" האָבן דעמאָלט אָרגאַניזירט. פּיליפּ קראַנץ האָט דערקלערט, אַז דאָס איז „אַ דומהייט און מעשה־שייגעץ — אַ גראָבער און אומפּאַרדינטער פּאַטש אין פּנים צו אַלע יידן" (דאָרט).

ס'איז קלאָר, אַז אַט די גאַנצע אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק פון דער „אַרבעטער־צייטונג" און פון אירע אָנפירער (קראַנץ, קאַהאַן, הילקוויט, מילער א. א.) האָט נאָך מער געשטויסן עדעלשטאַטן אין די אַנאַרכיסטישע רייען. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג, וואָס באַציט זיך פיינטלעך צו רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן פון קלאַסנקאַמף; וואָס רעדט כּסדר אויסשליסלעך וועגן רעפאָרמעס און פאַרטיידיקט יעדן אָפּאָרטוניסטישן אַקט פון די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס קאָקעטירט מיט דעם „פּיור ענד סימפּל"־יוניאָניזם — דעם „ריינעם און פּשוטן" עקאָנאָמיזם, און פירן ניט קיין שום קאַמף קעגן די „בודלער" און „לייבאָר־פייקערס" (די פאַלשע און פאַרקריפּלענדיקע טרעיד־יוניאָן ביוראָקראַטן). עדעלשטאַט איז דורך דעם נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן אין זיין קעגנערשאַפט צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעאָריעס. דאָס האָט אים אויך פאַרבלענדט ניט איינצוזען, אַז יאָהאַן מאָסטס רעוואָלוציאָנערע פראַזעס זיינען ניט מער ווערט, ווי די רעפאָרמיסטישע פּראַקטיק צו „דערהויבן דעם שקלאַפן־לוין אויף אַ סענט", וואָס ער אַליין (עדעלשטאַט) האָט אַזוי סאַרקאַסטיש אויסגעלאַכט.

אויף די שפאַלטן פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע" (זע קאַפּיטל 15) און „אַרבעטער־צייטונג" האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפע פּאָלעמיק. פון ביידע זייטן האָט די פּאָלעמיק דערמאָנט אָן מאַרק־זידלעריי.[129] עדעלשטאַט האָט אין דער צייט אָנגעשריבן פּאָלעמישע לידער און אַטאַקירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אין דער „אַרבעטער־צייטונג" איז מאָריס הילקוויט אויך אַרויסגעטראָטן מיט אַ ליד, אין וועלכן ער האָט אויסגעלאַכט עדעלשטאַטן:

איך האָב געזען אַ פּאָר פּאָעטן,
אָן טאַלאַנט און אָן דיכטער־גאָב,
וואָס מאַכן דערנאָך אומגעבעטן
פאַר איר אויף יעדער וואָך אַ דזשאָב.

עדעלשטאַט ענטפערט ניט אויף הילקוויטס לידער קעגן אים. שפּעטער אָבער, ווען ער ווערט דער רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע", הויבט זיך אָן אַ פאַרשאַרפטע פּאָלעמיק צווישן אים און די שרייבער פון דער „אַרבעטער־צייטונג".

די „אַרבעטער־צייטונג" האָט עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד (סוף יוני, — אָנהויב אויגוסט 1891) אַנאָנסירט אַ נייעם אַפּטייל פֿון סענסאַציאָנעלן לייען־שטאָף, — „בורלעסקע קריטישע אַרטיקלען" מיטן נאָמען „דער קאַסאַקער טייוול, אָדער ניו־יאָרק — וואָס מע זאָגט אין ניו־יאָרק און וואָס מע זאָגט ניט". דער שרייבער פֿון אָט דעם בורלעסק איז געווען געצל זעליקאָוויטש,[130] וועלכער האָט אונטער די נעמען „סמבטיון", „עס־טעטיקוס", „ליטווישער פֿילאָזאָף" א"אַנ גלייכצייטיק מיטגעאַרבעט אין דעם קלעריקאַל־קאָנסערוואַטיון „טאָגעבלאַט" און „יידישע גאַזעטן". עדעל־שטאַט טרעט דעמאָלט שאַרף אַרויס קעגן אַרייננעמען אַ כּל־ישראל שריי־בער פֿאַר אַ מיטאַרבעטער אין אַ סאָציאַליסטישער צייטונג, און פֿאַר־אורטיילט צוגלייך די פּרינציפּנלאָזיקייט פֿון אַזאַ מין שרייבער.[131] מעגלעך, אַז קעגן זעליקאָוויטשן איז אויך געווען געצילט עדעלשטאַטס גאַליק ליד „דיכטער?"

עס איז אַ מעלה צו זיין אַ פּאָעט,
דאָך, ווי שלים, ווען מיט אייך אויף איין ברעט
שטייט אַ שורקע מיט צוויי געזיכטער
מיט אייזל־אויערן, און איז אויך אַ דיכטער.

היינט פֿאַר אַ שנאַפּס מיט אַ פּאָר קאַרטאָפֿל
וועט ער לעקן דעם רייכנס פּאַנטאָפֿל,
מאָרגן פֿאַר אַ קוואָדער־לאָן [אַ פֿערטל דאָלאַר־לוין]
שרייט ער: עס לעבע די אַרבעטער פֿאָן!

פֿאַר זיין אַרויסטרעטן קעגן זעליקאָוויטשן קריגט עדעלשטאַט אַ היפּשע פּאַרציע זילזולים, סיי דירעקט פֿון זעליקאָוויטשן און סיי פֿונעם רעדאַקטאָר פֿון דער „אַרבעטער־צייטונג", פֿיליפּ קראַנץ.

עדעלשטאַט איז שוין דעמאָלט געווען שטאַרק קראַנק און געמוזט זיך באַפֿרייען פֿון דער אַרבעט אין דער רעדאַקציע פֿון דער „פֿאַ"ש". דאָך האָט ער זיך אָנגעשטרענגט צו רעאַגירן אויף קראַנצעס נייעם אָנפֿאַל. ער טוט עס אין אַ פֿאַבל מיטן נאָמען „דער שוויין [חזיר] און דער נאַכ־טיגאַל" („פֿאַ"ש", 25טער סעפּטעמבער), וואו ער שילדערט, ווי אַזוי אַ „גרויסער, פֿעטער שוויין איז אין אַ בלומענגאָרטן אַריין" און „מיט זיינע לאַפּעס פֿאַרשמוצט" די בלומען און פֿלאַנצן, מיט וועלכע דער גאָרטן איז געווען „באַפּוצט". אַ דורכפֿליענדיקער נאַכטיגאַל מוסרט אויס דעם שוויין פֿאַר זיין מיאוסער טאַט; נאָר דער חזיר פֿאַרזיכערט, אַז פֿון אַלע זיינע פֿאַראייִנען „וועלן ערשיינען די גרעסטע שווייִנען", און אים אַ גרויסן דאַנק

זאָגן פֿאַר זײַן „חזירשן טאַנץ", און אַלע „חזירים" װעלן אים „טראָגן אַלס זייער ליבסטן קראַנץ". דערויף ענטפֿערט אים דער נאַכטיגאַל אַזוי:

װען דו װאָלסט קיין שוויין ניט געװאָרן,
װאָלסטו ניט געשמוצט די בלום און פּלאַנץ;
דו װאָלסט פֿאַרשטאַנען אין דיינע יאָרן,
אַז בעסער צו זיין צװישן בלומען אַ דאָרן,
אַלס [ווי] צװישן חזירים אַ קראַנץ.

לויט יוסף באָװשאָװערס פּאָרטרעט פֿון עדעלשטאַטן, איז זיין באַװאוסטן ליד װעגן אים,[132] האָט עדעלשטאַטן „ניט געאַרט" קיין אָנפֿאַל אויף אים. פּאַקטיש אָבער האָט אים יעדער אָנגריף גאָר אַ סך געאַרט. ער פֿלעגט עס ניט „מיט אַ זיפֿץ" לאָזן „אַװעקגיין מיטן װינט", װי עס שילדערט באָװשאָװער. דוד עדעלשטאַט איז געװען אַ קעמפֿערישע נאַטור און פֿלעגט זיינע אָנגרייפֿער ענטפֿערן מיט שאַרפֿע װערטער. ער האָט אויך געקענט „אַ טיכטיקן קלאַפּ געבן", װען ער האָט נאָר געװאָלט. ער האָט געקענט פּאָלעמיזירן, און אַמאָל אויך זייער שאַרף און אַפֿילו שטאַרק פּערזענלעך. די אַנאַרכיסטישע פֿירער האָבן אָבער געהאַלטן, אַז ער איז צו מילד — װי ס'װייזט אויס, מחמת דעם, װאָס עדעלשטאַט האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט אַראָפּלאָזן צו ניט־פּרינציפּיעלע מעטאָדן פֿון פּאָלעמיק, װאָס דערמאָנען זידלערייען צװישן מאַרק־הענדלערינס. נאָך מיט אַן ערך פֿיר צענדליק יאָר שפּעטער שרייבט איינער פֿון זיי,[133] אַז „אונטער דוד עדעלשטאַטס רעדאַקציע האָט די פֿאַ"ש פֿאַרלוירן די שאַרפֿקייט, װעלכע עס האָט זיך געפֿאָדערט פֿון אַ קאַמף־אָרגאַן"...

14

סינסינעטער טעטיקייט

באַלד נאָך זיין צוריקקומען אין סינסינעטי (אָנהויב יולי 1889), װערט דאָרט עדעלשטאַט אַקטיװ. ער העלפֿט גרינדן דעם שוין דערמאָנטן אומפּאַרטייאישן, אין דער אמתן, אַנאַרכיסטישן, „אַרבעטער־פֿאַראיין טרוט־סיקערס" (אמת־זוכער).[134] מעגלעך, אַז דאָס איז געװען דאָס „אַפּיקורסים־קרייזל", צו װעלכן עס האָט אויך געהערט דער דעמאָלט רעװאָלוציאָנערער און שפּעטער נאַציאָנאַליסטישער דיכטער דוד (זאַהיק) גרינבערג,[66] עדעל־

שטאַט האָט אין יענער צייט אַ סך געלייענט. ער איז געווען אַ פֿלייסיקער באַזוכער פֿון דער ביבליאָטעק, וועלכע ער באַזינגט אויך אין איינעם פֿון זיינע רוסישע לידער. ער לייענט שוין הויפּטזעכלעך אין ענגליש, און מער סאָציאַל־וויסנשאַפֿטלעכע ווערק, ווי בעלעטריסטיק.[135]

אין יענער צייט באַמיט זיך אויך עדעלשטאַט צו ווירקן אויף זיין איינציקער שוועסטער, זי זאָל אָנהויבן זיך אויסבילדן אין געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגעס, ווערן אַן אַרבעטער־טוערין און צוזאַמען מיט אים „גיין אין שטורעם, אין קאַמף קעגן טיראַניי" (ווי ער רעדט צו איר אין זיין ליד „צו מיין שוועסטער", „מאָרגענשטערן", 4טן אַפּריל 1890, „געווידמעט צו אַלע מיינע פֿאַרשקלאַפֿטע שוועסטער"). ער הייסט איר „לערנען טריי די ברענענדיקע פֿראַגע, וואָס ווערט 'אַרבעטער־פֿראַגע' גענאַנט". זי וועט דעמאָלט פֿאַרשטיין, פֿון וואַנען די לאָרדן האָבן גענומען דאָס רעכט צו פֿאַרנעמען דאָס לאַנד"[136] און „מיט צוואַנג־אַרבעט מאָרדן טויזנטער אָרעמע קנעכט". דעמאָלט וועט זי „גיין צו די ליידנדע שוועסטער אין דער וועלט פֿון שווינדזוכט און נויט, אין טענעמענט־הייזער, אין די פֿינצטערע נעסטער, וואו דער לעבן איז ביטער ווי דער טויט!", כּדי דאָרט „אַ נייע וועלט פֿאַר זיי אַנטדעקן; און דאָרט, וואו עס וואוינט נאָר פֿאַרצווייפֿלונג און שמערץ, — אַ הייליקע האָפֿענונג דערוועקן".[137]

אין פֿרילינג 1890 באַזוכט סינסינעטי דער אַמעריקאַנער רייזנדער דזשאָרדזש קענאַן, וועמעס באַשרייבונג וועגן די ליידן פֿון די קיין סיביר פֿאַרשיקטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אַרויסגערופֿן פּראָטעסטן קעגן דער צאַרישער רעגירונג. עדעלשטאַט ווידמעט אים אַ רוסיש ליד, וואָס ער שיקט צום לאָנדאָנער „אַרבעטער־פֿריינד". אין זיין בריוו צום רעדאַקטאָר (ק. גאַלאָפּ) שרייבט עדעלשטאַט: „איך האָב מיט אים [קענאַנען] גערעדט אין אונדזער רוסישער שפּראַך,[138] וועלכע ער פֿאַרשטייט זייער גוט. ער האָט מיר פֿאַרשפּראָכן זיין גאַנצן לעבן אָפּצוגעבן פֿאַר זיין אָנגעפֿאַנגענע הייליקע אַרבעט — דאָס אַרונטעררייסן די מאַסקע פֿון דער רוסישער רעגירונג־באַרבאַריי". זיין ליד, דערקלערט עדעלשטאַט, איז ניט קיין לויבגעזאַנג, נאָר אַן אויסדרוק פֿון זיינע געפֿילן, וואָס, ווי ער דענקט, „יעדער אינטעליגענטער רוסע פֿילט מיט מיט אים [עדעלשטאַטן] צו דיזן גוטן מענטשן און קעמפֿער פֿאַר די רוסישע פֿרייהייט".

דאָס שיקן אַ רוסיש ליד אין „ניט קיין ספּעציעל רוסישער צייטונג" פֿאַרענטפֿערט עדעלשטאַט דערמיט, וואָס ער האָט „איצט ניט קיין אַנדערע פֿריי־רעוואָלוציאָנערע צייטונגען, וואו ער זאָל איינפֿאַרשטאַנדן זיין עס צו דרוקן".[76] דערביי מאַכט עדעלשטאַט אַ קאָמפּלימענט דעם „אַרבייטער

פֿריינד", אַז "ער ווערט געלייענט פֿון אַלע אינטעליגענטע רוסישע יידן" אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע. דאָס ליד "Другу Русских борцов за свободу—Ж. Кенану" ("דעם פֿריינט פֿון די רוסישע קעמפֿער פֿאַר פֿרייהייט — דזש. קענאַן") איז געווען געדרוקט אינעם "אַרבעטער־פֿריינד" פֿון 16טן מאַי 1890. ווען עדעלשטאַט שיקט אַהין נאָך אַ רוסיש ליד, ענט־פֿערט אים דער "אַרבעטער־פֿריינד" (אינעם בריוו־קאַסטן פֿון 26טן סעפּ־טעמבער 1890):

> געג. ד. עדעלשטאַט, צינצינאַטי [סינסינעטי]. אייער געדיכט איז אויסגעצייכנט. לײדער, געפֿינען מיר עס ניט פֿאַר ראַטזאַם צו דרוקן רוסישע געדיכטן אין „אַרבעטער־פֿריינד". שיקט צו יידישע, וועט איר זיין אַ גוטער גאַסט.

עדעלשטאַט האָט זיך אויך פֿאַרנומען מיט זאַמלען הילף פֿאַר די שטרייקנדע קלאָוקמאַכערס (דאַמענשניידער) אין ניו־יאָרק. דער דאָזיקער שטרייק האָט געדויערט עטלעכע חדשים און האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג (מאָריס ראָזענפֿעלד האָט עס באַזונגען אין "זיגער־ליד" אין דער "אַרבעטער־צייטונג" פֿונעם 1טן אויגוסט 1890). אין אַן אָנוואורף פֿון אַ בריוו, דאַטירט דעם 18טן יולי, שרייבט עדעלשטאַט, אַז "די האַרצרייסנדע לאַגע פֿון די ניו־יאָרקער שטרייקנדע קלאָוקמאַכער" האָט געשטויסן זיין אַרבעטער־פֿאַראיין פֿון "אמת־זוכער" זיך צו ווענדן "צו די יידישע אַר־בעטער פֿון סינסינעטי, זיי זאָלן העלפֿן זייערע ברידער אין קאַמף מיט זייערע אויסבייטער" (עקספּלואַטאַטערס).

דעם זעלביקן זומער (1890) איז עדעלשטאַט געווען פֿאַרנומען אויך מיטן שאַפֿן מיטלען פֿאַר די רוסיש־יידישע איינוואַנדערער, זיי "זאָלן האָבן די מעגלעכקייט דורך לאַנד־אַרבעט (און אַנדערע פּראָדוקטיווע אַרבעט) צו פֿאַרדינען אָרנטלעך זייער ברויט און פֿירן אַן אָנשטענדיק לעבן". מעגלעך, אַז דעם ערשטן שטויס דערצו האָט אים געגעבן זיין שמועס מיט דזשאָרדזש קענאַן וועגן דער לאַגע אינעם צאַרישן רוסלאַנד.[139]

אין זיין טעטיקייט צו העלפֿן "די אונטערדריקטע, באַרויבטע און פֿאַר־פֿאָלגטע רוסישע יידן" האַנדלט עדעלשטאַט ניט ווי קיין רעוואָלוציאָנער, נאָר ווי אַ נאַציאָנאַליסטישער כּלל־טוער. ער לאָזט אַרויס אַן אויפֿרוף "צו דעם יידנטום פֿון סינסינעטי!", ווייזט אויס, אינעם נאָמען פֿון אַן אומ־פּאַרטייאישן קאָמיטעט. דער אויפֿרוף שילדערט די שוידערלעכע לאַגע פֿון די יידן "אונטער אַזאַ באַרבאַרישע, אוממענטשלעכע, בלוטיקע רעגירונג, ווי מיר האָבן יעצט אין רוסלאַנד". ער ווייזט אָן, אַז "די רוסישע יידן מוזן אַנטלויפֿן פֿון זייער פֿינצטערע היימאַט און זוכן אַ היים, אַ פֿאַטערלאַנד

אין פֿרעמדע לענדער". ער לייגט דעריבער פֿאָר אַ פּלאַן פֿון הילף, כּדי די טויזנטער פֿאַרפֿאָלגטע רוסישע יידן זאָלן ביים אָנקומען אין אַמעריקע „ניט פֿאַלן צו לאַסט זייער נייעם פֿאָטערלאַנד", און זיי זאָלן „די ערשטע צייט ניט ליידן קיין נויט", און ס'זאָל זיי געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו לעבן פֿון „פּראָדוקטיווער אַרבעט". ער פֿאַרענדיקט: „ברידער, יעצט איז די צייט, ווען מיר מוזן זיך אַלע פֿאַראייניקן, אַלע אין איין שטאַרקע אָרגאַניזאַציאָן צו העלפֿן אונדזערע פֿאַרפֿאָלגטע ברידער".

און „אַלע" האָט טאַקע באַטייט סיי אָרעם און סיי רייך. אויף דער מאַסן־פֿאַרזאַמלונג, צו וועלכער דער אויפֿרוף האָט איינגעלאַדן, איז געווען אַנאָנסירט אַלס הויפּט־רעדנער דער פֿירער פֿון די רעפֿאָרמירטע „יהודים" (רייכע דייטשע יידן) אין אַמעריקע, ד"ר אייזיק מאיר וויס.

עדעלשטאַט האָט זיך, קענטיק, צוריקגעצויגן פֿון אָט דער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט, ווען ס'איז געקומען צו דער פּראַקטישער אָרגאַניזיר־אַרבעט און די באַלעבאַטיש־אָרטאָדאָקסישע פּאָליטיקאַנער האָבן אָפּגעשווינדלט די ראַדיקאַלן. אין אַ בריוו פֿון יענער צייט צו זיין חבר מיכאָעל קאָן, דעם מאַן פֿון זיין ניו־יאָרקער פֿאַרערערין אַנאַ נעטער, שרייבט עדעלשטאַט אַזוי:

> אוים פּאָליטישן, ווידער אַ מענטש!... ווען איך באַטראַכט איצט די גאַנצע טראַגיקאָמעדיע, פֿאַרשטיי איך ניט זעלבסט, ווי אַזוי איך האָב געקאָנט נעמען אויף זיך אַזאַ שמוציקע ראָלע! ווי אַזוי איך האָב געקענט אויף איין מינוט גלויבן, אַז איך וועל קאָנען אויסהאַלטן רואיק די אַלע נידערטרעכטיקייטן פֿון אָט דעם פֿאַרגרעבטן, פֿאַרפֿינצטערטן אייזלטום, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „אָרטאָדאָקסיע". מיין געדולד האָט געפּלאַצט אויף דער לעצטער פֿאַרזאַמלונג ביי דער עלעקשן [וואַל] פֿון אַ פּרעזידענט.

מער צופֿרידן איז עדעלשטאַט געווען פֿון זיין טעטיקייט פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון די דריי פּאָליטישע אַרעסטירטע פֿילדן, שוואַב און נעבע (זע קאַפּיטל 6). אין 1890 איז אין שיקאַגאָ געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט צו זאַמלען פּעטיציעס און אָנווענדן אויך אַנדערע מיטלען צו באַפֿרייען די דריי אומשולדיקע אַרבעטער־פֿירער.[73] עדעלשטאַט האָט זיך געווענדט צו די יידישע אַרבעטער, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין אָט דער טעטיקייט, וועלכע האָט געהאַט דעם צוועק ניט בלויז צו באַפֿרייען די אומשולדיק פֿאַראורטיילטע אַרבעטער־פֿירער, נאָר אויך צו דעמאַסקירן די פֿאַרשווערונג פֿון דער בורזשואַזיע קעגן דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפֿט.

זינט סוף 1889 ווערט סינסינעטי דער מיטל־פּונקט פֿון דעם פֿראַקציאָנעלן קאַמף אין דער אַמעריקאַנער „סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי".

דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן איבער דער „ראַדיקאַלער שטעלונג" צו די מעסיקע אַרבעטער־יוניאָנס מצד דעם „לינקן" צענטראַל־קאָמיטעט אונטער דער סעקטאַנטישער אָנפֿירונג פֿון וו. ראָזענבערג, דעם רעדאַקטאָר פֿון אָפֿיציעלן פּאַרטיי־אָרגאַן „דער סאָציאַליסט".[140] די דייטשישע „ניו־יאָרקער פֿאָלקס־צייטונג", וואָס האָט זיך געשטיצט אויף די מעסיקע טרעיד־יוניאָנס, האָט שטאַרק באַקעמפֿט די מער ראַדיקאַלע שטעלונג צו זיי מצד דעם צענטראַל־קאָמיטעט. די „סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי" איז דעמאָלט באַשטאַנען פֿון אַ היפּשן טייל אַרויסגעאַרבעטע אימיגראַנטן, געקומענע פֿון דייטשלאַנד, מערסטנס לאַסאַליאַנער, וועמעס סאָציאַליזם איז געווען אַ סענטימענטאַלער (פֿאַר אַ יושרדיקער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג אין דער צוקונפֿט) און איז ניט געווען פֿאַרבונדן מיטן טאָג־טעגלעכן עקאָנאָמישן קאַמף פֿון די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. איר רעכטער פֿליגל האָט געשטרעבט צו לעבן בשלום מיט די פּשרהמאַכערישע אָנהענגער פֿון קלאַסן־פֿרידן, מיט די טרעיד־יוניאָן ביוראָקראַטן. דער „לינקער" פֿליגל — אַ סעקטאַנטישער — האָט באַקעמפֿט די דאָזיקע טאַקטיק פֿון די טרעיד־יוניאָנס בלויז מיט ווערטער, ניט אַריינדרינגענדיק אין די יוניאָנס, צו פֿירן זיי אויפֿן וועג פֿונעם רעוואָלוציאָנערן קלאַסנקאַמף.

סוף 1889 האָבן די ניו־יאָרקער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אָנגעפֿירט פֿון דער „פֿאָלקס־צייטונג", אַראָפּגעזעצט דעם אַזוי גערופֿענעם „לינקן" צ"ק און אָרגאַניזירט אַ נייעם. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פֿון דער פּראָווינץ, הויפּטזעכלעך פֿון מערב, האָבן סימפּאַטיזירט מיט דעם פֿריערדיקן צ"ק, האָלטן אָפּ אַ באַזונדערן צוזאַמענפֿאָר און נעמען אַריבער דעם פֿונדאַסניי אויסגעווײלטן „לינקן" צענטראַל־קאָמיטעט קיין סינסינעטי, וואו די אָרטיקע דייטשישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געהערט צו דער ראָזענבערג־ריכטונג. דער קאַמף צווישן ניו־יאָרק און סינסינעטי, צווישן מזרח און מערב, דויערט עטלעכע יאָר. דער דאָזיקער קאַמף האָט אָבער אַ קנאַפּן ווערט פֿאַר דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייל אין תּוך איז דאָס געווען אַ פֿראַקציאָנעלער קאַמף צווישן צוויי גרופּעס, וואָס זיינעןביידע געווען לאַסאַליאַניש.[141] אַ ראַדיקאַלע ווענדונג אין דער טאַקטיק פֿון דער פּאַרטיי קומט פֿאַר ערשט דעמאָלט, ווען אין איר שפּיץ שטעלט זיך דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט דאַניעל דעליאָן, וועלכער הויבט אָן פֿירן אַן איינגעשפּאַרטן קאַמף פֿאַר רעוואָלוציאָניזירן די טרעיד־יוניאָנס.[125]

די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין ניו־יאָרק, אָרגאַניזירט אין דעם 8טן בּרענטש (צווייג) פֿון דער „סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי", זיינען געווען לאָיאַל צו דער ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע.[142] אין מערב האָבן די

סאָציאַל־דעמאָקראַטן נאָך ניט געהאַט קיין ספּעציעלע יידישע פּאַרטיי־צווייגן. אָבער אויך אין ניו־יאָרק זיינען דעמאָלט אַלע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער געווען הויפּטזעכלעך פאַרנומען מיטן קאַמף קעגן די אַנאַרכיסטן און מיט דער טעטיקייט פון דער „אַרבעטער־צייטונג".

דער דאָזיקער פראַקציאָנעלער קאַמף אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איינער פון זיינע מיטלפּונקטן איז געווען סינסינעטי, האָט, נאַטירלעך, ווייניק געקאָנט מאַכן אינטערעסאַנט פאַר עדעלשטאַטן דאָס לעבן אין דער דאָזיקער שטאָט.

דאָס לעבן דאָרט איז פאַר אים געווען אַן אָפּקומעניש. עדעלשטאַטן האָט געצויגן צו ברייטער טעטיקייט, צו ברויזנדיקע קאַמפן. אויך זיינע פריינט האָבן אים גערופן צוריק קיין ניו־יאָרק. נאָר פאַרלאָזן סינסינעטי האָט עדעלשטאַט דעמאָלט ניט געקאָנט. אין אַ בריוו פונעם 27טן מערץ, 1890 צו זיין פריינט יעקב ליפּשיץ שרייבט ער: „איך בין דער איינציקער פאַרדינער פון מיין גאַנצער משפחה, און אַוועקפאָרן באַטייט אַוועקרויבן ביי זיי די לעצטע מיטלען פאַר זייער עקזיסטענץ".

אין דעם זעלביקן בריוו קלאָגט זיך עדעלשטאַט, אַז זיין האַרץ איז שוין מיד זיך צו שטאָפּן מיט פאַרדראָס. ער רעדט דאָרט וועגן זיינע „אויס־געווייטיקטע געדאַנקען און לידער, וואָס זיינען געבוירן ביים מאָנאָטאָנעם קלאַפּ און גערויש פון מאַשינען־רעדער, אָדער אונטער די אומדערבאַרעמ־דיקע קלעפּ פון דער דעספּאָטישער בייטש".

אויך אין זיין ליד „אַן [צו] מיינע לעזער" („מאָרגנשטערן", 21טן מערץ) דערקלערט ער, אַז אין זיין ליד קאָן מען הערן, ווען מען זאָל „זיך נאָר איינהערן גוט, ווי עס רוישט דאָרט אַ טייך פון מענטשלעכע טרערן צעמישט מיט דעם דיכטערס בלוט!"... און ער שרייבט זיין „שטורעם־ליד" צו רופן זיינע שוועסטער און ברידער אין פרייהייט־קאַמף:

איך שרייב פאַר אייך, מיינע גוטע קאַמעראַדן,
וואָס ליידן אי הונגער, אי קעלט;
און בויען אַליין די שלאָכט־באַריקאַדן
אין קאַמף פאַר אַ פרייער וועלט!

דאָס ליד האָט, קענטיק, געמאַכט דעמאָלט אַן איינדרוק. אינעם „מאָר־גנשטערן" פונעם 4טן אַפּריל איז אָפּגעדרוקט אַזאַ בריוול פון אַ לייענער:

ווערטער ה' פּאַסקאַרעלל!

אַלס אַן אַרבעטער־פריינט זענדע איך אינען מיין איניקסטן דאַנק פיר אירער אַרבעט („אַן מיינע לעזער") פיר אונדזערע מיטברידער אָדער נעבן־מענטשן, און איך האָפע, דאָס זי ווערדן שוין דאַמיט באַ־

לוינט זיין, ווען זי די צוקונפט זעען, אויך די בעסערע לאגע אונדזערע ברידער בייוואוינען, וועלכע איך האפע זי ווערדן ערלעבן קירצלעך צו זען. איר פריינט א. קאאסקע, פארט לינקאלן, נארד דאקאטע, 27טן מערץ, 1890.

עס איז ניט אויסגעשלאסן, אז עס זיינען געווען נאך בריוו וועגן עדעלשטאט-פאסקארעלס ליד. נאר די רעדאקציע האט פארעפנטלעכט בלויז דעם איינעם בריוו, וואס איז געקומען פון א וויטן לאנדווירטשאפט-לעכן שטאט, מעגלעך פון אירן א רעגולערן אבאנענט.

אן אנדער ליד עדעלשטאטס פון יענער צייט, „פארצווייפלונג און האפענונג" („מארגענשטערן", 19טן מאי), רופט ארויס א פריינטלעכן פרא-טעסט קעגן אים פון דעם שניידער-ארבעטער ישראל בארסקי (ישראל בן עולם), דעם גרינדער פון די „פאראייניקטע שניידער-ברידער (ברא-דערהוד אוו טעילארס)".[107]

ישראל בארסקי האט לויט זיינער א דערקלערונג („פאלקס-אדוואקאט", 26טן אפריל, 1889) ניט געהערט צו קיין פארטיי. זיינע לאנגע סעריעס ארטיקלען וועגן דער וויכטיקייט צו ארגאניזירן די יידישע שניידער-ארבעטער פלעגט ער פארעפנטלעכן סיי אין סאציאליסטישע, סיי אין אנארכיסטישע און אין אנדערע ראדיקאלע צייטונגען. פאר עדעלשטאטן האט ער אבער געהאט א באזונדער ווארעם געפיל. אין זיין אפענעם בריוו צו דוד עדעלשטאטן („מארגענשטערן" פונעם 23טן מאי 1890) שרייבט ישראל בארסקי:

פאסקארעל! בדודער פאסקארעל: ניט איין מאל האט דיין פאעזיע צעבראכן מיין הארץ, ניט איין מאל האב איך, ישראל בן עולם, געוויינט ווי א קליין קינד לעזנדיק דיי[ע]נע הימלישע גערדיכטע. ווען איך דערזע נאר דיין אונטערשריפט, נאך בעפאר איך לעזע דיין פאעזיע, פילן זיך מיינע אויגן אן מיט טרערן. אויף מיין הארץ ווערט מיר... נור, פארצייע [אנטשולדיק], ברודער, איך בין קיין פאעט. דו ווייסט עס אליין. איך קאן זיך ניט אויפהייבן אויף די פליגל פון פאעזיע העכער ווי די וואלקנס, דער [די] לבנה, דער [די] זון; איך בין שוואך, צו שוואך דערצו...

עס איז ניטא פאר וואס צו בלוטן,
צו קעמפן איז ניטא פאר וואס — — —
ווארפט אונדז אריין דער פריינט אין חרם,
פארגעסן אונדז אויך גוטע פריינט...

[פון עדעלשטאטס ליד „פארצווייפלונג און האפענונג"].

א, ברודער פאסקארעל! איך זע אין דיינע לידער איין, אז דו ביסט קראנק. דיין הארץ איז טיף פארוואונדעט פון די אומגערעכטיקייטן

[פֿון] דער געזעלשאַפֿט; דײַן לירע קרעכצט. די סטרונעס פֿון דײַן הימלישער האַרפֿע הויבן אָן צו פּלאַצן...

גאַלגאַן [תּליה], טויט, וואָס גייט אונדז אָן...

אויך דײַן באַגײַסטערונג, ברודער, איז פֿול פֿאַרצווייפֿלונג; אויך דאַרום איז מײַן ראַט: האָב רחמנות אויף זיך אַליין. זינג ניט מער איבער דער אַבשוילעכער [עקלהאַפֿטער] קעגנוואַרט. לאָז עס פֿאַר אַנדערע איבער... האָב קיין פֿאַרדרוס אויף די קליינלעכע אינטריגאַנטן, די נידעריקע באַשעפֿענישן. זייער בילן איז ווי יענעמס הונט, וועלכער האָט געבילן קעגן דער לבנה. עס זײַנען דאָ מענטשן, וועלכע פֿאַרשטייען און שעצן דיך, און האַסן די שווינדלער און טיראַנען... און דאָס איז גענוג פֿאַר דיר...

וואַרף אַוועק, זאָג איך, די גאַנצע דערנער, דעם שמוץ פֿון דער קעגנוואַרט און זינג פֿון דער צוקונפֿט. דײַן האַרץ וועט ווידער פֿול האָפֿענונג ווערן און וועסט צו דײַן געזונט, צו דער פֿאָלן באַגײַסטערונג קומען. און דאַן, ווען דײַן פּאָעזיע וועט מאַכן דײַנע פֿרײַנדע אַרונטערלאָזן, וועט עס זײַן אַ טרער פֿון פֿאַרגעניגן, אַ טרער פֿון האָפֿענונג.

דײַן פֿרײַנד

ישראל בן עולם.

אין זײַן ליד „מײַן אַנטוואָרט צו ישראל בן עולם“ (אינעם „מאָרגנשטערן“ פֿון 6טן יוני, 1890) דערקלערט עדעלשטאַט, אַז ער האָסט אַליין זײַנע „זיפֿצן און טרערן“. נאָר „ניט פֿרײַ איז אין זינגען דער דיכטער“... ער קאָן דערפֿאַר ניט „פֿון דער צוקונפֿט זינגען, ווען די קעגנוואָרט שטייט מיט איר שווערד! טרערן פֿליסן, קייטן קלינגען, באַפֿלעקט איז מיט בלוט די ערד“.

דעם 20טן יוני גייט אונטער דער „מאָרגנשטערן“. עדעלשטאַט בלײַבט אָבער נישט לאַנג אָן אַן אָרגאַן. דעם 4טן יולי דערשײַנט די אומפּאַרטייאישע „פֿרײַע אַרבעטער שטימע“, וואו עדעלשטאַט הויבט אָן מיטאַרבעטן. ווי אין דער „וואַרהייט“ און „אַרבייטער פֿרײַנד“, שרײַבט ער דאָ אונטער זײַן אייגענעם נאָמען. דעם פּסעוודאָנים „פּאַסקאַרעל“ באַנוצט ער שוין ניט מער.

15

ערעלשטאַט אַלס מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָר פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע״

די „פֿרייע אַרבעטער־שטימע״ האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דעם 4טן יולי, 1890, מיט דריי חדשים שפּעטער ווי די „אַרבעטער צייטונג״. כּדי צו שאַפֿן מיטלען[143] אויף אַרויסצוגעבן די צייטונג, איז דעם 12טן יאַנואַר 1890 אָרגאַניזירט געוואָרן אַן „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־פֿע־דעראַציאָן״, אויף וועלכער עס זיינען בייגעווען 200 מיטגלידער, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די צייטונג זאָל זיין אַן אומפּאַרטייאישע און זאָל הייסן „דער אַרבעטער״.[144] מיט דריי וואָכן שפּעטער איז איר נאָמען געענדערט געוואָרן אויף „פֿרייע אַרבעטער־שטימע״.[145] מיט דעם האָט מען קענטיק געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז די צייטונג וועט געבן דאָס וואָרט אַרבעטער פֿון אַלע ריכטונגען.

די „נור אומפּאַרטייאישע צייטונג״ האָט געהאַט די פֿולע סימפּאַטיע פֿון די לאָנדאָנער „אומפּאַרטייאישע סאָציאַליסטן״. מאָריס ווינטשעווסקי, אַשטייגער, האָט צוגעשיקט פֿאַרן ערשטן נומער זיין ליד „צורוף״ צו דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע״. אין „אַרבעטער־פֿריינד״ ווערט זי אָנאָנ־סירט ווי אַ „רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־צייטונג, אַרויסגעגעבן פֿון 32 יידישע אַרבעטער־סאָסייעטעס״ (אָרגאַניזאַציעס).

טריי צו די פּרינציפּן פֿון „אומפּאַרטייאישקייט״, האָבן די גרינדער פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער שטימע״ באַשטימט פֿאַר איר צוויי רע־דאַקטאָרס — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן און אַן אַנאַרכיסטישן. דער פֿאַקט, וואָס עס האָט עקזיסטירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „אַרבעטער־צייטונג״, צווינגט אָבער די „פֿרייע אַרבעטער־שטימע״ צו ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער אויסגעשפּראָכן אַנאַרכיסטיש.

די „פֿרייע אַרבעטער־שטימע״ האָט פֿון אָנהויב אָן ניט געהאַט קיין דערפֿאָלג. איר לייענער־קרייז איז געווען באַגרענעצט און זי האָט זיך כּסדר געראַנגלט מיט פֿינאַנציעלע שוועריקייטן.[146] איר דעמאָלטדיקער פֿאַר־וואַלטער, קאַפּעלאָוו, האָט מיט פֿיר צענדליק יאָר שפּעטער זיך באַמיט דאָס צו דערקלערן מיט פֿאָלגנדיקע סיבות: ערשטנס, די „פֿרייע אַרבע־טער־שטימע״ איז אַרויס אין דער צייט, ווען די „אַרבעטער־צייטונג״ איז

שוין געווען גאַנץ גוט פֿאַרשפּרייט און דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע" איז אָנגעקומען שווער צו קריגן פֿאַר זיך אַ לייענער. צווייטנס, איז דער רע־דאַקטאָר געווען ניט קיין פּייאיקער,[147] די שפּראַך — אַ טערקיש־יידיש, „הילצערנע עברי"[148] און קיינער האָט אירע אַרטיקלען ניט פֿאַרשטאַנען.[149]

די אמתע סיבה איז אָבער געווען דאָס, וואָס ביי אַלע ספּעציעלע מיטלען פֿון אַגיטאַציע פֿון די אַנאַרכיסטן, ביי דער גאַנצער הוראַ־רעוואָלוציאָנערישקייט זיינען די אַנאַרכיסטן פֿאַרט ניט געווען אימשטאַנד צוציען אויף זייער זייט ברייטע מאַסן אַרבעטער. באַזונדערס פֿלעגט אָפּ־שטויסן דעם מאַסן־אַרבעטער דאָס, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן ניט געקאָנט געבן קיין קלאָרן און דער עיקר קאָנקרעטן ענטפֿער אויף די טאָג־טעג־לעכע פֿראַגעס פֿון פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף. זייערע בעסטע אַגיטאַטערס זיינען ניט געווען אימשטאַנד צו פֿאַרדעקן דעם ווידערשפּרוך צווישן דער קליינבירגערלעכער אַנאַרכיסטישער טעאָריע מיט דער פּראָלעטאַרישערווירקלעכקייט, באַזונדערס אויפֿן געביט פֿון עקאָנאָמישן קאַמף, וואו דער דאָזיקער ווידערשפּרוך האָט זיך אַזוי בולט געוואָרפֿן אין די אויגן.

עדעלשטאַט איז, נאַטירלעך, באַלד געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער שטימע". ער האָט דאָרט כמעט אין יעדן נומער אַ ליד. בלויז אין צוויי פֿון די עטלעכע און צוואַנציק לידער, וואָס עדעלשטאַט האָט צוגעשיקט פֿון סינסינעטי, רעדט זיך וועגן נויט און עלנט („דער יתום" — 18טן יולי, און „די געפֿאַלענע" — 20טן סעפּטעמבער). די איי־בעריקע לידער אַנטהאַלטן כמעט אַלע קאַמפּס־מאָטיוון. ער רופֿט דאָרט „צום גרויסן אַלוועלטלעכן שטרייק" (1טן אויגוסט, 1890). ער דער־קלערט, אַז „לעבן הייסט קעמפֿן פֿאַר אַלגעמיין גליק" („פֿאָרווערטס", 5טן סעפּטעמבער). ער רופֿט די אַרבעטער „שולטער אין שולטער" מיט „פֿאַנ־צער און שווערד פֿאָרווערטס אין די קעמפֿנדע רייען" („דער יידישער פּראָלעטאַריער" — 12טן דעצעמבער). ער באַזינגט אין באַזונדערע לידער די שיקאַגער מאַרטירער לואיס לינג, אַלבערט פּאַרסאָנס און אויגוסט שפּיז. ער טרייסט די פּראָלעטאַרישע קעמפֿער, אַז „כאָטש דער שטורעם ווערט שטאַרקער" און אַלץ „הייסער די קעמפֿנדע שטראָמען", דאָך זעען זיך שוין פֿון וויטן „רויטע סיגנאַלן" („צו אַ פֿריינט" — 31טן אָקטאָבער).

עדעלשטאַט ווייזט זיך אָבער גלייך אַרויס ווי אַן אַנאַרכיסט, — ער טרעט אַרויס באַזונדערס קעגן פּאָליטישן קאַמף.

איין ליד פֿון יענער צייט — „אויף דער וואַכע" („פֿאַ"ש", 28טן נאָוועמ־בער 1890) איז קענטיק באַווירקט פֿון היינען. דאָס דאָזיקע ליד איז אַ ווייטערע אַנטוויקלונג פֿון דעם ליד „דער זעלנער", וואו עדעלשטאַט האָט

אינעם ערשטן וואַריאַנט געהאַט אַ צושריפֿט „נאָך היינען". אין לעצטן ליד רעדט זיך וועגן „אַ ייִנגל אַ זעלנער", וואָס „שטייט איינזאַם אין רוסלאַנד אויף זיין פּאָסט" — — — „אין שניי באַגראָבן, פֿאַרגליווערט פֿון דעם פֿראָסט" — — — „טרוימט פֿון באַפֿרייאונג פֿונעם צאַריזם דורך אויס־וואַנדערונג". דאָס ליד „דער זעלנער" האָט עדעלשטאַט, מעגלעך, געשריבן זומער 1890, אין דער צייט פֿון זיין פֿריער דערמאַנטער טעטיקייט צו העלפֿן „די אונטערדריקטע, באַרויבטע און פֿאַרפֿאָלגטע רוסישע יידן". שפּעטער האָט ער איבערגעדיכטעט זיין אָפּטימיסטיש שטאָלץ רוסיש „יידל" אויף אַן אַלמענטשלעכער סימבאָלישער פֿיגור: די טראַגישע געשטאַלט פֿון אַן „אַלטינקן זעלנער", וואָס שטייט „אין שטורעם" „אַליין אויף זיין הייליקן פּאָסטן". ער „ראַנגלט זיך מיט שטורעם און קעלט"; ער „פֿייערט סיגנאַלן... און עס ענטפֿערט אים נאָר דאָס עכאָ פֿון פֿעלד"; זיין האַרץ ווערט „פֿאַרגליווערט אין ברענענדיקן פֿראָסט" און דער אויפֿגייענדיקער „מאָרגנשטערן" וועט אים געפֿינען „טויט אויף זיין הייליקן פּאָסט".

מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פּאָלעמיזירט ער ניט מער. ער לאָזט עס איבער פֿאַר די פּובליציסטן. בלויז אין איין ליד („אונדזער אידעאַל", 19טן דעצעמבער) איז פֿאַראַן אַן אָנצוהערעניש אויף פּאָלעמיק מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ער באַקלאָגט זיך דאָרט, אַז „ניט איינמאָל וועלן 'קלוגע ברידער' פֿון אונדזערע וואונדן מאַכן שפּאַס" און „אונדזער ברודער־האַנט באַגעגענען מיט שלאַנגען־גיפֿט און ווילדן האַס".

*

עדעלשטאַט באַטראַכט די „פֿאַ"ש", אַזוי ווי פֿריער די „וואַרהייט", פֿאַר זיין אָרגאַן. ער באַנוגנט זיך ניט בלויז מיט שיקן איר לידער און אַמאָל אויך אַן אַרטיקל, אָדער אַ קאָרעספּאָנדענץ. ער איז פֿאַראינטערעסירט אין איר מאַטעריעלן צושטאַנד און פֿילט זיך אויך באַרופֿן אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג אין רעדאַקציאָנעלע אָנגעלעגנהייטן. צווישן זיינע מאַנוסקריפּטן געפֿינט זיך אַן אָנוואורף פֿון אַ בריוו, געשריבן צו דער רעדאַקציע פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע", אין וועלכן ער פּראָטעסטירט, פֿאַרוואָס זי האָט זיך דערקלערט אין נומער 6 (8טן אויגוסט, 1890) פֿאַר אַ סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער צייטונג (מיט דעם נאָמען סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך דעמאָלט אָנגערופֿן די לינקע סאָציאַליסטן אין אַמע־

ריקע און ענגלאַנד).[150] * עדעלשטאַט טענהט, אַז צווישן די 32 אָרגאַני־זאַציעס, וואָס גיבן אַרויס די „פֿרייע אַרבעטער־שטימע", זיינען פֿאַראַן אויך אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן און מען האָט ניט געטאָרט מאַכן די ענדערונג אָן זייער צושטימונג.

ווען די רעדאַקציע פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע" פֿאַרעפֿנט־לעכט לידער פֿון אַנדערע דיכטער, געפֿינט זי פֿאַר נויטיק צו שרייבן עדעלשטאַטן, אַז דאָס איז זיין שולד, וואָס זי האָט געמוזט געבן אַ „גאָר ניט געלונגענעם געדיכט", ווייל ער האָט ניט צוגעשיקט זיין געדיכט.

*

דעם 25טן דעצעמבער 1890 איז פֿאַרגעקומען די צווייטע קאָנווענשאָן פֿון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן די „פֿרייע אַרבעטער־שטימע". עדעלשטאַט איז געקומען ווי אַ דעלעגאַט אויף דער קאָנווענשאָן לויט דער אויפֿפֿאָדערונג פֿון דער רעדאַקציע פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע". אין דעם בריוו צו אים פֿון „פֿאַ"ש", דאַטירט ניו־יאָרק, דעם 10טן דעצעמבער, 1890, שרייבט דער דעמאָלטדיקער רעדאַקטאָר פֿ. אַ. פֿראַנק [ד"ר מעריסאָן]:[174]

בעסטער ד. עדעלשטאַט!

הייטע ערהאַלטן אייער בריוו. לאָזט מיר זיין פֿראַנק [אָפֿנהאַרציק] און אייך ערקלערן, אַז אייערע בריוו פֿאַר די לעצטע צייט טראָגן אויף זיך אַן ערביטערטערן כאַראַקטער. עפּעס זייט איר אין כּעס אויף ועמען, זייט אומצופֿרידן — — — אָבער איך פֿאַרשטיי אייך. איר זייט אומרואיק וועגן דעם צושטאַנד [פֿון] דער צייטונג, איר האָט מורא טאָמער שטאַרבט זי אַוועק, און איר האַלט פֿאַר אייער פֿליכט עפּעס צו טאָן איר אַפּצוהעלפֿן. — נו, פֿריינט, וואָס זאָלט איר טאָן? עס פֿאַרשטייט זיך, אַז איר וואָלט געקענט אַ סך טאָן, ווען איר וואָלט געווען געזונט און רייך, אָבער יעצט — קומט און זעט וואָס צו טאָן! איר מוזט אָבער קומען ניט שפּעטער ווי אויף דער קאָנווענציאָן. דען, אויב יאָ טאָן, קענט איר פֿילע אויפֿטאָן נ אָ ר אויף דער קאָנווענציאָן.

איך בין באַאויפֿטראַגט פֿון קאָמיטע אייך צו שרייבן וועגן דעם. די קאָנווענציאָן וועט באַשטימען, אויב די צייטונג קען, אָדער קען ניט גיין. גענויע רעכענונגען, וועלכע מיר האָבן געמאַכט פֿאַריקע וואָך, וועל איך אייך צושיקן, אויב איר פֿאַרלאַנגט. יעדנפֿאַלס איז די קאָנ־ווענציאָן די איינציקע, וואָס וועט קענען אורטיילן איבער דער [דעם]

---

* מען דאַרף עס ניט צונויפֿמישן מיט די „עס־ערן", וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין אָנהויב פֿון XX יאָרהונדערט אין רוסלאַנד.

שיקזאל [פֿון] דער צייטונג. אויב איר וועט ניט זיין אויף דער קאָנ־
ווענציאָן, וועט איר טאָן אַ פֿעלער — — — איר מוזט דאָן זיין!
אייער פֿ. אַ. פֿראַנק

עדעלשטאַט האָט געפֿאָלגט דעם רוף פֿון זיינע חברים. פֿ. אַ. פֿראַנק האָט מער ניט געוואָלט טאָן די שווערע אַרבעט פֿון רעדאַקטירן די „פֿאַ״ש״. ווערט דוד עדעלשטאַט אויסגעוויילט ווי דער אַנאַרכיסטישער רעדאַקטאָר פֿון דער צייטונג. אַלס סאָציאַליסטישער רעדאַקטאָר איז אויסגעוויילט געוואָרן י. אַראָנאָוויטש (ד״ר יצחק אייזיק הורוויטש).[151] עדעלשטאַט נעמט אויף זיך דעם שווערן יאָך. ער שטימט אויך איין, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, צו קריגן באַצאָלט פֿאַר זיין ליטעראַרישער אַרבעט. דאָס איז פֿאַר אים געווען אַ שווערער קרבן. מיט 9 מאָנאַטן פֿריער, (אינעם „מאָרגנ־שטערן״ פֿונעם 21טן מערץ, 1890) האָט עדעלשטאַט שטאָלץ דערקלערט: „איך פֿאַרקויף ניט מיין מוזע פֿאַר גאָלד!״, און דאָס איינציקע געצאָלטס, וואָס ער פֿאַרלאַנגט פֿון זיינע „ליבע לעזער, שוועסטער און ברידער״, — איז „ליבע צו פֿרייהייט״, „הייליקע טאַטן״ און „ביטערן האָס״ (צום שונא). איצט אָבער, ווען ער האָט געמוזט אָפּגעבן זיין גאַנצע צייט פֿאַר דער רעדאַקציע־אַרבעט, האָט ער איינגעשטימט צו נעמען דערפֿאַר 5 דאָלער אַ וואָך. ער האָט עס געקראָגן העכסטנס איין מאָל אין דריי וואָכן...[152] יוסף באָוושאָווער, עדעלשטאַטס נאָכפֿאָלגער צווישן די פּיאָנערן פֿון דעם יידישן רעוואָלוציאָנערן ליד אין אַמעריקע, האָט ניט איבערגעטריבן, ווען ער האָט געשריבן אין זיין ליד „צום אָנדענק פֿון דוד עדעלשטאַט״, אַז דער לעצטער האָט געשריבן „זיין פֿרייהייט־ליד״ — „דאָרשטיק, הונגעריק און מיד״ —

אויפֿגעאָפּפֿערט האָט ער אַלעס:
זיך, זיין גאַנצע הויזגעזינד —
רואיק זיצן פֿונדערווייטן
איז געווען ביי אים אַ זינד...

*

דוד עדעלשטאַט נעמט איבער די רעדאַקציע פֿון אַ צייטונג, וואָס איז געווען אָפֿיציעל „סאָציאַליסטיש־אומפּאַרטייאיש״ און פֿאַקטיש פּאַר־טייאיש־אַנאַרכיסטיש. דער צוזאַמענפֿאָר פֿון די 32 אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן די „פֿאַ״ש״, האָט געוואָלט באַוואָרענען איר אומפּאַרטייאישקייט דורך באַשטימען די צוויי רעדאַקטאָרס: איינעם אַן אַנאַרכיסטישן (עדעלשטאַט) און אַ צווייטן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן

(י. אַראַנאָוויטש). אַראַנאָוויטש־הורוויטש איז שוין דעמאָלט געווען אַן אויסגעשפּראָכענער רעפאָרמיסט. באַלד אין זיין ערשטן אַרטיקל אין דער „פאַ״ש״ אַטאַקירט ער די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פאַר זייער ריכ־טיקער שטעלונג צו אַ גרופּע דייטשישע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע כּלומרשט צוליב אויפבויען אַ קאָמונע אין אַ דייטשישער קאָלאָניע אין אַפריקע. די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן דעמאָלט ריכטיק דעמאַסקירט די דאָזיקע בורזשואַזע גרופּע ווי פּשוטע קאַפּיטאַליסטישע רויבערס, וואָס שטרעבן צו פאַרמאַסקירן פאַר דער אַרבעטערשאַפט זייער אימפּעריאַליסטישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק.

לויט ד״ר י. הורוויטש האָבן געקענט אַרבעטן האַנט ביי האַנט ניט בלויז סאָציאַליסטן מיט אַנאַרכיסטן. ער איז אַלעמאָל געווען אויך פאַר „פיוזשאַן״, פאַר אַ פאַראייניקטער טעטיקייט פון סאָציאַליסטן מיט פאַר־שיידנערליי בורזשואַזע רעפאָרמיסטן. אונטער זיין איינפלוס, ווי אויך אונ־טער דער ווירקונג פון דער קאָנווענשאַן, וואו אַרבעטער־דעלעגאַטן האָבן געפאָדערט אַ פאַראייניקטן פראָנט, אַגיטירט עדעלשטאַט אַ געוויסע צייט פאַר אַזאַ פּאָליטיק. ער טוט עס אויף זיין שטייגער — אין פּאָעזיע און אין פּראָזע. אין זיין ליד „אַ גוט וואָרט״ („פאַ״ש״, 16טן יאַנואַר, 1891) ווענדט זיך עדעלשטאַט צו די „וועקערס״ פונעם „פאַרשקלאַפטן פּראָלעטאַר״ צו האַנדלען „מענטשלעך״, צו האָבן אין זינען דעם „ציל״ און ניט געבן קיין פּלאַץ אין האַרצן „פאַר אַ קליינלעכן געפיל״; ניט צו פאַרגעסן „פאַר וואָס מיר קעמפן״, אַז פאַר דער טיר „שטייט די מאַסע״, וואָס „בלוטעט״ און „ליידט אַן אַ שיר״.

אין זיין אַרטיקל „מיט וועמען קעמפן מיר?״ (דאָרט) פאָדערט עדעלשטאַט, אַז די אַרבעטער־פּאַרטייען זאָלן צווישן זיך ניט קעמפן. ער רופט אויס:

> נידער מיט דעם פאַרפּעסטעטן פּאַרטיי־אַבערגלויבן! לאָמיר ריכטן אונדזערע וואָפן קעגן אונדזערן וואָרן פיינט! לאָמיר פאַרווענדן אונ־דזערע קרעפטן אינעם גרויסן פרייהייט־קאַמף פאַר דער אונטערדריק־טער מענטשהייט. לאָז איעדער טאָן זיין פליכט! לאָז איעדער פאַר־טרעטן זיין פּלאַץ אויפן סאָציאַלן שלאַכט־פעלד! און די צוקונפט וועט אונדז באַווייזן, ווער פון אונדז האָט מער רעכט געהאַט אין זיינע סאָציאָלאָגישע אַנשויאונגען; וועמעס וואָפן זיינען שאַרפער און וועמעס האַרץ האָט געטרייער געשלאָגן פאַר דער ליבנדער מענטשהייט.

אין אַט דער אַגיטאַציע האָט געשטעקט סיי פּאָליטישע נאַאיווקייט, סיי אַנאַרכיסטישער עקלעקטיזם, סיי אַ פּרוּוו צו מאַנעווורירן אין אַ פּעריאָד, ווען די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע האָט שוין אָנגעהויבן גיין

באַרג אַראָפּ. עס האָט אָבער מער געשטימט מיט עדעלשטאַטס טעמפּעראַ־מענט, ווען ער האָט מיט אַ וואָך פֿריער אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג „קיינע קאָמפּראָמיסן אונטער קיינע אומשטענדן!" („רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק", „פֿאַ"ש", 9טן יאַנואַר, 1891) און האָט גלייכצייטיק גערופֿן (אין זיין ליד „וואַכט אויף!") זיינע „בראַווע קאַמעראַדן" אַרויסצוטרעטן אויף די „קאַמפּס־באַריקאַדן". סיי ווי האָט זיין רוף פֿאַר אַ פֿאַראייניקטער אַרבעט פֿון די אַנאַרכיסטן מיט די סאָציאַליסטן ניט געפֿונען קיין אָפּקלאַנג ביי קיין איין צד. די צייט פֿון סתם רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע איז שוין געווען פֿאַריבער, און אינעם פֿעריאָד פֿון קאָנקרעטע טאָג־טעגלעכע אַרבעטער־קאַמפּן איז שוין מער ניט געווען קיין אָרט פֿאַר אַ פֿאַראייניקטער טעטי־קייט פֿון סאָציאַליסטן מיט אַנאַרכיסטן. אַפֿילו דער לאָנדאָנער „אַרבייטער־פֿריינד", וואָס האָט פֿינף יאָר נאָכאַנאַנד שטאָלץ געטראָגן דעם טיטל „סאָציאַליסטיש־אומפּאַרטייאיש", איז ביים אָנהויב פֿון די 90ער יאָרן מיט יעדן נומער געוואָרן אַלץ מער אויסגעשפּראָכן אַנאַרכיסטיש. די פֿאַראיי־ניקטע טעטיקייט פֿון די אַנאַרכיסטן מיט די סאָציאַליסטן איז אויך אין לאָנדאָן געווען צעשפּאָלטן. דער לעצטער אומפּאַרטייאישער רעדאַקטאָר ק. גאַלאָפּ, האָט שוין אין אָנהויב פֿעברואַר 1891 געמוזט זיך אָפּזאָגן פֿון זיין אַמט. בלויז מאָריס ווינטשעווסקי האָט אומזיסט נאָך געפּרואווט אַ געוויסע צייט איינהיטן די סאָציאַליסטישע „אומפּאַרטייאישקייט" פֿון די 80ער יאָרן.

דוד עדעלשטאַט האָט דעריבער זיך באַמיט צו מאַכן די „פֿאַ"ש" פֿאַר אויס אומפּאַרטייאיש. אַזוי ווי די אָפּיציעלע ריכטונג פֿון דער צייטונג האָט געדאַרפֿט באַשטימט ווערן פֿון דער מערהייט אָרגאַניזאַציעס, וואָס גיבן זי אַרויס, האָט זיך עדעלשטאַט צו זיי געווענדעט מיט זיין נייעם פּלאַן. אין זיין אַרכיוו געפֿינט זיך אַ ניט־פֿאַרענדיקטער אָנוואָרף פֿון אַ בריוו צו די „גענאָסן און דעלעגאַטן פֿון קאָנווענציאָן", אין וועלכן עדעלשטאַט מאַכט זיי אויפֿמערקזאַם, אַז זייער באַשלוס איבערצולאָזן די „פֿאַ"ש" ווי אַן אומ־פּאַרטייאישע צייטונג האָט ניט געקאָנט דורכגעפֿירט ווערן. „די צייטונג, — שרייבט ער, — האָט דאָן אָנגענומען איר וואָרע ריכטונג — די אַנאַר־כיסטיש־קאָמוניסטישע". דאָס וואָרט אומפּאַרטייאיש איז אָבער „געבליבן שטעקן" אויף איר פּראָגראַם, און יעדערער פּאַרטייטשט עס „נאָך זיין געשמאַק". דער רעזולטאַט איז, אַז דאָס פֿירט אַריין די צייטונג אין פֿאַר־שיידענע מיספֿאַרשטייענישן און „וואַרפֿט אַ שאָטן" אויף איר פּאָן...

אָן ערך אין דער זעלביקער צייט באַמיט זיך עדעלשטאַט צו געבן זיין אַנאַרכיזם אַ וויסנשאַפֿטלעכע באַגרינדונג. ער פּרואווט עס טאָן אין

זיינע אַרטיקלען „ראַדיקאַלע טעטיקייט" (דעם 23טן יאַנואַר) און „אַנאַר־כיזמוס און קאָמוניזמוס" (דעם 6טן פֿעברואַר). אינעם ערשטן אַרטיקל פֿאַר־בייט עדעלשטאַט מאַרקס־ענגעלס רוף „פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט זיך!" אויף זיין אייגענעם רוף „פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענ־דער, באַוואָפֿנט אייך!" אינעם צווייטן אַרטיקל טרעט אַרויס עדעלשטאַט פֿאַר „אַבסאָלוטער הערשאַפֿטלאָזיקייט" אין דער צוקונפֿטיקער געזעלשאַפֿט. ער וויל ניט וויסן פֿון קיין שום מלוכה, אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם זי זאָל ניט זיין. ער איז קעגן יעטוועדער אויטאָריטעט, וואָס פֿאַר אַן אינהאַלט זי זאָל ניט האָבן. דער גאַנצער אַרטיקל איז דורכגעזאַפּט מיט אַנאַרכיס־טישע פֿאָרשטעלונגען וועגן דער מלוכה, וואָס זיינען, לויט לעני̇נס אויס־דרוק, „געפּלאָנטערט און ניט־רעוואָלוציאָנער".[153] ווי אַלע אַנאַרכיסטן, וואָס באַנעמען אידעאַליסטיש דעם וועזן פֿון מלוכה, באַציט זיך עדעלשטאַט נעגאַטיוו צו יעטוועדן מין רעוואָלוציאָנערע מאַכט. ער לייקנט די רעוואָ־לוציאָנערע ראָלע, וואָס עס קאָן שפּילן די מלוכה־מאַכט אין די הענט פֿון דעם זיגרייכן פּראָלעטאַריאַט — אין קעגנזאַץ צו דעם, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן געלערנט זינט 1846.[154]

עדעלשטאַט גיט אָפּ אַ סך פּלאַץ אין זיין אַרטיקל „אַנאַרכיזמוס און קאָמוניזמוס" אויף אויסצומאָלן די ווייטע צוקונפֿט. ער רעדט דאָרטן וועגן פֿאַרניכטן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿט דורך „אַ געוואַלדיקע סאָציאַלע רעוואָלוציע". ער זאָגט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿט וועט ניט „אָפּגעבן אירע פּריווילעגיעס און אירע אַנגערויבטע רייכטימער אָן אַ ביטערן בלוטיקן קאַמף". עדעלשטאַט זאָגט אָבער דאָרט קיין איין וואָרט ניט מכּוח די וועגן, וואָס פֿירן צו דער פֿאַרניכטונג פֿון דער עקזיסטירנדיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דאָס שטימט אינגאַנצן מיט עדעלשטאַטס ביטול־באַציאונג צום קאַמף פֿאַר די טאָג־טעגלעכע נויטן פֿון די אַרבעטער־מאַסן, און זייערע קאַמפּס־מיטלען. „צו וואָס שטרייקן פֿאַר דאָס שטיקעלע שקלאַפֿן־ברויט?" — פֿרעגט עדעלשטאַט, ווען מען קאָן בעסער „שטרייקן פֿאַר אַ פֿרייע וועלט". אין זיין ליד „דער לעצטער שטרייק" („פֿא"ש", 1טן אויגוסט 1890) פּראָקלאַמירט ער טאַקע, אַז ניט „ברויט אָדער אַרבעט!", נאָר „טויט אָדער פֿרייהייט!" דאַרף זיין דער פּראָלעטאַרישער קריגס־געשריי:

פֿאַר דיזן גרויסן אַלוועלטלעכן שטרייק
פֿאַראייניקט זיך אַרבעטער־מאַסן —
ווען איר געווינט שוין דאָס שקלאַפֿן־ברויט,
בלייבט [נאָך] הונגעריקע אויף די גאַסן.

דעם זעלביקן געדאַנק, אַז די גאַנצע ענערגיע פֿון די מאַסן דאַרף געזאַמלט ווערן פֿאַרן „גרויסן אַלוועלטלעכן שטרייק", פֿאַר דעם „לעצטן שטרייק אונטער דער רויטער פֿאָן!" פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און אַז דער קאַמף פֿאַר טיילווייזע דעראָבערונגען איז אַ ווידערשפּרוך דערצו, — דריקט אויס עדעלשטאַט אויך אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע אַרטיקלען. אין די „טאָגעס־פֿראַגן" (30טן יאַנואַר 1891) שטעלט ער די באַלדיקע צוגרייטונג צום „לעצטן שטרייק" איבער יעטוועדער אַנדערער טעטיקייט. אין זיין אַרטיקל „ווערטער און טאַטן" (13טן פֿעברואַר) דערקלערט עדעלשטאַט, אַז איצט „איז אונדזער הייליקע פֿליכט פֿאַרבאַרייטן דאָס אַרבעטער־פֿאָלק פֿאַרן קומענדיקן שטורעם" אאַז"וו. אין זיין ליד „דער וואַמפּיר און די קנעכט", וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט מיט אילוסטראַציעס פֿון אַ מאָלער (דאָרט, 6טן מערץ), לאָזט עדעלשטאַט דעם פֿעטן, ברייטן „וואַמפּיר פֿון מענטשן־בלוט" אַזוי חוזקן:

וואָס שרעקט מיך אייער יוניאָן־מלחמה?
אָם ענדע בלייב איך דאָך באָס!
נאַראָנים! איר נעמט פֿון אונדז נקמה?
מיט וואָס?... מיט אַ שנעל אין נאָז?

מיט אַנאַרכיסטישער זעלבסטבאַרימעריי רעדט עדעלשטאַט וועגן דעם, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער וואַמפּיר האָט מורא בלויז פֿאַר די אַנאַרכיסטן, וואָס „גיבן אַמאָל אַ באָמבע אַ שליידער", אַז עס „ציטערט זיין שקלאַפֿן־טראָן!" — אַז אָט דער וואַמפּיר שרעקט זיך גאָר ניט „פֿאַר די דומע קנעכט" (און „דומע קנעכט" הייסן ביי אים אויך די אַלע, וואָס פֿירן אַ קאַמף פֿאַר טיילווייזע דעראָבערונגען), וואָס „קרעכצן און... שלעפּן ווי פֿערד!" —

זיי פֿאַנגען אָן אַמאָל בריקעווען, שרייען,
זיי ווילן מער האָבער און גראָז...
און ווי מע גיט זיי אַ ביסל צום קייען,
לעקן זיי ווידער דעם באָס.

מיט „דומע קנעכט" קאָן מען, נאַטירלעך, ניט דורכפֿירן קיין סאָציאַלע רעוואָלוציע. דאָס האַלט אָבער ניט אָפּ עדעלשטאַטן פֿון ווענדן זיך צו די זעלביקע „שקלאַפֿן", זיי זאָלן זיך נעמען „צו די הייליקע מעכטיקע וואָפֿן".

די שרעקלעכע ליידן פֿון די אַרבעטער, אָבער אויך דער שוואַכער אָפּקלאַנג, וואָס די אַנאַרכיסטישע אַגיטאַציע האָט געפֿונען צווישן די אַרבעטער־מאַסן, ברענגען עדעלשטאַטן צו יאוש־שטימונגען. זיי רופֿן ביי

אים אַרויס אַ ריי לידער, דורכגעזאַפּטע מיט טרערן. אין זיין ליד „אויף אַ באַל" (23טן יאַנואַר) שטעלט עדעלשטאַט זיך פאַר אַלס „בלאַסער טרוי־מער", וואָס שטייט „געזונקען דעם קאָפּ אויפן ברוסט, ווען זיינע שוועס־טער און ברידער זינגען און טאַנצן מיט לוסט". ער טראַכט, אַז מאָרגן „וועט די העסלעכע טיראַניי ווידער דריקן און ווערגן די קינדער פון שקלאַפעריי"; אַז „די שיינע אויגן, וואָס בליצן יעצט מיט ליבע און מוט, וועלן זיין פייכט מיט טרערן אונטער דעם אויסבייטערס [עקספּלואַטאַטערס] רוט"; אַז „די בעקלעך, וואָס בליען יעצט ווי אַ ראָזע שיין, וועלן פון שמערצן ווערן בלאַס ווי אַ מאַרמאָר־שטיין" —

אזוי דענקט דער בלאַסער טרוימער, —
ער דענקט און שטייט אַליין, —
אַליין ווי אַ שטורעם־וואַלקן,[155]
אַליין ווי אַ פעלדזן־שטיין.

די קאָמבינאַציע פון „בלאַסן טרוימער" מיטן „פעלדזנשטיין", פון יאוש מיט ראָמאַנטישן פּאַטאָס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ווידערשפּרעכלעכקייט פון דער אַנאַרכיסטישער וועלט־אַנשויאונג.[156]

פון יענער צייט שטאַמט אויך עדעלשטאַטס ליד „זינגען מיט לוסט" (13טן פעברואַר) — אַן ענטפער צו די, וואָס פאָדערן פון אים, ער זאָל אויפהערן וויינען אין זיינע לידער, ער זאָל זינגען מיט לוסט. עדעלשטאַט ענטפערט דערויף, אַז „גוט איז דעם, וואָס איז קיין דענקער, גוט איז דעם, וואָס איז קיין דיכטער!"

צוויי וואָכן שפּעטער (דעם 30טן פעברואַר) שטרענגט זיך אָן עדעל־שטאַט צו טרייסטן, אַנשטאָט צו קלאָגן: אין אַ ליד „ניט אייביק" טרייסט ער, אַז ניט אייביק וועט דער קנעכט בויען פאַר זיינע טיראַנען פּאַלאַצן און פאַר זיך פינצטערע תּפיסות. עס מוז קומען דער פרילינג „מיט זיין הייליקן זאַנענשיין, אין וועלכן עס לאַכן די בלומען און עס פליסט דער לעבנס־וויין". ער פאָדערט אויף זיינע ברידער „ניט אַרונטערצולאָזן די קעפּ און ניט צו שטיין אויפן האַלבן וועג", נאָר צו גיין „פאָרווערטס צום הייליקן צוועק". עדעלשטאַטס טרייסט־ליד קלינגט אָן אַ שיער שוואַכער ווי זיין טרערן־ליד.

ווי אין אַ סך אַנדערע זיינע לידער, ברענגט עדעלשטאַט אַריין אויך אין ליד „זינג מיט לוסט" זיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ פאַראייניקונג פון אַלע אַרבעטער: די אָרעמע אַרבעטער „ליידן, ווייל זיי האָבן קיין פאַרשטאַנד אום צו רייכן זיך ווי ברידער אין דעם פרייהייט־קאַמף די האַנט". ער

ווייזט אָבער אויך דאָ ניט אָן אַרום וועלכע קאָנקרעטע אויפֿגאַבעס די אַר־בעטער זאָלן זיך פֿאַראייניקן.

אָן אויסנאַם צווישן עדעלשטאַטס לידער פֿון יענער צייט איז אַ רוסיש ליד מיט אַן ענגלישן נאָמען — "It Was a Dream" — „עס איז געווען אַ חלום״ („פֿאַ״ש״, 30טן יאַנואַר). עדעלשטאַט שילדערט דאָרט דאָס צוקונפֿטיקע רוסלאַנד אינעם גייסט פֿון די רוסישע פֿאָלקיסטן, פֿון די „נאַראָדאָוואָלצעס״, מיט וועלכע עס האָבן דעמאָלט סימפּאַטיזירט כמעט אַלע רוסיש־יידישע ראַדיקאַלן, סיי אַנאַרכיסטן סיי סאָציאַליסטן, אין ענג־לאַנד ווי אין אַמעריקע. אויפֿן אָרט פֿונעם קרעמל אין מאָסקווע זעט עדעל־שטאַט שטיין מאָנומענטן פֿון סאָפֿיע פּעראָווסקאַיאַ,[157] פֿאַר זשעליאַבאָוון,[158] פֿאַר העסע העלפֿמאַן[159] אד״גל. די „באַסטיליע״ (פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעס־טונג) איז צעשמעטערט. דער צאַר איז פֿאַרשיקט קיין סיביר. יידן האָבן גלייכע מענטשן־רעכט.

דעם יידישן רעוואָלוציאָנערן דיכטער מיט 44 יאָר צוריק איז ניט איינגעפֿאַלן אין געדאַנק, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע דאַרף כּלל ניט צע־שמעטערן די פּאַלאַצן פֿון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, אַז זי קען בע־סער אויסניצן די דאָזיקע פּאַלאַצן פֿאַר די אַרבעטער־מאַסן.

16

שטעלונג צו פֿראַגעס פֿון טאָג־טעגלעכן קלאַסנקאַמף

דאָס דערמאָרדן די שיקאַגער רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פֿירער האָט טיילווייז אָנגעצייכנט עדעלשטאַטס ווייטערדיקן גייסטיק־פּאָליטישן וועג. זייער דערמאָרדונג דורך דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה האָט אין אים אויפֿגעוועקט אַ שטאַרקע עקשנות פֿאָרצוזעצן זייער רעוואָלוציאָנערן קאַמף. זיי זיינען פֿאַר אים שטענדיק אַ קוואַל פֿון באַגייסטערונג. עדעלשטאַט האָט אָבער געהאַט אַ גאַר קנאַפּן אינטערעס צו די פֿראַגעס פֿון טאָג־טעגלעכן קלאַסנקאַמף. באַזונדערס ווייניק האָט ער זיך אינטערעסירט מיטן טאָג־טעגלעכן קאַמף אויפֿן עקאָנאָמישן געביט, מיטן אָרגאַניזירן די אַר־בעטער אין טרעיד־יוניאָנס. גראָד צום עקאָנאָמישן קאַמף, וואָס האָט גע־פֿאָדערט פֿון יעדןווירקלעכן אַרבעטער־רעוואָלוציאָנער אַ סך אויסגע־האַלטנקייט, פֿאַרהאַרטעוועטקייט, געדולדיקייט, פֿייאיקייט צו געבן אויף

קאָנקרעטער טאָג־טעגלעכער אַרבעט דעם שאַרפֿסטן ווידערשטאַנד די אַגענטן פֿונעם קאַפּיטאַל אין די אַרבעטער־רייען, — גראָד צו אָט דעם אַרבעטער־געביט האָט זיך עדעלשטאַט באַצויגן מיטן גרעסטן ביטול. אין דעם טאַקע האָט זיך באַזונדערס בולט אַרויסגעוויזן די קליינבירגערלעכע אידעאָלאָגיע פֿון עדעלשטאַטס רעוואָלוציאָנערישקייט, וואָס איר באַזע איז געווען די יידישע אימיגראַנטן־מאַסע.

דער שטראָם פֿון עמיגראַציע האָט כסדר געבראַכט נייע רעקרוטן פֿאַר די שוויץ־פֿאַבריקן. גרויסע מאַסן פֿון אָט די נייע שאַפּ־אַרבעטער זיינען געווען נעכטיקע קליינבירגער. זיי זיינען געווען אַנטוישט און פֿאַרביטערט: זיי האָבן זיך גאָר אַנדערש פֿאָרגעשטעלט דאָס „גאָלדענע לאַנד״. פֿאַר אָט דעם עלעמענט, וואָס איז, פֿון איין זייט, געווען פֿאַרביטערט קעגן דעם קאַפּיטאַליזם און, פֿון דער צווייטער זייט, האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו טרוימען וועגן צוריק פֿאַרנעמען אַן אָרט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט אַלס אייגנטימער, — איז דער פֿלאַמיקער רוף פֿון יאָהאַן מאָסט און פֿון אַנדערע אַנאַרכיסטישע רעדנער געווען באַלזאַם פֿאַר די צעווייטיקטע הערצער. זיי איז געווען לייכטער זיך צו באַגייסטערן פֿאַר אַ ניט קלאָרער פּראָגראַם פֿון צעשטערן מיט איין קלאַפּ די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿט, פֿאַר אַ פּראָגראַם, וואָס שטערט אַגב ניט צוצופּאַסן זיך צו דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, איידער צו דערגרייכן די פֿאַרניכטונג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג דורך אַן אָרגאַניזירטן און דויערנדיקן, האַרטנעקיקן קלאַסנקאַמף, אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישן.

אויך דוד עדעלשטאַט איז זינט די בלוטיקע געשעענישן אין שיקאַגאָ אַ קעגנער פֿון יעטוועדער פּאָליטישער טעטיקייט אין די גרענעצן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט. ער באַנוגנט זיך ניט מיט ווייניקער, ווי מיט אַ „לעצטן שטרייק״ פֿאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. יעדע אַנדערע טעטיקייט, אויך דעם פּאָליטישן קאַמף פֿאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, באַטראַכט עדעלשטאַט פֿאַר אַ צייט־פֿאַרלוסט און פֿאַר אַ פּשרה מיטן קאַפּיטאַליזם.

דוד עדעלשטאַט, וועלכער איז געווען כסדר דורכגעדרונגען מיט דער אַנאַרכיסטישער פּסעוודאָ־רעוואָלוציאָנערישקייט, איגנאָרירט אינגאַנצן די קאָמפּליצירטקייט פֿונעם פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף, וואָס פֿאָדערט אָנצואווענדן און צו פֿאַראייניקן די פֿאַרשיידנסטע פֿאָרמעס פֿון עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און קולטורעלער אַרבעט צוליב אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער־קלאַס פֿאַר די גרויסע אַנטשיידנדיקע קלאַסן־שלאַכטן. וואָס פֿאַר אַ קאָנקרעטע פֿראַגן עדעלשטאַט זאָל ניט באַהאַנדלען, האָט ער ניט קיין

אַנדערן ענטפֿער, ווי תּיכּף דורכפֿירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. ער וויל דעריבער גאָרניט טראַכטן וועגן קיין אַנדערער זאַך, ווי נאָר רופֿן דאָס „פֿאָלק" דירעקט אויף „שלאַכט־באַריקאַדן" און „קלינגען אין די פֿרייהייטס־גלאָקן". אָבער ווי אַ רעדאַקטאָר פֿון אַ וואָכנבלאַט פֿאַר אַרבעטער־מאַסן, און געשטויסן דורכן פֿאַקט, וואָס די סאָציאַליסטישע „אַרבעטער־צייטונג" באַהאַנדלט טאָג־טעגלעכע לעבנס־דערשיינונגען, ווערט עדעלשטאַט אַלץ מער געצוואונגען צו נעמען אַ שטעלונג צו די טאָג־טעגלעכע עקאָנאָמישע און קולטורעלע נויטן פֿון די אַרבעטער־מאַסן. ער ווערט געצוואונגען צו פֿאָרמולירן אַן אַנאַרכיסטישע פּראָגראַם פֿון טאָג־טעגלעכער עקאָנאָמישער און קולטורעלער טעטיקייט, — ווי אַ קאָנטראַסט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. צום ערשטן מאָל טוט עס עדעלשטאַט אין זיין אַרטיקל „דער וועג צום ציל" („פֿאַ"ש", 27טן פֿעברואַר). נאָר באַלד פֿון אָנהויב אַנטפּלעקט זיך דאָ די גאַנצע ניט־קאָנקרעטקייט פֿון דער דאָזיקער אַנאַרכיסטישער פּראָגראַם. ער הויבט אָן זיין אַרטיקל מיט אַ שאַרפֿער אַטאַקע קעגן דעם פּאַרלאַמענטאַריזם. ער איז אַפֿילו קעגן אויסנוצן דעם וואַל־קאַמף פֿאַר סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע. ער באַשולדיקט די סאָציאַליסטן, אַז זייער וואַל־קאַמפּאַניע באַטייט „אַגיטירט נאָר פֿאַרן 'קריכעריזמוס'. ד"ה קריכט, און איר וועט דערקריכן אַהין אין דער גלענצנדער בלאָטע, וואו עס זיצן אַלע אונדזערע פּראָמינענטע שווינען... און דאַן..." — זיין אויספֿיר איז:

> ווילן מיר אָבער פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַליזם, האָבן מיר דערצו אַ גאַנץ ברייט פֿעלד, טויזנטע גוטע געלעגנהייטן. ווייניק זיינען דאָ יונ־יאָנס, פּאַרטיי־בילדונגס־פֿאַראיינען, אַרבעטער־קלובן? זיינען די פֿאַר אייך ווייניק, בויט נייע! וואָרעם ניט אַגיטירן אין די טענעמענט־הייזער, אין די נאַסע בייסמענטס [קעלערס], וואו עס שמאַכטן טויזנטער פֿינצטערע שקלאַפֿן, וואָס דענקען, אַז אַזוי דאַרף עס זיין, אַז אַזוי האָט געוואָלט דער הימלשער אַלעקסאַנדער דער 3טער? גייט אַהין — צו די עלנדע, ברויטלאָזע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע פּראָלעטאַריער און בויט דאָרט אַ וואַרע טריבונע. טראָגט אַריין אַ שטראַל פֿון ליכט, אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג אין די קאַלטע גריבער פֿון אייביקער שקלאַפֿעריי, הונגער און פֿאַרצווייפֿלונג. רופֿט זיי אַרויס פֿון זייער פֿינצטערניש אין די ליכטיקע רייען פֿון באַוואוסטן [באַוואוסטזיניקן] פּראָלעטאַריאַט!

דאָס זיינען אָבער בלויז ווערטער אָן אַ קאָנקרעטן אינהאַלט. פֿאַקטיש ווייזט דאָ עדעלשטאַט ניט אָן, וואָס פֿאַר אַ קאָנקרעטע לאָזונגען מען דאַרף אַרויסשטעלן אויף יעדן געביט אין יעדער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, כּדי צו מאָביליזירן די אַרבעטער צום קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע. זיינע

פּאָליטישע אויסדרוקן: בויען „אַ וואָרע טריבונע", אַריינטראָגן „אַ שטראַל פֿון ליכט", „אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג", — אָנטהאַלטן אין זיך ניט קיין שום פּראָגראַם פֿון טעטיקייט, ניט קיין פּאָליטישע און ניט קיין עקאָנאָמישע.

קיין רעאַלע פּראָגראַם פֿאַרמאָגן אויך ניט די אַנדערע אַרטיקלען עדעל־שטאַטס פֿון יענער צייט. אין זיינע קורצע לייט־אַרטיקלען אונטערן נאָמען „רעדאַקציאָנעלע נאָטיצן" קאָמענטירט עדעלשטאַט די פֿאַרשיידענע טאָג־נייעסן. אין דעם ערשטן נומער „פֿאַ"ש", וואָס ער רעדאַקטירט (9טן יאַנואַר 1891), שרייבט ער איבער דער „מאַסן־מערדעריי אויף אָרעמע אינדיאַנער דורך יענקישן ציוויליזירער"; אין די וויטערדיקע נומערן שרייבט ער וועגן „הונגער און קעלט און אַרבעטסלאָזיקייט" אין אייראָפּע און אין אַמעריקע (6טן פֿעברואַר); וועגן דער „אומזיכערקייט און אומבאַשיצט־קייט פֿון אַרבעטער־לעבן" (20טן פֿעברואַר); וועגן די „נייע פֿאַרפֿאָלגונגען אין רוסלאַנד אויף יידן און פֿרייהייטס־קעמפֿער" (6טן מערץ); וועגן די „פֿירער פֿון 'נייטס אָוו לייבאָר', וואָס האָבן פֿאַרראַטן די אַרבעטער" (3טן אַפּריל) אאַז"וו. אויף אַלץ האָט דאָרט עדעלשטאַט די פֿאַראייניפֿאַכטע און שאַבלאָנע אַנאַרכיסטישע פֿראַזע וועגן דער פֿאַרניכטונג פֿון דער קאַפּי־טאַליסטישער געזעלשאַפֿט. עס פֿעלט אָבער ביי אים אינגאַנצן דער „וועג צום ציל", די בריק צווישן דער קעגנוואָרט און דער צוקונפֿט.

אויף דעם זעלבן שטייגער זיינען אויך געשריבן זיינע לענגערע אַר־טיקלען (דאָס רוב אונטערגעשריבן „ד. עדעלשטאַט", אָדער „ד. ע."). אין זיין אַרטיקל „די וועלט אין וועלכער מיר לעבן" (6טן מערץ) ווייזט אָן עדעלשטאַט, אַז די וויסנשאַפֿטלער — „דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, פּראָ־פֿעסאָרן" — זיינען ניט מער ווי „פֿרעכע געלט־מאַכער". עס גייט זיי ניט אָן, וואָס אַרום זיי „ליידן, שמאַכטן טויזנטער און טויזנטער מענער, פֿרויען און קינדער!" עדעלשטאַט דערקלערט דאָרט, אַז „די קונסט איז יעצט אַ שקלאַף פֿונעם גאָלדענעם קאַלב, אַ געפֿאַלענער ענגל [מלאך], וואָס ליגט אין שמוץ פֿון אונדזער נאַך־געלט־דורשטנדער וועלט". אין אַן אַנדערן אַרטיקל פֿון יענער צייט, „נידער מיט שקלאַפֿעריי" (20טן מערץ), טרעט ער אַרויס זייער שאַרף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, וועלכע ער דעמאַסקירט ווי אַ באַזונדערס מיאוסן און גיפֿטיקן שונא פֿון די אַרבעטער־מאַסן. אין קעגנזאַץ צו די פּיאָנערן פֿונעם „אָפּאָרטוניסטישן סאָציאַליזם", וואָס האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן חנפֿענען גבירים און מאַכטהאָבער, איז דוד עדעלשטאַט אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפֿן אַרטיקל, אונטערן נאָמען „באַראָן הירש" (17טן יולי), און אָנגעוויזן אויף דעם סם, וואָס עס פֿאַר־מאָגט די בורזשואַזע פֿילאַנטראָפּיע. עדעלשטאַטס אויספֿיר איז געווען:

„נידער מיט דער קאַפּיטאַליסטישער וואוילטעטיקייט! מיר פאָדערן גערעכ־טיקייט!" אין דעם זעלביקן זין האָט עדעלשטאַט אויך אויסגעלאַכט די קולטור־וואוילטעטיקייט פון דער בורזשואַזיע. אין אַן אַרטיקל „קונסט פאַר די הונגעריקע — צאַצקעס אַנשטאַט ברויט" (29טן מאַי) מאַכט ער חוזק פון דער בורזשואַזער רעפאָרם צו האַלטן זונטיק אָפן דעם קונסט־מוזיי פאַרן אָרעמען עולם. עדעלשטאַט זעט אין אַזוינע בורזשואַזע „טובות" בלויז אַ מיטל צו פאַרבלענדן די אויגן פון די מאַסן. ער פרעגט איראָניש:

וואָס טויג די קינסטלערישע סקולפּטור,
די שיינע מאָלעריי,
פאַר דעם, וואָס וויים אין לעבן נאָר
נויט און שקלאַפעריי?

אין אַט די און אין אַ ריי אַנדערע אַרטיקלען זיינע דעקט אויף עדעלשטאַט די וואונדן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. און ער איז זייער שטאַרק אין זיין קריטיק פונעם קאַפּיטאַליזם. ער באַנוצט אָבער זיין קריטיק בלויז ווי אַ מיטל פאַר אַנאַרכיסטישער אַגיטאַציע און מאַכט ניט דערפון דעם געהעריקן אויספיר אין זין פון קאָנקרעטע קאַמף־לאָזונגען. אויף אַלץ — פאַר אַלע צייטן און פאַר אַלע אומשטענדן — האָט ער בלויז דעם איינ־און־איינציקן ענטפער: „סאָציאַלע רעוואָלוציאָן".

בלויז אין אייניקע אַרטיקלען געלינגט עדעלשטאַטן צו פאָרמולירן פּראַקטישע פאָרשלאָגן. אָבער דאָס רוב צעשטערט ער באַלד אַליין זייער פּראַקטישן ווערט דורך דער אַנאַרכיסטישער פראַזע, פון וועלכער ער קאָן זיך אין ערגעץ ניט באַפרייען. אין זיין אַרטיקל „די שאָטן־זייטן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג" (27טן מערץ) קריטיקירט ער זייער שאַרף די פאַלשע פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער אויך אין דעם דאָזיקן אַרטיקל טראָגט ער אַריין דעם אַנאַרכיסטישן אַנטיפּאַרטייאישן קלאַפּער־געצייג, אַ שטייגער, די ביטול־באַציאונג צו אַזוינע פּראָלעטאַרישע קאַמפּס־מיטלען, ווי באָיקאָט, וואַל־קאַמף, דעמאָנסטראַציעס אד"גל.

אין אַרטיקל „אַ וויכטיקע נויטווענדיקייט" („פאַ"ש" פון 22טן מאַי) פאָדערט אויף עדעלשטאַט די יידישע אַרבעטער צו דערלערנען די ענג־לישע שפּראַך. ער ווענדט זיך הויפּטזעכלעך צו די ראַדיקאַלע יידישע אַרבעטער, וועלכע האַלטן זיך פאַר אינטערנאַציאָנאַליסטן:

דער יידישער אַרבעטער איז איצט צו נאַציאָנאַל אין זיין אינטער־נאַציאָנאַליזמוס, ער וואוינט אין יידישע סטריטן [גאַסן], ער לעזט יידי־שע צייטונגען, ער גייט אין יידישע טעאַטערן, יידיש און נאָר יידיש...
— — — די פרעמדקייט פון דער ענגלישער שפּראַך ליגט ווי אַן אָפּגרונט צווישן דעם יידישן און אַמעריקאַנישן אַרבעטער. אַ בריק

איבער דעם אָפּגרונט קען ליגן דער יידישער אַרבעטער מיט דעם, וואָס ער וועט דערלערנען די שפּראַך פונעם לאַנד, אין וועלכן ער לעבט יעצט, אַרבעט און קעמפּט.

גלייכצייטיק פאַרנעמט זיך עדעלשטאַט מיט דער אַזוי גערופענער „יידן־פּראַגע". אין אַן אַרטיקל „דאָס אומגליקלעכע פאָלק" (אין דעם זעלביקן נומער „פאַ"ש") שילדערט ער די ליידן פון דער יידישער באַפעל־קערונג אינעם צאַרישן רוסלאַנד. ער רופט דאָרט דעם יידישן פּראָלע־טאַריאַט זיך אַנצושליסן אין די רעוואָלוציאָנערע רייען, „וואָס קעמפן פאַר פרייהייט, פאַר אַלגעמיינע מענטשן־רעכט. און דאַן, ווען דו וועסט קעמפן, וועסטו אויך קעמפן פאַר דער פרייהייט און גליק פון אונטערדריקטן און אומגליקלעכן יידישן פאָלק".

אין זיין לעצטן אַרטיקל, אונטער זיין אייגענער רעדאַקציע, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט, איידער די קראַנקייט צווינגט אים צו פאַרלאָזן ניו־יאָרק, — „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג" (18טן סעפּטעמבער 1891) — דערקלערט עדעלשטאַט, אַז „די איצטיקע סאָציאַלע באַוועגונג" איז אַ אומרחמנותדיקע „בלוטיקע מלחמה", אַ קאַמף אויף לעבן און טויט; אַז אַט די באַוועגונג איז ניט בלויז אַ קריג צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, נאָר „אויך אַ דועל אויף מעסערשטעך צווישן פאַרשיידענע אידייען, צווישן פאַרשיידענע עקאָנאָמישע און מאָראַלישע אַנשויאונגען".

זיין אַנאַרכיזם לאָזט אָבער עדעלשטאַטן ניט באַמערקן די פאַרשיידענע קלאַסן־אינטערעסן הינטער די „פּראַשיידענע אידייען" און „אַנשויאונגען". ער באַגרייפט בלויז, אַז די מלחמה צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט קען ניט פאַרשטעלן מיט זיך קיין בילד פון מענטשלעכקייט און הומאַניטעט, ווי געוויסע קליינבירגערלעכע אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע מאָראַ־ליסטן פּרעדיקן.

עדעלשטאַט האָט אויסגענוצט יעדן רעוואָלוציאָנערן געדענקטאָג צו פּראָפּאַגאַנדירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. אָבער אויך אין אַט די אַלע לידער וועגדט ער אָן דעם זעלביקן מעטאָד, וואָס אין דער פובליציסטיק — צו רעדן סתם וועגן דעם ענד־ציל און ניט אָנצואווייזן קיין פּראַקטישע וועגן, ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן. יעדעס ליד זיינס וועגן דעם האָט אַ רע־וואָלוציאָנערן לאָזונג. וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין 1789 קלינגט דער רוף: „אַרבעטער־פאָלק, צו די וואָפן!"; לואיזע מישעל גיט דעם סיגנאַל „צום לעצטן, צום בלוטיקן שלאַכט!"; סאָפיע פּעראָווסקאַיאַ פּריי־דיקט „האָס צו יעדן טיראַן". דזשאָן בראַון ווייזט, אַז „פאַלן און שטאַרבן

מוז די שקלאַפעריי, אַז פעלקער פון אַלע ראַסן און פאַרבן מוזן און וועלן זיין פריי!"; פאַר אַלבערט פאַרסאָנס גייסטיק אויג שוועבט תמיד „די גרויסע רעוואָלוציע"; לואיס לינג שרייט אויס: „פאָרוועדטס, קאַמעראַדן! פאָרווערטס, מיט פאַנצער און שווערד!" און אויגוסט שפיז רופט: „ציטערט, טיראַנען! עס שלאָגט אייער לעצטע שטונד!"

ווי זיין שטייגער איז, באַנוצט אָפט עדעלשטאַט די געדענקטעג סיי פאַר זיין פּאָעזיע, סיי פאַר זיין פּובליציסטיק. עדעלשטאַט שטרייכט דערביי אונטער אין זיינע אַרטיקלען נאָך מער, ווי אין זיינע לידער, וואָס מיר קאָנען לערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט. אין זיין אַרטיקל „דער היסטאָרישער מאָמענט" (13טן מערץ) ווייזט ער אָן, אַז „די פּאַריזער קאָמונע האָט אונדז געלערנט, דאָס דיזער פאָלקס־פייער פון ביטערן האָס צו טיראַני דאַרף ניט פאַרלאָשן ווערן, ביז אונדזער פיינט וועט זיין פאָלקאָם פאַרניכטעט, פאָלקאָם צעטראָטן"... אינעם אַרטיקל „דער פערטער מאַי 1886" (15טן מאַי) מאַכט עדעלשטאַט דעם אויספיר, אַז די בורזשואַזע פאַרשווערונג קעגן די שיקאַגער אַרבעטער־פירער לערנט „צו קוקן גלייך דעם פיינט אין געזיכט"...

נאָר נאָך מער ווי די רעוואָלוציאָנערע מאָמענטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, פּרוּווט זיך עדעלשטאַט אויסניצן פאַר אַגיטאַציע די קלאַסן־קאַמפן פון זיין צייט. די אומגליק־פאַלן אין די קוילן־גרובן (די קוילן־באַזיצער ווילן ניט אָפּגעבן אַ קליינעם טייל פון זייערע פּראָפיטן אויף מאָס־מיטלען צו באַשיצן די לעבנס פון די קוילן־גרעבערס!); די באַוואָפנטע אָנפאַלן אויף שטרייקנדיקע אַרבעטער; די פאַרשווערונגען, וואָס עס מאַכן די קאַפּיטאַליסטן צו צעשטערן די טרעיד־יוניאָנס און אומצוברענגען מוטיקע אַרבעטער־קעמפער — אָט די אַלע געשעענישן אויפן עקאָנאָמישן געביט ניצט אויס עדעלשטאַט ווי אַן אילוסטראַציע, אַז אַלע אַרבעטער־כּוחות מוזן תּיקף קאָנצענטרירט ווערן אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ער רופט צו נקמה פאַר דעם „מאַסן־מאָרד" פון די קוילן־גרעבער: „פון דאָס אומשולדיקע בלוט פון פּראָלעטאַריאַט וועט אַנטשפּרינגען די פלאַמענדע בלום פון גערעכטער ראַכע!" (7טן פעברואַר). ער פּראָטעסטירט שטאַרק אין אַרטיקל „ווידער גאַלגענס!" (20טן פעברואַר) קעגן דעם, וואָס מען האָט פאַראורטיילט דריי אַרבעטער־שטרייקערס אין פּיטסבורג, וועלכע זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין באַפאַלן אַ סקעב; אין דעם באַוואָפנטן קאַמף פאַר די קוילן־גרעבער אין טענעסי זעט עדעלשטאַט אַ „רויטן צייכן דער צייט" און אַז „וואָפן מאַכן העלדן פון שקלאַפן!"... ווען די

קוילן־גרעבערס אין טענעסי ווערן ברוטאַל אונטערדריקט, דערקלערט עדעלשטאַט, אַז דאָס באַווייזט, אַז דער איינציקער ענטפער איז סאָציאַלע רעוואָלוציע און נקמה... (14טן אויגוסט 1891).

17

רעדאַקציע־אַרבעט

דוד עדעלשטאַט האָט זיך צו זיין רעדאַקציע־אַרבעט באַצויגן זייער ערנסט. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט יעדער קלייניקייט. באַלד ווי ער איז געקומען, האָט ער אַוועקגעשטעלט אויף דער צייטונג אַ מאָטאָ — ניט קיין ביבלישע, ווי אין דער „וואָרהייט״, און ניט קיין תלמודישע, ווי אינעם „אַרבעטער־פריינד״, נאָר אַזאַ, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן דעמאָלט־דיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין אַמעריקע. דאָס איז געווען די זעלבע מאָטאָ, וואָס מאָריס ראָזענפעלד האָט געגעבן זיין ערשטער לידער־זאַמלונג „די גלאָקע״ (1888), אין ענגליש און אין יידיש, — די לעצטע ווערטער פון דעם אַמעריקאַנישן אַרבעטער־מאַרטירער, אַלבערט פאַרסאָנס:

"Let the Voice of the people be heard!"

מאָריס ראָזענפעלד האָט די דאָזיקע ווערטער איבערגעזעצט פריי: „הערט נאָר אויס די שטימע פון פאָלק״; עדעלשטאַט איבערזעצט עס ווערטלעך: „לאָז די שטימע פון פאָלק געהערט ווערן״.

ניט געקוקט דערויף, וואָס עדעלשטאַטס יידיש האָט געשטאַמט פונעם אַמעריקאַנער שאַפּ, און ער איז געווען ווייניק באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער ווי אַ רעדאַקטאָר דאָך געשטרעבט איינצופירן ענ־דערונגען אויך אין דעם צייטונג־יידיש. (ער האָט אַ לאַנגע צייט אומעטום האַרטנעקיק געענדערט דאָס אַנגענומענע וואָרט „רעדנער״ אויף „רייד־נער״...).

עדעלשטאַט איז אויך געווען אַ שטרענגער רעדאַקטאָר און גע־דרוקט בלויז דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נוצלעך פאַר דער יידישער אַרבעטנדיקער מאַסע.[160] עדעלשטאַט איז געווען זייער איבערקלייבעריש אין הינזיכט פון דרוקן לידער. אין דער צייט, ווען אין דער „אַרבעטער־צייטונג״ האָבן אַלע געזעלשאַפטלעכע טוער געקענט שרייבן אויך אין

גראַמען, האָט עדעלשטאַט בכלל זעלטן פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ליד פֿון אַ צווייטן דיכטער. ער האָט אַפֿילו ניט געדרוקט די לידער פֿון דעם סינסינעטער דיכטער דוד גרינבערג (זאַהיק), וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אַ ראַדיקאַל. ניט ווייניקער איבערקלייבעריש איז ער אויך געווען מיט די פּראָזע־שרייבער. זיין סינסינעטער חבר יוסף לוקאָווסקי, וועלכער האָט פֿאַרפֿלייצט אַנדערע צייטונגען מיט זיינע פֿילאָזאָפֿירנדיקע אַרטיקלען, האָט ביי עדעלשטאַטן קיין פּלאַץ ניט געפֿונען.[20] ער האָט אויך ניט געדרוקט די אַרטיקלען און פֿעליעטאָנען פֿון אַנאַרכיסטישע טוער, אויב זיי האָבן ניט געהאַט קיין דערציערישן ווערט פֿאַר די אַרבעטער־מאַסן. ער פֿלעגט טאַקע אָפֿט אַליין אויספֿילן דעם גרעסטן טייל פֿון דער צייטונג. אין אַ פֿעליעטאָן „אַ רעדאַקטאָרס חלום" („פֿאַ"ש", 17טן אַפּריל), פֿאַרעפֿנטלעכט אָן זיין אונטערשריפֿט, שילדערט עדעלשטאַט אַזאַ בילד פֿון זיין רעדאַקטאָרישער טעטיקייט:

ער איז געווען מיד פֿון זיין אַרבעט. עס איז ניט קיין קלייניקייט דורכצולעזן אַ גאַנצן פּאַק אַרטיקלען לאַנג ווי דער יידישער גלות, אַ גאַנצן וואָגן מיט געדיכטע, אַ באַרג פֿון יוניאָן־באַריכטן; היינט דאַנקבריוו און זידלעריי־בריוו... היינט ווידער פֿאַרשיידענע פֿראַגן פֿון קאָפּברעכנדע פֿילאָסאָפֿן, ווי צום ביישפּיל: „איבער אונדז זיינען די וואָלקן, איבער די וואָלקן איז דער הימל, היינט וואָס איז איבערן הימל?"

זיצנדיק אַזוי מיד, דערזעט דער רעדאַקטאָר, ווי זיין פּאַפּיר־קאָרב האָט אָנגעהויבן זיך באַוועגן. די פֿאַרבראַקירטע מאַנוסקריפּטן מיט „קעלבערנע פֿיס" און מיט „אייזל־קעפּ" באַפֿאַלן אים פֿון אַלע זייטן. — „אַ גרויסע 15־זייטיקע געדיכט אָן גראַמען און אָן פּאָעזיע"... „אַן 80־זייטיקער וויסנשאַפֿטלעכער אַרטיקל", וואָס „אַנטהאַלט אין זיך אַזאַ פֿילאָזאָפֿיע, וועלכע קיינער אין דער וועלט פֿאַרשטייט ניט. אַלע גרויסע געלערנטע: דזשאָן סטיואַרט מיל, ספּענסער, דאַרווין, האָקסליי, אַדאַם סמיט זיינען ביי אים גאָרניט.[29] אַן אַנדער מאַנוסקריפּט, אַ פֿאַרבראַקירטער „זידלעריי־אַרטיקל" לאָזט זיך אַריין מיט עדעלשטאַטן אין דעבאַטן איבער זיין גאַנצער פּראָגראַם. מיר דערוויסן זיך דערפֿון, אַז אַ סך אַנאַרכיסטישע טוער זיינען געווען אומצופֿרידן מיט עדעלשטאַטס פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר אַ פֿאַראייניקונג פֿון אַלע אַרבעטער. זיי האָבן געוואָלט, אַז עדעלשטאַט זאָל אַרויסרוקן אין צענטער פֿון דער צייטונג דאָס אַטאַקירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די „אַרבעטער־צייטונג".[161]

עדעלשטאַטן ווערט פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז ער איז צו פֿיל „דזשענטעלמאַן", אַ „פּאָעטישער אַריסטאָקראַט", אַ „ווייכהאַרציקער טרוימער", וואָס מיינט,

אַז ער האָט „צו טאָן מיט גריכישע געטער" און פֿאַרגעסט, אַז ער געפֿינט זיך „אויפֿן מאַרק" — „צווישן מאַרק־יידענעס", און „ווען איין מאַרק־יידענע הויבט דיך אָן צו פּאַטשן מיט אַ העכט אין צורה, מוזסטו כאַפּן דעם צווייטן העכט און פּאַטשן צוריק אין צורה".[129] עס הערשט אויך אָן אומצו־פֿרידנקייט מיט זיינע פֿלאַמיקע קאַמף־רופֿן. ווי ס'ווייזט אויס, איז ביי אַ גרויסן טייל אַנאַרכיסטישע טוער שוין דעמאָלט געווען גרויס די נייגונג צו פֿאַרוואַנדלען דעם אַנאַרכיזם אין עפּעס אַזוינס, וואָס שטערט לחלוטין ניט אָפּן און געטריי צו דינען דער בורזשואַזיע. דער אַנאַרכיסטישער „זידלעריי־אַרטיקל" זאָגט צו עדעלשטאַטן:

דו צייגסט אונדז אָן אהין, וואו עס קאָכט און זידט מיט בלוטיקע כוואַליעס דער גוואַלטיקער קאַמף צווישן אַרבעטער און אַ באַנדע רויבער און מאַסן־מערדער! דו צייגסט אונדז אָן אויף די פֿרישע פֿאַר־בלוטיקטע קערפּער פֿון די נאַר וואָס געשאָסענע פּיטסבורגער קוילן־אַרבעטער; אויף די אַרבעטער, וועלכע זיינען דערשאָסן ווי הינט, זייער ברוסט דורכגעלעכערט מיט ברענענדע קוילן, דערפֿאַר וויל זיי האָבן רעבעלירט קעגן הונגער־לוין! דאָרט אין די פֿאַרוויכערטע פֿעל־דער וואַלגערן זיך אַרום אין בלוט, אין זאַמד אייערע ערמאָרדעטע ברידער. דיינע אויגן ברענען מיט ווילדן צאָרן, דו קריצסט מיט די ציין, דו רייסט זיך פֿאַר די האָר... דו רופֿסט אונדז צו אַ גרויסן, צו אַ געפֿערלעכן קאַמף; — — — עס איז וואָר [אמת]. מיר גלויבן אַלע אין אַ סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, אָבער דאָס וועט זיין, ווען דער שמש וועט אונדז אָנקלאַפּן אין די פֿענצטער און אונדז זאָגן: „רבותי, שטייט אויף צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן!"[162]

ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס עדעלשטאַט איז אַזוי גיך אַוועקגעפֿאַלן אין ניו־יאָרק. ער איז געווען קראַנק, האָט געליטן הונגער און קעלט, אָבער נאָכמער האָבן אים צעבראָכן זיינע ביטערע אַנטוישונגען אין די אַנאַרכיסטישע פֿירער און דער אַנאַרכיסטישער פּראַקטיק. אַז די פּעסי־מיסטישע טענער פֿון דעם פֿעלעטאָן „אַ רעדאַקטערס חלום" זיינען געווען ניט קיין צופֿעליקע, באַווייזט דאָס, וואָס אין דעם זעלביקן נומער „פֿאַ"ש" האָט ער אויך געגעבן אַ געדיכט אין פּראָזע — „מוזיק" (וועגן דער „מאַר־סעליעזע"), אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים „קאָסטאַליו",[277] וועלכן ער האָט אויך אָנגעגעבן אויף זיין פּאָפּולער ליד „צו די אַרבעטער־פֿרויען" (8טן מאַי). אין דעם געדיכט אין פּראָזע „מוזיק" שרייבט עדעלשטאַט:

שוואַרצע געדאַנקען פֿון ווילדער פֿאַרצווייפֿלונג האָבן, ווי געדיכטע שטורעם־וואָלקן, פֿאַרדעקט מיין לעבנסוועג; מיינע הייליקסטע האָ־פֿענונגען, מיינע שטאַרקסטע איבערציי‍גונגען, צעבראָכן פֿון ביטערן שטורעם, זיינען ווי פּוסטע חורבות געלעגן שטום און לעבנסלאָז. איך

האָב געוויינט... געוויינט איבער מיינע געשטאָרבענע האָפענונגען; געוויינט איבער מיין פאַרוואונדעטע יוגנט, געוויינט איבער די טייערע הייליקע אידעאַלן, וועלכע די וועלט האָט אַזוי ציניש, אַזוי ברוטאַל געטראָטן מיט אירע פיס.

ענלעכע געדאַנקען דריקט ער אויס, אויך אין דעם זעלביקן נומער, אין זיין ליד „צו מיין פעדער", אין וועלכן ער דערקלערט, אַז נאָר זיין פעדער שטילט זיין „האַרצנס געוויין" און „לאָזט אים ניט פאַרבלוטן"... אַז ער „אָטעמט פריי" אין זיינע שריפטן, איידער עס דרוקט זיי דאָס בליי, „איידער די וועלט הויבט זיי אָן פאַרגיפטן מיט ציניש[ע] היוכלעריי [צביעות]"... און ער ענדיקט:

נור דער טויט וועט אונדז צעשיידן! —
און ווען צעבראָכן, פאַרפאָלגט,
פאַל איך... דאַן וועסטו פאַר מיר ריידן
צום פאָלק, צום ליידנדן פאָלק.

אין זיינע בריוו צו זיין שוועסטער דערציילט עדעלשטאַט, אַז ער וואוינט מער אין רעדאַקציע, ווי אין זיין צימער, וואָס נעמט אין זיך אַריין „אַ בעט, אַ בענקל אָדער צוויי, און דערצו צוויי פּאָר מענטשלעכע פיגורן, אויב זיי זיינען ניט שטאַרק דיקע"... אַז ער האַרעוועט שווער, און „דאָס לעבן איז פול מיט זאָרג — מיט פּאַרטייאישע און ליטעראַרישע". אין אַ בריוו צו דער שוועסטער (21טן פעברואַר) שרייבט ער: „די צייטונג איז ניט קיין ווערטעלע, דאָ גייט ניט אַזוי אינעם שרייבן, ווי אין דעם, וואָס אויף אַלץ דאַרף מען אַכטונג געבן, און אַז מען גיט ניט אַכטונג, קומען פאָר שרעקלעכע נאַכלעסיקייטן, ווייל אין רעדאַקציע איז ניטאָ קיין איין מענטש, אויף וועלכן מען זאָל זיך קענען פאַרלאָזן". נאָר „אַנדערש איז אוממעגלעך": אָדער ער האָט „איגנאָנצן ניט געדאַרפט זיך אונטער־נעמען", און אַז ער האָט זיך יאָ אונטערגענומען, דאַרף ער „ערלעך אויס־פילן" זיין אַרבעט. דערביי באַמערקט ער, אַז די מענטשן אַרום אים ליידן, אָדער „פאַרנעמען זיך מיט באַנאַלקייטן" און קיין „באַענטע מענטשן" האָט ער ניט.

פון זיינעם אַ בריוו (9טן מערץ) צו זיין שוועגערין אַנאַ איז קענ־טיק, אַז די שווערע רעדאַקציע־אַרבעט און די ערגערנישן, וואָס ער האָט דערביי, האָבן זיך שטאַרק אָפּגערופן אויף זיין געזונט. ער שרייבט:

אַ יידישער רעדאַקטאָר — דאָס איז אַ מענטש, וואָס דאַרף שרייבן, שרייבן, שרייבן... צי ביסטו געזונט, צי ניין, צי פילסטו אַ חשק צום שרייבן אָדער ניט, מיט אַ קאַפּוויטיק, אָדער ניט, מיט אַ צע־בראָכן האַרצן, מיט בלוטכראַקעניש... סיי־ווי־סיי שרייב. הער אויס

די קריטיק פֿון קאָפּע־סאַלאָן־חכמים, שטרענגע אָנדייטונגען פֿון אַנטוישטע שרייבער, זידלערייַ פֿון נאַראָנים אַאַז״וו. — — — די רעדאַקציע איז אַ שמוציקער קעלער, וואָס איז אייביק פֿול מיט טומלדיקן המון. אַז דאָרט איז קאַלט, אַז דער פּרעס קלאַפּט אייך אין קאָפּ אַריין, און ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, מוזט איר שרייבן אַן אַרטיקל, פֿאַרפֿאַסן פּאָעזיע. — — — פֿאַר דער צייט פֿון מיין רעדאַקטערייַ האָב איך אָנגעוואוירן מיינע בעסטע פֿריינט, געקראָגן אַ הויפֿן נאַרישע שונאים און איך בין איינזאַם און אומעטיק, ווי שטענדיק.

דאָך, ניט אַלע זיינע „בעסטע פֿריינט" האָט ער אָנגעוואָרן. אַזוי דערציילט ער אין אַ בריוו אַהיים (26טן מערץ), אַז ער האָט פֿאַרבראַכט אַ פּורים אָוונט ביי זיין פֿריינדין אַניוטאַ,[163] און זיי „האָבן זיך אָנגעלאַכט". מיט פֿינף טעג שפּעטער (31טן מערץ) טיילט ער זיי מיט, אַז ער איז געווען אויף אַ „ליאַמע לכבוד דעם נייעם דאָקטער", זיין חבר הלל זאָלאָטאַראָוו, און ער איז אַוועק פֿון דאָרטן אַהיים ערשט „פֿיר פֿאַרטאָג".

בכלל אָבער איז עדעלשטאַט געווען כסדר פֿאַרנומען. אַחוץ אַ מאַסע רעדאַקציאָנעלע אַרבעטן — שרייבט ער אַהיים — „קומט אויס צו באַזוכן מיטינגען און זאַלעכע פֿאַרזאַמלונגען, וואָס נעמען ביי מיר צו אַ סך צייט". אין אַ בריוו צו דער שוועסטער (8טן אַפּריל) שרייבט ער, אַז ביי אים איז „ניטאָ קיין לעבן אויסער דער רעדאַקציע", אַז „ער האָט זיך אָפּגעפֿרעמדט פֿון זיינע באַקאַנטע". ער האָט אַ מאַסע אַרבעט און דער עיקר פּייניקט אים דאָס באַוואוסטזיין, אַז פֿאַר אַלץ טראָגט ער די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט:

> איך בין ניט אַזוי פֿיל פֿאַרנומען מיט שרייבן, וויפֿל מיט אַכטונג געבן, אַז דאָס אָנגעשריבענע און צוגעשיקטע זאָל זיין אויסגעסאָרטירט, אויסגעפֿאַרריכט, ניט פֿאַרקריפּלט דורך די זעצערס און דורך די קאָרעקטאָרן. היינט וואו זיינען די פּאַרטייאישע זאָרגן? דעם האָט מען אָנגערירט, יענעם האָט מען באַליידיקט. דאָרט איז מען באַגאַנגען אַן עוולה. נאָך אַלעמען שפּיר נאָך און וויים וואָס געבן אַן אָרט און וואָס אַרויסוואַרפֿן.

אין דעם זעלביקן בריוו באַדויערט עדעלשטאַט, וואָס איבער זיין רעדאַקציע־אַרבעט פֿאַרנאַכלעסיקט ער זיין פּאָעזיע. ער האָט שוין לאַנג זיך ניט אָפּגעגעבן מיט זיין מוזע, מיט וועלכער ער פֿלעגט אַמאָל אָפּזיצן „נאָך דעם שווערן אַרבעטס־טאָג ביז איינס אַזייגער אין דער נאַכט". ער טרייסט זיך אָבער, אַז עס „גייט צו פֿרילינג און אַלץ וועט אויפֿלעבן".

כאָטש עדעלשטאַט פֿאַרשווייגט ניט פֿאַר זיינע נאָענטע קרובים זיין שווער לעבן אַלס רעדאַקטאָר פֿון דער „פֿאַ״ש", איז ער דאָך גרייט ווייטער צו טאָן זיין אַגיטאַציע־אַרבעט. נאָך מער, ער דערמוטיקט נאָך זיין איינציקע



עדעלשטאַטס שוועסטער סאָניע (שרה), איר מאַן אַרקאַדיע טעלסאַן און זייער זון דוד (אַ נאָמען
נאָך דוד עדעלשטאַט)

שוועסטער צו ווערן אַן אַגיטאַטאָרין פֿאַר די אינטערעסן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג.[164] ער שיקט איר אויך רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור צו פֿאַר־שפּרייטן צווישן די מאַסן. אין אַ בריוו צו איר (29טן אַפּריל 1891, זיין לעצטער בריוו פֿון ניו־יאָרק, וואָס איז אונדז באַקאַנט), שרייבט עדעלשטאַט:

> דאָס לעבן פֿון אַ רעוואָלוציאָנער אין אונדזער צייט קאָן ניט זיין זיס. יעדער שריט פֿאָרויס פֿאָדערט קאַמף און מי. דעריבער איז אויך מיין לעבן אַ האָרעפּאַשנער, אָפּט אַפֿילו אַ שווערער.

פֿון עדעלשטאַטס בריוו צו זיין שוועסטער איז אויך קענטיק, אַז ער איז אַפֿילו ניט געווען זיכער מיט דער „סימפּאַטיע פֿון דער מאַסע" צו זיינע לידער. ווען ער וואָלט אָבער אימשטאַנד געווען אַרויסצוטרעטן אַלס רעדנער אָדער פֿאָרלייענער פֿאַר די מאַסן, וואָלט ער געווען איינגעזען, ווי טיף די יידישע אַרבעטער האָבן אים ליב געהאַט ווי אַ דיכטער. ער איז געווען צו שעמעוודיק פֿאָרצולייענען זיינע לידער פֿאַר אַ ברייטן עולם. אין דער גאַנצער צייט פֿון זיין רעדאַקטאָרשאַפֿט איז עדעלשטאַט בלויז איין מאָל אַרויסגעטראָטן עפֿנטלעך אַלס פֿאָרלייענער פֿון זיינע שריפֿטן. דאָס איז געווען אין פֿילאַדעלפֿיע אויף אַן אונטערנעמונג פֿון די „פּיאָנערן", (13טן מערץ), צום יאָרטאָג, ווען דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געהרגעט געוואָרן דורך די „נאַראָדאָוואָלצעס". אין די אַנאָנסן פֿון דער אונטערנעמונג (אַ קאָנצערט) איז געווען אונטערגעשטראָכן, אַז „דער באַרימטער קעמפֿער און פּאָעט, גענאָסע ד. עדעלשטאַט אויס ניו־יאָרק, וועט זיינע פֿאַרפֿאַסונגען פֿאָרטראָגן". ער האָט דאָרט, מיט אַ סך בינע־פֿיבער, פֿאָרגעלייענט אייניקע פֿון זיינע זאַכן.[165]

אומעטיק קלינגט עדעלשטאַטס ליד „צום געבורטס־טאָג" פֿון דער „פֿאַ"ש" (3טן יולי, 1891). ער ווענדט זיך צו איר מיט די ווערטער: „שווער איז געווען דיין קאַמף, ניט גרויס דיין דערפֿאָלג" —

> שווער איז דיין קאַמף! די שטורמישע וועלן
> ברעכן די שיף, עם דונערט און בליצט,
> די יונגע מאַטראָזן, די רויטע רעבעלן
> קעמפֿן מיט טרערן פֿון שטורעם באַשפּריצט.

ווי אַ סיבה פֿון דעם ניט־דערפֿאָלג פֿון דער „פֿאַ"ש" גיט אַן עדעלשטאַט איר פּרינציפּיעלקייט: „ווען דו וואָלסט די מאַסע געשמייכלט, געלעקט, — — — דאַן וואָלט זי מיט קראַנצן דיין הויפּט באַדעקט". זיין טרייסט איז: „בעסער שטיינער ווי מאָנומענטן, — — — בעסער קללות ווי קאָמפּלי־מענטן". אָבער — „ניט אומזיסט איז די אַרבעט און מי" פֿון די „רויטע

רעבעלן״, און ער פֿאַרזיכערט, אַז די „פֿרייהייט־שיף״ וועט ברענגען „אַהין, וואו די מענטשהייט וועט לעבן און ליבן, ליבן און לעבן גליקלעך און פֿריי״.

עדעלשטאַט האָט נאַטירלעך ניט איינגעזען, אַז די הויפּט־סיבה פֿון דעם ניט־דערפֿאָלג פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער שטימע״ איז געלעגן אינעם אַנאַרכיסטישן כאַראַקטער פֿון דער צייטונג.

18

דוד עדעלשטאַט און מאָריס ראָזענפֿעלד

באַלד אינעם צווייטן נומער „פֿאַ״ש״ טרעט אַרויס דוד עדעלשטאַט מיט אַ ליד „צוויי דיכטער״ (11טן יולי, 1890). ער שילדערט, פֿון איין זייט, אַן „אַלזייטיקן״ דיכטער, וואָס „זינגט זיך ווי אַ נאַכטיגאַל״, וואָס ווערט געלויבט פֿון „אָרטאָדאָקס און ליבעראַל״, און „די ברידער דענקען שויןביים לעבן צו שטעלן אים אַ מאָנומענט״, און פֿון דער אַנדערער זייט — אַ רעוואָלוציאָנערן דיכטער, וואָס זוכט ניט קיין שכירות פֿאַר זיין טאַט, נאָר „טראָגט מיט שטאָלץ זיין שווערד און פֿאָנע״, און „ווען ער וועט אין קבר ליגן, נאָר דעמאָלט וועט די וועלט פֿאַרשטיין מיט וואָס פֿאַר אַ ליבע, ערנסט, אַכטונג ער האָט געדינט דער פֿרייהייט־פֿאָן״.

אַזוי ווי מיט אַ קורצער צייט פֿאַר דעם האָט מאָריס ראָזענפֿעלד געהאַט זיין „ערשטן קאָנצערט״ (וואו ער איז אַרויסגעטראָטן מיט זיינע לידער און מיט אַ ליד פֿון מאָריס ווינטשעווסקי) און איז געלויבט געוואָרן סיי אין דער „אַרבעטער־צייטונג״ און סיי אין דער בורזשואַזער פּרעסע ווי אַ „יונגער טאַלאַנטפֿולער פּאָעט״, האָט עדעלשטאַטס ליד געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אַנגריף אויף ראָזענפֿעלדן.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט דוד עדעלשטאַט פֿאַרעפֿנטלעכט זיין דיאַלאָג „דיכטער און מוזע״ („פֿאַ״ש״, 22טן אויגוסט), וואָס איז שוין געווען דייטלעך געצילט קעגן די דיכטער פֿון דער „אַרבעטער־צייטונג״ בכלל.[166] עדעלשטאַט טרעט דאָרט אַרויס קעגן יענע דיכטער, וואָס האָבן פֿון „טעמפּל פֿון קונסט און ליטעראַטור״ געמאַכט אַ „שמוציקן מאַרק״, וואו זיי פֿאַרקויפֿן זייער גייסט: „דאָס, וואָס היינט ווערט געלויבט און פֿאַרגעטערט, ווערט מאָרגן מיט בלאָטע באַדעקט; און איבערמאָרגן שוין

ווידער פֿאַרצוקערט, געחנפֿעט, געשמייכלט, געלעקט... און די, וואָס רופֿן זיך דענקער און קינסטלער, — פֿאַר אַ שמוציקן גראָשן ניט מער — ברעכן זיך, קרימען זיך דאָרט פֿאַרן עולם, שפּרינגען אַהין און אַהער!" דערביי זיינען דאָרט אייניקע סטראָפֿן, קענטיק, געווענדט צו מאָריס ראָזענפֿעלד.[166] עדעלשטאַט פֿאָדערט פֿונעם דיכטער און פֿון דעם „ערלעכן דענקער" ער זאָל אין צייט פֿון נויט בעסער פֿאַרקויפֿן זיינע מוסקולן, נאָר ניט זיין האַרץ און גייסט:

„פֿאַרקויף ניט דיין פֿעדער און אויך ניט דיין זעלע. דיין קערפּער וועט שטאַרבן, דיין פֿעדער וועט לעבן" —

פֿאַרקויף ניט דיין פֿעדער. אין קעלט און אין הונגער
פֿאַראַכטעט, פֿאַרלוימדעט, פֿאַרפֿאָלגט —
בלייב טריי דיין געוויסן, אויפֿן שוועל פֿון דיין קבר
זינג צו דיין ליידנדן פֿאָלק.[167]

צולעצט טרעט אַרויס עדעלשטאַט מיט אַן אַרטיקל „זשאַרגאָנישע דיכטער" („פֿאַ"ש", 29טן אויגוסט 1890), וואָס זעט אויס, ווי אַ דירעקטער ענטפֿער אויף ראָזענפֿעלדס ליד „דער זשאַרגאָנישער פּאָעט" („אַרבעטער-צייטונג", 16טן מאַי 1890), וועלכעס איז געווען אַ לויב-געזאַנג צו יידישע דיכטער. אין „זשאַרגאָנישן דיכטער" באַדויערט עדעלשטאַט די „אָפּוועזנהייט [פֿון] וואָרער פֿאַרנינפֿטיקער קריטיק" אין דער יידישער ליטעראַטור. ער דערקלערט דאָרט, אַז „די וואָרע קריטיק האָט פֿאַר זיך אַ צווייפֿאַכע אַרבעט: ערשטנס, אָנצואווייזן דעם קינסטלער זיינע פֿעלערן, זיינע שוואַכ-קייטן — צווייטנס, אויסצואַרבעטן דעם געשמאַק פֿון די לעזער. די קריטיק צייגט זיי אָן דעם אונטערשייד צווישן טאַלאַנט און פּאַטשקעריי, צווישן אַ ווערק, וואָס איז דאָס גייסטיקע קינד פֿונעם שרייבער, פֿון זיין פֿילן און דענקען און צאַפּלען זיך אין זיין האַרץ, ביז עס רייסט זיך אַרויס אויף דער פֿרייער וועלט צו שעפּן לופֿט און פֿרייהייט, און צווישן אַ שטיקל געאַרדערטע, באַצאָלטע אַרבעט, מיט גלעקלעך און וויצלעך, אין וועלכער איר זעט ניט קיין שפּור פֿון קיין דיכטער, נאָר דערפֿאַר שפּרינגט אייך אין צורה אַ פּאַיאַץ, אַ קאָמעדיאַנט..."

מאָריס ראָזענפֿעלד האָט געמיינט, אַז דאָס האָט עדעלשטאַט געצילט אין אים. ראָזענפֿעלד האָט פֿון אַנדערע קוועלן געוואוסט, אַז עדעלשטאַט האָט אַ שלעכטע מיינונג וועגן אים. דער שטרענג אַנאַרכיסטישער דוד עדעלשטאַט, וואָס האָט ניט געוואָלט מיטאַרבעטן אַפֿילו אין אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישער צייטונג, האָט ניט געקאָנט דולדן ראָזענפֿעלדס ניט-איבערקלייבערישקייט. באַזונדערס האָט ער, ווי אַ סך אַנדערע אַנאַרכיסטן,

ניט געקאָנט מוחל זיין ראָזענפעלדן דאָס אַריבערגיין פונעם אַנאַרכיסטישן לאַגער אין דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן,[168] בפרט נאָך, אַז ער איז געווען דער הויפּט־דיכטער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אַרבעטער־צייטונג". האָט מאָריס ראָזענפעלד פאַרעפנטלעכט אין דער „אַרבעטער־צייטונג (12טן סעפּטעמבער, 1890) אַ ליד קעגן עדעלשטאַטן „צו מיינע קריטיקער". אָט איז אַ פראַגמענט פון דעם ליד:

פעלן דען ווירקלעכע קריטיקער דענקנדע
מיט בילדונג, מיט האַרץ און טאַקטיק?
וואָס נאַרישע קראַצערלעך, שמירערלעך קרענקנדע
ערלויבן זיך צו שרייבן קריטיק —
וועלכע מיט הערצער און זעלן געבונדענע
ווילן אויך אַרויף צום פּאַרנאַס,
וואָס זוכן אין אַלעם נאָר מענטשן געשונדענע,
נאָר קייטן און באַמבעס און האַס?

שטענדיק וואָס פּלוידערן, שילטן נאָר גראַמענדיק;
וועלכע האָבן אַ מויל, וואָס איז ברייט —
שקצים, וואָס ווערן ניט מיד אויך פאַרדאַמענדיק
די אומשולדיקע בלומען אין בייט,[169]
וואָס ווערן באַגייסטערט, צעררייצט פון פאַרבלוטיקטע
קערפּער, פון רויך און פון פלאַמען[170] —
אייגנטלעך טרעמפּיקע [שלעפּערישע] טרוסן, אַנטמוטיקטע,
וואָס וויכן פון קלעפּ ווי פון סם...[171]

און דיזע פערדישע בלאָטיקע שמירערלעך,
פאַראַכטעט פון נאָענט און פון ווייט,
האָבן דאָס חשק צו ווערן די פּירערלעך,
צו קריגן אַ שם מיט דער צייט!
די טאַלאַנטלאָזע פּיצינקע קראַצערלעך
טוט ווירקלעך דאָס האַרץ טאַקע וויי,
וואָס מער ניט מיאוסע קליינינקע שוואַצערלעך [פּלוידערזעץ]
פאַרערן דעם נאָמען פון זיי!...

זיי זוכן פאַרערט צו זיין טאַקע זיך זידלענדיק,
צו ווערן דורך קריג פּאָפּולער
און צימבלען און שימפן און ווערן מיד פידלענדיק —
דאָך קריגן אַ נאָמען איז שווער.
זיי דרייען און וואַרפן זיך אַרויף צעפלאַמענדיק
מיט חוצפה, מיט כעס און מיט שמוץ —
כלומרשט מיט „קריטיקע" שמוציק פאַרדאַמענדיק [פאַראורטיילנדיק]:

„ער שרייבט נאָר צוליב אייגננוץ".[172]

ווייזן אייך געטלעכע, אמתע, ריכטיקע
לידער פֿון פֿרוג — זייער פֿיין;
ציינן אייך הייליקע פֿערזעלעך ליכטיקע [173]
און האָבן דערביי זייער מיין;
איינעם פֿאַרדאַמענדיק, דעם צווייטן לעקנדיק,
וועט געבן די וועלט זיך אַ קלער:
„די מעלות פֿון צווייטן זאָ [אַזוי] שיין ערקלערנדיק,
דעם אַנדערן צו זידלען זאָ שווער —

„מוז זיין אוודאי אַ מאַן אַ געבילדעטער,
אַ דיכטער, אַ גרויסער פּאָעט!"
ווער וועט עס טראַכטן, אַז אַ טרעמפּ [אָרומשלעפּער] אַ פֿאַר־
ווילדעטער
האָט עס זיך צו לויבן גערעדט?
לערנט זיך בעסער, איר שמירער, זשאַרגאָנישע
ביכעלעך — אָט דאָס וועט זיין שיין,
די גראַמען, וואָס איר פּלעכט, זיינען אָפּט פּאָנישע [174] —
אַ ייד קען אייך גאָרנישט פֿאַרשטיין!

אָט אויף דעם שטייגער פּרוּווט זיך ראָזענפֿעלד אין פֿערז נאָך פֿערז אַרונטעררייסן עדעלשטאַטן. ער פֿאַרענדיקט דאָס ליד מיט אַ לויב־געזאַנג צו די „אמתע דיכטער, די וואָרע באַשאַנקענע, וואָס הערן דעם הימלישן קול" אאַז"וו.

מעגלעך, אַז ראָזענפֿעלד, וועלכער האָט אַזוי הויך געהאַלטן פֿון עדעלשטאַטס ליד „אין קאַמף" (זע קאַפּיטל 8), וואָלט עדעלשטאַטן ניט אַזוי שטאַרק אַטאַקירט, ווען ער וואָלט דערצו ניט געקראָגן די אָנרעגונג פֿון זיינע רעדאַקטאָרס. אָבער עדעלשטאַט האָט ניט באַלד געענטפֿערט אויף ראָזענפֿעלדס אָנפֿאַל, כאָטש ער איז דערצו אויפֿגעפֿאָדערט געוואָרן פֿון דעם רעדאַקטאָר פֿון דער „פֿאַ"ש" פֿ. אַ. פֿראַנק (ד"ר מעריסאָן). אין אַ בריוו (14טן סעפּטעמבער) שרייבט פֿראַנק צו עדעלשטאַטן:

> וואָס זאָגט איר פּאָרט צו דעם נידעריקן פּאַיאַץ־פּאָעט פֿון דער „אַרבעטער־ציימונג"? אייער מוזע מוז אייך באַגייסטערן נאָך אַ טיכטיקן קלאַפּ צו געבן דיזע שמוציקע ברואים, ווי איר האָט עס גע־טאָן אין „דיכטער און מוזע".

עדעלשטאַט האָט, ווייזט אויס, געהאַלטן פֿאַר וויכטיקער, אַז די רעדאַקציע זאָל פֿריער אָפּשלאָגן די אַטאַקעס פֿון דער „אַרבעטער־ציימונג" קעגן דער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די „פּיאָנערע דער פֿריי־הייט" האָבן דעמאָלט אָנגעפֿירט אין די „פּאַרכטיקע טעג". דוד עדעלשטאַט האָט אָבער ניט געהערט צו די, וואָס קאָנען דולדן און שווייגן. זיינע פֿאָבלען

„דער קינסטלער און דער אייזל" און „דער אייזל און דער זונענשטראַל" זיינען, קענטיק, געשריבן ווי אַן ענטפער אויף ראָזענפעלדס אָנפאַל. אין דער ערשטער פאַבל דערציילט עדעלשטאַט, אַז „עפּעס אַ חיה, דום און ווילד" האָט „דערקענט איר צורה" אין „אַ קאָמישע אייזל־פיגורע":

ס'טייטש! דאָס בין איך דאָך מיט דיביינער!
— שרייט דער אייזל — דאָס איז מיין פּאָרטרעט!
דער קינסטלער לאַכט: „ווער ביסטו אַזוינער?"
— „איך... אַן אייזל־פּאָעט!"

אין זיין צווייטער פאַבל שילדערט עדעלשטאַט „אַן אייזל אין שטאַל", צו וועמען עס איז „דורכגעדרונגען אַ זונענשטראַל". דעם אייזל האָט „שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס דער שטראַל האָט אים מיט זיין ליכט פאַרגאָסן", איז ער בייז. שפּרינגט ער אין דער הויך און וויל בייסן דעם שטראַל. דער שטראַל, „קלאָר, ווי אַ ריינער שפּיגל, קוקט אויפן אייזל און דענקט ביי זיך: עס איז גוט, וואָס אַן אייזל האָט ניט קיין פליגל, אַז ניט, וואָלט ער פאַרשמירט מיט די לאַפּעס מיך!"

ניט געקוקט אויף די אַנטאַגאָניסטישע באַציאונגען מיט מאָריס ראָ־זענפעלדן, פלעגט דאָך דוד עדעלשטאַט פון אים באַווירקט ווערן. אַזוי איז עדעלשטאַטס ליד „זינג מיט לוסט" אַן צווייפל באַווירקט פון מאָריס ראָזענפעלדס „געמישטע לידער", געדרוקט מיט אַ האַלבן יאָר פריער אין דער „אַרבעטער־צייטונג" (22טן אויגוסט 1890). מאָריס ראָזענפעלד זינגט דאָרט:

איר ווילט איך זאָל ליבע־לידער זינגען,
אייך קיצלען, וויצלען, מאַכן שפּאַס,
ווערנד [בעת] מיין הארץ וויל מיר צעשפּרינגען
פון לויטער שמערץ און לויטער כּעס —
אַ, ניין! קיין זאַך קאָן מיר [מיך] ניט באַלעבן,
און פינצטער שיינט מיר די שיינע זאָן [זון],
זאָ לאַנג ווי איך זע נאָך ניט וועבן
תּכריכים פאַר געלטזאַק און טראָן.

און ער פאַרענדיקט:

זאָל זיין גענוג די טרערן־לידער!
אוועק מיט קרעכצן! וועק מיט ווייען!
טאַנצן ווילן פריינדע גייען,
און לאַכן ווילן מיינע ברידער.
און זיי טאַנצן, און זיי זינגען,
און זיי דרייען זיך אין רימל,
און עס ווינט אויף זיי דער הימל,

און די שקלאַפֿן־קייטן קלינגען,
ווען איר ווילט ניט בעסער מאַכן,
און עס פֿרייט אייך זאָלכע זאַכן,
מוז איך וויינען און ניט לאַכן.

ענלעכס האָבן מיר אויך ביי עדעלשטאַטן, כאָטש ער באַנוצט אַנדערע אויסדרוקן. ביי ראָזענפֿעלדן וויל דאָס האַרץ „צעשפּרינגען פֿון לויטער שמערץ און כּעס". עדעלשטאַט וויל צערייסן די ברוסטן פֿון שמערצן און ליידן. ביי ראָזענפֿעלדן ווילן „פֿריינדע" טאַנצן, און זיינע „ברידער" ווילן לאַכן. ביי עדעלשטאַטן זיינען דאָס „שקלאַפֿן":

„זינג מיט לוסט"? אָ, דומע שקלאַפֿן!
רופֿט די טענצער, די פּאַיאַצן!
און זיי וועלן אַמוזירן
אייך מיט פּויקן און מיט טאַצן!

דוד עדעלשטאַט האָט געזוכט אָפּצוגרענעצן זיך פֿון דעם „פֿאָלק־פּאָעט" פֿון דער „אַרבעטער־צייטונג". אָבער אינגאַנצן באַפֿרייען זיך פֿון מאָריס ראָזענפֿעלדס ווירקונג האָט עדעלשטאַט ניט געקאָנט. עדעלשטאַטס ערשטע לידער זיינען, פּונקט ווי ראָזענפֿעלדס, געבוירן געוואָרן אין „פֿינצ־טערן שאָפּ", כאָטש עדעלשטאַט רעדט פֿון „געדאַנקען אויף דער פֿאַבריק", און ראָזענפֿעלד זעט דאָרט „קיין געפֿיל, קיין געדאַנק, קיין פֿאַרשטאַנד גאָר". ביידע האָבן געזונגען פֿון דעם יידישן שניידער־לעבן, כאָטש ראָ־זענפֿעלדס „בלייכער אָפּערייטאָר" אַרבעט אין פֿאַבריק, און עדעלשטאַטס „בלייכער שניידער" אַרבעט ביי זיך אין שטוב פֿאַרן קליידער־מאַגאַזין. ביידע נעמען זיך אָן אין זייערע לידער די קריוודע פֿון דער „געפֿאַלענער", כאָטש עדעלשטאַט דערמאָנט ניט קיין שולדיקן, און ראָזענפֿעלד ווייזט אָן אויפֿן פֿאַבריקאַנטס הויז... ביידע האַלטן די פֿאַרשקלאַפֿטע אַרבעטער פֿאַר „געפֿאַנגענע לייבן",[175] און זיך פֿאַר „טרערן־דיכטער".

19

ווינטשעווסקים ווירקונג

אַנהויב 1890 — אין דער צייט פֿונעם פֿאַרביטערטן קאַמף צווישן די יידישע סאָציאַליסטן מיט די אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע — ווערט דוד עדעלשטאַט אַ פֿלייסיקער לייענער פֿון דעם „סאָציאַליסטיש־אומפּאַרטיי־אישן" לאָנדאָנער „אַרבעטער־פֿריינד". מאָריס ווינטשעווסקי שרייבט נאָך

דעמאָלט אונטער פֿאַרשיידענע פּסעוודאָנימען. לידער שרייבט ער ווייניק, נאָר פּראָזע (פֿעליעטאָנען) — כּמעט אַלע וואָך. ווינטשעווסקיס פֿעליעטאָנען „צעשלאָגענע געדאַנקען פֿון אַ משוגענעם פֿילאָזאָף" ציען צו זיך צו עדעלשטאַטס אויפֿמערקזאַמקייט. באַזונדערס ווערט עדעלשטאַט פֿאַרכאַפּט פֿון די „בילדער און ווערטער" פֿון דעם „משוגענעם פֿילאָזאָף", וואו עס פֿיגורירט דער „פֿרייהייט־גייסט", אַ ליבלעכער קרוב פֿון עדעלשטאַטס „פֿרייהייט געטין". ווען עדעלשטאַט האָט דורכגעלייענט די ערשטע צוויי בילדער — „די דריי קעסלען" (24טן יאַנואַר) און „דער יאַמערטאַל" (7טן פֿעברואַר), האָט ער אויסגעדריקט זיין אַנערקענונג אין ליד „צום משוגענעם פֿילאָזאָף" (געשריבן דעם 7טן מערץ און געדרוקט אין „אַרבעטער־פֿריינד" דעם 28טן מערץ, 1890): [176]

איך בין פֿאַרליבט אין זיינע ציילן,
אין זיי לעז איך מיין אייגענעם שמערץ;
איך קאָן מיט זיי מיינע וואונדן היילן,
טרייסטן מיין ליידנדעם הערץ.

איך זע אין זיי, ווי אין אַ שפּיגל,
מיין לעבנס יאַמערטאַל;
איך זע דאָרט מיין גייסט מיט פֿאַרוואונדעטע פֿליגל,
ווי ער רייסט זיך צום זאָנען־שטראַל!

עדעלשטאַט זאָגט, אַז ער דערקענט זיינע אייגענע געדאַנקען אין ווינטשעווסקיס פֿעליעטאָנען: „ווי זיי קומען צו אים, דאָס קאָן איך ניט זאָגן, זיי זיינען מיינע, איך שווער!":

זיינע געדאַנקען זיינען צעשלאָגן
אויף טויזנטע ריינע אַלמאַזן,
ער קאָן מיט איינפֿאַכע ווערטער אונדז זאָגן,
וואָס מיר מיט קלינגנדע פֿראַזן.

עדעלשטאַט פֿאַרענדיקט זיין ליד, אַז ער דריקט „ווי אַ ברודער זיין [ווינטשעווסקיס] האַנט" און האָפֿט, אַז ווינטשעווסקי וועט אים ענטפֿערן, ווי עס קומט, וואָס ער איז אַזוי גוט באַקאַנט מיט די שמערצן און קאַמף פֿון זיין [עדעלשטאַטס] לעבן:

זיין שרייבן דערפֿילט מיר [מיך] מיט האָפֿענונג און מוט,
דאָך קאָן איך זיך גוט ניט דערקלערן:
ווי קומט אין זיין טינטער מיין הערצנס בלוט?
ווי קומען צו אים מיינע טרערן.

דער איינפֿלוס פֿון ווינטשעווסקיס פֿעליעטאָן „דער יאָמערטאַל" פֿילט זיך אין עדעלשטאַטס ליד „פֿאַרבלוטיקטע גייסטער" („מאָרגנשטערן", 7טן מערץ), וואָס איז פֿאַרמירט לויט ווינטשעווסקיס ליד „דאָס געשפּענסט" („אַרבעטער־פֿריינד", 10טן דעצעמבער 1885).

אין „דאָס געשפּענסט" דערציילט ווינטשעווסקי, אַז לייענענדיק אַ בוך, איז ער „געוואָרן פֿאַרטראַכט" און גענומען דרעמלען. „פּלוצלינג" דערזעט ער אינעם קאַמין, ביי וועלכן ער איז געזעסן, די „ביינער־געשטאַלט" פֿון אַ פֿאַראומגליקטן קוילן־גרעבער. נאָכדעם דערשיינען אויך אייניקע יתומים און אלמנות פֿון קוילן־גרעבער. עדעלשטאַט (ניט וויסנדיק דעם אונטערשייד אין יידיש צווישן אַ בוך און אַ ספֿר) דערציילט, אַז נאָך דעם, ווי ער האָט זיין „ספֿר פֿאַרמאַכט" און געזעסן „פֿאַרטראַכט", האָט ער פּלוצלינג דערזען „געשפּענסטער" — געשטאַלטן פֿון אומגעקומענע רעוואָלוציאָנערן אין זיין „פֿאַרשקלאַפֿטער, פֿאַרבלוטיקטער היימאַט, פֿון רוסלאַנד, פֿון וויסטן סיביר".

די טענות פֿון דעם קוילן־גרעבער אין ווינטשעווסקיס „געשפּענסט" האָט עדעלשטאַט איבערגעגעבן אויך אין זיין ליד „דער מיינער" (קוילן־גרעבער), פֿאַרעפֿנטלעכט אינעם „מאָרגנשטערן" פֿון 14טן פֿעברואַר. אין ווינטשעווסקיס ליד זאָגט דער קוילן־גרעבער:

„די קוילן, מענטש, קאָסטן מיר טייער! מיר קאָסט עס מיין לעבן, וואָס דיר איז אין שטוב דאָ וואַרעם געוועזן"... דאָסגלייכן ביי עדעלשטאַטן:

וועןן איר וואַרעמט זיך, ברידער, ביים פֿריילעכן פֿייער,
פֿאַרטיידיקט פֿון רעגן און ווינט;
צי דענקט איר אַמאָל, ווי שרעקלעך טייער
עס קאָסט יעדע קויל אונדז אצינד?

פֿאַראַן דאָך אַ באַשטימטער אונטערשייד צווישןביידע לידער. די יתומים און אלמנות פֿון די פֿאַראומגליקטע קוילן־גרעבערס אין ווינטשעווסקיס ליד זינגען בלויז קלאָג־לידער. עדעלשטאַט אָבער באַנוגנט זיך ניט מיט באַוויינען דעם עלנט פֿון די קוילן־גרעבערס, נאָר ער קלאָגט אָן די שולדיקע און רופֿט צום קאַמף קעגן זיי. עדעלשטאַט ווייזט אָן, אַז דער קוילן־גרעבער אַרבעט „פֿאַר די רייכע אייזנבאַנען", „פֿאַר אַלע זאַטע טיראַנען!":

ער אַרבעט זיין לעבן אין שרעק און געפֿאַר,
לעבעדיקערהייט זיין פֿאַרשאָטן...
און וואָס איז זיין לוין? ער ווערט דערפֿאַר
גערויבט! מיט די פֿיס געטראָטן!

קוילן־באַראָנען, רויבער־באַנדע!
איר שעכט און בלייבט גערעכט...
אויב איר זייט מענטשן, איז אַ שאַנדע
באַלאַנגען צום מענטשן־געשלעכט!

און ער רופט צו זיינע „ברידער" (אַרבעטער), אַז אויב זיי האָבן נאָר אַ ביסל מוט, זאָלן זיי זיך נעמען „צו די וואָפן" און מיט זייער „האַרץ און בלוט" פאַרטיידיקן די „ליידנדע שקלאַפן!"

נאָך אין אַ גרעסערער מאָס לאָזט זיך פילן דער טאָן פון אָנקלאָגן די שולדיקע און פון רופן צום קאַמף קעגן זיי אין עדעלשטאַטס ליד „פאַר־בלוטיקטע גייסטער". די געשפענסטער פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן אינעם צאַרישן סיביר רופן „צום קאַמף" „צו גערעכטיקער ראַכע!" עדעלשטאַט גיט זיי אַריין אין מויל אַ נייעם וואַריאַנט פון זיין (שוין דערמאָנט) פאָפולערן ליד „אין קאַמף". אַנשטאָט —

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט —
און אַלעם דערפאַר, ווייל מיר ליבן
דאָס אָרעמע שמאַכטנדע פאָלק —

זינגען די „פאַרבלוטיקטע גייסטער" פון די פאַרפייניקטע רוסישע רעוואָ־לוציאָנערן:

מיר ווערן געשענדעט, מיר ווערן געמאָרדעט,
ווי חיות ווי ווילדע פאַרפאָלגט; —
און אַלעם נאָר דערפאַר, ווייל מיר פאָדערן פרייהייט
און ליכט פאַר דעם ליידנדן פאָלק.

באַווירקט פון ווינטשעווסקין זינגען אויך די לידער „אין קאַמף", „די פאָלקס־שטימע", „די פרייהייט־געטין", „עס טאָגט", „אַ טרויעריקער געלעכ־טער" און אַ ריי אַנדערע. דאָס ערשטע ליד האָט מאָריס ראָזענפעלד, ווי שוין דערמאָנט, פאַרגלייכט מיט ווינטשעווסקיס „מאַרסעליעזע", געשריבן מיט צוויי יאָר פריער (אין 1887).ביידע לידער רופן צום קאַמף מיט דעם טיראַן, ביידע רופן אָפּצושאַפן די שקלאַפערייִ, הונגער און קעלט, און אין ביידע ווערט אויסגעדריקט די זיכערקייט אינעם זיג. פאַראַן אָבער וועזנט־לעכע אונטערשיידן. ביי ווינטשעווסקין פיגורירן די אַרבעטער אַלס „איר", ביי עדעלשטאַטן — אַלס „מיר" און „אונדז". ווינטשעווסקי ווענדט זיך צו „אונטערדריקטע מאַסן", צו „ברידער", צו „אַרבעט־לייט". עדעלשטאַט רעדט צו „דאָס אָרעמע שמאַכטנדע פאָלק", צו „אָרעמע קנעכט", צו „אָרע־מע שקלאַפן". אין ווינטשעווסקיס ליד זיינען די טיראַנען — „ליידיקגייער",

וואָס „פּרעסן די פּרוכט פֿון אויסגעקוועלטע הענט", „בלוטזויגער און פּפאָפּן" (גייסטלעכע) און „דער מאַן פֿון געלט". אין עדעלשטאַטס ליד שטייען די טיראַנען אויסער צייט און אָרט. זיי זיינען מערדער פֿון פֿרייהייט־קעמפּער. זיי דערשיסן און הענגען די, וואָס „אמת פֿאַרלאַנגען". ווינטשעווסקיס קעמפּער זיינען „אַרבעט־לייט", וואָס קעמפֿן קודם־כּל פֿאַר זיך אַליין. עדעלשטאַטס קעמפּער זיינען די פֿאַלקיסטישע „דענקנדע מענטשן, וואָס ליבן גערעכטיקייט, ליכט". ווען ווינטשעווסקי רופֿט די אַרבעטער „צום קאַמף", דערקלערט ער זיי (אינעם גייסט פֿונעם „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט"), אַז זיי האָבן דערביי גאָרניט וואָס „צו פֿאַרלירן". עדעלשטאַטס „דענקנדע מענטשן" קעמפֿן אָבער דערפֿאַר, ווייל „אַליין די נאַטור טוט זיי בענטשן — — — צו די הייליקע פֿליכט". ווינטשעווסקי הערט „קלינגען שוין די וואָפֿן קעגן אונדזערע ברידער אויפֿן גאַס", ער דערמוטיקט די אַרבעטער ניט מורא צו האָבן „פֿאַר האַרמאַטן, פֿאַר אַ ביקס, אַ שפּיז אָדער אַ שווערד", ווייל גייען זיי „דען ניט פֿאַר דער צייט אין דער ערד טויזנטווייז, ווען אויך ניט דורך סאָלדאַטן?" עדעלשטאַט רעדט וועגן „געפּעניקעניש", „אייזערנע קייטן", וועגן „ווערן דערשאָסן, געהאָנגען", און זיין טרייסט איז, אַז די טיראַנען קאָנען „אונדזער קערפּער נאָר טויטן, אָבער ניט אונדזער הייליקן גייסט!" ווינטשעווסקיס קאַמף־ליד איז פּשוט און קלאָר. עדעלשטאַטס — מליצהדיק און פֿאַרנעפּלט.

אין עדעלשטאַטס ליד „די פֿאָלקס־שטימע" (18טן אַפּריל) פֿילט זיך די ווירקונג פֿון ווינטשעווסקיס געדיכט אין פּראָזע „ביט איינין", געשריבן מיט אַ יאָר פֿריער („אַרבעטער־פֿריינד", 15טן מערץ 1889). ווינטשעווסקי שילדערט דאָרט, ווי אַזוי אַ מאַן ליגט אין אַ טיפֿער גרוב. געשמידט אין שווערע אייזערנע קייטן, אויסגעמאָרעט פֿון הונגער, און רופֿט נאָך הילף. ביי דער גרוב אויבן שטייען „צוויי קרעפּטיקע, גוטהאַרציקע, פֿריינטלעך־אויסזעענדע מענער". איינער פֿון זיי האַלט אַ לאַבן ברויט מיט נאָך דערקוויקנדיקע שפּייזן, דער צווייטער האַלט אַ פֿעסטן שטריק — דאָס הייסט, זיי ברענגען דעם געפֿאַנגענעם ברויט און פֿרייהייט. נאָר אַנשטאָט אים צו העלפֿן, שטייען זיי ביידע און דעבאַטירן, ווי אַזוי אים צו ראַטעווען און, דער עיקר, ווי אַזוי איינצואָרדענען זיין לעבן נאָכדעם. ביידע זיינען איינגעשפּאַרט און ווילן אים ליבער לאָזן אויסגיין פֿון הונגער, איידער עפּעס נאָכצוגעבן פֿון זייערע מיינונגען. דער מאַן שטאַמלט מיט די לעצטע כּוחות: „שלעפּט מיך אַרויס, ווי איר ווילט — נאָר לאָזט מיך לעבן"... די צוויי מענער זיינען אָבער אַזוי צעהיצט אין זייער דיספּוט, אַז זיי מערקן ניט, ווי דער אומגליקלעכער גייט אונטער.

דוד עדעלשטאַט מאָלט אַן ענלעך בילד:

איך זע אַ פֿינצטערע גרוב פֿאַר מיר, —
דריקנד איינער דעם צווייטן,
ליגן געפֿאַנגענע שקלאַפֿן אין איר.
געשמידט אין אייזערנע קייטן.

איך הער, ווי זיי שרייען: אָ, רעטעט אונדז, ברידער,
פֿון פֿינצטערניש, הונגער און נויט;
אָרעמע, עלנטע פֿאַלן מיר נידער
אין קאַמף פֿאַר דאָס שטיקעלע ברויט!

נאָכדעם, ווי זיי שילדערן די שווערע ליידן פֿון די אַרבעטער־מאַסן, רופֿן זיי אויס: „ברידער! אין קאַמף זיינען אויך טייער מינוטן, קומט צו אונדז, רייכט אונדז די האַנט!" נאָר „מענטשן גייען קאַלטבלוטיק פֿאַרביי"... און די, „וואָס ווינטשן באַפֿרייען די ברידער פֿון שקלאַפֿעריי", קאָנען זיך ניט אייניקן ווי אַזוי דאָס צו טאָן.

די „פֿרייהייט־געטין" („פֿאַ"ש", 3טן אָקטאָבער, 1890) איז געווען באַ־ווירקט פֿון ווינטשעווסקיס ליד „דער פֿרייהייט־גייסט" („אַרבעטער־פֿריינד", 26טן יוני 1890). אין ווינטשעווסקיס ליד זיינען אָבער פֿאַראַן אָנדייטונגען אויף אַ פּראָגראַם פֿון קאָנקרעטן טאָג־טעגלעכן קאַמף פֿאַר פֿאַרווירקלעכן דעם צוקונפֿט־אידעאַל. „דער פֿרייהייט־גייסט" קומט „לערן — אַרבעט ערן, אַכטן און באַגערן, אַרבעט מיט אַ טאַלק". בעת אין עדעלשטאַטס ליד „די פֿרייהייט־געטין", איז, ווי אין דער מערהייט פֿון זיינע לידער, ניטאָ קיין בריק פֿון דער איצטיקער „בלוטיקער טיראַניי" צו דער „ווירקלעכער פֿרייהייט" פֿון דער צוקונפֿט.

עדעלשטאַט פֿאַרענדיקט, אַז די „פֿרייהייט־געטין" וועט קומען נאָר פֿון די „פֿינצטערע גריבער, וואו עס הערשט פֿאַרצווייפֿלונג און שמערץ". פֿון דאָרט, זאָגט ער, „וועט די פֿרייהייט־געטין קומען — — — געפֿאָלגט [באַ־גלייט] פֿון יונגע אַלמנות און יתומים [פֿון] דער שקלאַפֿעריי! — — — זי וועט קומען נעמען גערעכטיקע ראַכע פֿאַר יעדן טראָפּן אַרבעטער־בלוט — —.— זי וועט אויף אייביק באַגראָבן די פֿאַרפֿעסטעטע קירכע און שטאַט [מלוכה]", און נאָר דעמאָלט וועט „ווירקלעכע פֿרייהייט" האָבן דער „פֿאַר־שקלאַפֿטער פּראָלעטאַריאַט!" ווי אַזוי אָבער די „פֿרייהייט־געטין" וועט דורכפֿירן איר „גערעכטע ראַכע", ווי אַזוי זי וועט אָרגאַניזירן די מאַסן צום קאַמף קעגן „קירכע און שטאַט", וועגן דעם איז אין עדעלשטאַטס ליד קיין וואָרט ניטאָ.

צו זיין ליד „עס טאָגט" האָט עדעלשטאַט געמאַכט אַ צושריפט: „אַ קאַמף־ליד, געזונגען מיט דעם מאָטיוו 'פּאָיעכאַל קאַזאַק מאַלאַדאָי נאַ טשוזשבינו'". קענטיק, אַז ער האָט עס געטאָן אונטער דער ווירקונג פֿון ווינטשעווסקיס ליד „עס רירט זיך" („אַרבעטער־פֿריינד", 1886), וואָס די יידישע אַרבעטער אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע פֿלעגן שוין דעמאָלט זינגען. בעת אָבער ווינטשעווסקיס ליד האָט רעאַלע בילדער פֿונעם לעבן, פֿיגורירט אין עדעלשטאַטס ליד בלויז אַבסטראַקטער קאַמף. ווינטשעווסקי שילדערט, ווי „עס רירט זיך" דער „באַרויבטער אַרבעט־מאַן":

הערט איר, קינדער, ווי עס רירט זיך,
ווי עס רירט זיך איבעראַל?
ווי דער ארבעטסמאַן מושטירט זיך
צו דעם קאַמף מיט „קאַפּיטאַל?"

ווינטשעווסקי איז קאָנקרעט. ער דערציילט, אַ דאָס קומט פֿאַר אויף „ביידע זייטן פֿון אַטלאַנטיק", אַז „פֿריי זיין — — — זאָט זיין וויל דער אַרבעטמאַן"; ער „וויל געניסן אַל די זאַכן, וואָס עס מאַכן זיינע הענט"; און ווינטשעווסקי רופֿט: „פֿאָרוועדטס! פֿאָרוועדטס! עס מאַרשירט זיך לוסטיק ביי דער רויטער פֿאָן". עדעלשטאַט אָבער רעדט מיט מליצה:

ארבעטער, ברידער, איר הערט ווי עס דונערט?
איר הערט ווי עס ברומט, ווי עס קראַכט?
שמשון הגיבור פֿון אונדזער יאָרהונדערט
האָט פֿון זיין שלאָף ערוואַכט.

צום אונטערשייד פֿון ווינטשעווסקיס „אַרבעטמאַן", קעמפֿט ניט עדעלשטאַטס „שמשון הגיבור" קעגן קאַפּיטאַל, — ער איז אַ ראָמאַנטישע פֿיגור: אַ „שקלאַף", וואָס האָט „דערוואַכט פֿון זיין פֿינצטערן דרימל" און „גרייפֿט" [נעמט זיך], ווי די ריטער פֿונעם מיטלאַלטער, צום „פּאַנצער און שווערד"... ער איז אַ מענטש, אין וועלכן עס פֿלאַקערט דער „פֿרייהייטס הייליקער שטראַל". ער „וויל ניט מער וויסן פֿון גאָט אויפֿן הימל" און „וויל ניט קיין האַר אויף דער ערד". דער דאָזיקער שמשון הגיבור האָט אָבער קיין שייכות ניט צו די טאָג־טעגלעכע קאַמפֿן פֿון די אַרבעטער־מאַסן.

עדעלשטאַט איז שטאַרק באַווירקט פֿון ווינטשעווסקין (זע קאַפּיטל 8). דער אַנאַרכיזם דערלאָזט אָבער ניט עדעלשטאַטן נאָכצופֿאָלגן ווינטשעווסקין אין פּרט פֿון שילדערן דעם טאָג־טעגלעכן פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף, צו וועלכן עדעלשטאַט באַציט זיך מיט ביטול.

*

ניט געקוקט דערויף, וואָס דוד עדעלשטאַט האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל רעספּעקט פאַר ווינטשעווסקיס „משוגענעם פילאָזאָף", ברעכט דאָך שפּעטער אויס אַ קאָנפליקט צווישן זיי. עטלעכע וואָכן פאַר זיין טויט פאַרעפנטלעכט עדעלשטאַט אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד" פונעם 9טן סעפּטעמבער 1892, זיין ליד „מיין מוזע" מיט דער באַמערקונג: „געשריבן נאָכדעם, ווי איך האָב דורכגעלעזן אין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן זשורנאַל אַ געדיכט פון אַן אַנאַרכיסט". אין דעם דאָזיקן ליד, וואָס איז אַזוי אַנאַרכיסטיש־קריגעריש, דערקלערט עדעלשטאַט:

מיט גלעקלעך קען מיין מוזע ניט קלינגען,
זי וועקט, זי רופט מיט אַ קריגס־טרומפּעט,
שטורעם־לידער קען זי נאָר זינגען
מיטן פייער פון אַן אַלטן פּראָפעט.

זי וועט איר קעגנער די האַנט ניט דערלאַנגען,
זי וועט נישט קושן זיין גיפטיקע ליפּ.
זי ווייסט, אַז איר קעגנערס בעסטער פאַרלאַנגען
איז זען דעם טויט פון איר גרויסן פּרינציפּ.

זי וועט זיך ניט בוקן פאַר פרעמדע אַלטאַרן [מזבחות],
זי איז שטאָלץ, ווען איר קלייד איז אויך אָרעם און פּראָסט,
עס מעגן פאַרשפּאָטן זי שורקען און נאַרן,
זי בלייבט ביז איר טויט אויף איר הייליקן פּאָסט!

אין יענער צייט האָבן אייניקע יונגע אַנאַרכיסטישע דיכטער מיטגע־אַרבעט און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אויסגאַבעס. יוסף באָוושאָווער, וועמען עדעלשטאַט האָט פּערזענלעך ניט געקענט,[177] האָט דעמאָלט געשריבן לידער אונטערן נאָמען מ. טורבאָוו, אַפילו אין דער „אַרבעטער־צייטונג", וואָס האָט די אַנאַרכיסטן אַזוי ביטער באַקעמפט. פון עדעלשטאַטס ליד האָט זיך אָבער געפילט געטראָפן גראָד דער עלטסטער און דעמאָלט אָנערקענטסטער רעוואָלוציאָנערער דיכטער, מאָריס ווינטשעווסקי. ער האָט געוואוסט, אַז עדעלשטאַט פלעגט אים פריער באַטראַכטן פאַר זיינעם אַן אידייען־חבר. ער האָט דעריבער געדעכנט, אַז מיט דעם ליד „מיין מוזע" האָט עדעלשטאַט געמיינט אים, ווייל ער קאָן אים ניט מוחל זיין, וואָס ער [ווינטשעווסקי] איז אַוועק פון דעם „סאָציאַליסטיש־אומפּאַרטייאישן" „אַרבייטער פריינד" און אַרבעט־מיט אין דעם „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן" זשורנאַל „פרייע וועלט", וועלכן די אַנאַרכיסטן האָבן באַטראַכט פאַר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָרגאַן (ער איז עס טאַקע שפּעטער געוואָרן). ווינטשעווסקי האָט

איך געהאַלטן, אַז דאָס וואָרט „גלעקלעך" איז געצילט קעגן זיינע לידער, און אַז מיט זיין באַמערקונג וועגן דעם „געדיכט פֿון אַן אַנאַרכיסט" האָט עדעלשטאַט געמיינט דאָס ליד „פּאַרטיי־פּאָליטיק" („פֿרייע וועלט", יולי, 1892), אין וועלכן ווינטשעווסקי האָט דערקלערט, אַז ער לאָזט „ניט פֿאַרצאַמען" זיין וועג דורך „פּראָגראַמען" און קאָן קיין „פּאַרטיימאַן ניט זיין". ווינטשעווסקי האָט דעריבער אָנגעשריבן אַ שאַרפֿן ענטפֿער אין אַ לאַנגן ליד „אַן [צו] ד. עדעלשטאַט". דערווייל איז אָבער אין לאָנדאָן אָנגעקומען די ידיעה וועגן עדעלשטאַטס טויט. האָט ווינטשעווסקי דעריבער, אַנשטאָט זיין קריגעריש ליד, פֿאַרעפֿנטלעכט זיין נעקראָלאָג „נאָך עדעלשטאַטן אַ זיפֿץ" („פֿרייע וועלט", נאָוועמבער 1892). שפּעטער האָט ווינטשעווסקי פֿאַרניכטעט אַ טייל פֿון זיין ליד קעגן עדעלשטאַטן. ער האָט איבערגעלאָזט בלויז פֿאָלגנדיקע זיבן מילדערע סטראָפֿן (וועלכע כ'ציטיר דאָ פֿון ווינטשעווסקיס מאַנוסקריפּט):

1. דו שטראָפֿסט מיך, שטרענגער קריטיקער,
מיט האַלב פֿאַרשטעלטע רייד;
איך בין ניט קיין פּאָליטיקער
און זאָג: דאָס טוט מיר לייד.

2. דו ביסט אַ מאַן אַן ערלעכער
אַ, גלויב מיר, אַז פֿאַר דיר
איז דיין קריטיק געפֿערלעכער
און ערגער ווי פֿאַר מיר.

3. דו ווייזט אַרויס ניט וועלנדיק
אַן אַרט פֿון ליידנשאַפֿט,
וואָס ציינט — דיך גופֿא קוועלנדיק, —
דיין שוואַכקייט, ניט דיין קראַפֿט.

4. דו רעדסט פֿון מיינע גלעקלעך
און ווייזט פֿאַר יעדן בליק
פֿיל העסלעך שוואַרצע פֿלעקלעך
פֿון נייד [קנאה] אין דיין קריטיק.

5. דאַן זוכסטו צו באַדעקן אים,
דעם נייד מיט שיינע רייד,
דאָך ווייזן יעדער פֿלעק אין אים
די לעכער פֿון דיין קלייד.

8. וואָס העלפֿן די באַפּוצונגען,
דער ריידן פֿון פּרינציפּ?

דער שמוץ פֿון די באַשמוצונגען
בלייבט האַפֿטן אויף דיין ליפּ.

11. אַ, גלויב מיר, פֿריינט, דיין ערלעכער,
דיין זיסער לידער־קלאַנג
וואָלט קלינגען שענער, הערלעכער
אָן קנאה אין געזאַנג.

די „קנאה אין געזאַנג״, דער נייד אין זיין קריטיק קעגן ראָזענפֿעלדן און ווינטשעווסקין זיינען, אַפּנים, די איינציקע „שוואַרצע פֿלעקלעך״ אויף עדעלשטאַטס ריינעם כאַראַקטער.

20

אין עדעלשטאַטס דיכטערישער לאַבאָראַטאָריע

דוד עדעלשטאַט האָט געמוזט אַליין אויסטרעטן זיין וועג. געבוירן און דערצויגן אין אַן עכט־רוסישער שטאָט, איז עדעלשטאַט ביי זיין קומען קיין אַמעריקע געווען ווייניק, אָדער גאָרניט באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור פֿון יענער צייט. ער האָט געלייענט און געשריבן בלויז אין רוסיש. אויף דער רוסישער ליטעראַטור האָט ער זיך גייסטיק אַנטוויקלט. ווען ער איז אין עלטער פֿון 16 יאָר (1882) געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער דאָרט ניט געפֿונען קיין שום ליטעראַטור אויף יידיש, וואָס זאָל ווירק־לעך ווערט זיין דעם נאָמען ליטעראַטור. דער ערשטער יידישער רעוואָלו־ציאָנערער דיכטער, מאָריס ווינטשעווסקי, וואָס איז געווען מיט 10 יאָר עלטער פֿון דוד עדעלשטאַטן, האָט אָנגעהויבן שרייבן אין יידיש ערשט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער (האַרבסט, 1884). ווינטשעווסקיס רעוואָלוציאָנערע לידער דערגרייכן פֿון ענגלאַנד קיין אַמעריקע ערשט אינמיטן פֿון די 80ער יאָרן. אַרום יענער צייט (1886) הויבט אויך אָן שרייבן רעוואָלו־ציאָנערע לידער דער שאָפּ־אַרבעטער מאָריס ראָזענפֿעלד. פֿון אים קאָן אָבער עדעלשטאַט ווייניק לערנען. ראָזענפֿעלדס לידער זיינען אין אָנהויב פֿון זיין שאַפֿן געווען רוי סיי אין פֿאָרם און סיי אין אינהאַלט. אין די יאָרן 1887—1888 האָבן אין אַמעריקע אָנגעהויבן דערשיינען אַ צענדליק יידישע וואָכנבלעטער. צווישן זיי אויך אַ פּאָר ראַדיקאַלע. קיין איינס פֿון זיי האָט אָבער ניט אַרויסגערוקט אַזוינע דיכטער, וועלכע דוד עדעלשטאַט זאָל קאָנען נעמען פֿאַר אַ מוסטער.

דוד עדעלשטאַט איז ניט געווען אַזוי באַהאַוונט אין דער אַלטער יידישער קולטור, ווי די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע יידישע דיכטער פֿון זיין צייט. ניט בלויז מאָריס ווינטשעווסקי, דער פֿאַרפֿאַסער פֿון העברייאישע שירים און פֿון תּלמודישע פּאַראָדיעס, נאָר אַפֿילו ראָזענפֿעלד און באָוושאָווער זיינען אין פֿאַרגלייך מיט עדעלשטאַטן געווען גרויסע „לומדים" און „משכּילים".

ווי אַ סך אַנדערע יידישע ראַדיקאַלן, וואָס זיינען געקומען פֿון רוסלאַנד, האָט דוד עדעלשטאַט דערלערנט יידיש ערשט אין אַמעריקע: צוערשט געלייענט אויף דער דאָזיקער שפּראַך, שפּעטער אָנגעהויבן אויך רעדן און שרייבן אויף איר. אַ גרויסע ראָלע האָט אין דעם געשפּילט דער „סוועט־שאָפּ". דאָרט האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפֿן פּנים צו פּנים מיט די יידישע מאַסן, און דאָרט האָט ער אויך געלערנט די איינפֿאַכע שפּראַך, וואָס כאַראַקטעריזירט זיינע יידישע לידער און אַרטיקלען.[178] זיין יידישע שפּראַך איז, נאַטירלעך, געווען זייער אָרעם. אָט דער מאַנגל אין יידישער ליטעראַרישער טראַדיציע איז אָבער ביז אין אַ געוויסן גראַד געוואָרן אויך איינע פֿון דוד עדעלשטאַטס מעלות. ער איז געווען פֿריי פֿון יענער השׂכּלה־מליצה, פֿון וועלכער אַפֿילו מאָריס ווינטשעווסקי האָט זיך ניט אַלעמאָל געקאָנט באַפֿרייען.

בלויז איין אילוסטראַציע:

צום דערשיינען פֿונעם ערשטן נומער „פֿרייע אַרבעטער־שטימע", דעם 4טן יולי 1890, האָבן ביידע דיכטער — מאָריס ווינטשעווסקי און דוד עדעלשטאַט — צוגעשיקט באַגריסונגען. ביידע האָבן זיך אויך „פֿאָרגעשטעלט" פֿאַר זייערע נייע לייענער. דער מיטליאַריקער באַקאַנטער דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי שטעלט זיך אַזוי פֿאָר:

— — — דאָ פֿונוויטן, פֿון דער זייט אַטלאַנטיק,
שטייט אַ פֿאַרגעסענער זינגער, אַ יידעלע,
שטרענגט אָן זיין שטימע, זיין שוואַכן טאַלאַנטיק,
זינגענדיק מזל־טוב אין דיזע לידעלע.

דער יוגנטלעכער דוד עדעלשטאַט שטעלט זיך פֿאָר גאָר פּשוט:

פֿרייע אַרבעטער־שטימע!
אויף דיין הייליקן לעבן־שוועל
באַגריסט דיך מיט ליבע און טרערן
דיין אַלטער פֿריינט פּאַסקאַרעל!

[זע קאַפּיטל 9].

ביידע דיכטער — ווינטשעווסקי און עדעלשטאַט, פֿאַרגלייכן אין זייערע באַגריסונג־לידער די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿט צו אַ שטורעמדיקן ים, דורך וועלכן עס שניידט זיך דורך אַ וועג די שיף פֿון דער קעמפֿערישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער ערשטער דריקט עס אָבער אויס אין נוסח פֿון משכּילישער מליצה; דער צווייטער מיט איינפֿאַכע ווערטער. מאָריס ווינ־טשעווסקי שרייבט:

און דיזע „אַרבעטער־שטימע" די נייע,
קעמפֿנדיק פֿיר אַ גערעכטע, האַרמאָנישע
מענטשן־געזעלשאַפֿט, אַ זאַטע און פֿרייע, —
איז אויך אַ יידישע שטים, אַ זשאַרגאָנישע.

בראַוואָ, ישראַליק! דו און דיין שפּראַכע,
דו, דער פֿאַרוואָגלטער, זי, די פֿאַראַכטעטע,
אַרבעטעט מיט פֿיר די הייליקע זאַכע;
יידל, זשאַרגאָן, דיזע צוויי אומגעאַכטעטע!

און דו באַטרעטסט ניט די פֿעלקער־טריבונע
אום זיך צו מישן אין גלויבן, אין ראַסן־קאַמף,
דענקסט ניט אָן חורבן, דיך רעגט די קאָמונע,
אָפּשאַפֿן העלפֿסטו די נויט און דעם קלאַסן־קאַמף.

דען דו פֿאַרשטייסט, אַז דער אַרבעטער־גלות
איז פֿאַרן יידן דער איינציק געפֿערלעכער,
וואַרטסט ניט אויף דיינע המנס מפּלות,
קלערסט ווי צו מאַכן די גאַנצע וועלט ערלעכער.

פֿאָרווערטס, ישראַליק! דיין פֿאָלק און דיין ברודער
איז יעדער מענטש, וועלכער האַרעוועט שמאַכטנדיק,
שטעל זיך צוזאַמען מיט אים דאָרטביים רודער,
דאַן גייט דאָס שיף, יעדן שטורעם פֿאַרניכטנדיק.

דוד עדעלשטאַט שרייבט:

פֿיר דאָס הערצנס טיפֿע געפֿילן
איז צו אָרעם אונדזער שפּראַך,
רייכער זיינען אונדזערע טרערן,
מיט זיי קען מען זאָגן אַ סך!

און מיט הייליקע אַרבעטער־טרערן,
וואָס פֿאַלן יעצט זייער אַ סך,
שרייב איך אויף דיין רויטע פֿאָנע:
„קעמף פֿיר די הייליקע זאַך!"

װילד רױשן די קאַלטע װעלן,
פֿון דעם גרױסן לעבנס־ים,
די אָרעמע עלנטע שיפֿער,
זײ לעבן, זײ אָטעמען קױם.

שװער בײַ דער פֿרײַהײט־פֿאָנע —
רױט פֿון מאַרטירער־בלוט, —
אַז קײן שטורעם, קײן פֿײַנט, קײן פֿאַרצװײפֿלונג
װעט ניט צעברעכן דײַן מוט!

װעק די פֿאַרשקלאַפֿטע מענטשהײט,
צו דער לעצטער רעװאָלוציאָן!
מיט אײַזערנעם מוט, מיט באַגײַסטערונג —
דײַן הײליקע אַרבעט פֿאַנג אָן!

ניט קענענדיק גענוג יידיש, באַנוצט עדעלשטאַט אין זײַנע ערשטע לידער אַ סך רוסיציזמען, דײַטשמעריזמען און אַנגליציזמען. ער האָט נאָך דעמאָלט אַפֿילו ניט געקענט שרײַבן פּינקטלעך די יידישע אותיות. אין זײַנע מאַנוסקריפּטן פֿון 1889 פֿאַרבײַט ער אַ „ג" אויף אַ „ז", אַ „ד" אויף אַ „צ" אד"גל. העברײיִשע װערטער שרײַבט ער פֿאָנעטיש אָדער מיט גרײַזן. צום בײַשפּיל: „כײַן", „רכמנס", „יסמ", „פּײלען" — אַנשטאָט חן, רחמנות, יתום, פּועלן אד"גל. אין זײַנע דײַטשמעריזמען זײַנען טײלװײַז שולדיק געװען די רעדאַקציעס. זײ ענדערן זײַן שרײַבן „אַ" אויף „אײן", „און" אויף „אונד", „װעט" אויף „װירד" אד"גל. זײ ענדערן אויך זײַן אונטערשריפֿט פֿון עדעלשטאַט אויף „עדעלשטאַדט", מיט אַ „ד" פֿאַרן „ט". עס איז דעריבער קײן חידוש ניט, װאָס עדעלשטאַטס ערשטע לידער זײַנען אָרעם אין שפּראַך און טײלװײַז אויך ניט קלאָר. אויף דעם ניט־קלאָרן אינהאַלט פֿון עדעלשטאַטס ערשטע לידער איז אויך געװען אָנגעװיזן אין „אַרבעטער־פֿרײַנד" פֿון אַפּריל 1889, װאו מען קריטיקירט זײַן ליד „בלומען און שטערן" (זע קאַפּיטל 8). עדעלשטאַט האָט אָבער געאַרבעט איבער זיך. ער נעמט זיך דערלערנען די יידישע שפּראַך און טראָגט אַפֿילו אַרײַן אין איר נײַע אויסדרוקן, צום בײַשפּיל: „שטורעם־כװאַליעס", „שטורעם־װאָלקנס", „זונען־שװערד", „זונען־הױך" (אַנשטאָט הימל־הױך) אד"גל. ער גראַמט עפּיגראַמיש „רױטע רעבעלן" מיט „שטורמישע װעלן", „בראַװע קאַמעראַדן" מיט „שלאַכט־באַריקאַדן" (און װי אַ קעגנזאַץ צו „שקלאַפֿן־מוזיק און שקלאַפֿן־פּאַראַדן")[179]; „שטורעם־גלאָק" מיט „ראַכע־טאָג" און „פֿרײַהײט־טאָג", „קינדער פֿון הונגער און טױט" מיט „גיהנום פֿון שרעקן און טױט" אד"גל.[180] ער באַנוצט אויך פֿאַרשײדענע גראַם־פֿאָרמען.[181] פֿון זײַנע אַן ערך 135 יידישע לידער זײַנען 3 אין גאַרטל־



דער דיכטער.

פֿיר דער פּראָלעטאַריער וועלט איז דער דיכטער אַ זעער,
דאָך [illegible] איר וואַרטען? איז נור לאַנג דערפֿאַר —
ווייל ער זוכט ניט קיין רייכטום, און פּרייז אין [illegible] —
זעהט ער דער וועלט וואָס איז פֿאַלש אין וואָס איז וואָהר.
די וועלט מעג איהם פֿאַרשפּעטען, די וועלט מעג איהם [illegible] —
דאָך וועט ער איהר איבער די וואַרהייט [illegible] נור זאָגען;
ער זוכט ניט קיין רוהם, ער זוכט ניט קיין געלט —
גערעכטיגקייט ליבע איז זיין הייליגע וועלט.
אַלע מענשליכע טרערען [illegible] אין שמערצען
טרעפֿט דער דיכטער אין זיין ליבענדען הערצען
פֿיר איהם זיינען מענשען שוועסטער אין ברידער,
מיט [illegible] ער זינגט [illegible] לידער,
דער [illegible] טויט [illegible] אונז [illegible],
ער [illegible] אונז [illegible], ער [illegible] אונז [illegible]
[illegible] מיט אַלע [illegible] מענשען,
[illegible] די [illegible], גערעכטיגקייט [illegible].
פֿיר דער פּראָלעטאַריער וועלט איז דער דיכטער אַ זעער
פֿיר [illegible] מענשען איז זיין הערץ אַ [illegible]
אַ [illegible] פֿון אַלעס וואָס איז מענשליך און פֿריי,
און [illegible] איר דער וועלט ווי אַ דיכטער [illegible]

פֿון דוד עדעלשטאַטס כתב־יד (צווייטער וואַריאַנט)

גראַמען, 4 אין געמישטע גראַמען, 11 אין פּאָר־גראַמען און 23 אין אויס־געלאָזטע גראַמען (זע קאַפּיטל 8), די איבעריקע זיינען אין קרייץ־גראַמען.[182] עדעלשטאַט אַרבעט אויך פּיל, כּדי אויסצודריקן אין זיינע לידער קלאָר און פּינקטלעך דאָס, וואָס ער וויל זאָגן. ער באַניצט זיך אויך מיט פֿאָלק־ווערטלעך (צ״ב: „איר שעכט און בלייבט גערעכט״ — אין ליד „דער מיי־נער״), מיט פֿאַרגלייכונגען (צ״ב: „אַליין, ווי אַ שיפֿל אין שטורמישן מער״ — אין „אויף דער וואַכע״) אד״גל. זיינע איבערגעלאָזטע מאַנוסקריפּטן באַווייזן, אַז ער פֿלעגט איבערשרייבן זיינע לידער עטלעכע מאָל, ענדערנדיק ווערטער און אויך גאַנצע סטראָפֿעס. צום ביישפּיל, אין זיין ליד „בלומען און שטערן״ („וואַרהייט״, 14טן אַפּריל, 1889) האָט ער צום ערשטן מאָל אָנגעשריבן די 11טע סטראָפֿע אַזוי:

און ווען דו דערציילסט ווי דער מענטש גייט פֿאַרלאָרן,
ווי בלוט ווערט פֿון מענטשן געזויגן,
דאַן וויינען די שטערן, און גליענדער צאָרן
בליצט פֿון די הימלישע אויגן.

דערנאָך עס איבערגעשריבן און אָפּגעדרוקט אַזוי:

און ווען דו דערציילסט פֿון די ערדישע וועגן,
וואו בלוט ווערט פֿון מענטשן געזויגן,
דאַן וויינען די שטערן און גאָלדענער רעגן
שפּריצט אוים די הימלישע אויגן.

די לעצטע צוויי שורות פֿון דער 14טער סטראָפֿע האָט עדעלשטאַט צוערשט געשריבן אַזוי: „און איך זע אין דעם מאַנד, ווי אין אַ זילבערנעם שפּיגל, מיין קראַנקע, מיין ליבנדע הערץ.[183] שפּעטער האָט ער געענ־דערט די לעצטע פֿינף ווערטער אויף „דאָס ליידנדע מענטשלעכע הערץ...״ עדעלשטאַטס ליד „דער וועקער״ (דאָרט, 28סטן יוני 1889) האָט פֿון אָנהויב געהאַט 8 שורות אין אַ סטראָפֿע, אַנשטאָט 6, ווי דאָס איז שפּעטער געדרוקט. דאָס ליד האָט זיך אָנגעהויבן:

הערט זיך איין, וואָס איך וועל זאָגן:
ווען איר ווילט קיין קייטן טראָגן,
ווען איר ווילט ניט ליידן, קלאָגן,
קומט אין אונדזער פֿאָלק.
וואָס מיר ווילן, ניט פֿיל ברייען,
איז פֿון דעספּאָטן באַפֿרייען
דאָס געבויגענע אין דרייען
אונטערדריקטע פֿאָלק.

ער האָט עס נאָכדעם איבערגעמאַכט אויף 6 שורות אין אַ סטראָפֿע: ער האָט אַרויסגענומען די שורות 3, 6 און 7, און די לעצטע צוויי שורות פֿאַרענדיקט אַזוי: „איז פֿון שקלאַפֿן־יאָך באַפֿרייען דאָס אונטערדריקטע פֿאָלק".

אויף דעם זעלביקן אופֿן האָט ער אויך געענדערט די אַנדערע סטראָפֿן. צום ביישפּיל, די צווייטע סטראָפֿע איז פֿון אָנהויב געווען אָנגעשריבן אַזוי:

קומט צו אונדז מיט פֿרייע ווערטער,
קומט צו אונדז מיט פֿרייע שווערטער,
קיין פֿאַרהאַסטער, קיין געערטער,
קומט אין פֿרייען שלאַכט —
קעמפֿן וועלן מיר ביז וואַנען
עס פֿאַלן הענקער און טיראַנען,
עס וועלן ווייען פֿרייע פֿאָנען,
שווינדן ווירד די נאַכט.

איבערמאַכנדיק עס אויף 6 שורות, האָט ער אַרויסגענומען די שורות 3 און 6, איבערגעמאַכט די שורה „עס פֿאַלן הענקער און טיראַנען" אויף „עס וועלן פֿאַלן די טיראַנען" און אַנשטאָט „שווינדן" געשריבן „פֿאַרשווינדן".

אין אַנדערע לידער האָט עדעלשטאַט איבערגעמאַכט בלויז איינציקע שורות אָדער איינציקע ווערטער. צ"ב, אין זיין ליד „פֿון היינע" („פֿאַ"ש", 16טן אָקטאָבער, 1891) האָט אין אָנהויב די געליבטע „מיטגעבראַכט אַ קראַנץ מיט בלומען", ער האָט עס אָבער געענדערט אויף „מאַיאָווע בלומען". דאָסגלייכן האָט ער געענדערט די ווערטער „אומשולדיק פֿאַרב" אויף „רויטעס פֿאַרב". אין זיין ליד „דער יתום" (דאָרט, 18טן יולי, 1890) האָט ער צוערשט געשריבן „אַ געזיכט ווי אַ ליליענבלום", דערנאָך האָט ער פֿאַרביטן דאָס וואָרט „געזיכט" אויף „ווייס". פֿריער האָט ער דעם יתום געשילדערט „אין צעריסענע זאָקן", נאָכדעם האָט ער עס איבערגעמאַכט אויף „אָן שיך און אָן זאָקן". אָנגעשריבן האָט עדעלשטאַט: „זאָ זיצט ער גאַנץ אָפּט אין מיין רום [צימער]"; נאָכדעם האָט ער אַרויסגעוואָרפֿן די ווערטער „זאָ" און „גאַנץ אָפּט". דעם אויסדרוק „עלנדער יתום" האָט ער פֿאַרביטן אויף „אָרעמער יתום". גאָר אַ סך ענדערונגען האָט עדעלשטאַט געמאַכט אין ליד „איך בין דאָס שווערד, איך בין דער פֿלאַם" („וואָרהייט", 31טן מאַי, 1889). געדרוקט, פֿאַרענדיקט זיך דאָס ליד: „און ווען אויך מיר פֿאַלן אין דעם שטורעם־ים, מיר וועלן דאָך די וועלט באַפֿרייען!..." אין ערשטן וואַריאַנט האָט עדעלשטאַט געשריבן:

הערט ווי עס רוישט דער בלוטיקער ים,
הערט ווי פֿון דאָרט מענטשן שרייען!
דאָס טרינקט מען דאָרט די אָרעמע קנעכט;
הויבט אויף די שווערדן און די פֿלאַמען
און קעמפֿט פֿאַר הייליקע מענטשן־רעכט.
אָ, ברידער, קעמפֿט און זיגט צוזאַמען!
יעצט איז אַ שאַנדע רואיק שלאָפֿן,
די וועלט איז פֿול מיט בלוט און סם.
פֿאַר יעדן איז דאָס שלאַכט־פֿעלד אָפֿן,
פֿאַר יעדן לעבט די שווערד און פֿלאַם!
וואַכט אויף, די וועלט איז פֿול מיט קייטן,
איך זאָג אייך ניט קיין פּאָעטן־גראַם;
שקלאַפֿעריי וועט גיך אייך טויטן,
ווען איר פֿאַרגעסט די שווערד און פֿלאַם.

דאָס ליד „טרערן" האָט אינעם ערשטן וואַריאַנט געהייסן „אַרבעטער־מעלאָדיען" און געהאַט אַ צווייטן טייל, אין וועלכן עדעלשטאַט שרייבט, אַז ווען ער זאָל דערציילן זיין „לעבנס־געשיכטע", זיינע „טויזנטע שמערצן", וואָלט ער „פֿילייכט" „מיט הייליקע טרערן־געדיכטע געמאַכט פֿיל אויגן פֿייכט". אויך אָט דאָס ליד האָט אין מאַנוסקריפּט עטלעכע וואַריאַנטן. זיין באַקאַנט ליד „צו מיינע לעזער" (דאַטירט אין מאַנוסקריפּט — סינסינעטי, 8טן מערץ 1890) האָט געהאַט אַן אַנדערן אָנהויב און אַ סך ענדערונגען. אַנשטאָט „ליבע לעזער", האָט ער דאָרט אינעם ערשטן וואַריאַנט „אָרעמע שקלאַפֿן"... זיין ליד „דער פֿאַרוואונדעטער אָדלער" („פֿאַ"ש", 1טן יאַנואַר 1891), וואָס לייענט זיך אינעם געדרוקטן וואַריאַנט אינגאַנצן אומפּער־זענלעך: „אויף אַ פֿעלדזן־שטיין זיצט אַ יונגער אָדלער עלנט, קראַנק, אַליין!", האָט עדעלשטאַט אינעם ערשטן וואַריאַנט געשריבן דירעקט וועגן זיך:

צווישן בערג פֿאַרשנייטע
זיץ איך קראַנק פֿאַרעלנט!
און איך קוק מיט אומעט
צו דער זון אַרויף,
דאָך די שוואַכע פֿליגל
הייבן ניט דעם גוף.

*

דאָס ענדערן די פֿריערדיקע לידער, דאָס געבן נייע וואַריאַנטן, ווי ער האָט עס געטאָן אין זיין ליד „פֿאַרבלוטיקטע גייסטער" (זע קאַפּיטל 19), אָדער דאָס דערקלערן גענויער אין אַ ניי ליד, וואָס ער האָט געמיינט אין

אַ פֿריערדיקן, איז אַ געווייגטלעכע דערשיינונג אין עדעלשטאַטס פּאָעזיע. אַזוי איז זיין „פֿרילינג־ליד" („מאָרגנשטערן", 28טן פֿעברואַר) אַ דער־קלערונג פֿון זיין ליד „נאַטור און מענטש" פֿון מיט אַ יאָר פֿאַר דעם („וואָר־הייט", 29טן מערץ 1889). מיט אַ יאָר פֿריער האָט עדעלשטאַט זיך נאָך פֿאַרגעשטעלט די נאַטור ווי אַן איבערגעגעבענע מאַמע. ער פֿרעגט: „ווען מענטשן ליידן, קלאָגן, זאָרגן, קאָן די נאַטור דען פֿריילעך זיין?" „ניין" — ענטפֿערט ער — טרערן בלוטיקע פֿאַרבאָרגן זיינען אין איר רויטער זונענשיין"... „עס שיינט מיר", דערקלערט ער, אַז די לבנה און די שטערן זיינען „פֿול מיט הייסע מענטשן־טרערן" —

און די נאַטור גיסט פּערלטרערן
און מיט איר וויינט דער בלומענטאַל;
עס וויינען זאַנע, מאַנד [לבנה] און שטערן,
און טרויעריק קלאָגט די נאַכטיגאַל...

אין זעלביקן גייסט זאָגט עדעלשטאַט, אַז די הייסע טרערן פֿונעם „ליידנדן פּאָעט" זיינען בלויז אַן אָפּקלאַנג פֿון די „שמערצן־לידער" אין דער נאַטור. ער זאָגט אויך פֿאָרויס, אַז „די נאַטור וועט פֿריילעך זינגען" ערשט דעמאָלט, ווען אירע „מענטשן־קינדער" וועלן אַרונטערוואַרפֿן זייערע „ווילדע הערשער".

אין דעם נייעם „פֿרילינג־ליד", אַ יאָר שפּעטער, באַטראַכט שוין עדעלשטאַט די נאַטור מיט גאָר אַנדערע אויגן. זי איז פֿאַר אים ניט מער קיין מאַמע פֿון ליידן, נאָר אַ קוואַל פֿון שיינקייט. ער זעט איין, אַז פֿון דער נאַטור־שיינקייט, פּונקט אַזוי ווי פֿון אַלע אַנדערע נאַטור־אוצרות, „געניסט יעצט נאָר דער טיראַן! ער לאָזט נאָר איבער די גיפֿטיקע דערנער פֿאַר דעם אָרעמען אַרבעטסמאַן!" די פֿרילינג־זון שיינט אַנגענעם, די נאַכטי־גאַל זינגט זיס, נאָר עדעלשטאַט, דער דיכטער, פֿרעגט: „וואָס איז מיר פֿרילינג, וואָס איז מיר בלומען?"

וואָס ווייס אַ שקלאַף פֿון דעם זיסן פֿרילינג?
פֿאַר אים איז נאָר שטורעם און פֿרעסט,
נישט מיט געזאַנגען, מיט זיפֿצן און קרעכצן
איז פֿול יעדער אַרבעטער־נעסט.

עדעלשטאַט איז אָבער איבערצייגט, אַז „עס וועט קומען אַמאָל דעם אַרבעטערס פֿרילינג", — „ווען אויך פֿאַר אים וועלן בליען די רויזן און זינגען די נאַכטיגאַל, און זיס וועלן רוישן די גרינע וועלדער און דער זילבערנער וואַסערפֿאַל"... יענעם פֿרילינג וועט ער „באַזינגען שוין ניט

ווי אַ טרערן־פּאָעט״... ער וועט „אים באַזינגען, ווי עס קאָן נאָר באַזינגען אַ דיכטער און אַ סאָציאַליסט!״

מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט האָט עדעלשטאַט פּאַלירט און געשליפן זיינע לידער, וואָס ער האָט „באַארבעט״ אָדער „פריי איבערגע־זעצט״ פון אַנדערע שפּראַכן.[184]ביישפּילן דערצו זעען מיר אין עדעלשטאַטס וואַריאַנטן פון היינעס און אַלבערט פּאַרסאָנס לידער.

עדעלשטאַטס פריער דערמאָנט ליד „כ׳בין דאָס שווערד, איך בין דער פלאַם״ איז פאַרעפנטלעכט אַלס „פריי בעאַרבייטעט פון היינריך היינע״. זיין לענגערער וואַריאַנט ווייזט ווי ערנסט ער האָט זיין „באַארבע־טונג״ גענומען. דאָרט געפינט זיך גאָר ווייניק פון אָריגינאַל. היינעס "Ich bin das Schwert, ich bin die Flamme" איז אַ נצחון־ליד, כאָטש צוזאַמען מיט די טריאומף־געזאַנגען הערן זיך אויך „כאָראַלן״ פון לוויהס, פאַר די געפאַלענע פריינט אויפן שלאַכטפעלד. ניטאָ קיין צייט פאַר פרייד אָדער טרויער. די טרומייטן שאַלן ווידער. די שלאַכט גייט אָן.[185]

היינעס ליד "Die schlanke Wasserlilie" פון דער סעריע „נייער פרי־לינג״ נ׳ 15, איבערזעצט עדעלשטאַט צוערשט אינגאַנצן פריי (אונטערן נאָ־מען „די שלאַנקע וואַסער־ליליע״). ער מאַכט דערפון דריי סטראָפן, אַנשטאָט היינעס צוויי. אַזוי ווי דאָס ליד געווינט ניט דורך דעם, נאָר עס ווערט צעצויגן, וואַרפט עדעלשטאַט אַרויס די איבערחזרונגען וועגן דער לבנה, דעם „מאָנד״, וואָס „באַזיסט״ די וואַסער־ליליע, „צעגיסט זיין זילבערנעם ליכט״ און „קושט איר בלאַסע געזיכט״. עדעלשטאַט פאַרבייט אויך די פראַזע „וואַסער, וואָס איז זיס״ אויף „בלויען אָקעאַן״ און דערביי ענדערט ער שוין אויך גרינטלעך, ווייזט אויס, ניט בלויז צוליב גראַם, היינעס שלוס. ביי היינען זעט די וואַסער־ליליע צו אירע פיס דעם „אָרמען בלאַסן געזעלן״, ווי היינע רופט אָן דעם „מאָנד״, און ווי עדעלשטאַט איבער־זעצט צוערשט: „און זי זעט, דער מאָנד־פאַרליבטער ליגט נעבעך ביי אירע פיס״. אין אַלע שפּעטערע וואַריאַנטן פאַרבייט עדעלשטאַט די ווערטער „מאָנד־פאַרליבטער״ אויף „הימלישער דאָן־זשואַן״, וועלכער קריגט אַן איראָנישן באַטייט, וואָס ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך דעם וואָרט „נעבעך״. אין זיינע צוויי־סטראָפיקע וואַריאַנטן גיט עדעלשטאַט צוערשט היינעס באַצייכענונג „שלאַנקע״ פאַר דער וואַסער־ליליע; צו־לעצט אָבער מאַכט ער איבער, אינעם גייסט פון זיינע אייגענע טרויעריקע נאַטור־לידער, אויף אַ „בלאַסע וואַסער־ליליע, אַ וויינענדיקע״, וועמעס „פערלטרער״ קושט דעם „מאָנד״ (דער אויסדרוק „פערל־טרער״, וועלכן עדעלשטאַט באַנוצט אין אַ ריי לידער, איז אויך גענומען פון היינען).

אינעם לעצטן וואַריאַנט, געדרוקט אין דער „פֿאַ"ש" (16טן אָקטאָבער 1890), וואַרפֿט עדעלשטאַט אַרויס די אַדיעקטיוון „גאָלדענער מאָנד פֿון הימל" און „בלויער אָקעאַן". ער לאָזט אויך ניט מער דעם „מאָנד" „גריסן" מיט זיין „ליבע־פֿלאַם", נאָר פּשוט אַרונטערקוקן פֿון הימל. ער פֿאַרבייט אויך די דייטשישע ווערטער „זינקט" און „שויט" (שאַוט) אויף „לאָזט אַראָפּ" און „קוקט".

היינעס ליד „אונד ביסט דו ערסט מיין עהליך וייב" (פֿון „היימקער", נ' 78) איז אין קרייץ־גראַמען, ביי עדעלשטאַטן — אין פּאָר־גראַמען. כדי צו פֿאַרגלייכן ביידע לידער, גיבן מיר דאָ דעם דייטשן אָריגינאַל פֿון היינעס לידער און ווי עדעלשטאַט האָט זיי פֿריי באַאַרבעט:

היינע:

1

Die schlanke Wasserlilie
Schaut träumend empor aus dem See,
Da grüsst der Mond herunter
Mit lichtem Liebesweh.

Verschämt senkt sie das Köpfchen
Wieder hinab zu den Welln —
Da sieht sie zu ihren Füssen
Den armen blassen Geselln.

2

Und bist du erst mein ehlich Weib,
Dann bist du zu beneiden,
Dann lebst du in lauter Zeitvertreib,
In lauter Pläsier und Freuden.

Und wenn du schiltst und wenn du tobst,
Ich werd' es geduldig leiden;
Doch wenn du meine Verse nicht lobst,
Lass ich mich von dir scheiden.

עדעלשטאַט:

*

די בלאַסע וואַסער־ליליע
טרוימט ביי דעם בלויען מער,

דער מאָנד קוקט פֿון דעם הימל אַרונטער
און קושט איר פּערל־טרער.

פֿאַרשעמט לאָזט זי איר קעפּל
אַראָפּ צום אָקעאַן,
און ביי אירע פֿיס ליגט נעבעך
דער הימלישער דאָן־זשואַן.

*

ווען איך הייראַט, וועל איך שטערבן,
אַז מיין פֿרוי זאָל פּראַכטפֿול לעבן,
וואָס זי וועט ניט טאָן, ניט זאָגן,
וועל איך העפֿלעך איבערטראָגן.

דאָך, ווען זי וועט זיך דערלויבן
מיינע ווערק אַמאָל ניט לויבן,
מיך ניט קרוינען אַלס פּאָעט, —
רוף איך תּיכּף זי צום גט.

אויף פֿאַרסאַנס ליד האָט עדעלשטאַט גאָר אַ סך געאַרבעט. צווישן זיינע מאַנוסקריפּטן געפֿינט זיך ביי אַ צענדליק וואַריאַנטן פֿון אָט דעם ליד. עדעלשטאַט האָט פֿון וואַריאַנט צו וואַריאַנט געענדערט ניט בלויז איינצלנע ווערטער און שורות, נאָר אויך גאַנצע סטראָפֿן. ער האָט אַרויסגעוואָרפֿן דעם אַדיעקטיוו „אָרעמע" פֿאַר „זיינעביינער"; געענדערט „רוען" אויף „שלאָפֿן", „אירדישע שמערצן" אויף „טויזנטע"... „דאַרף מען טרויערן" אויף „דאַרפֿט איר"...; דאָס „גיין צו הויז" אויף „אין מיין הויז" אד"גל. אין דער צווייטער סטראָפֿע האָט ער פֿאַרביטן די שורות:

מיט אייער מיטלייד, וואָס קומט צו שפּעט,
ווי אַ דאָקטער צום טויטנס בעט. —

אויף

מיט אייער מיטלייד און טרערן
אין מיין גראַב [קבר] וועל איך רוען זאַ גערן!

די דריטע סטראָפֿע ביי עדעלשטאַטן מאַכט צוערשט פֿאָלגנדיקע פֿאָרוואורפֿן זיינע פֿריינט: „איר האָט מיר אין לעבן, איך דענק, געגעבן קאַלטע שטיינער געשענקט"; צולעצט האָט עס עדעלשטאַט געענדערט אַזוי: „מיט די הענט אויף מיין הערצן לאָזט מיך רוען פֿון טויזנטע שמערצן". אין דער 4טער סטראָפֿע האָט ער די שורות „מיך באַפֿרייט דער טויט,

אבער איר וועט זיך מאַטערן נאָך אַן אַ שיר", פֿאַרביטן אויף „אייך — וואָס בלייבט אויף דער וועלט שלעפֿן קייטן, זיך בוקן פֿיר געלט". די 5טע סטראָפֿע און די ערשטע העלפֿט פֿון דער 6טער האָט עדעלשטאַט אין איין וואַריאַנט אַזוי געשריבן:

דער טויט וועט מיך מאַכן פֿריי!
קיין פֿאַלשקייט — קיין טיראַניי
וועט ניט רייסן מיין ברוסט מיט גוואַלד,
מיין הערץ וועט זיין רואיק און קאַלט.
מיך וועלן ניט פּלאָגן קיין שמערצן,
קיין גיפֿט וועט ניט זיין אין מיין הערצן.

ער האָט עס ניט איין מאָל געענדערט ביזן דרוקן. צוערשט האָט ער עס איבערגעמאַכט אין די פֿאָלגנדיקע צוויי וואַריאַנטן:

1

פֿאַר מיר איז ניטאָ מער קיין ליידן,
אין זאַרג [טרונע] וועל איך אַלעס פֿאַרמיידן,
ווי אַ שטיין אין שטילן וואַלד
וועל איך ליגן רואיק און קאַלט.

2

פֿאַר מיר איז ניטאָ מער קיין ליידן,
אַלע שמערצן וועל איך פֿאַרמיידן.
דאָרט אין מיין עוויגן היים,
פֿון קאַלטן איינפּאַכן ליים.

די לעצטע צוויי שורות האָט עדעלשטאַט נאָכדעם ווידער געענדערט:

קיין פֿאַלשקייט, קיין טרערן, קיין נויט
וויים דער מענטש ניט אין טעמפּל פֿון טויט!

די צווייטע העלפֿט פֿון דער 7טער סטראָפֿע האָט עדעלשטאַט אין אָנהויב פֿאַרענדיקט אויף אָט די צוויי אופֿנים:

1

דאָס לעבן איז אַ ביטערער טרוים,
ניט קלאָגט, מיר איז גוט אין מיין היים!

2

דאָרט גיט ניט [איז ניטאָ] קיין אָרעם, קיין רייך,
ניט קלאָגט, מיר איז בעסער ווי אייך!

עדעלשטאַט האָט אויך עטלעכע מאָל געענדערט דעם נאָמען פֿון דעם דאָזיקן ליד. ער האָט עס פֿריער געהאַט אָנגערופֿן "A Farewell" (אַ זיי־געזונט) און „צו מיינע פֿריינט". אין דריי וואַריאַנטן גיט ער אָן, אַז דאָס ליד איז „פֿריי באַאַרבעט".[186]

פֿאַרגלייכט מען עדעלשטאַטס פֿריי־באַאַרבעטע ליד פֿון אַלבערט פּאַרסאָנס מיט דעם בייגעלייגטן ענגלישן אָריגינאַל,[187] זעט מען, אַז עדעל־שטאַט נעמט פֿון פּאַרסאָנס ליד בלויז דעם הויפּט־געדאַנק: מען זאָל ניט קומען אויף זיין קבר „טרויערן און שטערן זיין רו"; פֿאַר אים זיינען ניטאָ מער קיין ליידן; און ער גייט רואיק צו זיין היים. ווייטער איז אַלץ עדעלשטאַטס. אַנשטאָט פּאַרסאָנס בילד פֿון אַ פּאַראַדנער לוויה מיט אַ לאַנגן צוג קאַרעטן און מיט אַ פֿאַרפּוצטער טרונע, מאָלט אויס עדעל־שטאַט „קאַלטע מצבה־שטיינער"; פֿון פּאַרסאָנס איין שורה: „באַליידיקט ניט מיין שטויב מיט אייער מיטלייד" ווערט ביי עדעלשטאַטן אַ גאַנצע סטראָפֿע, וואו ער רעדט וועגן „ביליקן לויב" ... „מיטלייד און טרערן"; און מאַכט דעם אויספֿיר, אַז אין זיין גרוב וועט ער שלאָפֿן „אַזוי גערן"... דאָרט, וואו פּאַרסאָנס רעדט וועגן די, וואָס זיינען איבערגעבליבן צו ליידן „אויף אָט דעם וויסטן ברעג", גיט עדעלשטאַט צו אַ קאָנקרעט בילד: „שלעפּן קייטן, זיך בוקן צום געלט"... די לעצטע צוויי סטראָפֿעס פֿון עדעלשטאַטס ליד זיינען אינגאַנצן זיינע אייגענע: דער קבר איז פֿאַר אים אַ „שטילער געצעלט", וואו ער וועט שטיל ליגן, און די „מוטער־נאַטור" וועט אים „וויגן", ביז „דער פֿרייהייטס הייליקע סטרונע" וועט אים „אויפֿוועקן" אין זיין „טרונע"...:

קומט ניט אויף מיין קבר צו טרויערן,
קרעכצן, זיפֿצן און באַדויערן;
ווען איך מאַך מיינע אויגן צו,
שטערט ניט מיין רו!

באַליידיקט ניט מיין שטויב
מיט אייער ביליקן לויב,
מיט אייער מיטלייד און טרערן —
אין מיין גרוב וועל איך שלאָפֿן אַזוי גערן!

דריקט ניט מיינע ביינער,
מיט די קאַלטע מצבה־שטיינער;
מיט די הענט אויף מיין הערצן
לאָזט מיך רוען פֿון טויזנדע שמערצן!

ניט איבער מיר דאַרפֿט איר טרויערן,
ניט מיך — אייך דאַרף מען באַדויערן,
אייך, וואָס בלייבן אויף דער וועלט
שלעפּן קייטן, זיך בוקן צום געלט.

פֿאַר מיר איז ניטאָ מער קיין לײדן,
אין מיין גרוב וועל איך אַלעם פֿאַרמיידן,
קיין וואונד, קיין קייט, קיין טרער
וועט מיין האַרץ ניט פֿאַרבלוטיקן מער.

איר, וואָס ציטערט מיט יעדן אבר,
ווען איר זעט פֿאַר זיך דעם קבר,
ווי קלעגלעך איר קוקט דאָ מיר אוים,
זעט ווי רואיק איך גיי אין מיין הויז.

דעם טויטס שטילער געצעלט
איז פֿרייער ווי אייער וועלט,
וואו גליק איז איצט אַ טרוים,
וואָס טרעפֿט זיך זעלטן קוים.

שטיל וועל איך אין קבר ליגן,
די מוטער־נאַטור וועט מיך וויגן,
ביז דער פֿרייהייטס הייליקע סטרונע
וועט מיך אויפֿוועקן אין מיין טרונע.

"Come not to my grave with your mournings,
With your lamentations and tears,
With your sad forebodings and fears!
When my lips are dumb
Do not thus come.

Bring no long train of carriages.
No hearse crowned with waving plumes,
Which the gaunt glory of death illumes;
But with my hands on my breast
Let me rest.

Insult not my dust with your pity,
Ye who're left on this desolate shore
Still to suffer and lose and deplore.
'Tis I should, as I do,
Pity you.

For me no more are the hardships,
The bitterness, heartaches, and strife,
The sadness and sorrow of life,
But the glory divine —
This is mine.

Poor creatures! Afraid of the darkness,
Who groan at the anguish to come!
How silent I go to my home!
Cease your sorrowfull bell —
I am well."

די מיינונג, אַז עדעלשטאַט האָט זיינע לידער ניט פּאָלירט און „ניט געשליפֿן", איז, אַזוי אַרום, ניט ריכטיק. אמת, פּאָעזיע, ווי פּראָזע, זיינען פֿאַר עדעלשטאַטן בלויז וואָפֿן אין קאַמף.[168] ער באַנוצט דעריבער די זעלביקע טעמעס סיי אין זיינע אַרטיקלען, סיי אין זיינע לידער. ער האָט אָבער געהאַלטן פֿאַר וויכטיק צו שאַרפֿן זיין געווער און צו מאַכן עס וואָס ווירקזאַמער. דאָס איז עדעלשטאַטן טאַקע געלֿונגען. וואָס ווייטער, איז זיין לֿיד געוואָרן קרעפֿטיקער און האָט צולעצט ווירקלעך געקלֿונגען ווי אַ „קריגס־טראָמפּייט". עדעלשטאַט אַליין האָט פֿיל געהאַלטן פֿון זיין פּאָעזיע. ער לאָזט קיינמאָל ניט דורך די געלעגנהייט אונטערצושטרייכן, אַז ער איז אַ דיכטער. דערביי אָבער באַמערקט ער, אַז ער איז „אַ דיכטער און סאָציאַליסט". סתּם זינגען אין דער וועלט אַריין האָט אים לֿחלוטין ניט אינטערעסירט. אין זיין לֿיד „צוויי מאָלער" שטעלט ער פֿאַר, ווי ביידע מאָלן דעם יאָמערטאָל, — נאָר איין מאָלער באַנוצט אָלס פֿאַרב „זיין בלוט אַליין", איז דעריבער זיין לֿיד „הייליק־שיין"; דער צווייטער מאָלט מיט „געמאַכטע פֿאַרבן", עקלֿט זיין בילד „פּראָסט צום שטאַרבן". אין אַן אַנדערן ענלעכן לֿיד, „צוויי דיכטער", מאָלט אויס עדעלשטאַט איינעם ווי דעם „זיסן", דעם „דיכטער, וואָס האָט פֿיל האָניק, ווייניק גאַל", און דעם צווייטן, — ווי דעם, „וואָס האָט זיין האַרץ די אונטערדריקטע אָפּגעגעבן" (זע אָנהויב קאַפּיטל 18):

זיין יעדעם לֿיד, זיין יעדע שורה
איז פֿול מיט גיפֿט פֿאַר טיראַניי;
ער וואַרפֿט די שווינדלער גלייך אין צורה
דער וואַרהייטס קאָכעדיקע בליי.

אין זיין לֿיד — דערקלערט עדעלשטאַט — „רוישט אַ טייך פֿון מענטש־לֿעכע טרערן, צעמישט מיט דעם דיכטערס בלֿוט"; זיין לֿיד, זאָגט ער,

איז געבוירן פֿון „הייליקן פֿייער“, „זיין מוזע וועקט“ און „רופֿט מיט אַ קריגס־טראָמפּייט“; זיינע פֿרייע לידער זיינען „דונערן און בליצן“; ער קאָן אַז „גיסן טרערן“, אי „ליבן“. אין אָט דער טרויעריקער קעגנוואָרט איז ער אַ „טרערן־פּאָעט“ און שרייבט מיט „הייסע טרערן“ — אין דער צוקונפֿט אָבער וועט ער זינגען „ליבע“ און „פֿרילינג־לידער“.[189]

דוד עדעלשטאַט איז ניט מאָנאָטאָן. ער ווייסט די קונסט, ווי אַזוי אויסצודריקן דעם זעלביקן אינהאַלט אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען. אין זיינע ערשטע לידער איז די אייזערנע קייט דער סימבאָל פֿון שקלאַפֿעריי. אין זיינע שפּעטערדיקע לידער שמידט איבער עדעלשטאַט זיין אייזערנע קייט אין אַ סימבאָל פֿון פֿרייהייט. זיין „אַלטער שמיד“ זיצט אויף אַן אינדזל און „אַרבעט און שמידט אַן אייזערנע קייט פֿאַר דעם גאָט מאַמאָן“ און „פֿאַר יעדן טיראַן, וואָס ליגט צעשפּרייט אויף זיין בלוטיקן טראָן“. דער שמיד שווערט, אַז זיין „אייזערנער האַמער“ וועט צעשטערן די „גאָלדענע קרוין“.

אַן אַנדער עדעלשטאַטישער סימבאָל איז שטורעם. אין זיינע ערשטע לידער איז דער שטורעם דער סימבאָל פֿון סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס קומט „צעשטערן טיראַנען און טראָנען“. אין זיינע שפּעטערדיקע לידער ווערט דער שטורעם ביי אים דער סימבאָל פֿון די שוואַרצע כּוחות,[155] וואָס זוכן אייצושלינגען דאָס שיפֿל פֿונעם פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד:

דאָס שיפֿל לויפֿט צווישן די רוישנדיקע וועלן;
דער שטורעם ווערט שטאַרקער מיט יעדער מינוט;
דער מער [ים] איז געפֿערלעך... דאָך שטאַרקער איז דער זעגל —
ערלעכער שיפֿער, פֿאַרליר ניט דיין מוט.

עדעלשטאַטס סימבאָלן זיינען, מיט גאָר ווייניק אויסנאַמען, אינטערנאַציאָנאַלע. אַזאַ ביבלישער סימבאָל ווי „יציאת מצרים“, איז ביי עדעלשטאַטן אַ זעלטנהייט און איז, ווי פֿריער שוין דערמאָנט, געוועזן באַאיינפֿלוסט פֿון יאַהאַן מאָסטס אַן אַרטיקל מיט דעם זעלביקן נאָמען. זיינע לידער זיינען דערפֿאַר געוועזן לייכט־פֿאַרשטענדלעך פֿאַר ברייטע מאַסן. אַ ריי לידער עדעלשטאַטס זיינען געוויס ניט מער ווי פּראָזע אין פֿערזן. די איינפֿאַכקייט און האַרציקייט, מיט וועלכע זיי זיינען געשריבן, הויבט זיי אָבער אויף איבער דער אַלטעגלעכקייט.

*

אין זיין דיכטונג רופֿט אַן עדעלשטאַט די אַרבעטערשאַפֿט מערסטנס מיט די נעמען „שקלאַפֿן“, „קנעכט“ אָדער „פֿאָלק“. אין 130 לידער ווערט די אַרבעטערשאַפֿט אָנגערופֿן 113 מאָל מיט די עפּיטעטן „שקלאַף“ און

„קנעכט‟, 73 מאָל — „פֿאָלק‟, 65 מאָל — „אַרבעטער‟ און „פּראָלעטאַ־ריער‟, 52 מאָל — „ברידער‟ און 11 מאָל — „שוועסטער‟. אין 13 דער־ציילונגען און בילדער רופֿט ער אָן די אַרבעטערשאַפֿט 33 מאָל „שקלאַף‟ אָדער „קנעכט‟, 10 מאָל — „פֿאָלק‟, צו 2 מאָל — „ברידער און שוועס־טער‟ און 17 מאָל „אַרבעטער‟ און „פּראָלעטאַריער‟ (אין זיין פּובלי־ציסטיק באַניצט זיך עדעלשטאַט וויניק מיטן נאָמען „פֿאָלק‟ אָדער אַפֿילו „אַרבעטער־פֿאָלק‟. דאָרט רעדט ער געוויינלעך וועגן „אַרבעטער‟ און „פּראָלעטאַריער‟, אַמאָל אויך „אַרבעטער־פּראָלעטאַריאַט‟, אָדער אַפֿילו „אַרבעטער־קלאַס‟, כאָטש ער קאַרגט זיי דאָרט אויך ניט די עפּיטעטן „שקלאַף‟ און „קנעכט‟).

„פֿאָלק‟, ווי אַ סינאָנים פֿון אַרבעטערשאַפֿט, איז אין יענער צייט באַנוצט געוואָרן אויך פֿון מאָריס ווינטשעווסקין און פֿון מאָריס ראָזענ־פֿעלדן. אַן אַרבעטער־דיכטער האָט דעמאָלט געהייסן אַ „פֿאָלק־פּאָעט‟. און אַזוי רופֿט אויך אָן די „פֿאַ״ש‟ דוד עדעלשטאַטן. נאָר באַזונדערס האָבן זיך מיטן וואָרט „פֿאָלק‟ באַנוצט די אַנאַרכיסטן. ביי זיי האָט יעדע אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונג געהייסן „פֿאָלק־פֿאַרזאַמלונג‟; יעדער באַשלוס פֿון אַ פֿאַרזאַמלונג האָט געהייסן „פֿאָלק־באַשלוס‟.[190] דאָס יידישע פֿאָלק, ווי אַ נאַציאָנאַליטעט, רופֿט אָן עדעלשטאַט „יידישעס פּובליקום‟. דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס באַצייכנט עדעלשטאַט מיט די טערמינען „רייכע קלאַסע‟, „הערשנדע קלאַסע‟, אָדער „בירגער‟. אָפֿטער אָבער באַטיטלט ער די בורזשואַזיע מיט די עפּיטעטן: „קאַפּיטאַליסטישע באַנדע‟, „קאַפּי־טאַליסטישע בעסטיע‟, „קאַפּיטאַליסטישער טיראַן‟ אד״גל (זע סוף קאַ־פּיטל 11). אַנשטאַט קלאַסנקאַמף, באַניצט עדעלשטאַט געוויינטלעך די ווערטער „פּרייהייטס־קריג‟, „צייט פֿון קריג‟, „סאָציאַלע שלאַכט־פֿעלד‟ אאַז״וו.[191]

מיט אַ באַזונדערן פּאַטאָס רעדט עדעלשטאַט אין זיינע לידער וועגן דער רויטער פֿאָן — „רויט פֿון מאַרטירער־בלוט‟. זי איז פֿאַר אים אַ הייליקע, אַ שטאָלצע, אַ פֿרייע, אַן אומבאַזיגבאַרע. ער ווערט ניט מיד צו רופֿן די אַרבעטער זיך צו פֿאַרזאַמלען און צו קעמפֿן „אונטער דער רויטער פֿאָן‟ און זי האַלטן „זונען־הויך‟.[192]

21

פּראָזע־שריפֿטן

אין די לעצטע פֿיר חדשים, איידער עדעלשטאַט איז געוואָרן געפֿערלעך קראַנק, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן דערציילונגען און בילדער, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן אַ באַדייטנדיקע פּאָפּולערקייט.

פּונקט ווי אין זיינע לידער, אַזוי האָט עדעלשטאַט אויך אין זיינע דערציילונגען זעלטן געמאָלן רעאַלע בילדער פֿון לעבן. ער האָט ניט געשריבן קיין שאַפּ־דערציילונגען, ווי מאָריס ראָזענפֿעלד, און ניט קיין בילדער פֿון קאַמף, ווי שפּעטער מאָריס ווינטשעווסקי. מיטן אויסנאַם פֿון „ווערא‟ („אַ דערציילונג אויס דעם לעבן‟) און „צווישן ניו־יאָרקער ראַדיקאַלן‟ („אַ שאָטן־בילד פֿון דעם אַגיטאַציאָנס־לעבן אין ניו־יאָרק‟), זיינען עדעלשטאַטס אַלע דערציילונגען און בילדער אויסגעטראַכטע סכעמעס, צו באַווייזן דעם עלנט פֿון די אַרבעטער־מאַסן. זיינע פּערסאָנאַזשן זיינען אָבער ניט כאַראַקטעריסטיש און ניט טיפּיש פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס, נאָר פֿאַרן קליינבירגער. זיינע העלדן ווייסן ניט פֿון קיין אַרבעטער־באַוועגונג, פֿון קיין קלאַסנקאַמף; זיי גייען אונטער אין עלנט, אָדער זיי פֿאַרנעמען זיך טעראָריסטיש מיט פּערזענלעכער נקמה, אָדער באַגייען זעלבסט־מאָרד. די מערהייט דערציילונגען און בילדער עדעלשטאַטס זיינען דעריבער קליינבירגערלעך־ראַדיקאַלע שאַפֿונגען, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי דריקן אויס טיפֿן האַס צו די עקספּלואַטאַטאָרס און סענטימענטאַלע ליבשאַפֿט צו דער אַרבעטערשאַפֿט. ס'פֿילט זיך אויך אין זיי דער איינפֿלוס פֿון די דעמאָלט פּאָפּולערע סענטימענטאַלע ראָמאַנען פֿון דער ענגלישער שרייבערין אואידאַ, בפֿרט פֿון איר ראָמאַן „פּאַסקאַרעל‟, וואָס האָט עדעלשטאַטן שטאַרק באַווירקט.[105] אינגאַנצן פֿריי פֿון אָט דעם איינפֿלוס זיינען ביי עדעלשטאַטן בלויז איניקע רעאַליסטיש־סאַטירישע דערציילונגען און בילדער. די דאָזיקע שאַפֿונגען זיינען אויך באַלויכטן מיט הומאָר, און עס פֿילן זיך אין זיי, פּונקט ווי אין ווינטשעווסקיס פֿעליעטאָנען, ליכטיקע פּערספּעקטיוון.

ווי שוין געזאָגט, האָט עדעלשטאַט דעם מאַטעריאַל פֿאַר אַלע זיינע סענטימענטאַלע און ווייַנענדיקע דערציילונגען און בילדער ניט גענומען דירעקט פֿונעם לעבן. ער האָט זיך געשטיצט אויף דעם, וואָס מען האָט

אים דערציילט, אָדער וואָס ער האָט געלייענט. אַזוי איז זיין ערשטע דערציילונג „ווער איז שולדיק?" („פֿאָ"ש", 8טן מאַי 1891), פּונקט ווי זיין ליד „דער קינדער-מערדער" („אַן אָריגינעלעס בילד פֿון לעבן" — „מאָרגנשטערן", 23טן מאַי 1890), וואָס איז צענדליקער יאָרן אונטערן נאָמען „דאָקטאָר גראַן" געווען פּאָפּולער אַלס דעקלאַמאַציע ביי די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן פֿון אַמעריקע און ענגלאַנד, געווען באַגרינדעט אויף די פֿאַקטן, וואָס זיין פֿריינדין, די קראַנקן-שוועסטער אַניוטאַ וואָלפֿסאָן האָט אים דערציילט.[163] סיי דאָס ליד און סיי די דערציילונגען שילדערן די שרעק פֿון אָרעמען מענטשן פֿאַר דער געבורט פֿון אַ קינד, וואָס ער איז ניט אימשטאַנד צו דערנערן. פֿון דעם זעלביקן קוואַל האָט עדעלשטאַט אויך גענומען דעם שטאָף פֿאַר זיין דערציילונג „געלט און לעבן", וואו ער שילדערט די נקמה פֿון אַ מאַן פֿאַר דעם טויט פֿון זיין יונגער פֿרוי, וועלכע איז געשטאָרבן איבער דעם, וואָס זי האָט ניט געקראָגן קיין מעדיצינישע הילף פֿון אומבאַרעמהערציקע דאָקטוירים.

דער ראָמאַנטישער כאַראַקטער פֿון עדעלשטאַטס פּראָזע-דיכטונג איז באַזונדערס בולט אין זיין פּאָפּולערער דערציילונג „די באַמערקע" (אָרומשלעפּערקע), וואָס איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש. אַן ענלעך בילד איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַלבערט פּאַרסאָנס אַנאַרכיסטישן וואָכנבלאַט „אַלאַרם" פֿונעם 13טן יוני 1885, וועלכס עדעלשטאַט פֿלעגט לייענען. דאָס איז געווען אַ פֿאַרצייכענונג פֿון May Huntley (מיי האַנטלי) מיטן נאָמען Mary Smith, One Story From Many—The Trials and Hardships of a Working Girl („מערי סמיט, איין געשיכטע פֿון אַ סך — נסיונות און פּלאָגענישן פֿון אַן אַרבעט-מיידל"), וואו עס ווערט געשילדערט אַ בילד פֿון אַ געריכט-הויז אין שיקאַגאָ: אַ מיידל ווערט אָנגעקלאָגט פֿאַר „שיכּרות און אויסגעלאַסנקייט". אַ פּאָליציאַנט דערציילט, אַז ער האָט זי געטראָפֿן אין גאַס נאָך האַלבער נאַכט, לאַכנדיק, זינגענדיק און וויינענדיק צוגלייך, און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אַהיים". דאָס מיידל ענטפֿערט: „כ'האָב ניט געהאַט וואו צו גיין. כ'בין געווען הונגעריק און אויסער זיך פֿאַר צרות". דער ריכטער פֿאַראורטיילט זי אויף 30 טעג געפֿענגעניש. די אויסגעמוטשעטע פֿרוי פֿאַלט אַנידער און ווערט אָפּגעפֿירט אין שפּיטאָל. די שרייבערין דערציילט דאָן, אַז די „אָרומשלעפּערקע" מערי סמיט, איז אַמאָל געווען דאָס געליבטע קינד פֿון אַ קליינשטאָטישער אַרבעטער-פֿאַמיליע. ווען דער פֿאָטער, אַ מעכאַניק, פֿאַרלירט זיין אַרבעט, אין צייט פֿון קריזיס, און אין שטוב ליידט מען נויט, קומט מערי זוכן אַרבעט אין שיקאַגאָ. זי ווערט אַ

אויבן : דוד עדעלשטאַט ; אונטן, פֿון לינקס : אַניוטאַ וואָלפֿסאָן און אַן אומבאַקאַנטע פֿרוי

קנאָפּ־לעכער־אויסנייערין (עדעלשטאַטס פאַך) אין אַ העמדער־פאַבריק. זי קריגט 50 סענט פאַר אויסנייען קנאָפּ־לעכער אין אַ טוץ העמדער (אין יעדן העמד דאַרף מען אויסנייען אַכט קנאָפּ־לעכער און אַריינניייען דריי העקלעך „וויבעלעך" און פיר קנעפּלעך). אַרבעטנדיק אָן אויפהער פון זיבן אַזייגער אינדערפרי ביז צען ביינאַכט, פלעגט מערי פאַרטיק מאַכן אַ טוץ העמדער אַ טאָג. זי וואוינט צוזאַמען מיט נאָך אַ מיידל אין אַ צוויי־דאָלערדיקן צימער און גיט אויס עפּעס מער ווי אַ דאָלער אויף איר עסן (ברויט מיט טיי); דאָס איבעריקע שיקט זי אַהיים, צו העלפן איר נויט־ליידנדיקער פאַמיליע. ווען דער פאַבריקאַנט שניידט נאָך אַרונטער אַט די קליינע שכירות, נוצט אויס דער פאָרמאַן (אויפזעער) די פאַר־צווייפלטע לאַגע פון דעם שיינעם אַרבעטער־מיידל און צווינגט זי צו פאַרקויפן אים איר לייב. דער סוף איז „שיכּרות און אויסגעלאַסנקייט".

עדעלשטאַטס „ארומשלעפּערקע" עלאַ איז ניט געווען קיין אַרבעטער־מיידל, נאָר אַ פאַרקויפערין אין אַ גרויס געשעפט. עדעלשטאַט מאָלט מיט שיינע פאַרבן איר קינדהייט און יוגנט, ער דערמאָנט אָבער ניט די באַ־דינגונגען, ביי וועלכע זי אַרבעט און וואָס פאַראַ שכירות זי קריגט. דאָך איז קלאָר, אַז זי פאַרדינט גענוג פאַר זיך און פאַר איר מוטער דער אלמנה, מיט וועמען זי וואוינט צוזאַמען. נאָר איר שיינקייט, וואָס „ציט צו אַ סך קונים" פאַר איר באַלעבאָס, ציט אויך צו די אויפמערקזאַמקייט פון דעם עלטסטן קאָמי. ווען זי גיט ניט נאָך זיין וואונטש, מאַכט ער אויף איר אַ בלבול אין גנבה. זי ווערט פאַראורטיילט צו אַ האַלב יאָר טורמע. ווען זי זיצט אָפּ איר טערמין, איז די מוטער „פאַר צרות קראַנק און האַלב־וואַנזיניק". עלאַ קריגט ניט קיין אַרבעט. אַ רייכער יונגערמאַן נעמט זיך פאַר איר אָן... „איר איינציקער פריינט און רעטער" פאַרבייט זי אָבער נאָך אַ געוויסער צייט אויף אָן אַנדערער, און לאָזט זי איבער „אָרעם מיט אַ קינד אויף די הענט"... די נויט צווינגט זי צו „האַנדלען מיט איר שיינקייט". און כּדי צו „פאַרטויבן אין זיך די גיפטיקע שטימע פון איר קראַנקן געוויסן, האָט זי אָנגעהויבן טרינקען". דער סוף איז — אין „איין יאָר איז זי געוואָרן אַלט און גרוי", אַן אַרומשלעפּערקע, וואָס „פאַרשמירטע האַלב־נאַקעטע קינדער שלעפּן זי פאַר אירע צעריסענע קליידער און וואַרפן אין איר שמוץ און שטיינער".

פאַרגלייכט מען די „שיכּורע און אויסגעלאַסענע" מערי סמיט פון דער סקיצע אין „אַלאַרם" מיט עדעלשטאַטס „באַמערקע" עלאַ, אַזוי זעט מען אין דער ערשטער אַ רעאַלן טיפּ, געשילדערט אין די כאַראַקטע־ריסטישע פאַרהעלטענישן פון דער קאַפּיטאַליסטישער גרויסשטאָט, בעת

די צווייטע איז אַ ראָמאַנטישע פיגור, אָפּגעריסן פון צייט און אָרט. ניט געקוקט אָבער אויף דער ניט־רעאַלקייט פון עדעלשטאַטס פּערסאָנאַזשן (זיינע אַנדערע פּרויען־געשטאַלטן, אַ חוץ ווערא, זיינען נאָך ווייניקער רעאַל פון זיין „באַמערקע"), מאַכן זיינע דערציילונגען און בילדער אַ טיפן איינדרוק מיט זייערע פאַרשיידנאַרטיקע שפּאַנענדיקע סוזשעטן און מיט דער אויפריכטיקער סימפּאַטיע צו אַלע דערנידעריקטע און ליידנדיקע פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דער טוץ דערציילונגען און בילדער, וואָס עדעלשטאַט (ניט האָבנדיק פאַר זיך קיין שום מוסטער פון אַ יידישער פּראָזע־ליטעראַטור אין אַמעריקע) האָט אָנגעשריבן אין פאַר־לויף פון עטלעכע חדשים (בעת ער איז נאָך דערצו געווען שטאַרק באַ־שעפטיקט אַלס רעדאַקטאָר און פּאַרטיי־טוער און האָט אין דער זעלביקער צייט פאַרפאַסט אַ היפּשע צאָל לידער און פּובליציסטישע אַרטיקלען) — לאָזט ניט איבער קיין צווייפל, אַז ער האָט פאַרמאָגט די פעיאיקייטן פון אַ פּראָדוקטיוון דערציילער און וואָלט זיך געקאָנט אַנטוויקלען אין אַ באַדייטנדיקן פּראָזאאיקער.

*

איבער אַ דריטל פון דוד עדעלשטאַטס פּופצן פּראָזע־שריפטן פאַר־נעמען זיך מיט זיינע אייגענע איבערלעבונגען: „ווערא" שילדערט זיין יוגנט אין קאַלוגע, „צווישן ניו־יאָרקער ראַדיקאַלן" — זיין אַנטוישונג פון ניו־יאָרק; „דער ערשטער שטראַל" — זיין ערשטן אַרויסטריט ווי אַ יידישער אַרבעטער־דיכטער; „אַ רעדאַקטאָרס חלום" און „מוזיק" — זיינע איבערלעבונגען אַלס רעדאַקטאָר פון „פאַ"ש", איידער ער ווערט קראַנק; „אַ בריוו פון אַ זעלבסטמערדער", געשריבן אינעם שאָטן פון טויט אין דענווער.

אין שאָטן פון טויט רעווידירט עדעלשטאַט (רעדנדיק פאַרן זעלבסט־מערדער) זיין פריערדיקע ראָמאַנטיק. ער דערקלערט זיך פאַר „אַ גאַנץ אַנדער מענטש", ווי פריער. „אַמאָל האָט ער זיך געבוקט פאַר דער נאַ־טור, ווי פאַר אַ הייליקער געטין"; נאָר „איצט" קוקט ער אויף איר, ווי אויף אַן „אַלטע אויסגעפּוצטע קאָקעטקע", „ווי אויף אַ גלענצנדער פּראָסטיטוטקע, וועלכע גיט זיך אָפּ בלויז דעם רייכן" —

ווער געניסט די שיינהייט פון דער נאַטור? ווער קוויקט זיך מיט איר ווײַן? ווער איז גליקלעך אויף איר בלומענברוסט? דער רייכער, דער, וואָס קאָן באַצאָלן. דעם אָרעמאַן, דעם עלנטן, צערייצט זי נאָר מיט אירע שיינהייטן.

נאָר באַלד כאַפּט זיך עדעלשטאַט, אַז ער רעדט נאָך אַלץ וועגן דער נאַטור ווי אַמאָל, — „אַקוראַט, ווי זי וואָלט געקאָנט פֿילן, דענקען". ער האָט זיך, זאָגט ער, „אַזוי פֿיל אָנגעלעזן און אָנגעהערט פֿון דער היי־ליקער ׳מוטער נאַטור׳", אַז ער האָט „זי תּמיד באַטראַכט פֿאַר עטוואָס מענטשלעכעס, פֿילענדעס", אָבער —

הייליקע מוטער־נאַטור! ניין! אַ מוטער וואָלט ניט געשיינט אַזוי פֿריילעך און פּרעכטיק מיט טויזנטע שטערן, וואָלט זיך ניט אויסגע־פּוצט אין אַ בלויען בלומען־קלייד, ווען איר קינד געזעגנט זיך דאָס לעצטע מאָל מיט איר! — — — יאָ, אויב די נאַטור איז אונדזער מוטער, איז דאָס אַ מוטער, וועלכע ברענגט אום אירע בעסטע קינדער, די, וועלכע האָבן נאָך אַ געוויסן, וועלכע טראָגן נאָך אין האַרצן אַ פֿונק פֿון מענטשן־ליבע און גערעכטיקייט; זי ברענגט זיי אום מיט אַ שטאָלצן שמייכל אויף איר הימלשן געזיכט און באַגלייט זיי צום קבֿר מיט פֿויגל־געזאַנג און זונען־שטראַלן! (זע קאַפּיטל 20).

עדעלשטאַט אַנאַליזירט אויך זיין ליבע צו פֿרויען, און ער קומט צום אויספֿיר, אַז ער האָט, אייגנטלעך, קיינמאָל ניט געליבט קיין פֿרוי, נאָר „געטרוימט פֿון ראָמאַנטישער ריטערלעכער ליבע". ער האָט זיך „פֿאָר־געשטעלט די פֿרוי אַלס באַצויבערנדן אידעאַל, אַלס די ריינסטע פּערל פֿון שיינהייט, צערטלעכקייט, הומאַניטעט". ווען ער איז אָבער מיט זיי נעענטער באַקאַנט געוואָרן, האָט ער אין זיי ניט געפֿונען קיין אידעאַל. זיי, זאָגט ער, „האָט מער אינטערעסירט צו וויסן, וויפֿל איך „פֿאַרדין, איידער צו וועלכער אידייע איך דין..."

22

אין דענווער, קאָלאָראַדאָ

אין האַרבסט 1891 פֿילט זיך שוין אין דער „פֿאַ"ש", אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט איר רעדאַקטאָר דוד עדעלשטאַט. סוף סעפּטעמבער הערט ער אויף שרייבן אַרטיקלען.[193] באַלד הערן אויך אויף זיך דרוקן נייע לידער פֿון זיין פּעדער.[194] אַנשטאָט דעם, דרוקט איבער די „פֿאַ"ש" — אויפֿן פֿאַר־לאַנג פֿון פּובליקום" — עדעלשטאַטס אַן אַלט ליד „דער שניידער" („וואַר־הייט", 5טן אַפּריל 1889). זי הויבט אויך אָן איבערדרוקן לידער און פּראָזע פֿון מאָריס ווינטשעווסקי („אַ וואונטש", „צום אַרבעטער" און „צעשלאָגענע

גערדאַנקען פֿון אַ משוגענעם פֿילאָזאָף" — איבערגעדרוקט פֿון דער סאָציאַ־ליסטישער „פֿרייע וועלט"). דעם 23טן אָקטאָבער דערשיינט אין דער „פֿאָ"ש" אַ הילף־רוף פֿאַר דוד עדעלשטאַט, אונטערגעשריבן פֿון י. קאָפּע־לאָוון. אין אָט דעם הילף־רוף ווערט אָנגעוויזן, אַז „דוד עדעלשטאַט האָט אָפּגעגעבן אַלץ — צייט, מי, געזונט און לעבן פֿאַר די אונטערדריקטע אַרבעטער־מאַסן. יעצט ליגט דיזער לייב שווער פֿאַרוואונדעט. ער איז געבליבן יעצט ליגן שוואַך, מאַכטלאָז, אײַנגאַנצן צעבראָכן. ליגן און וואַרטן ביז די טרויעריקע ענדע וועט קומען".

עדעלשטאַטס פֿריינט דערוויסן זיך וועגן זיין געפֿערלעכן צושטאַנד דורך אַ צופֿאַל. יאָהאַן מאָסט איז אין 1891 געזעסן אין דער באַוואוסטער אינדזל־טורמע אויף „בלעקוועלס איילאַנד". אין האַרבסט פֿון זעלביקן יאָר איז עדעלשטאַט געפֿאָרן אַהין, אים באַזוכן. פֿאַרנדיק מיט דער אָפּע־נער שיף אין אַ נאַסן, ווינטיקן טאָג, האָט זיך עדעלשטאַט שטאַרק צו־געקילט און געמוזט אָפּגעשיקט ווערן אין אַ שפּיטאָל. ביי אָט דער גע־לעגנהייט איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ער איז קראַנק אויף טובער־קולאָז. זיינער אַ חבר, אַ. רודאַש, פֿירט אים אָפּ אַהיים קיין סינסינעטי.[195] גלייכצייטיק הויבן אָן זיינע חברים זאַמלען אַ פֿאָנד אויף צו שיקן אים קיין דענוועער (קאָלאָראַדאָ), וואו דער קלימאַט איז גינסטיק פֿאַר לונגען־קראַנקע.

אין אַ בריוו פֿון זיין סינסינעטער היים, דאַטירט דעם 27טן אָקטאָבער 1891, שרייבט עדעלשטאַט, אַז אין עטלעכע שעה אַרום פֿאָרט ער אָפּ קיין דענוועער, קאָלאָראַדאָ —: „דענקענדיק וועגן מיין שווערער לאַגע, קומען מיר אויפֿן זינען די לעצטע טרויעריקע עריגנישן [פּאַסירונגען] פֿון מיין לעבן און ליידן. עס שוועבן די געזיכטער פֿון מיינע לאַנג־באַ־קאַנטע און אומבאַקאַנטע פֿריינט. און איך קען זיך ניט איינהאַלטן אום ניט צו זאָגן אַן אָפּשייד־וואָרט, וועלכעס רייסט זיך איצט אַרויס פֿון מיין קראַנקער ברוסט. צו וואָס זאָל איך פֿאַרבאָרגן מיין שוואַכע, סענ־טימענטאַלע פֿילייכט, קינדערשע נאַטור פֿון אייך, מיינע פֿריינט?"

עדעלשטאַט דריקט אויס זיין אָנערקענונג פֿאַר דער הילף, וואָס עס ווערט אים געגעבן פֿון די, וואָס האָבן „טויזנטער זאָרגן און שמערצן" פֿון זייער „אַלטעגלעכן פּראָלעטאַרישן לעבן". דאָס וועקט אין אים אויף, זאָגט ער, אויפֿדאָסניי זיין „שטאָלצע מוט", און ער פֿילט, אַז „די וואַרעמע האַנט", וועלכע העלפֿט אים אין זיין איצטיקער נויט, איז „אַ וואַרעמע ברידערלעכע האַנט, — אַ האַנט, וועלכע איז ניט פֿאַרגיפֿטעט מיט דעם ביטערן גיפֿט פֿון הייניקער וואוילטעטיקייט"... ער וויל אויך האָפֿן,

אַז די, וואָס העלפֿן, האָבן מער אין זינען די „זאַך", צו וועלכער ער האָט „טריי געדינט", ווי זיין „אייגענע פּערזאָן, וועלכע איז ניט ערגער און ניט בעסער, ווי יעדער איינער פֿון די ליידנדע פּראָלעטאַריער פֿון דער וועלט". ער דערציילט אויך, אַז ער האָט געהערט פֿון די פּאַרלוימדונגען קעגן אים, — אַז ער לעבט אויפֿן חשבון פֿון דער באַוועגונג און קריגט איצט אַ „לוסטרייזע קיין קאַלאַראַדאָ"... עדעלשטאַט ענדיקט זיין בריוו מיט דער האָפֿענונג „זיך אינגיכן צו ערהוילן" [בעסערן] און ווידער „מיט נייער קראַפֿט און מוט זיך נעמען" צו זיין „הייליקער אַרבעט", וועלכע איז דער „איינציקער לעבנסגליק אין היינטיקער טרערן־וועלט".

די געשאַפֿענע הילף־מיטלען זיינען געווען באַגרענעצט. עס האָבן דערשיינט אויפֿרופֿן נאָך אויפֿרופֿן צו די אַרבעטער־מאַסן, זיי זאָלן אויס־פֿילן זייער פֿליכט צו זייער קראַנקן „פֿאָלק־דיכטער". ווי קליין ס'איז ניט געווען די סומע, וואָס דער אונטערשטיצונג־קאָמיטעט האָט פֿאַר אים גע־זאַמלט, האָט דאָך עדעלשטאַט אין דעם איינגעזען ליבע צו אים פֿון די מאַסן, וואָס אין אַזוינע שווערע ציטן שפּאָרן זיי אָפּ פֿון זיך און העלפֿן זייער דיכטער. ער האָט אויך געהאַט באַפֿרידיקונג פֿון דעם, וואָס כּדי צו שאַפֿן פֿאַר אים הילף־מיטלען, — האָט מען געגרייט צום דרוק אַ זאַמל־בוך פֿון זיינע לידער.[106]

אין אָנהויב נאָוועמבער 1891 קומט אָן דוד עדעלשטאַט אין דענווער, צוזאַמען מיט זיין טרייער שוועסטער סאָניע, וואָס גיט אַכטונג אויף זיין געזונט. ווי נאָר ער אָרדנט זיך איין אין אַן „אָרעם צימער" מיט אַ „צאַנקנדן לעמפּל", הויבט ער ווידער אָן שרייבן לידער. אין זיין ערשטן ליד „דער 11טער אין דער פֿרעמד", דריקט ער אויס זיין צער, וואָס ער וועט ניט קאָנען בייזיין, ווי אַלע יאָר, ביי דער פֿייערונג פֿון דעם יאָרצייט (11טן נאָוועמבער) פֿון די שיקאַגער מאַרטירערס, נאָר וועט מוזן „פֿאַרברענגען" די „בלוטיקע נאַכט" אין אַן „אָרעם צימער, פֿאַר דעם צאַנקנדן לעמפּל". ווען ער דערוויסט זיך שפּעטער (דעם 15טן נאָוועמבער), אַז אין דענווער איז פֿאַראַן אַ ראַדיקאַלער ענגלישער עלעמענט, וואָס פֿייערט דעם אָנדענק פֿון זיינע באַליבטע פֿרייהייט־העלדן, שרייבט עדעלשטאַט וועגן דעם אַ בריוו צו דער „פֿאַ"ש" (אַן אָנוואורף צו אַזאַ בריוו געפֿינט זיך צווישן זיינע איבערגעבליבענע מאַנוסקריפּטן).

עדעלשטאַטס פֿאַמיליע איז געווען צו אָרעם, כּדי אויסצוהאַלטן אים אין דענווער. זיינע חברים אין ניו־יאָרק האָבן דעריבער געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו שאַפֿן מיטלען פֿאַר זיין עקזיסטענץ. זיי האָבן דורכ־געפֿירט אַ טעאַטער־פֿאָרשטעלונג, פֿאַרקויפֿט זיין בילד, געזאַמלט אָבאָ־

נעמענטן אויף זיין לידער־בוך אאז"וו. ס'איז אָבער אַלץ ניט געווען געגוג. האָט זיין יונגע שוועסטער שווער געאַרבעט, געהאַלטן קוואַרטיראַנטן, „און נאָר אַדאַנק איר — שרייבט עדעלשטאַט צו י. קאָפּעלאָוון— זיינען מיר געווען אימשטאַנד אויסמיידן די נויט, ווען אייער הילף פּלעגט פֿאַר־שפּעטיקן".

ניט געקוקט אויף זיין שוואַכן געזונט און זיין נאָכאַנאַנדיקן הוסטן,[197] האָט עדעלשטאַט פֿיל געשריבן אין דענוועט. אַחוץ זיינע לידער, וואָס ער האָט געדרוקט צוערשט אין דער „פֿאָ"ש"[198] און נאָכדעם ווי זי איז אונ־טערגעגאַנגען (יוני, 1892), אין „אַרבעטער־פֿריינד", האָט עדעלשטאַט אויך איבערגעלאָזט אַ געוויסע צאָל שריפֿטן (פּאָעזיע און פּראָזע) אין מאַנוסקריפּט — צווישן זיי אויך אַ ריי ניט־פֿאַרענדיקטע זאַכן, צ"ב „דער טאָג־בוך פֿון אַ נאַר" (פֿעליעטאָן), „די קרייצער סאָנאַטע" (אַ קריטיק אין עטלעכע וואַריאַנטן וועגן טאָלסטאָיס בוך מיט אָט דעם נאָמען) אד"גל. לויט זיין שוועסטער, האָט ער אין דענוועט אויך פֿאַרפֿאַסט זיין אויטאָ־ביאָגראַפֿישע דערציילונג „ווערא" און אַ גאַנצע ריי לידער, וואָס זיינען אַריין אין זיינע „שריפֿטן" (לאָנדאָן, 1909) און אין זיינע „געקליבענע ווערק" (מאָסקווע, 1935).

צווישן זיינע דענוועטער מאַנוסקריפּטן געפֿינט זיך אויך אַ ריי וואַריאַנטן פֿון אַ פֿאָררעדע צו זיין ערשטער לידער־זאַמלונג. אין אַ בריוו צו קאָ־פּעלאָוון פֿונעם 17טן דעצעמבער 1891 פֿרעגט אָן עדעלשטאַט, צי ער (קאָפּעלאָוו) האָט איבערגעשריבן די פֿאָררעדע, און אויב יאָ, זאָל ער זי אים צושיקן. פֿון דעם בריוו איז אָבער ניט קלאָר, צי ער האָט דערמיט געמיינט די פֿאָררעדע, וואָס עדעלשטאַט האָט אַליין געשריבן, אָדער אַן אַנדערע, ספּעציעל פֿאַרפֿאַסט פֿון קאָפּעלאָוון. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר דאָס לידער־ביכל „פֿאָלקס־געדיכטע פֿון ד. עדעלשטאַט" איז דערשינען (אין יאַנואַר 1892) אָן אַ פֿאָררעדע. אַנשטאָט דעם, ווערט דאָרט געגעבן דאָס פֿאָלגנדיקע געדיכט פֿון שעלי[199] (אָן דעם נאָמען פֿון איבערזעצער):

אוּן דיזע ווערטער ווען ווערן
אַ דאָנער־פֿלוך, וואָס וועט זיך הערן
אין יעדעם הערץ, אין יעדער ברוסט...

אויף, ווי לייבן נאָך דעם שלאָף;
מענטשן, מענער, אויף צום רוף!
טרייסלט אָפּ די שווערע קייטן,

לאָזט זיך ניט מער פֿון הערשער טרעטן,
פֿרייהייט איז דאָס ענדע־ציל;
זיי זיינען ווייניק — איר זייט פֿיל.

אין זיין ניט־געדרוקטער פֿאָררעדע דערקלערט עדעלשטאַט:

מיינע לידער זיינען געווידמעט אויסשליסלעך דעם אַרבעטער־פּראָ־לעטאַריאַט. דער מענטש, וועלכער זוכט אין פּאָעזיע די הייליקע האַרפֿע פֿון אַ האָמער, די קלאַסישע שיינהייט פֿון אַ דאַנטע, מעג מיינע לידער ניט לעזן. ער וועט אין זיי ניט געפֿינען די עלעגאַנטע קינעט.[200] מיינע לידער ווארן געבאָרן אין דער פֿינצטערער וועלט פֿון שקלאַפֿעריי, זיי האָט געשריבן אַ שקלאַף, וועלכער האָט גענומען זיינע באַגייסטערונגען אין קאַמף קעגן שקלאַפֿעריי.

אין אַ צווייטן וואַריאַנט דריקט זיך אויס עדעלשטאַט, אַז ער האָט זיינע לידער צום ערשטן מאָל דערפֿילט אין זיין האַרצן, אין דעם „פֿינצטערן קערקער פֿון לוין־שקלאַפֿעריי״, און זיי אויפֿגעשריבן אין זיין זכרון מיט די „גליענדע טרערן״ פֿון די „בלאַסע נידערגעזונקענע קנעכט״, וועלכע זיינען געזעסן אַרום אים. ער מאַכט דעם אויספֿיר: „מ י י ן מ ו ז ע א י ז אַ פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע מ ו ז ע״. דאָך מאַטערט אים דער געדאַנק, צי „וועלן די ליידנדע פּראָלעטאַריער דערקענען זייערע אייגענע טרערן? זייער אייגענע ברענענדיקע וואונד? וועלן זיי דערקענען די טרויער־מוזיק פֿון זייערע הערצרייסנדע זיפֿצן און קרעכצן״ — אָדער „פֿאַרבלענדט פֿון אומוויסנהייט, נידערגעוואָרפֿן דורך נויט צו די פֿיס פֿון גאָט מאַמאָן״, וועלן זיי זיך אָפּקערן פֿון זיינע „גייסטיקע פּראָלעטאַרישע קינדער״, ווי פֿון „פֿרעמדע״, און „וועלן זיי פֿרעך אָפּשטופֿן מיט דער האַרטער שקלאַפֿן־האַנט אַלס היימלאָזע, ניט געבעטענע פֿרעמדלינגע!״

דערביי מאַכט עדעלשטאַט אַ דערקלערונג, וואָס קלינגט גאַנץ היינט־צייטיק. ער שרייבט:

איך דענק ניט, אַז די פֿרייהייט פֿון אַ דיכטער באַשטייט אין פּרינ־ציפּלאָזיקייט. איך דענק ניט, אַז זיין האַרפֿע דאַרף זיין אַ ווינטמיל, וועלכע זאָל פֿאָלגן אימער נור נאָך דעם פּוסטן ווינט. דער דיכטער דאַרף פֿריער פֿאַר אַלץ זיין אַ מענטש, און יעדער מענטש אין אונ־דזער צייט, ווען ער איז ניט גייסטיק קראַנק, מוז צעטיילן מיט זיינע מיטמענטשן דעם אָדער יענעם אידעאַל פֿון זיין צייט. אַלס אַ דיכטער דאַרף זיין זיין הערץ מיט אַלע ליידנדע, אַלס אַ מענטש מוז ער קעמפֿן פֿאַר דיזע ליידנדע. זיין פֿרייהייט דאַרף באַשטיין אין דעם, וואָס ער קעמפֿט פֿאַר דעם פֿרייען גייסט, פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון די פֿאַר־שקלאַפֿטע, און ניט אין דעם, וואָס ער וועט באַזינגען פֿריי יעדע דומ־הייט, יעדע שמוץ, יעדן היפּאָקריט...

און פּונקט ווי אין זיין געזונט־צושטאַנד, אַזוי אויך קראַנקערהייט האָט עדעלשטאַט געלעבט מיט דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אין די בריוו צו זיינע חברים האַלט ער כסדר אין איין נאָכפֿרעגן אויף דער באַוועגונג אין זייער שטאָט. ער שיקט אויך צו אַ בריוו דורך קאָפּעלאָוון צו דער אַנאַרכיסטישער קאָנווענשאָן, אין וועלכן ער שלאָגט פֿאָר ניט אָנצורופֿן מער זייער צייטונג „אומפּאַרטייאישע״, ווען זי איז שוין ניט מער אַזאַ... שפּעטער, ווען די „פֿאַ״ש״ גייט אונטער, לאָזט ער אַרויס אויפֿרופֿן צו זיינע חברים, זיי זאָלן זיך אָנשטרענגען זי ווידער אויפֿצולעבן. אין זיין לעצטן בריוו (אַ פּאָר טעג פֿאַרן טויט) בעט ער זיך, מען זאָל אים שרייבן — „איבערהויפּט איבער די באַוועגונג״...

23

די לעצטע טעג

די קאָלאָראַדער באַרג־לופֿט האָט דעם קראַנקן דיכטער ניט געגעבן די דערוואַרטע רעזולטאַטן. אין זיינעם אַ בריוו פֿון 25טן דעצעמבער 1891, צו ה. ווײַנבערג אין פֿילאַדעלפֿיע, שרייבט עדעלשטאַט, אַז זיין „געזונט איז נאָך אַלץ ניט אַמבעסטן״. ער „הוסט און פֿילט זיך שוואַך״... „אין דענווער זיינען איצט גרויסע פֿרעסט״. ער „מוז זיצן אַ גאַנצן טאָג אין רום״ (צימער), און דאָס ווירקט „ניט גוט״ אויף זיין געזונט. „אין ניו־יאָרק איז יעצט זייער אַ לעבעדיקע צייט״, און ער וואָלט „גערן זיין יעצט אויף דער קאָנווענשאָן צווישן די גענאָסן, אָבער מען קען זיך ניט העלפֿן, און ביז אַ צייט מוז מען נאָך בלייבן ביי דער טויטער דענווער״.

צוויי חדשים שפּעטער (20טן פֿעברואַר) שרייבט ער צו דעם זעלביקן ה. ווײַנבערג: „איך האָב אינען [אייך] ביז יעצט ניט געשריבן, ווייל איך האָב געפֿילט זייער שלים [ניט גוט] אין מיין געזונטהייט. דאָך איצט פֿיל איך עטוואָס בעסער און האָף זיך אין דער פֿרילינג און אין זומער צו ער־הוילן פֿון מיין קראַנקהייט״. אויך זיין מאַטעריעלע לאַגע איז „ניט אַמ־בעסטן״, כאָטש ניט אַזוי שלעכט, „ווי ביי יענע טויזנטע, וועלכע האָבן קיין ברויט און קיין פֿלייש״. מער ווי אַלץ פּייניקט אים אָבער דאָס „לעבן אָן טעטיקייט, אָן פֿריינט, ווייט פֿון דער לעבעדיקער וועלט״. ער דערוואַרט דערפֿאָר מיט אומגעדולד די שעה, ווען ער וועט ווידער זיין אימשטאַנד צו

„לעבן און אַרבעטן פֿאַר דער איינציקער זאַך, וועלכע איז נאָך געבליבן הייליק אין דיזער שמוציקער, העסלעכער געזעלשאַפֿט".[201]

ענלעכע געפֿילן דריקט ער אויס אין זיינע בריוו צו דער פֿאַמיליע אין סינסינעטי. דעם 19טן מערץ שרייבט ער צו דער פֿאַמיליע, אַז ער און סאָניע „ציילן די טעג און חדשים", ווען זיי „וועלן שוין פֿאָרן געזונטע אויף צוריק", און זיי „מאָלן זיך בילדער פֿון דער צוקונפֿטיקער פֿרייד". נאָך שטאַרקער ווערט זיין האָפֿענונג אין מאָנאַט מאַי. ער שרייבט: „מיר האָבן אַ ביסל אָפּגעלעבט, און די האָפֿענונג אויף אַ גיכן צוריקקומען אַהיים האָט ווידער זיך אָנגעהויבן שלאָגן שטאַרקער אין אונדזערע הערצער". דערביי באַמערקט ער, אַז ער האָט „אינערגעץ זיך ניט געפֿילט אַזוי פֿרעמד, ווי אין אָט דעם דענווער". זיינע דאָרטיקע באַקאַנטע האָבן גאָר אַנדערע אינטערעסן, און ס'קומט אויס אָפֿטמאָל שעהנווייז אויסצוהערן נאַרישקייטן, וואָס דו האָסט צו זיי קיין שום אינטערעס ניט". נאָר פֿאָרן צוריק קיין סינסינעטי איז אויך קיין פּלאַן ניט. ער און סאָניע האָבן פֿריער געפּלאַנט צו „פֿאָרן אין אָקטאָבער אַהיים", נאָר ווען זיי האָבן גענומען טיפֿער זיך אַריינטראַכטן אין דעם, האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע: „וואוהין פֿאָרן?" סינסינעטי באַטראַכט ער פֿאַר אַ „טורמע". איר קלימאַט — „פּאַסקודסטווע, אַ רויך, וואָס צעפֿרעסט די לונגען". אויך איר געזעלשאַפֿט האַלט ער פֿאַר „פּאַסקודסטווע"... „מיט פֿינף יאָר צוריק — שרייבט ער — ווען איך בין געווען געזונט און גליקלעך, האָב איך דאָרט געהאַט פֿריינט, נאָר איצט זיינען אַזעלכע ניטאָ".

נאָך וויניקער געפֿעלט אים דער פּלאַן צוריקצופֿאָרן קיין ניו־יאָרק. אין אַ בריוו פֿון מיטן זומער 1892, צו זיינעם אַ ניו־יאָרקער חבר, שרייבט עדעלשטאַט, אַז ער איז „פֿולשטענדיק זיכער", ווען ער קומט קיין ניו־יאָרק, לעבט ווידער אויף די „פֿאַ"ש"; קאָפּעלאָוו וואָלט „געאַרבעט און גע־זידלט זיך און געהאָלפֿן דער זאַך. אי דער פֿאַרשלאָפֿענער קאַטץ[202] וואָלט אויפֿגעוואַכט, אי די דאָקטוירים מיט די אַדוואָקאַטן וואָלטן זיך ווידער גענומען פֿאַר דער אַלטער פֿאַך". נאָר די צרה איז — קומט ער צום אויס־פֿיר — וואָס „דאָס ניו־יאָרקער לעבן מיט זיינע שלאָפֿלאָזע נעכט און מיט דער שווערער אינטעלעקטועלער אַרבעט איז ניט פֿאַר מיינע כּוחות — — — אָנשטאָט אַ טוער, וועל איך בלייבן אַן אינוואַליד — — — אויב קומען צו פֿאָרן צו אייך, איז ניט אויף שלאָפֿן, נאָר אויף אַרבעטן, און דאָס פֿאָדערט אַ ביסל נאָך אויסוואָרטן".

דער באַוואוסטזיין, אַז איבער זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד איז ער אָנמעכטיק צו אַרבעטן פֿאַר זיין אידעאַל, רופֿט אַרויס ביי עדעלשטאַטן

אַ נאַטירלעכע רעאַקציע קעגן אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר דער אידייע. ווייניקסטנס דריקט ער זיך אַזוי אויס בנוגע זיין שוועסטער סאָניע. אין אַ בריוו אַהיים פונעם זעלביקן זומער שרייבט עדעלשטאַט:

איך גלויב איצטער נאָר אין איין העלדישקייט. דאָס איז, דאָס קאָנען אָפּהיטן וואָס מער כּוחות צום לעבן און צום קאַמף פאַרן אייגענעם גליק. העלדישקייט, וואָס פירט צו פריצייטיקער צעלייגונג, אַלטקייט און צעבראָכנקייט, איז ניט קיין העלדישקייט, נאָר נאַריש־קייט. און דאָס גלויבן אין זעלבסטקרייציגונג פּאַסט נאָר פאַר געצנדינער, ניט [פאַר] געזונט־פאַרשטענדיקע מענטשן. איך וויל בעסער זען סאָ־ניען אַלס געזונטע געוויינלעכע פרוי, איידער אַלס שוואַכע און ניט געענוג געזונטע העלדין.

אין זיין לעצטן געראַנגל מיטן טויט זוכט עדעלשטאַט זיך צו ראַטעווען מיט דער הילף פון זיין מאַמען. ער וויל, אַז זיין מוטער און זיין ברודער אהרן זאָלן קומען קיין דענווער און דאָרט עפענען אַ פּריוואַטן רעסטאָראַן. בעת די זומערדיקע היצן איז זיין אַפּעטיט אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. „איך וואָלט געגעסן עפּעס אַזוינס — שרייבט ער — וואָס סע עקזיסטירט מסתּמא ניט". און אין בריוו פון 26טן אויגוסט גיט ער צו: "זאָל די מאַמע זיין דאָ; קיינער קאָן ניט צוטראַכטן קיין בעסערס, איידער אַ מאַמע פאַר איר קינד"...

עדעלשטאַטס פּלאַן וועגן אַ פּריוואַטן פּאַנסיאָן אָדער רעסטאָראַן האָט געהאַט נאָך אַ מאָטיוו. ער האָט געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אויסצוקומען אָן דער שטיצע, וואָס ער פלעגט קריגן פון זיינע חברים אין ניו־יאָרק. אין זיין בריוו צו קאָפּעלאָוון, פונעם 26טן אויגוסט, שרייבט עדעלשטאַט, אַז ער באַניצט זיך מיט דער מאַטעריעלער הילף, וואָס ער קריגט דורך אים, בלויז דערפאַר, ווייל ער ווייסט, אַז די זאַך, צו וועלכער ער האָט געדינט, „איז אויך די זאַך" פון דעם „באַוואוסטזיין" און דער „שטרע־בונג" פון די, וואָס העלפן אים, און אַז נאָר דער באַגער אים צו זען „ווידער אויפן שלאַכט־פעלד" באַוועגט זיי אים צו העלפן. דאָך זיינען געווען צייטן, ווען דוד עדעלשטאַט האָט זיך געפילט דערנידעריקט פון אָט דער הילף. און אין אַזאַ מאָמענט האָט ער אָנגעשריבן זיין ליד „פרעמדעס ברויט" („אַרבעטער־פריינד", 2טן סעפּטעמבער, 1892):

אַך! ווי ביטער איז פרעמדעס ברויט,
וואָס מען וואַרפט אונדז צו אין דער נויט,
זיין יעדעס ברעקל איז ביטער ווי סם, —
ווי גליקלעך איז דער, וואָס ווייסט ניט זיין טעם.

ווי גליקלעך איז דער, וואָס קאָן אָן שאַנד
פאַרדינען זיין ברויט מיט זיין אייגענער האַנט,
ניט ווערן גראָ, בלאַס ווי דער טויט
ביי יעדער ברעקל פון פרעמדן ברויט.

*

אויך פריער פלעגט עדעלשטאַט פון צייט צו צייט שרייבן לירישע לי־דער, אין וועלכע ער פלעגט אויסדריקן זיין פערזענלעכן וויי. זינט ער איז קראַנק געוואָרן, שרייבט עדעלשטאַט מערסטנס לירישע לידער. נאָר אויך זיינע אינטימסטע פערזענלעכע געפילן זיינען אַלעמאָל ענג פאַרקניפּט מיט זיין שטאַרקן באַגער ווידער צו ווערן אַקטיוו אויפן „שלאַכט־פעלד" פונעם קלאַסנקאַמף.

זיינע לידער אינעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן זיינען מער באַאַרבעט און טיפער דורכגעטראַכט ווי די פריערדיקע. אין זיין ליד „דער פאַר־וואונדעטער אָדלער" („פאַ"ש" 1טן יאַנואַר 1892) שילדערט דוד עדעלשטאַט אַ יונגן אָדלער, וואָס ליגט פאַרוואונדעט אויף אַ פעלדזנשטיין. ער קוקט צו דער זון אַרויף, נאָר די קראַנקע פליגל הויבן ניט דעם גוף. ער צאַפּלט זיך, רייסט זיך, שילט, וויינט. ער וויל וויסן, צי ער וועט „אַמאָל ווידער קענען אומשוועבן איבער בערג און טאָל, טראָגן זיך דורך שטורעם, שטאָלץ צו זונען־שיין; צווישן פרייע אָדלער אַ פרייער אָדלער זיין", נאָר קיין ענטפער איז ניטאָ:

אָך, קיינער גיט ניט קיין ענטפער —
איינגעהילט אין שניי
שלאָפן בערג און טאָלן;
מיין שמערץ, וואָס קימערט זיי.

זיין ליד „טרערן" („אַרבייטער־פריינד", 8טן יולי 1892) פאַרענדיקט עדעלשטאַט מיט די ווערטער, אַז ער האָט „געליטן, געליטן, ביז עס זיינען געקומען שרעקלעכע מינוטן"... זיין „לעבנס־בעכער איז פול מיט גיפט און גאַל"... ער וויל פאַרגיסן טרערן, אַז ניט וועט זיין האַרץ „פאַרבלוטן". זיין „גיפט און גאַל" פילט זיך באַזונדערס אין זיין ליד „אַ ביטערער מזל", פאַרעפנטלעכט אין „אַרבעטער־פריינד" נאָך עדעלשטאַטס טויט (6טן יאַנואַר 1893). דאָס דאָזיקע ליד איז פריי איבערגעזעצט פון נעקראַסאָווס "Тяжелый Крест" („דער שווערער קרייץ") און געווידמעט מיין פריינט A. W.[203]

עדעלשטאַט שילדערט דאָרט דעם ביטערן מזל פֿון אַ יונגער פֿרוי, וועלכע ליבט און גיט אַכטונג אויף אַ האָפֿנונגסלאָזן קראַנקן. זי טאָר זיך אַפֿילו ניט באַקלאָגן, אַז זי האָט צוליב אים איר שיינקייט און יוגנט פֿאַר־לוירן. ער צעברעכט זי מיט זיין שוידערלעכן ענטפֿער, אַז פֿאַר איר זיינען נאָך דאָ פֿיל „זיסע יונגע יאָרן", און פֿאַר אים — „נאָר דעם קאַלטן קברס טיר...", אַז זי וועט „נאָך לעבן און נאָך ליבן"... אָבער צו אים „קלאַפּט שוין דער טויט אין טיר"...

פֿול מיט ביטערקייט איז אויך עדעלשטאַטס שוין פֿריער דערמאָנטע פֿרייע באַאַרבעטונג פֿון אַלבערט פּאַרסאָנס לידער (דאָרט, 24טן יולי). עדעלשטאַט רעדט דאָרט וועגן זיין קבר — „דעם טויטס שטילער געצעלט" — און וועגן די דערוואַרטע „קאַלטע מצבה־שטיינער"... (זע קאַפּיטל 20).

אין אַן אַנדערן ליד, „פֿון מיין טאָגבוך" (פֿאַרעפֿנטלעכט נאָך זיין טויט), דערקלערט עדעלשטאַט, אַז ער האָט זיינע לידער געשריבן מיט דעם בלוט פֿון זיין האַרץ, און איצט איז זיין טינטער לער — „עס איז דאָרטן קיין טראָפּן בלוט פֿאַרבליבן, קיין איינציקע הייסע טרער". אים שרעקט ניט דער טויט, נאָר דער געדאַנק צו שטאַרבן אויף אַ קראַנקן־בעט... עדעלשטאַטס לעצטער פֿאַרלאַנג איז, אַז דאָס שלאַכט־פֿעלד זאָל זיין „טהרה־ברעט" זיין. אין ליד „צום קעניג־'טויט'" (דאַטירט דענווער, 13 אָקטאָבער, דאָס הייסט פֿיר טעג פֿאַר זיין טויט) בעט זיך עדעלשטאַט ביים "קעניג־'טויט'": „איך בין נאָך יונג — — — איך וועל פּרובירן אין קאַמף זיך שטעלן אויפֿדאָסניי — — — לאָז מיך ענדיקן מיין טרוים; כ'האָב געלעבט נאָך זייער ווייניק — — — לאָז מיך ענדיקן מיין בילד!" נאָר דער טויט האָט עדעלשטאַטן ניט אָפּגעלאָזט. דער קראַנקער דיכטער זעט איין, אַז צו ענד איז זיין „לעבנס־שטורעמטאָג", זיינע „טרוימען, טרערן און געזאַנגען. עס רופֿט דער טויט. עס שלאָגט דער אָוונט־גלאָק!"[204] עדעלשטאַט פּרוווט דעמאָלט זיך איינרעדן, אַז „דום איז צו קעמפֿן קעגן דעם טויט", אַז „דאָס לעבן איז טויזנט מאָל שלימער, ווען האַס און פֿאַרלוימדונג, עלנט און נויט פֿאַרפֿאָלגן דיך אימער און אימער"; —

ווען דיין אידעאַל, דיין לעבן, דיין זיין,
וואָס פֿלעגט פֿול מיט האָפֿענונג דיר שיינען,
איז יעצט פֿאַרשטעלט מיט אַ ווילדן טאַבון
פֿון טריאומפֿירנדיקע שווינען.[205]

[פֿון עדעלשטאַטס איבערגעבליבענע, ניט געדרוקטע לידער — „אַרבייטער פֿריינד", 30טן דעצעמבער 1892].

צו די „טריאומפֿירנדיקע שווינגען" האָט דער קראַנקער פֿאַרצווייפֿלטער דיכטער געציילט ניט בלויז די עקספּלואַטאַטאָרס. ער האָט אויך פֿאַרלוירן זיין צוטרוי צו זיינע אַלטע אַנאַרכיסטישע קאַמעראַדן. דאָס באַווייזט ער אין זיין „צייט־ליד" (דאָרט, 14טן אָקטאָבער), געשריבן נאָענט פֿאַר זיין טויט. דוד עדעלשטאַט הויבט אָן זיין לעצט ליד מיט אַ געבעט צו זיין מוזע, „זיין איינציקע פֿריינדין", זי זאָל איר „קראַנקן פּאָעט העלפֿן אויפֿשטיין פֿון בעט"... „ער קאָן מער ניט שוויגן — ער קאָן מער ניט דולדן די גלייכגילטיקייט פֿון די אַמאָליקע דענקער און קעמפֿער"... „עס יובלט, עס הוליעט די רעאַקציאָן", און „זיי שלאָפֿן, זיי שנאָרכן, עס גייט זיי ניט אָן". ער בעט זיך ביי דער מוזע, זי זאָל אים — דעם „פֿאַרוואונדעטן אינוואַליד" פֿירן צו זיינע „אַלטע קאַמעראַדן" — „פֿילייכט וועלן זיינע טרערן און וואונדן דערוועקן אין זיי אַ נייעם געמיט!". נאָר באַלד דערהערט ער ווי מעפֿיסטאָפֿעלס רעדט: „גענוג שוין צו טרוימען, דו נאַרישער דיכטער! גענוג פֿאַנטאַזירן, ליג שטיל אויף דיין בעט! וואוהין ווערסטו גיין? ווער וועט דיך הערן?" יענע אַכטן בלויז „קאַריערעס, טיטולן, דיפּלאָמען, ביזנעס". עדעלשטאַט פֿאַרענדיקט זיין ליד מיט די פֿאָלגנדיקע ווערטער:

אַזוי האָט געשפּאָט דער מעפֿיסטאָפֿל...
זיין שטים איז געווען ביטער ווי גאַל,
ביטער ווי מיין פֿאַרוואָגלט לעבן,
אָן אַ פּיצעלע פֿרייד, אָן אַ ליכטיקן שטראַל.

דעם זעלביקן געדאַנק, נאָר קלאָרער, האָט עדעלשטאַט אויסגעדריקט אין בריוו פֿונעם 10טן סעפּטעמבער צו זיין חבר מיכאָעל קאָן. ער שרייבט אים, אַז די מערהייט אַנאַרכיסטישע פֿירער „באַטראַכטן די אַרבעטער־באַוועגונג אַלס אַן אינטערעסאַנטן טעאַטער־שפּיל". זיי זוכן אַלעמאָל „עפּעס נייעס, פֿרישעס, זיך אַמוזירן, זיך צו צעשטרייען. — — — אַ יונגער העלד באַגייט אַ טאַט, אַ נאָבעלע, אַ גרויסע טאַט, מיט פּולווער און בליי שיקט ער אַ דונערנדן פּראָטעסט קעגן געזעצלעכער רויבעריי און פֿאַרקנעכטונג. און אַנשטאָט אייך צו באַגייסטערן, האָט דיזע טאַט אייך נאָר אויף אַ ווײַלע אַמוזירט, אַנשטאָט אויסצוניצן דיזן העלדנאַקט פֿאַר פֿרישער אויפֿוועקונג פֿון ראַכע און צאָרן אין די הערצער פֿון אומצופֿרידענע קנעכט, פֿאַרנעמט איר זיך מיט דער קינדערשער פֿראַגע, צי בערקמאַן איז אַ העלד".[206] עדעלשטאַט לאַכט ביטער אויס די נייע לאָזונגען פֿון די אַנאַרכיסטישע פֿירער: „זיך אַוועקצולאָזן צו אַגיטירן צווישן אַמעריקאַנישן פֿאָלק", ווייל „צווישן יידן איז די גאַנצע אַרבעט אַרויסגעוואָרפֿן"... ער באַמערקט דערצו:

אהא, דאָס טעאַטער־שטיק איז אויך שוין נימאס געוואָרן. איר זוכט שוין נייס. אָך, וואָס פֿאַר אַ לעבערלעכע קאָמעדיע! גוט, איר גייט צווישן די אַמעריקאַנער, און ווער וועט פֿאַרנעמען אייער טעטיקייט צווישן דאָס יידישע פֿאָלק? די כינעזער? אַ, וואָס פֿאַר אַן אָרעמע לאָגיק. וואָס פֿאַר אַ טרויעריקע אונקאָנסעקוועניץ פֿאַר אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערן און פֿרייהייט־קעמפֿער! האָט דען די רעוואָלוציאָן אַ באַשטימטע נאַציאָנאַליטעט, אַ באַשטימטע שפּראַך? זיינען דען ניט אַלע פֿעלקער [פֿון] דער וועלט אירע קינדער און די שפּראַך פֿון אַלע אונטערדריקטע איר שפּראַך? — — — קורצזיכטיקע פֿילאָסאָפֿן! זעט איר דען ניט, אַז ווען איר געווינט דעם ייד אָדער דעם דייטש, ווערן זיי אוים יידן און אוים דייטשן, זאָנדערן מענטשן, רעוואָלוציאָנערן, קעמפֿער, וואָס בילדן אַלע איין רינג פֿון דער גרויסער קייט, וואָס וועט שמידן די מאַכט פֿון אַלע דעספּאָטן [פֿון] דער וועלט.[207]

אַז אָך און ווי וואָלט זיין צו פּראָפּאַגאַנדע, ווען די אַמעריקאַנער זאָלן אַרבעטן צווישן יידן, די יידן צווישן די אַמעריקאַנער, די כינעזער צווישן רוסן, די רוסן צווישן די איטאַליענער.[208]

אין אַן אַנדערן בריוו צו מיכאַעל קאָן שרייבט עדעלשטאַט:

איך וואָלט קיין מינוט ניט געזעסן דאָ. ווי אַ צערייצטער לייב וואָלט איך אַרויפֿגעפֿאַלן אויף די פֿאַרשלאָסענע טוערס. זיי וואָלטן מוזן אַרבעטן צוזאַמען מיט מיר, ערנסט, מוטיק און קרעפֿטיק. דאָך, איך בין שוואַך... אַט האָט מיך שוין דער שרייבן פֿאַרמאַטערט. איך מוז עס שוין אַוועקלייגן — מיין הערצלעך געליבטע פֿעדער.

און עטלעכע טעג פֿאַרן טויט שרייבט ער צו אים:

פֿריינט מיכאַעל. אַזאַ מיזעראַבלע צייט, ווי יעצט, האָב איך נאָך, דאַכט זיך, אין מיין לעבן ניט געהאַט. אַמאָל ליידט מען שמערצן פֿון זיך, אָבער מע האָט כאָטש פֿאַרגעניגן פֿון אַנדערע. מע הערט אַ גוט וואָרט, אַ פֿריינטלעכן גרוס, אַן ערמונטערנדע נייעס. יעצט איז עפּעס אומעטום שטיל. אַלעס איז אָפּגעשטאָרבן. שוין מער אַלס איין מאָנאַט ווי מען הערט פֿון קיינעם ניט. אויב איר ווייסט עפּעס, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, וואָס עס הערט זיך וועגן דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע” און איבערהויפּט איבער דער באַוועגונג, זייט אַזוי מענטשלעך און שרייבט מיר. איך גריס אייך און אַנען.

אייער דוד.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער — מאָנטיק אינדערפֿרי, דעם 17טן אָקטאָבער 1892, איז דוד עדעלשטאַט געשטאָרבן.

*

די פּאַרצוויפֿלטקייט אין די לעצטע טעג פֿון זיין לעבן האָט פֿאַר שנעלערט דוד עדעלשטאַטס טויט. די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג גייט האָס־

טיק באַרג אַראָפּ, — איר ירידה דאָקומענטירט דער אונטערגאַנג פֿון דער „פֿאַ״ש״ אין זומער 1892.[209] עס איז אַ גרויסער ספֿק, צי עדעלשטאַט וואָלט געווען אימשטאַנד צו דערהאַלטן די צייטונג ביים לעבן. אין לאָנדאָן האָט נאָך עקזיסטירט דער „אַרבעטער־פֿריינד״; אָבער אויך דאָרט האָט זיך געהאַט אָפּגעטאָן דער גלאַנץ פֿון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. דאָס, וואָס עדעלשטאַט האָט געזען אין אַמעריקע, אַז זיינע „אַלטע קאַמעראַדן״ זוכן בלויז „קאַריערעס, טיטולן, דיפּלאָמען, ביזנעס״, איז פֿאָרגעקומען אויף דער גאַנצער אַנאַרכיסטישער ליניע. די אַרבעטער־מאַסן זיינען פּאָליטיש שוין געווען אויסגעוואָקסן, און סתם רעוואָלוציאָנערע רייד האָבן זיי שוין ניט געקענט צופֿרידנשטעלן. מען האָט געדאַרפֿט אָנהויבן אָרגאַניזירן די מאַסן צו גרויסע קלאַסן־שלאַכטן. דערצו אָבער האָבן די אַנאַרכיסטן קיין ווילן ניט געהאַט. ווען די „פֿאַ״ש״ ווערט פֿונדאָסניי געגרינדעט, אין האַרבסט 1899, איז אַ טייל אַנאַרכיסטן מיט איר ניט צופֿרידן. די ניט־צופֿרידענע מיטן צו שאַרפֿן קער פֿון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אויף דער זייט פֿון דער בורזשואַזיע, האָבן באַטראַכט די „פֿאַ״ש״ (ווי איינער פֿון די דעמאָלטדיקע אַנאַרכיסטישע פֿירער י. קאָפּעלאָוו דערציילט) פֿאַר „די וועכנטלעכע אויסגאַבע פֿון ׳פֿאָרווערטס׳, נאָר אַ ביסל ערגער רעדאַקטירט״.[210]

י. קאָפּעלאָוו מיינט, אַז שולדיק איז אין דעם געווען דער רעדאַקטאָר פֿון דער צייטונג, וואָס האָט ניט געהאַט קיין באַגייסטערונג פֿאַרן אַנאַרכיסטישן אידעאַל.[211] דער אמת איז אָבער, ווי קאָפּעלאָוו אַליין דערציילט אין אַן אַנדער אָרט פֿון זיינע זכרונות, אַז „דער גייסט פֿון דער [פּיאָנערן־] אָרגאַניזאַציע האָט זיך אויסגעוועפּט — — — אַנדערע זיינען אינגאַנצן געוואָרן סקעפּטיש. קורץ, די אידעאַלן זיינען פֿאַרשוואונדן״, און אַז „די באַגייסטערונג האָט זיך אויסגעשעפּט, און די ׳פּיאָנערן׳ האָבן אויסגעהויכט די נשמה און זיינען אַראָפּ פֿון סצענע...״ —

ביי די ראַדיקאַלן האָט, מיט קליינע אויסנאַמען, דער ראַדיקאַליזם אויסגערונען. — — — סיי די געוואָרענע ביזנעסלייט און סיי די, וועלכע זיינען געוואָרן פּראָפֿעסיאָנעלע מענטשן — דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן אאַז״וו, האָבן נאָר איין זאַך אין זינען געהאַט — מאַכן אַ מאַטעריעלן דערפֿאָלג — — — אייניקע [פּראָפֿעסיאָנעלע מענטשן] האָבן נאָך לאַנג געהאַלטן זיך פֿאַר געננאָסן (האַלטן זיך נאָך אפֿשר עד־היום), אָבער דאָס האָט אַ ברעקל זיי ניט געשטערט אויסצוניצן זייער פֿריערדיקע באַוועגונגס־טעטיקייט פֿאַר אַנדערע צוועקן. די דאָקטוירים האָבן צווישן פֿריערדיקע געננאָסן געזוכט פּראַקטיק און די אַדוואָקאַטן — קליענטן. די לעצטע האָבן געזוכט די פֿריינטשאַפֿט פֿון די יוניאָנס, ספּעציעל פֿון די יוניאָן־פֿירער, און געהאַלטן אויפֿן אויג

אויך אַ פּאָליטישן דזשאַב, אויב עס זאָל זיך אונטעררוקן. — — — סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם איז געוואָרן נאָר דער אונטערשלאַק, וואָס זאָל פֿעסטער האַלטן דעם איצטיקן שײנעם בכבודיקן בגד״. הכּלל, מען איז געוואָרן 'ליטישע' מענטשן! [212]

די דאָזיקע „ליטישע מענטשן״ שטרעבן מיט אַלע כּוחות אײנצוגלי־דערן זיך אין דער ייִדישער בורזשואַזיע. די אַנאַרכיסטיש־„סאָציאַליסטי־שע״ פֿאַבריקאַנטן און פּראַצענטניקעס, ווי אויך די רײַכע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן האָבן צוערשט געשטרעבט יוצא צו זײַן פֿאַר זײער ראַדיקאַ־ליזם און „סאָציאַליזם״ דורך שטיצן די רוסישע „עסערן״, כּדי צו קאָנען נאָכדעם מיט אַ רואיק געוויסן ווײַטער עקספּלואַטירן זײערע אַרבעטער. גלײַכצײַטיק הױבן זײ אָן צו באַטײליקן זיך אין נאַציאָנאַליסטישע ייִדישע ענינים. זײ געהערן צוערשט צו די לינקע גרופּירונגען אינעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם — (פּועלי־ציון, סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן), און צו־לעצט גײען זײ איבער אין גאַנצן אין בורזשואַזן לאַגער. און וואָס שאַרפֿער עס ווערט דער קלאַסנקאַמף אין אַמעריקע, אַלץ מער ווערן די אויפֿגעקו־מענע אַמאָליקע געגנאָסן פֿון די 80—90ער יאָרן בלוטיקע שונאים פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג.

דוד עדעלשטאַטס מיטקעמפֿער האָבן זיך ביסלעכווײַז אָפּגעזאָגט פֿון אַלץ, פֿאַר וואָס ער האָט געקעמפּט. אַ טײל פֿון זײ זײַנען אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און אַנדערע זײַנען אַפֿילו אַריבער אין לאַ־גער פֿון די שונאים פֿונעם אַרבעטער־קלאַס.

*

דאָס לעבן פֿון דוד עדעלשטאַט איז געווען קורץ, טרויעריק און טראַגיש. טראַגיש ניט דערמיט, וואָס ער האָט געברענט און איז פֿאַר־ברענט געוואָרן אינעם קאַמף פֿאַר יענע צילן און אידייען, אין וועלכע ער האָט געגלויבט. טראַגיש האָט זײַן לעבן געמאַכט די אַנאַרכיסטישע אידעאָ־לאָגיע. זי האָט ניט בלויז ניט באַפֿרײַט, ניט אויסגעלײזט עדעלשטאַטן פֿון דער קלאַסישער ווידערשפּרעכלעכקייט פֿון אַ קלײנבירגערלעכן ראַדיקאַל אינעם קלעם פֿון הויך אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם, נאָר, פֿאַרקערט, — זי האָט נאָך די דאָזיקע ווידערשפּרעכלעכקייט ביז גאָר פֿאַרשאַרפֿט דורך דעם, וואָס זי האָט אים כּסדר געהאַלטן אין אַ קינסטלעכער היץ־טעמפּעראַטור. דערפֿון האָט זיך ביי עדעלשטאַטן געגנומען דער כּסדר־דיקער ריס, זײַן געבראָכנקייט; דאָס כּסדרדיקע וואַקלען זיך צווישן גלוי־ביקן פּאַטאָס און יאושדיקער געבראָכנקייט; צווישן רוף צו די מאַסן און

געפֿיל פֿון איינזאַמקייט, איזאָלירטקייט; צווישן רעאַליסטישער שילדערונג פֿון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און ראָמאַנטיש־אַבסטראַקטן בילד פֿון דער אַנקומענדיקער רעוואָלוציע.

סוביעקטיוו אַן אויפֿריכטיקער רעוואָלוציאָנער און פֿרייַנט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, איז עדעלשטאַט געשטאַנען אין דינסט פֿון דעם דעזאָר־גאַניזירנדיקן און דעזאָריענטירנדיקן אַנאַרכיזם. עדעלשטאַטס פֿאַרבינ־דונג מיט די אַרבעטער־מאַסן, זיין לעבן ווי אַ פּראָלעטאַריער האָט אַ סך געזונט בלוט אַריינגעגאָסן אין זיין שאַפֿן. דער אַנאַרכיזם האָט אָבער גע־שלעפּט דאָס דאָזיקע שאַפֿן אויף צוריק, האָט עס פֿאַרנעפּלט, געמאַכט אַבסטראַקט און מליצהדיק. אָט דאָס איז דער זינען און דער תּוך פֿון דער עדעלשטאַט־טראַגעדיע.

24

עפּילאָג

נעקראָלאָגן

נאָך ביים לעבן איז עדעלשטאַט געווען באַליבט ביי ברייטע קרייזן אַרבעטער. אַפֿילו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שרייבער, וואָס האָבן אינעם קאַמף קעגן זיין אַנאַרכיזם אויך אים פּערזענלעך ניט געשאַנעוועט, האָבן באַוואונדערט זיין ערלעכע און ריינע פּערזענלעכקייט. זיין פֿריצייטיקער טויט האָט דעריבער אַרויסגערופֿן טרויער אין אַלע אַרבעטער־קרייזן. די ניו־יאָרקער יידישע סאָציאַל־דעמאָקאַטישע „אַרבעטער צייטונג" פֿונעם 28טן אָקטאָבער 1892 האָט וועגן אים געשריבן:

> דוד עדעלשטאַט איז ביז די לעצטע מינוטן פֿון זיין לעבן געווען אַן ערנסטער און איבערגעגעבענער אַנאַרכיסט, און, אַלס אַזעלכער, האָט ער מיט אַלע קרעפֿטן געקעמפֿט קעגן אונדז, פּונקט ווי מיר האָבן געקעמפֿט קעגן זיין פּאַרטיי, — — — אָבער דיזער קאַמף איז ניט געווען איבער אייגענע אינטערעסן, זאָנדערן צוליב די אינטערעסן פֿון אַרבעטנדיקן פֿאָלק, צוליב אונדזערע פֿאַרשיידענע מיינונגען, ווי אַזוי דיזע אינטערעסן אַמבעסטן צו באַשיצן. די מיינונגען, מיט וועלכע דוד עדעלשטאַט איז געשטאָרבן, קריטיקירן מיר שאַרף; אָבער, שטאַר־בנדיק, האָט ער אין אונדז איבערגעלאָזן דעם טיפֿסטן רעספּעקט צו די טרייהייט און זעלבסט־אויפֿאָפּפֿערונג, מיט וועלכע ער האָט פֿילע

יאָרן לאַנג געקעמפֿט פֿאַר דיזע מיינונגען, אין װעלכע ער האָט ערנסט געגלויבט. װאָס באַטרעפֿט די פּערזאָן פֿון דעם פֿריצייטיק אָפּגעשטאָרבענעם פֿרייהייט־פּאָעט, קאָנען מיר זאָגן, אַז דאָס איז געװען אַ מוסטער פֿון ערלעכקייט און פֿון גייסטיקער ריינקייט — — — איינע פֿון יענע װייניקע נאַטורן, װעלכע אין דעם שמוציקן תּהום פֿון דער הײַנטיקער געזעלשאַפֿט געלינגט צו בלײַבן אָן שום פֿלעק.

אין דעם לאָנדאָנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן חודש־זשורנאַל „פֿרייע װעלט" פֿון נאָװעמבער 1892 האָט מאָריס װינטשעװסקי געשריבן „נאָך עדעלשטאַטן אַ זיפֿץ", אין װעלכן ער מאַכט דעם אויספֿיר, אַז „דוד עדעלשטאַט איז ניט טויט. ער — — — װעט לעבן, װײַל דער מענטש מוז פֿריער אָדער שפּעטער קומען צום זינען, און זיך באַפֿרײַען. ער — — — װעט לאַנג לעבן אין מענטשלעכע הערצער, אָבגלײַך [הגם] ער װעט, ליידער ניט ז'ען װי דאָס פֿאָלק װעט צעברעכן די תּפֿיסה און װעט זיך באַפֿרײַען פֿון הונגער און נויט" (ציטאַט פֿון עדעלשטאַטס ליד „מײַן לעצטע האָפֿענונג").

אין דענװער האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן באַקלאָגט עדעלשטאַטן בײַ זײַן קבר („אַרבעטער־צײַטונג", 28טן אָקטאָבער 1892). אין לאָנדאָן האָט דער ייִדישער סאָציאַליסטישער (ס"דישער) אַרבעטער־פֿאַראיין געװידמעט זײַן מיטגלידער־פֿאַרזאַמלונג פֿונעם 23טן אָקטאָבער עדעלשטאַטס אָנדענק. װינטשעװסקי איז דאָרט געװען איינער פֿון די רעדנערס. באַזונדערס האָבן עדעלשטאַטן באַװיינט זײַנע חברים פֿונעם אַנאַרכיסטישן לאַגער. אין ניו־יאָרק האָבן זיי דעם זעלביקן אָװנט, אין טאָג פֿון זײַן טויט, מאָנטיק, דעם 17טן אָקטאָבער 1892, אָפּגעהאַלטן אַ טרויער־פֿאַרזאַמלונג. עס האָבן װעגן עדעלשטאַטן גערעדט יאָהאַן מאָסט, ד"ר הלל זאָלאָטאַראָװ און משה קאַטץ. דער דראַמאַטישער פֿאַראיין „גאָלדפֿאַדען" האָט געזונגען עדעלשטאַטס לי־דער, און אַ מיטגליד פֿונעם פֿאַראיין האָט דעקלאַמירט נ. מ. באַבאַדס אַ ליד װעגן עדעלשטאַטן.[213] אויף דער לאָנדאָנער טרויער־פֿאַרזאַמלונג פֿון 22טן אָקטאָבער האָבן גערעדט ענגלישע און ייִדישע רעדנער, און ס'זײַנען געזונגען געװאָרן עדעלשטאַטס לידער: „די צװאה", „אין קאַמף" און „דער שניידער". מען האָט אויך דעקלאַמירט זײַן ליד „קומט ניט אויף מײַן קבר צו טרויערן" („פֿון אַלבערט פּאַרסאָנס לידער").

די ייִדישע בירגערלעכע פּרעסע אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד האָט עדעלשטאַטס טויט אינגאַנצן ניט דערמאָנט, כאָטש ער איז אין יענער צײַט געװען איינער פֿון די פּאָפּולערסטע דיכטער אין ייִדיש. אין דער זעלבער צײַט האָט די ייִדישע בירגערלעכע פּרעסע אָפּגעגעבן גאַנצע זײַטן פֿאַר דעם

העברייאישן דיכטער יהודה־לייב גאָרדאָן (1832—1892), וועלכער איז גע־שטאָרבן מיט אַ חודש פֿריער (16טן סעפּטעמבער), ווי דוד עדעלשטאַט. דאָס האָט באַוואויגן דעם „אַרבעטער־פֿריינד" צו געבן אַ סעריע אַרטיקלען פֿון איינעם ס. ט. — „יהודה־לייב גאָרדאָן און דוד עדעלשטאַט" (28טן אָקטאָבער, 4טן און 25טן נאָוועמבער 1892). דער שרייבער ווייזט אָן, אַז בעת עדעלשטאַט, „אַליין אַ פּראָלעטאַריער־קינד", „האָט טריי געדינט דעם אַרבעטער־קלאַס", איז י. ל. גאָרדאָן אַלעמאָל געשטאַנען מיט דער בורזשואַזיע און איז געזעלשאַפֿטלעך געווען פּונקט דער היפוך פֿון דעם אויסערגעוויינטלעך־אויפֿריכטיקן דוד עדעלשטאַט.

עדעלשטאַטס טויט האָט אויך אַרויסגערופֿן אַ ריי לידער פֿון די דעמאָלט נאָך יונגע דיכטער — יוסף באָוושאָווער, נ. מ. באַבאַד און י. זיי־לין.[214] קיינער פֿון זיי האָט זיך ניט געדרוקט אונטער עדעלשטאַטס רע־דאַקציע (באָוושאָווערן האָט ער אינגאַנצן ניט געקענט),[177] נאָר זיין לעבן און שאַפֿן האָט זיי באַגייסטערט אים צו באַזינגען.

יוסף באָוושאָווערס ליד „צום אָנדענק פֿון דוד עדעלשטאַט", געשריבן אינעם טאָג פֿון זיין טויט (געדרוקט אין „אַרבעטער־פֿריינד", 4טן נאָ־וועמבער 1892), איז שפּעטער אַריין ווי אַ פֿאָררעדע צו עדעלשטאַטס שריפֿטן.

באָוושאָווער שילדערט עדעלשטאַטן אַלס „קעמפֿער", ביי וועמען „פֿאַר־געניגן האָט געהייסן פֿאַרצוזעצן נאָר דעם שטרייט", און ווי אַן „אַרבעטער־פּאָעט", וועלכער האָט געשריבן:

יענע ליד, וואָס יעדע שורה
איז אַ שטאַרקער קריג־סיגנאַל
אויפֿצוואָוועקן אַלע שקלאַפֿן,
קעמפֿן קעגן קאַפּיטאַל.

אין נ. מ. באַבאַדס ליד וועגן עדעלשטאַטן, וואָס איז דעקלאַמירט געוואָרן ביי דער ניו־יאָרקער טרויער־פֿאַרזאַמלונג, זאָגט זיך:

יאָ, טויט איז דער קעמפֿער, געפֿאַלן אין שטרייט,
אין ביטערן קאַמף פֿאַר זיין הייליקעם שטרעבן;
געשטאָרבן איז עדעלשטאַט יונג פֿאַר דער צייט, —
זיין גייסט אָבער לעבט און וועט לעבן!...

י. זיילין, אין זיין ליד „די פֿרייהייט און די וועלט" — „צום אָנדענ־קען פֿון ד. עדעלשטאַט" („אַרבעטער־פֿריינד", 2טן דעצעמבער 1892), שיל־דערט, ווי עדעלשטאַטס מוזע קומט בייינאַכט שטיל צוגיין פֿון איר „טיף בלויען געצעלט"; נאָכדעם שטייגט אויך שטיל אַראָפּ „די הייליקע פֿריי־

הייט, שטאָלץ און ריין, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ בלייבט זי ביי זיין קבר שטיין" —

ביים קבר קניט דאָרט מיט געבעט
די פרייהייט מיט געזענקטן בליק;
זי רופט דעם שלאָפנדן פּאָעט,
זי בעט די וועלט איר קינד צוריק.

אין אַ צווייט ליד „צום אַנדענקען פון אונדזער פּאָעט" („אַרבעטער־פריינד", 30טן דעצעמבער 1892) רופט אויס דער זעלבער דיכטער:

אָ ניין! ניט געשטאָרבן! דו ביסט ניט געשטאָרבן,
דו ביסט ניט געפאַלן, געפאַלענער העלד,
עס קען ניט, עס טאָר ניט פאַרלאָנגען דעם קרבן,
דעם גוואַלטיקן קרבן די פינצטערע וועלט.

אַן אַנדערער שרייבער, ס. קאַן, האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ ליד „אין שטורעם" („אַרבעטער־פריינד", 21טן אָקטאָבער 1892) מיט ציטאַטן פון דוד עדעלשטאַטס לידער. אין דעם דאָזיקן ליד ווערט דער דיכטער פאָרגעשטעלט ווי אַ מאַטראָס אויף אַ שיף, וואָס קעמפט קעגן שטורעם:

ווערטער קלינגען אין דער לופטן:
„שטאַרבן וועל איך אויף מיין אָרט!
טויט געפינט מיך אויף מיין פּאָסטן!"
וואר [איז געווען] פונעם מאַן דער לעצטער וואָרט.

אַ גאַנצע ריי דיכטער, וועלכע זיינען באַווירקט געווען פון עדעל־שטאַטן ביי זיין לעבן, האָבן נאָך זיין טויט פאָרגעזעצט זיין רעוואָלוציאָנערע דיכטונג. באַזונדערס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן יוסף באָוושאָווער.

עדעלשטאַטס דענקמאָל

דוד עדעלשטאַט איז באַערדיקט געוואָרן אויף דעם איינציקן יידישן בית־עולם, וואָס איז דעמאָלט געווען אין דענווער און איז געווען פאַר־וואַלטעט פון דייטשישע רעפאָרמירטע יידן. מיט 22 יאָר שפּעטער, ווען אין דענווער איז שוין געווען אַ גאַנץ היפּשע יידישע ראַדיקאַלע קאָלאָניע, זיינען עדעלשטאַטסביינער איבערגעטראָגן געוואָרן (דעם 8טן נאָוועמבער 1914) אויף דעם בית־עולם פון „אַרבעטער־רינג". „דער טאָג, ווען מען האָט איבערגעטראָגן עדעלשטאַטס ביינער, איז — לויט עדעלשטאַטס אַ מיטציייטלער, אַברהם יודעלעוויטש — געווען ביי די ראַדיקאַלן אַזאַ געשעעניש, אַז די, וואָס האָבן עס בייגעוואוינט, קאָנען עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן".[215]

מיט אַ יאָר שפּעטער (דעם 28טן נאָוועמבער 1915) איז געשטעלט געוואָרן אַ מאָנומענט אויף עדעלשטאַטס קבר. אין אַ בריוו צו דער „וואָר־הייט" פֿונעם 5טן נאָוועמבער 1915 דערציילט די „מאָנומענט־גרופּע פֿון דוד עדעלשטאַט", אַז זינט עס איז „ביי אונדז אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, פֿאַר־לאָשן געוואָרן איינער פֿון די גרעסטע שטערן, וואָס די יידישע אַרבעטער־וועלט האָט פֿאַרמאָגט — — — האָט זאָגאָר [אַפֿילו] קיינער ניט געוואוסט, וואו די ביינער פֿון אונדזער פּאָעט רוען. וועגן אַ מאָנומענט איז דאָך אָפּ־גערעדט, אַז עס איז ניט געווען, ביז די שטאָט איז געקומען צו הילף, און איז געגאַנגען מאַכן אַ פּאַרק אין יענער סעמעטערי [בית־עולם], וואו עדעלשטאַט איז געווען באַערדיקט. דאָס האָט באַוועגט אייניקע מענטשן זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ סאָסייעטי [פֿאַראיין] אונטערן נאָמען 'די מאָנו־מענט גרופּע פֿון דוד עדעלשטאַט'. מיר האָבן דאָס איבערגעבליבענע פֿון אונדזער פּאָעט אַריבערגעפֿירט אויף דעם אַרבעטער־רינג־סעמעטערי, און מיר האָבן גענומען זאַמלען געלט פֿאַר אַ מאָנומענט. מיט דער הילף פֿון דוד עדעלשטאַטס ברודער און שוועסטער, ווי אויך מיט געלט, וואָס איז אַריינגעקומען דורך דער 'פֿאַ"ש'[216] איז אונדז געלונגען צו מאַכן אַ שיינעם גרויסן מאָנומענט".

דוד עדעלשטאַטס קבר מיט מצבה
(אויפֿן בית־עולם פֿונעם אַרבעטער־רינג,
אין דענווער)

ביים אויפֿדעקן דעם דענקמאָל פֿאַר עדעלשטאַטן האָבן גערעדט פּראָפֿ. יצחק אייזיק הורוויטש, עדעלשטאַטס סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מיטרע־דאַקטאָר פֿון דער „פֿא״ש״ (זע קאַפּיטל 15); ד״ר חיים ספּיוואַק, וועלכער איז אין 1882 געפֿאָרן צוזאַמען מיט עדעלשטאַטן פֿון אייראָפּע קיין אַמע־ריקע ווי אַ מיטגליד פֿון דער קיעווער „עם־עולם״־גרופּע; אַבא (אַבראַשע) עדעלשטאַט, דעם דיכטערס עלטערער ברודער, און אַ ריי אַנדערע רעד־נערס. מען האָט אויך געזונגען עדעלשטאַטס ליד „מיין צוואה״.[217]

אין מערץ 1929 האָב איך באַזוכט עדעלשטאַטס קבר אין דענווער. אויף זיין דענקמאָל, אָדער מצבה, איז פֿאַראַן זיין באַקאַנטע פֿאָטאָגראַפֿיע, געמאַכט אין ניו־יאָרק, ווען דער דיכטער איז אַלט געווען 23 יאָר, זיין ליד „מיין צוואה״, דער נאָמען אין ענגליש און יידיש און די דאַטע 1892.

געדענק־טעג

עדעלשטאַטס שריפֿטן זיינען געווען זייער פּאָפּולער ביי די ברייטע מאַסן יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע און ענגלאַנד. אַ היפּשע צאָל פֿון זיינע לידער איז געזונגען געוואָרן אין אייראָפּע און אין אַמעריקע. אין צאַרישן רוסלאַנד האָט מען זיי געזונגען אין וואַרשטאַטן און פֿאַבריקן, אויף דעמאָנסטראַציעס, אין טורמעס און אויף פֿאַרשיקונג. באַזונדערס האָט מען געזונגען זיינע לידער „אין קאַמף״, „מיין צוואה״, „נאַטור און מענטש״, „דער שניידער״, „אין לאַנד פֿון פּיראַמידן״ (יציאת מצרים), „מיין לעצטע האָפֿענונג״, „דער אַרבעטער״, „דער וועקער״, „פֿאָרווערטס״, „אויף דער וואַך״, „וואַכט אויף״, „סאָפֿיע פּעראָווסקאַיאַ״, „צו די אַרבעטער־פֿרויען״ און „דער אָוונט־גלאָק״. צו אַ טייל פֿון זיי איז פֿאַראַן מוזיק, צוגעפּאַסט פֿון יידישע און רוסישע פֿאָלקס־מאָטיוון, אייניקע מעלאָדיעס זיינען די לעצטע יאָרן פֿאַרפֿאַסט אָדער אַראַנזשירט געוואָרן פֿון מוזיק־פֿאַכלייט (זע ביבליאָגראַפֿיע). צו צוויי לידער („דער יידישער פּראָלעטאַר״ און „עס טאָגט״) האָט עדעלשטאַט אַליין צוגעפּאַסט די מעלאָדיע פֿון רוסישע רע־וואָלוציאָנערע לידער. אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע זיינען יאָרנלאַנג באַזונדערס דעקלאַמירט געוואָרן זיינע לידער „דער מיינער״ (קוילן־גרע־בער), „די פֿאַרשאָלטענע״ און „ד״ר גראַן״ („דער קינדער־מערדער״). ס׳פֿלעגן אויך פֿאָרגעלייענט ווערן זיינע סקיצעס „דער קאַר־קאָנדוקטער״ „גאָלד און לעבן״ א.אַ.

ניט געקוקט אויף דער גרויסער פּאָפּולערקייט פֿון זיינע שריפֿטן, זיינען דאָך עדעלשטאַטס געדענק־טעג זעלטן באַצייכנט געוואָרן אין אַמעריקע.

אַן ענדערונג קומט פֿאַר ערשט מיט דער אַנטשטייאונג פֿון דער רעוואָלו־ציאָנערער מאַסן־באַוועגונג. די ערשטע גרעסערע עדעלשטאַט־פֿייערונג איז געווען צו זיין 35טן יאָרצייט (אין 1927). די „פֿרייהייט" (שפּעטער „מאָרגן־פֿרייהייט") האָט געווידמעט אַ פֿולע זייט דוד עדעלשטאַטן. זי האָט אויך געגעבן אַ גאַנצע ריי מוסטערן פֿון זיינע שאַפֿונגען. אַ יידישער אַרבעטער־קלוב אין ניו־יאָרק האָט דורכגעפֿירט אַן עדעלשטאַט־אָוונט. אין פּראָגראַם פֿונעם אָוונט האָט זיך באַטייליקט אויך עדעלשטאַטס שוועסטער. דער 40טער געדענק־טאָג איז שוין געפֿייערט געוואָרן פֿון דער גרויסער פּראָלעטאַרישער מאַסן־אָרגאַניזאַציע „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן" (שפּעטער „יידישער פּראָטערנאַלער פֿאָלקס־אָרדן", וואָס האָט אויך ברענטשעס [צווייגן] אויפֿן נאָמען פֿון דוד עדעלשטאַט)[218] און פֿונעם „פּראָלעטפּען". דער קאָמוניסטישער חודש־זשורנאַל „דער האַמער" האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַן עדעלשטאַט־מאָנאָגראַפֿיע[219] און די דעמאָלט פֿיל דיסקוטירטע פּאָעמע פֿון ה. בלאָשטיין.[220] אַחוץ דער „מאָרגן־פֿרייהייט" און דער „פֿאָ"ש", האָבן צום 40טן און 50טן יאָרצייט פֿון עדעלשטאַט גע־שריבן וועגן אים אויך אַ טייל בירגערלעכע אויסגאַבעס (זע ביבליאָגראַפֿיע).

אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז עדעלשטאַטס שאַפֿן ברייט באַקאַנט צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. זיינע לידער ווערן געלערנט אין די שולן. זיי גייען אַריין אין שול־פּראָגראַם (זע ביבליאָגראַפֿיע). ס'איז אויך וועגן אים פֿיל געשריבן געוואָרן אין סאָוועטישע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי אויך אין באַזונדערע אויסגאַבעס. זינט 1930 זיינען אַרויס אַ ריי זאַמלונגען פֿון זיינע לידער, צווישן זיי אַ וויסנשאַפֿטלעכע אויסגאַבע פֿון דוד עדעל־שטאַטס ליטעראַרישע שאַפֿונגען אין יידיש און רוסיש דורך די אינסטי־טוטן פֿאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פֿון דער אוקראַיינישער און ווייסרוסישער וויסנשאַפֿטלעכע אַקאַדעמיעס.

אויסגאַבעס פֿון עדעלשטאַטס ווערק

דוד עדעלשטאַטס לידער זיינען אַרויס אין בוך־פֿאָרם נאָך ביי זיין לעבן, אין יאַנואַר 1892.[221] עס איז אַ ביכל פֿון 125 זייטן אין 16־טל פֿאָר־מאַט, מיטן בילד פֿונעם דיכטער. אויפֿן פֿאָדערבלאַט איז אָנגעשריבן: „פֿאָלקס־געדיכטע פֿון ד. עדעלשטאַט. — העראויסגעגעבען פֿון די 'פֿרייע אַרבייטער־שטימע' 35 ראַטגערס סט. ניו־יאָרק.— פּרייז 25 סענט — ניו־יאָרק. דרוק פֿון די 'פֿרייע אַרבייטער־שטימע' 1892". אויף דער צווייטער זייט קומט דאָס פֿריער דערמאָנטע ליד פֿון שעלי. דאָס ביכל אַנטהאַלט די

פֿאָלגנדיקע 52 לידער: „צו מיין פֿעדער", „נאַטור און מענטש", „דער מיינער" [קוילן־גרעבער], „אין קאַמף", „די פֿאַרשאָלטענע", „אַ שטיקעלע ברויט", „אָן [צו] די יידישע שריפֿטשטעלער", „אָן [צו] די גענאָסן", „דער באַליידיקטער העלד", „מיין לעצטע האָפֿענונג", „מיין טרוים", „דער יתום", „צורוף [צו] דער 'וואַרהייט'", „מיין צוואה", „צורוף אָן [צו] די 'פֿאַ"ש'", „דיכטער און מוזע", „פֿאָרווערטס", „צו די אַרבעטער־פֿרויען", „אויף אַ באַל", „זינגט מיט לוסט", „סאָפֿיע פּעראָווסקאַיאַ", „לואיזע מישעל", „דער לעצטער שטרייק", „דער שניידער", „עלנט", „דער פֿרילינג", „אונדזער אידעאַל", „דער יידישער פּראָלעטאַר", „אויף דער וואַכע", „וואַכט אויף", „מיין פֿרילינג־ליד", „אַלבערט פּאַרסאָנס", „דזשאָן בראַון", „לואיס לינג", „היינטיקע מענטשן", „צו מיין שוועסטער", „דער קינדער־מערדער", „צום משוגענעם פֿילאָזאָף", „דער 11טער נאָוועמבער", „איך בין דאָס שווערד — איך בין דער פֿלאַם", „בלומען און שטערן", „וואָרע און פֿאַלשע העלדן", „דער וואַנדערער", „מוטער און קינד", „דער אַרבעטער", „מערץ־בילדער", „דער 13טער מערץ", „פֿון היינע" [איך געדענק], „אויפֿן שלאַכטפֿעלד", „דער רויטער זעגל", „אָן אַלטע געשיכטע", „דער אָוונט־גלאָק".

מיט דריי יאָר שפּעטער, אין 1895, איז דאָס זעלביקע ביכל אַרויס אין אַ נייער הילע, אויף וועלכער עס איז אָנגעשריבן: „פֿאָלקס־געדיכטע פֿון ד. עדעלשטאַט — פּרייז 25 סענט, ניו־יאָרק, 1895 — צו פֿאַרקויפֿן ביי יהודה קאַצענעלנבויגן, 35 לודלאָו סט., ניו־יאָרק". עדעלשטאַטס בילד איז דאָ געגעבן אין אַ שוואַרצער ראַם, און אונטן, מיט לאַטיינישער שריפֿט, דער נאָמען „ד. עדעלשטאַט" און די דאַטע 1866—1892. אויף דער אַנדע־רער זייט פֿונעם זעלביקן בלעטל ווערן אונטערן נאָמען „צום פֿאָלק" ציטירט פֿון עדעלשטאַטס „צוואה" די ווערטער „צום פֿאָלק וועל איך פֿון קבר זינגען און וועל באַגייסטערן זיין הערץ!" נאָכדעם גייט אַ באַמערקונג: „ריכטיק האָט נביאות געזאָגט דער עדעלער און ערלעכער דיכטער עדעל־שטאַט. פֿאַר זיין לעבען זיינען ערשינען זיינע געדיכטע, און יעצט, ווען ער ליגט אין קבר, ערשיינען זיי ווידער... עדעלשטאַט איז געווען אַ מאַן פֿון פֿאָלק; זיינע לידער זיינען געזונגען געוואָרן פֿאַר זיין לעבן, און דאָס פֿאָלק וויל זיי זינגען נאָך יעצט, ווען ער איז טויט. ער איז געווען שטערבלעך, זיינע לידער ניט. — — — באַליבט איז עדעלשטאַט געווען אין זיין לעבן און טייער אין זיין ערינערונג נאָך זיין טויט. די, וואָס האָבן זיינע ווערטער געשלונגען דאָ, וועלן מיט ערפֿוכט יעצט הערן זיין שטימע פֿון קבר..."

וועגן עדעלשטאַטס ראָלע אַלס דיכטער און געזעלשאַפֿטלעכער טוער ווערט אין דער פֿאָררעדע (געשריבן פֿון אַלעקסאַנדער האַרקאַווי) מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט.

אין 1899 איז אַרויס אַ באַנד „עדעלשטאַטס שריפֿטן". 8־טל פֿאָרמאַט, 90 זייטן. אויף דער פֿאָדערהילע אונטער עדעלשטאַטס בילד איז אין אַ קראַנץ פֿון לאָרבערבלעטער, אָנגעגעבן אין ענגליש: „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני, ברוקלין, ניו־יאָרק 28־128 לעאָנאַרד 60 סט.. ברוקלין, ניו־יאָרק". און נאָכדעם אין יידיש: „אַ זאַמלונג פֿון אַלע זיינע פּאָעטישע שריפֿטן און פּראָזע. פּרייז 10 סענט". אויף דער צווייטער זייט דער זעלביקער נוסח מיטן בילד, און אויף יידיש: „דרוק און פֿאַרלאַג דיא היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני" און אַדרעס. אויף זייט 3 — אינהאַלט פֿאַרצייכעניש: „1) אַנשטאַט אַ פֿאָררעדע [באַוואוסטער ליד וועגן עדעלשטאַטן]; 2) אַ בריוו פֿון אַ זעלבסטמערדער; 3) דער קאַר־קאָנדוקטער; 4) די באַמערקע; 5) ווער איז שולדיק? 6) דער מאָלער; 7) דער פֿאַרברעכער; 8) די אומדאַנקבאַרע נעגערין; 9) געלט און לעבן; 10) הונדערט יאָר שפּעטער; 11) ווערא". אַן ענלעכע אויסגאַבע האָט דעמאָלט אויך אַרויסגעגעבן ב. רודערמאַן אין לאָנדאָן.[222]

אַ נייע אויפֿלאַגע פֿון די „פֿאָלקס־געדיכטע" אינעם זעלביקן פֿאָרמאַט, מיט דער זעלביקער צאָל זייטן, ווי אין 1892, און מיט דעם זעלביקן בילד אינעם קראַנץ, איז אַרויס אין 1904 פֿון דער היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני. אין 1906 האָט די היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני אַרויסגעלאָזט אין 3־סענטיקע העפֿטן, אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „יודישע ליטעראַטור", באַזונדערע דערציילונגען פֿון דוד עדעלשטאַט.[223] זי האָט זי איבערגעדרוקט פֿון די מאַטריצן פֿון דער ברוקלינער אויסגאַבע פֿון 1899 מיט דער זעלביקער נומעראַציע, ווי דאָרטן. אַרויס זיינען „ווערא", „דער מאָלער", (צוזאַמען מיט „אַ בריוו פֿון אַ זעלבסטמערדער",[223] „דער פֿאַרברעכער" און „די אומדאַנקבאַרע נעגערין"), „געלט און לעבן" און „דער קאָנדוקטער". אין 08—1909 איז אַרויס דאָס בוך „עדעלשטאַט — די נייע פֿאָלקס־געדיכטע — פֿאָלשטענדיקע אויסגאַבע פֿון אַלע זיינע לידער, אַרויסגעגעבן פֿון דער היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני, 87־85־83 קאַנאַל־סטריט, ניו־יאָרק", אין אַן 8־טל פֿאָרמאַט, 213 און X זייטן, 89 לידער. צווישן זיי איין ליד אין רוסיש מיטן ענגלישן נאָמען: "It Was a Dream" (ס'איז געווען אַ חלום). אַלס פֿאָררעדע ווערט געגעבן, אַחוץ שעליס ליד פֿון דער ערשטער אויסגאַבע, אויך באַוואוסטערס „צום אָנדענקען פֿון דוד עדעלשטאַט".

אין 1908 דערשיינט אין שיקאַגאָ „די באַמערקע" אין ענגליש, אונטערן נאָמען "The Vagabond" 15 זייטן, איבערגעזעצט פֿון דוד דיאַמאַנדשטיין.

די פֿולסטע אויסגאַבע פֿון עדעלשטאַטס שריפֿטן, פּאָעזיע און פּראָזע, איז אַרויס אין לאָנדאָן, 1909.

באַלד נאָך עדעלשטאַטס טויט האָט זיך אין לאָנדאָן געגרינדעט אַ פֿאַראיין „עדעלשטאַט" אויף אַרויסצוגעבן אַלע עדעלשטאַטס שריפֿטן (לויט אַ נאָטיץ אין „אַרבעטער־פֿריינד", 4טן נאָוועמבער 1892). דערפֿון איז אָבער גאָרניט אַרויסגעקומען.[224] ערשט מיט 16 יאָר שפּעטער, אין 1908, ווערט געמאַכט אַן ערנסטער פּרואוו אַרויסצוגעבן עדעלשטאַטס געזאַמלטע שריפֿטן. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלער עדעלשטאַט־קאָמיטעט, צו וועלכן עס האָבן געהערט, אַחוץ עדעלשטאַטס שוועסטער (סאָניע) און שוואָגער (אַרקאַדי טעלסאָן), די אַנאַרכיסטן ד"ר זאָלאָטאַראָוו, מ.ג.מייזל, ד"ר מעריסאָן און מ. קאַטץ, און די דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי און אַ. ליעסין. די לעצטע צוויי האָבן אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אַרטיקלען וועגן דער וויכטיקייט אַרויסצוגעבן עדעלשטאַטס ווערק.[225] דער קאָמיטעט האָט אויך אַרויסגעלאָזן אַ ספּעציעלן אויפֿרוף צו די מיטגלידער פֿון „אַרבעטער־רינג", זיי זאָלן נעמען בילעטן פֿאַר אַ ליטעראַרישן אָוונט און אַ קאָנצערט, „צו דערמעגלעכן די אויסגאַבע פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם פּאָעט ד. עדעלשטאַטס אומגעדרוקטע און טייל דערשינענע ווערקע". אין דעם אויפֿרוף ווערן אויך די "פֿריינדע אַרבעטער" דערמאָנט, אַז „זיינע [עדעל־שטאַטס] געדיכטע זיינען פֿון די ערשטע, וואָס האָבן געוועקט דעם יידישן אַרבעטער צו קעמפֿן פֿאַר דער פֿאַרבעסערונג פֿון זיין לעבן". דער ליטעראַ־רישער אָוונט און קאָנצערט איז פֿאָרגעקומען דעם 4טן דעצעמבער 1908. אַלס רעדנערס זיינען געווען אָנאָנסירט זאָלאָטאַראָוו, קאַטץ, ליעסין, דער דראַמאַטורג יעקב גאָרדין און מאָריס ווינטשעווסקי („פֿאָ"ש", 4טן דעצעמ־בער 1908). עס איז אויך געפֿירט געוואָרן אַ ברייטע קאָמפּאַניע צו זאַמ־לען אַבאָנענטן פֿאַר דער אויסגאַבע. מיט דער הילף פֿון אָט דער קאָמפּאַניע און דורך די באַזונדערע אָנשטרענגונגען פֿון עדעלשטאַטס שוועסטער[226] דערשיינט די אויסגאַבע פֿון עדעלשטאַטס „שריפֿטן" אין לאָנדאָן, 1909.

דוד עדעלשטאַטס „שריפֿטן" „מיט אַ פֿאָררעדע איבער דאָס לעבן און שאַפֿן פֿון דעם דיכטער" פֿון מ. קאַטץ,[227] אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַג „אַרבעטער־פֿריינד", איז אַרויס, מיט צוויי עדעלשטאַט־בילדער, אין 12־טל פֿאָרמאַט, XXXVIII און 405 זייטן. דערפֿון פֿאַרנעמען 230 זייטן די 123 לידער, 143 זייטן די 13 דערציילונגען און בילדער, 25 זייטן די 4 אַר־

טיקלען, און XXXVIII זייטן די פֿאָררעדע, באַוושאַווערס עדעלשטאַט־ליד און דאָס אינהאַלט־פֿאַרצייכעניש.

אויך די „אַרבעטער־פֿריינד"־אויסגאַבע פֿון עדעלשטאַטס „שריפֿטן" איז ניט קיין פֿולע. ס'פֿעלן דאָרט לידער, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין דער „וואָרהייט" (1889), אינעם „מאָרגנשטערן" (1890) און אַפֿילו אין דער „פֿאַ"ש" פֿון 1891. עס פֿעלן אויך אייניקע פֿון עדעלשטאַטס פּראָזע־שריפֿטן און כמעט זיין גאַנצע פּובליציסטיק. עס ווערט אויך ניט געגעבן קיין איין מוסטער פֿון זיינע רוסישע שריפֿטן. צונויפֿגעשטעלט איז די אויסגאַבע אָן שום סדר — ניט כראָנאָלאָגיש און ניט טעמאַטיש. אויף קיין איין שריפֿט איז ניט אָנגעגעבן, וואו און ווען דאָס איז געווען געדרוקט, אָדער צי ס'איז פֿאַרעפֿנטלעכט פֿונעם מאַנוסקריפּט. אַ טייל לידער עדעל־שטאַטס זיינען דאָרט שטאַרק רעדאַקטירט געוואָרן, אין אייניקע זיינען דורכגעלאָזט געוואָרן גאַנצע סטראָפֿעס, וועגן אַלדעם איז אָבער ניטאָ קיין שום באַמערקונג. דער לייענער, וועלכער ווייסט ניט פֿון די פֿריערדיקע עדעלשטאַט־אויסגאַבעס, קאָן מיינען, אַז אַזוי האָט טאַקע עדעלשטאַט געשריבן.

אין זיין פֿאָררעדע שטעלט זיך אָפּ מ. קאַטץ ברייטלעך אויף ניט וועזנטלעכע דעטאַלן [228] פֿון עדעלשטאַטס קינדהייט אין קאַלוגע. ער גיט אָבער גאָר ווייניק וועגן עדעלשטאַטס לעבן, שאַפֿן און ווירקן אין אַמעריקע. דער וויסנשאַפֿטלעכער ווערט פֿון קאַטצס פֿאָררעדע איז בכלל זייער אַ קליינער. עדעלשטאַטס אַנאַרכיזם נעמט זיך, לויט קאַטצן, הויפּטזעכלעך דערפֿון, מחמת „עס זיינען פֿאַראַן מענטשן, וואָס זיינען פֿון דער נאַטור אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן". מ. קאַטץ איז אויך ניט פּינקטלעך אַפֿילו בנוגע צו פֿאַקטן, ביי וועלכע ער איז פּערזענלעך בייגעווען. צום ביישפּיל: ער דערציילט, אַז די „פֿאַ"ש" איז אַרויס „ענדע 1889", בעת זי איז אַרויס אין יולי 1890; דאָסגלייכן דערציילט ער, אַז די „פֿאַ"ש" איז אונטערגעגאַנגען אין 1890 און אָנגעהויבן אַרויסגיין פֿונדאָסניי, ווען עדעלשטאַט ווערט איר רעדאַקטאָר. אין דער אמתן איז די „פֿאַ"ש" אין 1890 און 1891 אַרויס אָן שום איבעררייסן.

דאָך איז די אויסגאַבע פֿונעם „אַרבעטער־פֿריינד" מיט אַלע אירע פֿע־לערן געווען די פֿולסטע. די אָנגעגעבענע אויפֿלאַגע פֿון 1924 אין ניו־יאָרק פֿאַרמאָגט ניט קיין שום ענדערונגען, אַפֿילו ניט וואָס אָנבאַלאַנגט דער איינבינדונג, לגבי דער אויסגאַבע פֿון 1909. ס'איז בלויז צוגעגעבן אויפֿן פֿאָדערבלאַט, אַז עס איז אויך אַרויסגעגעבן פֿון דער „פֿאַ"ש" אין 1924.

אַ נייע עדעלשטאַט־אויפֿלאַגע איז אַרויס אין 1911 אין דער „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני" — „אַ זאַמלונג: פֿון אַלע זיינע פּאָעטישע שריפֿטן אין פּאָעזיע און פּראָזע", 8־טל פֿאָרמאַט, 334 זייטן. דאָרט זיינען אַריין בלויז די לידער פֿון דער אויסגאַבע פֿונעם יאָר 08—1907. בלויז צו דער פּראָזע איז צוגעגעבן געוואָרן „מוזיק", די „ביאָגראַפֿיע פֿון דער לבנה" און „צווישן ניו־יאָרקער ראַדיקאַלן". פֿון דער פּובליציסטיק איז קיין זאַך ניט אַריין.

אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זיינען אַרויס פֿאָלגנדיקע אויסגאַבעס פֿון עדעלשטאַטס שריפֿטן:

„דוד עדעלשטאַט — לידער פֿון קאַמף און נויט, צונויפֿגעשטעלט און מיט אַן אַריינפֿיר פֿון ש. אַגורסקי, פֿאַרלאַג 'דער עמעס', מאָסקווע, 1930", 12־טל פֿאָרמאַט, 180 זייטן, 49 לידער, צוויי אַרטיקלען (וועגן שרייבער און דיכטער) און באָוושאָווערס עדעלשטאַט־ליד.

„געקליבענע לידער (צוזאַמען מיט ווינטשעווסקיס און באָוושאָווערס) — אויסוואַל און רעדאַקציע אי. פֿעפֿער, ע. פֿינינבערג. קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג 'קולטור־ליגע', קיעוו, 1931", 8־טל פֿאָרמאַט, 234 ז"ז. דערפֿון 47 לידער פֿון דוד עדעלשטאַט מיט טעקסטן־ענדערונגען און אויסטייטשונגען פֿון ווערטער.

„די ערשטע יידישע אַרבעטער־דיכטער (מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפֿעלד, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָווּשאָווער), צונויפֿגעשטעלט און געגעבן אַן אַריינפֿיר — י. ד. קורלאַנד. (פֿון דער סעריע 'ליטעראַטור פֿאַר דער שול'). צענטראַלער פֿעלקער־פֿאַרלאַג פֿון פֿססר, מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק, 1931", 8טל פֿאָרמאַט, 128 ז"ז (12 לידער און ציטאַטן פֿון עדעלשטאַטס אַרטיקלען, וויכטיקסטע ביאָגראַפֿישע ידיעות און „ביבליאָגראַפֿיע פֿאַרן לערער").

„די עלטערע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור — געקליבענע ווערק פֿון מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָווּשאָווער. אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע פֿון ש. [סעם] אַגורסקי, מ. [מיכל] לעוויטאַן, ק. [קלמן] מרמר און מ. [מאַקס] עריק. אינסטיטוט פֿאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פֿון דער אוקראַינישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע; אינסטיטוט פֿאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פֿון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע. דוד עדעלשטאַט, געקליבענע ווערק אין דריי בענדער; באַנד II, לידער [צוזאַמענגעשטעלט פֿון קלמן מרמר], פֿאַרלאַג 'עמעס', מאָסקווע, 1935". פֿאַרגרעסערטער 8־טל פֿאָרמאַט, 338 ז"ז.

עדעלשטאַטס ליטעראַרישע ירושה

דוד עדעלשטאַט האָט פּאַר דער קורצער צייט פֿון זיין שאַפֿן אין יידיש אָנגעשריבן אַרום 140 לידער, 15 דערציילונגען, בילדער און פֿע־לעטאָנען, און אַ 50 פּובליציסטישע אַרטיקלען. דערפֿון האָט ער פֿאַר־עפֿנטלעכט ביי זיין לעבן איבער דריי־פֿערטל פֿון זיינע לידער, כּמעט די גאַנצע פּראָזע און ניין־צענטל פֿון זיינע פּובליציסטישע און קריטישע אַר־טיקלען.

פֿון עדעלשטאַטס 45 פּובליציסטישע און קריטישע אַרטיקלען זיינען אַרויס אין בוך־פֿאָרם בלויז 4, ס'הייסט ווייניקער ווי אַ צענט־חלק. דאָס־גלייכן געפֿינען זיך נאָך צעוואָרפֿן אין צייטונגען אַ ריי לידער און אַ פּאָר פּראָזע־שריפֿטן, וואָס זיינען נאָך ניט אַריין אין קיין איין עדעלשטאַט־אויסגאַבע.

צווישן עדעלשטאַטס מאַנוסקריפּטן געפֿינען זיך איבער 60 קאָפּיעס אָדער ניט־געענדיקטע אָנוואורפֿן פֿון זיינע לידער. צווישן זיי אַ ריי וואַריאַנטן, אויך אַזוינע לידער, וואָס זיינען נאָך קיינמאָל ניט געווען גע־דרוקט (אַריין אין דער מאָסקווער אויסגאַבע פֿון 1935). פֿון די איבער צוויי צענדליק מאַנוסקריפּטן פֿון פּראָזע, דיכטונג, פּובליציסטיק און קריטיק, איז די מערהייט נאָך ניט געדרוקטע זאַכן. אויסער דעם געפֿינען זיך אַן אַנדערטהאַלבן צענדליק קאָפּיעס און אָנוואורפֿן פֿון בריוו (אַריין אַלס ביילאַגע צו קלמן מרמרס עדעלשטאַט־ביאָגראַפֿיע: דוד עדעלשטאַט, גע־קליבענע ווערק, באַנד 1).

אין רוסיש האָט עדעלשטאַט ווייניק וואָס פֿאַרעפֿנטלעכט. אויף זיכער קאָן מען פֿעסטשטעלן בלויז די צוויי לידער אין „זנאַמיאַ",[229] וואָס ער האָט דערמאָנט אין זיין טאָגבוך פֿון יאַנואַר 1889, און צו איינציקע לידער אין דער „ניו־יאָרקער אידישער פֿאָלקס־צייטונג" (1889), אין „אַרבעטער־פֿריינד" (1890) און אין דער „פֿאַ"ש" (1891). די מייסטע פֿון זיינע איבער 100 רוסישע לידער זיינען געדרוקט פֿון מאַנוסקריפּט אין דער מאָסקווער אויס־גאַבע פֿון 1935, צוזאַמען מיט זיינע יידישע לידער. אַ פּרואוו זיי אַריינצושיקן קיין רוסלאַנד, כּדי זיי צו דרוקן אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי, איז דורכ־געפֿאַלן איבער אַן אַרעסט אויף דער גרענעץ.[230] צווישן זיינע רוסישע מאַנוס־קריפּטן געפֿינען זיך אַ טוץ בילדער און אַרטיקלען, אַ פֿראַגמענט פֿון אַ „טאָגבוך" און איבער דריי צענדליק בריוו (דער „טאָגבוך" און די בריוו זיינען אַריין אין דער מאָסקווער אויסגאַבע פֿון 1935).

עדעלשטאַט, ווי ער האָט אויסגעזען ביי זיינע מיטצייטלער

אויסזען:

„אַ גראַדע פיגור פון מיטעלער הויך, סימעטריע אין דעם געבוי פון די גלידער; אַ ליכטיקער פנים מיט איידעלע, צאַרטע געזיכט־צוגן, אויף וועלכע עס איז אויס־געגאָסן אַ חן פון הויכער אינטעליגענץ און פון טיפן געפיל; אַ פּאָר ווייט־צעעפנטע קאַרע אויגן, באַזוימט מיט אַרקן־פאָרמיקע שאָטן־ברעמען־אויגן, אין וועלכע עס שפיגלט זיך אָפּ אַ פראַגע און אויסרוף, אַ מין פאַרוואונדערונג" (משה קאַטץ, פאָררעדע, 1909, ז' 3).

„אַ מונטערע, אָבוואָל [הגם] אַ שטילע, אין זיך פאַרטיפטע נאַטור, האָט אויסגעזען געזונט, מוטיק און שטאַרק, אין פולער בליאונג פון כוחות און יאָרן". (דאָרט, ז' 20).

„פון מיטעלן וואוקס, אַ בלאַס־לענגלעך פנים, אַרומגערינגלט מיט אַ קורצער, ברוינער בערדל, ליפּן — עטוואָס דיקלעכע, אַ שיינע גריכישע נאָז, גרויסע ברוינע אויגן, וועלכע האָבן אייך צוגעצויגן צו זיך מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט; אַ שיין, ליכטיק פנים". (ד"ר מיכאָעל קאַן, אין אַ בריוו צו מיר פון 18טן יאַנואַר, 1934).

„אַ הויכער, גוט געבויט, שלאַנק ווי אַ טאָפּאָל, שטענדיק מיט אַ שווערן שטעקן אין האַנט, ענלעך געווען צו אַן אַפּאָסטאָל פון די לאַנג־פאַרגאַנגענע צייטן". (אַרקאַדי טעלסאָן, אין אַ בריוו צו מיר פון 10טן אַפּריל, 1934).

כאַראַקטער:

„אַ מוסטער פון ערלעכקייט און גייסטיקער ריינהייט". („אַרבעטער־צייטונג", 28טן אָקטאָבער, 1892).

„ער האָט ליב געהאַט מוזיק, בלומען, די נאַטור אין אַלע אירע פאַרבן, און באַ־זונדערס האָט ער ליב געהאַט קינדער, ווי די האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט פון דער מענטשהייט". (סאָניע עדעלשטאַט, אין אַ בריוו צו מיר פון 14טן מערץ, 1934).

„ער איז געווען די פּערזאָני־פיצירטע גוטסקייט, די פאַרקערפערונג פון ליבשאַפט. דוד עדעלשטאַט איז געווען פאַרליבט אין דער מענטשהייט און מענטשן. נישט אַבסטראַקט, נישט אין דער טעאָריע, נאָר פּאַקטיש; אים איז ליב און טייער געווען איטלעכער מענטש באַזונדער — — — עדעלשטאַט איז אַמאָל אַריין צו מיר אַ פרי־מאָרגן מיט שיינענדיקע אויגן און אַ ליכטיק פנים, האַלטנדיק אַ שיינע בלום אין האַנט — 'אַט זעט, קאַפּעלאַוו, קוקט זיך צו, זעט ווי געשמאַק און ליבלעך יעדעס קווייטעלע איז דאָ, זעט נאָר, וויפל פאַרבן און קאָלירן קרייצן זיך דאָ דורך, זעט, ווי זיי זיינען איינגעוועבט און באַהעפט איינע אין די אַנדערע, און דאָך זיינען זיי גאַנץ־דייטלעך באַזונדער — — — איך האָב זיי באמת ליב — — — מיר דאַכט זיך, אַז איך קען רעדן, פאַרברענגען מיט זיי, און דאָך — ווי קומען זיי צו דער גרויסקייט און דער־הויבנקייט פון אַ מענטש? דער פשוטסטער בשר־ודם האָט דאָך גייסט, פאַרשטאַנד, געפילן. אויך דער מענטש בייט זיך דאָך אַלע ווילע, ער האָט דאָך אויך פאַרשיידענע קאָלירן: אָט איז ער אין כעס, באַטריבט פון ליידן, אומעטיק, פאַרזאָרגט — וויפל פאַרשיידענע כוחות גיסן זיך דאָס צונויף, וואָס פאַר אַ קאָמפּליצירטער מעכאַניזם,

וואָס פאַר אַ פיינע קונציקע בריאה דער מענטש איז!" (י. קאָפּעלאָוו, „אַמאָל אין אַמעריקע", 1928, ז' 277).

„עדעלשטאַט האָט געלעבט צוזאַמען מיט זיינער אַ שוועסטער ביי זייערן אַ ברודער, וועלכער האָט געהאַט אַ קליינעם רעסטאָראַן אין קאָרטיס סטריט (דענווער). איך פלעג זיך מיט אים טרעפן זייער אָפט, און טראָץ דעם, וואָס מיר האָבן אַלע געוואוסט, דאָס עדעלשטאַט איז זייער קראַנק אויף דער פּראָלעטאַרישער קראַנקהייט, טובערקולאָז (ער אַליין און מיר אַלע האָבן געוואוסט, דאָס זיינע טעג זיינען געציילטע), האָט מען אָבער קיינמאָל ניט געהערט פון אים ער זאָל זיך באַקלאָגן. ער האָט איבער־הויפּט פיינט געהאַט צו רעדן וועגן זיך. און סיי אין געזעלשאַפט און סיי אין גאַס פלעגט ער אימער מיט זיך האָבן זיין נאָטיץ־ביכל און אַלעמאָל עפּעס פאַרשרייבן. ער פלעגט זיך באַקלאָגן אויף די פּאָעטן פון זיין צייט, דאָס אָנשטאָט צו וועקן און רופן דעם אַרבעטער צום קאַמף, פלעגן זיי בלויז וויינען אויף דעם שיקזאַל פון דעם געפּלאָגטן אַרבעטער־פאָלק — — — אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן, ווען ער האָט שוין פון בעט ניט געקאָנט אַרויסגיין, פלעגט ער זיך נאָכפרעגן אויף געוויסע שטרייקן, וועלכע זיינען אָנגעגאַנגען דעמאָלט". (אַברהם יודעלעוויטש פון דענווער).[215]

לייטפּאָדעם פון עדעלשטאַטס לעבן

1866.

געבוירן דעם 21טן מאַי אין קאַלוגע (רוסלאַנד). זיין פאָטער, אַן אויסגע־דינטער ניקאָלאַאיִשער סאָלדאַט, איז צוערשט געווען אַ גאָראָדאָוואָי (פּאָליציאַנט), און שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין אַ זעג־מיל.

1873/76.

לערנט ביי אַ מלמד אַביסל עברי און ביי אַ רוסישן לערער — די רוסישע שפּראַך.

1877/79.

הויבט אָן שרייבן רוסישע לידער. איין ליד זיינס ווערט געדרוקט אין דער קאַלוגער צייטונג „גובערנסקי וועדאָמאָסטי". אין עלטער פון 15 יאָר — דערציילט עדעלשטאַט — האָב איך צווישן פריינט און באַקאַנטע געטראָגן דעם נאָמען ׳פּאָעט׳ און געשריבן רוסישע געדיכטע. מיין לײדנשאַפט פאַר פּאָעזיע, איבערהויפּט פאַר די רוסישע דיכטער ניקיטין און נעקראַסאָוו, האָט זיך פרי דער־וועקט אין מיין האַרצן" („וועראַ").

1880.

פאָרט אַריבער קיין קיעוו. לעבט אין אַ קרייז, וואָס שטייט נאָענט צו דער רוסישער פאָלקיסטישער באַוועגונג.

1881.

לעבט איבער דעם צאַרישן פּאָגראָם אויף יידן פונעם 8טן מאַי. ווערט קראַנק פון אויפרעגונג. ליגט אין שפּיטאָל, ווערט דאָרט באַקאַנט מיט אַ ריי סטודענטן און מיט ד״ר מאַקס מאַנדעלשטאַם, וועלכער נעמט אים אָן אויף אַרבעט אינעם קאָמיטעט פאַר פאַנאַנדערטיילן הילף צווישן די פּאָגראָם־געליטענע.

1882.

פאָרט קיין אַמעריקע צוזאַמען מיט דער קיעווער גרופּע „עם־עולם" (אייביק פאָלק), וואָס האָט געהאַט בדעה צו גרינדן דאָרט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע אויף קאָמוניסטישע יסודות. באַזעצט זיך אין סינסינעטי (אָהאַיאָ), וואו עס געפינען זיך זיינע צוויי עלטערע ברידער פון איין מאַמען: גרישאַ (הערש) און אַראָשע (אַהרן) מוטשניקאָוו.

1883/84.

ווערט אַ קנאַפּלאַך־נייער אין אַ שניידער־פאַבריק, איז פאַראינטערעסירט הויפּט־זאַכלעך אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

1885.

דערלערנט די ענגלישע שפּראַך. ווערט באַקאַנט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. הערט רעדן אַלבערט פּאַרסאָנס, דעם דעמאָלטדיקן רעדאַקטאָר פונעם ענגלישן אַנאַרכיסטישן וואָכנבלאַט „אַלאַרם" אין שיקאַגאָ. ווערט אַ מיטגליד פון דער „יידישער אינטערנאַציאָנאַלער גרופּע" אין סינסינעטי.

1886.

ווערט אַריינגעצויגן אין דער קאַמפּאַניע פאַרן גענעראַל־שטרייק פונעם 1טן מאַי, 1886, וואָס איז געפירט געוואָרן אונטערן לאָזונג פון אויסקעמפן דעם 8־שעהדיקן אַרבעטסטאָג.

— מאַי. דער גענעראַל־שטרייק אין שיקאַגאָ. די בלוטיקע אָנפאַלן אויף די דאָרטיקע אַרבעטער. די באָמבע, געוואָרפן פון אַ פּראָוואָקאַטאָר אויף דער פּאָליציי בעת אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער אויף היימאַרקעט־סקווער; די פּאָלי־צייאישע שחיטות אויף די אַרבעטער; דער אַרעסט פון די פירער פונעם גענעראַל־שטרייק און דאָס אָנקלאָגן זיי און פאַראורטיילן צום טויט פאַר דערמאָרדן דעם פּאָליציסט, וואָס איז געטויט געוואָרן דורך דער פּראָוואָקאַטאָרישער באָמבע. — דאָס אַלץ רעוואָלוציאָניזירט דעם 20־יאָריקן דוד עדעלשטאַט.

— זומער. מאַכט אַ פּרואוו צו „יוניאָניזירן" (גרינדן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון) זיין שניידער־פאַך. ער פאַרלירט דערפאַר זיין אַרבעט־פּלאַץ און פאָרט אָפּ קיין ניו־יאָרק.

ווערט טעטיק אין דער קאַמפּאַניע פון די ניו־יאָרקער אַרבעטער פאַר אויסוויילן הענרי דזשאָרדזשן פאַר מעיאָר (בירגערמייסטער) פון ניו־יאָרק. ווי אַ סך אַנדערע, האָפט עדעלשטאַט דורך דעם צו ראַטעווען די צום טויט פאַראורטיילטע אַרבעטער־פירער אין שיקאַגאָ.

— אָקטאָבער. די פאַמיליע קומט פון קיעוו קיין אַמעריקע. דוד עדעלשטאַט נעמט זי אַראָפּ פון שיף און פאָרט מיט איר צוריק קיין סינסינעטי.

1887.

ווערט אַרעסטירט פאַר זיין אָנטייל אין די פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען קעגן דעם טויט־אורטייל אויף די שיקאַגער אַרבעטער־פירער.

— 11טער נאָוועמבער. די שיקאַגער מאַרטירער ווערן אויפגעהאָנגען. דוד עדעל־שטאַט איז שטאַרק אויפגערודערט, האַלט ביים פאַרלירן דעם זינען פון ווייטאָק. ער ראַטעוועט זיך דורך אַפּפאָרן אויף אַ צייט קיין ניו־יאָרק, וואו די אַרבעטער־באַוועגונג ברויזט מיט קאַמף קעגן דער ברוטאַלער בורזשואַזיע.

.1888

ווערט זומער אַרבעטלאָז. קאָן ניט צוזען די נויט אין דער היים, „זען די מוטער אַ קראַנקע, אַ גרויע, אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, — — — די יונגע שוועסטער אין בלי פֿון אירע כּוחות, ווי עס שניידט פֿון איר שטיקער די אָרעמקייט און די טאָג־טעגלעכע נויט, ווי זי איז דערשלאָגן פֿון צרות" (פֿון אַ רוסישן פֿראַגמענט אין מאַנוסקריפּט).

— אָנהייב נאָוועמבער. פֿאָרט אָפּ קיין ניו־יאָרק זוכן אַרבעט.

— 11טן נאָוועמבער. באַזוכט אַן אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונג צום יאָרצייט פֿון די שיקאַגער מאַרטירער. די רעדע פֿונעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פֿירער סערגיי שעוויטש רירט עדעלשטאַטן ביז טרערן.

קריגט ניט קיין אַרבעט ביי זיין פֿאַך. גייט אַרום אָן אַרבעט.

.1889

— 5טן יאַנואַר. פֿאַרעפֿנטלעכט צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע זיינס אַ ליד (אין רוסיש) — „פּראָלעטאַריער", געדרוקט אין דער ניו־יאָרקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „זנאַמיאַ" (די פֿאָן). הויבט אָן פֿירן אַ טאָג־בוך (אין רוסיש).

— 17טן יאַנואַר. פֿאַרעפֿנטלעכט זיין צווייט רוסיש ליד „די פֿיס" (Ноги). קאָן דרוקן נאָך לידער, נאָר אים דערעסט „צו שלעפּן זיך אין רעדאַקציע". דערצו איז ער ניט געזונט און אַרבעטלאָז.

— 30טן יאַנואַר. קומט זוכן אַרבעט אין עדיסאָנס פֿאָנאָגראַף־פֿאַבריק אין אָרענדזש (ניו דזשוירזי). מען הייסט אים קומען מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער. — עדעלשטאַט אַרבעט אין עדיסאָנס פֿאַבריק בלויז 4 טעג — פֿונעם 18טן ביזן 21טן פֿעברואַר. נאָך דעם פֿאַרמאַכט זיך די פֿאַבריק אויף דריי וואָכן.

— 15טן פֿעברואַר. דערשיינט דער ערשטער נומער פֿון דער אַנאַרכיסטישער „וואַרהייט" מיט עדעלשטאַטס ערשטן פּרוּוו צו שרייבן יידיש (זיין ליד „צורוף [צו] דער וואַרהייט"). שרייבט נאָכדעם כּסדר אין יעדן נומער „וואַרהייט", ביז איר אונטערגאַנג דעם 12טן יולי, 1889 (פֿון אָט די ערשטע 20 לידער ווערן 8 געזונגען נאָך מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער אין אַמעריקע און אין רוסלאַנד).

— 24טן פֿעברואַר. קריגט אַרבעט אין ניו־יאָרק אין זיין פֿאַך, פֿאַר 8 דאָלאַר אַ וואָך.

— 25טן מאַי. עדעלשטאַטס פֿריינט פֿייערן זיין געבורטסטאָג. האַלטן רעדעס וועגן זיין „באַדייטונג אַלס פּאָעט, אַלס מענטש, אַלס פֿריינט" אאַז״וו.

— יוני. די פֿאַמיליע רופֿט אים צוריק קיין סינסינעטי. פֿאַר זיין אָפּפֿאָרן פֿון ניו־יאָרק, דעם 27טן יוני, 1889, פֿאָטאָגראַפֿירט ער זיך אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון זיינע פֿריינט (פֿון יענער צייט שטאַמט זיין באַקאַנט בילד מיט אַ באָרד).

אין סינסינעטי אַרבעט עדעלשטאַט אין דעם ראַדיקאַלן אַרבעטער־פֿאַראיין „טרוט־סיקער" (אמת־זוכער). שיקט אינעם נאָמען פֿון אָט דעם פֿאַראיין שטיצע פֿאַרן לאָנדאָנער „אַרבעטער־פֿריינד" (קוויטירט אינעם נומער פֿונעם 17טן יאַנואַר 1890).

1890.

— 30טן יאַנואַר. הויבט אָן מיטאַרבעטן אין דער פּריוואַטער סאָציאַליסטישער צייטונג „מאָרגן־שטערן". שרײַבט זיינע לידער אונטערן נאָמען פֿונעם הויפּט־העלד פֿון אוידאַס ענגלישן ראָמאַן „פּאַסקאַרעל", וועלכער קעמפֿט קעגן עסטרייך אין די אינטערעסן פֿון די איטאַליענישע אונטערדריקטע מאַסן.

— 17טן מערץ. טיילט מיט זיין פֿריינט יאַקאָוו (ליפּשיץ) וואָס רופֿט אים צוריק קיין ניו־יאָרק, אַז ער קאָן ניט פֿאַרלאָזן סינסינעטי, וויל ער דאַרף מיט זיין פֿאַרדינסט אויסהאַלטן די גאַנצע פֿאַמיליע.

— 4טן יולי. הויבט אָן אַרויסגיין די „פֿרייע אַרבעטער־שטימע". עדעלשטאַט ווערט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.

— סעפּטעמבער. לאָזט אַרויס אַן אויפֿרוף צו די יידן פֿון סינסינעטי וועגן הילף פֿאַר די ניי־געקומענע רוסיש־יידישע איינוואַנדערער צו ווערן אין אַמעריקע ערד־אַרבעטער.

— 10טן דעצעמבער. דער ראַדאַקטאָר פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע" פֿאָדערט אויף עדעלשטאַטן צו קומען אַלס דעלעגאַט צו דער צווייטער קאָנווענשאָן (צוזאַמענפֿאָר) פֿון די 32 אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס גיבן אַרויס די צייטונג.

— 25טן דעצעמבער. עדעלשטאַט ווערט אויסגעוויילט פֿונעם צוזאַמענפֿאָר פֿאַר דעם אַנאַרכיסטישן רעדאַקטאָר פֿון דער „פֿאַ"ש" (אַלס סאָציאַליסטישער רעדאַקטאָר ווערט אויסגעוויילט ד"ר יצחק אייזיק הורוויטש).

1891.

— 9טן מערץ. באַשרייבט זיין רעדאַקציע אין אַ בריוו צו זיין „פֿריינט" אַנאַ (נעטער ?): אַ „שמוציקער קעלער"..., קאַלט..., פּרעס־מאַשין קלאַפּט אין קאָפּ. רעדאַקציע „פֿול מיט אַ טומלדיקן המון"... מוז דאָרט „שרייבן אַן אַרטיקל, פֿאַרפֿאַסן פּאָעזיע", אויסהערן „קריטיק פֿון קאָפּע סאַלון־ [קיבעצאַרניע] חכמים... שטרענגע אָנדייטונג פֿון אַנטוישטע שרייבער, זידלעריי פֿון נאַראָנים" אאַז"וו, „דאָרט שרייבן, שרייבן, שרייבן" מיט „אַ צעבראָכן האַרץ..., מיט בלוטכראַקעניש". אַנגעוואוירן זיינע „בעסטע פֿריינט", „געקראָגן אַ הויפֿן נאַרישע שונאים".

— 13טן מערץ. טרעט אַרויס אויף אַ קאָנצערט אין פֿילאַדעלפֿיע מיט זיינע לידער, נאָר ליידט פֿון בינע־פֿיבער.

— 29טן אַפּריל. דערמוטיקט זיין איינציקע שוועסטער סאָניע צו ווערן אַן אַגיטאַטערשע פֿאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג (דאָס איז זיין לעצטער אָפּגעהיטענער בריוו פֿון ניו־יאָרק).

— יולי—אויגוסט. הויבט אָן שטאַרק ליידן פֿון טובערקולאָז.

— סעפּטעמבער. ווערט אָפּגעפֿירט אַהיים קיין סינסינעטי אין אַ קראַנקן צושטאַנד.

— 27טן אָקטאָבער. דערהאַלט פֿון זיינע ניו־יאָרקער חברים 25 דאָלאַר. פֿאָרט אָפּ קיין דענווער, אין די בערג פֿון קאָלאָראַדאָ, צו זוכן היילונג פֿאַר זיינע קראַנקע לונגען.

— 16טן נאָוועמבער. טעאַטער־אונטערנעמונג אין ניו־יאָרק צו שאַפֿן הילף־מיטלען פֿאַר עדעלשטאַטן אין קאָלאָראַדאָ.

— דעצעמבער. עדעלשטאַט שרייבט אַן אַ פֿאָרוואָרט פֿאַר זיין ערשטער לידער־זאַמלונג, אַרויסגעגעבן פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע" אין יאַנואַר 1892. דאָס פֿאָרוואָרט בלייבט ניט געדרוקט (זע קאַפּיטל 22).

.1892

יאַנואַר. דערשינען עדעלשטאַטס בוך „פֿאָלקס־לידער", פֿול מיט דרוק־פֿעלערן. ער האָט דערפֿון גרויס האַרצווייטאָק.

— מאַי—יוני—יולי. „פֿרייע אַרבעטער־שטימע" גייט אונטער. אַנאַרכיסטן־באַוועגונג צעריסן און צעבראָקלט. יאָהאַן מאָסט פֿאַרלירט זיין אויטאָריטעט; ווערט שטאַרק באַליידיקט פֿון זיינע פֿריערדיקע אָנהענגער. די יידישע אַרבעטער דערווייטערן זיך פֿון אַנאַרכיזם. בערקמאַנס פּרואוו צו טויטן אַ פֿאַבריקאַנט, וואָס האָט זיך איזדעקעוועט איבער זיינע שטרייקנדיקע אַרבעטער, ווערט אָפּלאָדירט פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אַרבעטער־צייטונג", נאָר מאָסט און זיינע אָנהענגער פֿאַראורטיילן בערקמאַנס טאַט. עדעלשטאַט באַזינגט בערקמאַנען אין אַ ליד „דער יונגער העלד". עדעלשטאַט ווענדט זיך אויך מיט אַ בריוו צו „פֿריינד און גענאָסן" וועגן באַנייען די „פֿרייע אַרבעטער־שטימע".

— אויגוסט. עדעלשטאַט לייגט פֿאַר זיין פֿאַמיליע צו עפֿענען אַ פּריוואַט־פּאַנסיאָן אין דענווער, כּדי צו קאָנען עקזיסטירן אָן פֿרעמדער שטיצע. ער וויל אויך, אַז זיין שוועסטער סאָניע, וואָס איז מיט אים געוועזן די גאַנצע צייט אין דענווער, זאָל ניט דאַרפֿן אַזוי שווער אַרבעטן.

— סוף סעפּטעמבער. די פֿאַמיליע הויבט אָן זיך אַריבערקלייבן קיין דענווער. דער פּאַנסיאָן ווערט געעפֿנט. נאָר עדעלשטאַטס געזונט ווערט ערגער. ער ערגערט זיך פֿון דער דעמאָראַליזאַציע אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. שרײַבט זיין „צייט־ליד" („אַרבעטער־פֿריינד", 14טן אָקטאָבער, 1892), אין וועלכן ער דערקלערט, אַז זיינע „אַלטע קאַמעראַדן" זיינען פֿאַרנומען בלויז מיט קאַריערעס, דיפּלאָמען און ביזנעס. דריקט אויך אויס זיין פֿאַרביטערונג קעגן די יידישע אַנאַרכיסטישע פֿירער אין אַ בריוו (דאַטירט דעם 10טן סעפּטעמבער) צו זיין אַנאַרכיסטישן פֿריינט ד"ר מיכאל קאָהן.

— 13טן אָקטאָבער. שרייבט זיין ליד „צום קעניג 'טויט'", וואו ער דריקט אויס זיין הייסן פֿאַרלאַנג צו לעבן און קעמפֿן.

— 17טן אָקטאָבער איז דוד עדעלשטאַט געשטאָרבן ביי זיין שוועסטער אויף די הענט.

בריוו פֿון דוד עדעלשטאַט

דוד עדעלשטאַטס בריוו גיבן אונדז אַן אינטימער בילד פֿון זיין פּערזענלעכקייט, ווי דאָס קאָנען געבן זיינע לידער. אין זיינע דיכטערישע שאַפֿונגען איז עדעלשטאַט צוערשט און צולעצט דער פֿרייהייט־קעמפֿער, וועלכער וויל באַפֿרייען די האָרעפּאַשנע מאַסן פֿון שקלאַפֿעריי. אים אינטערעסירט דאָרט דער עיקר אויסצודריקן די קאָלעקטיווע יסורים און ליידן פֿון דער מאַסע, ניט זיין אייגענעם אינדיווידועלן צער און פּיין. זיינע בריוו אָבער אַנטפּלעקן זיין מאָראַלישע און קינסטלערישע פּערזענלעכקייט אין אירע פֿאַרשיידענע קאָלירן און ניואַנסן און זיינען דערום פֿון העכסטער באַדייטונג פֿאַר עדעלשטאַטס קורצער לעבנס־געשיכטע. זיי דעקן פֿאַר אונדז אויף די הויכע עטישע פּערזענלעכקייט פֿון אָט דעם אומפֿאַרגלייכלעכן מענטשן אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

ניט צופֿעליק איז אָט די עדעלשטאַט־ביאָגראַפֿיע — פֿון די יאָרן, אין וועלכע מיר האָבן זיין קאָרעספּאָנדענץ — צום גרעסטן טייל באַזירט אויף זיינע בריוו. דאָך איז ווייניק זיי צו ציטירן און באַנוצן פֿאַר ביאָגראַפֿישן מאַטעריאַל. זיי דערגאַנצן די לעבנס־פֿאַקטן, וואָס די ביאָגראַפֿיע דערציילט און באַלייכטן די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, וואָס די ביאָגראַפֿיע האָט נאָר אָנגעדייט.

מיר זעען דאָרט, למשל, ווי שוין אין זיין ערשטן בריוו, געשריבן אין פֿעברואַר 1888, איז עדעלשטאַט דורכגעדרונגען פֿון דער זעלביקער זאָרג, וואָס אין זיינע סאַמע לעצטע טעג: ווי אַזוי צו פֿאַרהיטן, אַז „די זריעה, וואָס דיינע הענט האָבן פֿאַרזייט, וועלן ניט צעטראָטן ווערן מיט שמוציקע לאַפּעס פֿון טריאומפֿירנדיקע חזרים", — אַ שרעקנס־בילד, וואָס פֿאַרפֿאָלגט אים אויך אויף זיין טויטן־בעט, ווען ער ראַנגלט זיך מיטן טויט און זעט פֿאַר זיך „אַ ווילדן טאַבון פֿון טריאומפֿירנדיקע שוויינען".

אָט די זאָרג זיינע איז אָן ספֿק געוועזן באַווירקט פֿון זיין איבערלעבונג דעם 11טן נאָוועמבער 1887, ווען אָט אַזאַ „ווילדער טאַבון" פֿון חזרים מיט הערנער האָט טריאומפֿירט איבער די פֿינף אַרבעטער־מאַרטירער אין שיקאַגאָ — איבער דער קעמפֿערישער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפֿט בכלל.

צוגלייך זעען מיר שוין אויך אין יענע יאָרן (פֿון זיין בריוו פֿון 11טן נאָוועמבער 1888), צום צווייטן יאָרצייט פֿון אָט די שיקאַגער מאַרטירער, אַז ניט געקוקט אויף „די טריאומפֿירנדע שוויינען", פֿילט עדעלשטאַט, אַז „דער סאָציאַליזם איז ניט קיין טרוים, ניט קיין אילוזיע", נאָר „די רעאַלע צוקונפֿט פֿונעם פֿאָלק".

אין זיין „טאָגבוך" פֿון יאַנואַר 1889, וואָס איז געשריבן אַזוי אינטים ווי זיינע בריוו, האָבן מיר שוין אויך זיין פּאָליטישן אַני מאמין פֿון זיין

ניט אָפּגעדרוקט פֿאָרוואָרט צו זיין ביכל לידער אַרום דריי יאָר שפּעטער. ער שרייבט דאָרט, אַז ביים אָנבליק פֿון מענטשלעכע ליידן קען ניט דעם קינסטלערס האַנט „ריכטיק פֿירן מיטן פּענזל — — — די אויגן פֿאַר־נעפּלט אַ טרער, ווי קען מען דאָ טראַכטן וועגן גלאַטיקער פֿאָרעם און קלינגענדיקן גראַם".

מיר זעען אויך אין אַלע זיינע בריוו, פֿונעם ערשטן ביזן לעצטן, זיין טיפֿן צובונד צו דער פֿאַמיליע, — וואָס צייכנט אים אויס פֿון די אַנ־דערע פּיאָנערישע יידישע דיכטער אין אַמעריקע. זיין מענטשנליבע שפּרינגט ניט אַרויף אויפֿן לייטער פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם, איבערהי־פּענדיק שטאַפּלען פֿון פֿאַמיליע און פֿאָלק, נאָר וואַקסט אַרויס פֿון זיין ליבשאַפֿט צו עלטערן, שוועסטער און ברידער, און שפּרייט זיך אויס נאַטירלעך פֿון משפּחה צו פֿאָלק און מענטשהייט.

דאָסגלייכן וואַקסט ביי אים אויס נאַטירלעך די ליבע צום יידישן וואָרט — פֿון זיין ליבע צו זיין „טאַטנקן" (וואָס „וועט איצטער קענען אַליין די פּאָעזיע פֿון זיין פּאָעט") און צו זיינע ברידער־אַרבעטער, וועלכע לייענען יידיש. און אַזוי ווערט דער אין קאַלוגע געבוירענער דיכטער, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין פּאָעזיע אין רוסיש, „פֿאַרליבט אין דער יידישער שפּראַך" און געפֿינט אויס (ווי ער שרייבט אין זיין בריוו פֿון 1889), „אַז זי איז זייער מוזיקאַליש און פּלאַסטיש אויף אויסצודריקן דעם פֿאָלקס ליידן און זיינע האָפֿענונגען אויפֿן זיג פֿון אמת און ברידערלעכקייט".

די בריוו ווייזן אויך, אַז ניט אַלעמאָל איז עדעלשטאַט געווען אַ טרערן־דיכטער, אַז ער האָט אויך געקאָנט לאַכן און זיך וויצלען איבער זיך אַליין, אַפֿילו קראַנקערהייט, און אַז אַחוץ זיין שאַרפֿער סאַטירע און שניידנדיקן סאַרקאַזם, האָט ער אויך פֿאַרמאָגט פֿיינעם הומאָר.

*

די פֿאָלגנדיקע 50 בריוו זיינען געשריבן אין די לעצטע פֿינף יאָר פֿון עדעלשטאַטס קורצן לעבן — פֿון פֿעברואַר 1888 ביז אָקטאָבער 1892, — עטלעכע טעג פֿאַר זיין טויט. איבער צוויי דריטל פֿון אָט די בריוו זיינען אָריגינעל געשריבן אין רוסיש און ווערן דאָ געגעבן צוזאַמען מיט די אָריגינעל יידישע בריוו אין אַ יידישער איבערזעצונג.*

אין אָט די פֿינף יאָר (1888—1892) אַנטוויקלט זיך עדעלשטאַט צו אַ געזעלשאַפֿטלעכן טוער. ער דערנעענטערט זיך צו די יידישע מאַסן, הויבט אָן שרייבן אין זייער שפּראַך. ער ווערט אַ יידישער דיכטער, דערציילער און פּובליציסט און רעדאַקטאָר פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע". זיין אידעאָלאָגישע און ליטעראַרישע אַנטוויקלונג ווערט אונטערגעבראָכן דורך דער פּראָלעטאַרישער קראַנקהייט (טובערקולאָז), מיט וועלכער ער ראַנגלט זיך איבער אַ יאָר נאָכאַנאַנד און ווערט פֿון איר באַזיגט.

* איבערגעזעצט פֿון ש. בריאַנסקי, אין קיעוו, און פֿאַרגליכן מיטן אָריגינאַל דורך דעם סאָוועטיש־יידישן ליטעראַטור־קריטיקער מאַקס עריק. די איינגעוועבטע פֿראַג־מענטן פֿון לידער זיינען פֿריי איבערגעזעצט פֿון דעם סאָוועטיש־יידישן דיכטער מאָטל האַלצמאַן, וועלכער איז געפֿאַלן אין דער מלחמה קעגן פֿאַשיזם.

אין זײַנע ערשטע בריוו, און אויך אין זײַן אָנגעהויבענעם טאָגבוך, זעען מיר נאָר עדעלשטאַטן אַלס אַ ראַדיקאַלן אַרבעטער, אַ מין רוסישן פֿאָלקיסט, וואָס ווערט באַווירקט סײַ פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סײַ פֿון די אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע. ער האַלט פֿיל פֿון דעם פֿלאַמענדיקן אַנאַרכיסטישן אַגיטאַטאָר יאָהאַן מאָסט, נאָר ווערט אויך געריירט ביז טרערן דורך אַ רעדע פֿונעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פֿירער סערגיי שעוויטש. דאָך איז שוין קענטיק זײַן וועג. די „טראַגעדיע פֿון שיקאַגאָ" (וואו די בורזשואַזיע האָט געבראַכט אויף דער תּליה אַ רײ אַנאַרכיסטישע אַרבעטער־פֿירער בלויז פֿאַר זייער פּראָפּאַגאַנדע) מאַכט אַ נײַע ווענדונג אין דעם לעבן פֿון דעם 21־יעריקן סענטימענטאַלן דיכטער. דער קאַמף קעגן צאַריזם אין רוסלאַנד און קעגן קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע ווערט פֿאַר אים אַן איינהייט. אין בײדע לענדער זעט עדעלשטאַט פֿון איין זײַט רעוואָלוציאָנערן, וואָס זײַנען גרייט אָפּצוגעבן זייער לעבן פֿאַר דער פֿרײַהייט, און פֿון דער אַנדערער זײַט טיראַנען, וואָס באַשטראָפֿן די פֿרײַהייט־קעמפֿער מיט טורמעס און תּליות. די אויפֿגעהאָנגענע שיקאַגער אַנאַרכיסטן ווערן פֿאַר אים אַן אַמעריקאַנער אויפֿלאַגע פֿון די אויפֿגעהאָנגענע רוסישע נאַראָדאָוואָלצעס. דאָס איז פֿאַר אים אַ גענוגנדיקער מאָטיוו, אַז ער זאָל נאָכפֿאָלגן דעם בײַשפּיל פֿון די שיקאַגער אַנאַרכיסטן: רופֿן אויף די באַריקאַדן צו אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד, צום „לעצטן שטרייק", צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און מיניִמיזירן דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף, וואָס דאַרף די אַרבעטער צוגרייטן און אָרגאַניזירן.

דוד עדעלשטאַט איז אָבער אַליין אַ פֿאַבריק־אַרבעטער, וואָס לײַדט פֿון עקספּלואָטאַציע און אַרבעטלאָזיקייט. ער שטייט נאָענט צו די אַרבעטער און אַרבעטנדיקע מאַסן. ער ווייסט זייער נויט און פֿאַרשטייט די וויכטיקייט פֿון זייער יעדן קאַמף קעגן באָס (פֿאַבריקאַנט) און לענדלאָרד (הויז־אייגנטימער). דאָס ברענגט אין ווידערשפּרוך זײַן טעאָריע מיט זײַן פּראַקטיק. ער איז דערפֿאַר כּסדר אומרואיק און אומצופֿרידן.

אַ באַשטימטע ראָלע האָט דאָ אָפּגעשפּילט דער רעפֿאָרמיזם און אָפּאָרטוניזם פֿון די ייִדישע סאָציאַליסטישע פֿירער פֿון יענער צײַט (1890—1892). מאָריס ווינטשעווסקי (דעמאָלט נאָך אַן „אומפּאַרטייִאישער" סאָציאַליסט, אָדער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער) האָט זיי פֿאָרגעוואָרפֿן אין זײַנע נאָטיצן אין לאָנדאָנער „אַרבעטער פֿרײַנד" (28טן נאָוועמבער 1890), אַז זיי זײַנען „הייסע אָנהענגער פֿון קאָמפּראָמיס, הויפּטזעכלעך מיט זייער אייגענעם געוויסן". דוד עדעלשטאַט באַקעמפֿט זייער אָפּאָרטוניזם, זייערע פּשרות מיט די באַלעבאַטים. ער טרעט אויך אַרויס קעגן דער כאַלטורע און שונד, מיט וועלכע זייער פּרעסע קאָרמעט די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן. עס איז אים דערפֿאַר לײַכט זיך אײַנצורעדן, אַז דער אַנאַרכיזם איז אַ רעוואָלוציאָנערע אידייע, און אַז סאָציאַליזם מיינט אָפּאָרטוניזם. דאָס פֿאַרבלענדט אים זײַנע אויגן ניט אײַנצוזען שפּעטער די ריכטיקע מאָטיוון פֿונעם צוזאַמענברוך פֿון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדישע מאַסן.

דער אַנאַרכיזם פֿאַרלירט זיין באַדן צווישן דער יידישער אימיגראַנ־טישער מאַסע, ווען זי ווערט מער דיפֿערענצירט. איין טייל ווערט גאַנץ פּראָלעטאַריזירט און איז גרייט פֿאַר אַן אָרגאַניזירטן סיסטעמאַטישן טאָג־טעגלעכן קלאַסנקאַמף. אַ צווייטער טייל גייט איבער צוריק צו זיין קליינ־בירגערלעכן שטאַם און לאָזט זיך אַריין אין געיעג נאָך געלט.ביידע טיילן פֿאַרלאָזן די אַנאַרכיסטישע רייען. די אַנאַרכיסטישע פֿירער, צום גרעסטן טייל בירגערלעכע אינטעליגענטן, הויבן אָן זאָרגן יעדער פֿאַר זיך אַליין. דער קראַנקער עדעלשטאַט, פֿאַרוואָרפֿן ווייט פֿון די אינדוסטריעלע צענ־טערס, באַגרייפֿט ניט, וואָס דאָרט קומט פֿאָר. ער זעט בלויז אַז זיינע „אַלטע קאַמעראַדן" יאָגן זיך נאָך „קאַריערעס, טיטולן, דיפּלאָמען, ביזנעס". ער פּרובירט זיי מוסרן, נאָר ער ווייסט אַליין, אַז זיי וועלן אים ניט הערן. איינעם פֿון זיינע לעצטע בריוו, געשריבן עטלעכע וואָכן פֿאַר זיין טויט, ענדיקט עדעלשטאַט מיט די ווערטער:

„אַך, ווי שלעכט, ווען עס קומט אויס צו וועקן די וועקער, צו באַוועגן די באַוועגער!"

45 פֿון די עדעלשטאַט־בריוו זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון זייער מאַ־נוסקריפּט. אַלע מאַנוסקריפּטן, אויסער צוויי, זיינען מיר איבערגעגעבן געוואָרן אין אַנהויב פֿון די דרייסיקער יאָרן, פֿון עדעלשטאַטס שוועסטער סאָניע (שרה עדעלשטאַט־טעלסאַן), צו וועמען אַ גרויסער טייל פֿון די רוסישע בריוו זיינען געשריבן. די אַנדערע צוויי, צו חיים וויינבערגן, זיינען פֿאַר מיר קאָפּירט געוואָרן פֿון דער ביבליאָטעק פֿון ייוואָ אין ווילנע. די בריוו צו דער שוועסטער און צו די איבעריקע פֿאַמיליע־מיט־גלידער זיינען די אָריגינאַלן. די אַנדערע בריוו, אין מאַנוסקריפּט, זיינען צום גרעסטן טייל עסקיזן (אָנוואורפֿן) פֿאַר בריוו, אָפֿט ניט געענדיקטע.

ק. מ.

1

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש —
סינסינעטי, לעצטע וואָך אין פֿעברואַר, 1888]

[צו ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו]

פֿריינט זאָלאָטאַראָוו!

דו ווילסט, איך זאָל דיר שרייבן וואָס מער. גוט, איך בין גרייט דיר צו שרייבן וועגן אַלץ, וואָס ס׳קען דיך נאָר אינטערעסירן, נאָר קודם־כּל דאַרף איך אָפּגעבן גערעכטיקייט די פֿאַרשטאָרבענע און מיטטיילן דיר אַ טרויעריקע נאַכריכט. מייטוסעס פֿאָטער [231] איז געשטאָרבן דעם לעצטן מיטוואָך, אינעם געבורטסטאָג פֿונעם גרויסן זעלנער וואַשינג־טאָן.[232] געשטאָרבן איז דער עלנטער נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אָפּגע־מאַטערט ביי אַ חודש אין אומגעהייערע פּייניקונגען. דער דאָזיקער קלאַפּ האָט זיך שווער אָפּגערופֿן אויף יונגן מייטוסן, וועלכער איז איצט אַליין אויך ניט געזונט. די לעצטע נאַכט פֿונעם אַלטנס לעבן בין איך אָפּגע־זעסן ביי זיין בעט, און עס איז געווען אומדערטרעגלעך צו זען, ווי אַ מענטש האָט זיך געשיידט מיטן לעבן פֿול מיט לעבנס־דאָרשט, און ווי ער איז געשטאָרבן נישט געליבט, פֿאַרגעסן פֿון זיינע קינדער, אָן אַ גע־זעגן־קוש, אָן אַ פֿריינטלעכן דריק פֿון האַנט.

איך האָב געקוקט אויף דעם זיך לעשנדיקן לעבן, וואָס לאָזט ניט איבער נאָך זיך אַפֿשר קיין איין שפּור אין דער גרויסער געשיכטע פֿון דער הייליקער מענטשלעכער טעטיקייט אין נאָמען פֿון אמת, פֿרייהייט און גערעכטיקייט, און געטראַכט האָב איך: ווי גליקלעך איז דער, וואָס קען

אין אַ קבֿר נידערן,
צו וועלכן די ברייטע פֿאָסטעלעס פֿונעם פֿאָלק
זאָלן אויסטרעטן אַ וועג.

יאָ, ברודער, ניט קיין סך מענטשן גיט זיך איין צו שטאַרבן מיטן באַוואוסטזיין, אַז דו האָסט געלעבט ניט אומזיסט, אַז די זריעה, וואָס

דיינע הענט האָבן פּאַרזיט, וועט ניט צעטראָטן ווערן מיט שמוציקע לאַפּעס פון טריאומפירנדיקע חזירים.

עס איז ניט שווער צו זיין אַ חכם,
מע דאַרף נאָר אויסגערעכנט דענקען —
אַ שטרענגער ריכטער זיין אין לעבן ;
נאָר זיין אַ מענטש אין אונדזער צייט,
און אויכעט שטאַרבן, ווי אַ מענטש —
אָט דאָס איז איינצלנע געגעבן.

נאָר גענוג וועגן טויטע, לאָמיר רעדן וועגן לעבעדיקע. נאָר פריער — פרידן צו דיין שטוב, אלטער פּראָלעטאַריער. מיר וואָלט זיך זייער געגלוסט דיר שרייבן וועגן מיין טעטיקייט אויך אַזוי גרינג און טרייסטעוודיק, ווי דו שרייבסט עס, נאָר גלויב מיר, אַז ווען איך הויב אָן צו טראַכטן וועגן מיין טעטיקייט — — —

2

[איבערגעזעצט פון רוסיש]

ניו־יאָרק, 6טן נאָוועמבער, 1888

[צו דער פאַמיליע אין סינסינעטי]

ליבע און טייערע !

ביי מיר איז דערווייל קיין נייעס נישטאָ, נאָר כּדי איר זאָלט נישט האָבן קיין טענות, אַז כ׳שרייב נישט קיין בריוו, שיק איך אייך דאָס דאָזיקע פּאָסטקאַרטל.

איך בין שבת געווען אויפן רוסישן באַל, געפּילט עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב פון לאַנג־לאַנג, און אפשר זינט איך לעב, ניט געפּילט. דער רוסישער כאָר האָט געזונגען רוסישע לידער אַזוי, אַז איך האָב זיך שיער נישט צעוויינט. ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט אי „סינסינעטי", אי מיין פאָטערס הויז, אי מיינע אָפּגעבריטע הענט, און טרערן, און געלעכטער, און נאָך פיל אַנדערס, וואָס ס׳איז נישט איבערצוגעבן... איך בין געזונט און שיק אייך אַלעמען מיין גרוס און קושן. שרייבט, צי איז קאָנטער [233] געקומען צו פאָרן.

אייער דוד.

3

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]

ניו־יאָרק, 11טן נאָוועמבער, 1887 [1888]

„הורא פֿאַר העריסאָנען"[234]

טייערע עלטערן, ליבע ברידער און טייערע סאָניע!

ביי אונדז אין ניו־יאָרק לעבט זיך מערקווירדיק שנעל. פֿאַר איין טאָג לעבסטו איבער אָפֿט אַזוי פֿיל, וויפֿיל דו וועסט אין דער רואיקער פֿרידלעכער שטאָט סינסינעטי נישט דורכפֿילן און נישט דורכטראַכטן פֿאַר גאַנצע פֿינף יאָר. אין דעם־אָ בריוו וואָלט איך געוואָלט זיך טיילן מיט אייך מיט די איינדרוקן, וועלכע האָבן מיך פֿאַרפּלייצט, ווי אַ זודי־קער שטראָם, כּמעט פֿון דעם ערשטן טאָג אָן זינט איך בין אַהער גע־קומען צו פֿאָרן. אַ ניי לעבן, נייע כּוחות, אַ לערע פֿון אמתן, זעלבסט־בילדונג און גיריקע שטרעבונג צו ליכט באַמערקט זיך דאָ באַזונדערס אין די יידישע קרייזלעך. אָבער נים וועגן דעם וויל איך איצטער רעדן. איך וועל אייך דערציילן, ווי אַזוי ביי אונדז, דאָס הייסט אין ניו־יאָרק, איז פֿאָרגעקומען דער יאָרצייט פֿון די שיקאַגער אַנאַרכיסטן. דאָס איז געווען אַ גראַנדיעזער היסטאָרישער אַקט, וועלכן איך וועל קיינ מאָל נישט פֿאַרגעסן אין מיין לעבן און וועלכן ס'וועט, דוכט זיך, נישט פֿאַר־געסן אויך די נייע וועלט־געשיכטע. וויסנדיק, אַז אינעם קופּער אינסטי־טוט[235] וועט זיין אַ שטופּעניש, בין איך אַהין געקומען 7 אַזייגער אין אָוונט, נאָר אויך דאַן איז שוין אַרום אינסטיטוט געשטאַנען אַ טויזנט־קעפּיקע מאַסע. און אַ גרופּע אונדזעריקע רוסלענדער האָט אין איין ווינקל זיך געאַמפּערט אויף רוסיש וועגן עפּעס אַ שרייבער און האָט אַזוי געשריגן, אַז די דייטשן און די אַמעריקאַנער האָבן צעעפֿנט די מיילער און געוואָלט זיי משלח זיין אין אַ דול־הויז.

ענדלעך האָט מען דעם אינסטיטוט געעפֿנט, און די מאַסע האָט זיך אַ לאָז געטאָן קעפּ־אויף־קעפּ אין זאַל אַריין... אַז איך בין געקומען צו זיך פֿון דער שטופּעניש, בין איך געשטאַנען אינמיטן זאַל, אַריינגע־קוועטשט צווישן אַ צענטויזנט־קעפּיקן עולם,[236] וועלכער איז געקומען דערוויזן דער וועלט, אַז די אידייע פֿונעם אַנאַרכיזם, אַז די אידייע פֿון דער פֿאָלקס־פֿרייהייט איז ווייט נישט טויט, אַז זי לעבט אין די הערצער פֿון הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט אין

אַלע עקן פֿון דער וועלט צו פּראָטעסטירן קעגן דער אונטערדריקונג פֿון דער בורזשואַזיע. די דאָזיקע צענטויזנטיקע מאַסע, וואָס האָט זיך צונויפֿגעקליבן אין ניו־יאָרק אין איין ריזיקן זאַל, אַ באַפּוצטן מיט רויטע פֿענער פֿון דער רעוואָלוציע, האָט געפֿונען פּאַסיקע אויסדריקער אין דער פּערזאָן פֿון מאָסטן [42] און שעוויטש,[75] וועמענס גראַנדיעזע רעדעס איך קען אייך דאָ נישט איבערגעבן. איך וועל אייך נאָר זאָגן, אַז ווען שעוויטש האָט גערעדט, האָב איך געפֿילט, אַז טרערן האָבן ניט־ווילנדיק געטריפֿט פֿון מיינע אויגן; און ווען די מוזיק האָט דערנאָך געשפּילט די מאַרסעליעזע און די גיגאַנטישע מאַסע האָט אַרויסגעלאָזט געשרייען פֿון נישט־געפֿעלשטן ענטוזיאַזם, האָב איך געפֿילט, אַז דער סאָציאַליזם איז נישט קיין טרוים, נישט קיין אילוזיע, אַז דאָס איז די רעאַלע צוקונפֿט פֿונעם פֿאָלק, און אַז נישט ווייט איז די צייט, ווען די דאָזיקע מאַסע וועט אויסוואַקסן ביז הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס קעמפֿן באַוואוסטזיניק פֿאַר זייערע באַרויבטע מענטשלעכע רעכט. מאָסט איז באַגעגנט געוואָרן דורכן עולם מיט דונערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן געדויערט אַ מינוט צען, און דערנאָך האָט ער געצוואונגען זיינע צוהערער צו לערנען פֿיל נוצלעכס און פֿאַר פֿילע [געגעבן] אַן אַבסאָלוט נייעם באַגריף וועגן אונדזער וועלט. מערקווירדיק איז דאָס, וואָס אונדזערע רוסלענדער פֿאַרנעמען אומעטום דאָס ערשטע אָרט מיט זייער איבערגעגעבנקייט צו די גרויסע שטרעבונגען פֿון דער מענטשהייט. רוסלענדער זיינען געווען אָן אַ שיעור. — — —

4

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]

„טאָגבוך"[237]

דעם 5טן יאַנואַר 1889 בין איך דאָס ערשטע מאָל אַרויס אין דער וועלט מיט מיין ליד „פּראָלעטאַריער".[238] פֿיל ערלעכע פּראָלעטאַריער האָבן זיך מיטפֿילנדיק אָפּגערופֿן אויף די דאָזיקע אויסגעווייטיקטע קלאַנגען און האָבן מיר שטאַרק געדריקט די האַנט. אין אָוונט בין איך געווען אויפֿן באַל לכּבֿוד דער דערשיינונג פֿון דער צייטונג „זנאַמיאַ". איין יונגערמאַן איז געזעסן לעבן אַ שוואַרצאויגיק מיידל און האָט איר היים דעקלאַמירט דעם „פּראָלעטאַריער". איך האָב אים געהערט און כ'האָב געפֿילט אַ שטילע, זיסע פֿרייד. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב אויך

„עפּעס־וואָס" אויפגעטאָן פאַר מיין ברודער, וואָס איז פאַרמאַטערט אינעם קאַמף און אין דער אייביקער גרויער זאָרג פאַרן שטיקל ברויט... נאָר געווגג, צי האָב איך נישט קיין טעות?

דעם 17טן יאַנואַר איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דאָס ליד „די פּיס". עס האָט געמאַכט אַ גרעסערן רעש איידער דער „פּראָלעטאַריער". די טעמע איז אַן אָריגינעלע, אָבער די רעדאַקציע האָט, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, פאַרקירצט מיינע „פּיס" אויף גאַנצע 11 סטראָפעס, און מיר ווייזט זיך אויס, אַז דעם ליד האָט עס פיל געשאַדט, הגם אייניקע דרינגען דערפון פאַרקערט.

דעם פינף און צוואַנציקסטן יאַנואַר. כ׳האָב נאָך ביז איצט, חוץ דעם „פּראָלעטאַריער" און די „פּיס", גאָרנישט געדרוקט. איך האָב גע־וואָלט אָפּדרוקן דאָס ליד „פּאָגרעמס", ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז דער פערז איז אַ שווערער, און איבעראַרבעטן דאָס ליד קען איך נישט, ווייבאַלד עס האָט זיך אַזוי אויסגעגאָסן. אמן. כ׳וואָלט געקאָנט אָפּדרוקן עפּעס אַנדערש, אָבער ס׳האָט דערעסן דאָס שלעפּן זיך אין רעדאַקציע... דערצו נאָך בין איך עפּעס נישט געזונט, און קיין אַרבעט קען איך בשום אופן נישט קריגן... און עקזיסטירן דאַרף מען.

דעם ניין און צוואַנציקסטן יאַנואַר. סוזשעטן האָבן זיך אָנגעקליבן אין קאָפּ אַ סך, און די אַרבעט גייט זייער לאַנגזאַם... צום ביישפּיל, „דער גאַסן־מוזיקאַנט". אַ ווינטערדיקער, קאַלטער, גרויער טאָג. הינ־טערן פענצטער פון אַן אָנשטענדיקן הויכן הויז שטייט אַ קאַטערינשטשיק. אַ בלאַסער, אויסגעמאַטערטער, איינגעהילט אין קלאָגעדיקע שמאַטעס, איז ער שטאַרק דורכגעפרוירן געוואָרן, און מיט אַ ציטערנדיקער האַנט, וואָס איז שוין בלוי פון דער קעלט, דרייט ער די קאַטערינקע. נאָר די קאַטע־רינקע — אַן אָרעמע און נעבעכדיקע, — אינעם באַלעבאָס געראָטן — לאָזט אַרויס אַנשטאָט אַ מעלאָדיע עפּעס אַ גסיסה־כריפּ... פּונקט ווי עמע־צער וואָלט זיך געוואָרפן אין אַגאָניע־קראַמפּן פאַרן טויט. דער פרעכער ווינט שמייסט אָפּט דעם אָרעמען קאַטערינשטשיק מיט אייז־קעלט און פאַר־טויבט אינגאַנצן די שוואַכע קרעכצן פון זיין צעשעדיקטער פריינדין... און אָט איז פאַר אייך אַ שטום, אָבער אַ טיף־טראַגיש בילד... איר זעט פאַר זיך אַ נעבעכדיקע מענטשלעכע באַשעפעניש, צוגעדעקט מיט קווי־טיקע שמאַטעס, בלוי פונעם אייזיקן אָטעם פונעם פראָסט... אומאויס־דריקלעכע פּיין האָט אים פאַרקרימט דאָס געזיכט. ס׳איז פול מיט טעמפּער פאַרצווייפלונג, מיט וואַנזיניקע קללות דעם גורל. די דאָזיקע פיגור איז

פֿאַרגליווערט געוואָרן אויפֿן גרויען פּאָן פֿונעם גרויזאַמען ווינטער... נאָר אַ שוואַרץ־בלויע האַנט דרייט מעכאַניש דאָס הענטל פֿון דער קאַטערינקע. איר שטייט איבעראַשט פֿון אָט דעם טויטן־בילד... די קאַטערינקע איז שוין אינגאַנצן פֿאַרגליווערט געוואָרן אין איר אַגאָניע. נאָר אייך דוכט זיך, אַז איר הערט אַ פֿאַרשטיקטע כליפּענדיקע מעלאָדיע פֿון אַ לוויה־ליד, וואָס איז פֿול מיט האַרצרייסנדן אומעט, פֿול מיט אכזריותדיקן וויי; אייך דוכט זיך, אַז פֿון די בלוטלאָזע ליפּן און פֿון די אויסגעלאָשענע אויגן און פֿון אונטער יעדער פֿאַלד פֿון אָט דעם וואַנדערנדיקן מוזיקאַנטס האַלב־צעריסענעם מאַנטל רייסן זיך אַרויס קלאַנגען איינער נאָכן צווייטן, קלאַנגען, אין וועלכע ס'הערט זיך אַ גאַנצע דראַמע פֿון דערנידעריקונגען און לײדן פֿון אַלע טאָג און יעדע שעה... דער ווינט ווערט צעיושעט. דער סקריפּ פֿון דורכפֿאַרנדיקע, האַלב־פֿאַרפֿרוירענע פֿורן ווערט אַלץ שאַרפֿער און עקלדיקער.

ענדלעך, האָט זיך אינדערהויך געעפֿנט אַ פֿענצטער — אַ קליין קינדערש הענטל האָט זיך אַרויסגעשטעקט אויף אַ ווײַלע פֿונעם פֿענצטער, און אַ קופּערנער גראָשן האָט זיך אָפּגעקלאַפּט אָן דעם פֿאַרפֿרוירענעם ליים. די מעכאַנישע פֿיגור האָט זיך גענומען רירן, אָנגעבויגן זיך צו דער ערד, און לאַנג האָט ער מיט פֿאַרפֿרוירענע פֿינגער גענישטערט איבער דעם ערטערוויז מיט שניי פֿאַרשאָטענעם ליים, און ענדלעך האָט זיך אים, נאָך עטלעכע אָנשטרענגונגען, איינגעגעבן אויפֿצוהויבן מיט אַ שטיקל שניי די קלאָגעדיקע נדבה, נעמען זיין דורכגעפֿרוירענע ברויטגעבערין און פֿאַרשווינדן אינעם פֿראָסטיקן נעפּל, אין געיעג נאָך נייע גראָשנס...

איך געדענק, אַז ווען כ'האָב זיך אומגעקערט אין מיין אַזויגערופֿענער וואוינונג און אַוועקגעזעצט זיך צום ביכל, האָט אין מיינע אויערן געקלונגען די גסיסה־כריפּעניש פֿון דער נעבעכדיקער קאַטערינקע. און לאַנג האָט מיר געשווינדלט פֿאַר די אויגן די געשטאַלט פֿונעם וואַנדערנדיקן קאַטערינשטשיק, וואָס אָט שטייט ער ווי אַ מעכאַנישע ליאַלקע אינעם פֿראָסטיקן נעפּל, און אָט האָט ער זיך אָנגעבויגן, נישטערנדיק מיט די בלויגעוואָרענע פֿינגער איבער דעם אייזיקן ליים, באַמיענדיק זיך אויפֿצוהויבן דעם אַראָפּגעוואָרפֿענעם גראָשן. אָט האָט ער אים שוין אויפֿגעהויבן, נאָר די ציטערנדיקע פֿינגער ווילן אים ניט פֿאָלגן, און דער גראָשן פֿאַלט אין שניי...

אַ שווער, פּיינלעך בילד. נאָר די האַנט ציטערט צו שטאַרק פֿון אינעווייניקסטער צערודערונג, אַז זי זאָל ריכטיק פֿירן מיטן פּענדזל, די אויגן

פֿאַרנעפּלט אַ טרער. ווי קען מען דאָ טראַכטן וועגן גלאַטיקער פֿאָרעם און קלינגעוודיקן גראַם, אַז ס'דערטראָגט זיך צו מיר דאָס טראַגישע לוויה־ליד אָן ווערטער, אָן קלאַנגען, נאָר פֿול מיט עלנט און טרערן.

דעם דרייסיקסטן יאַנואַר. כ'בין געקומען צו פֿאָרן קיין „אַראַנדזש״, טאָמער וועל איך קענען קריגן אַרבעט ביי עדיסאָנען, ביים פֿאָנאָגראַף. מ'האָט געהייסן וואַרטן ביז מאָנטיק. אָפּגעשטעלט האָב איך זיך אויף קוואַרטיר ביי אַ יידישן שוחט, אַ קלוגיטשקן, צווייפּנימדיקן ממזר. אַליין איז ער דאַר, ווי אַ שפּענדל, דאָס ווייב — אַ גראָבלעכע, אָט־אָט כאַפּט זי די אַפּאָפּלעקסיע.

מיר האָט דערעסן צו זיצן אינעם דושנעם צימערל. איך בין אַרויס אויפֿן גאַס. ס'איז געווען אַ שיינער, וואַרעמער טאָג. דער צעגאַנגענער שניי האָט ערטערווייז געבליאַסקעט אונטער דער פֿריילעכער זון, ציכטיקע קריש־טאָלענע ריטשקעס, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די דינע אייז־שטיקער, האָבן פֿריילעך געזשומעט, ריזלענדיק איבער די ווייסע שטיינער. דאָ און דאָרט האָבן געגרינט שלאַנקע ביימער, און אין איינעם, אַ ניט גרויסן פּאַרק האָב איך באַמערקט אַ קופּערנעם מאָנומענט, וואָס איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן לכּבֿוד עפּעס אַ מוטיקן קריגסמאַן פֿון דער רעוואָלוציע. זיין נאָמען האָב איך ניט געקאָנט פֿאַנאַנדערקלייבן.

דער לויטערער, וואַרעמער טאָג האָט געווירקט אויף מיין אויסגעמאַ־טערטער ברוסט, ווי היילנדיקער באַלזאַם. איך האָב פֿרייער אָפּגעאָטעמט, און אונטער דער לירישער שטימונג אָנגעוואָרפֿן אַ פֿראַגמענט:

כ'האָב פֿאַרליבט זיך אין דער ליליע,
זי איז שנייאיק, ווייס און מילד,
און איך קוש זי, און איך האַלדז זי
און איך גלעט איר הייליק בילד.

כ'קום ביינאַכט צו דער אַלייע,
פֿאַרטייעט גיי איך צו איר צו,
עס דרימלט איין מיין בלייכע ליליע
אין שטילער און אין זיסער רו.

מיט לבֿנה־שיין באַשפּריצט שוין
איז איר קערפּערל איר צאַרטס,
און זי אָטעמט, ווי דער פֿרילינג,
ווי דער פֿרילינג אין מיין האַרץ.

דער גערויש פֿון קוואַל פֿון בלויען
האָט זי שוין פֿאַרוויגט פֿון לאַנג,

בײ דעם ליד פֿון צויבער־פֿויגלס
שטיל־פֿאַרציטערטן געזאַנג
שלאָפֿט זי אײַן...

5

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]
אָראַנדזש, ניו־דזשוירזי, דעם 18טן פֿעברואַר [1899]
[צו דער שוועסטער]

ליבע סאָניע!

זאָל דיך ניט וואונדערן מײַן שווײַגן, איך האָב זיך, מײַן טײַערע, דורך א מאָדנעם גורל אריבערגעפּעקלט פֿון ניו־יאָרק אין אַפּעלסינען־שטאַט „אָראַנזש". דאָס דאָזיקע שטעטל איז אַ שעה פֿאָרן פֿון ניו־יאָרק. איך בין געקומען צו פֿאָרן אין דעם דאָזיקן „אַפּעלסין" אויף דער רעקאָמענדאַציע פֿון א דזשענטעלמען און אָנגעקומען אויף דער פֿאַבריק פֿון עדיסאָנען — דעם דערפֿינדער פֿון טעלעפֿאָן און פֿאָנאָגראַף (רייד־מאַשין). אָנגעקומען בין איך אַלס מעכאַניק, הגם חוץ מעכאַנישן שווײַגן ווײס איך גאָרנישט ניט. צוויי טעג האָב איך שוין דאָרט אָפּגעאַרבעט, און דערווײַל האָט מען [מיך] נאָך ניט ארויסגעטריבן פֿאַר דער מעכאַניקע. וואָס ס'וועט זײַן ווײַטער, איז א סוד... אויב מײַן מעכאַניק וועט זיך אײַנגעבן, דאַן, דאַן... נאָר דו ווייסט שוין, סאָניע, וואָס דאַן וועט זײַן... די שטאָט אַפּעלסין איז זייער א שיינע, דאָרט געפֿינען זיך די זומער־וואוינונגען פֿון אַלע פֿעטע קאַפּיטאַליסטן, אָבער איצט איז דאָ לאַנגווײַליק, ווי אין א דאָרף. איך וואוין בײַ זייער אינטערעסאַנטע הערן און דאַמען, וועגן וועלכע איך וועל דערציילן אַן אַנדערש מאָל.

פֿאַראַן בײַ מיר איין גוטע בשורה. אין ניו־יאָרק איז ארויס א יידישע צײַטונג פֿון די אַנאַרכיסטן „וואַרהייט". דער ערשטער נומער איז זייער א געלונגענער. די צײַטונג האָט געקאָסט פֿיל מי. א סך שלאָפֿלאָזע נעכט, א סך געזונט און געלט האָבן דאָ אַוועקגעלייגט די אַזוינערופֿענע „פּיאָנערע דער פֿרייהייט",[239] ביז עס איז זיי געלונגען ארויסצוגעבן די דאָזיקע צײַטונג, אָבער דערפֿאַר, רעכן איך, וועט זי, אַלס ערלעכע אמתע ארבעטער־צײַטונג, האָבן דערפֿאָלג.

אין צײַטונג וועסטו געפֿינען א ליד פֿון א נייעם יידישן דיכטער, מיט וועלכן דו ביסט, אפֿנים, באַקאַנט.[240]

טײַערע סאָניע, שרייב מיר אָן, איך בעט דיך, וועגן זלאַטען[241] דעם גאַנצן אמת, דו ווייסט, אַז ביטערער אמת איז בעסער פֿון א ניט־ביטערן

ליגן. שרייב מיר וואָס אָפּטער. ווי פֿילסטו זיך — ביסט אָפּגעצערט אָדער שענער געוואָרן? וואָס לייענסטו? לייען „זשערמינאַל" אויף ענגליש.[242] דאָס איז אַ דערציילונג פֿון זאָלאַ, און זייער אַ גוט בוך. איך האָב געהאַט בדעה אָנצושרייבן גאַנצע בערג, נאָר היינט בין איך מיד פֿון דער „מעכאַניק", און די האַנט וויל שוין מער ניט פֿירן מיט דער פּען.

גיב פֿון מיר איבער, איך בעט דיך, אונדזער גאַנצער הויפּט־סוויטע קוש און גרוס. פֿאַרוואָס שרייבט מיר עמיל[243] גאָרנישט, ווי אַזוי ער לערנט זיך, צי האָט ער אויפֿגעהערט פּוסטעפּאַסעווען. געוויס, ער האָט זיך געבעסערט, ער איז דאָך עלטער געוואָרן מיט 4 חדשים — אין אונדזער צייט באַטייט עס זייער פֿיל. ווי מיינסטו, יערמאַק טימאָפֿייעוויטש?

ווי איז דאָס געזונט פֿון אונדזערע אַלטע לייט? וואָס טוט די מאַמענקע און דער טאַטענקע? ווי גייט עס בכלל אין דער קאָמונע? וואָס מאַכט לייב? ווי איז סיידע,[244] זי איז נאָך אַלץ אַזאַ גראַציע, אָדער איז זי קאָקעטיש געוואָרן? מיט איין וואָרט, סאָניע, שרייב מיר אָן אַלץ, און איך וועל זיך באַמיען זונטיק אייך אָנצושרייבן אַ זונטיקדיקן בריוו, אויב נאָר ס'וועלן מיך ניט אַטאַקירן די ניו־יאָרקער לייט, ווייל זונטיק וועל איך אויס לאַנגוויל פֿאָרן קיין ניו־יאָרק זיך זען מיט מיינע פּיאָנערן.

אַלזאָ, איך קוש און דריק שטאַרק דיין הענטעלע.

דיין פּאָעט, מעכאַניק, אַרטיסט און פֿאָנאָגראַפֿיסט און דער רוח ווייסט וואָס פֿאַר אַן „איסט".

דוד.

6

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]

ניו־יאָרק, לעצטע וואָך אין פֿעברואַר, 1889

[צו דער פֿאַמיליע]

ליבע און טייערע מיינע!

איך האָב אייך געשריבן, אַז איך אַרבעט אין „אַפּעלסין" (אָראַנדזש, ניו־דזשוירסי). איך האָב געאַרבעט ביי עדיסאָנען סך־הכּל איין וואָך. אין וואַשינגטאָנס געבורטסטאָג האָט די גאַנצע פֿאַבריק אָפּגעשטעלט די אַרבעט אויף דריי וואָכן. דאָנערשטיק האָב איך באַקומען מיין געהאַלט, וואָס באַטרעפֿט אַכט דאָלער, און באַצאָלט פֿינף די אַפּעלסינער לייט פֿאַרן פּענסיאָן (ביי זיי זיינען די פּרייזן, ווי איר זעט, אַפּעלסינענדיקע) און דערנאָך האָב איך מיט אַ דרייערל דאָלאַרן זיך אַוועקגעלאָזט קיין צאַרגראַד — ניו־יאָרק. צו אַלעם ערשטן בין איך, פֿאַרשטייט זיך, אַריינגע־

לאָפֿן אין רעדאַקציע „וואַרהייט", דאָרט האָט מען ערשט געהאַט גע־בראַכט פֿון דער דרוק־מאַשין אַ הייסינקע „וואַרהייט" מיט מיינע „גע־דאַנקען אין דער פֿאַבריק". [245] איך האָב זיי גענומען באַטראַכטן, לייענען, שמעקן, און האָב געפֿונען, אַז אייניקע ערטער אין מיינע „געדאַנקען" זיינען פּונקט ווי דער בדחנישער גראַם, און אַנדערע סטראָפֿעס זיינען גאַנץ נישקשה, באַזונדערס פֿאַר דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור. אייך האָט אַוודאי פֿאַרחידושט מיין יידישע מוזע. איבריקנס, שרעקט זיך ניט, מיר וועלן ניט פֿאַרשעמט ווערן, מיין וויטערדיק ליד „אין קאַמף" וועט זיין פֿיל בעסער, און דאָס היגע יידנטום וועט מיר זאָגן אַ דאַנק פֿאַר מיינע ערלעכע און פֿרייע לידער. צי האָט געלייענט דער טאַטענקע מיינע לידער? איך בין ביז טרערן גערירט, וואָס ער וועט איצטער קענען אליין לייענען די פּאָעזיע פֿון זיין פּאָעט, און איך אַליין בין מער אויך איינגע־ליבט אין דער יידישער שפּראַך און געפֿין, אַז זי איז זייער מוזיקאַליש און פּלאַסטיש אויף אויסצודריקן דעם פֿאָלקס ליידן און זיינע האָפֿענונ־גען אויפֿן זיג פֿון אמת און ברידערלעכקייט.

ווי אַזוי שאַצן בכלל אָפּ די סינסינעטער לייט די „וואַרהייט"?

באַמיט זיך צו פֿאַרשפּרייטן זי ווי ווייט מעגלעך מערער. נו, דאָס איז אַלץ פּאָעזיע. איצט וועלן מיר צוטרעטן צו דער פּראָזע. איך אַרבעט איצט אין ניו־יאָרק און פֿאַרדינען וועל איך, אויב גאָט וועט געבן אריכת־ימים, אַ דאָלער 8 אַ וואָך. אָנגעהויבן האָב איך זונטיק (שבת אַרבעט מען דאָ ניט), און דערווייל גייט אַלץ כשורה. דאָס וואָלט איך אייגנטלעך באַדאַרפֿט געווען שרייבן פֿריער פֿאַר אַלץ, נאָר די פּאָעטן שרייבן וועגן ענינים שטענדיק נאָך אַלעמען.

אַזוי אַרום אַרבעט איך ווידער און שרייב יידישע לידער. און ווי אָטעמט עס זיך ביי אייך? שרייבט אָן, איך בעט אייך. אַז איר וועט באַ־קומען די וויטערדיקע צייטונג, זאָלט איר, און באַזונדערס דו, ליבע סאָניע, אויסלערנען אויף אויסווייניק מיין ליד „אין קאַמף", און זינגען קען מען עס אויפֿן מאָטיוו פֿון דעם ליד, וואָס דער אַלטער זאָלאָטאַראָוו פֿלעגט ביי אונדז זינגען אין קלוב — „איך זיץ ביי מיין אַרבעט". אַהרן ווייסט דעם מאָטיוו. איז אָט, אַז איר וועט זיך אין מיר דערמאָנען, אָדער ווען ס'וועט אייך זיין לאַנגווייליק, זאָלט איר זינגען מיין ליד. איר וועט אַליין מונטערער ווערן, און מיר וועט דאָ פֿריילעכער זיין, ווען איך וועל וויסן, אַז איר זינגט דאָרט אַמאָל און דערמאָנט זיך אָן מיר...

עך, ס'אַ שרעק, די האַנט איז מיד; ביי גאָט, כ'קען מער ניט שרייבן; אַ צווייט מאָל וועל איך אָנשרייבן מער. איך קוש די מאַמענקע, דעם טאַטענקע און אייך אַלעמען, אַלעמען ביז איינעם.

איך בעט אייך, שרייבט אָפּטער אויף זאָלאָטאָראַווס אדרעס.

אייער יידישער בדחן דוד.

7

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש —
העלפֿט מערץ, 1889]

[צו דער פֿאַמיליע]

ליבע און טייערע מיינע!

איך האָב באַקומען פֿון ראַסינסקין [246] אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מיר ענדלעך אויף מיינע ביטעס, אָנגעזאָגט די שרעקלעכע בשורה, וועגן וועלכער איך האָב, הגם נעפּלדיק, זיך אָנגעשטויסן פֿון אייערע בריוו, נאָר מיר האָט זיך פֿונדעסטוועגן ניט געוואָלט גלויבן.[247]

איצט בלייבט נאָר שלום מאַכן מיט אָט דעם גזלנישן קלאַפּ פֿון אונדזער, אָפּט ביז חיהשקייט, אכזריותדיקן גורל.

אומזיסט זיינען מיינע טרערן אויף אַרויסצורופֿן זי צום לעבן; זיי גיסן זיך פֿאַר די לעבעדיקע, פֿאַר די קליינע קינדער און פֿאַר זייער פֿאָטער.

פֿאַרצייט, וואָס איך צעעפֿן אייך אפֿשר ווידער די וואונד, וועלכע איז שוין אַביסעלע פֿאַרהיילט געוואָרן אין אייערע הערצער; איך ווייס, וואָס ס'קאָסט אייך אָט דער אייביק פֿאַרפֿאַלענער פֿאַרלוסט, און איך וואָלט געבעטן אַראָשען [248] מיר אָנשרייבן גענויער וועגן דער פֿאַרשטאָרבענער.

ווייטער, וואָס מאַכן גרישע, לייב, סיידע? איך קען זיך ניט דערמאָנען אין זיי אָן טרערן, איך האָב דאָ ניט מיט וועמען צו טיילן מיין ווייטיק, און איר וועט אויף מיר ניט בייז זיין, וואָס איך שרייב אייך אָט די טרויעריקע שורות.

איך סטאַרע זיך, ווי ווייט מעגלעך, מוטיק איבערטראָגן אָט דעם אומגליק, נאָר איך קאָן ניט טראַכטן אָן ביטערקייט וועגן מיין גורל, וועלכער איז אַזוי קאָנסעקווענט אין זיין באַרבאַרישקייט.

איך האָף, אַז די קינדער וועלן געפֿינען אין אייך אַלעמען זייער מוטער, און דאָס באַרואיקט מיך אַביסל פֿאַר זייער צוקונפֿט.

אויב גרישע קאָן, וואָלט איך געבעטן, אַז ער זאָל מיר אַליין אָנשרייבן.

בײ מיר איז דערװײל קײן נײַעס ניטאָ. איך אַרבעט ניט גרינג, נאָר איך בין געזונט און איך צאָל אױס צוביסלעך מײנע חובות. דער רוח װײסט, װען האָב איך דאָס באַװיזן אַזױ פֿאַרשולדיקן זיך. איבעריקס, װעל איך אײַנגיכן זיך צעצאָלן.

דאָס איז שױן די צװײטע װאָך, װאָס איך אַרבעט. נאָך דער אַרבעט לײען איך און שרײַב בריװ און ײדישע לידער פֿאַר דער „װאַרהײט". אַמאָל גײ איך אױף פֿאַרזאַמלונגען.

איך בין זײער צופֿרידן, װאָס דו, סאָניע, האָסט זיך פֿאָטאָגראַפֿירט. איך האָב נאָך פֿריער גערעכנט דיך בעטן װעגן דעם, נאָר איך האָב ניט געװאָלט. כ'האָב געטראַכט: כ'װעל פֿאַרדינען און אַרױסשיקן געלט, און דערנאָך װעל איך בעטן זיך צו פֿאָטאָגראַפֿירן.

איצטער בין איך נאָך באַנקראָט, נאָר אײַנגיכן װעל איך, דוכט זיך, רײַך װערן, װעל איך אױסבעסערן מײַן טואַלעט און אױך װעגן דײַנעם אַ טראַכט טאָן. מען דאַרף נאָר, אַז קײנע „סטאַפּעדזשעס",[249] אָדער „סלעס"[250] זאָלן ניט קומען צו הילף.

פֿון דײַנע בריװ, סאָניע, האָב איך דערהאַלטן נאָר אײנעם, צו זאָלאָ-טאַראָװון, מיט אַ דאָלער, אָבער אין „אַפּעלסין" איז דײַן בריװ, פֿאַרשטײט זיך, פֿאַרפֿאַלן געגאַנגען, און איך װײס ניט, װעגן װאָסער פֿראַגע דו רעדסט. אױב מײנע השערות זײַנען ריכטיק, איז עס אפֿנים — פֿאַרװאָס איך בין אָװעקגעפֿאָרן פֿון ליפֿשיצן.[251] די סיבה איז די, װאָס אין ניו־יאָרק הערשט אַ טױטקײט ערגער װי בײ אײַך, און נאָך אַנדערע סיבות, װעגן װעלכע איך װעל זיך אַ צװײטן מאָל דורכשמועסן.

שרײַבט מיר תּיכּף ענטפֿער. און װען דאָס קאַרטל װעט זײַן פֿאַרטיק, שיקט עס באַלד צו. איך װאָלט אױך אַ בעלן געװען צו האָבן אײַערע אַן אַלגעמײנע פֿאָטאָגראַפֿיע, בײ אײַך איז פֿאַראַן עטלעכע. װי האַלט עס מיט אײַך, צי זענט איר אַלע געזונט? שרײַבט אַלע.

אײַער דוד.

8

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]
ניו־יאָרק, 23טן מערץ, 1889

ליבע סאָניע!

איך האָב דערהאַלטן דײַן קאַרטע (פֿאָטאָגראַפֿיע). דערזען זי, האָב איך דערפֿילט דאָס זעלבע, װאָס ס'דערפֿילט אַ מענטש, װען ער האָט לאַנג

געבלאָנדזשעט אין אַ פֿרעמדן מדבר און ענדלעך באַגעגנט ער זיין גוטן איין־און־איינציקן פֿריינט. ער פֿאַרגעסט אַלע איבערגעלעבטע צרות, און זיין גאַנצער וועזן איז איבערגעפּילט מיט אַ פֿרייד, וואָס איז שווער אויסצודריקן. איך האָב דיך ווידעראַמאָל דערזען, און מיר האָט זיך אויס־געוויזן, אַז יאָרן זיינען שוין דורכגעגאַנגען זינט מיר האָבן זיך געזען. און אינדעראמתן איז דורכגעגאַנגען ערשט 5 חדשים זינט איך בין אוועק־געפֿאָרן פֿון סינסינעטי. איך ווייס, אַז אין מיין אָפּוועזנהייט איז אייך אויך אויסגעקומען ניט ווייניק שווערס איבערצולעבן; אָבער איצטער, דוכט מיר, וועלן מיר מיטן אָנקום פֿונעם שיינעם פֿרילינג אַביסל אויפֿלעבן און פֿרייער אָפּאָטעמען. איך אַרבעט ביי יידן, בין איך די שבתים פֿריי, און זונטיק אַרבעט איך. איך וואוין ביי זאָלאָטאַראָוון, איך מיט הללן (דער יונגער זאָלאָטאַראָוו) האָבן אַ קליין צימערל; די באַפּוצונג פֿון מיין צימערל באַשטייט סך־הכּל פֿון היינעס פּאָרטרעט, צו וועלכן ס׳וועט איצט צוקומען אויך דיין, פֿאַר מיר טייערע, געשטאַלט.

אַגב, מיין פּאָרטרעט פֿון היינען האָט אַ קליינע געשיכטע. מיר האָט אים געשענקט אַ ליבהאָבערין פֿון פּאָעזיע און פּאָעטן מיט אַ תּנאי, אַז איך זאָל איר עפּעס אָנשרייבן אין אַלבום, האָב איך איר אָט וואָס אָנגעשריבן:

כ׳האָב אַ רעמל געקויפֿט פֿאַרן פּאָרטרעט,
כ׳לאָז די אויגן ניט אַראָפּ, און גלייך
ווי ס׳טוט אַ קוק נאָר אַ פּאָעט אויף אַ פּאָעט,
דערמאָנט ער זיך געוויס אָן אייך.

נאָר דו, סאָניע, מיין ניט, אַז איך בין (באַהיט גאָט) פֿאַרליבט אין אָט דער ליבהאָבערין פֿון פּאָעטן און פּאָעזיע. זי איז, אָן צווייפֿל, זייער אַ בכּבֿודיקע דאַמע, און איך שעץ זי, ווי אָן אַנטוויקלטע פֿרוי, נאָר איינליבן זיך אין ניו־יאָרק טראָג אַלע מיינע וואונטשן קאָן איך ניט; מיר דוכט, אַז איך בין שוין צו אַלט פֿאַר דער ראָלע פֿון אַ פֿאַרליבטן.

איבעריקנס, בין איך איצטער, אייגנטלעך, טיף פֿאַרליבט אין מיין מוזע, זי רוימט מיר איין אָפֿטמאָל אין אויער אירע ליבע מעלאָדיעס. ס׳איז פּשוט קיין צייט ניטאָ צו פֿאַרשרייבן אירע לידער און קאַפּריזן. די טעג בין איך, טראַכטנדיק וועגן סינסינעטי, וועגן אייך אַלעמען, אַנטשלאָפֿן געוואָרן, און אָט וואָס מיר האָט זיך געחלומט. דעם דאָזיקן חלום ווידמע איך דיר, סאָניע.

מיר האָט זיך געחלומט, ווי כ׳פֿלי שוין
אַזוי ווי אָן אָדלער אַהיים,

אַז אָט, און איך זיץ ביי מיין טישל —
איך בין שוין ניט איינער אַליין.

עס גיסט מיר טיי אָן מיין שוועסטער,
און איך נעם מיט ליבע אַרום
מיין מוטער, מיין פריינט מיין בעסטן,
מיין פאָטער, וואָס קוקט אויף מיר שטום.

„מיין קינד, דו ביסט בלייך — אין הויפּטשטאָט
האָסטו פון קיין רו ניט געטראַכט".
„ס'איז גאָרניט, דערפאַר האָב איך דאָרטן
געשריבן לידער אַ סך".

און ווייל כ'האָב באַגעגנט מיט שנאה
דעם טיראַן, און מיט ליבע דעם מענטש,
האָבן ירושלימער אַדל־לייט גרויסע
מיין טייערע מוזע געבענטשט.

„איך האָב זיי געזונגען פון פרייהייט,
זיי האָבן מיין ליבע דערקענט".
„מיין קינד, האָסט זיך אָבער געמאַטערט,
האָסט געליטן נויט אין דער פרעמד".

מיינע פריינט, כ'בין געוואוינט שוין צו נויטן.
נאָר אויב ס'איז מיין מוזע געליבט,
געליבט פונעם פאָלק, וואָס לײדט נאָך,
איז עס מיין איינציקער גליק.

און איך האַלדז מיין שוועסטער, מיין מוטער,
איך פאַרזיס מיט קושן די טיי,
נאָר איך עפן די אויגן... איך ציטער...
איך געזעגן זיך פלוצים מיט זיי.

איך ליג אין דעם קליינינקן שטיבל —
ס'איז פייכט און ס'איז אָטעמען שווער.
איך בין אין ניו־יאָרק, — דאָס איז זיכער,
איך בין וואַך — איך חלום ניט מער.

נו, סאָניע, ווי געפעלט דיר עפּעס מיין חלום? דאָס איז אַן אמתער ניו־יאָרקער חלום. איך אַנטשולדיק זיך, אגב, כ'האָב דורכגעלאָזט א סטראָפע, וואָס גייט גלייך נאָך דער ערשטער:

אַ שווער בייכיקער שטייט אויפן טיש דאָרט
דער סאַמאָוואַר, ער גלאַנצט און זידט,

אַזוי אויך דער גליקלעכער דיכטער,
ווען עס רוישט אין זיין האַרצן דאָס ליד.

פֿאַר אַנדערע וועט אפֿשר די פֿאַרגלייכונג זיך אויסווייזן ניט געלונגען שוין דערפֿאַר, וואָס פּאָעטן האָבן זעלטן גראָבע בייכער; דאַן וועט מיר אויסקומען זיך צו פֿאַרענטפֿערן, אַז איך מיין די פּאָעטן פֿון דער צוקונפֿט, ווען ס׳וועט ניט זיין, רעכן איך, אַזויפֿיל שטרענגע צענזאָרס, ווי איצטער, און דעריבער וועט ניט אויסקומען צו ווערן אַזוי מאָגער און דאַר, ווי דאָס קומט איצט פֿאָר. פֿאַראַן ביי מיר אויך אַנדערע אינטערעסאַנטע לידער, נאָר שרייבן אַלץ מיט אַמאָל איז ניט גוט. אינעם לעצטן נומער „וואַרהייט" האָב איך אָנגעשריבן מיין „צוואה",[252] נאָר דו, סאָניע, מיין ניט, איך בעט דיך, אַז איך בין אויפֿן שוועל פֿונעם אייביקן לעבן; ס׳האָט מיך פּשוט פֿאַרכאַפּט דאָס בילד, און די פּאָעטן געפֿינען אין די טרויעריקסטע בילדער שיינקייט, און זינגען, און מאַכן דאָס טרויעריקע פֿריילעך, און אַמאָל אויך פֿאַרקערט. די „צוואה" מיינע איז אַ סך אַזוי געפֿעלן געוואָרן, אַז ביי זיי איז אויסגעוואַקסן אַן אַפּעטיט צו אַזאַ פֿייערלעכער לוויה. איך האָב אייך ניט לאַנג אַוועקגעשיקט אַ בריוו, אין וועלכן איך האָב געשריבן, אַז איך האָב באַקומען דאָס פּעקל, און איר האָט אים [דעם בריוו] מן הסתם שוין באַקומען. איצטער ווידער אַ דאַנק, סאָניע, פֿאַר דער קאַרטע, איך בין דיר, מיין טייערע, איצטער שוין אַזויפֿיל שולדיק, אַז גאָט זאָל נאָר געבן כּוחות זיך צעצאָלן. דאָס בוך וועגן דער רעוואָלוציע וועל איך זיך סטאַרען אַרויס־שיקן. און איצטער גיב איך איבער גרוסן אַלע אונדזערע אייגענע און באַקאַנטע. און שרייב מיר וועגן אַלע קלייניקייטן פֿון דיין לעבן, מיך אינטערעסירט אַלץ, און זע, זאָלסט ניט בענקען.

דיין דוד.

9

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]
ניו־יאָרק, דעם 28טן מאַי, 1889

מיין טייערע סאָניע!

איך קאָן דיר ניט איבערגעבן דאָס פֿריידיקע דערקוויקנדיקע געפֿיל, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מיין גאַנצן וועזן, ווען איך האָב באַקומען דיין בריוו. ער האָט געאָטעמט מיט דער זעלבער זיסער דופֿט, ווי די רויז, וואָס איז אין אים געלעגן. יאָ, דו ביסט פּונקט יענע גוטע, וואוילע סאָניע, וואָס איך

שטעל זיך שטענדיק פֿאָר, און איך טראַכט אָפֿט, אַז איר זענט פֿיל בעסער און וואויילער פֿון מיר, איך גיי צופֿיל אַוועק אין מיין אינערלעכער וועלט פֿון געדאַנקען און טרוימען, אַז איך זאָל זיין אַזוי אויפֿמערקזאַם צו דער אַרומיקער וועלט.

אין דעם בריוו דאַרף איך דיר גענוי באַשרייבן, ווי אַזוי איך האָב געפֿייערט מיין געבורטסטאָג אין ניו־יאָרק. דאָס איז זייער אינטערעסאַנט. כ׳וועל אָנהויבן פֿונעם אָנהויב: געפֿייערט האָב איך שבת, דעם 25טן מאַי, אינעם טאָג, ווען איך בין פֿריי פֿון דער אַרבעט.[97] איז אָט, שבת גאַנץ פֿרי, אַזייגער 8, ווען איך בין נאָך געלעגן מיט מייטוסן אין בעט, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין מיין צימערל. און אָט האָב איך, איינהילנדיק זיך אין דער קאָלדרע, געעפֿנט די טיר און ווידער געלייגט זיך אין בעט, איז אַריין צו אונדז מיין גוטע באַקאַנטע, מיס נעטער[98] — מיר רופֿן זי „די קליינע גוטע נעטער”. דאָס איז אַ קליינינטשקע, שיינינקע ברונעטין, אַ ביסל אַן עקסצענטרישע, נאָר זייער אַן ערלעכע און אַ גוטע. זי איז געקומען מיט אַ ריזיקן בוקעט פֿון לעבעדיקע רויזן צו גראַטולירן מיך צו מיין געבורטסטאָג און האָט געוואָלט אומבאַדינגט זיין די ערשטע. אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי, פֿאַרשטייט זיך, אַוועקגעגאַנגען, און איך האָב גענומען שמעקן די רויזן און קוויקן זיך מיט אָט דער אויסגעצייכנטער מתּנה. און ווייסטו, סאָניע, איך האָב זיך געפֿרייט, ווי אַ קינד; ניט דערפֿאַר וואָס איך האָב אַזוי ליב בלומען, נאָר פּשוט דערפֿאַר, וואָס איך האָב געפֿילט, ווי טיף עס שעצט מיך אָט דאָס אָרעמע מיידל. זי איז ספּעציעל אויפֿגעשטאַנען פֿרי, אויסגעגעבן, קען זיין, אירע לעצטע סענטן, כּדי מיך צו דערפֿרייען. און וואָס בין איך, נאָך אַלעמען, פֿאַר אַ פֿויגל אַזאַ, — אַ קבצן, אַן עלנטער, און מער גאָרניט. אָבער איך בין גליקלעך, סאָניע, וואָס איך האָב פֿאַרדינט ליבע און אַכטונג ביי די ערלעכע מענטשן, מיט וועלכע איך בין זיך דאָ צונויפֿגעגאַנגען. אַזייגער 12 ביי טאָג זיינען מיר, עטלעכע מענטשן, אַוועק שפּאַצירן, און אָט איז אונדז אַריין אַ געדאַנק אַוועקצופֿאָרן אויפֿן קליינעם אינדזל, וואו עס שטייט די „פֿרייהייט־סטאַטוע”. דאָס איז ניט ווייט פֿון קעסל־גאַרדן,[99] און ס׳קאָסט מיט דער שיף 25 סענט. אין 15 מינוט אַרום זיינען מיר אָנגעקומען צום קליינעם אינדזעלע, וואו ס׳האָט זיך באַוויזן פֿאַר אונדזערע אויגן די גיגאַנטישע סטאַטוע, וואָס איבעראַשט מיט איר גרויסקייט. די דאָזיקע סטאַטוע איז אַזאַ ריזיקע, אַז אין איר אינגעווייד קאָן מען אַריינגיין, ווי אין אַ זאַל, אַרויפֿקלעטערנדיק אויף שמאָלע טרעפּ. אויף איר קאָפּ ליגט אַ קאָלאָסאַלע קרוין, פֿון וועלכער מען קאָן אַרויסקוקן, ווי פֿון אַ פֿענצטער, און זען דעם ים מיט די שפּיצן פֿון ניו־יאָרק. פֿאַראַן דאָרט אַ סך הויך

גראָז ארום דער סטאַטוע, און מיר האָבן דאָרט געזעסן ביז אַזייגער 4 אין אָוונט. אַזייגער 8 האָבן זיך ביי מיר צונויפֿגעזאַמלט אַלע מיינע נאָענטע פֿריינט. די בעל־הביתטע פֿון אונדזער דירה האָט אונדז אויף דעם אָוונט אָפּגעגעבן איר זאַל, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר, און מיר האָבן געקויפֿט קעיק [קוכן] צו דער טיי, געקויפֿט מאַראַנצן מיט אַנאַנאַסן, און געמאַכט אַ גאַנצן באַל.

עס זיינען געווען, פֿאַרשטייט זיך, די זאָלאָטאַראָוום — דער אַלטער און די אַלטע, מיטן זון. חוץ דעם, אויך אומבאַקאַנטע סאָציאַליסטן און סאָציאַליסטקעס און גלאַט מיידלעך פֿון אונדזער קרייז, פֿאַרערערינס פֿון מיין פּאָעטישן טאַלאַנט. מ׳האָט געטרונקען טיי, פֿאַרביסן, געזונגען לידער, און אַזייגער 11 ביינאַכט, ווען אַלע באַקאַנטע און פֿריינט זיינען שוין גע־ווען צונויפֿגעזאַמלט און אויפֿן טיש זיינען געלעגן עטלעכע בוקעטן, וואָס מ׳האָט מיר געשענקט, האָט מען זיך דערמאָנט, אַז אָן ביר וועט זיך דער ענין ניט באַגיין. איך האָב געזאָגט, אַז דערצו בין איך קיין מחותּן ניט, ווייל איך טרינק ניט קיין ביר. אָבער מיינע פֿריינט האָבן געבאַלעבאַטעוועט אָן מיר, צונויפֿגעלייגט זיך און געקויפֿט אַ גרויס פֿעסל ביר. נאָך דעם ביר זיינען אַלע פֿריילעכער געוואָרן און גענומען לייענען לידער. גערעדט האָבן אַלע וועגן מיין באַדייטונג אַלס פּאָעט, אַלס מענטש, אַלס פֿריינט א. אַז. וו. קאָמפּלימענטן האָבן זיך געשאָטן אַ סך, אייניקע האָבן אויך זייער אויפֿ־ריכטיק מיר אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע. אַזוי האָבן מיר געהוליעט ביז 2 אַזייגער ביינאַכט, און מיר וואָלטן ניט אוועקגעגאַנגען, ווען דאָס זאָל ניט געווען זיין ביי פֿאַמיליע־מענטשן, וועלכע מען האָט געדאַרפֿט סוף־כּל־סוף געבן אַ מעגלעכקייט אָפּצורוען. מיט איין וואָרט, דער אָוונט איז דורכגעגאַנגען זייער געלונגען, און איך וועל אים, דוכט מיר, קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. אַ שאָד נאָר, וואָס אייך, מיינע טייערע, האָב איך ניט געהאַט אויף דער דאָזיקער ערשטער פֿייערונג אין מיין לעבן. נאָר איך האָף, אַז אין דער צוקונפֿט וועלן מיר זיין צוזאַמען. איצט אַ פּאָר ווערטער וועגן דער נסיעה. כ׳וואָלט זייער צופֿרידן געווען אַראָפּצופֿאָרן צו אייך און זיין צוזאַ־מען מיט אייך. נאָר איך דאַרף נאָך זיין דאָ אַ געוויסע צייט. מיטום וועט אינגיכן צו אייך קומען צו פֿאָרן, ניט שפּעטער, ווי אין אַ וואָכן צוויי אַרום, און ער וועט אייך דערקלערן מיין באַשלוס. יעדנפֿאַלס, רעכן איך, אַז איך וועל זיין אין סינסינעטי. אַ פֿאָטאָגראַפֿיע וועל איך אייך אויך אינגיכן אַרויסשיקן; אויך דאָ פֿאָדערן ביי מיר אַלע, איך זאָל זיך פֿאָטאָגראַפֿירן, — איז אָט, וועל איך שוין אַראָפּנעמען מיין צורה. דערווייל, סאָניע, שרייב

מיר. גרים אַלע אונדזעריקע, קוש די קינדער. מייטוס גריסט; צום גיכן ווידערזען.

דיין דוד.

10

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]
ניו־יאָרק, יוני, 1889

ליבע און טייערע סאָניע.

איך האָב יענע וואָך ניט געשריבן, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז מייטוס וועט ביי אייך זיין און וועט אייך איבערגעבן אַלץ, וואָס מען קאָן אייך זאָגן וועגן מיין לעבן אין ניו־יאָרק.

היינט האָב איך באַקומען אַ בריוו אויך פֿון מייטוסן, אין וועלכן ער שרייבט צווישן אַנדערן, אַז איר האָט פֿאַרלאַנגט, איך זאָל קומען.

אַז איך הויב אָן טראַכטן וועגן מיין נסיעה, קומען ביי מיר אויף צוויי פֿאַרשיידענע דילעמעס.

איך וויל אייך אַלעמען זען, לעבן מיט אייך און טיילן מיט אייך אַלץ, וואָס ס׳פֿאַלט אויס אויף אונדזער גורל.

און דערנאָך דערמאָנט זיך ווידער אונדזער פֿאַרשלאָפֿענע שטאָט, וואָס אָטעמט קוים, מיט איר מאָנאָטאָנישקייט, און מיר דוכט זיך, אַז איך וועל ווידער ניט קאָנען לאַנג זיך האַלטן אין איר שטיקנדיקער ספֿערע.

אָבער נאָך לאַנגע טראַכטענישן האָב איך פֿאָרט באַשלאָסן קומען צו פֿאָרן, אויב ניט אויף שטענדיק, איז אויף אַ שטיקל צייט.

איך וועל געוויס קאָנען קריגן אַוועלכע ניט איז אַרבעט און העלפֿן אין אַ געוויסער מאָס אויך אייך.

קומען אייך צו הילף פֿון דאַנען איז ביז איצטער, יעדנפֿאַלס, אומ־מעגלעך געווען; איך האָב אַ מאַסע חובות, וואָס כ׳האָב אָנגעבאָרגט פֿאַר די פֿיר אַרבעטלאָזע חדשים, אַלע פֿאָדערן און אַלעמען דאַרף מען באַצאָלן.

אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען רעכן איך אין די ערשטע טעג פֿון יולי; פֿריער... האָב איך קיין געלט ניט.

מיר וועט אויסקומען אָפּשטעלן צו צאָלן די חובות, און אויף אַזאַ אופֿן אָנזאַמלען אַביסל געלט אויף דער נסיעה.

איך האָב זיך היינט פֿאָטאָגראַפֿירט, ווייל אַלע מיינע באַקאַנטע דאָ האָבן מיך לעבן ניט געלאָזט, אַז איך זאָל זיי אומבאַדינגט איבערלאָזן מיין פֿאָטאָגראַפֿיע.

ווען זי וועט זיין פּאַרטיק, וועל איך זי אייך אַרויסשיקן, כּדי איר זאָלט מיך דערקענען אויפֿן וואָקזאַל, וואָרעם אַז ניט קאָנט איר נאָך זאָגן, אַז דאָס בין ניט איך...

איך ווייס ניט, צי האָט אייך מייטוס ריכטיק איבערגעגעבן וועגן מיין לעבן. עס קאָן זייער זיין, אַז ער האָט עפּעס וואָס צוגעפּוצט און עפּעס אַנדערש ניט דערפּוצט.

איך קאָן מיין לעבן כאַראַקטעריזירן מיט פּרוגס ווערטער:

„פּרייד אַ טראָפּן, לייד אַ כּוס,
דאָס איז אונדזער לעבנס־מאָס".

הגם מען דאַרף פֿאַר די טראָפּנס אויך זאָגן אַ דאַנק.

ווי לעבן דאָרט עפּעס אונדזערע סינסינעטער לייט? גאָט האָט באַשערט מ׳זאָל זיך נאָך אַמאָל זען.

וואָס מאַכט די ביבליאָטעק? גיט צו וויסן, אַז דער פּלייסיקער באַזוכער קומט ווידער, נאָר מיט אַ נייער באָרד און מיטן נאָמען פֿון אַ יידישן פּאָעט.

דאָס זיינען די צוויי זאַכן, וואָס איך וועל ברענגען צו פֿירן פֿון ניו־יאָרק. וואָס שייך די איבעריקע דערגרייכונגען און די איבעריקע אייגנשאַפֿטן, צום ביישפּיל, פֿינאַנציעלע, זיינען זיי געבליבן קאָנסערוואַטיווע אויך ביז איצט.

צי האָט דיר מייטוס געבראַכט צו פֿירן אַ שירם? צי האָט ער אים ניט איינגעשלונגען אונטערוועגנס אַנשטאָט „קעיק"? ווייל לויט זיינע ווערטער, האָט ער אין וועג שרעקלעך געהונגערט.

דעם שירם האָב איך געקויפֿט עקספּראָמפּט. ער, דאָס הייסט ניט דער שירם, נאָר מייטוס, איז פּלוצעמדיק אַנגעלאָפֿן און פּלוצעמדיק אַנטלאָפֿן, ער איז געגליכן צו צעזאָרן: געקומען, דערזען און... אַנטלאָפֿן. הגם איך האָב עם פֿריער געוואוסט, ניו־יאָרק איז ניט פֿאַר אים.

וואָס איז נוגע מיך, פֿאָר איך אויף וואַקאַציע אַהיים אָדער בעסער אויף אַ זומער־וואוינונג.

זומער וואוינען ניט די גרויסע לייט אין די גרויסע שטעט. אַלזאָ, צום ווידערזען.

גריס אַלע און אַלעמען.

דיין דוד.

11

[איבערגעזעצט פון רוסיש]
ניו־יאָרק, דעם 22טן יולי, 1889

[צו דער פאַמיליע]

ליבע און טייערע!

איך האָב פריער געדעכנט אוועקפאָרן פון דאנען דעם ערשטן יולי, און ביז דאַן פאַרדינען עטלעכע דאָלער, נאָר ס'האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז די אַרבעט גייט איצטער זייער געפגרט און איך קאָן פאַרדינען ניט מער ווי אויף דערנערן זיך, אַזוי אַז איך האָב באַשלאָסן אוועקפאָרן דעם 27 יולי, דאָנערשטיק. געלט האָב איך פונקט אויף דער נסיעה. איך האָב געדעכנט ברענגען צו פירן אַ פּאָר דאָלער, און כ'וואָלט עס געקאָנט טאָן, ווען די אַרבעט זאָל גיין אָן אַן אויפהער. און וואַרטן אויף גינסטיקע צייטן האָב איך איצטער ניט קיין חשק, און בכלל איז מיר דער גאַנצער „שאָפּ" מיינער נמאס געוואָרן צום חלשן. אַזוי, אַז איך וועל ביי אייך זיין, וואָר־שיינלעך, שבת. איך וועל קומען אויף דעם זעלבן וואָקזאַל, וואָס מייטום. ווּעט איר באַגעגענען — איז גוט, און טאָמער ניט, וועל איך אַליין געפינען דעם וועג, איך בין דאָך אַביסל באַקאַנט מיט אייערע פּאַלעסטינעס [יידישן קוואַרטאַל]. ס'טוט מיר לייד, וואָס ס'קומט מיר אויס צו פאָרן אַזאַ קבצן. איך האָב געטרוימט וועגן אַן אַנדער מין קומען. נאָר וואָס קאָן מען העלפן; אפנים, אַז די צייט פון אונדזער רייכקייט איז נאָך ניט געקומען. אויב איך וועל קומען צו פאָרן שפּעטער מיט אַ טאָג, זאָלט איר זיך ניט באַאומ־רואיקן, איך פאָר מיט אַן עקסטראַ־צוג; איך וועל שווימען אויף אַ באַרקע, אָדער ווידער אויף אַ פראַכט־שיף,[254] נאָר איצטער איז עס אָנגענעם אויף די בלויע כוואַליעס פונעם אָקעאַן... אַלזאָ, צום גיכן ווידערזען.

אייער דוד.

פּ. ס. מיינע פאָטאָגראַפיעס וועל איך ברענגען צו פירן מיט זיך. צו וואָס מטריח זיין די פאָסט־אָפּטיילונג?

12

[איבערגעזעצט פון רוסיש]
סינסינעטי, דעם 27טן מערץ, [1890]

[צו יעקב ליפשיצן]

פריינט מיינער יאַקאָוו!

נעכטן ערשט האָב איך באַקומען דיין טרויקע — דיין בריוו, און היינט האָב איך צו אַלעם ערשטן זיך פאַרקליבן אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק

(מיין איינציקע באַהעלטעניש פֿון דעם רויש און געפּילדער פֿונעם וואַכע־דיקן לעבן), און אַט שרייב איך דיר אַן ענטפֿער אויף דיין טרויקע, וואָס איז צו מיר געקומען צו פֿליען פֿון די ניו־יאָרקער שנייאיקע געדיכטענישן. יאָ, ברודערקע, איך האָב זיך פֿאַרזינדיקט, שוין לאַנג האָב איך דיר נישט געשריבן, און גאָט ווייסט, וויפֿל צייט ס'וואָלט נאָך אַריבער ביז מיין שרייבן, ווען דיין שנעלע טרויקע זאָל מיך ניט געוועקט אויפֿוועקן מיט אירע האַרציקע גלעקלעך־קלאַנגען און זאָל מיך, דעם אומדאַנקבאַרן קנעכט, ניט געוויזן דערמאָנען נאָך אַמאָל, אַז דאָרט, אויף די ברעגעס פֿונעם עקס־אינדישן אינדזל,[255] האָב איך פֿריינט, וועלכע געדענקען מיך און לייענען אַפֿילו מיינע אויסגעוויטיקטע רעיונות און לידער, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן ביים מאַנאָטאָנישן געקלאַפּ און גערויש פֿון די מאַשינען־רעדער — אָדער אונטער די אומדערבאַרעמדיקע קלעפּ פֿון דער דעספּאָטישער בייטש.

עך, יאַקאָוו, — „מיר איז דאָס האַרץ מיט פֿאַרדראָס זיך צו שטאָפּן, אין אים איז פֿיל אמת, און פֿרייד נאָר אַ טראָפּן". דו רופֿסט מיך קיין ניו־יאָרק, אָבער דו פֿאַרגעסט, ברודער, אַז דאָס איז פֿאַר מיר איצטער אַ זאַך, וואָס קאָן ניט געמאַלט זיין. איך בין דער איינציקער פֿאַרדינער אין מיין גאַנצער משפּחה, און אַוועקפֿאָרן באַטייט אַוועקרויבן ביי זיי די לעצטע מיטלען פֿאַר זייער עקזיסטענץ, וועלכע איז, אמת, אַ גאַנץ ביטערע, אָבער דערצו קאָן איך שוין ניט העלפֿן. — — —

13

Cincinnati, May 1, '90

[צום רעדאַקטאָר פֿון לאָנדאָנער „אַרבעטער־פֿריינד"]

ווערטער רעדאַקטער!

איך שיק אייך אַ רוסישעס געדיכט, וועלך איך האָב געווידמעט דזשאָרדזש קענאַנען,[256] דעם באַרימטן אַמעריקאַנער רייזנדער איבער סיביר. איך דאַרף אייך ניט דערציילן וועגן די גרויסע דינסטע, וואָס דיזער מאַן האָט געלייסטעט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן און הייליקע מאַרטירער פֿאַר וואַרהייט און פֿרייהייט. דיזע דינסטע זיינען פֿאַרשריבן מיט בלוט אין האַרצן פֿון יעדן דענקנדן רוסישן מענטשן. זיינע וואַרע און האַרצרייסנדע ערציילונגען איבער די ליידן פֿון דעם קעמפֿנדן רוסלאַנד האָבן געמאַכט וויינען אַ האַלבע מענטשן־וועלט און האָבן אַרויסגערופֿן אַ דאָנערנדן פּראָטעסט

קענען די הימלשרייענדע אומגערעכטיקייט און בלוטיקן בארבאריי פֿון די רוסישע רעגירונג. ניט לאַנג צוריק וואָר [איז געווען] ער אין ציניציננאַטי. איך האָב מיט אים גערעדט אין אונדזער רוסישער שפּראַכע, וועלכע ער פֿאַרשטייט זייער גוט. ער האָט מיר פֿאַרשפּראָכן זיין גאַנצן לעבן אָפּ־צוגעבן פֿאַר זיין אָנגעפֿאַנגענע הייליקע ארבעט — דאָס ארונטערייסן די מאַסקע פֿון דער רוסישער רעגירונגס־בארבאריי. מיין געדיכט איז ניט קיין לאָבונגס־געזאַנג זאָנדערן [נאָר] אַן אויסדרוק פֿון מיינע געפֿילן, וועלכע, ווי איך דענק, יעדער אינטעליגענטער רוסע פֿילט מיט מיר צו דיזן גוטן מענטשן און קעמפּער פֿאַר די רוסישע פֿרייהייט.

אָבגלייך [הגם] אייער ציטונג איז ניט קיין ספּעציעל רוסישע, שיק איך אייך דיזעם רוסישע געדיכט, ווייל איך האָב איצט ניט קיין אַנדערע פֿריי־רעוואָלוציאָנערע ציטונג, וואו איך זאָל איינפֿערשטאַנדן זיין עס צו דרוקן.[257] איך האָף, אַז איר וועט עס געבן פּלאַץ אין אייער „ארבעטער־פֿריינד", וועלכער ווערט געלעזן פֿון אַלע אינטעליגענטע רוסישע יידן אין ענגלאַנד און אַמעריקע.

ד. עדעלשטאַט.

14

Cincinnati, July 18th, 1890

[עסקיז פֿון אַ בריוו צו דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע"]

די האַרצרייסנדע לאַגע פֿון די ניו־יאָרקער שטרייקנדיקע קלאָק־מאַכער [דאַמען־שניידער] האָט אונדז[258] ארויסגערופֿן ווענדן זיך צו די יידישע אַרבעטער פֿון סינסינאַטי, זיי זאָלן העלפֿן זייערע ברידער אין קאַמף מיט זייערע אויסבייטער [זע קאַפּיטל 14]. די רעזולטאַטן זיינען, דאָס מיר האָבן יעצט צוואַנציק דאָלער פֿיר די ניו־יאָרקער שטרייקנדע קלאָק־מאַכער. דאָס געלט איז איינגעטיילט ווי פֿאָלגט: 8 דאָלער געזאַמלט פֿון דער סאָסייטע [פֿאַריין] — — —

15

[סינסינעטי, אויגוסט, 1890]

[צו דער רעדאַקציע „פֿאַ"ש"]

אַזוי ווי אין דעם 6 נומער „דער פֿרייער אַרב. שטימע"[259] ווערט געזאָגט, אַז די „פֿרייע אַרבעטער־שטימע" איז פֿולשטענדיק פֿריי פֿון יעדע מיינונג

און איז פֿולקאָם איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פֿון אירע פּרינציפּן [זע קאַפּיטל 15] — די פּרינציפּן פֿון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, און אַזוי ווי אין דער פּראָגראַמע „דער פֿרייער אַרבעטער־שטימע" ערקלערן זיך די אַרויסגעבער פֿאַר סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן,[260] וויל איך איצט פֿרעגן אַ וויכטיקע פֿראַגע, נעמלעך: אויב די אַרויסגעבער פֿון „דער פֿרייער אַרבעטער־שטימע" זיינען די 32 יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציאָנען פֿון אַמעריקע, ווי אַזוי האָבן זיך די אַרויסגעבער געקאָנט ערקלערן אַלס סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אין דעם, ווען צווישן די 32 אָרגאַניזאַציאָנען געפֿינען זיך אויך אַנאַרכיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנדערע איסטן? ווי אַזוי האָט זיך איבערהויפּט געקאָנט דיזע צייטונג ערקלערן אַלס „איסט", ווען זי איז דער אָרגאַן פֿון פֿאַרשיידענע איסטן, פֿון פֿאַרשיידענע שיכטן און ריכטונגען [פֿון] דער היינטיקער אַרבעטער־באַוועגונג, און וואָרום סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, און ניט אַנאַרכיסטיש אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיש? האָבן די אַרויסגעבער גענומען אין אַכט די מאַיאָריטעט פֿון דיזע 32 אָרגאַניזאַציאָנען? ווי מיר איז באַקאַנט, איז קיין שום וואַל ניט פֿאָרגעגאַנגען צווישן די אָרגאַניזאַציאָנען אום צו באַשטימען די מאַיאָריטעט און מינאָריטעט. אַלזאָ, ווי קומט עס פֿאָרט, אַז די „פֿרייע אַרבעטער־שטימע" האָט זיך ערקלערט אַלס אַ סאָציאַליסטישער, רעוואָלוציאָנערער אָרגאַן? און וואָס האָט די אַרויסגעבער איבערהויפּט געצוואונגען צורעכענען זיך צו דער אָדער דיזער פּאַרטיי, ווען זי האָט געקאָנט זיך ערקלערן אַלס דער אָרגאַן פֿון פֿאַרשיידענע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, אין דעם זי וועט געבן פֿאַר יעדן אַ פֿרייען פּלאַץ [צו] אויסשפּרעכן זייערע מיינונגען?

וועמען איבערהויפּט האָבן פֿאַרשטאַנען די אויטאָרן פֿון דער פּראָגראַם אונטערן וואָרט „מיר". אויב איך וועל אָננעמען, אַז דאָס וואָרן די אויסדערוויילטע רעדאַקטאָרן, איז אויך דעמאָלט אַ פֿראַגע, ווייל עס וואַר באַשלאָסן, דאָס אויך די רעדאַקטערע זאָלן זיין די פֿאַרשטייער פֿון אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אָדער סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן — אַלזאָ, ווי אַזוי איז דאָס אויסגעקומען, „אַז מיר ערקלערן זיך אַלס סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן"; איז עס דערפֿאַר, ווייל סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זיינען יעצט אַריין אין מאָדע? און אַנאַרכיזם איז צו ראַדיקאַל פֿאַר דעם יידישן אַרבעטער. אויב אַזוי, וואָרום ניט סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס איז ווייניקער געפֿערלעך ווי סאָציאַל־רעוואָלוציאָנעריש? און ווי אַזוי האָט זיך איבערהויפּט געקאָנט דער פֿאַרוואַלטונגס ראַט באַגיין אין דיזן וויכטיקן שריט נאָך זיין אייגענעם קאַפּריז נאָך, נישט אָנפֿרעגנדיק ביי די ווירקלעכע אַרויסגעבער „דער פֿרייער אַרבעטער־שטימע", ביי די 32 יידישע אָרגאַ־

ניזאַציעס, וועלכע האָבן געאַרבעט אום [כּדי] צו ברענגען די צייטונג אין לעבן?

16

[עסקיז פֿון אַן אויפֿרוף צו די יידן פֿון סינסינעטי, לעצטער דריטל פֿון סעפּטעמבער, 1890]

צו דעם יודנטום פֿון סינסינעטי! [זע קאַפּיטל 14]

די שרעקלעכע פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון די רוסישע יידן ביי דער גרויזאַמער רוסישער רעגירונג האָבן ערייכט די לעצטע שטופֿע פֿון ווילדהייט, יודנהאַס, טיראַניי און אונמענטשלעכקייט. דאָס האַרץ באַגיסט זיך מיט בלוט, ווען מיר דענקען, ווי דריי מיליאָנען יידן ווערן אונטערדריקט, געטראָטן מיט די פֿיס, באַרויבט פֿון אַלע מענטשלעכע רעכטע נאָר דערפֿאַר, ווייל זיי טראָגן דעם נאָמען ייד. די רוסישע רעגירונג האָט יעצט אַוועקגענומען ביי דעם יידן די לעצטע מעגלעכקייט צו פֿירן אַ מענטשלעכן עקזיסטענץ. דער רוסישער ייד איז יעצט אונטערוואָרפֿן דעם ווילדן ווילן פֿון יעדן באַזאָפֿענעם [שכּור] רוסישן פּאָליסמען [פּאָליציסט]. פֿאַרפֿאָלגט און באַרויבט, האָט דער ייד קיין שום מעגלעכקייט צו זוכן גערעכטיקייט אין דעם רוסישן געריכט. יעדע שאַנדע, וואָס מען טוט אַן אַ יידן, איז יעצט רעכטספֿאַרטיק פֿיר דעם רוסישן געזעץ. ביי דעם קלענסטן פּראָטעסט אָדער ווידערשטאַנד ווערט ער ערקלערט אַלס פֿאַרברעכער, פֿאַרהאַפֿטעט [אַרעסטירט], געשמיסן און געשענדעט, ווי דאָס קאָן נאָר פּאַסירן ביי אַזאַ באַרבאַרישע אונמענטשלעכע בלוטיקע רעגירונג, ווי מיר האָבן יעצט אין רוסלאַנד. די רוסישע יידן מוזן אַנטלויפֿן פֿון זייער פֿינצטערע היימאַט און זוכן אַ היים, אַ פֿאָטערלאַנד אין פֿרעמדע לענדער.

טויזנטער פֿון אונדזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער וועלן אינגיכן מוזן אָנווענדן זייער וועג נאָך אַמעריקע. ברידער! יעצט איז אונדזערע הייליקע פֿליכט צו זאָרגן, דאָס די טויזנטער פֿאַרפֿאָלגטע רוסישע יידן זאָלן ניט פֿאַלן צו לאַסט זייער נייעם פֿאָטערלאַנד. מיר מוזן יעצט זאָרגן, דאָס קומענדיק אַהער, זאָלן זיי די ערשטע צייט ניט ליידן קיין נויט און אויך שאַפֿן מיטלען, אַז זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט דורך לאַנדאַרבעט (און אַנדערע פּראָדוקטיווע אַרבעט) צו פֿאַרדינען אָרנטלעך זייער ברויט און פֿירן אַן אָנשטענדיק לעבן. ברידער, יעצט איז די צייט, ווען מיר מוזן זיך אַלע פֿאַרייניקן, אַלע אין איין שטאַרקע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע זאָל האָבן די הייליקע אויפֿגאַבע צו העלפֿן אונדזערע פֿאַרפֿאָלגטע ברידער און

רעטן זיי פֿון דער שרעקלעכער לאַגע, אין וועלכער זיי לעבן יעצט זאָ פֿיל אונטער דער טיראַניי פֿון דעם רוסישן יודנהאַס.

צו דיזען צוועק וועט שטאַטפֿינדן אַ גרויסע מאַסן־פֿאַרזאַמלונג דעם 21־טן סעפּטעמבער אין — — — וואו דער באַרימטער דאָקטער ווייז [261] און אַנדערע באַרימטע ענגלישע, דייטשישע און זשאַרגאָנישע רייִדנער [262] וועלן ערקלערן דעם וועג און די מיטלען, ווי אַזוי צו העלפֿן די פֿאַרפֿאָלגטע רוסישע ייִדן. עס איז די פֿליכט פֿון יעדן איינעם בייצוואוינען דיזע פֿאַרזאַמלונגען און אָפּצורופֿן זיך אויף דעם האַרצרייסנדן געשריי פֿון די מיליאָנען אונטערדריקטע, באַרויבטע און פֿאַרפֿאָלגטע רוסישע ייִדן.

ברידער, פֿאַרגעסט ניט אייער פֿליכט!

17

[סינסינעטי, אָקטאָבער, 1890]

[עסקיז פֿון אַ בריוו צו ד״ר מיכאַל קאָן]

גוטער פֿריינט מיכאיל!

אוים פּאָליטישן [פּאָליטיקאַנט]! ווידער אַ מענטש! שנעל, זייער שנעל, ניט וואָר? ווען איך באַטראַכט איצט די גאַנצע טראַגיקאָמעדיע, פֿאַרשטיי איך ניט זעלבסט [אַליין], ווי אַזוי איך האָב געקענט נעמען אויף זיך אַזאַ שמוציקע ראָלע! ווי אַזוי איך האָב געקענט אויף איין מינוט גלויבן, אַז איך וועל קאָנען אויסהאַלטן רואיק די אַלע נידערטרעכטיקייטן פֿון אָט דעם פֿאַרגרעבטן, פֿאַרפֿינצטערטן אייזלטום, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „אָרטאָדאָקסיע". מיין געדולד האָט געפּלאַצט אויפֿן לעצטן פֿאַרזאַמלונג בא דעם עלעקשן [וואַל] פֿון אַ פּרעזידענט. באַשרייבן אייך דיזע לעבערלעכע, נידערטרעכטיקע ערנידעריגנדע סצענע איז פֿאַר מיר יעצט אומעגלעך — — —

18

Cincinnati, November 4, 1890

[עסקיז פֿון אַ בריוו צו ד״ר י. אַ. מעריסאָן]

טייערער פֿריינט מאָריסאָן!

פֿילייכט קענט איר העלפֿן עפּעס, אַז דער מענעדזשער [פֿאַרוואַלטער] פֿון דער פּ. א. ש. זאָל זיין מער פֿאַרנינפֿטיק [שכלדיק], מער זאָרגן פֿאַר דער זאַכע, דער ציטונג?

זעט, צום ביישפּיל, דער סינסינאַטער אַגענט הימעלפֿאַרב האָט אַ פּאָר מאָל אַרויסגעשיקט געלט פֿאַר דער צייטונג און האָט קיין שום ענטפֿער ניט באַקומען. איצט האָט ער ווידער געלט, אָבער ער וויל ניט שיקן אויף דעם גרונט, דאָס ער ווייסט ניט, אויב מען האָט זיינע ערשטע געלט באַקומען. און איבערהויפּט דיזע נאַכלעסיקייט פֿון דעם מענעדזשער מאַכט יעדן אָפּהענטיק און מען פֿאַרלאָזט די טעטיקייט אין פֿאַרברייטערן די צייטונג. די מאַטעריעלע — — —

19

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]

ניו־יאָרק, דעם 22טן יאַנואַר, 1891

מיין ליבע סאָניע!

דו דאַרפֿסט מיר פֿאַרצייען, אויב איך ענטפֿער ניט תּיכּף אויף אַ בריוו. אייביק האַלט איך אין איין שרייבן, איז שווער צו פֿאַרגעדענקען, צי האָב איך געענטפֿערט אויף אַ בריוו אָדער ניט. איך האָב שוין אַוועקגעשיקט עטלעכע בריוו אויף אייער אַדרעס. אי ניט־געשעפֿטלעכע, אי געשעפֿטלעכע.

דו ווילסט וויסן וועגן דער צייטונג. איך וועל דיר זאָגן, אַז די געשעפֿטן פֿאַרבעסערן זיך. אַלע אָרגאַניזאַציעס, אויף וועלכע מען האָט אַרויפֿגעלייגט „טעקס" [אַן אָפּצאָל], האָבן געגעבן זייער הסכּמה צו צאָלן וועכנטלעך. געננוי וועל איך אָנשרייבן וועגן דעם נאָך דעם, ווי כ'וועל איבערלייענען זאַסלאַווסקיס[263] בריוו צו דער פֿאַרוואַלטונג. פֿאַרזאַמלונגען פֿונעם פֿאַרוואַלטונג־ראַט קומען פֿאַר יעדן מאָנטיק, אַזוי אַז פֿריער פֿון מיטוואָך וועט איר קיין ענטפֿער ניט באַקומען; די 2 דאָלער האָב איך באַקומען פֿאַר דער צייטונג וועגן, און איך וועל אַרויסשיקן די באַשטעטיקונגען צוזאַמען מיטן ענטפֿער אויף אייער בריוו. מיין פּערזענלעך לעבן — דאָס איז די רעדאַקציאָנעלע אַרבעט, אַמאָל זע איך זיך מיט באַקאַנטע.

איך עס אין אַ רעסטאָראַן אין אַ רוסישער געזעלשאַפֿט; ביי רייך ווערן פֿונעם רעדאַקציאָנעלן געהאַלט האַלט עס ניט, נאָר איך בין צופֿרידן, אַבי מ'קען ווי ניט איז אויסקומען.

געוועזן אויף אַ באַל ביי די פּיאָנערן, ס'האָט מיך געלאַנגווייליקט אין דער געזעלשאַפֿט. איר וועט איבערלייענען דאָס ליד, וועט איר פֿאַרשטיין.[264]

ביי זאַלאָטאַראָוון איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אַ מאַנטל אויפֿן באַל, אָט אַ שלימזל.

וואָס איז געשען מיט לואי [זע אַנמערקונג 244]? אויף וואָס איז ער קראַנק? איך ווייס וועגן דעם גאָרניט. שרייב גענויער. ווי פֿילט איר זיך? ווי איז דאָס געזונט פֿון דער מאַמען, פֿונעם טאַטן, און ווי איז מיט דיר אַליין?

זאָלסט ניט בענקען — זעסט, ווי איך וואַקס — אַ גאַנצער רעדאַקטער, הייסט עס, געוואָרן.

האָב איך דען געטראַכט וועגן אַזאַ מין כּבוד, זיצנדיק אין וואַגאָן?

וואַרט אויס, מיר וועלן נאָך אַנדערש אַ לעב טאָן, שטאַרק זיך נאָר און שטאַרק אַלעמען.

נערים אַלע אונדזעריקע. זאָל מיר מיטום אָנשרייבן. פֿאַרוואָס שרייבט ער מיר ניט? ווי איז סיידי? קוש די קינדער פֿאַר מיר און נערים די אַלטיטשקע.

דיין דוד.

פּ. ס. שיק מיר אַרויס, איך בעט דיך, איינע פֿון מיינע פֿאָטאָגראַפֿיעס.

20

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]

ניו־יאָרק, דעם 21סטן פֿעברואַר, 1891

ליבע סאָניע!

ווען דו זאָלסט וויסן, מיין טייערע, וויפֿל דיין ברודער האָרעוועט, וויפֿל זאָרגן און דאגות ער האָט, וואָלסטו אפֿשר ניט ברוגז געווען אויף מיר, וואָס מיינע בריוו זיינען געשעפּטלעכע און וואָס איך שרייב ניט אָפֿט. די צייטונג איז ניט קיין ווערטעלע, דאָ גייט ניט אַזוי אינעם שרייבן, ווי אין דעם, וואָס אויף אַלץ דאַרף מען אַכטונג געבן. און אַז מען גיט ניט אַכטונג, קומען פֿאָר שרעקלעכע נאַכלעסיקייטן, ווייל אין רעדאַקציע איז ניטאָ קיין איין מענטש, אויף וועלכן מען זאָל זיך קאָנען פֿאַרלאָזן. מיר אַליין טוט אָפֿט וויי, וואָס איך דאַרף אַלץ, אַלץ, וואָס ס'איז מיר טייער און ליב, פֿאַרגעסן צוליב דער זאַך, נאָר אַנדערש איז אוממעגלעך: אָדער כ'האָב איינגאַנצן ניט געדאַרפֿט זיך אונטערנעמען, און אַז איך האָב זיך אונטערגענומען, דאַרף איך ערלעך אויספֿילן מיין אַרבעט. מיך וואונדערט נאָך מער, וואָס, צום ביישפּיל, אַניאַ[265] האָט פֿאַר דער גאַנצער צייט ניט געשריבן אַפֿילו קיין שורה, און וועגן סיידי שרייבט איר מיר אויך גאָרנישט, דאָס

פירט מיך פון זינען אראפ. מיינט ניט, אז איך פארגעס אייך דא צוליב לעבנס־פריידן; דא ביי מיר איז אויך וויניק פריילעכס פאראן. ארום ליידן מענטשן, אדער זיי פארנעמען זיך מיט באנאלקייטן, און קיין איין נאענטן מענטשן — — —

21

[איבערגעזעצט פון רוסיש]
ניו־יארק, דעם 28טן פעברואר, 1891

מיין ליבע סאניע!

איך קאן גארניט האבן קעגן דיר, אויב דיר ווילט זיך, אז איך זאל דיר אפט שרייבן. פארקערט, דאס פרייט מיך זייער, איך פיל זיך גליקלעך, וויסנדיק, ווי דו האסט מיך ליב. אבער, טייערע מיינע, דאס לעבן איז ביי איצטיקער צייט אומעטום אזוי איינגעארדנט, אז פילן זיך גליקלעך קאן דער מענטש ניט אפילו דאן, ווען ער וואלט, דוכט זיך, באדארפט זיך פילן גליקלעך.

אט נעם מיך — איך האב דאך נאר געזוכט א מעגלעכקייט צו ארבעטן פאר דער אידייע און פריי ארויסזאגן מיינע געדאנקען און שטרעבונגען. נאר פיל איך זיך דען באפרידיקט? ניין, מיין טייערע, פאראן טויזנטער זאכן, וועגן וועלכע ס'איז אי לאנגווייליק, אי ניט באקוועם צו רעדן, נאר וועלכע צווינגען טרויעריק צו פארטראכטן זיך. פארשטייט זיך, קעגן אנדערע בין איך גליקלעך, אבער דאס באטייט נאך ניט, מיין ליבינקע, שלום מאכן אין דער נשמה און זיין צופרידן. שרייב מיר, סאניע, און גלויב, אז איך וועל זיין גוט און פריש, אויף וויפל דאס איז פאר מיר מעגלעך. איך בין זייער צופרידן, וואס ביי איך איז פאראן א וואוילער יונגערמאן,[266] ער וועט אייך העלפן ארבעטן, איך וועל זיך באמיען אייך ארויסשיקן בראשורן און טאן אלץ, וואס ס'איז נאר מעגלעך. קוש פאר מיר סיידין, שיקט מיר צו איר פאטאגראפיש קארטל, און גריס דעם טאטן, די מאמען, אראנען, אניאן און אבראשען. איך קוש זיי אלעמען. ווי גייען די געשעפטן ביי אבראשען? גריס מייטוסן, זאסלאווסקין און אנדערע.

22

[איבערגעזעצט פון רוסיש]
ניו־יארק, 5טן מערץ, 1891

ליבע סאניע!

א דאנק פארן בריוו, ער האט מיך דערמוטיקט, און אויסער דעם איז ביי אונדז אין ניו־יארק אזא פארפלוכטער וועטער, אז ס'איז שווער זיך

ניט צו לאַנגווייליקן. איך קאָן דיר מיטטיילן עטוואָס אָנגענעמס: אין דעם נומער פֿון דער צייטונג[267] איז פֿאַראַן קאַצס אַ דערציילונג „דער קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ", אונטערגעשריבן „בעל מחשבה". קאַץ האָט געווידמעט דעם דאָזיקן אַרטיקל א. [אַנאַ] נעטער [זע בריוו 9] און אויך דיר, נאָר פֿריער האָט ער אָנגעשריבן נאָר א. נ., און ווען ער האָט צוגעשיקט אַ בריוו, אַז איך זאָל עס אויך דיין נאָמען ווידמען, איז שוין געווען שפּעט.

יעדנפֿאַלס, זאָל דער פֿאַקט זיין אַן אָנגענעמע דערשיינונג. קאַץ איז אַ גוטער מענטש, און ס'איז זייער אָנגענעם, ווען גוטע מענטשן טראַכטן וועגן אונדז.

אין קומענדיקן נומער וועל איך אָפּדרוקן אַ ליד און איך וועל עס דיר ווידמען,[268] ווייל איך האָב קיינעם ניט אַזוי ליב ווי דיך.

אַניאַן בין איך זייער דאַנקבאַר, וואָס זי האָט מיר ענדלעך אָנגעשריבן. באַזונדערס סיידים היעראָגליפֿן האָב איך געלייענט מיט פֿאַרגעניגן. שיקט צו איר פֿאָטאָגראַפֿיע.

איך האָב אייך אַרויסגעשיקט יידישע בראָשורן און כ'וועל אַרויסשיקן אינגיכן נאָך.

איך וועל אינגיכן אָנשרייבן אַניאַן אַ באַזונדערן בריוו. ווי האַלט עס מיט אייך אַלעמען אין געזונט? שרייבט.

לאָמיר כאָטש שמועסן דורך בריוו.

אייער דוד.

וואָס מאַכט אַבראַשע? איז ער פֿעט געוואָרן, אָדער ער בלייבט זיך נאָך אַלץ פֿון דאָרשט צו פֿאַרברייטערן די אינדוסטריע?

23

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]

New York, March 5th, 1891.

[צו אַניאַ און אַבראַשאַ עדעלשטאַט]

טייערע אַניאַ און אַבראַשאַ!

גערעכנט שוין אָפּליגן דעם בריוו צו אייך, ווייל אַרבעט איז דאָ אַ מאַסע, דער פֿאָלגנדיקער נומער איז אַ קאָמונאַרער,[269] נאָר אין רעדאַקציע איז אַזאַ רעש, אַז ס'איז אוממעגלעך עפּעס צו פֿאַרפֿאַסן, דעם בריוו וועל איך שוין ווי ס'ניט איז אָנשרייבן. ווי אייך איז באַקאַנט, בין איך די לעצטע

צייט עפּעס אומעטיק געוואָרן. פאַרוואָס? אַלאַה ווייסט. איך ענטפער דע־רויף אין מיין לעצטן אַרטיקל,[270] לייענט איבער, זייט אַזוי גוט. אייך איז מאָדנע, וואָס הייסט — אַ רעדאַקטער, אַ פּאָעט, און לאַנגווייליקט זיך. אָבער אין תּוך איז עס גאַנץ נאָרמאַל, אַז יידישע פּאָעטן און רעדאַקטאָרן זאָלן זיך לאַנגווײלן. איך וועל עס אייך ווען עס איז אויספירלעכער געבן צו פאַרשטיין, אויב עס איז אייך ניט קלאָר. איצטער לאָמיר אַ שמועס טאָן וועגן אייך. איר זענט באמת בראַווע לייט! פּלוצים אויפגעוואַכט און זיך גענומען שפּאַנען אויף אַלע זעגלען. בראַוואָ; איך פלעג שטענדיק זאָגן, אַז אונדזערע סינסינעטער קאָנען לאַנג ניט שלאָפן, הגם ניט שלאָפן לאַנג איז פאַר זיי אויך שווער. אַרבעט, שמידט דאָס אייזן, כל זמן עס איז הייס, אַז ניט קאָנען זיי נאָך ווידער כאַפּן אַ דרימל. ווי גייט עס אייך, וואָס מאַכט די קליינע אַלטיטשקע?[271] גריסט זי. און סיידין קושט פאַר מיר. גיט אויך איבער אַ גרוס דעם הער בלאָך,[272] כאָטש איך קען אים ניט פּערזענלעך, נאָר פונדעסטוועגן ווינטש איך אים כוחות און חשק צו רוקן זיך פאָרויס אויפן רוויק־קווילנדיקן סינסינעטער באָדן. אַלזאָ, שרייבט און פאַרבלייבט געזונט.

אייער דוד.

24

[איבערגעזעצט פון רוסיש]

ניו־יאָרק, דעם 9טן מערץ, 1891

[צו אַנאַ נעטער? זע אָנמערקונג 98]

טייערע פריינט אַנאַ!

איך האָב פון אייך לאַנג ניט געהאַט קיין בריוו, און איך ווייס ניט, ווי עס לעבט זיך אייך.

איך האָב אין ניו־יאָרק ווייניק נייע פריינט, און דעריבער איז מיר שווער צו פאַרגעסן די אַלטע.

איך וואָלט געוואָלט וויסן, ווי עס לעבט זיך אייך און ווי איר פילט זיך. וואָס איז שייך צו מיר, רעדאַקטאָרעווע איך. איך ווייס ניט, צי איר האָט אַ באַגריף, וואָס ס'איז אַזוינס יידישע רעדאַקטאָרן. אַ יידישער רע־דאַקטאָר [זע קאַפּיטל 17] — דאָס איז אַ מענטש, וואָס דאַרף שרייבן, שרייבן, שרייבן... צי ביסטו געזונט, צי ניין, צי פילסטו אַ חשק צו שרייבן, אָדער ניט, מיט אַ קאָפּווייטעק, אָדער ניט, מיט אַ צעבראָכן האַרץ... מיט בלוט כראַקעניש... — אַלץ איינס, שרייב. הער אויס די קריטיק פון

קאַפּע־הויז־חכמים, שטרענגע אָנדייטונגען פֿון אנטוישטע שרייבער, זיד־לעריי פֿון נאַראָנים א. אז. וו.

נעמט דערצו אין אַכט, אַז די רעדאַקציע איז אַ שמוציקער קעלער, וואָס איז אייביק פֿול מיט אַ טומלדיקן המון, אַז דאָרט איז קאַלט, די פּרעס־[מאַשין] קלאַפּט אייך אין קאָפּ, און ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, מוזט איר שרייבן אַן אַרטיקל, פֿאַרפֿאַסן פּאָעזיע.

שטעלט זיך דאָס אַלץ פֿאָר, און איר וועט פֿאַרשטיין די מחיהדיקייט פֿון יידישער רעדאַקטאָריי.

פֿאַר דער צייט פֿון מיין רעדאַקטאָריי האָב איך אָנגעוואָרן מיינע בעסטע פֿריינט,[273] געקראָגן אַ הויפֿן נאַרישע שונאים, און איך בין איינזאַם און אומעטיק ווי שטענדיק.

ווייזט אויס, שוין באַשערט, אַז איך זאָל אייביק זיך קלאָגן אויף מיין מזל. — — —

25

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]

ניו־יאָרק, דעם 26טן מערץ [1891]

[צו דער פֿאַמיליע]

ליבע און טייערע!

ווי אַזוי האָט איר פֿאַרבראַכט דעם פּורים? זענט איר געווען אַלע צוזאַמען? האָט איר צוזאַמען געגעסן דעם אומשטערבלעכן „המן־טאַש"? אין דער נאַכט פֿון „פּורים" האָב איך מיט מיין פֿאַנטאַזיע זיך איבערגע־טראָגן צו אייך און כ'האָב זיך געמאָלט פֿאַרשיידענע יום־טובדיקע בילדער. ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך זע ליכטיקע, ציכטיקע צימערן, העל־באַלויכטענע. די טישן זיינען באַדעקט מיט שניי־ווייסע טישטעכער, פֿאַר־ברוינטע „קיכעלעך" באַצירן דעם טיש, און ביים טיש זיצט איר אַלע, די געפּייניקטע פֿון יאָרהונדערטער, נאָר אין אָט די רגעס [זייט איר] יום־טובדיקע. איר האָט פֿאַרגעסן די וואָכעדיקע זאָרגן און איר פֿירט אַ פֿריילעכן שמועס. איר דערמאָנט זיך אויך אין מיר, דעם נייגעבוירענעם רעדאַקטער; מן־הסתם זאָרגט איר זיך, וואָס ווער ווייסט, צי איך, אַשטייגער, עס אַזוינע יום־טובדיקע מאכלים. איך זע צווישן אייך די שיינינקע סיידי, איך זע און איך קוש זי און איך פֿיל דעם צוריר פֿון איר ליבן קינדערשן פּנימל.

יעדע געשטאַלט באַזונדער שניידט זיך מיר איין אין זכרון. די מאַמע, דער טאַטע, סאָניע, אַראָן, אַבראַשע, יערמישע, אַניאַ און איר אַלטיטשקע

מוטער, און מייטוס לעבן אייך. איך זע אזוי בעשיימפּערלעך אַלעמען, ווי איך וואָלט נאָר באַדאַרפט אָנהייבן רעדן און איר וועט מיר ענטפערן... אָט דאָס באַטייט זיין אַ פּאָעט, פאַרמאָגן אַ היציקע פאַנטאַזיע. מיינט ניט, אַז איך האָב גאָר קיין „פורים" ניט געהאַט, איך האָב אויך פאַרזוכט די זיסקייט... אָדער, אַנטשולדיקט, די ביטערקייט פונעם „המן־טאַש", וואָס ס'איז אָנגעפּילט מיט ביטערן מאָן. געווען בין איך ביי אַניוטען.[163] און אָט איז זי אַוועק אין העסטער סטריט און געקויפט אַ המן־טאַש. מיר האָבן געגעסן און אַ העלפט ארויסגעוואָרפן, נאָר אין מויל איז געבליבן אַ שווידער־לעכע ביטערקייט, וואָס דערמאָנט אין דער ביטערקייט פונעם פאָלק ישראל אונטער „המנס" יאָך. אָבער ס'מאַכט ניט אויס, מיר האָבן זיך אָנגעלאַכט, דערמאָנט זיך אין איר באַרימטער פּרעזשעניצע [אַ מין אייער־שפּייז, פּיינ־קוכן] מיט אַש און [אַזוי] פאַרבראַכט דעם „פורים". ווי לעבט זיך אייך דאָרטן? שרייבט אָפטער און געגויער. איך שרייב און שרייב... שיקט מיר סיידים פאָטאָגראַפיש קאַרטל. כ'וואָלט אַ בעלן געווען האָבן אויך סאָניעס קאַרטל, אויב ס'איז מעגלעך. איך קוש אייך אַלעמען און איך גערים מייטוסן און אַלע איבעריקע.

אייער דוד.

26

[איבערגעזעצט פון רוסיש]
ניו־יאָרק, דעם 31טן מערץ, 1891

[צו דער פאַמיליע]

מיינע ליבע און טייערע!

איר וואַרט געווים אויף מיינע בריוו, נאָר איר פאַרצייט מיר, וואָס איך בין ניט פּינקטלעך אין מיין קאָרעספּאָנדענץ. איך האָב אַ מאַסע רעדאַקציאָ־נעלע אַרבעט, און חוץ דעם קומט אויס צו באַזוכן מיטינגען און געשעפט־לעכע זיצונגען, וואָס נעמען ביי מיר צו אַ סך צייט. איר האָט מן הסתם שוין געהערט וועגן דעם, אַז זאַלאָטאַראָוו האָט שוין געענדיקט אויף דאָק־טער. זיין פאָטער און מוטער זיינען אין זיבעטן הימל. און באמת טאַקע האָט דער אַלטער זיך גענוג אָנגעהאָרעוועט ביז ער האָט דערלעבט צו אַזאַ פרייד. שבת־צונאַכטס איז ביי זיי געווען אַ ליאַמע לכבוד דעם נייעם דאָקטער, געווען אַ מאַסע געסט, די מערהייט אַלטע יעליסאַוועטגראַדער בירגער; פון אונדזעריקע — סך הכל דריי אָדער פיר פאַרשוין. געווען אַ מעגנע מאכלים און געריכטן, וויין און ביר. מיר זיינען אַוועק אַהיים אַ־

זייגער פֿיר פֿאַרטאָג. אָבער כ׳האָב שיער ניט פֿאַרגעסן אייך זאָגן, אַז דער בעסטער סיורפּריז אויף אָט דעם יום־טוב איז געווען דאָס אומגעריכטע דערשיינען פֿון אונדזער קאַצן.[202] ער האָט ווי פֿון הימל גלייך זיך אַראָפּגע־וואַלגערט אַהינצו. ער איז איצטער אין ניו־יאָרק, אָבער, דאַכט זיך, נאָר אויף אַ [קורצער] צייט, ער וועט ווידער אַוועקפֿאָרן קיין באָסטאָן. ער איז דער זעלבער גוטער און ווייכער, נאָר ניט אַזוי פֿעט ווי ער איז געווען פֿאַרן אַוועקפֿאָרן פֿון אונדז. צו אים קומט אין גיכן צופֿאָרן די פֿרוי, ס׳קאָן זייער זיין, אַז אויף פּסח וועל איך אויך פֿאָרן קיין באָסטאָן צו דעקלאַמירן אויף זייער קאָנצערט...[274]

27

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]

New York, April 8th, 1891.

מיין טייערע סאָניע!

פֿון מייטוסעס און בלאָכס בריוו זע איך, אַז דו ביסט קראַנק. דאָס באַ־אומרואיקט מיך שרעקלעך. שרייב אָן, איך בעט דיך, וואָס איז מיט דיר, צי ניט קיין גריפּ? דאָ ליידן פֿיל אויף דער דאָזיקער קראַנקייט. יעדנפֿאַלס, באַ־מי זיך געזונט צו ווערן, כדי דו זאָלסט קאָנען טאַנצן אויפֿן באַל. אייערע סינסינעטער פּראָווינציאַנאַלן קאָנען ניט פֿאַרשטיין, ווי האָט עס אַ מענטש ניט קיין צייט צו שיקן בראַשורן אָדער אויפֿזוכן עפּעס אַ פֿאַרלוירענעם קרוב? עך, גוטע פּאַטריאַרכאַלע נשמות, הונדערט יאָר זאָלט איר לעבן אין אייער הייליקן ניט־פֿאַרשטיין! באמת איז ביי מיר, שטרענג גערעדט, גיטאָ קיין לעבן אויסער דער רעדאַקציע: פֿון באַקאַנטע האָב איך זיך אָפּגעפֿרעמדט, ווייל איך האָב אַ מאַסע אַרבעט, און דער עיקר — דער באַ־וואוסטזיין, אַז פֿאַר אַלץ טראָגסטו די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, איז אָט ווילסטו, אַז דער קאָפּ זאָל שטענדיק זיין ביי דער אַרבעט! איך בין ניט אַזוי־פֿיל פֿאַרנומען מיט שרייבן, וויפֿל מיט אַכטונג געבן, אַז דאָס אָנגעשרי־בענע און צוגעשיקטע זאָל זיין אויסגעאַרטירט, אויסגעאַריכט, ניט פֿאַר־קריפּלט דורך די זעצערס און קאָרעקטאָרס. הײַנט וואו זיינען די פּאַרטיי־אישע זאָרגן? דעם האָט מען אָנגערירט, יענעם האָט מען באַליידיקט, דאָרט איז מען באַגאַנגען אַן עוולה. נאָך אַלעמען שפּיר נאָך, און ווייס וואָס געבן אַן אָרט [אין דער צייטונג] און וואָס אַרויסוואַרפֿן... צי פֿיל איך אַלץ אויס ריכטיק, דאָס איז אַן אַנדערע פֿראַגע, אָבער דערווייל מוסטו אַלץ אויספֿילן, ווי דו פֿאַרשטייסט. עס פֿאַרמאָגט אויך אַ ליכטיקע זייט דער

דאָזיקער אַרבעטער־מעדאַל, נאָר גלייבט מיר — ס׳איז קיין צייט ניטאָ מיט איר צו פֿאַרנעמען זיך, און דערצו נאָך פֿאַרשיט זי דער שטויב פֿונעם פּראַקטישן לעבן! איך בין צופֿרידן, ברידערלעך, וואָס איר האָט אויפֿגע־לעבט אין סינסינעטי — אַרבעט איז אַ נאָבעלע זאַך! איך בעט אייך אָבער, זידלט מיך ניט, אויב איך וועל עפּעס וואָס ניט אַזוי שנעל אויספֿילן. רע־דאַקטאָרן ווערט דאָך אויך דערלויבט צו זיין פֿאַרנומען ביזן האַלדז! ס׳קלעקט מיר אַפֿילו ניט קיין צייט פֿאַר דער מוזעס וועגן. שוין לאַנג האָב איך זיך איר ניט אָפּגעגעבן, און האָב איך זי ניט ליב געהאַט? פֿלעג איך ניט אָפּזיצן מיט איר נאָך דעם שווערן אַרבעט־טאָג ביז 1 אַזייגער אין דער נאַכט? איבעריקנס, עס גייט צו פֿרילינג און אַלץ וועט אויפֿלעבן: אי איך און מיין מוזע, אי איך, און דו, סאָניע. דער רוח זאָל עס נעמען, ס׳איז דאָך קיין עסק ניט אייביק צו מאַרינירן זיך און קאָנצעליאַרעווען! פֿאַרוואָס שרייבסטו מיר גאָרנישט, אַראָן, כאָטש עטוואָס קריטישעס? דו ביסט דאָך דערויף אַ מייסטער. ביי אייך קומען דאָך דאָרטן פֿאָר ניט בלויז מיטינגען און פּראָפּאַגאַנדע, עס איז דאָך פֿאַראַן אויך אַ הינטערקוליסן־לעבן. שאַנעווע ניט, ברודער, ליג אַלץ אַרויס אויפֿן טיש; די רעדאַקטאָרן שאַנעוועט קיינער ניט, ווייל זיי שאַנעווען אויך קיינעם ניט: טאָמער עפּעס ניט אַזוי — זיינען זיי עס משלח גליך אין קאָרב אַריין, אויף אייביקער קאַטאָרגע! וואָס מאַכן אַלע? וואָס מאַכן דער טאַטע און די מאַמע? פֿאַרוואָס האָט יערמישע נאָך קיין איין מאָל ניט געשריבן? ער פֿאַרנעמט זיך מיט מוזיק, צי ער פֿאַרקויפֿט בלויז מוזיק? זאָלן אַלע שרייבן. סיידים בילד האָב איך דערהאַלטן און געקושט און איך קוש עס נאָך. אַ ליב מייד־דעלע, באַזונדערס אויפֿן ערשטן בילד! צי שרייבט אייך גרישע? ווי לעבט זיך אים? וואָס מאַכן אין געזונט מיכלע[275] און דאָס קינד?

איך וואַרט אויף אַ באַלדיקן ענטפֿער. סאָניע, שרייב, איך באַאומ־רואיק זיך שרעקלעך וועגן דיין געזונט.

איך קוש אַלעמען און גרים מייטוסן און פֿלאָרען.

אייער דוד.

28

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]

ניו־יאָרק, דעם 29טן אַפּריל, 1891

ליבע סאָניע!

היינט האָב איך באַקומען דיין בריוו, און אַזוי ווי איך האָב, צום גליק, אַביסל פֿרייע צייט, וועל איך דיר ענטפֿערן. ערשטנס, פֿרייט מיך זייער,

וואָס דו האָסט זיך גענומען לערנען מיטן ציל צו קאָנען ווערן אַן אַפּאָסטאָל פֿון אמת און פֿרייהייט צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס. איך צווייפֿל ניט, אַז אויב דו וועסט נאָר ניט פֿאַרלירן דעם מוט און די ענערגיע, וועסטו מיט דערפֿאָלג דערגרייכן דעם נאָבעלן ציל. דער עיקר איז ניט געאײַלט, קענ־טענישן קומען ניט מאָמענטאַל — מען דאַרף אַרבעטן און אויסוואַרטן. האָבנדיק אַ פֿיינעם זאַפּאַס קענטעניש, וועסטו, רעכן איך, ווערן אַ גוטער אַגיטאַטער, אין וואָס מיר נויטיקן זיך איצטער אַזוי שטאַרק.[276] איצטער וועל איך ענטפֿערן אויף דיינע פֿראַגעס. ערשטנס, ווער האָט אָנגעשריבן די „מוזיק" און „אַ רעדאַקטערס חלום"?[277] אוודאי, דאָס ערשטע ווי דאָס צווייטע האָט אָנגעשריבן דיין „דודיק". און אויב דאָס געפֿעלט דיר, בין איך זייער צופֿרידן. וועגן מיין געזונט קאָן איך דיר זאָגן, אַז איך בין פּונקט ווי געוועזן. די פּאָעטישע בלאַסקייט צעשיידט זיך ניט מיט מיר, דאָס איז, אַפּנים, דער סימבאָל פֿון דיכטער.

איך וואוין מער אין רעדאַקציע איידער אין מיין צימער, וואָס נעמט אין זיך אַריין, פּונקט ווי אַלע ניו־יאָרקער צימערן, אַ בעט, אַ בענקל אָדער צוויי, און דערצו צוויי פּאָר מענטשלעכע פֿיגורן, אויב זיי זיינען ניט שטאַרק דיק. אין אַלגעמיין איז דאָס לעבן פֿול מיט זאָרג און מי — פּאַרטייאישע און ליטעראַרישע. דאָס לעבן פֿון אַ רעוואָלוציאָנער אין אונדזער צייט קאָן ניט זיין זיס. יעדער שריט פֿאָרויס פֿאָדערט קאַמף און מי. דעריבער איז אויך מיין לעבן אַ האָרעפּאַשנער, אָפּט אַפֿילו אַ שווערער, נאָר איך האָב איינמאָל זיך באַזיניקט, אַז דער קרייץ פֿון אַ אידייען־טרעגער איז אַ שווע־רער קרייץ, און איך טראָג אים ווייטער...

זאָל איך דיר דערציילן וועגן מיין לעבן? זאָל איך איבערחזרן ווידער דאָס, וואָס ס'איז אַזוי אַלט און איינציייטיק אייביק נאָך ניי פֿאַר יעדן לעבעדיקן האַרץ? האָפֿן אויף אַפּלאָדיסמענטן, אָדער אויף אַ דאַנק פֿון די, פֿאַר וועלכע מיר אַרבעטן? מיר קאָנען ניט דערוואַרטן קיין באַלדיקע פֿרוכט פֿון אונדזער מי. אונדזער מי איז צו קאָמפּליצירט, אַז זי זאָל קאָנען תיכף געבן רעזולטאַטן. מיר דאַרפֿן אַפֿילו זיין גרייט אויסצוהערן שפּאָט־ווערטער פֿון די, וואָס פֿאַרשטייען אונדז גאַנץ גוט, נאָר וואָס, צוליב זייערע געפֿילן און דריבנעם עגאָאיזם, געפֿינען זיי פֿאַר לוינעוודיק אונדז צו באַשמוצן.

דער רעוואָלוציאָנער אַרבעט ניט דערפֿאַר, וואָס ער האָפֿט אויף דער סימפּאַטיע פֿון דער מאַסע; ער אַרבעט צוליב דעם, כדי צו עפֿענען דער מאַסע די אויגן פֿאַר דער שיין, כדי, אַזוי צו זאָגן, אַריבערפֿעקלען די מאַסע פֿון דער פֿינצטערניש צום ליכט, ווען ס'זאָל אַפֿילו אויסקומען דאָס אָפּ־

טון אויף די אייגענע אקסלען און באקומען דערפאר א פאטש אין באק. נאר די יונגע, אזוי צו זאגן, „גרינע" סאציאליסטן הייבן זיך אויף ביי דער קלענסטער אנטציקונג ביזן הימל און פאלן טיף אינעם פראקטישן זומפ ביי דעם מינדסטן דורכפאל. דער דערפארענער, אויסגעפרואווטער טוער אויפן פעלד פון דער פאלקס־פרייהייט ארבעט כסדר, וויפל עס סטייען אים די כוחות, ניט לייגנדיק קיין אכט אויף פארשיידענע פאסקודנע פליגן, וואס זעצן זיך אים אויף דער נאז און ווילן אים שטערן; אדער ער צעקר־וועטשט זיי, אדער ער כאפט זיי לעבעדיקערהייט און טרייבט זיי דורך פון זיין נאז.

נו, גענוג דערווייל די דאזיקע פילאסאפיע. קאץ איז איצט ווידער אין באסטאן. זאלאטאראוו האט שוין איינגעארדנט א דאקטערשן קאבינעט און דאקטערט. באדאנעס [278] גריסט דיך, זי איז זייער צופרידן, וואס דו לערנסט זיך און אגיטירסט. צעקוש אלעמען פאר מיר, סיידין אומבאדינגט.

כ'גריס און ווינטש אלעם בעסט.

29

Cincinnati, October 27, 91

[צו חברים אין ניו־יארק]

טייערע פריינדע און גענאסן!

הייטע [היינט] איז דער טאג פון מיין אפרייזן נאך דענווער, קאלארא־דא. [279] עס איז מיר געבליבן נאך עטלעכע שטונדן צו פארבלייבן אין דעם הויז פון מיין פאמיליע. און אט, דענקענדיק וועגן מיין שווערער רייזע, קומען מיר אויפן זינען די לעצטע טרויעריקע ערייגנישן פון מיין לעבן און ליידן. עס שוועבן פאר מיר די געזיכטער פון מיינע לאנג באקאנטע און אומבאקאנטע פריינט, און איך קאן זיך ניט איינהאלטן אום ניט צו זאגן אן אפשיידס־ווארט, וועלכעס רייסט זיך איצט ארויס פון מיין קראנקער ברוסט. צו וואס זאל איך פארבארגן מיין שוואכע, סענטימענטאלע, פיליכט קינדערשע נאטור [280] פון אייך, מיינע פריינט?

יא, אין דיזע מינוטן פיל איך הייסע טרערן אין מיינע אויגן. איך וואלט געוואלט אייך אלעמען ארומנעמען און צודריקן שטארק צו מיין ברוסט. די טרערן, וועלכע איך פיל איצט, זיינען אבער זיסע, ערלייכטנדע [דער־לייכטערנדיקע] טרערן. זיי זיינען ארויסגערופן ביי די ערינערונגען פון ווארעמען ברידערלעכן אנטייל, וועלכן איר, מיינע פריינט, האט גענומען און נעמט יעצט אין מיין קריטישער לאגע. איך וויים גוט דעם ניו־יארקער

לעבן, איך ווייס דעם ביטערן קאַמף פאַר דאָס דאַזיין [עקזיסטענץ], וועלכן יעדער פון אייך מוז דורכמאַכן ; איך ווייס, וואָס פאַר אומגעהייערע אָפּפער יעדער פון אייך ברענגט פאַר דער אידייע, וועלכע ער פאַרטיידיקט, און ווען חוץ אַלע דיזע קעמפּע און אָפּפּער איז נאָך געבליבן אַ שטיקעלע פּלאַץ אין אייער הארצן און געהירן פאַר אייער ליידנדן פריינט, ווען צווישן טויזנטער זאָרגן און שמערצן פון אייער אַלטעגלעכן פּראָלעטאַריער־לעבן האָט איר נאָך געקאָנט ניט פאַרגעסן אָן מיר און טאָן מער ווי איר קאָנט, אום צו געבן מיר די מעגלעכקייט צו ערהאָלן זיך פון מיין שווערער קראַנקייט, דאַן זאָג איך, אַז דאָס איז מער, פיל מער, ווי איך האָב ווען עס איז געקאָנט ערוואַר־טן, און אין מיר וועקט זיך אויף אויף דאָסניי מיין שטאָלצער מוט און איך פיל, אַז די האנט, וועלכע העלפט מיר אין מיין איצטיקער לאַגע, איז אַ וואַרע ברידערלעכע האנט — אַ האַנט, וועלכע איז ניט פאַרגיפטעט מיט דעם ביטערן גיפט פון היינטיקער וואוילטעטיקייט. איך וויל אויך האָפן, אַז העלפנדיק מיר, האָט איר אין זינען מער די זאַך, וועלכער איך האָב טריי געדינט, ווי מיין אייגענע פּערזאָן, וועלכע איז ניט ערגער און ניט בעסער ווי יעדער איינער פון די ליידנדע פּראָלעטאַריער [פון] דער וועלט.

איך ווייס אויך, אַז עס וועלן זיך געפינען פּערזאָנען, וועלכע זוכן אימער די געלעגנהייט צו וואַרפן אין יענעם מיט שמוץ און זיי וועלן אָנצייגן אויף מיר, ווי אויף אַ פּערזאָן, וועלכער מאַכט אַ לעבן פון דער באַוועגונג און יעצט אַ לוסטרייזע נאָך [צו] דער שיינער קאָלאָראַדאָ. איך האָב שוין גע־האַט די טרויעריקע געלעגנהייט צו הערן פון אַזעלכע ברואים, אָבער איך טרייסט זיך דערמיט, דאָס די יעניקע פון אייך, וועלכע האָבן געקענט מיך פּערזענלעך, זיינען לעבנדיקע פּראָטעסטן קעגן אַלע פאַרלוימדונגען. דאָס איז אַלעס, פריינדע, וואָס איך קאָן אייך זאָגן יעצט. איך האָף זיך אינגיכן צו ערהאָלן און קומען צוריק צו מיינע קרעפטן, דאַן וועל איך ווידער מיט נייער קראַפט און מוט זיך נעמען צו אונדזער הייליקער ארבעט, וועלכע איז דער איינציקער לעבנס־גליק אין היינטיקער טרערן־וועלט.

איך דריק ברידערלעך אייערע הענט און מיין בעסטער וואונטש איז, ווי אימער, איך זאָל טריי ארבעטן פאַר אונדזער אידעאַל און פאַר אונדזער אומשטערבלעכן אָרגאַן די „פרייע ארב. שטימע".

ד. עדעלשטאַט.

פּ. ס. איך האָב נאָר וואָס ערהאַלטן פון שיקאַגאָ אַ בריוו מיט אַ טיקעט [בילעט], איך זאָל קומען אַהין אויף זייער פאַרזאַמלונג דעם 11טן נאָ־

וועמבער. צו מיין גרעסטן באַדויערן קאָן איך דאָס ניט טאָן, זיי ערוואַרטן אַ רעדנער פֿון ניו־יאָרק.

די 25 דאָלער ערהאַלטן.

[געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער „פֿאָ״ש״, נומ׳ 71, פֿון 6טן נאָוועמבער, 1891, מיט פֿאָלגנדיקער באַמערקונג: „דיזער בריוו איז ניט געשריבן צום דרוקן; אויף דעם פֿאַרלאַנג אָבער פֿון אונדזער פּאָעטס פֿריינט פֿאַרעפֿנטלעכן מיר אים״.]

30

[דענווער, נאָוועמבער, 1891]

[עסקיז פֿון אַ בריוו צו דער „פֿאָ״ש״]

אין מיין לעצטן געדיכט וועגן דעם 11טן נאָוועמבער,[281] וואו איך האָב אייך אויסגעדריקט מיין באַדויערן, דאָס איך וועל מוזן זעלבסט פֿאַרברענגען דעם טאָג, האָב איך געמאַכט אַ אירטום [טעות], ווייל טאַקע דעם זעלבן טאָג איז צו מיר צוגעקומען אַן ארבעטער מיט אַ נייס, אַז אויך אין דענווער וועט שטאַטפֿינדן [פֿאָרקומען] אַ 11 נאָוועמבער־פֿייער. דיזער פֿאַקט האָט מיך זייער און זייער דערפֿרייט. אַלזאָ, אויך אין דענווער איז ניט טויט דער פֿרייער גייסט! אויך צווישן זיינע געבירגע [בערג] האָט דער שטורעמווינט דערטראָגן דעם געשריי פֿון די אונטערדריקטע און די שטימע פֿון די הייליקע אַפּאָסטאָלן פֿון פֿרייהייט. דעם 15־טן נאָוועמבער בין איך מיט מיין שוועסטער און נאָך אַ פּאָר גענאָסן אַוועק אין קאַליסעום האָל [זאַל]. ביי דעם אריינגאַנג אין האָל האָבן מיר שוין דערזען אַ גרויס בילד פֿון אונדזערע שיקאַגער פֿאַרקעמפֿער. דער האָלע וואר פּראַכטפֿול דעקאָרירט מיט רויטע פֿאָנען און בלומען. פֿון 500 ביז 6 הונדערט מאַן האָבן ביינעוואָנט. די רעדנער וואָרן — אויסשליסלעך ענגלישע. איינער פֿון זיי האָט געענדיקט זיין רעדע מיט די פֿייערדיקע ווערטער פֿון לינג: „ווען איר וועט אונדז קאַנאָדירן [צעשיסן מיט קאַנאָנען], וועלן מיר אייך באָמבאַרדירן״.[282] און דער רעדנער וואר באַגריסט מיט דונערנדע אַפּלאָדיסמענטן. אַ יונגע אַמעריקאַנ[ערין] האָט געזונגען פּאַרסאָנס לעצטע ליד „די שיינע עני לאָורע״. אַ יונגער אַמעריקאַנער דיכטער — טשיים ווריט [ראַיט] האָט דעקלאַמירט זיינע פֿאַרפֿאַסטע דיכטונגען, וועלכע זיינען געווידמעט די שיקאַגער מאַרטירער. דאָס געדיכט איז פּראַכטפֿאָל, אייניקע סטראָפֿן וועל איך ווי עס איז איבערגעבן אין זשאַרגאָן. פֿאָלגנדעס זאָגט דער דיכטער וועגן פּאַרסאָנס לעצטע שטונדן אין קערקער:

ער האָט געהערט פֿון זיין פֿינצטערער תּפֿיסה,
ווי מען בויט זיין גאַלגען. עס קלינגט דער האַק —

דאָך אַ פֿרייהייט־ליד אַ זיסע
האָט ער געזונגען שטיל און געשמאַק,
און זיינע דריי פֿאַראורטיילטע ברידער,
ווי דאָס פֿרייע עכאָ פֿון פֿעלד,
האָבן געענטפֿערט מיט פֿרייע לידער
דעם אומדערשראָקענעם העלד!

יאָ, ברידער, דער וואָס עס דענקט, דאָס צווישן די אַמעריקאַנער שלאָפֿט איינגאַנצן דער רעבעלישער, דער רעוואָלוציאָנערער גייסט, באַגייט אַן אירטום. עס גיבט אויף דער וועלט קיין לאַנד, קיין פֿאָלק און קיין לעבעדיקע שפּראַך, אין וועלכער די אַנאַרכיע, די זונענשטראַלנדע געטין פֿון פֿרייהייט און גלייכהייט, זאָל ניט דורכדרינגען מיט איר ליכט און ניט באַגייסטערן צו אַ מעכטיקן קאַמף פֿאַר איר אידעאַל.

וועגן דענווער אין אַלגעמיין וועל איך שרייבן אין אַן אַנדער קאָרעספּאָנדענץ, ווען נאָר מיין געזונט וועט עס ערלויבן.

31

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]
דענווער, דעם 17טן דעצעמבער 1891

[צו י. קאַפּעלאָוון]

ליבער פֿריינט קאַפּעלאָוו!

איך שיק אייך אַ בריוו, וואָס איך בעט פֿאָרלייענען אויף דער קאָנווענציע.[283] אזוי ווי ביי אייך וועט זיין אַ פּונקט „פֿרייע ארבעטער שטימע", איז נאָר דאַן, רעכן איך, וועט זיין פּאַסיק פֿאָרלייענען דעם דאָזיקן בריוו. איך מיין, אַז מיינע פֿאָדערונגען זיינען גענוג גערעכטע און לאָגישע, אַז זיי זאָלן פֿאַרדינען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער קאָנווענציע און זאָלן דורכגעפֿירט ווערן. ווי רעכנט איר, די קאָנווענציע וועט עפּעס אויפֿטון? איך בין זיך מודה, אַז איך גלייב קנאַפּ אין דער נוצלעכקייט פֿון די קאָנווענציעס, נאָר אפֿשר וועט דאָס זיין אַן אויסנאַם צום גוטן. וואָס הערט זיך ניים אין ניו־יאָרק? ווי גייט עס ביי אונדזערע אַגיטאַטערס? צי האָבן זיי עפּעס דערפֿאָלג? די צייט בעסערט זיך, זאָל אַללאַה געבן, אַז אַלץ זאָל גיין צום בעסערן. ביי מיר איז קיינע ניים. וואָס הערט זיך מיט דער פֿאָרעדע, איר האָט איבערגעשריבן?[284] טאָ שיקט צו אַהער. עפּעס שרייבט זיך ביי מיר ניט. כ'וועל טאַקע דאָ ענדיקן.

אייער דוד.

גריסט ניוטאָן.[285] וואָס מאַכט זי אין געזונט?

32

[דענווער, דעצעמבער, 1891]

[עסקיז פֿון אַ בריוו]

גענאָסן און דעלעגאַטן פֿון קאָנווענציאָן!

ווי איך איז פֿיליכט באַקאַנט, וואַר אַף דער לעצטער קאָנווענציאָן, 25 דעצעמבער, 90, געפֿאַסט געוואָרן אַ רעזאָלוציאָן, וועלכע האָט געלויטעט: דאָס „די פֿרייע אַרבעטער שטימע" בלייבט אומפּאַרטייאיש. און צוויי רעדאַקטערע — איינער אַ סאָציאַליסט און דער צווייטער אַן אַנאַרכיסט —זיינען געוועזן אויסגעוויילט.[286] ווי איר ווייסט, אַז דיזער באַשלוס, וועגן זיין אומפּראַקטישקייט, האָט ניט געקאָנט דורכגעפֿירט ווערן, און אין אַ קורצער צייט איז דער סאָציאַליסטישער רעדאַקטער אַרויסגעטראָטן פֿון דער צייטונג. די צייטונג האָט דאַן אָנגענומען איר וואַרע ריכטונג. די אַנאַרכיסטישע — קאָמוניסטישע. דאָך דאָס וואָרט אומפּאַרטייאיש איז געבליבן שטעקן אויף דער פּראָגראַמע פֿון אונדזער אָרגאַן, און אַזוי ווי אומפּאַרטייליכקייט פּאַרטייטשט יעדער נאָך זיין געשמאַק, האָט דיזע אומגליקלעכע פֿראַזע געפֿירט און פֿירט נאָך איצט אונדזער אָרגאַן אין פֿאַרשיידענע מיספּאַרשטענדע און וואַרפֿט אַ שאָטן אויף דער פֿאָנע, וועלכער מיר האָבן ביז איצט טריי געדינט. מיר זיינען אַנאַרכיסטן קאָ־מוניסטן און דאַרום איז אונדזער — — —

33

Denver, December 25th, 91

[צו ה. ווייַנבערגן, אַן אַנאַרכיסטישער טוער אין פֿילאַדעלפֿיע]

גענאָסע און פֿריינט וויינבערג!

אייער בריוו ערהאַלטן און עס פֿרייט אונדז זייער, דאָס זי זיינד ענדלעך אין איר [אייער] היים מיט אייער פֿרוי און קינדער.

ביי אונדז גייט עס ווי אימער, קיינע נייס. מיין געזונט איז נאָך אַלץ ניט אַמבעסטן, איך הוסט און פֿיל זיך שוואַך. ווי אַזוי פֿילן זיי זיך יעצט? אין ניו־יאָרק איז יעצט זייער אַ לעבעדיקע צייט. ווי גערן וואָלט איך זיין יעצט אויף דער קאָנווענציאָן צווישן די גענאָסן; אָבער מען קאָן זיך ניט העלפֿן, און ביז אַ צייט מוז מען נאָך בלייבן אין דער טויטער דענווער. ווי אַזוי גייט עס אין פֿילאַדעלפֿיע? זיינען די גענאָסן מוטיק גענוג אין דער אַגיטאַציאָן? פֿאַרשטאַרקערן זיך די רייען פֿון די אַנאַרכיסטן? איך

וואָלט אַלעם געוואָלט וויסן, וואָס אַנבעלאַנגט דער פילאַדעלפיער באַוועגונג, און ווען דאָס איז פיר אינען ניט שווער, שרייבן זיי [שרייבט] מיר אַלעם דייטליך אַרויס.

מיר האָבן ערהאַלטן פאַר אייך אַ לעטער [בריוו] פון שטאָלערן.[287] ענטשולדיקט, וואָס איך האָב דעם בריוו געעפנט. איך האָב דאָס געטאָן פון גרויסער נייגעריקייט צו וויסן, וואָס עס הערט זיך אין דער שיקאַגער באַוועגונג. איך שיק אייך יעצט דעם בריוו. אין דענוועַר זיינען יעצט גרויסע פרעסט. איך מוז זיצן אַ גאַנצן טאָג אין רום [צימער], און דאָס ווירקט אויף מיין געזונטהייט ניט גוט. שרייבט, וואָס פאַר אַ וועטער איר האָט יעצט אין פילאַדעלפיע, און צי פילט איר אַ פאַרענדערונג אין איר געזונטהייט. מער האָב איך פאַרלויפיק ניט וואָס צו שרייבן. אַלע אייערע גרוסן האָב איך איבערגעגעבן. איצט גריסט פון מיר אַלע פריינט און גענאָסן, ווי אויך אייער פרוי.

אייער עדעלשטאַט.

פּ. ס. גענאָסע בלומענטאַל[288] שיק איך אַ הערצליכן גרוס, איך האָף אים אינגיכן צו שרייבן. מיין שוועסטער גריסט אייך אַלעמען פריינטליך. שרייבט אַלע ניים פון דער איסט [מזרח־טייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן] און איבערהויפּט וועגן דער קאָנווענציאָן.

ד. עדעלשטאַט.

הער פאָלין, זיין פאַרטנער [שותף] און פריינט קאָפמאַן[289] גריסן אייך פריינטליך.

34

Denver, February 20th, 92

[צו ה. ווײַנבערגן]

בעסטער פריינט וויינבערג!

אייער בריוו האָב איך געסטערן [נעכטן] ערהאַלטן. עס האָט מיר געבראַכט פיל פאַרגעניגן צו הערן, דאָס זי זינד וואָל [איר פילט זיך גוט] און דאָס זי מאַכן פאָרשריטע אין דער פראָפּאַגאַנדע פאַר אונדזער גרויסער זאַכע. איך האָב אינען ביז יעצט ניט געשריבן, ווייל איך האָב געפילט זייער שלים אין מיין געזונטהייט, דאָך יעצט פיל איך ווידער עטוואָס בעסער און האָף זיך אין דעם פרילינג און זומער צו ערהאָלן פון מיין קראַנקייט. וואָס אַנבאַטרעפט מיין מאַטעריעלער לאַגע, איז זי אויך ניט אַמבעסטן,

דאָך ניט זאָ שלעכט, ווי זי זיך פֿאָרשטעלן. איך האָב ברויט און פֿלייש, און דאָס, גלויב איך, איז ניט זאָ גראָדע שלעכט, ווי באַ יענע טויזנטע וועלכע האָבן קיין ברויט און קיין פֿלייש. וואָס מיך פּייניקט — איז מיין לעבן אָן טעטיקייט, אָן פֿריינט, ווייט פֿון דער לעבעדיקער וועלט.

איך ערוואַרט מיט אומגעדולד די שטונדע, ווען איך זאָל ווידער זיין אימשטאַנדע לעבן און אַרבעטן פֿאַר דער איינציקער זאַכע, וועלכע איז נאָך געבליבן הייליק אין דיזער שמוציקער, העסלעכער געזעלשאַפֿט. שרייבט מיר אָפֿט, פֿריינט, אַלעס גענויע וועגן דער פֿילאַדעלפֿיער באַוועגונג. איך האָף, אַז אונדזערע גענאָסן וועלן ווידער אויפֿוואַכן און זיך נעמען מונטער צו דער אַרבעט. ווי גייט עס באַ אייך מיט דער פֿ. א. ש.? אַלזאָ, דאָס איז אַלעס, וואָס איך קאָן אייך יעצט שרייבן.

אייער פֿריינט ד. עדעלשטאַט.

גריסט פֿון מיר הערצלעך קאָמראַד [חבר] פֿרענער.[290] וואָס מאַכט זיין שוועסטער? אויך די איבעריקע גענאָסן גריס איך פֿריינטלעך.

מיין שוועסטער גריסט אינען, ווי אויך איר פֿרוי און קינדער גריסן מיר הערצלעך. מיין נייער אַדרעס איז — 939 מאַרקעט.

פֿילייכט האָבן זי געפֿונען וועלכע בילדער אין אייערע ביכער? מיין שוועסטער דענקט, דאָס זי האָט באַהאַלטן אייניקע בילדער אין אייערע ביכער און האָט זיי פֿאַרגעסן אַרויסנעמען. ווען זי האָבן דיזע בילדער גע־פֿונען, וועלן זי זיין זאָ גוט זיי צוריקשיקן. פֿילייכט האָבן זי נאָך אייערע ביכער גאָרניט נאָכגעזען, דאַן טוען זי יעצט דאָס.

ד. עדעלשטאַט.

35

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]

דענווער, דעם 9טן מערץ, 1892

[צו דער פֿאַמיליע]

ליבע און טייערע!

אַזוי ווי ביי אייך איז געווען אונדזער שוויינגדיקער פֿילאָסאָף ליפּשיץ, האָט ער אייך מן הסתם איבערגעגעבן אי מיין אָרט לעבן, אי וועגן אַלץ, וואָס און ווי אַזוי.

וואָס זשע זאָל איך אייך שרייבן?

איך מיט סאָניען זעצן פֿאַר צו ציילן די טעג און חדשים, ווען מיר וועלן שוין פֿאָרן געזונטע אויף צוריק. מיר מאָלן זיך בילדער פֿון דער צוקונפֿטיקער פֿרייד און אַזוי ווייטער.

דער ווינטער איז דאָ פּלוצים קאַליע געוואָרן, נאָר ווי ס'ניט איז וועלן מיר שוין דעם חודש איבערלעבן, און נאָך דעם וועט שוין אַוועקגיין בעסער און ליכטיקער און לויטער וועט זיין.

געקומען צו אונדז צו פֿאָרן נאָך אַ חבר לויט דער קראַנקייט, ה. סלאָבוצקי. אויך פֿון יעליסאַוועטגראַד. אַ ביסל געראָטן אין לוקאָווסקין;[291] דאָס הייסט מיטן פּנים און מיט די מאַנירן. נאָר דער איז קליגער און שרייבט ניט קיין הונדערטבויגנדיקע פֿילאָסאָפֿיעס.

אַזוי ווי פּורים איז שוין פֿאַר דער נאָז, האָבן מיר שוין גערעדט וועגן המן־טאַשן און געהאַט אַ דיספּוט: „מצות אָדער חמץ" מיט אייניקע „קאַרטאָפּאַטשימעם" [“Картопачими” ?]. דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געפֿונען צו שרייבן, ווען איך האָב, נאָך ניט ווינציק האָרעוואַניע, געטראַכט, וואָס צו שרייבן.

אייער דוד.

36

Denver, May 16th, 92

[צו ראַבינסאָנען[292]]

טייערער פֿריינט!

עס וועט אייך פֿילייכט וואונדערן, וואָס איך האָב אַזאַ לאַנגע צייט אייך ניט געשריבן און גראַדע יעצט זיך ערינערט אַן דיזער פֿליכט פֿון מיין זייט. איך זאָג פֿליכט, ווייל צו נימאַנדן [קיינעם] בין איך, דאַכט זיך, אַזויפֿיל ניט פֿאַרפֿליכטעט, ווי צו אייך, ווען איך ערינער זיך אָן דער צייט פֿון מיין טרויעריקער פּוס־קראַנקייט אין ניו־יאָרק. אימער, ווען איך דענק פֿון יענער צייט, קומען מיר טרערן אין די אויגן. איך האָב געהאַט און האָב נאָך יעצט פֿיל פֿריינט, דאָך קיינער פֿון זיי האָט זיך אַזוי ניט אָפּגעאָפּפֿערט פֿאַר מיין געזונט, פֿאַר מיין וואוילזיין, ווי איר, איבערהויפּט רייטשעל. זי שטייט אימער פֿאַר מיינע אויגן, ווי אַ וואַרער ענגעל פֿון מיטלייד און וואַרע מענטשלעכקייט. איך ווייס ניט אויב איך וועל זיין אַמאָל אימשטאַנד איר מיט עטוואָס באַצאָלן פֿאַר אירע איידעלע, נאָבעלע טאַטן קעגן מיר. איך מאַך אייך ניט קיין קאָמפּלימענטן, איך בין איבער־

הויפּט ניט פּייאיק פֿאַר זיי, איך זאָג דאָס, ווייל עס איז אוממעגלעך [צו] פֿאַרגעסן פֿאַר אַן עלנטן קראַנקן מענטשן, ווי איך בין דעמאָלט געווען — — —

37

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]

[דענווער, יוני, 1892]

[צו דער פֿאַמיליע]

ליבע און טייערע!

אונדזער לעבן פֿליסט ווי געוויינלעך. אייער פּעקל, באַזונדערס דער מאַמעס פּאָרטרעט, איז פֿאַר אונדז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער עפּיזאָד.

מיר האָבן אַביסל אויפֿגעלעבט, און די האָפֿענונג אויף אַ גיכן צוריק־קומען אַהיים האָט ווידער אָנגעהויבן שלאָגן שטאַרקער אין אונדזערע הערצער.

איך ווייס ניט, פֿאַרוואָס, נאָר איך האָב אין ערגעץ זיך ניט געפֿילט אַזוי פֿרעמד, ווי אין אָט דעם דענווער.

די אינטערעסן פֿון אונדזערע באַקאַנטע זיינען דאָ אַזוי אומגעהייער ווייט פֿון אונדזערע, אַז ס'קומט אויס אָפֿטמאָל שעהן־ווייז אויסצוהערן נאַרישקייטן, וואָס דו האָסט צו זיי קיין שום אינטערעס ניט. אָבער אַ־וואָסער ס'ניט איז מענטש איז אַלץ בעסער איידער גאָרנישט. איז אָט, פֿאַרפֿירן מיר באַקאַנטשאַפֿטן מיטן ערשטן בעסטן, וואָס קומט דיר אַקעגן, אַבי צו ראַטעווען זיך פֿון לאַנגווייל און נודאַטע.

נעכטן בין איך מיט נאָך צווייען געגאַנגען כאַפּן פֿיש. קלאָר, אַז איך האָב אַנטשפּרעכיק צו מיין באַרוף קיין איינעם ניט געכאַפּט. מיינער אַ באַקאַנטער אַמעריקאַנער, וועלכער האָט אָנגעכאַפּט אַן אַ שיעור, האָט מיר צוגעשיקט פֿאַר העפֿלעכקייט וועגן אַ פּאָר פֿיש און האָט מיך געטרייסט.

ביי אונדז רעגנט ווידער. ווי אַזוי איז ביי אייך דער וועטער?

אין סינסינעטי זיינען דערהרגעט געוואָרן פֿערציק מאַן אויפֿן בריק. דאָס האָט אונדז איבערגעשראָקן, ביז מיר האָבן ניט איבערגעלייענט די פּרטים אין די צייטונגען.

וועל, איך נעם אַרום אייך אַלעמען.

אייער דוד.

38

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]

[דענווער, יוני—יולי, 1892]

טייערער פֿריינט מייטום!

ליִיענענדיק דיין לעצטן בריוו, איז מיר ארויף אויפֿן זינען, אז איצטער וואָלט גוט געווען דורכקוקן די געשיכטע פֿון אונדזער פֿריינטשאַפֿט, און דאָס וואָלט מיר, דוכט זיך, געהאָלפֿן צעווייען די מיספֿאַרשטייעניש, וועלכע באאומרואיקן איצטער אַזוי שטאַרק אונדז ביידן. די דאָזיקע געשיכטע איז זייער אַ באַלערעוודיקע, און איך געדענק זי גוט. ווען מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט, בין איך ניט געווען קיין ליידנדיקער, ווי איצטער, נאָר איך בין געווען אַ געזונטער אומאָפּהענגיקער בחור, וואָס פֿאַרדינט געלט, אַ ציכטיק-געקליידעטער בראַווער יונג. דיך האָבן צו מיר געצויגן ניט מיינע ליידן, נאָר מיין אַזויגערופֿענער „אידעאַליזם".
דו ביסט אין יענער צייט נאָך געווען אונטער דער ווירקונג פֿון דער יעלי־סאַוועטגראַדער ברודערשאַפֿט,[293] וועלכע, הגם זי איז ניט געווען קיין פֿול־קאָמענהייט, האָט זי דאָך געזוכט אינעם מענטשן דאָס מענטשלעכע.

צווישן אַנדערע פֿריינט, ווי ראַסינסקי, פּיישן,[294] זאַלאַטאַראַוו, וועלכע האָבן געפֿלוידערט פֿאַרשיידענע נאַרישקייטן און אָפֿט געפֿירט שמוציקע געשפּרעכן און געשעפֿטעלעך, האָב איך זיך בלי ספֿק אויסגעטיילט מיט מיין ציכטיקער באַשיידנקייט, און פֿאַר דיר, אַן אַנגעשפּיקעוועטן מיטן אידעאַליזם פֿון דער גייסטיקער ברודערשאַפֿט, בין איך געווען דער פּאַסיק־סטער פֿריינט. איך, פֿון מיין זייט, האָב דיך, אָן שום פּרעטענזיעס צו באַ־איינפֿלוסן, ליב געקראָגן, ווי אַן ערלעכן און אַ גוטן חברהמאַן, און מיר האָבן זיך דערנענטערט. מיין פּאַטעטיש פֿייער האָט אויף דיר, בלי ספֿק, געהאַט אַ ווירקונג, ווייל ביי דיר האָט שוין פֿריער אויך געקלאַפּט אַן עס־טעטישער אָדער, דו ביסט געוואָרן אַלץ מער און מער ווייכער און הומאַ־נישער, דו האָסט ליב געקראָגן די פּאָעזיע און האָסט אַפֿילו אָנגעהויבן צו שרייבן לידער, אייניקע גאַרנישט קיין שלעכטע. אָבער דו ביסט פֿאָרט געווען ניט איך, און דו האָסט געהאַט דיינע אינדיווידועלע באַזונדערקייטן. דו האָסט ניט געקאָנט זיין אַזוי פּלאַטאָניש, ווי איך, ד. ה. דו ביסט געווען מער רעאַל און אויף דיר האָט געהאַט אַ ווירקונג ניט נאָר די פּאָעזיע, נאָר אויך די גרויע פּראָזע, וואָס רינגלט דיך אַרום. דו האָסט ניט געקאָנט אַזוי אַוועקטראָגן זיך אין די הימלען, ווי איך, דו האָסט געפֿאָדערט גליק אויף

דער ערד, און ניט געפֿינענדיק דאָס, פֿלעגסטו ארײַנפֿאַלן אין מעלאַנכאָליע און פעסימיזם... דערמאָן זיך, ווי מיר האָבן ליב געהאַט...

39

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]
דענווער, דעם 8טן יולי, 1892

[צו דער פֿאַמיליע]

ליבע און טײַערע!

איך האָב, אײַגנטלעך, געוואָלט איצט ענטפֿערן אויף אײַערע בריוו, נאָר די פֿראַגעס, וואָס ס'קומט אויס איצטער צו באַהאַנדלען, זײַנען נוגע אונדז אַלעמען, און דעריבער וועל איך זיך צו אײַך אַלעמען, פֿיללײַדנדיקע מאַרטירער. לאָמיר צוטרעטן גלײַך צום ענין. בײַ אונדז איז פֿריער אויפֿגעקומען אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן פֿאָרן אין אָקטאָבער אַהיים. נאָר דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, — בלויז עסקיזן פֿון אַ פּלאַן. איצטער אָבער, אַז מיר האָבן גענומען טיפֿער זיך ארײַנטראַכטן אין דעם, שטעלט זיך די פֿראַגע, וואוהין פֿאָרן. פֿאָרן קיין „סינסינעטי"? נאָר פֿון וועלכער זײַט דו זאָלסט ניט קוקן אויף סינסינעטי — די דאָזיקע טורמע שטעלט מיט זיך גאָרניט פֿאָר עפּעס רעכטס. אירע קלימאַטישע באַדינגונגען — פּאַסקודסטווע, אַ רויך, וואָס צעפֿרעסט די לונגען, די געזעלשאַפֿט אירע איז ווידער, זײַט מיר מוחל, פּאַסקודסטווע.

מיט פֿינף יאָר צוריק, ווען איך בין געווען געזונט און גליקלעך, האָב איך דאָרטן געהאַט פֿרײַנט, נאָר איצט זײַנען אַזעלכע ניטאָ. וואָס ס'איז שייך די מאַטעריעלע באַדינגונגען, מאַכן מיר אויך ניט קיין גרויסע גליקן. אַבראַשע קאָן אַלץ ניט פּטור ווערן פֿון זײַן קעלער. אַראָן אַרבעט נאָך אַלץ בײַ די באַנקראָטירער, און קיין בעסערס זעט זיך ניט פֿאָרויס. עמיל האָט זיך נאָך אויך ניט דערשלאָגן צו עפּעס. נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט, טראַכט איך, אַז אונדז וואָלט ניט געשאַט איבערצובײַטן סוף כּל סוף אונדזער וואוינאָרט. נאָר וואוהין פֿאָרט מען? אויף אָט דער פֿראַגע האָב אי איך אי סאָניע ניט ווייניק זיך געבראָכן דעם קאָפּ. „סינסינעטי" איז פּאַסקודסטווע. ניו־יאָרק איז איצטער אויך פּאַסקודסטווע. אַבראַשע שרײַבט, אַז ער טראַכט דורכפֿאָרן זיך קיין שיקאַגאָ און אַ קוק טאָן, צי וועלן מיר נישט קאָנען דאָרט זיך אײַנאָרדענען. נאָר מיר דוכט, אַז בײַ איצטיקער צײַט, ערב דער אַלוועלטלעכער אויסשטעלונג אין שיקאַגאָ, איז אַלץ אַזוי טײַער און אַלע ערטער קאָסטן גאָלד. צי וועט מען עפּעס פֿאַרדינען

צי נייַן, נאָר דערווייל שינדט מען פֿאַר אַלץ ריזיקע פּרייזן, און ווער ווייסט, צי אַבראַשען וועט זיך איינגעבן דאָרטן נישקשה זיך איינאָרדנען אָן קאַ־פּיטאַל. ביי אונדז בלייבט נאָר איין פּלאַן, נאָר איידער איר וועט אים אָפּוואַרפֿן אָדער באַשטימען, איז פֿריער, אין נאָמען פֿון אַלץ, וואָס הייליק איז, טוט גוט אַ טראַכט וועגן אים. איר זאָלט וויסן, אַז אַלץ, וואָס איך שרייב אייך, איז אמת. איך וועל ניט איבערטרייבן...

40

Denver, July 20th, 92

[עסקיז פֿון אַ בריוו צו זיינע חברים]

פֿריינט און גענאָסן!

גענ. מאָריסאָן שרייבט מיר, דאָס אונדזער פֿא״ש איז נאָך ניט פֿאַר־לאָרן, עס געפֿינען זיך נאָך אין אונדזער מיטטע מענטשן מיט געזונטן פֿאַרשטאַנד, וועלכע וועלן אָנווענדן אַלע קרעפֿטן אום אונדזער אָרגאַן ווידער ברענגען צום לעבן. דיזער פֿאַקט האָט מיך אַביסל אויפֿגעמונטערט און איך דענק פֿיר נויטווענדיק אַדרעסירן צו אייך איצט אַ פּאָר ערנסטע ווערטער.

איך דאַרף אייך ניט דערציילן, וואָס פֿאַר אַ מעכטיקער וואָפֿע אַ צייַ־טונג איז אין דער פֿאַרברייטונג פֿון אַ אידייע, איבערהויפּט פֿון אַזאַ אידייע, וועלכע ווערט אויף יעדן שריט און טריט פֿאַרליימדעט און פֿאָר־געשטעלט אין די אויגן פֿון דער מאַסע אַלס אַ אידייע פֿון מאָרד, רויבערײַ, צעטיילעכץ א. אז. וו. ניט נאָר אַליין די פּראָפּאַגאַנדע צווינגט אונדז באַ־זיצן אַן אייגענע פֿרייע פּרעסע, אויך דער פֿיינט, דער קעגנער, דער ליבע־ראַלער שורקע [295] — — —

41

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]

[דענווער, יולי—אויגוסט, 1892]

[צו אַ ניו־יאָרקער חבר]

איר זאָגט, אַז אייך איז, אגב, מערלינאָ [296] בעסער געפֿעלן איידער מאָסט; נו, אַלץ, וואָס נײַ — איז גוט. דערצו איז ער אַן איטאַליענער, אַ זון פֿון דער פּאָעטישער איטאַליע. איך אַליין וואָלט זיך אפֿשר אויך אין אים איינגעליבט, נאָר דעם אמת זאָגן, אויף וויפֿל איך קען אורטיילן לויט דער „סאָלידאַריטי", איז ווי קומט ער צו מאָסטן. די „סאָלידאַריטי"

לײדט, לויט מײן מײנונג, דערפֿון, וואָס ס׳פֿעלט איר רעוואָלוציאָנער זאַלץ. זי איז, אַזוי צו זאָגן, מער דזשענטעלמען אײדער רעוואָלוציאָנער. און וואָס מיר דאַרפֿן איז, לויט די ווערטער פֿון אײנעם, אײַך אַ זײער גוט באַקאַנטן דיכטער:

קלאַפּ דעם פֿײַנט, קלאַפּ, מיט וואָס דו קענסט,
קלאַפּ, ווי אַזוי דו קענסט, נאָר קלאַפּ.[297]

איבעריקנס, זײַנען די מענטשן בײַ אײַך אין ניו־יאָרק איצטער מער געניגט צו רואיקער פֿילאָסאָפֿיע אײדער צו אומרואיקער טעטיקײט. איצט וועל איך אַביסל שמועסן וועגן זיך.

די האַרבע פֿראַגע, וואוהין פֿאָרן און צוליב וואָס פֿאָרן, האָט מיך באַשעפֿטיקט זײער ערנסט פֿאַר דער לעצטער צײַט. ווען איך זאָל זיך פֿילן גענוג פֿעסט אויף איבערצוטראָגן וואָס פֿאַר אַ לעבן ס׳זאָל ניט זײַן, וואָלט איך אוודאי תּיכּף זיך צוגעשטעלט קײן ניו־יאָרק, און שטעלט אײַך פֿאָר, אַז איך, אַ באַשײדן מענטשעלע, צווייפֿל אויף קײן האָר ניט, אַז אי די „פֿרײַע אַרבעטער־שטימע" וואָלט ווידער אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים און געלעבט און — וואָס נאָך מער — אי קאָפּעלאָוו וואָלט לויט דער אַלטער טראַדיציע געאַרבעט און געזידלט זיך און געהאָלפֿן דער זאַך, אי דער פֿאַרשלאָפֿענער קאַץ וואָלט אויפֿגעוואַכט, אי די דאָקטוירים מיט די אַדוואָקאַטן וואָלטן זיך ווידער גענומען פֿאַר דער אַלטער פֿאָן; יאָ, דאָס אַלץ וואָלט געשען, איך בין פֿולשטענדיק זיכער... די צרה איז נאָר, וואָס איך ווײס וואויל, אַז דאָס ניו־יאָרקער לעבן מיט זײַנע שלאָפֿלאָזע נעכט און מיט דער שווערער אינטעלעקטועלער אַרבעט איז איצטער ניט פֿאַר מײַנע כּוחות, און דאָס, וואָס איך האָב אויסגעשפּילט פֿאַרן לעצטן יאָר, וועל איך צוריק פֿאַרשפּילן אומנוצלעך, ד. ה. אָנשטאָט אַ טוער, וועל איך בלײַבן אַן אינוואַליד; מיט אײן וואָרט, איך פֿיל זיך נאָך ניט גרײט צו דער שלאַכט און רעכן נאָך אויסוואַרטן דאָ. אויב קומען צו פֿאָרן צו אײַך, איז ניט אויף שלאָפֿן, נאָר אויף אַרבעטן, און דאָס פֿאָדערט נאָך אויסוואַרטן אַביסל...

42

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]
[דענווער, יולי—אויגוסט, 1892]

[צו דער פֿאַמיליע]

... מיר קאָנען נאָך פֿיל אויפֿטון, דער עיקר איז ניט זײַן גלײַכגילטיס צו אינטערעסן פֿון דער ערשטער וויכטיקײט. אַניאַ שרײַבט איר, אַז אַט,

סאָניאַ, דו ביסט אַ העלד און אַלע זיינען פֿון דיר באַצויבערט, — זי פֿאַרגעסט אָבער, אַז די דאָזיקע העלדישקייט קאָסט זייער טייער און אַז צוליב איר קאָן מען אומזיסט און אומנישט פּטר׳ן די אייגענע כּוחות. איך גלייב איצטער נאָר אין איין העלדישקייט, דאָס איז — קאָנען אָפּהיטן וואָס מער כּוחות צום לעבן און צום קאַמף פֿאַרן אייגענעם גליק. העלדישקייט, וואָס פֿירט צו פֿריציייטיקער אויפֿלייזונג, אַלטקייט און צעבראָכנקייט איז ניט קיין העלדישקייט, נאָר נאַרישקייט; גלויבן אין זעלבסטקרייצונג פּאַסט נאָר פֿאַר געצנדינער, ניט פֿאַר געזונטפֿאַרשטענדיקע מענטשן. איך וויל בעסער זען סאָניען ווי אַ געזונטע און פֿרישע געוויינלעכע פֿרוי, איידער ווי אַ שוואַכע און ניט גענוג געזונטע העלדין.

פֿון דעם אַלעם געזאָגטן קום איך צום אויספֿיר, אַז הגם ס׳איז זייער געוואונטשן, אַז די מאַמע און אראָן זאָלן קומען צו פֿאָרן, ווייל מיר זיינען דאָ איינזאַם, דאָך זע איך ניט, אַז דערמיט זאָל סאָניעס לאַגע פֿאַרגרינגערט ווערן. איך לאָז איבער פֿאַר אייך ווידער אַמאָל אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם.

וואָס ס׳איז שייך דערצו, אַז איך דאַרף דאָ בלייבן נאָך אַ יאָר, איז די זאַך אין דעם, וואָס די היגע דאָקטוירים ראַטן קיינעם ניט צוריק צו פֿאָרן. ווען איך זאָל דאָ זיין נאָך צוויי יאָר, וועלן די דאָקטוירים פֿונדעסטוועגן זאָגן, אַז איך קאָן, הייסט עס, זיך דורכפֿאָרן, אויב איך וויל, קיין קאַליפֿאָרניע, נאָר אַז דאָס בעסטע איז — צו זיין דאָ. געוויס, פֿאַרגלייכנדיק מיט סינסינעטי, ווייס איך, אַז דאָ איז בעסער, און דעריבער וועט אויסקומען, האָב איך מורא, צו מאַטערן זיך דאָ נאָך אַ יאָר. דער ווינטער איז דאָ ניט קיין באַזונדערס אָנגענעמער. דאָ האָסטו אי שרעקלעכע קעלטן אי אָפֿטע ענדערונגען פֿון קעלט צו וואַרעם, פֿון שניי צו רעגן, נאָר וואָס קאָן מען העלפֿן. איך וואָלט וועלן, אַז ווייניקסטנס דעם ווינטער זאָלן מיר דאָ ניט זיין אַזוי איינזאַם, ווי פֿאַריאָרן. פֿאַרוואָס שרייבט איר ניט, וואו האָט אַבראַשע געדונגען אַ קלייט און ווי אַזוי גייען ביי אים די געשעפֿטן; און אויב איר רעכנט זיך אַריבערקלייבן אין צענטער, דאָס הייסט, קיין ניו־יאָרק, אָדער שיקאַגאָ, איז ווען און ווי אַזוי? איך האָף, אַז אינעם צווייטן בריוו וועט איר זיין גענויער.

ביי אונדז דאָ איז אַ שטאַרקע היץ, און דער אַפּעטיט מיינער איז זייער שוואַך, איך וואָלט געגעסן עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳עקזיסטירט מן־הסתּם ניט. שרייבט, וואָס מאַכט איר אַליין אין אַזאַ היץ? וואָס מאַכן סיידי און ליאָן? איך קוש זיי.

אייער דוד.

43

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]
דענווער, דעם 26טן אויגוסט, 1892

[צו דער פֿאַמיליע]

ליבע און טייערע!

אייער בריוו האָבן מיר דערהאַלטן. נאָך פֿאַרשיידענע טראַכטעניש זײַנען מיר געקומען צום אויספֿיר, אַז דער איינציקער באַקוועמער פּלאַן איז, אַז די מאַמע און אַראָן זאָלן קומען צו פֿאָרן. ווי אַ מיטל צו עקזיסטירן, האַלטן מיר, אַז מיר וועלן עפֿענען אַ רעסטאָראַן, מיר וועלן ווי ס'ניט איז קאָנען דורכלעבן זיך. און אפֿשר וועלן מיר נאָך איינאָרדענען אַן אָנשטענדיק לעבן. קלאָר, אַז צום איינאָרדענען זיך דאַרף מען האָבן געלט. איז אָט, וועט מען קאָנען די 50 דאָלער, וואָס אַבראַשע וויל געבן, אַרײַנלייגן אין רעסטאָראַן. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס וועט זײַן ווייניק, אָבער איך רעכן, אַז מיר וועלן זיך דאָ שוין ווי ס'ניט איז אויסדרייען. מיר וואָלטן אַ בעלן געווען איינאָרדענען אַן אמתן רעסטאָראַן, ד. ה. דינגען אַ גרויסע קלייט און פֿאַרוואַנדלען עס אין אַ שפּייז־זאַל, און דערצו נאָך האָבן אי אַ טיי־הויז, אי אַ קאַפֿע־הויז. איר דאַרפֿט ברענגען צו פֿירן אַ סאַמאָוואַר, דאָס וועט זײַן אַ מין סאָרט פּרימאַנקע [לאָקמיטל]. מ'עט דאַרפֿן אויך, ס'זאָלן זײַן אַלע יידישע צײַטונגען, כּדי מענטשן זאָלן קאָנען אַרײַנגיין אויסטרינקען אַ גלאָז טיי אָדער קאַווע און אַ לייען טאָן דערבײַ אַ צײַטונג. אויף אַזאַ אופֿן, רעכן איך, וואָלטן מיר געקאָנט צוציען אַ היפּשע צאָל באַזוכער. אויף וויפֿל דאָס וועט זיך אײַנגעבן, ווייס איך ניט, — איר וועט קומען, וועלן מיר זיך דורכשמועסן. מען זאָגט, אַז אַ קלייט וועט קאָסטן זייער טייער און אַז באַקוועמער איז צו דינגען אַ פּריוואַט־הויז און איינאָרדענען אַ „פּרייוועט באָרדינג האוז" [פּריוואַטער פּענסיאָן]. נאָר דאָס אַלץ וועלן מיר שוין שפּעטער זען. וואָס מיך באַאומרואיקט, איז דאָס, וואָס סאָניען און דער מאַמען וועט אויסקומען שווער צו אַרבעטן און וואָס פֿאַר סאָניען איז דאָ נישטאָ קיין געזעלשאַפֿט; נאָר איך האָף, אַז די געשעפֿטן פֿונעם רעסטאָראַן וועלן גיין גוט, און דאַן וועט מען קאָנען דינגען אַ דינסט, אַז זי זאָל העלפֿן.

חוץ דעם, איז אויב אַבראַשע בלײַבט אין „סינסינעטי", מיינט עס נאָך ניט, אַז מיר בלײַבן דאָ אויף אייביק; און ווען מיר וועלן רײַך ווערן פֿונעם רעסטאָראַן אָדער שטאַרק פֿאַראָרעמט ווערן, וועלן מיר מאַכן פּליטה פֿון דאַנען.

איך וואָלט אוודאי געוואָלט, בעסער ווי אַלץ, אַז סאָניע זאָל אוועק־פֿאָרן אַהיים, נאָר זי זאָגט, אַז איך מיט אַראָנען וועלן דאָ ניט קאָנען עק־

זיסטירן און אַז פֿון דער דענווערער דערנערונג אַליין קאָנען מיר קראַנק ווערן. מען מוז פֿאָלגן. חוץ דעם, זאָל די מאַמע זיין דאָ, קיינער קען ניט צוטראַכטן קיין בעסערס איידער אַ מאַמע פֿאַר איר קינד; זייענדיק דאָ, וועט זי קאָנען ראַטן דאָס, וואָס ס'איז בעסער פֿאַר אונדז אַלעמען.

אַלזאָ, וואַרטן מיר אויף אייער קומען. מיר דוכט, אַז אַראָן וועט סוף־כּל־סוף האָבן רעאַליזירט זיינע גאַסטראָנאָמישע ידיעות און אויסבויען אַ פּראַכטפֿולן רעסטאָראַן. און ווייטער, ווער ווייסט, אפֿשר וועלן מיר נאָך רייך ווערן אין „דענווער", איר שפּילט זיך מיט דעם נאַרישן גורל?

פֿאַרגעסט ניט ברענגען צו פֿירן דעם סאַמאָוואַר. וועגן מעבל וועט סאָניע אָנשרייבן. אַלזאָ, איך נעם אַרום אייך אַלעמען. צום גיכן ווידערזען.

אייער דוד.

סיידי שיקט אַ קוש. איר וועט, פֿאַרשטייט זיך, צו וויסן געבן וועגן דעם טאָג פֿון אַרויספֿאָר און אָנקום.

44

[איבערגעזעצט פֿון רוסיש]
דענווער, דעם 26טן אויגוסט, 1892

[צו י. קאָפּעלאָוו]

ליבער פֿריינט קאָפּעלאָוו!

ענדלעך האָב איך באַקומען אייער בריוו. איבערגעלייענט אים, האָב איך געשמייכלט, ביטער געשמייכלט... איר ווילט וויסן די סיבה? אָט הערט.

איר מאַכט מיר אַ פֿאַרוואורף, ווי איר אַליין זאָגט, אַ פֿאַרוואורף, פֿאַרוואָס איך חקירה תּמיד וועגן אַלגעמיינע פֿראַגעס און איך מייד אויס יאַקבע צו ריידן וועגן זיך פּערזענלעך. דערפֿון מאַכט איר אַן אויספֿיר, אַז איך האַלט אייך ניט פֿאַר קיין פֿריינט. איצטער זאָגט מיר, איך בעט אייך, אויב אַ מענטש, וואָס האָט מערער ליב צו חקירהן וועגן אַלגעמיינע פֿראַגעס איידער וועגן זיין אייגענער פּערזאָן, קאָן מען חושד זיין אין ניט־פֿריינט־שאַפֿט, איז ווי אַזוי זאָל איך קוואַליפֿיצירן אַ מענטשן, וועלכער שרייבט ניט, אַפֿטמאָל חדשימווייז, קיין שורהלע ניט און לעבנדיק אין דער באַ־וועגונג און אינעם קאַמף, וואָס זיינען אַ טייל פֿון מיין לעבן, האַלט ער אַפֿילו ניט פֿאַר נייטיק צו טיילן זיך מיט די איינדרוקן און געדאַנקען, וואָס ער אַליין לעבט איבער! וואָס איז אַזוינס פֿריינטשאַפֿט? דאָס איז

א פֿאַרלאַנג, אַ באַדערפֿעניש צו דענקען און פֿילן אין איינקלאַנג מיט אַ צווייטן, מיר סימפּאַטישן ווען. נעמט אַראָפּ די דאָזיקע אייגנשאַפֿט פֿון דער פֿריינטשאַפֿט, בלייבט די פֿריינטשאַפֿט אַ פּוסטע פֿראַזע. וויבאַלד איר האָט ניט קיין געלט, פֿילט איר ניט קיין באַדערפֿעניש מיר צו שרייבן. פּונקט ווי איר וואָלט געווען מיין קאַסיר, און ניט קיין נאָענטער חבר. בעת אינדעראמתן — אַ גוט וואָרט, אַ דערמונטערנדיק וואָרט טוט אַמאָל אויף גרעסערע וואונדער איידער אַ קאַלטער דאָלער. און נאָך דעם אַלעם וואַרפֿט איר מיר פֿונדעסטוועגן פֿאָר ניט־פֿריינטשאַפֿט.

ווען איך זאָל אייך ניט האַלטן פֿאַר אַ פֿריינט, פֿאַר אַן אייגענעם מענטשן, וואָלט ביי מיר נאָך געקלעקט שטאָלץ אָפּצוזאָגן זיך פֿון דער מאַטעריעלער הילף, וואָס איך באַקום פֿון אייך, אָדער דורך אייך. אויב איך באַנוץ זיך מיט אָט דער הילף, איז נאָר דערפֿאַר, וואָס איך ווייס, אַז די זאַך, וועלכער איך האָב געדינט, איז אויך די זאַך פֿון אייער באַוואוסטזיין און פֿון אייער שטרעבונג; אַז נאָר דער באַגער צו זען מיך ווידער אויפֿן שלאַכטפֿעלד באַוועגט אייך מיר צו העלפֿן קומען צו זיך. ווען ניט דאָס, ווען איך זאָל אייך האַלטן נאָר פֿאַר אַ באַשיצער אָדער פֿילאַנטראָפּ, וואָלט איך שוין לאַנג איבערגעריסן יעדע פֿאַרבינדונג מיט אייך, און ווי ביטער ס'וואָלט מיר ניט געווען, וואָלט איך דאָך אַזוי נידעריק ניט געפֿאַלן. חוץ דעם אַלעמען, זע איך ניט, אַז איך זאָל עפּעס האָבן פֿאַרלייקנט פֿאַר אייך פֿון מיין פּערזענלעכן לעבן. דעם גאַנג פֿון מיין קראַנקייט אָדער געזונט קאָן מען ניט באַשטימען טאָג־טעגלעך. אין אַלגעמיין איז מיר בעסער, נאָר איך קאָן ניט זאָגן, אַז אינגאַנצן. ס'איז זייער וואַרשיינלעך, אַז איך זאָל דאָ נאָך בלייבן אויפֿן זומער, כאָטש עס ציט מיך שרעקלעך קיין ניו־יאָרק. איך רעכן, אַז מיין מוטער וועט קומען צופֿאָרן אַהער, כּדי צו העלפֿן דער שוועסטער אין איר אַרבעט פֿאַר די „באָרדערס" [קוואַרטיראַנטן], מיט וואָס זי האַלט דאָ אונטער מיין עקזיסטענץ. די שוועסטער אַרבעט שווער, און נאָר אַ דאַנק איר זיינען מיר געווען אימשטאַנד אויסצומיידן די נויט, ווען אייער הילף פֿלעגט פֿאַרשפּעטיקן...

45

Denver, September 10th, 92

[צו ד״ר מיכאל קאָן]

ליבער פֿריינט!

איר האָט מיך פּשוט דערקוויקט מיט דעם בילד פֿון אונדזער זיידן באַקונין.[208] עפּעס אויף אַ ווײַלע האָב איך גאָר אינגאַנצן פֿאַרגעסן, אַז איך

בין ניט מער, ווי אַן אַלטער אינוואַליד, אַ פֿאַרוואונדעטער זעלנער, וואָס ליגט אויפֿן בלוטיקן שלאַכטפֿעלד, פֿאַרגעסן פֿון זיינע קאַמעראַדן און פֿריינט...

יאָ. דיזע ענערגישע, נאָבעלע געזיכט פֿון באַקונין, אַ געזיכט, וואָס אָטעמט מיט אומבאַזיגבאַרן קוראַזש קעגן אַלע שטורמען פֿון קאַמף און פֿאַרפֿאָלגונג, אַן אַנטליץ [פּנים], וואָס רעדט צו אונדז מיט אַ פֿייערדיקן צונג וועגן אונדזערע פֿליכטן צו די פֿאַרשקלאַפֿטע, באַרויבטע און אונטער־דריקטע. דיזער הייליקער בילד האָט אויף אַ ווייַלע שטום געמאַכט מיינע שווערע ליידן; דער גייסט האָט געזיגט איבערן גוף און האָט מיך ערהויבן פֿון מיין קערפּער אַהין, צו דער בליצנדער זאָנע [זון] פֿון ענטוזיאַזמוס און באַגייסטערונג. אָבער ווי זיס אַ מינוט זאָל ניט זיין — עס איז אָבער דאָך ניט מער, ווי אַ מינוט, אַ פֿאַרבייפֿליענדע ווייסע טויב... שנעל פֿאַרשווינדט זי, און די ווירקלעכקייט, די קאַלטע, פֿינצטערע ווירקלעכקייט קלאַפּט ווידער אין טיר... ווען איך האָב שפּעטער אַ ווייַלע געוואָרפֿן מיין בליק אויף באַקונינס בילד, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיין ענערגישע געזיכט האָט אָנגענומען אַ שטרענגן אויסדרוק, און אין זיינע באַצויבערנדע אויגן האָב איך געלעזן אַ ביטערן פֿאָרוואורף:

„וואָס טויג מיר אייער ענטוזיאַזמוס, אייער קינדערשע פֿאַרגעטערונג? מיך צו ערן הייסט צו טאָן, צו ווירקן, צו קעמפֿן פֿאַר די פֿאַרשוואַכטע און אונטערדריקטע. טוט איר עס? טוט איר אייער אַרבעט, ווי ערנסטע מענער? אָפּפֿערט איר, ווי איך, מיט יעדן טראָפּן בלוט פֿאַר די זאַכע פֿון מענטשלעכע באַפֿרייאונג? פֿאַרגעסט איר אייער קאַריערע, אייער פּער־זענלעכע אינטערעסע, אייערע פֿריינט און געליבטע, אום איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אויפֿצוהייבן די געפֿאַלענע מענטשהייט פֿון איר שקלאַפֿן־שטויב, און פֿריי עפֿענען דעם טויער פֿון אַלגעמיינע פֿרייהייט און גליקזעליקייט?

נאָר איינצלנע, די ווייניקע פֿון די ווייניקע פֿאָלגן דעם וועג פֿון זייערע איבערצייגונגען; מוטיק, אונערשראָקן טראָגן זיי פֿאָרווערטס דעם באַנער דער רעוואָלוציאָן. אָבער די מיינסטע פֿון אייך... אָ! די מיינסטע באַ־טראַכטן די אַרבעטער־באַוועגונג אַלס אַן אינטערעסאַנטן טעאַטער־שטיק: אַזוי לאַנג, ווי עס איז ניי, איבעראַשנד, איז עס אינטערעסאַנט, אָבער שפּעטער ווערט די שפּיל אַלט, צוגעגעסן, און גענעצנדיק פֿאַרלאָזט [איר] דעם טעאַטער, די בינע פֿון מענטשלעכע טרערן און ליידן!

איר זוכט אימער עפּעס ניים, פֿרישעס זיך צו אַמוזירן, זיך צו צע־שטרייען.

אַט הערט זיך פּלוצלינג אַ רעוואָלווער־שאָס. אַ יונגער העלד באַגייט
אַ טאַט, אַ נאָבעלע, גרויסע טאַט, מיט פּולווער און בליי שיקט ער אַ דור־
נערנדן פּראָטעסט קעגן געזעצלעכער רויבעריי און פֿאַרקנעכטונג. און
אָנשטאָט אייך צו באַגייסטערן, האָט דיזע טאַט אייך נאָר אויף אַ וויילע
אַמוזירט, אָנשטאָט אויסצונוצן דיזן העלדן־אַקט פֿאַר פֿרישע אויפֿוועקונג
פֿון ראַכע און צאָרן אין די הערצער פֿון די אומצופֿרידענע קנעכט, פֿאַרנעמט
איר זיך מיט דער קינדערשער פֿראַגע, צי בערקמאַן[206] איז אַ העלד.

רעדט דען ניט זיין טאַט גענוג פֿאַר אים? וואָס טויג מיר אייער פֿי־
לאָזאָפֿירן, אייער פּלוידערן? זאָלן אייערע טאַטן ריידן פֿאַר אייך! דער
אומגליק איז, וואָס איר ווייסט, אַז ער האָט ניט מער ווי צוויי הענט און
איין נאָז, פּונקט ווי איר, און אַ העלד דאַרף דאָך זיין עטוואָס אויסער־
געוויינלעך! אַ באַווייז, אַז מיר האָבן אויך נאָר צוויי הענט און איין נאָז,
און קיין העלדן זיינען מיר ניט...

„ניין!“, שרייט איר פֿון העלער הויט אַרויס, „ניין! מיר מוזן זיך לאָזן
אַגיטירן צווישן דעם אַמעריקאַנער פֿאָלק, צווישן יידן איז די גאַנצע אַרבעט,
ווי אַרויסגעוואָרפֿן“. אַהאַ, דאָס טעאַטער־שטיק איז אייך שוין נמאס גע־
וואָרן, איר זוכט שוין נייעס. אָ, וואָס פֿאַר אַ לעכערלעכע קאָמעדיע! גוט.
איר גייט צווישן די אַמעריקאַנער, און ווער וועט פֿאַרנעמען אייער טע־
טיקייט צווישן דאָס יידישע פֿאָלק? די כינעזער? אָ, וואָס פֿאַר אַן אָרעמע
לאָגיק, וואָס פֿאַר אַ טרויעריקע אונקאָנסעקווענץ פֿאַר אינטערנאַציאָנאַלע
רעוואָלוציאָנערן און פֿרייהייט־קעמפֿער! האָט דען די רעוואָלוציאָן אַ
באַשטימטע נאַציאָנאַליטעט, אַ באַשטימטע שפּראַך? זיינען ניט אַלע
פֿעלקער [פֿון] דער וועלט אירע קינדער, און די שפּראַכן פֿון אַלע אונ־
טערדריקטע איר שפּראַך? עס ליגט פֿאַר דיר אַ קנעכט, געשמידט אין
קייטן, ער מיינט, אַז די שווערע קייטן זיינען אַ טייל פֿון זיין אייגענעם
גוף, אַז ער איז מיט זיי געבוירן געוואָרן און מוז אין זיי שטאַרבן; ער
דענקט, אַז די נאַטור אַליין האָט אים פֿאַרשאַלטן צו אייביקער קנעכטשאַפֿט,
און געהאָרכזאַם ליגט ער, ציטערנדיק אונטער די פֿיס פֿון זיין האַר.

דו, ערוואַכטער ריז, זעסט דיזן קנעכט, דיין פֿאַרוואָגלטן מיטמענטש,
דיין פֿאַראומגליקטן ברודער. דו פֿילסט, אַז דו דאַרפֿסט אים קומען צו
הילפֿע, און דו גייסט אים העלפֿן... אָבער... אַהאַ, דו דערמאָנסט זיך,
אַז דיזער שקלאַף איז ניט קיין אַמעריקאַנער, ניט קיין ענגלענדער, ער
איז אַ ייד, אַ פֿאַרוואָגלטער, פֿאַרשטויסענער, אומוויסנדער שקלאַפֿן־קינד,
און זיינע זיטן זיינען פֿאַרדאָרבן, זיין שפּראַך איז צעמישט און צע־
וואָרפֿן... טאָ איז וואָס? קוק זיך נאָר גוט איין אין אים, זע! זיין אויג

זוכט ליכט און זיין הארץ גארט נאָך מענטשן־געפיל! וואָס פאַר א רעכט האָסטו זיך פון אים אָפּצוקערן? פאַרוואָס זאָלסטו פון דעם עלנטן אוועק־רייבן די לעצטע האָפענונג פון א בעסערע, א ליכטיקערע צוקונפט? ווער האָט דיר געגעבן די ערלויבעניש פאַר זיינע אויגן צו פאַרלעשן דעם פאַקל פון אויפקלערונג און באַלייכטונג? וואָס פאַר א רעכט האָסטו צו רייבן פון דיין מיט־מענטשן דאָס וויסן, וואָס דו האָסט געזאַמלט, זיצנדיק אויף זיין צוזאַמענגעבויגענעם רוקן, אין זיינע לאַנגע שווערע טעג און נעכט פון בלוטיקער פּראַצע?!

לאָמיר נאָר אויפקלערן דעם אַמעריקאַנער; דער ייד, דער דייטש א. אז. וו. זיי וועלן שוין ממילא נאָכקומען. קורצזיכטיקע פילאָזאָפן! זעט איר דען ניט, אז ווען איר געווינט דעם ייד אָדער דעם דייטש, ווערן זיי אויס יידן און אויס דייטשן, זאָנדערן מענטשן, רעוואָלוציאָנערן, קעמפער, וואָס בילדן אַלע איין רינג פון דער גרויסער קייט, וואָס וועט שמידן די מאכט פון אַלע דעספּאָטן [פון] דער וועלט?

נו זשע, ברידער! וואַרפט אוועק אייערע קורצזיכטיקע איינפעלע. זייט מענער, זייט וואָרע קינדער [פון] דער פרייהייט, ערנסטע קעמפער [פון] דער רעוואָלוציאָן... זאָלן מיר, יידישע קנעכט־קינדער, זען פאַר־ברייטן די הויכע פרינציפּן פון גערעכטיקייט און ליכט צווישן אונדזער אומ־גליקלעכן פאָלק, מחמת מיר קענען אים, מיר פאַרשטייען זיין כאַראַקטער, זיינע געפילן, מיר ווייסן זיינע ליידן, זיין שטרעבן און זיינע האָפענונגען, מיר, זיינע געוועזענע קינדער, זיינען דעריבער אַמבעסטן פייאיק אויף אים, דעם אומגליקלעכסטן פון אַלע פעלקער, צו ווירקן, אים אויפצוקלערן און אים צו ערמוטיקן.

אז אָך און ווי וואָלט זיין צו א פּראָפּאַגאַנדע, ווען די אַמעריקאַנער זאָלן אַרבעטן צווישן די יידן, די יידן צווישן אַמעריקאַנער, די כינעזער צווישן די רוסן, די רוסן צווישן די איטאַליענער!

דאָס זיינען געווען די ווערטער, וואָס איך האָב דורכגעלעזן אין דעם גייסטרייכן בליק פון דעם זיידע באַקונין. האָב איך ריכטיק געלעזן? איך רעכן, אז יאָ. אָך! ווען נאָר מיינע איבעריקע קאַמעראַדן זאָלן ניט מאכן קיין גרייזן און זאָלן לעזן דאָס זעלבע! דעמאָלט וואָלט געקומען א נייער לעבן אין אונדזערע רייען. אָבער מיר זיינען מער גענייגט צו הערן קאָמ־פּלימענטן, ווי פאַרוואורפן, און איבערגעשפּיצטע סאָפיסטיק, ווי די ריינע, פּראָסטע וואָרהייט. ווער ווייס, אויב וועלכע פון אונדז, קוקנדיק אויף באַקונינס בילד, וועלן זיך א טראַכט טאָן: וואָס איז מיר באַקונין! איך האָב גראָדע אויך אויפגעטאָן אַזויפיל ווי ער, און עס איז שוין צייט אויך

פאַר מיר אַריינגעשטעלט צו ווערן אין אַ ראַמע, און שטיל אַראָפּקוקן פון וואַנט...

אָך, ווי שלעכט, ווען עס קומט אויס צו וועקן די וועקער, צו באַוועגן די באַוועגער! דאָך[299] — — —

46

[איבערגעזעצט פון רוסיש]

Denver, September 22nd, 92

[עסקיז פון אַ בריוו צו י. קאָפּעלאָוון]

טייערער פריינט קאָפּעלאָוו.

עס איז לאַנגווייליק, שרעקלעך לאַנגווייליק און פּאַסקודנע אויף דער נשמה, איז אָט הייב איך אָן שרייבן, כּדי ווי עס איז צעשטערן די מאָנאָטאָניע. וואָס ווייטער אין וואַלד, זאָגט דאָס שפּריכוואָרט, אַלץ מער האָלץ. וואָס מער איך וואוין אין דענווער, אַלץ מער...

47

[איבערגעזעצט פון רוסיש]
דענווער, דעם 25טן סעפּטעמבער, 92

[צו דער פאַמיליע]

ליבע און טייערע!

אַראָן האָט אייך שוין אַלץ געשריבן, און איך ווייס ניט, גלייבט מיר, וואָס צו שרייבן.

מיר זיינען איצטער פאַרנומען בלויז מיט אונדזער נייער אונטערנעמונג, ד. ה. מיטן רעסטאָראַן. שוועריקייטן איז דאָ אַ סך ביז מיר וועלן זיך איינאָרדענען, נאָר מיר האָפן, אַז מיר וועלן קאָנען מאַכן אַ לעבן פונעם רעסטאָראַן, און דאָס באַטייט זייער פיל. ערשטנס, וואָלט איך באַפרייט די ניו-יאָרקער לייט פון אַ שווערער לאַסט, ביי זיי האָבן זיך שוין טאַקע אַזוי אויך אויסגעלאָזט אַלע קוואַלן, און זיי קאָנען מיך מער ניט שטיצן.

ביים רעסטאָראַן וועט יעדערער פון אונדז געפינען עפּעס אָן אַרבעט, און מיט דער צייט וועלן מיר איינאָרדענען אונדזער גאַנצע משפּחה.

שרייבט ווען איר פאָרט אַרויס.

אויב דו, אבראשע, ווילסט באקומען דעם „ארבעטער-פֿריינד“, טאָשיק קיין לאָנדאָן 50 סענט, זיי וועלן אים דיר ארויסשיקן. ער איז זייער אינטערעסאנט, איך שרייב דאָרט צייטנווייז לידער. דער אדרעס איז: — —

ווייטער גרים איך אייך אלעמען. צום גיכן ווידערזען. איך קוש סיידי 100 מאָל.

אייער דוד.

48

Denver, September, 26th, 1892.

[צו ד״ר מיכאל קאָן — ניט פֿאַרענדיקטער עסקיז]

פֿריינט מיכאיל!

ווי איר זעט, ווער איך, אָדער מיין פֿאמיליע, ביזנעס-לייט. מיר עפֿענען א רעסטאָראן. — — —

49

[סעפּטעמבער—אָקטאָבער]

איך וואָלט קיין מינוט ניט געזעסן דאָ. ווי א צערייצטער ליב וואָלט איך ארויפֿגעפֿאלן אויף די פֿארשלאָפֿענע טוערס, און זיי וואָלטן מוזן ארבעטן, צוזאמען מיט מיר, ערנסט, מוטיק און קרעפֿטיק.[300]

50

[14טן (?) אָקטאָבער, 1892]

פֿריינט מיכאיל!

אזא מיזעראבלע צייט ווי יעצט האָב איך נאָך, דאכט זיך, אין מיין לעבן ניט געהאט. אמאָל לײדט מען שמערצן פֿון זיך, אָבער מע האָט כאָטש פֿארגעניגן פֿון אנדערע. מ׳הערט א גוט וואָרט, א פֿריינטלעכן גרוס, אן ערמונטערטע נייס. יעצט איז עפּעס אומעטיק, שטיל, אלעס איז אָפּ־געשטאָרבן. שוין מער אלס איין מאָנאט, ווי מ׳הערט פֿון קיינעם ניט. אויב איר ווייסט עפּעס, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, וואָס עס הערט זיך וועגן דער „פֿר ארב. שט“ און איבערהויפּט איבער דער באוועגונג, זייט אזוי מענטשלעך און שרייבט מיר. איך גרים אייך און אנא.[301]

אייער דוד.

אָנמערקונגען און עקסקורסיעס

אַנמערקונגען

צום פֿאָרוואָרט

[1] „די וועלט־אַנשויאונג פֿון די אַנאַרכיסטן איז די בורזשואַזע וועלט־אַנשויאונג, אויסגעדרייט אויף דער לינקער זייט. זייערע אינדיווידואַליסטישע טעאָריעס, זייער אינ־דיווידואַליסטישער אידעאַל געפֿינט זיך אין דירעקטן קעגנזאַץ צום סאָציאַליזם. זייערע אַנשויאונגען דריקן אויס ניט די צוקונפֿט פֿון דער בורזשואַזער אָרדענונג, וועלכע גייט מיט אַן אומאָפּהאַלטלעכער קראַפֿט צו פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכונג פֿון אַרבעט, נאָר די קעגנוואַרט און אַפֿילו די פֿאַרגאַנגענהייט פֿון דער דאָזיקער אָרדענונג, די הערשאַפֿט פֿונעם בלינדן צופֿאַל איבערן אָפּגעזונדערטן, איינזאַמען, קליינעם פּראָדוצירער. זייער טאַקטיק, וואָס ווערט רעדוצירט צו אָפּלייקענונג פֿון פּאָליטישן קאַמף, טיילט פֿאַנאַנדער די פּראָלעטאַריער און פֿאַרוואַנדלט זיי פֿאַקטיש אין פּאַסיווע אָנטיילנעמער פֿון דער אָדער יענער בורזשואַזער פּאָליטיק, וואָרעם באַזייטיקן זיך אין דער אמתן פֿון פּאָליטיק איז פֿאַרן אַרבעטער אוממעגלעך און אומפֿאַרווירקלעכבאַר" (לענין, ב' VIII, ז' 411, „סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם").

צו קאַפּיטל 1

[2] אַלע ידיעות וועגן עדעלשטאַטס קינדהייט און יוגנט (וואו איך גיב ניט אָן קיין אַנדערע קוואַלן) זיינען מיר מיטגעטיילט געוואָרן מינדלעך און שריפֿטלעך דורך עדעל־שטאַטס שוועסטער סאָניע (שרה עדעלשטאַט—טעלסאָן) און דורך זיין עלטערן ברודער אַבראַשע (אַברהם) עדעלשטאַט. דער לעצטער האָט עס געטאָן דורך אַ בריוו, געשריבן פֿון זיין פֿרוי אַניאַ דעם 23טן מערץ 1934.

[3] אין זיין ליד "Семейный портрет" (פֿאַמיליען־פּאָרטרעט), געשריבן אַרום 1885, שילדערט עדעלשטאַט זיין מוטער אַזוי:

אָט איז די מאַמע, די ליידנדע און גוטע —
כ׳געדענק מיר דיין געשטאַלט:
דיין קלאָרן קאָפּ, די ליבע דיינע
פֿאַרפֿלאָכטן איז מיט פּיין און זאָרג.

דעם פֿאָטער באַשרייבט ער אַזוי:

און דו, מיין פֿאָטער, מיין פֿאַרטראַכטער,
גרויער און געטרייער.
ס׳אָטעמט פֿון דיין בילד מיט צאַרטקייט,
מיט ערלעכקייט פּאַטריאַרכאַלער.

(ביידע ציטאַטן זיינען איבערגעזעצט פֿון דעם סאָוועטיש־יידישן דיכטער אַ. גאָנטאַר).

[4] לויט אַ. עדעלשטאַט, האָט דער פֿאָטער געדינט אין דער אַרמיי 25 יאָר.

[5] אַחוץ איר אַרבעט צו באַדינען אַזאַ גרויס געזינד (9 נפשות), פֿלעגט עדעלשטאַטס מוטער נאָך העלפֿן טראָגן דעם יאָך פֿון פּרנסה דורך האַלטן קוואַרטיראַנטן און קעסט־ניקעס (לויט אַבראַשעס בריוו).

[6] Еврейская Энциклопедия, том XI, стп 5, 1910/11, стр. 18.

[7] לויט די אָפֿיציעלע ציפֿערן אין דעם Энциклопедический словарь стп, том XXVII, стр 89-90.

[8] לויט מ. קאַטץ („פֿאָררעדע" צו עדעלשטאַטס שריפֿטן), איז דער שמועס געווען וועגן דעם שלעכטן סוף פֿון נאַפּאָלעאָן III. אַן אָפֿיציר דערקלערט, אַז „דריי איז אַ סכּנהדיקע צאָל, און ווען אַלעקסאַנדער III וועט ווערן קיסר, וועט מסתּמא אויך אַן אומגליק פּאַסירן".

[9] דאָרט. די קאַלוגער „גובערנסקי וועדאָמאָסטי" פֿון יענע יאָרן איז מיר ניט געלונגען צו זען.

[10] די דערציילונג „ווערע" האָט עדעלשטאַט פֿאַרענטלעכט אינעם לעצטן יאָר פֿון זיין לעבן. די מעשה מיטן קריטיקער פֿון זיינע אַרבעטער־לידער איז, ווייזט אויס, געבויט אויף זיינע דערפֿאַרונגען אין אַמעריקע.

[11] לויט ווי אַבראַשע שרייבט, איז ווערע אַווירקלעכע פּערזאָן. איר נאָמען איז געווען ווערע פּאָרטוגאַלאָווע.

צו קאַפּיטל 2

[12] אין זיין רוסישן ליד „פֿאַמיליען־פּאָרטרעט", (זע אָנמערקונג 3), דערקלערט דוד עדעלשטאַט, אַז ער און זיין ברודער אַבראַשע זיינען, לויט זייער אָפּשטאַמונג, ליידנדיקע האָרעפּאַשניקעס: „די האַרטע נויט איז אונדזער טיראַן — אַרבעט! צען ערלעכע פֿינגער — אָט דאָס איז אונדזער גורל אינעם לעבן, נאָר דערפֿאַר, ברודער, איז ריין אונדזער געוויסן".

[13] איבערגעזעצט פֿון דעם סאָוועטיש־יידישן דיכטער מ. האַרצמאַן.

[14] אַבראַשע שרייבט, אַז דוד עדעלשטאַט פֿלעגט זיצן גאַנצענע טעג אינעם קיעווער באָטאַנישן גאָרטן און דאָרט לייענען און שרייבן. דאָרט האָט ער זיך אויך באַקאַנט מיט אַ היפּשער צאָל קיעווער אוניווערסיטעט־סטודענטן. לויט מ. קאַטצס („פֿאָררעדע", ז' 13) פֿלעגט עדעלשטאַט זיצן אויף די בערג (ביים דניעפּער) און טרוימען און שילדערן די שיינע נאַטור.

[15] עדעלשטאַטס ליד M. M-y (אין מאַנוסקריפּט) איז, קענטיק, געשריבן צו מאַנדעלשטאַמס אַ קינד.

[16] סאָניע, עדעלשטאַטס שוועסטער, דערציילט, אַז ווען ער איז אָנגענומען געוואָרן אויף אַן אַרבעט אין דער קאַנצעלאַריע פֿונעם קאָמיטעט פֿאַר פֿאַנאַנדערטיילן הילף די פּאָגראָם־געליטענע, האָט ער געוואָרנט זיין פֿאַמיליע, אַז קיינער פֿון אירע מיטגלידער זאָל ניט וואַגן קומען צו אים נאָך הילף.

[17] לויט הערמאַן ראָזענטאַל — אַ קיעווער דרוקער און צייטונגס־אַרויסגעבער (1878—1881), זע "Jewish Encyclopedia", באַנד VII, ז' 491. לויט דער "Евр. Энциклопедия", ב' XI, שפּאַלט 524, האָט די צאָל פֿאַמיליעס, אַבסאָלוט אָן מיטלען, דערגרייכט ביז 762.

[18] יעקב דינעזאָן, „טרויערדיקע דערינערונגען", „יידישעס טאַגעבלאַט", ניו־יאָרק, 20טן מערץ, 1910.

[19] אַ טייל פֿון די יידן, וואָס זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון קיעוו אין יולי און אויגוסט 1881, האָט געהאָלפֿן שאַפֿן די ערשטע יידישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע אינעם שטאַט לואיזיאַנאַ [לויט ראָזענטאַלס מיטטיילונגען, דערמאָנט אין אָנמערקונג 17].

[20] אַבראַשע און סאָניע עדעלשטאַט דערציילן, אַז די קיעווער „עם־עולם"־גרופּע איז אָרגאַניזירט געוואָרן פֿון מאַנדלשטאַמס סטודענטן־קרייז. דערפֿאַר האָט זיך דוד עדעלשטאַט אָנגעשלאָסן אין איר. נאָר לויט ד"ר חיים ספּיוואַק, עדעלשטאַטס אַ מיט־רייזנדער, האָבן זיי זיך ביידע אָנגעשלאָסן אין דער קיעווער „עם־עולם"־גרופּע ערשט אין לעמבערג (גאַליציע), אויפֿן וועג קיין אַמעריקע (ציטירט לויט דער „פֿרייער אַר־בעטער־שטימע", פֿון 10טן דעצעמבער, 1915).

[21] ניקאָלאַי אַלעיניקאָוו — זע בורגינס „געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", ניו־יאָרק, 1915, זז' 76—77.

[22] איבערגעזעצט פֿון דעם סאָוועטיש־יידישן דיכטער אַ. גאָנטאַר.

[23] אין דער יידישער איבערזעצונג פֿון אַ. גאָנטאַר לייענט זיך עדעלשטאַטס ליד „אין אַמעריקע" אַזוי :

כ'בין צום ציל־פּונקט שוין געקומען,
איצט בין איך אין פֿרייען לאַנד :
לעבן־כוואַליעס קאָכן, ברומען,
ווי אַ שטורעם אין מיין האַרץ —
ס'איז אַרום אַלץ ניי און פּרעכטיק
פֿאַרן אויג און דעם געהער,
כ'האָב די ווערטער ניט פֿאַרשטאַנען
פֿון דעם אַלץ, וואָס כ'האָב געהערט,
נאָר ס'פֿילט מיין ברוסט די פֿרייהייט,
עטעמט פֿריי און טיף,
און מיין טרוים פֿליט הויך צום הימל,
ס'שפּילט מיין האַרץ און שטיפֿט.
דאָס איז ער, דער טרוים פֿון דיכטער —
לעבן, לעבן, ניט קיין טרוים.
דאָ גייט אומעט אויף דער פֿרייהייט,
שיינהייט, וואַרהייט אָן אַ צוים.

צו קאַפּיטל 3

[24] אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, וועלכער איז געקומען קיין אַמעריקע איינצייטיק מיט עדעלשטאַטן און האָט באַשריבן זייער אַלגעמיינע צוזאַמענוואוינונג אין ניו־יאָרק, וואָס דער הילף־פֿאַראיין פֿאַר עמיגראַנטן האָט זיי געגעבן, דערציילט דאָרט אַזוי : „דער יונגער דוד עדעלשטאַט פֿלעגט אַרומגיין איבערן צימער הין און צוריק מיט אַ בוך פֿון רוסישער 'סלאַוועסטנאָסט' און האָט צו זיך אַליין געלעזן די פּראָבן פֿון קלאַסישע רוסישע געדיכטע" („טעאַטער־זשורנאַל און פֿאַמיליע־פֿריינט", ניו־יאָרק, 1902, אָקטאָבער 22, זז' 4—5).

[25] ד״ר אַברהם קאַספּע, פֿון דער ווילנער גרופּע „עם־עולם״, האָט מיר דערציילט, אַז „אַ סך דרום־רוסלענדישע עם־עולמניקעס האָבן זיך גענומען צו פּעדלעריי״ („פריי־הייט״, 5טן יוני 1929).

[26] פ. זאָרגע אין זיין אַריינפיר צו קאַרל מאַרקס׳ בריוו צו אים פון 1877 (בריוו פון מאַרקס־ענגעלס צו פרידריך זאָרגע, [דייטש], שטוטגאַרט, 1921).

[27] „יודישעס וואָכענבלאַטט״, ניו־יאָרק—שיקאַגאָ, 16טן אָקטאָבער, 1887.

[28] די דאָזיקע סעקטע האָט אַגיטירט פאַר געוויסע סאָציאַלע און רעליגיעזע רע־פאָרמעס און איז דערפאַר פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער צאַרישער רעגירונג.

[29] זאָלאָטאַראָוו און מייטוס, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי שניידערייַ צוזאַמען מיט זייערע פאָטערס, ווערן שפּעטער דאָקטוירים. הלל זאָלאָטאַראָוו (1865—1921) איז שפּע־טער געווען באַוואוסט ווי אַן אַנאַרכיסטיש־ציוניסטישער רעדנער און שריפטשטעלער. אויך ז. זאַסלאַווסקי און יוסף לוקאַווסקי אַרבעטן מיט שפּעטער אין דער יידישער ראַ־דיקאַלער פּרעסע. לוקאַווסקי פלעגט שרייבן לאַנגע פילאָזאָפירנדיקע אַרטיקלען, אָדער, ווי עדעלשטאַט דריקט זיך אויס (אין אַ בריוו פונעם 9טן מערץ, 1892), „הונדערט בויגן פילאָזאָפיעס״, וועלכע עדעלשטאַט, אַלס רעדאַקטאָר פון דער „פאַ״ש״, האָט זיך אָפּ־געזאָגט צו דרוקן.

[30] אין אַ בריוו צו מייטוסן פֿון דענווער, זומער 1892, שרייבט עדעלשטאַט: „צווישן אונדזערע פֿריינט, ווי ראַסינסקי, פּיישן, זאָלאָטאַראָוו, וועלכע האָבן געפּלוידערט פֿאַר־שיידענע נאַרישקייטן און אַפּט געפּירט שמוציקע געשפּרעכן און געשעפטלעך, האָב איך זיך בלי־ספק אויסגעטיילט מיט מיין ציכטיקער באַשיידנקייט״. אין זיין „בריוו פֿון אַ זעלבסטמערדער״ שרייבט עדעלשטאַט: „מיינע קאַמעראַדן זיינען געווען פֿאַרנומען מיט זייער שטודיום, מיט זייער קאַריערע, מיט פּריוואַט־געשעפטן, מיט פרויען־ליבע, מיט געלט־זאָרגן; איך האָב מיט גרויס אָנשטרענגונג זיך אויסגעלערנט אַ מלאָכה, דורך וועלכע איך האָב געקאָנט פֿאַרדינען מיין ברויט און האָב ניט געטראַכט וועגן זיך״.

[31] אין אַ פֿרייער יידישער איבערזעצונג (פֿון ש. בריאַנסקי) לייענט זיך עדעלשטאַטס ליד אַזוי:

און אויב צוויי מאָל צוויי איז פֿיר,
איז פֿאַרוואָס זשע האָבן מיר
אויסדערוויילט זיך דעם וואַמפּיר,
דעם טעמפּן שיכּור, אָט דעם הענקער,
וואָס קען ניט פֿילן, קען ניט דענקען,
פֿאַר אַ קייסער אים צו קרוינען,
און מיט פֿורכט אים ערן, שוינען,
און געהאָרכזאַם ווי די קנעכט,
בויגן טיף פֿאַר אים די קעפּ,
פֿאַר דעם טעמפּן גראָביאַן,
דעם גראָבן, שיכּורן טיראַן,
וואָס נאָר פֿוילונג האָט ער האָלט
און קאַטקאָוון,* דעם גראָבן קאָפּ.

---

* אַ באַוואוסטער רוסישער רעאַקציאָנער.

צו קאַפּיטל 4

[32] „אַמאָל אין אַמעריקע", זז' 50—56.

[33] פ. זאָרגע, אַריינפיר צו די בריוו פון מאַרקס, ענגעלס און אַנדערע צו אים פון 1874. אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון אַרבעטסלאָזע אויף טאָמקינס סקווער אין ניו־יאָרק איז דעם 13טן יאַנואַר 1874 ברוטאַל צעטריבן געוואָרן און דערביי זיינען אַ סך אַרבעטער שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל פון אַזאַ ברוטאַלקייט; ענגעלס האָט אין פאַרבינדונג דערמיט באַמערקט אין זיין בריוו צו פ. זאָרגע פונעם 27טן פעברואַר 1874, אַז די אַמעריקאַנער פּאָליציי וויל, וואַרשיינלעך, אַריבערשטייגן די „ווערסאַלער" (די מערדער פון דער פּאַריזער קאָמונע).

[34] אין אַ בריוו צו ענגעלסן פונעם 25טן יולי, 1877, שרייבט מאַרקס אַזוי:

„וואָס זאָגסטו צו די אַרבעטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן? דאָס איז דער ערש־טער אויפרייס קעגן דער אָליגאַרכיע פונעם אַסאָסיאייטעט [פאַראייניקטן] קאַפּיטאַל, וועל־כער איז אויפגעקומען נאָכן בירגערקריג — אַזוי, אַז ס'פאַרקאָכט זיך דאָרט אַ קאַשע" (מאַרקס־ענגעלס „בריוו־וועקסל" [דייטש], ב' IV, שטוטגאַרט, 1913).

[35] דער אָרדן „נייטס אָוו לייבאָר" (ריטער פון אַרבעט) איז אַרויסגעוואַקסן פון אַ געהיימער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט אין פילאַדעלפיע אין 1869. איר נאָמען איז קיינמאָל אין ערגעץ ניט פאַרשריבן געוואָרן, נאָר פלעגט באַצייכנט ווערן דורך פינף שטערן [סיימאָנס, „סאָציאַלע טרייב־קרעפטן", זז' 314—315 A. M. Simons, *Social Forces in American History*]. שפּעטער, אינעם אָנהויב פון די 80ער יאָרן, ווען זי ווערט אַ מאַסן־באַוועגונג און קאָן שוין ניט זיין מער געהיים, רעאָרגאַניזירט זי זיך אַלס אַן אָרדן (גענזעלשאַפט פאַר זעלבסט־הילף) און האַלט אָפּ אירע זיצונגען הינטער פאַרמאַכטע טירן און מיט צערעמאָניעס, לויטן שטייגער פון די פריי־מויערער און אַנדערע אַזוינע „לאָדזשעס" און „ברודערשאַפטן". ענגעלס האָט דערקלערט, אַז אירע פאַרפלאָנטערטע פּרינציפּן און לעכערלעכע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען אַנטשפּרעכן גאַנץ דעם פלאָנטער אין די מוחות פון דער דעמאָלטיקער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט (בריוו צו זאָרגען פונעם 29טן נאָוועמבער, 1886).

[36] די אימיגראַציע אין די 80ער יאָרן האָט, לויט אָפיציעלע ציפערן, באַטראָפן מיט 2,500,000 מאַן מער, ווי אין די 70ער יאָרן. דער פרייער באָדן אין די מערב־שטאַטן איז שוין געווען פאַרכאַפּט און די גרעסטע מערהייט פון די אָנגעקומענע 5,246,613 אימיגראַנטן האָט געמוזט זוכן אַרבעט אין די פאַבריקן.

[37] „ביזן 1848 יאָר" — שרייבט ענגעלס — „האָט מען וועגן אַן איינגעבוירענעם שטענדיקן אַרבעטער־קלאַס געקאָנט רעדן בלויז ווי וועגן אַן אויסנאַם: די קליינע צאָל אַרבעטער, וואָס האָט עקזיסטירט אין די מזרח־שטעט, האָט נאָך געקענט האָפן צו ווערן פּויערים אָדער בורזשויען. איצט האָט זיך אַזאַ קלאַס אַנטוויקלט און האָט זיך אויך אָרגאַניזירט הויפּטזעכלעך אין פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. ער פאַרנעמט אָבער נאָך אַלץ אַן אַריסטאָקראַטישע לאַגע און האָט די מעגלעכקייט איבערצולאָזן די פּשוטע, שלעכט־באַצאָלטע באַשעפטיקונגען פאַר די איינגעוואַנדערטע, וואָס נאָר אַ קליינער טייל זייערער טרעט אַריין אין די אַריסטאָקראַטישע פאַכן. די דאָזיקע איינגעוואַנדערטע זיינען אָבער צעטיילט אויף נאַציאָנאַליטעטן, וואָס פאַרשטייען ניט איינע די אַנדערע און מערסטנטייל אויך ניט די לאַנדשפּראַך. און אייער [אַמעריקאַנישע] בורזשואַזיע פאַר־שטייט נאָך פיל בעסער איידער די עסטרייכישע רעגירונג ווי צו העצן איין נאַציאָנאַ־

ליטעט קעגן דער אַנדערער — יידן, איטאַליענער, טשעכן א״אַ קעגן דייטשן און איר־לענדער אד״גל, אַזוי, אַז אין ניו־יאָרק, דענק איך, עקזיסטירן אַזוינע אונטערשיידן אינעם לעבנס־ניוואָ פֿון די אַרבעטער, וואָס אַזוינס איז ערגעץ־וואו אַנדערש אומבאַקאַנט״ (בריוו צו הערמאַן שליוטער, פֿונעם 30טן מערץ 1891, „אויסגעווײלטע בריוו״. אויס־גאַבע פֿונעם מאַרקס—ענגעלס—לענין־אינסטיטוט. אין דייטש — 1934, ז׳ 393).

38 אויגוסט שפּיז (1855—1887), געבוירן אין דייטשלאַנד. באַזוכט אַ פּאָליטעכניקום. הערט אויף שטודירן, ווען דער פֿאָטער שטאַרבט און די פֿאַמיליע בלייבט אָרעם. קומט קיין אַמעריקע אין 1872. ווערט אַ מעבל־אַרבעטער. לייענט די ווערק פֿון באָקל, מאָרגאַן און מאַרקס. שליסט זיך אָן אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, 1877. לויט זיין אויטאָביאָגראַפֿיע, געשריבן אין טורמע, נאָך דעם, ווי ער איז פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט, איז שפּיז, אונטער דער ווירקונג פֿון די שווינדלערייען און שפּיצלעך פֿון דער בורזשואַזיע קעגן די קאַנדידאַטן פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט, געוואָרן אַנטוישט אינעם פּאָ־ליטישן קאַמף. דאָס טרייבט אים אין אַנאַרכיסטישן לאַגער.

39 אין ענגלאַנד, וואו די איינגעוואַנדערטע יידישע מאַסן האָבן ניט געהאַט קיין מעג־לעכקייט צו ווערן בירגער און צו באַטייליקן זיך אינעם פּאָליטישן קאַמף, האָבן די ראַ־דיקאַלן צווישן די איינוואַנדערער געמאַכט פֿון דער נויט אַ טוגנט און אויסגעלאַכט יעטוועדע פּאָליטישע טעטיקייט.

40 לענין, באַנד XVII, אויסגאַבע 1925, ז׳ 125.

41 „ס׳איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט פֿון די ׳פֿאָרגעשריטענע׳ פּאַרלאַמענטאַרישע לענדער פֿילט אַן עקל, ווען ער זעט אַזעלכע ׳סאָציאַליסטן׳, ווי די שיידעמאַנס, דאַווידס, לעגיענס, סאָבאַסעס, רענאָלדס, הענדערסאָנס, וואַנדערוועלדס, סטויבינגס, בראַנטינגס, ביסאָלאַטיס און קאָמפּאַניע; פֿלעגט אַלץ אָפֿטער אָפּגעבן זיינע סימפּאַטיעס דעם אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אַ לייבלעכער ברודער פֿונעם אָפּאָרטוניזם״ (לענין, ב׳ XXI, „מלוכה און רעוואָלוציע״, ז׳ 400).

42 יאָהאַן מאָסט (1846—1906) — דייטשישער אַנאַרכיסט, אַ בוך־דרוקער, אין אָנהויב פֿון זיין פּאָליטישער טעטיקייט — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. 1867—1870 באַטיי־ליקט ער זיך אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ווין, וואו ער איז איינער פֿון די פֿירער פֿון דעם „לינקן״ האַלב־אַנאַרכיסטישן פֿליגל. אין דייטשלאַנד רעדאַקטירט ער, זינט 1871, די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג „כעמניצער פֿרייע פּרעסע״. 1874—1878 איז ער אַ מיטגליד פֿונעם דייטשישן רייכסטאַג. זינט 1876 רעדאַקטירט ער די „בערלינער פֿרייע פּרעסע״. ווען דער סאָציאַליזם ווערט פֿאַרבאָטן אין דייטשלאַנד, וואַנדערט מאָסט אַריבער קיין לאָנדאָן, וואו ער הויבט אָן אַרויסגעבן (אין יאַנואַר 1879) זיין וואָכנבלאַט „פֿרייהייט״, וואָס אַנטוויקלט זיך אין אַן אַנאַרכיסטישער צייטונג. אויף דעם פּאַרטיי־טאָג־צוזאַמענפֿאָר פֿון 1880 ווערט מאָסט אויסגעשלאָסן פֿון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער פֿאָרט אַריבער קיין אַמעריקע, וואו ער גיט ווייטער אַרויס זיין „פֿרייהייט״ און ווערט דער הויפּט־וואָרטזאָגער פֿונעם אַנאַרכיזם. גלייך נאָך מאַרקס׳ טויט (14טער מערץ 1883) דערקלערט מאָסט אין אַמעריקע, אַ ער איז געשטאַנען מיט מאַרקסן אין נאָענטע באַציאונגען, און אַז מאַרקס איז געווען איינפֿאַרשטאַנען מיט זיין (מאָסטס) פּראָפּאַגאַנדע. די ניו־יאָרקער „סענטראַל־לייבאָר־יוניאָן״ (צענטראַלער אָרגאַן פֿון די טרעיד־יוניאָנס) ווענדט זיך וועגן דעם צו פֿרידריך ענגעלסן, וועלכער לייקנט עס אָפּ אין אַ בריוו פֿונעם 18טן אַפּריל 1883. ענגעלס פֿאַרענדיקט דעם בריוו אַזוי: „פֿאַר זיין [מאָסטס] אַנאַרכיזם און פֿאַר זיין אַנאַרכיסטישער טאַקטיק האָבן מיר געהאַט די

זעלבע פֿאַראַכטונג, ווי פֿאַר די לייט, ביי וועלכע ער האָטביידע זאַכן דערלערנט" (בריוו צו זאָרגען).

[43] מאַסט האָט דעמאָלט קריטיקירט אין זיין „פֿרייהייט" דעם אָפּאָרטוניזם פֿונעם אָפֿיציעלן אָרגאַן פֿון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

[44] אַלבערט פּאַרסאָנס (1848—1887), געבוירן אין דער שטאַט אַלאַבאַמאַ, אין אַ פֿאַמיליע, וואָס האָט איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אין 1632. צו 12 יאָר ווערט ער אַ דרוקער און אַ צייטונגס־טרעגער. אין 1868טן יאָר גיט ער אַרויס אַ וואָכנבלאַט „ספּעק־טאַטאָר", אין וועלכן ער פֿאַרטיידיקט די רעכט פֿון די נעגערס. אַלס מיטגליד פֿון דער הערשנדיקער בורזשואַזער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי, קריגט ער צו 21 יאָר אַ רעגי־רונגס־שטעלע, ווערט אויך אויסגעקליבן פֿאַר אַ סעקרעטאַר פֿונעם סענאַט אין טעקסעס. 1873 זאָגט ער זיך אָפּ פֿון זיין אַמט און באַזעצט זיך אין שיקאַגאָ, וואו ער אַרבעט אַלס דרוקער. דאָרט ווערט ער אַ מיטגליד פֿון דער דרוקער־יוניאָן און פֿאַראינטערעסירט זיך מיט דער אַרבעטער־פֿראַגע. 1875 ווערט ער אַ מיטגליד אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פֿון אַמעריקע, וואָס פֿאַראייניקט זיך אַ יאָר שפּעטער מיט דעם לינקן פֿליגל פֿון די טרעיד־יוניאָנס אונטערן נאָמען „אַרבעטער־פּאַרטיי פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן". ער ווערט אויך אַ מיטגליד פֿון די נאַיטס־אָוו־לייבאָר (זע אָנמערקונג 35). בעת דעם גרויסן אייזנבאַן־שטרייק פֿון 1877 האַלט ער אַ רעדע פֿאַר אַ מאַסע פֿון 20 ביז 30 טויזנט אַרבעטער. די שיקאַגער „טיימס", וואו ער אַרבעט אַלס זעצער, זאָגט אים דערפֿאַר אָפּ פֿון זיין שטעלע. ער ווערט אַרעסטירט, און מען דראָעט אים מיט מאָרד. צוויי יאָר איז ער אַרבעטסלאָז, און זיין פֿאַמיליע ליידט גרויס נויט. די אַרבעטער שטעלן אים אַרויס ביי די וואַלן אַלס זייערן אַ קאַנדידאַט אינעם שטאַט־ראַט און אין קאָנגרעס. ער באַטיי־ליקט זיך אינעם צוזאַמענפֿאָר פֿון דער „אַרבעטער־פּאַרטיי פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן" אין 1878, ווען זי נעמט אָן דעם נאָמען „סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי". 1879 שטעלט די פּאַרטיי אים אַרויס אַלס איר קאַנדידאַט פֿאַר פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן (ער האָט ניט געקאָנט אָננעמען, ווייל ער איז דעמאָלט נאָך ניט אַלט געווען קיין 35 יאָר, ווי דאָס געזעץ פֿאָדערט). אין דער זעלביקער צייט אָרגאַניזירט ער די פֿאַראיי־ניקונג פֿון אַלע יוניאָנס אין און אַרום שיקאַגאָ, האַלט הונדערטער רעדעס און טוט אויך גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט אין אַנדערע שטעט. אַנטוישט דורך די מאַכינאַציעס פֿון דער שיקאַגער בורזשואַזיע (ניט צוצולאָזן קיין אויסגעוויילטע אַרבעטער־פֿאָרשטייער צו די געזעצגעבנדיקע אָרגאַנען), ציט זיך פּאַרסאָנס צוריק, אין יאָר 1880, פֿון יעטווע־דער פּאָליטישער טעטיקייט און קאָנצענטרירט זיין גאַנצע ענערגיע אויפֿן קאַמף פֿאַר דער אַכט־שעה־באַוועגונג. ער שליסט זיך אָן, אין 1883, אין דער אַנאַרכיסטישער „אינ־טערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאָלקס־אַסאָציאַציע" (גלויבנדיק, אַז דאָס איז אַ פֿאָרזעצונג פֿונעם 1טן אינטערנאַציאָנאַל). 1884 ווערט ער רעדאַקטאָר פֿונעם „אַלאַרם" (דער ענגלישער אָרגאַן פֿון דער דאָזיקער אַסאָציאַציע). נאָכן שטרייק פֿונעם 1טן מאַי 1886, ווען די שטרייק־פֿירער ווערן אַרעסטירט, געלינגט אים זיך צו באַהאַלטן. נאָר ווען זיינע חברים ווערן אָנגעקלאָגט אין מאָרד, גיט זיך פּאַרסאָנס איבער פֿרייוויליק צום געריכט.

צו קאַפּיטל 5

[45] בריוו צו באָלשע פֿונעם 23טן נאָוועמבער, 1871. מאַרקס־ענגעלס „אויסגעוויילטע בריוו", אַרויסגעגעבן פֿון מאַרקס־ענגעלס־לענין־אינסטיטוט, מאָסקווע, 1934. קאַרל מאַרקס האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער אַרבעט פֿון דער „אַכט־שעה־ליגע" און ער האָט

זיך געשטעלט מיט איר אין פֿאַרבינדונג, צו קריגן איר ליטעראַטור (מאַרקס' בריוו צו זאָרגען פֿון 19טן סעפּטעמבער, 1879).

[46] פֿ. זאָרגעס נאָכבאַמערקונג צו מאַרקס' בריוו פֿונעם 12טן סעפּטעמבער 1871.

[47] „פּראָטאָקאָלן פֿון די קאָנווענשאָנס פֿון דער אַמעריקאַנער פֿעדערײשאָן אָוו לײבאָר", 1884—1885. אין 1888 האָט אַ קאָנווענשאָן פֿון דער זעלבער אָרגאַניזאַציע װידער באַשלאָסן צו דערקלערן אַ גענעראַל־שטרײק אויף דעם 1טן מאַי (1890) מיט דער פֿאָדערונג פֿון אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג. אויף דעם גרינדונגס־קאָנגרעס פֿון דעם 2טן אינטערנאַציאָנאַל (אויגוסט, 1889) איז באַשלאָסן געװאָרן אָנצונעמען אָט די קאַמף־דאַטע פֿון דעם אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט — דעם 1טן מאַי — פֿאַר דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַװעגונג.

[48] אין זײן בוך „סאָציאַלע טרײב־קרעפֿטן", ז' 315, דערצײלט סײמאָנס, אַז די אַמע־ריקאַנער אַרבעטער האָבן דערװאַרט דעם גענעראַל־שטרײק פֿונעם 1טן מאַי, 1886 מיט „רעליגיעזער התלהבות", כאָטש קײן אײן באַדײטנדיקע אָרגאַניזאַציע האָט ניט באַ־שטימט אָט די דאַטע (די „אַמעריקאַנער פֿעדערײשאָן אָוו לײבאָר" פֿון יענער צײט האַלט סײמאָנס ניט פֿאַר קײן באַדײטנדיקער). די „נאַיטס אָוו לײבאָר" (איר פֿירערשאַפֿט) האָט זיך אָפֿיציעל אָפּגעזאָגט פֿון אָט דער דאַטע. דאָך איז די באַװעגונג געװאַקסן און האָט דערגרײכט אַזאַ פֿאַרנעם, אַז עס האָט גענומען דראָען מיט אַן ערנסטער פֿאַרקלענערונג פֿון דעם חלק, װאָס דער קאַפּיטאַל נעמט פֿונעם אַרבעטס־פּראָדוקט, און דעם הערשנדיקן קלאַס האָט אַרומגעכאַפּט אַ מין פּאַניק.

[49] די פֿירער פֿון דער „אַמעריקאַנער פֿעדערײשאָן אָוו לײבאָר", גאָמפּערס און אַנ־דערע, האָבן איגנאָרירט די באַשלוסן פֿון איר 7טער און 8טער קאָנװענשאָן. זײ האָבן ניט דורכגעפֿירט קײן שטרײק פֿאַרן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, זיך ניט באַטײ־ליקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער דעמאָנסטראַציע פֿונעם 1טן מאַי, 1890, און אויך ניט אין די שפּעטערדיקע ערשטמאַיקע אַרויסטרעטונגען (זע ק. מרמר, „דער ערשטער מאַי", „האַמער", 1926, זז' 20—24).

[50] „אַמאָל אין אַמעריקע", זז' 173—180.

[51] רעדנדיק װעגן דעם פּראָצעס פֿון די רוסישע רעװאָלוציאָנערע פֿאָלקיסטן, „די נאַראָדאָװאָלצעס", װעלכע האָבן דערהרגעט דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם 2טן, דערקלערט מאַרקס, אַז „דאָס זײנען דורך און דורך טיכטיקע לײט, אָן מעלאָדראַמאַטישער פּאָזע, אײנפֿאַכע, זאַכלעכע, העראָאישע. שרײען און טאָן זײנען אומפֿאַראײניקבאַרע קעגנזאַצן. דער פּעטערבורגער אויספֿיר־קאָמיטעט, װאָס האַנדלט אַזוי ענערגיש, לאָזט אַרויס מאַני־פֿעסטן פֿון ראַפֿינירטער ׳טעטיקײט׳. דאָס איז װײט אַװעק פֿון דער שול־ייִנגלשער מאַניר פֿון מאָסטן און פֿון אַנדערע קינדישע שרײערס, װאָס פּרײדיקן טיראַנען־מאָרד װי אַ ׳טעאָריע׳ און װי אַן ׳אַלהײלמיטל׳" (בריוו צו זײן טאָכטער זשעני (דײטש) פֿון 11טן אַפּריל, 1881).

[52] י. סולטאַן (לויט בראָדסטריט) — „רעװאָלט־מאָמענטן אין דער אַמעריקאַנער גע־שיכטע", ניו־יאָרק, 1934, ז' 28.

[53] די „שיקאַגאָ־טריביון" איז אויך הײנט אײנע פֿון די פֿאַרביסנסטע העץ־בלעטער קעגן דער אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפֿט.

[54] זע לינגס דערקלערונג אין אָנמערקונג 72. ענלעכס דערצײלן אויך אַלבערט פּאַר־סאָנס און אויגוסט שפּיז אין זײערע אויטאָביאָגראַפֿיעס. זע אויך „סאָציאַלע טרײב־קרעפֿטן", ז' 315.

[55] אַ קאָרעספּאָנדענץ פֿון שיקאַגאָ (דאַטירט דעם 25טן מאַי, 1886) צום לאָנדאָנער „אַרבייטער פֿריינד" דערציילט, אַז אַן ערך 6,000 שטרייקערס פֿון מעקקאָרמיקס פֿאַבריק האָבן נאָך זייערע אַ פֿאַרזאַמלונג געמאַכט אַ פּרואוו צו „שטערן" די „סקעבס" (שטרייק־ברעכערס) אין דער אַרבעט. דער פֿאַבריקאַנט האָט גלייך געשיקט נאָך פּאָליציי און אין אייניקע מינוטן זיינען ביי דער פֿאַבריק געשטאַנען אַרום 150 פּאָליסלייט (פּאָליציאַנטן) מיט רעוואָלווערן אין די הענט. די „פּאָליסלייט" זיינען „באַפֿאַלן ווי ווילדע טיגער" די אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך „נאָר געקאָנט פֿאַרטיידיקן מיט שטיינער". אַ באַריכט אין דער „שיקאַגער דיילי ניוס" פֿון דעם זעלביקן טאָג (3טער מאַי) האָט מיטגעטיילט, אַז 6 אַרבעטער זיינען געפֿאַלן טויט, און 20 זיינען געווען פֿאַרוואונדעט.

[56] דער אויפֿרוף פֿון אויגוסט שפּיז איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין ענגליש און אין דייטש. כ'ברענג דאָ די יידישע איבערזעצונג פֿון דעם ענגלישן אויפֿרוף, ווי ער איז איבערגעדרוקט אין די זכרונות וועגן דעם פּראָטעסט פֿון די אַנאַרכיסטן, געשריבן פֿון איינעם פֿון זיינע אַדוואָקאַטן, זיגמונט צייסלער, אינעם יורידישן זשורנאַל פֿון די אוניווערסיטעטן פֿון שיקאַגאָ און פֿונעם שטאַט אילינאָי, נאָוועמבער־נומער, 1926, זז' 250—224 (Sigmund Zeisler, "Reminiscences of the Anarchist Code," *Illinois Law Review*, Vol. XXI, No. 3, November, 1926, pp. 224-250):

„אַרבעטער, צו וואָפֿן!

אייערע באַלעבאַטים האָבן אַרויסגעשיקט זייערע בלוט־הינט — די פּאָליציי. זיי האָבן היינט נאָכמיטיק דערמאָרדעט 6 פֿון אייערע ברידער ביי מעקקאָרמיקן. זיי האָבן דערמאָרדעט אָט די אָרעמע ליידנדיקע. זיי האָבן דערמאָרדעט אָט די עלנטע מענטשן, ווייל זיי האָבן, אַזוי ווי איר, געהאַט דעם מוט ניט אונטערצוואַרפֿן זיך דעם הויכמוטיקן ווילן פֿון אייערע באַלעבאַטים. זיי האָבן זיי דערמאָרדעט, ווייל זיי האָבן געוואַגט צו פֿאָדערן אַ קירצערן אַרבעטסטאָג. זיי האָבן דערמאָרדעט, צו ווייזן אייך, 'פֿרייע אַמעריקאַנער בירגער', אַז איר מוזט זיך צופֿרידנשטעלן מיט דעם, וואָס אייערע באַלעבאַטים וועלן אייך נאָר צווואַרפֿן, אָדער איר וועט ווערן אויסגעשאָכטן!

יאָרנלאַנג האָט איר געדולדעט די ערגסטע דערנידערונגען; יאָרנלאַנג האָט איר געליטן אומגעהויערע אומגערעכטיקייטן; איר האָט געהאָרעוועט איבער אייערע כּוחות; איר האָט געליטן הונגער און נויט; איר האָט אייערע קינדער געבראַכט פֿאַר קרבנות צו די פֿאַבריק־מאַגנאַטן — קורץ, איר זייט די אַלע יאָרן געווען עלנטע, געהאָרכזאַמע שקלאַפֿן. פֿאַרוואָס? כּדי צופֿרידנצושטעלן די אומדערזעטיקטלעכע גיריקייט און אָנצופֿילן די קאַסעס פֿון אייער רויבערשן האַר! ווען איר בעט אים איצט צו פֿאַרלייכטערן אייער יאָך, שיקט ער אַרויס זיינע בלוט־הינט אייך צו דערשיסן, אייך צו דערמאָרדן!

אויב איר זייט מענער, אויב איר זייט זין פֿון אייערע פֿאָטערס, וועלכע האָבן פֿאַרגאָסן זייער בלוט, כּדי אייך צו באַפֿרייען — אַזוי דערהויב זיך אין דיין מאַכט, הערקולעס, און צעשטער דעם עקלדיקן מאָנסטער, וואָס זוכט דיך צו פֿאַרניכטן.

צו געווער רופֿן מיר אייך, צו געווער!

אייערע ברידער."

אין דייטש איז אין אָט דעם „ראַכע־צירקולאַר" געשטאַנען אַזוי:

„אַרבעטסלייט! איר זייט געקומען צו אַזאַ פּונקט, וואו די וועגן טיילן זיך. וועלכן וועג וועט איר אויסקלויבן? פֿון שקלאַפֿעריי און הונגער, אָדער פֿון פֿרייהייט און ברויט? אויב איר וועט אויסקלויבן דעם צווייטן וועג, טאָ לייגט עס ניט אָפּ אויף קיין איין רגע, טאָ נעמט זיך פֿאַרן געווער!" (ק. מרמר, „די שיקאַגער מאַרטירער", „פֿרייהייט", 13טן נאָוועמבער, 1927).

[57] שפּיז האָט אין זיין רעדע אויף היימאַרקעט־סקווער דעם גרויסקאַפּיטאַליסטישן מעקקאָרמיק געמאַכט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער בלוט־פֿאַרגיסונג פֿונעם 3טן מאַי. דערביי

האָט שפּיז אָנגעוויזן, אַז אין שיקאַגאָ געפינען זיך פון 25 ביז 30 טויזנט פאַמיליעס, וואָס ליידן הונגער („אַרבעטער־פריינד", יולי, 1886). פאַרסאָנס האָט גערעדט וועגן דער אַכט־שעה־באַוועגונג און אָנגעוויזן אויף די נויטן פונעם אַרבעטער־קלאַס אין שיקאַגאָ און אין די פאַראייניקטע שטאַטן בכלל. ער האָט ציטירט די ווערטער פון דער בורזשואַזער צייטונג, „ניו־יאָרק העראַלד", פון דער צייט פון אייזנבאַן־שטרייק: „גיט זיי די ביקס־דיעטע און זעט, ווי אַזוי ס'וועט זיי געפעלן אָט דער סאָרט דיעטע". ער האָט אויך ציטירט די רייד פון אַנדערע בורזשואַזע וואָרטפירער קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס. ער האָט אויפגעפאָדערט די אַרבעטער צו פאַרטיידיקן זייער פרייהייט, צו שטיין פאַראייניקט, ווייל אין אייניקייט איז זייער מאַכט (אַלבערט פאַרסאָנס לעבן, ענגליש, אַרויסגעגעבן פון ליוסי פאַרסאָנס, שיקאַגאָ, 1889, זז' 116—127).

[58] אין אַ קאָרעספּאָנדענץ צו דער דענווערער אַרבעטער־צייטונג "Labor Enquirer" („לייבאָר אינקווייערער") פונעם 17טן מאַי, 1886, דערציילט פאַרסאָנס פרוי, ליוסי, אַז די פאַרזאַמלונג אויף היימאַרקעט־סקווער איז באַפאַלן געוואָרן פון 300 פאָליציאַנטן און אַז 50 פון זיי זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן פון דער באָמבע.

[59] אין זיין בריוו צו פ. זאָרגע, פונעם 17טן מאַי 1886, שרייבט יאָזעף דיטצגען, אַז ער האָט געהאַט די זעלביקע מיינונג ווי זאָרגע, אַז מען דאַרף ניט איבערטרייבן דעם אונטערשייד צווישן די אַנאַרכיסטן און די סאָציאַליסטן, אויף וויפל דאָס זיינען „ריינע נאָמען־ און אָרגאַניזאַציע־דיפערענצן", און אַז ווי נאָר דער פערסאָנאַל פון דער „אַרבעטער צייטונג" איז „אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין פאָליציייאישע נעצן", האָט ער גלייך פאַרגעלייגט זיין דינסט און מען האָט עס תיכף אָנגענומען. דערביי אָבער גרענעצט זיך אָפּ דיטצגען פונעם „מאָסטיאַניזם", מיט וועלכן ער קאָן ניט שליסן קיין פרידן. ווען ענגעלס ווערט באַקאַנט מיט די ריכטיקע פאַקטן פון דער פראָוואָקאַציע פון דער אַמעריקאַנישער בורזשואַזיע און פון איר קאָרופּטירטן געריכט קעגן די שיקאַגער אָנגעקלאָגטע אַרבעטער־פירער, איז ער איינשטימיק מיט דיטצגענען און זאָרגען, אַז די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג דאַרף שטיצן די אָנגעקלאָגטע, ניט געקוקט אויף קיינע פאַרטיי־דיפערענצן. אין אַ בריוו צו זאָרגען פונעם 16טן סעפּטעמבער, דערקלערט ענגעלס: „דער מאָמענט מעג עס אַנטשולדיקן, אָבער ער זאָל אויך אינעם אַנטשיידענעם מאָמענט ניט פאַרגעסן זיין גאַנצע דיאַלעקטיק".

[60] ווען די שיקאַגער אַנאַרכיסטן ווערן פאַראורטיילט צום טויט, שרייבט ענגעלס צו זאָרגען (דעם 29טן נאָוועמבער 1886), אַז אין קיין לאַנד אין דער וועלט טרעט ניט אויף די בורזשואַזיע „אַזוי אומפאַרשעמט און טיראַניש" ווי אין אַמעריקע, און די אַמעריקאַנישע ריכטער זיינען נאָך ערגער ווי די ביסמאַרקישע אינעם קייזערלעכן דייטשלאַנד.

דער גובערנאַטאָר אַלטגעלד, וואָס האָט באַפרייט (26טן יולי 1893) די דריי פאָליטישע אַרעסטירטע פון 1886 (די גרויסבורזשואַזיע האָט אים דערפאַר ניט צוגעלאָזט צו קיין אַמט), האָט דערקלערט אין זיין אָפיציעלער אַמנעסטיע־שריפט: „1) די געשוואָרענע ריכטער, וואָס האָבן געפירט דעם פראָצעס, זיינען לכתחילה אויסגעקליבן געוואָרן מיט דעם מיין צו פאַראורטיילן. 2) לויט זייערע אייגענע דערקלערונגען זיינען די געשוואָרענע ריכטער ניט געווען קאָמפּעטענט, און דער גאַנצער פראָצעס איז דעריבער ניט געווען געזעצלעך. 3) עס איז מיט קיין זאַך ניט באַוויזן געוואָרן, אַז די אָנגעקלאָגטע זיינען שולדיק. 4) דער פראָקוראָר האָט אַליין דערקלערט, אַז ער האָט ניט קיין שום באַשולדיקונגען קעגן ניבען, דאָך האָט מען אים די אַלע יאָרן געהאַלטן אין

טורמע. 5) דער הויפּט־ריכטער, וואָס האָט געפֿירט דעם פּראָצעס, איז אָדער געווען אַזוי פֿאָרויסגעשטימט קעגן די אָנגעקלאָגטע, אָדער אַזוי פֿאַראינטערעסירט צו געווינען די צושטימונג פֿון אַ געוויסן קלאַס אין דער געמיינדע, אַז ער האָט ניט געקאָנט פֿירן און האָט טאַקע ניט געפֿירט קיין ערלעכן פּראָצעס".

פֿראַנק העריס, אין זיין דערציילונג „די באָמבע", שרייבט: „דאָס געריכט־הויז איז געווען געפּאַקט מיט פֿריינט פֿון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, מיט רייך־געקליידטע בירגער, וואָס האָבן אָפֿן אַרויסגעוויזן זייערע געפֿילן... דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס ציילט צוויי מאָל אַזוי פֿיל ווי די רייכע, איז ניט דערלויבט געוואָרן צו שיקן זיינע פֿאָרשטייער אינעם געריכט; ווער ס'איז אַהין געקומען, איז געוואָרן אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט אין טורמע. מען האָט זיך דערביי ניט גערעכנט מיט גרזעצלעכקייט, כּדי אָפּצושלאָגן דעם חשק ביי די איבעריקע". פֿון די איבער טויזנט איינגעלאַדענע קאַנדידאַטן פֿאַר געשוואָרענע ריכטער זיינען בלויז 10 געווען פֿונעם אַרבעטער־קוואַרטאַל, וואָס האָט געהאַט אַ באַפֿעלקערונג פֿון איבער 130,000, איבער אַ פֿערטל פֿון גאַנץ שיקאַגאָ. אויך די צען קאַנדידאַטן „זיינען אַלע געווען פֿאָרזיכטיק אויסגעקליבן דורך דער פּאָליציי".

ראָבערט העריק, פּראָפֿעסאָר פֿון שיקאַגער אוניווערסיטעט דערציילט אין זיינע דערציילונגען „דעראינערונגען פֿון אַן אַמעריקאַנער בירגער", אַז די געשוואָרענע ריכטער זיינען באַשטימט געוואָרן פֿאָראויס אין די קאַנטאָרן פֿון די מיליאָנערן. ווען דער אַדוואָקאַט פֿון די אָנגעקלאָגטע, קאַפּיטאַן בלעק, האָט באַוויזן, אַז די געשוואָרענע האָבן פֿאָרויסבאַשטימטע מיינונגען, פֿאָראורטיילן און קאָנען, לויטן געזעץ, ניט זיין קיין געשוואָרענע ריכטער, האָט דער פֿאָרזיצנדיקער ריכטער, גערי, אַריינגעלייגט די געשווירענע ריכטער אין מויל דעם ענטפֿער: „איך גלויב, אַז כ'וועל אורטיילן דעם פּראָצעס בלויז לויט די באַווייזן, אָנשטענדיק".

ענלעכע פֿאַקטן, ווי אַזוי די בורזשואַזיע האָט געטראָטן אויף אירע אייגענע געזעצן, אַבי צו ברענגען די שיקאַגער אַרבעטער־פֿירער אויף דער תּליה, און דורך דעם אָפּצושטעלן די אַגיטאַציע פֿאַרן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, ווערן אויך דערציילט אין די (אין אָנמערקונג 56) דערמאָנטע זכרונות פֿונעם אַדוואָקאַט פֿון דער פֿאַרטיידיקונג, זיגמונט צייסלער.

צו קאַפּיטל 6

[61] אין אַ בריוו צו זאָרגען פֿון 9טן אַפּריל 1887 דערקלערט ענגעלס, אַז דער דערפֿאָלג פֿון די פֿרילינג־וואַלן אין שיקאַגאָ און סינסינעטי האָט געהאָלפֿן צו פֿאַרשטאַרקן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין ענגלאַנד.

[62] „געש. ייד. אַרבעטער־באַוועגונג", ז' 119.

[63] לויט עדעלשטאַטס שוועסטער האָט מיר דערציילט.

אין דער וואַל־קאַמפּאַניע פֿאַר הענרי דזשאָרדזש האָבן זיך באַטייליקט אויך אַנדערע אַנאַרכיסטן („אַמאָל אין אַמעריקע", זז' 186—188). פֿון דער אַנדערער זייט, האָט דער סאָציאַליסטיש־אומפּאַרטייאישער לאָנדאָנער „אַרבעטער־פֿריינד", אונטער דער רעדאַקציע פֿון ווינטשעווסקין און קראַנצן, דערקלערט (אינעם אָקטאָבער־נומער, 1886), אַז „עס וואָלט געווען פֿיל בעסער פֿאַר די אינטערעסן פֿון 'די אַרבעטער־קלאַסע' צו שטרעבן צו באַפֿרייען אונדזערע שיקאַגער העלדנמוטיקע גענאָסן", איידער „צו פֿאַרלירן אַזוי

פֿיל צייט און פּאַפּיר" אויף אויסצואווײַלן העגרי דזשאָרדזש, וועלכער „איז קיין סאָציאַליסט" און מען האָט „גאָרנישט צו דערוואַרטן אַפֿילו אין בעסטן פֿאַל... די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די ניו־יאָרקער אַרבעטער וועט זיך אויף אַ האָר ניט אויסבעסערן".

[64] אין זיין בריוו צו זאָרגען פֿונעם 30טן יוני 1881, מכּוח הענרי דזשאָרדזשס טעאָריעס, שרייבט מאַרקס מיט איראָניע: „זיין גרונט־דאָגמע באַשטייט אין דעם, אַז אַלץ וואָלט זיין אין אָרדענונג, אויב די ערד־רענטע וואָלט אויסגעצאָלט ווערן דער מלוכה". ווייטער דעמאַסקירט מאַרקס דעם קלאַסן־תּוך פֿון דזשאָרדזשס „סאָציאַליזם": „דאָס אַלץ איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַ פּרוּוו אונטער דער מאַסקע פֿון סאָציאַליזם צו ראַטעווען די הערשאַפֿט פֿון די קאַפּיטאַליסטן, גאָר מער אַפֿילו אויפֿסנייַ זי צו פֿאַרפֿעסטיקן אויף אַ ברייטערער באַזע, ווי ביז איצט. די דאָזיקע בייזוויליקע כּוונה, און איינצייטיק דערמיט נאַרישקייט, קוקט אַרויס ניט צווייַדייטיק פֿון הענרי דזשאָרדזשס דעקלאַמאַציעס". מאַרקס אָנערקענט הענרי דזשאָרדזשס פּרוּוו, אמת — ניט קיין געלונגענעם, צו באַפֿרייען זיך פֿון דער בורזשואַזער „אָרטאָדאָקסאַלער פּאָליטישער עקאָנאָמיע" און זיין שריפֿטשטעלערישן טאַלאַנט, כאָטש אין דעם איז אויך פֿאַראַן „טאַלאַנט צו יענקי־רעקלאַמע".

[65] אין דעם זעלביקן בריוו שרייבט ענגעלס: „די מאַסן נויטיקן זיך אין זייער אַנטוויקלונג אין צייט און פּאַסיקע פֿאַרהעלטענישן; די לעצטע וועלן אַליין זיך באַווייזן, ווי נאָר די מאַסן וועלן שאַפֿן זייער אייגענע באַוועגונג — אַלצאיינס, אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם זי וועט זיך אויסגיסן, אַבי זי זאָל נאָר זיין זייער אייגענע באַוועגונג, אין וועלכער זייערע אייגענע טעותן וועלן שטויסן די מאַסן פֿאָראויס, און די דערמיט פֿאַרבונדענע פֿאַרלוסטן וועלן זיי מאַכן קליגער".

[66] דוד גרינבערג (1852—1917) האָט אין רוסלאַנד געהייסן דוד זאַהיק. אונטער אָט דעם נאָמען האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט זיין פּיעסע „די ראָזע צווישן דערנער" (פּיעטריקאָוו, 1884). קיין אַמעריקע קומט ער אין 1885, אַרום דער צייט פֿון דער באַוועגונג פֿאַרן גענעראַל־שטרייק פֿונעם 1טן מאַי 1886. אַ געוויסע צייט שרייבט ער רעוואָלוציאָנערע לידער און אַרטיקלען. אין די 90ער יאָרן ווערט ער אַ ציוניסט און שרייבט נאַציאָנאַליסטישע לידער, מערסטנטייל אונטער דעם נאָמען ד. ג. בן ישי. אַ טייל פֿון אָט די לידער איז דערשינען אין בוכפֿאָרם — „די יידישע האַרפֿע", פּיטסבורג, 1897. אין די ביאָגראַפֿישע נאָטיצן, וואָס איך האָב אַמאָל געקראָגן פֿון זיין אַלמנה, דערמאָנט זי, אַז ער האָט אין די 80ער יאָרן געהערט צוזאַמען מיט דוד עדעלשטאַט און הלל זאָלאָטאַראָוו צו אַן אַפּיקורסיש קרייזל אין סינסינעטי.

[67] די שוועסטער זיינע געדענקט ניט גענוי די צייט, ווען עדעלשטאַט האָט פֿאַרלוירן זיין אַרבעטס־פּלאַץ ווי אַ שטראָף פֿאַר זיין יוניאָן־טעטיקייט. ס'איז אָבער זיכער, אַז דאָס איז פֿאָרגעקומען אונטער דער ווירקונג פֿון דער באַוועגונג פֿאַרן גענעראַל־שטרייק פֿון 1886 און פֿון דער אַלגעמיינער אויפֿלעבונג נאָך די געשעענישן פֿונעם 1טן מאַי אין שיקאַגאָ.

[68] די „ניו־יאָרק וואָרלד" האָט דעמאָלט געשריבן:

„דער אַמעריקאַנער אַרבעטער דאַרף זיך צוגעוואוינען, אַזוי ווי דער אייראָפּעאישער אַרבעטער, צופֿרידנצושטעלן זיך מיטן קלענסטן לוין, וואָס איז גענוג ניט צו שטאַרבן פֿאַר הונגער. אויף אַזאַ אופֿן וועט ער זיך אויסהיילן פֿון זיין יחוס און וועט אָננעמען די ראָלע, וועלכע איז אים באַשטימט פֿון דער געטלעכער השגחה און פֿון איר גרויסער חכמה — דאָס איז, צו זיין אַ מענטשלעכע מאַשין".

דער „ניו־יאָרקער העראָלד" איז געגאַנגען ווייטער. ער האָט געשריבן:
„די בעסטע אַכילה, וואָס מען קען געבן די שטרייקערס, איז בליי". מען מוז זיי דערפון „געבן אַ גוטע פּאָרציע, כּדי איינצושטילן זייער שטאַרקן אַפּעטיט".
(ביידע ציטאַטן לויטן „אַרבעטער־פֿרייַנד" פֿון נאָוועמבער, 1887).

[69] אין ענגלאַנד האָבן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער דורכגעפֿירט אַ גרויסע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע. פֿון דייטשלאַנד האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן געשיקט אַ פּראָטעסט־טעלעגראַמע צום גובערנאַטאָר פֿון שטאַט אילינאָי (צו וועלכן שיקאַגאָ געהערט) מיט די אונטערשריפֿטן פֿון בעבעל, גרילנבערג, ווילהעלם ליבקנעכט און פּאָול זינגער (מאַרקס־ענגעלס, בריוו צו בעבעל, ליבקנעכט און אַנדערע. 1טער טייל, ז' 452). עס זייַנען אויך געווען פּעטיציעס, אויף וועלכע ס'האָבן זיך אונטערגעשריבן באַרימטע שרייבער פֿון ענגלאַנד און אַמעריקע, ווי אָסקאַר ווײַלד, בערנאַרד שאָו, וויליאַם דיען האַועלס א"אַנד.

[70] ציטירט פֿון פּעטער קראָפּאָטקינען, לויטן „אַרבעטער־פֿרייַנד", נאָוועמבער, 1887.

[71] ליוסי פּאַרסאָנס האָט שפּעטער אַ סך יאָרן זיך באַטייליקט אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פֿון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און איז געווען באַזונדערס אַקטיוו אויפֿן געביט פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרטיידיקונג („א. ל. ד." — „מאָפּר"). אויך די אַלמנה פֿון אויגוסט שפּיז האָט גענומען אַן אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער קאָמ. פּאַרטיי.

[72] אין זייַן שלוס־רעדע נאָך דער פֿאַראורטיילונג האָט דער יונגער מעבל־אַרבעטער לואיס ליגג שאַרף דעמאַסקירט דאָס גאַנצע צביעות פֿונעם געריכט. ער האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די אַלע דינער פֿון דער בורזשואַזיע, פֿון דער פּאָליציי ביזן פּראָקוראָר, באַשטייען פֿון גנבים און זשוליקעס, פֿון באַוואוסטזיניקע ליגנער און פֿאַרשווערערס, און ער האָט דערצו באַמערקט: „און איר טאַדלט מיך נאָך פֿאַר פֿאַראַכטן אַזוינע 'פֿאַרטיידיקער פֿון געזעץ', — אַזוינע אומגעהייערע היפּאָקריטן!"

ליגג דערמאָנט, ווי אַזוי אָט די „פֿאַרטיידיקער פֿון געזעץ" האָבן ברוטאַל אונטערגעדריקט יעדן פּרואוו פֿון די אַרבעטער צו פֿאַרבעסערן זייער לאַגע דורך זייערע טרייד־יוניאָנס און דורך געוואַלד־מיטלען, ניט דערלאָזן די אַרבעטער צו באַניצן זיך מיט זייער וואַל־רעכט. אויף דעם, וואָס מען האָט די אָנגעקלאָגטע באַשולדיקט אין אַ פֿאַרשווערונג, ענטפֿערט ליגג: „דער עלנט פֿון די מאַסן, די רויבערייַען פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער היענע האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט אין אונדזער אַגיטאַציע ניט אַלס פּערזאָנען, נאָר אַלס מענטשן, וואָס אַרבעטן פֿאַר דער זעלביקער זאַך. דאָס איז 'די פֿאַרשווערונג' פֿאַר וועלכער איר האָט מיך פֿאַראורטיילט".

לואיס ליגג וויל ניט קיין גנאָד פֿון די בורזשואַזע ריכטער, ער דערקלערט זיי שטאָלץ:
„איך האָב גערופֿן די באַרויבטע און אונטערדריקטע מאַסן צו שטעלן זיך קעגן דער מאַכט פֿון זייערע אונטערדריקער. אָט די מאַכט איז באַזירט אויף שענדלעכע געזעצן, וואָס ווערן דורכגעפֿירט אין די אינטערעסן פֿון קאַפּיטאַל דורך באַוואָפֿנטער מאַכט. איך האָב זיי גערופֿן זיך צו שטעלן קעגן דער דאָזיקער מאַכט, כּדי זיי זאָלן זיך קענען דערשלאָגן צו אַ ווירדיקער און מענטשלעכער עקזיסטענץ דורך דעם, וואָס זיי וועלן קריגן דעם פֿולן ווערט פֿון זייער אַרבעט. דאָס און בלויז דאָס איז דער „פֿאַרברעכן", וואָס איז קעגן מיר דערוויזן געוואָרן. פֿאַרלייכטערן דעם אורטייל וועט זייַן אַ באַווייז, אַז דער הערשנדיקער קלאַס, וועמען איר פֿאַרטרעט, שעמט זיך פֿאַר זייַן טאַט. איך חזר איבער, אַז איך בין אַ שונא פֿון דער הייַנטיקער אָרדענונג, און איך חזר איבער, אַז אַזוי לאַנג ווי ס'בלייבט אַן אָטעם אין

מיר, וועל איך זיי באַקעמפֿן מיט אַלע מיינע כּוחות. איך דערקלער נאָך אַמאָל פֿריי און אָפֿן, אַז איך בין פֿאַר נוצן געוואַלט. — ווען איר וועט אונדז קאַנאָנירן, וועלן מיר אייך דינאַמיטירן. איך פֿאַראַכט אייך, פֿאַראַכט אייער אָרדענונג, אייערע געזעצן, אייער אויטאָריטעט, וואָס האַלט זיך אויף ברוטאַלער מאַכט. הענגט מיך דערפֿאַר!"

[73] די דריי שיקאַגער פּאָליטישע אַרעסטאַנטן זיינען באַפֿרייט געוואָרן ערשט דעם 26טן יוני 1893, ערב דער וועלט־אויסשטעלונג פֿון שיקאַגאָ, כּדי אַפּנים צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף די באַזוכער פֿון אַלע וועלט־טיילן (זע אָנמערקונג 60).

צו קאַפּיטל 7

[74] „פֿאָלקס־אַדוואָקאַט", 7טן דעצעמבער, 1888.

[75] סערגיי שעוויטש — דער רעדאַקטאָר פֿון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „ניו־יאָרקער פֿאָלקסצייטונג", פֿאַרלאָזט אַמעריקע סוף מאַי 1890 („אַרבעטער־צייטונג", 23טער מאַי). ער באַזוכט רוסלאַנד און באַזעצט זיך נאָכדעם אין דייטשלאַנד. דער בערלינער „פֿאָרווערטס", אונטער ליבקנעכטס רעדאַקציע, ברענגט דעמאָלט די נייס, אַז שעוויטש איז געוואָרן אַ צאַרישער באַאַמטער אין ריגע, און דערקלערט אים פֿאַר אַ פֿאַררעטער. אויך וואַרפֿט ער אויף שעוויטשן אַ חשד, אַז ער איז געווען אַ שפּיאָן אין אַמעריקע (לויט ד"ר יצחק אייזיק הורוויטשן אין דער „פֿאַ"ש" פֿון 9טן יאַנואַר 1890 און אַב. קאַהאַן: „בלעטער פֿון מיין לעבן", ב' 3, ניו־יאָרק, 1926, ז"ז 328—333). שעוויטש קומט אויפֿן 3טן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין ציריך (אויגוסט, 1893) און פֿאָדערט פֿון ליבקנעכטן, ער זאָל צוריקנעמען זיינע באַשולדיקונגען ; ער באַווייזט, אַז אַדאַנק זיינע קרובים, הויכע צאַרישע באַאַמטע (זיין ברודער איז געווען גובערנאַטאָר פֿון קאַלוגע), איז אים געווען לייכטער אַריינצופֿאָרן קיין רוסלאַנד וועגן ירושה־אָנגעלעגנהייטן. בעבעל האָט אויפֿגענומען די פֿראַגע, און דער צ"ק פֿון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די באַשולדיקונג איז אומבאַגרינדעט. סערגיי שעוויטש און זיין פֿרוי העלענע פֿאָן ראַקאָוויטש (די געליבטע פֿון לאַסאַלן, איבער וועלכער ער איז דערהרגעט געוואָרן אין אַ דועל), נעמען זיך דאָס לעבן אין יאָר 1908.

[76] „געש. ייד. אַרב.־באַוועגונג", ז' 152. דער גרינדער און רעדאַקטאָר פֿון דער „זנאַמיאַ", לעאָ באַנדעס, איז — אַזוי ווי עדעלשטאַט — געשטאָרבן פֿון טובעוקולאָז און אויך אין עלטער פֿון 26 יאָר (9טן מערץ 1889). ערשט אַ יאָר נאָך זיין טויט דערשיינט ווידער די „זנאַמיאַ", אונטער דער רעדאַקציע פֿון ל. מילער. זי האָט זיך געמאַטערט 8 חדשים און איז ווידער אונטערגעגאַנגען. אין יענער צייט איז שוין געווען דורכגעפֿירט אַ גרינטלעכע שפּאַלטונג צווישן די אַנאַרכיסטן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. עדעלשטאַט האָט דעריבער מער ניט געקאָנט דאָרט מיטאַרבעטן, בפֿרט, אַז מילער איז געווען דער הויפּט־אָנפֿירער פֿונעם קאַמף קעגן די אַנאַרכיסטן.

[77] פֿריי איבערגעזעצט פֿון ש. בריאַנסקי.

[78] צווישן עדעלשטאַטס רוסישע לידער איז ניטאָ קיין ליד מיטן נאָמען „פּראָגרעס". מעגלעך, אַז ער מיינט דאָס ליד "Научные методы", וואו ער לאַכט אויס דעם בורזשואַזן פּראָגרעס אויפֿן זעלביקן שטייגער, ווי אין זיין יידישן ליד „אַ וויסנשאַפֿטלעכער מאָרד !"

צו קאַפּיטל 8

[79] „געש. ייד. אַרב.־באַוועגונג“, ז׳ 160.

[80] דאָרט. די מיטאַרבעטער פֿון דער „וואַרהייט“ (הלל זאָלאָטאַראָוו, מ. קאַטץ, מאָריס ראָזענפֿעלד א״אַנד) האָבן אַלע געהערט צו די „פּיאָנערע דער פֿרייהייט“. אין רייזענס „לעקסיקאָן“ (ב. ו, שפּאַלט 1220) ווערט ש. יאַנאָווסקי אָנגעגעבן ווי דער פֿאַקטישער רעדאַקטאָר פֿון דער „וואַרהייט“, און י. יאַפּפּאַ, דערווירקלעכער רעדאַקטאָר, ווערט אַריינגערעכנט צווישן די מיטאַרבעטער. דאָס שטימט ניט מיט די אָנגאַבעס דאָרט ב. ו, שפּאַלטן 1022—1023 און 1230. י. יאַפּפּאַ ווערט שפּעטער אַ מיטאַרבעטער אין „אידישעס טאַגעבלאַט“.

[81] ש. יאַנאָווסקי — „צום 10טן יאָרצייט פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד“, „פֿאַ״ש“ פֿון 2טן נאָוועמבער 1933. יאַנאָווסקי גיט דאָרט אָן ניט ריכטיק, אַז די „וואַרהייט“ האָט אָנגע־הויבן דערשיינען אין 1888; פֿאַקטיש איז זי אַרויס דעם 15טן פֿעברואַר 1889.

[82] „אַ מעלאָדיע פֿון אַ רוסיש ליד האָבן מיר צו איר [„די צוואה“] צוגעפּאַסט, און אַזאַ האַרציקייט האָט זיך געפֿילט, ווען מיר פֿלעגן זי זינגען ניט אין זיין אָנ־וועזנהייט, אַז טרערן פֿלעגן אָנלויפֿן אין די אויגן“. (מ. קאַטץ, אין זיין פֿאָררעדע צו עדעלשטאַטס שריפֿטן, לאָנדאָן, 1909).

מ. קאַטץ דערציילט, אַז זיי האָבן דאָס ליד געזונגען זומער 1888. דאָס שטימט ניט מיט די פֿאַקטן. לויט עדעלשטאַטס בריוו פֿונעם 6טן נאָוועמבער, 1888 און פֿונעם 23טן מערץ, 1889, איז ער געקומען פֿון סינסינעטי קיין ניו־יאָרק ערשט אין אָנהויב נאָוועמבער, און זיין ליד „מיין צוואה“ האָט ער פֿאַרפֿאַסט אין מערץ 1889. אין דער יידישער ליטעראַטור איז ביז עדעלשטאַטן געווען באַקאַנט אַ ליד פֿון 88 שורות מיט דעם זעלביקן נאָמען „מיין צוואה“ פֿון מיכל גאָרדאָן („קול לעם“, קעניגסבערג, 20טן אַפּריל, 1877). די „צוואה“ פֿונעם ליבעראַלן משׂכּיל איז: „זיי אַ מענטש און זיי אַ ייד“.

[83] צו עדעלשטאַטס 40טן יאָרצייט איז פֿון „אַרטעף“ (אַרבעטער־טעאַטער־פֿאַר־באַנד), צוזאַמען מיטן „פֿרייהייט־געזאַנג־פֿאַראיין“ אין ניו־יאָרק געפּלאַנט געוואָרן צו אינסצעניזירן עדעלשטאַטס „צוואה“. ס׳איז אָבער ניט דורכגעפֿירט געוואָרן.

[84] ז. סקודיצקי, — „וועגן פֿאָלקלאָרישן אַרבעטער־ליד“ (אין „פּראָבלעמעס פֿון פֿאָלקלאָריסטיק“) — זאַמלונג I, כאַרקאָוו — קיעוו, 1932, ז״ז 184—192, און „פֿאָלק־לאָר־לידער“, נייע מאַטעריאַלן־זאַמלונג, מאָסקווע, 1933, ז״ז 30—33.ביידע ווערק אונ־טער דער רעדאַקציע פֿון מ. ווינער, עטנאָגראַפֿישע סעקציע פֿונעם אינסטיטוט פֿאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פֿון דער אוקראַינישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע.

שמואל לעהמאַן, „אַרבעט און פֿרייהייט“ — זאַמלונג פֿון לידער, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין פֿאָלק אין דער צייט פֿון דער פֿרייהייט־באַוועגונג אין צאַרישן רוס־לאַנד, וואַרשע, 1921, ז״ז 118—121.

[85] ביים אָרגאַניזירן די שוועבעלעך־אַרבעטער אין פּינסק, 1899, האָבן די אַגיטאַטאָרס, אַחוץ אַ פּראָקלאַמאַציע, אויך אַרויסגעלאָזן אַ העקטאָגראַפֿירט בלעטל מיט ווינטשעווסקיס „צום אַרבייטער פֿריינד“ און עדעלשטאַטס „צוואה“ (אַ. ליטוואַק — „וואָס געווען“, וואַרשע, 1926).

[86] „אין די אַרכיוון פֿון דער וויטעבסקער זשאַנדאַרמעריע געפֿינען מיר מאַטעריאַלן וועגן דעם אַרעסט פֿון אַ רעוואָלוציאָנער אין יאָר 1899 דערפֿאַר, וואָס מען האָט ביי אים געפֿונען איבערגעשריבענע לידער פֿון דוד עדעלשטאַטן, ווי ׳נאַטור און מענטש׳

און אַנדערע" (ש. אַגורסקי — איינלייטונג צו „לידער פֿון קאַמף און נויט", פֿאַרלאַג „עמעס", 1930, ז' 25).

[87] אין עדעלשטאַטס אַרכיוו געפֿינט זיך אַ קאָפּיע פֿון ווינטשעווסקיס ליד „אַ מיידעלע אין דער סיטי" (אין צענטער פֿון לאָנדאָן) — באַטיטלט „קויפֿט מעטשעס [שוועבעלעך], הער!", געשריבן אין עדעלשטאַטס האַנטשריפֿט.

[88] מאָריס ווינטשעווסקי אין זיינע „נאָטיצן" צו זיינע „לידער און געדיכטע", ניו־יאָרק, 1901, דערקלערט (אויף ז' 319), אַז דאָס ליד „יציאת מצרים" איז ניט זיינס, ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין „איין זאַמלבוך" (ער מיינט „פֿרייהייט", לאָנדאָן, 1901), ווינטשעווסקי דערמאָנט אָבער ניט, אַז דאָס דאָזיקע ליד איז עדעלשטאַטס.

[89] אַן ערך מיט אַ 15 יאָר שפּעטער, אין 1905, האָט נאָך רודאָלף ראָקער, דער דייטשישער רעדאַקטאָר פֿונעם יידישן אַנאַרכיסטישן „אַרבעטער־פֿריינד", געשריבן און גערעדט פּסח־צייט וועגן יציאת מצרים אויף דעם זעלביקן אופֿן ווי מאָסט אין דער „וואַרהייט" פֿון 1889.

[90] לויט זיין שוועסטערס אינפֿאָרמאַציע.

[91] מיטגעטיילט פֿון אַרקאַדיע טעלסאָן (עדעלשטאַטס שוואָגער).

[92] דאָס דערמאָנט אָן היינעס אַ ליד אין דער סעריע „נייער פֿרילינג" נומ' 77, אין וועלכן היינע זאָגט, אַז ער ווייסט ניט אין וועמען די רויז איז פֿאַרליבט: אין שמעטערלינג, אין דער נאַכטיגאַל אָדער אינעם אָוונט־שטערן.

[93] אין אַ פֿעליעטאָן „אָפּפֿער־אַלטאַר", פֿון דער סעריע „צעשלאָגענע געדאַנקען פֿון אַ משוגענעם פֿילאָזאָף" („אַרבעטער־פֿריינד", 5טן יולי, 1889), האָט מאָריס ווינטשעווסקי אויסגעלאַכט די דאָרטיקע פּאָעטן און קריטיקער.

[94] זע בריוו פֿון 23טן מערץ 1889.

[95] אין זיין ליד "Сон" (אַ חלום), געשריבן אין מערץ, 1889.

[96] זע בריוו פֿון 23טן מערץ 1889.

[97] עדעלשטאַט איז געבוירן געוואָרן דעם 21טן מאַי. אַזוי ווי זיין געבוירנטאָג איז אין 1889 אויסגעפֿאַלן אין אַ זונטיק, עדעלשטאַטס אָן אַרבעטס־טאָג (אין שאַפּ, וואו עדעלשטאַט האָט דעמאָלט געאַרבעט, איז דער רו־טאָג געווען שבת), האָבן עדעלשטאַטס פֿריינט געפֿייערט זיין געבורטס־טאָג מיט 4 טעג שפּעטער, — שבת דעם 25טן מאַי.

[98] עדעלשטאַטס באַקאַנטע, אַנאַ נעטער (1870—1920), די טאָכטער פֿון דעם סאָציאַליסט־אַטעאיסט אַ. י. נעטער (1842—1918, פֿאַרפֿאַסער פֿון דעם „אַפּיקורסישן" בוך „דער יידישער גאָט"), שפּעטער די פֿרוי פֿונעם אַנאַרכיסט ד"ר מיכאל קאָן. אין איר אַלבום האָט עדעלשטאַט אַריינגעשריבן אַ ריי לידער אין יידיש און אין רוסיש. איר איז, קענטיק, אויך געווידמעט דאָס ערשטע ליד פֿון די דריי לידער „פֿון היינע", וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איך געדענק די שטונדע זיסע", („פֿאַ"ש" 16טן אָקטאָבער, 1891). אויף דער צווייטער זייט פֿון איינעם פֿון זיינע מאַנוסקריפּטן איז אָנגעשריבן אַ פּאָר מאָל דער נאָמען נעטער.

[99] מעגלעך, אַז דערצו האָט אויך מיטגעווירקט דער באַריכט פֿון זיין סינסינעטער חבר, דער שניידער מייטוס (דערמאָנט אין דעם זעלביקן בריוו פֿון 23טן מערץ), וועלכער איז מיט אַ קורצער צייט פֿריער געווען ביי עדעלשטאַטן אין ניו־יאָרק.

צו קאַפּיטל 9

100 „געש. ייד. אַרב.־באַוועגונג“, ז׳ 86.

101 צי עדעלשטאַט האָט געשריבן אין דער „ניו־יאָרקער יידישער פֿאָלקס־צייטונג“ אויך יידישע לידער, איז שווער פֿעסטצושטעלן, מחמת אין די ניו־יאָרקער ביבליאָטעקן איז ניטאָ קיין פֿולער קאָמפּלעט פֿון אָט דער צייטונג.

102 מיט אַ וואָך פֿריער (דעם 5טן נאָוועמבער, 1889) האָט די „ניו־יאָרקער יידישע פֿאָלקס־צייטונג“ געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ יידיש ליד „טשערנישעווסקי איז טויט“ פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד.

103 „תּפֿילה זכה לימים הנוראים לשבתות ולמועדים ולכל ימות השנה“. אַ האַל־בער צייטונג־פֿאָרמאַט. לויט ה. בורגינס „געש. ייד. אַרב.־באַוועגונג“, ז׳ 141, זיינען די אַרטיקלען אין די ״תּפֿילה זכה׳ס״ געווען פֿאַרפֿאַסט פֿון טאַנענבוים, דוד עדעלשטאַט א״אַ. י. קאָפּעלאָוו, אַליין אַ מיטגליד פֿון די פּיאָנערן און אַ נאָענטער חבר פֿון דוד עדעל־שטאַט, פֿאַרזיכערט אָבער, אַז „די ערשטע ׳תּפֿילה זכה׳ האָט ניט צוזאַמענגעשטעלט ניט דוד עדעלשטאַט און ניט אַ. טאַנענבוים“. ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז עדעלשטאַט האָט עפּעס וואָס יאָ צוגעשיקט פֿון סינסינעטי פֿאַר דער „תּפֿילה זכה“ פֿון 1889. קאָפּעלאָוו דערקלערט אויך, אַז די פּיאָנערן „האָבן באַשלאָסן אָנצופֿירן אַ שטאַרקע אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע“, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז כּדי אויפֿצוקלערן דעם אַרבעטער וועגן זיין ביטערן גורל, — — — מוז מען אים פֿריער איבערצייגן, אַז ניט — — — פֿון גאָט זיינען באַשטימט געוואָרן די איצטיקע פֿאַראָנדקעס“. („אַמאָל אין אַמעריקע“, ז״ז 233—234).

104 אין רייזענס „לעקסיקאָן“ (ב. ו, שפּאַלט 409) ווערט עדעלשטאַט ניט דערמאָנט צווישן די מיטאַרבעטער פֿונעם „מאָרגנשטערן“. אָנשטאָט אים ווערט דאָרט אַריינגע־בראַכט מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געשריבן אין „מאָרגנשטערן“.

105 די אַרענע פֿונעם ראָמאַן „פֿאַסקאַרעל“ איז איטאַליע אין דער צייט, ווען אַ גרויסער טייל אירער האָט זיך געפֿונען אונטערן יאָך פֿון דער עסטרייכישער אימפּעריע. פֿאַסקאַרעל, אַ שיינער, טאַלאַנטפֿולער שוישפּילער, איז דער פֿירער פֿון אַ וואַנדערנדיקער טרופּע. ער איז זייער באַליבט ביי די ברייטע מאַסן, צווישן וועלכע ער אַגיטירט (מיט זיין בייסנדיקער סאַטירע) קעגן דעם עסטרייכישן אונטערדריקער. די הערשנדיקע קלאַסן זיינען, נאַטירלעך, קעגן אים. ער ווערט אויף אַ געוויסער צייט פֿאַרשפּאַרט אין געפֿענ־קעניש. ווען ער ווערט פֿריי, גייט ער אין פֿרייהייט־קריג קעגן עסטרייך. ער קומט צוריק ווי אַ זיגער און איז נאָך מער באַליבט ווי פֿריער.

די מיינונג פֿון דער בורזשואַזער קריטיק איבער אואידאַס ראָמאַנען איז אויס־געדריקט אינעם בוך פֿון "Some English Story-Tellers" — F. T. Cooper מיט פֿאָלגנדיקע ווערטער: „איר קענט דעם טיפּישן אואידאַ סוזשעט, די פֿאַלשע גוטהאַר־ציקייט, וואָס ברענגט אַ מענטשן, ער זאָל אָפּגעבן אַ טיטל, אַ פֿאַרמעגן און זיין גע־ליבטע, ער זאָל נעמען אויף זיך דאָס פֿאַרברעכן פֿון אַ צווייטן און פֿאַרשווינדן פֿון דער וועלט, וועלכע קען אים, אין אַ לעבן פֿון אַרומשלעפּעריי און טונקלקייט. אואידאַס שרייענדיקע מעלאָדראַמע, איר גיט קענען דאָס לעבן, אירע פֿאַלשע אידעאַלן, האָבן מיר אין ׳פֿאַסקאַרעל׳ און ׳אונטער צוויי פֿאָנען׳“. — אונטער „פֿאַלשע אידעאַלן“ פֿאַרשטייט דער בורזשואַזער קריטיקער אואידאַס פֿאָלקיזם, מיט וועלכן ס׳זיינען דורכ־געדרונגען אואידאַס ראָמאַנען פֿונעם איטאַליענישן לעבן. אין איר דערציילונג „אַ דאָרף־

געמיינדע״ (לאָנדאָן, 1881) ווייזט אואידאַ, ווי אַזוי דער קאַפּיטאַליזם דרינגט אַריין אינעם איטאַליעניִשן דאָרף און זויגט עס אויס. זי ווייזט אויך אָן אויף דער פֿאַרבינדונג צווישן דער רעגירונג, וואָס פֿירט אַ גראָבע עקספּלואַטאָרישע פּאָליטיק, מיט די אָרטיקע עקספּלואַטאָרס. אואידאַ (1839—1908) האָט אָנגעשריבן אַ היפּשע צאָל פּובליציסטישע אַרטיקלען איבער דעם „פּאָליטישן און סאָציאַלן עלנט פֿון איטאַליע״. זי שילדערט דאָרט דעם גראָבן דעספּאָטיזם, ווי אַזוי די קאָנסטיטוציע איז בלויז אויפֿן פּאַפּיר, ווי אַזוי אַ באַנדיטישע אָרגאַניזאַציע, די „קאָמאָראַ״, הערשט אין די העכסטע רעגירונג־אַנשטאַלטן, און אַז די גאַנצע פּאָליטיק איז געצילט צו באַרייכערן די העכערע קלאַסן, בעת די אַרבעטנדיקע מאַסן שטאַרבן בוכשטעבלעך פֿון הונגער. אואידאַס פֿאָלקיזם איז אָבער געווען אָנגעווענדט בלויז צו איטאַליע. אין אירע ראָמאַנען וועגן ענגלאַנד, און טיילווייז אויך פֿון אַנדערע לענדער, שילדערט זי הויפּטזעכלעך די גבירים און אַריסטאָקראַטן (מיט וועמען זי סימפּאַטיזירט) און באַווייזט דאָרט זעלטן די אַרבעטנדיקע... אואידאַס ראָמאַנען זיינען געווען זייער פּאָפּולער אינעם לעצטן פֿערטל פֿונעם XIX יאָרהונדערט. אַרום אַ צענדליק פֿון אירע ראָמאַנען זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש אין די יאָרן 1875—1899. איר פֿאָלקיסטישער ראָמאַן „אַ דאָרף־געמיינדע״ איז אַרויס אין דריי באַזונדערע רוסישע איבערזעצונגען, צוויי אין די זשורנאַלן פֿון 1881 און איינע אין בוך־פֿאָרם (1899).

[106] קאַרל מאַרקס און פֿרידריך ענגעלס, „דער פֿאָלקס־טריבון״, רעדאַקטירט פֿון הערמאַן קריגע, 11טן מאַי, 1846. איבערגעדרוקט פֿון אַ ליטאָגראַפֿישן צירקולאַר אין מאַרקס־ענגעלס־שריפֿטן, ערשטע אָפּטיילונג, ב. VI (פֿון מאַי 1846 ביז מערץ 1848), מאָסקווע—לענינגראַד, 1933, ז׳ 1—21 (דייטש).

[107] ישראל בן־עולם איז ניט קיין פּסעוודאָנים פֿון מאָריס ווינטשעווסקי, ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין אַ פּאָר עדעלשטאַט־אויסגאַבעס („לידער פֿון קאַמף און נויט״, מאָסקווע, 1931, ז׳ 23, „די ערשטע יידישע אַרבעטער־דיכטער״, מינסק, 1931, ז׳ 84).

אונטערן נאָמען ישראל בן־עולם האָט געווירקט און געשריבן דער שניידער־אַרבעטער ישראל באַרסקי. ער ווערט געלויבט פֿון אַלע זיינע מיטצייטלער פֿאַר זיין אויפֿריכטיקייט און פֿאַר זיין טרייקייט צו דער אַרבעטער־זאַך. ער האָט אויך פֿאַרמאָגט אַ שוישפּילערישן טאַלאַנט און פֿלעגט אַרויסטרעטן אויף אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען מיט דעקלאַמאַציעס און שפּיל־סצענעס. לויט מ. קאַטץ (אין זיין ענטפֿער אויף מיינעם אַ פֿראַגע־צעטל דורך אַב. שולמאַן און פּ. סאַנדלער אין פֿילאַדעלפֿיע), איז באַרסקי געווען איינער פֿון עדעלשטאַטס בעסטע פֿריינט״. (זע קלמן מרמרס אַרבעט וועגן ישראל באַרסקי אין „מאָרגן־פֿרייהייט״ פֿון 30טן יאַנואַר, 13טן און 27טן פֿעברואַר 1944).

[108] מיט אַ יאָר שפּעטער (מאַי, 1891) האָט עדעלשטאַטס חבר, ד״ר זאָלאָטאַראָוו, געהאַלטן אַ צוויי־שעהדיקע לעקציע אויף דער טעמע: „ליבע האָט דאָס פֿאָלק פֿאַרקערט [פֿאַרשקלאַפּט], דער האַס וועט דאָס פֿאָלק באַפֿרייען״. („פֿאַ״ש״ פֿון 22טן מאַי 1891).

[109] „אַרבעטער־פֿריינד״ פֿון 21טן פֿעברואַר, 1890.

[110] אַברהם ראָזענבערג — „די קלאָוקמאַכער און זייערע יוניאָנס״, ערינערונגען, ניו־יאָרק, 1920, ז׳ 22. „פֿערציק יאָר״, ז׳ 114. „געש. ייד. אַרב.־באַוועגונג״, ז״ז 153—155, 326—328.

[111] „אַמאָל אין אַמעריקע״, ז׳ 244.

112 „געש. ייד. אַרב.־באַוועגונג", ז"ז 222—231.

113 „אַמאָל אין אַמעריקע", ז' 242. קאַפּעלאָוו דערציילט אויך (ז"ז 232—233), אַז די אַנאַרכיסטישע „פּיאָנערן" האָבן, אַחוץ בילדונג־פֿאַראײנען פֿאַר די אַרבעטער, אין יידיש און אין ענגליש, אויך „אָרגאַניזירט די ערשטע קלאָוקמייקערס־יוניאָן (פּראָפּאַראיין פֿון דאַמען־שניידער), די פּענטס און ני־פּענטס (הויזן־ און קניהויזן־יוניאָן), די מוזיקער און נאָך פֿיל אַנדערע יוניאָנס. די גרעסערע ווירקונג פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויף דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפֿט איז, זיכער, געווען ניט בלויז אַ רעזול־טאַט פֿון זייערע „פּשוטע דיבורים", ווי קאַפּעלאָוו מיינט, נאָר אויך דערפֿון, וואָס זיי זיינען געווען אויסגעהאַלטענער, ווי די אַנאַרכיסטן, וועמעס טרעיד־יוניאָן־טעטיקייט האָט ניט געשטימט מיט זייער ביטול צו דעם טאָג־טעגלעכן קלאַסנקאַמף פֿון די זעלביקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

114 דאָרט, ז"ז 247—248.

115 „געש. ייד. אַרב.־באַוועגונג", ז"ז 177—178.

116 דאָרט, ז' 183. „בלעטער", ב. III, ז"ז 23—24. צווישן די פּראָטעסטירער קעגן אַרויסגעבן צוויי אַרבעטער־צייטונגען איז אויך געווען דער דערמאָנטער שניידער באַרסקי (ישראל בן־עולם — זע אַנמערקונג 107). ער האָט געהאַלטן, אַז „עס וואָלטן זיך אַלע פּאַרטייען פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג: די סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, געווערק־שאַפֿטלער, אונד אַלע ערלעך־דענקענדע מענטשן באַדאַרפֿט פֿאַראייניקן אום צו זי־כערן דען [די] עקזיסטענץ פֿון איין צייטונג". („מאָרגנשטערן", 14טן פֿעברואַר, 1890).

117 אַב. קאַהאַן („בלעטער", ב. III, ז' 13) דערציילט, אַז דוד עדעלשטאַט איז געווען אַ דעלעגאַט פֿון די „פּיאָנערן" צו דער צייטונג־קאָנווענשאָן. אַב. קאַהאַן שטיצט זיך, קענטיק, אויף בורגינס ווערק, פֿון וואַנען ער גיט פֿיל איבער פֿון זיינע „בלעטער". קאַפּעלאָוו („אַמאָל אין אַמעריקע", ז' 246) פֿאַרזיכערט אָבער, אַז ער און ר. לואיס זיינען געווען די צוויי דעלעגאַטן פֿון די „פּיאָנערע דער פֿרייהייט", און אַז „עדעלשטאַט איז גאָר אין ניו־יאָרק אַפֿילו ניט געווען". ה. בורגין רעכנט אַריין (אויף ז' 176) צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעלעגאַטן אויך באַנדעסן (דעם יונג־פֿאַרשטאָרבענעם רעדאַקטאָר פֿון „זנאַמיאַ"), וועמעס טויט (דעם 9טן מערץ 1889) — איבער דריי פֿערטל יאָר פֿאַר דער קאָנווענשאָן — בורגין אַליין פֿאַרצייכנט מיט 24 זייטן פֿריער (ז' 152). קאַפּעלאָוו לייקנט, אַז באַנדעס איז געווען אַ דעלעגאַט. אליהו שולמאַן (אינעם זאַמלבוך „צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע", רע־דאַקטירט פֿון ד"ר שאַצקי, ז' 29) גיט איבער „אָביעקטיוו" ביידע מיינונגען, בורגינס און קאַפּעלאָווס, און באַמערקט ניט, אַז לויט בורגינס אייגענע ווערטער איז לעאָ באַנדעס שוין געווען לאַנג טויט.

118 אין „אַרבעטער־פֿרייַנד" פֿונעם 17טן יאַנואַר געפֿינט זיך אינעם בריוו־קאַסטן „פֿון די עקספּעדיציאָן" דער פֿאָלגנדיקער ענטפֿער: „גענאָסע עדעלשטאַט, סינסינעטי, אַמעריקע (פֿיר דעם אַרבעטער־פֿאַראיין ׳טרוט סיקערס׳): די דריי דאָלאַר מיט אייער ווערטן שרייבן ערהאַלטן מיט פֿריידע. בעסטן דאַנק פֿיר אייער פֿאַרשפּרעכן און וואונטש גוטן דערפֿאָלג אין אייער גוטע אונטערנעמונג".

119 „די מיניסטאָרן און פּאַרלאַמענטאַריער לויט פּראָפֿעסיע, די פּאַרטעטער בנוגע צום פּראָלעטאַריאַט און ׳געשעפֿטלערישע׳ סאָציאַליסטן פֿון אונדזערע טעג", — ווייזט אָן לענין, — „האָבן איבערגעלאָזט די קריטיק פֿונעם פּאַרלאַמענטאַריזם אינגאַנצן פֿאַר

די אַנאַרכיסטן, און אויף דעם דאָזיקן וואונדערבאַר־שכלדיקן סמך האָבן זיי יעטוועדע קריטיק פֿונעם פּאַרלאַמענטאַריזם דערקלערט פֿאַר 'אַנאַרכיזם'! ... מאַרקס האָט געוואוסט ווי גרינגלעך איבערצורייסן מיטן אַנאַרכיזם פֿאַר ניט וויסן ווי אויסצוניצן אַפֿילו דעם „שטאַל" פֿונעם בורזשואַזן פּאַרלאַמענטאַריזם, באַזונדערס דעמאָלט, ווען עס איז בפּירוש ניטאָ קיין רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט ער (מאַרקס) געוואוסט אויך ווי צו געבן אַן אמת־רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישע קריטיק פֿונעם פּאַרלאַמענטאַריזם. איין מאָל אין עטלעכע יאָר אַנטשיידן, וואָסער מיטגליד פֿונעם הערשנדיקן קלאַס זאָל אונטערדריקן און שטיקן דאָס פֿאָלק דורכן פּאַרלאַמענט, — אָט דאָס איז דער אמתער תּוך פֿונעם בורזשואַזן פּאַרלאַמענטאַריזם, ניט בלויז אין די פּאַרלאַמענטאַר־קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיעס, נאָר אויך אין די סאַמע דעמאָקראַטישע רעפּובליקן". (לענין, ב. XXI, „מלוכה און רעוואָלוציע", ז' 400).

צו קאַפּיטל 12

120 דער אַנאַרכיסטישער עקלעקטיקער עדעלשטאַט מישט אויס, אַזוי אַרום, אין איין קאַשע דעם בורזשואַזן דעמאָקראַט בערנע, דעם פֿאָטער פֿונעם דייטשישן מענשעוויזם לאַסאַל, און קאַרל מאַרקס. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די אַנאַרכיסטן פֿון יענער צייט איז, אַז זיי פֿלעגן זוכן צו „באַגרינדן" זייערע „טעאָריעס" מיט ציטאַטן פֿון מאַרקס און ענגעלס. באַזונדערס פֿלעגט אַזוי טאָן ד"ר מעריסאָן, דער רעדאַקטאָר פֿון דער „פֿאַ"ש". אין זיינעם אַן אַרטיקל אין „אַרבעטער פֿריינד" פֿון 4טן אַפּריל 1890 רופֿט ער אָן מאַרקסן און ענגעלסן „אונדזערע בעסטע סאָציאַליסטן".

121 די ווערטער „פֿאַרהאַסט ניט די וואַרהייט און אירע פּראָפֿעטן" און אַנדערע אויסדרוקן וועגן דער „וואַרהייט", וואָס זיינען פֿאַראַן אין דאָזיקן ליד, קאָנען זיין פּונקט ווי די אויסדרוקן „די וואַרהייט ליגט עלנט" און „און פֿאַרלירט ניט די וואַרהייט" אין ליד „אַן די גענאָסן" („וואַרהייט", 21טן יוני 1889) — אַן אָנדייט אויף דער ערשט־ניט־לאַנג אונטערגעגאַנגענער אַנאַרכיסטישער צייטונג, וועלכע עדעלשטאַט האָט געוואָלט העלפֿן ווידער אויפֿצולעבן.

צו קאַפּיטל 13

122 עדעלשטאַט האָט פֿיל געהאַלטן פֿון דעם „סאָציאַליסטיש־אומפּאַרטייאישן" רעדאַקטאָר „אַרבעטער־פֿריינד", קאָנסטאַנטין גאַללאָפּ (1862—1892). עדעלשטאַט ענדערט ניט זיין שטעלונג צו אים אַפֿילו דעמאָלט, ווען דער „אַרבעטער־פֿריינד" גייט אַריבער צו די אַנאַרכיסטן, און גאַללאָפּ גרינדעט דעם סאָציאַליסטישן חודש־זשורנאַל „פֿרייע וועלט", וואָס ווערט ביטער באַקעמפֿט פֿון די לאָנדאָנער אַנאַרכיסטן. ווען דער יונגער גאַללאָפּ שטאַרבט פֿון טובערקולאָז (דעם 13טן יאַנואַר, 1892), באַקלאָגט אים עדעלשטאַט אין אַ ליד "In Memoriam" — צום אָנדענקען ק. גאַללאָפּס":

„ווי אַ בלום, וואָס האָט נאָך ניט צעלאָזן
די יונגע קנאָספּן, די ראָזעווע קווייט,
האָט ער די ליידנדע וועלט פֿאַרלאָזן
רייך — מיט שמערצן, אָרעם — מיט פֿרייד!"

עדעלשטאַט דערציילט, אַז כאָטש ער האָט זיך מיט גאַללאָפּן פּערזענלעך ניט געקענט, האָט ער דאָך „געשפּירט אין זיין וואָרט און זיין לערע אַ הייליקן פֿייער, וואָס האָט העל געברענט מיט האַס און מיט ליבע, מיט שטאָלץ און מיט ערע". ער לויבט אויך גאַללאָפּן דערפֿאַר, וואָס ער איז ניט געווען קיין „מגיד" — אַן אָנצוהערעניש אויף די „סדרות" אין דער „אַרבעטער־צייטונג", געשריבן פֿון אַב. קאַהאַן אונטערן נאָמען „דער פּראָלעטאַרישער מגיד" (זע ווייטער באַמערקונג 126).

123 „פֿערציק יאָר", ז"ז 127—128.

124 פֿיליפּ קראַנצס ווירקלעכער נאָמען איז געווען יעקב ראָמבראָ (1858—1922). אונטער דעם נאָמען פֿלעגט ער שרייבן קאָרעספּאָנדענצן אינעם רוסיש־יידישן חודש־זשורנאַל „וואָסכאָד". מיט יאָרן שפּעטער פֿלעגט ער, אַלס מיטאַרבעטער פֿונעם קאָנסערוואַטיוון ניו־יאָרקער „מאָרגן־זשורנאַל", זיך אונטערשרייבן „יאַנקל נעלם". מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ יידישן שרייבער, האָט אים אויך רעקאָמענדירט פֿאַרן רעדאַקטאָר פֿונעם „אַרבייטער־פֿריינד" (1885). מיט 5—6 יאָר שפּעטער ווערט קראַנץ, אין דעם זעלביקן „אַרבעטער־פֿריינד", אַטאַקירט פֿון ווינטשעווסקין און פֿון אַנדערע פֿאַר זיין אָפּאָרטוניזם, ווי דער רעדאַקטאָר פֿון דער „אַרבעטער־צייטונג". אין דער „צוקונפֿט" פֿון מערץ 1897 גיט ווינטשעווסקי אַ פֿאַרניכטנדיק „כאַראַקטער־בילד" פֿון קראַנצן אונטערן נאָמען „ער" (אַריין אין ווינטשעווסקיס „געזאַמלטע ווערק", פֿאַרלאַג „פֿרייהייט", 1928, ב. VI). אין ניו־יאָרק ווערט קראַנץ אַלץ מער אָפּאָרטוניסטיש און רעפֿאָרמיסטיש. ער שטעלט מיט זיך פֿאָר — צוזאַמען מיט הילקוויטן, מילערן, אַב. קאַהאַנען א"אַנד — דעם סאַמע רעכטן פֿליגל אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין די יאָרן 1906—1907 קומט ער צוריק קיין רוסלאַנד, ווערט רעדאַקטאָר פֿון דער „פּראָלעטאַרישער וועלט" (יידישער אָרגאַן פֿון דער פּפּ"ס), און איז אין דער זעלביקער צייט קאָרעספּאָנדענט פֿונעם ניו־יאָרקער „מאָרגן־זשורנאַל". אין דער צייט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער „פּראָ עלאַי", לויבט די באַלפֿור־דעקלאַראַציע און האַלט פֿאַר מעגלעך, אַז ענגלאַנד זאָל גרינדן אין פּאַלעסטינע אַ יידישע מלוכה. ער איז אַ קעגנער פֿונעם באָלשעוויזם און דערקלערט זיך (אין איינעם פֿון זיינע בריוו צו מיר פֿון 1917—1918) פֿאַר אַ רעוויזיאָניסט פֿונעם מאַרקסיזם, אינעם גייסט פֿון עדואַרד בערנשטיין.

125 דאַניעל דעליאָן (1852—1914) איז געבוירן געוואָרן אין צענטראַל־אַמעריקע פֿון שפּאַנישע עלטערן. אין די 80ער יאָרן איז ער געווען אַ לעקטאָר פֿון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט אין דעם אַריסטאָקראַטישן קאָלומביאַ־אוניווערזיטעט פֿון ניו־יאָרק. דער רעוואָלוציאָנערער שטראָם פֿון 1886 ציט אים אַריין אין דער באַוועגונג פֿון סאָציאַלע רעפֿאָרמען. ער קומט אין באַריר מיט סאָציאַליסטן, הויבט אָן שטודירן דעם מאַרקסיזם, און אין 1890 שליסט ער זיך אָן אין דער „סאָשעליסט לעיבאָר־פּאַרטי" — „סל"פּ" (סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי — „סאַ"פּ"). ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פֿונעם וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם, רעדנער, שריפֿטשטעלער און טרייער איבערגעגעבענער רעוואָלוציאָנער, ווערט דעליאָן אין די 90ער יאָרן דער אָנערקענטער פֿירער פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. אונטער דעליאָנס רעוואָלוציאָנערן אָנפֿיר ווערט די סאַ"פּ אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. דעליאָן ציט אַריין אין דער פּאַרטיי נייע קאַדרען פֿון די איינגעבוירענע אַמעריקאַנער. ער פֿירט אַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם, פּשורהמאַכעריי און רעפֿאָרמיזם אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, שטרעבנדיק צו פֿאַרוואַנדלען די סאַ"פּ אין אַ

דיסציפּלינירטער פּאָליטישער פּאַרטיי. לעניִן, וועלכער האָט זיך נעגאַטיוו באַצויגן צו דעליאָנס לערע וועגן מלוכה און צו זיינע סינדיקאַליסטישע אָפּנייגן, פֿלעגט זיך אַרויסזאָגן מיט מיטגעפֿיל וועגן דעליאָנס קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם, ספּעציעל דעם אַמעריקאַנישן („באָלשאַיאַ סאָוויעטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ“). אין דער „קינדער־קראַנקהייט פֿון לינקשאַפֿט“ רעדט לעניִן מיט אָנערקענונג וועגן „אויסגעצייכנטן, טיף־ריכטיקן אויסדרוק פֿון דאַניעל דעליאָנס נאָכפֿאָלגער אין אַמעריקע“ (עס האַנדלט זיך וועגן דעם אויסדרוק „אַרבעטער־פּריקאַשטשיקעס פֿונעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס“). דעליאָן האָט אויך שטאַרק אויפֿגערודערט די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג מיט זיין אומדערמידלעכן קאַמף צו פֿאַרוואַנדלען די אַמעריקאַנער טרעיד־יוניאָנס (פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניגן) אין אַ ווערקצייג פֿונעם רעוואָלוציאָנערן קלאַסנקאַמף, שטיצנדיק זיך דערביי הויפּטזעכלעך אויף די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין די רייען פֿון די פּראָפּ־פֿאַראיינען.

אין אַ רעדע געהאַלטן אין נואַרק (ניו־דזשורסי־שטאַט) דעם 12טן אַפּריל 1904, אויף דער טעמע „די ברענענדיקע פֿראַגע פֿונעם טרעיד־יוניאָניזם“, האָט דעליאָן דערקלערט, אַז יעדער סאָציאַליסט דאַרף זוכן צו אָרגאַניזירן זיין אינדוסטריע. אויב די טרעיד־יוניאָן פֿון זיין פֿאַך ליגט אין די הענט פֿון דעם גאָמפּערסיסטישן „אַרבעטער־לייטענאַנט פֿון קאַפּיטאַל“, דאַרף דער סאָציאַליסטווירקן, אַז זי זאָל זיך אָנשליסן אין דער סאָציאַליסטישער טרעיד־יוניאָניסטישער „אַליאַנס“. אויב אָבער די אָרגאַניזאַציע געפֿינט זיך אין די הענט פֿון אַ קאַפּיטאַליסטישן אַגענט, וואָס האָט קאָרופּטירט זי, נעמט ניט אַריין קיין נייע מיטגלידער און זוכט צו געווינען פֿאַר די אַלטע מיטגלידער פּריווילעגיעס אויפֿן חשבון פֿון דער גרויסער מערהייט אַרבעטער פֿון דרויסן — „אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז ניט קיין גליד פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, זי איז אַ גליד פֿון קאַפּיטאַליזם; זי איז אַ צעך; זי איז אַ דעגענעראַציע צום אויסגאַנגס־פּונקט פֿונעם בורזשואַזן אָדער קאַפּיטאַליסטישן קלאַס; און כאָטש זי מאַסקירט זיך מיטן נאָמען 'אַרבעטער', איז זי ניט מער ווי אַ קאַריקאַטור, ווייל זי איז אַ פֿאַרשפּעטיקטע רעפּראָדוקציע פֿון דער אַלטער צעך־סיסטעם, — אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז ניט מער קיין אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, פּונקט ווי דאָס איז ניט די אַרמיי פֿונעם רוסישן צאַר, כאָטש זי באַשטייט אינגאַנצן פֿון אַרבעטער, ווייל זי ווערט קאָמאַנדירט פֿון דעם עקספּלואַטירנדיקן קלאַס. אין אַזאַ פֿאַל מוזן די סאָציאַליסטן זיך אָנשטרענגען צו שאַפֿן אַ ריכטיקע אַרבעטער־יוניאָן און צו טאָן אַלץ, וואָס זיי קאָנען, כדי אַרונטערצורייסן דעם שווינדל. דער אַרבעטער־קאַנאָן, וואָס וועט אַמאָל זיכער באַזיגן די צאַרישע אַרמיי און פֿאַרניכטן זי, וועט ברענגען אויסלייזונג אויך פֿאַר די אַרבעטער פֿון אָט דער אַרמיי, כאָטש אַ סך פֿון אירע סאָלדאַטן וועלן דורך דעם געטויט ווערן“.

מען דאַרף אָבער דערביי צוגעבן, אַז אין זיינע אַרויסטרעטונגען וועגן פֿראַגעס פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג איז דעליאָן געשטאַנען אויף אַן אולטראַ־לינקער פּאָזיציע, אַגיטירנדיק בלויז פֿאַר דעם מאַקסימום פּראָגראַם — פֿאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע (ב. ריינשטיין, „דאַניעל דעליאָן“, אין דער גרויסער סאָוויעטישער ענציקלאָפּעדיע).

די אָפּאָרטוניסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן זיך פֿון אָנהויב אָן געבונטעוועט קעגן דעליאָנס רעוואָלוציאָנערער אָנפֿירונג. אַב. קאַהאַן, אַ שטייגער, איז שוין אין 1893 געווען אַ קעגנער פֿון דעליאָנען (מאָריס ווינטשעווסקי, „געזאַמלטע ווערק“,

פֿאַרלאַג „פֿרייהייט״, ניו־יאָרק, 1928. ב. X, ז׳ 239). אָפֿן טרעטן זיי אַרויס קעגן אים, ווען ער פּרוּווט שטעלן די טרעיד־יוניאָנס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי און די סאָציאַליסטישע פּרעסע אונטערן פּאַרטיי־קאָנטראָל. די יידישע אָפּאָרטוניסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער זיינען געווען די ערשטע אַרויסצוטרעטן קעגן דעליאָנס אָנפֿירונג אין דער סאַ״פּ; אין דער צייט פֿון דעם שפּאַניש־אַמעריקאַנישן קריג אַפּעלירן זיי קעגן דעליאָנען צו די שאָוויניסטישע געפֿילן פֿון די אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער־מאַסן, פֿאַר וועלכע זיי שילדערן אים (ספּעקולירנדיק אויף זיין שפּאַנישער אָפּשטאַמונג) ווי אַ „שפּאַנישן אינקוויזיטאָר״, „טאָרקוועמאַדאָס אייניקל״ אד״גל. די יידישע אָפּאָרטוניסטן ניצן אויס די טאַקטישע פֿעלערן און דאָס היפּש ביסל סעקטאַנטישקייט ביי דעליאָנען און אַנדערע לינקע פֿירער פֿון דער סאַ״פּ צו שאַפֿן אַן אייגענעם אָרגאַן (דעם „פֿאָרווערטס״), דורך וועלכן זיי העלפֿן צעברעכן די סאַ״פּ און שאַפֿן אויף איר אָרט די „סאָציאַליסטישע פּאַרטיי״ (ס״פּ).

דעליאָן האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָלע אין דער סאַ״פּ, ווען דער אַנאַרכיזם האָט שוין געהאַט פֿאַרלוירן זיין ווירקונג ביי די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין אַמעריקע. ס׳איז אָבער נישטאָ קיין שום ספֿק, אַז די אַנאַרכיסטישע אינטעליגענטן, וועלכע זיינען געבליבן גענעראַלן אָן אַן אַרמיי, האָבן דערפֿילט אין דער סאָציאַליסטישער אַר־בעטער־פּאַרטיי אונטער דעליאָנס אָנפֿירונג די אמתע געפֿאַר פֿאַרן אַנאַרכיזם און האָבן אויסגעשטרעקט די האַנט די אָפּאָרטוניסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן פֿריער אַזוי ביטער געקעמפֿט קעגן זייער געוועזענעם פֿירער דוד עדעלשטאַט (קאָפּעלאָוו „אַמאָל אין אַמעריקע״, ז״ז 384—385). פֿון דער אַנדערער זייט, איז דער „פֿאָרווערטס״ שטאַרק אָנגעפֿאַלן אויף דעליאָנען, ווען ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אַנאַרכיסט קראָפּאָטקין, בעת יענער האָט אין 1897 באַזוכט די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

[126] אין זיינע „בלעטער״ (ב. III, ז״ז 203—206) קלויבט צונויף אַב. קאַהאַן די „גוטע מאַטעריאַלן״ פֿון זיינע „סדרות״, אין וועלכע ער געפֿינט ערטערווייז „אַ געראָ־טענעם הומאָר פֿון אַ בעסערן סאָרט; ערטערווייז אַן אינטערעסאַנטן איינפֿאַל אָדער אַ פּאָעטישן בילדל״. ווי אַ מוסטער פֿון זיין געראָטענעם הומאָר ברענגט ער „משה רבינו״, וועלכן ער רופֿט אָן „גענאָסע משה״, און „אַ סאַטירע אויף די אַנאַרכיסטן״, וועלכע אַנטהאַלט אַזוינע שטעלן: „אָט איז די היינטיקע סדרה אין כּעס! הערט, ווי זי בייזערט זיך, און שילט, און קריצט מיט די ציין און טאָראָפּאָצעט מיט די פֿיס און גלאָצט מיט די אויגן... הערט נאָר, וואָס עס טוט זיך. זי וועט באַפֿעלן אַ שרעקנס, זי וועט שיקן אַן אויסצערונג, וואָס וועט פֿאַרדאַרבן די אויגן, זי וועט אייך אַריינשליידערן אַ נכפֿה אין האַרצן, אַ בראַנד אין די ביינער, אַ פֿינצטערניש אין מאָגן, אַ זיבנגאָרנדיקע מכּה אונטערן פּאַכווע, זי וועט בראָטן און ברענען...״ (ציטירט פֿון נומער 11 „אַרבייטער־צייטונג״ 1890, לויט אליהו שולמאַן אינעם זאַמלבוך „צו דער געש. ייד. פּרעסע״, ז׳ 36).

[127] „ס׳איז באַוואוסט״ — דערקלערט לענין — „אַז אין דער מאָס, וואָס די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט גענומען פֿוילן, ווערנדיק אַלץ מער אָפּאָרטוניסטיש, פֿלעגט זי אָפֿטער און אָפֿטער זיך אַראָפּקייקלען צום פֿיליסטערישן קרום־אויסטייטשן די באַרימטע פֿאָרמולע: ׳דערקלערן די רעליגיע פֿאַר אַ פּריוואַט־זאַך׳ — נעמלעך: די דאָזיקע פֿאָרמולע פֿלעגט אויסגעטייטשט ווערן אַזוי, אַז כּלומרשט אויך פֿאַר דער פּאַרטיי פֿון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט איז די פֿראַגע וועגן רעליגיע אַ פּריוואַט־זאַך!״ (לענין ב. XXI, „מלוכה און רעוואָלוציע״, ז״ז 421—424).

[128] קאַפּעלאָוו, „אַמאָל אין אַמעריקע“, ז״ז 234—235.

[129] די „אַרבעטער־צייטונג“ פֿון 2טן מאַי, 1890, דערציילט, אַז פֿאַר אַן „אומפּאַרטייאישער“ פֿאַרזאַמלונג פֿון די „ריטער דער פֿרייהייט“ האָט דער אַנאַרכיסטישער פֿירער פּרענער דערקלערט, אַז די אַמעריקאַנער סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען „שווינדלער“... און די „אַרבעטער־צייטונג“ „ווערט אַרויסגעגעבן פֿון אַ באַנדע שווינדלער אום צו מאַכן געלט און צו פֿירן אַ לייכטן לעבן“... פֿון דער אַנדערער זייט, האָבן די מיטאַרבעטער פֿון דער „אַרבעטער־צייטונג“ שפּעטער אַליין צוגעגעבן, אַז „אין איר זיינען געפֿירט געוואָרן פֿאַרברעכערישע, איבערגעטריבענע און אַבסאָלוט אומערלעכע אַטאַקעס אויף די אַנאַרכיסטן“ (אַב. קאַהאַנס „יובילייַ־שריפֿט“, ניו־יאָרק, 1910). אויף ניט קיין העכערן ניוואָ זיינען אויך געשטאַנען די „טעאָרעטישע“ פּאָלעמיקעס צווישן די אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע פֿירער. קאַפּעלאָוו דערציילט, אַז אויף „אַן אָפֿענער דעבאַטע איבער אַנאַרכיזם מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם“, צווישן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט ל. מילער און דעם אַנאַרכיסט ש. יאַנאָווסקי, האָט איינער פֿון זיי — „כּדי צו פֿאַרשטאַרקן זיין פּאָזיציע“ — „געבראַכט ראיות פֿון אויטאָריטעטן און האָט דערמאָנט אַ סך פֿילאָזאָפֿן ביי זייערע נעמען, וועלכע זאָלן האָבן אָנגעדייטעט אין זייערע ווערק די זעלבע מיינונג ווי דעם דעבאַטאַנטס. דער אַנדערער האָט אין זיין ענטפֿער אָנגעוואָרפֿן נאָך מער באַרימטקייטן. ער האָט אָנגערופֿן דייטשישע, פֿראַנצויזישע נעמען און אויך אַלטע גריכישע פֿילאָזאָפֿן. אַז דער ערשטער דעבאַטאַנט האָט מיט פֿאַרוואונדערונג אַ פֿרעג געטאָן: ׳ווער זיינען דאָס אָט־אָ די אַלע געלערנטע, וואו האָט ער געלייענט וועגן זיי? זאָל ער אָנרופֿן די נעמען פֿון די ביכער׳, איז יענער אַ ברעקל ניט נתפּעל געוואָרן, נאָר קאַלטבלוטיק דעם פֿרעגער צוריקגעפֿרעגט: ׳און וואו האָט איר אייערע ציטירטע פֿילאָזאָפֿן גענומען, האַ? — איר מעגט שלעפּן נעמען ניט־געשטויגענע, ניט־געפֿלויגענע? נו, האָב איך אויך אַזוי געטאָן, טאַקע פֿון דער זעלביקער הפֿטורה׳ “ („אַמאָל אין אַמעריקע“, ז׳ 173).

[130] דער ליטעראַטור־היסטאָריקער מאַקס עריק האָט מיך אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז זעליקאָוויטשעס „קאַסאָקער טייוול“ איז, ווייזט אויס, נאָכגעמאַכט דעם "Diable Boiteux" (קרומען טייוול) פֿונעם פֿראַנצויזישן שרייבער א. רענעי לעסאַזש, דער מחבר פֿון „זשיל בלאַה“. אַזעלכע נאָכמאַכונגען זיינען ניט געווען קיין נייס ביי זעליקאָוויטשן. נאָך מיט אַ צייט פֿריער ווערט ער אין אַ ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט („פֿאָלקס־אַדוואָקאַט“ פֿון 18טן מערץ 1890) געשטעמפּלט פֿאַר אַ פּלאַגיאַטאָר, דורך פֿאַרגלייכן זיינע פֿערזן מיט דעם ענגלישן ליד, פֿון וואַנען ער האָט זיי גענומען.

[131] אין זיין אַרטיקל „צייטונגס־שאַרלאַטאַניזם“ („פֿאַ״ש“, 7טן אויגוסט, 1891) שרייבט עדעלשטאַט:

„עס איז אַ שאַנדע, וואָס מוז געבראַנדמאַרקט ווערן פֿון יעדן אָרנטלעכן, אָנשטענדיקן מענטשן. די זעלביקע ׳אַרבעטער־צייטונג׳ שעמט זיך ניט צו אַנאָנסירן, אַז סאַמבאַטיאָן, אַלס ליטווישער פֿילאָזאָף, וועלכער לעקט איצט די שטיוול פֿון אַ באָס, פֿון אַ שמוציקער רעאַקציאָנערער בלאַט, וועט ווערן אַ מיטאַרבעטער פֿון דיזער נאַציאָנאַליסטישער צייטונג. דיזע צייטונג־פּראָסטיטוטקע האָט זיך שוין טויזנט מאָל פֿאַרקויפֿט יעדן אייניציקן, וועלכער האָט נאָר געוואָרפֿן אַ פּאָר קלינגערס. דיזער ליטעראַרישער פּאַיאַץ האָט שוין ניט איין מאָל געמאַכט צו שפּאָט און שאַנד די הייליקע אידייע פֿון סאָציאַליזמוס. און יעצט שעמט מען זיך ניט צו אַנאָנסירן וועגן דיזער שמוציקער בריאה אין אַן אַרבעטער־צייטונג! טפֿו זאָל דאָס זיין! איז ווירקלעך אין אַמעריקע דאָס

יידישע לעזער־פּובליקום אַזוי פֿאַרזומפּט, אַזוי פֿאַראייזלט, אַז קיינער וועט ניט געבן קיין שפּיי אויף דיזער שאַנד־טאַט, אויף דיזער שמוציקער קאָמעדיע אונטער דעם שלייער פֿון סאָציאַליסטישער ליטעראַטור — — — אַזעלכע צייטונגען האָבן גאָרניט צו טאָן מיט דעם וואַרן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, זייער אויפֿגאַבע איז מאַכן ביזנעס, מאַכן געלט אויף דעם מאַרק".

פֿאַקטיש האָט געצל זעליקאָוויטש שוין מיטגעאַרבעט אין דער „אַרבעטער־צייטונג" אין 1890 אונטער די נעמען „אויס־קאַפּעליוש־מאַכער" און „סאַמבאַטיאָן". קענטיק, אַז ער איז אַהין אַריינגעצויגן געוואָרן דורך אַב. קאַהאַנען, וועלכער איז פֿריער געווען אַ מיטאַרבעטער אין זעליקאָוויטשעס צייטונג („פֿאָלקס־אַדוואָקאַט", 1889).

[132] „צום אָנדענקען פֿון דוד עדעלשטאַט" ('געשריבן אין טאָג פֿון זיין טויט', פֿאַר־עפֿנטלעכט אין לאָנדאָנער 'אַרבעטער־פֿריינד', 4טן נאָוועמבער, 1892).

[133] „אַמאָל אין אַמעריקע", ז"ז 278—279.

צו קאַפּיטל 14

[134] אַרבעטער־קלובן מיט אַט דעם נאָמען ווערן דערמאָנט אין דער פּרעסע פֿון יענער צייט אויך אין אַנדערע שטעט.

[135] לויט אַ פֿראַגמענט צווישן זיינע רוסישע מאַנוסקריפּטן.

[136] דעם זעלביקן פֿאַקט דערמאָנט אויך עדעלשטאַט מיט אַ חודש שפּעטער אין זיין ליד „ביי אַ טענעמענט־הויז" („מאָרגנשטערן", 30טן מאַי, 1890). מעגלעך, אַז ער האָט אין יענער צייט געלייענט די געשיכטע, ווי אַזוי די ענגלישע לאָרדן האָבן פֿאַרכאַפּט די ערד ביי די פּויערים (אַ גרינטלעכע באַשרייבונג דערפֿון געפֿינט זיך אין מאַרקס' „קאַפּיטאַל", ב. I, קאַפּיטל 28).

[137] עדעלשטאַטס שוועסטער דערציילט, אַז זי האָט געוואָלט פֿאָרן קיין ניו־יאָרק, כּדי אָנטייל צו נעמען אין דער באַוועגונג אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער אַנאַרכיסטקע עמאַ גאָלדמאַן. עדעלשטאַט איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אַט דעם פּלאַן. ער האָט דער־קלערט, אַז „דאָרט קען מען זיך ניט אַנטוויקלען". די שוועסטער האָט געמיינט, אַז ער וויל ניט, זי זאָל זיך אָפּגעבן מיט דער באַוועגונג, און זי איז דערפֿון געווען שטאַרק איבערראַשט, ווען ער האָט זי גערופֿן צו גיין מיט אים צוזאַמען אין קלאַסנקאַמף.

[138] אַ. רודאַש, עדעלשטאַטס אַ מיטצייטלער, דערציילט אין אַ בריוו פֿון מערץ 1934, אַז דער דעמאָלט־באַרימטער רוסישער רעוואָלוציאָנער סטעפּניאַק האָט אַרום 1889 געלייענט אין ניו־יאָרק רעפֿעראַטן איבער רוסלאַנד. „עדעלשטאַט איז אים גע־גאַנגען הערן און זיך מיט אים פֿאַנאַנדערגערעדט, און סטעפּניאַק האָט זיך אויסגע־דריקט [וועגן עדעלשטאַטן] 'אָדין גלאַטאַק רוסקאָוואָ וואָזדוכאַ' (איין שלונג רוסישע לופֿט). ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זיין אָרט איז אין רוסלאַנד, ניט ענגלאַנד אָדער אַמעריקע".

[139] 1890 פֿאַרשטאַרקט די צאַרישע רעגירונג אירע אויסנאַמגעזעצן קעגן יידן. איר אָפֿיציעלע פּרעסע אַגיטירט, אַז יידן זאָלן אַרויסגעשטופּט ווערן פֿון אַלע אַרבעטס־צווייגן. אַ ריי גובערנאַטאָרס נעמען אָן ספּעציעלע מיטלען צו פֿאַרפֿאָלגן די יידישע מאַסן. פֿון יידן ווערט געפֿאָדערט אַראָפּצונעמען דאָס היטל פֿאַר יעדן צאַרישן טשינאָווניק; דער אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק פֿאַראָרדנט, אַז יידן זאָלן אָפּטרעטן דאָס אָרט אין טראַמוויי פֿאַר די, וואָס טראָגן מונדירן; דער מאָלעווער גובערנאַטאָר סטראַשעט יידן מיט שמיץ.

אַ בראָשור פֿון טאָלסטאָי, קאָראָלענקאָ א״אַנד, וואָס אַנטהאַלט אַ פּראָטעסט קעגן פֿאַרפֿאָלגן די יידן און קעגן דער יידן־העצע, ווערט פֿאַרכאַפּט פֿון דער צענזור און פֿאַרברענט. די צייטונגען קריגן אַ באַפֿעל ניט צו דרוקן קיין פּראָטעסטן פֿון די דאָזיקע שרייבער קעגן די יידן־פֿאַרפֿאָלגונגען. מעגלעך, אַז אונטערן איינפֿלוס פֿון אָט די נייסן האָט עדעלשטאַט דעמאָלט אויך געשריבן זיין ליד „דער יידישער פּראָלעטאַר״ („פֿאַ״ש״ פֿונעם 2טן דעצעמבער, 1890), אין וועלכן ער דערקלערט: „ברידער, מיר טראָגן אַ דרייפֿאַכע קייט — אַלס יידן, אַלס שקלאַפֿן, אַלס דענקער״, און ער מאַכט אַ פֿאַרגלייך צווישן דער אונטערדריקונג אינעם צאַרישן רוסלאַנד מיט דעם „בלוטן ביי דער מאַשינע״ אינעם „פֿינצטערן שאַפּ״ פֿון דער „פֿרייער מדינה״.

[140] ראָזענבערג (אונטערן פּסעוודאָנים „פֿאָן דער מאַרק״) איז נאָך מאַרקס׳ טויט (14טן מערץ, 1883) אַרויסגעטראָטן אין דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „ניו־יאָרקער פֿאָלקס־צייטונג״ קעגן דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פֿון מלוכה. דערביי האָט ראָזענבערג באַשולדיקט ענגעלסן אין אַנאַרכיזם. אין זיין ניט באַגרייפֿן דעם גרינטלעכן און פּרינציפּיעלן אונטערשייד צווישן דער מאַרקסיסטישער מלוכה־טעאָריע און דעם אַנאַרכיזם, איז ראָזענבערג ניט געווען קיין אויסנאַם צווישן די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פֿון יענעם דור. וו. בלאָס, צ״ב, וועלכער האָט דורכגעקוקט די דייטשישע איבערזעצונג פֿון ליסיגאַרעס געשיכטע פֿון דער קאָמונע, מיט וועלכער מאַרקס האָט זיך אינטערעסירט, האָט זיך געשראָקן, אַז ליסיגאַרעס ווערטער „די קאָמונע שטרעבט צו Suppressi de l'etot (אונטערדריקונג פֿון דער מלוכה), קאָן מאַכן אַ שלעכטן איינדרוק אין אונדזער אַזוי שטרענג־אַנטי־„קאָמוניסטישן״ און אַנטי־„אַנאַרכיסטישן״ דייטשלאַנד. אין אַ בריוו פֿונעם 10טן נאָוועמבער 1877 עצהט מאַרקס בלאָסן, צו איבערזעצן עס: „אָפּשאַפֿונג (אָדער אונטערדריקונג) פֿון דער קלאַסן־מלוכה״. ווען ענגעלס באַזוכט אַמעריקע (אויגוסט־סעפּטעמבער, 1888), האָט ער אַ שמועס מיט דער ראָזענבערג־פֿראַקציע וועגן דעם אָפֿיציעלן פּאַרטיי־אָרגאַן „דער סאָציאַליסט״ (רעדאַקטירט פֿון ראָזענבערגן) און וועגן דער „ניו־יאָרקער פֿאָלקס־צייטונג״ פֿונעם רעכטן פֿליגל. אין זיינע בריוו צו זאָרגען זאָגט זיך אַרויס ענגעלס קעגן ביידע לאַסאַליאַנישע פֿראַקציעס: סיי קעגן די אָפּאָרטוניסטן פֿון דער „פֿאָלקס־צייטונג״ און סיי קעגן די סעקטאַנטן פֿון ראָזענבערגס ריכטונג. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט שפּעטער, נאָך זיין שפּאַלטונג, אָנערקענט ביידע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוועס אָדער צענטראַל־קאָמיטעטן פֿאַר גלייכבאַרעכטיקטע ריכטונגען אינעם סאָציאַליזם און אָנערקענט ביידע דעלעגאַציעס אויף די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן.

ווי דער רעדאַקטאָר פֿונעם פּאַדטיי־אָרגאַן „דער סאָציאַליסט״, האָט זיך ראָזענבערג אינטערעסירט אויך מיט די יידישע טרעיד־יוניאָנס. ער האָט זיך באַטייליקט אינעם גרינדן דעם צענטראַלן אָרגאַן פֿון די יידישע טרעיד־יוניאָנס אין ניו־יאָרק (דעם 9טן אָקטאָבער, 1888), וועלכער האָט לויט זיין רעקאָמענדאַציע אָנגענומען דעם נאָמען „פֿאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפֿטן״ („פֿערציק יאָר״, ז׳ 180).

[141] „איך האַלט פֿאַר אַן אמת גליק״, — שרייבט ענגעלס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, 1889, — „וואָס די ספּעציפֿיש דייטשישע פּאַרטיי, מיט איר גאַנצער לעכערלעכער טעאָרעטישער אומקלאָרקייט, מיט איר אַנטשפּרעכיקער גרויסהאַלטעריי און לאַסאַליאַנישקייט, צעפֿאַלט זיך״ (בריוו צו זאָרגע, ז״ז 362—364).

[142] אַב. קאַהאַן דערציילט, אַז ער איז געווען צווישן די, וועלכע זיינען אין 1889 אַרויסגעטראָטן קעגן דער ראָזענבערג־ריכטונג אין דער אַמעריקאַנער „סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי״ („בלעטער״, ב׳ II, ז׳ 436), און האָט זיך דערקלערט איינפאַרשטאַנען מיט דעם „פאָלקס־צייטונג״־צד („בלעטער״, ב. II, ז״ז 435—436).

צו קאַפּיטל 15

[143] די „פרייע אַרבעטער־שטימע״ האָט געירשנט פון דער „װאַרהייט״ דרוק־מכשי־רים און אַפילו אַ געוויסע סומע געלט („אַמאָל אין אַמעריקע״, ז׳ 244). די פּיאָנערן האָבן אויך אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז דאָס גאַנצע געלט, געזאַמלט אויף די זאַמל־בויגנס פון דער „װאַרהייט״, זאָל צוגעשטעלט ווערן פאַר דער נייער צייטונג („מאָרגנ־שטערן״, 7טן פעברואַר, 1890).

[144] „מאָרגנשטערן״, 24טן יאַנואַר, 1890.

[145] דאָרט, 14טן פעברואַר, 1890.

[146] „אַמאָל אין אַמעריקע״, ז׳ 259.

[147] דער ערשטער אַנאַרכיסטישער רעדאַקטאָר פון דער „פאַ״ש״ איז געווען ראָמאַן ג. לואיס. דוד עדעלשטאַט האָט, ווי זיין שוועסטער דערציילט, געהאַלטן לואיסן פאַר אַ פעאיקן יונגנמאַן, נאָר ער האָט געהאַט ווייניק צוטרוי צו אים. אַ צען טעג נאָך עדעלשטאַטס טויט דערקלערט זיך לואיס פאַר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און גייט נאָך דעם איבער צו דער בורזשואַזיע. אין 1918 באַגייט ער זעלבסטמאָרד.

דער צווייטער רעדאַקטאָר פון דער „פאַ״ש״ (נאָך לואיסן) איז געווען פ. אַ. פראַנק (ד״ר יעקב ישראל מעריסאָן). אין „מאָרגנשטערן״, 1890, אינעם אַפּטייל „די פרייע פּלאַטפאָרם״, איז פאַראַן זיינער אַן אַרטיקל איבער „אַנאַרכיזמוס־קאָמוניזמוס״. ער פּרואווט זיך, ווי זיין שטייגער איז געווען, צו „באַגרינדן״ זיינע אַרויסזאָגונגען מיט ציטאַטעס פון פרידריך ענגעלס׳ „אַנטשטייאונג פון דער מלוכה״ אאַז״וו. אין אַ באַ־מערקונג פון דער רעדאַקציע ווערט מעריסאָן געבעטן צו שרייבן פּאָפּולער, ניט מיט קיין „ספּענסער־שפּראַכע״. פיליפּ קראַנץ, דער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער־צייטונג״, פלעגט אָפּט פאַרווילן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן עולם אין קיבעצאַרניע דורך פאַר־לייענען מעריסאָנס אַרטיקלען אין דער „פאַ״ש״ („בלעטער״, ב. III, ז״ז 51—52). ד״ר מעריסאָן איז ביי זיין אָנקומען אין אַמעריקע, ווייזט אויס, געווען אַ נאַציאָנאַליסט. אין כתריאל סאַרעזאָנס „יידישעס וואָכנבלאַט״ פונעם 11טן דעצעמבער, 1887 איז פאַראַן אַן אַרטיקל „דאָס חנוכה־ליכט״, וואָס אַנטהאַלט אויך לידער, אונטערגעשריבן יעקב מעריסאָן. שפּעטער ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, כאָטש ער האָט געהאַלטן פון פּאָליטישן קאַמף. אַ געוויסע צייט האָט ער (לויט עדעלשטאַטס שוועסטער) געוואוינט צוזאַמען מיט עדעלשטאַטן און זאָלאָטאַראָוון אין איין קוואַרטיר. ער ווערט אַ מיטאַרבעטער פון דער „װאַרהייט״ און שרייבט צוזאַמען מיט זיין פרוי יעקאַטערינאַ יעווזעראָווא אין די אַנטי־רעליגיעזע „תפילה זכהס״ (זע אָנמערקונג 103). ער איז דער צווייטער (אַנאַרכיסטישער) רעדאַקטאָר פון דער „פאַ״ש״, צו דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן ד״ר אַ. בראַסלאַווסקי. ד״ר מעריסאָן האָט איבערגעזעצט אַ גאַנצע ריי ווּיסנשאַפטלעכע ווערק אויף יידיש, צווישן זיי אויך אַלע דריי בענדער פון מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל״. אויף דער עלטער איז ער געוואָרן אַ נאַציאָנאַליסט, אַ יידישיסט.

[148] „אַמאָל אין אַמעריקע״, ז״ז 257—258.

[149] דאָרט, ז״ז 273—274.

[150] מיטן ציל אָפּצושרעקן די יידישע אַרבעטער־מאַסן פֿון קאָמוניזם, און פּראָוואָנדיק וואַרפֿן אַ בילבול אויפֿן קאָמוניזם, אַז ער איז דאָס אייגענע, וואָס דער אַנאַרכיזם, טראַכט אויס אַב. קאַהאַן די מעשה, אַז די דייטשישע אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע זיינען כּלומרשט די ערשטע צייטן „אייגנטלעך ניט געווען קיין אַנאַרכיסטן, נאָר סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מאַרקסיסטן. זיי זיינען אָבער ניט געווען צופֿרידן מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טאַקטיק און מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שפּראַך. זיי האָבן געפֿאָדערט אַ ׳רעוואָלוציאָנערע׳ פּראָגראַם מיט ׳רעוואָלוציאָנערע ווערטער׳ — צוערשט האָבן זיי זיך מיט דעם נאָמען ׳אַנאַרכיסטן׳ גאָרניט גערופֿן. זייער אָפֿיציעלער טיטל איז געווען ׳סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן׳ אַלס קעגנזאַץ צו דעם נאָמען ׳סאָציאַל־דעמאָקראַטן׳ — און האָבן געגרינדעט ׳סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע קלובן׳. זיי האָבן די פּאַרטיי אַטאַקירט מיט די שאַרפֿסטע ווערטער, זיי האָבן פֿון אירע פֿירער חוזק געמאַכט ווי פֿון ׳לעמעשקעס׳, וועלכע ווילן דעם קלאַסנקאַמף פֿירן אויף צירלעך־מאַנירלעך־שטייגער. די זעלבע טענות מיט די זעלבע געשרייען, וועלכע מען הערט היינט פֿון די באָלשעוויקעס־קאָמוניסטן קעגן די סאָציאַליסטן — פּונקט די זעלבע געשיכטע” („בלעטער”, ב. II, ז׳ 41).

[151] יצחק־אייזיק הורוויטש (1860—1924). אין 1881 פֿאַרשיקט קיין סיביר פֿאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אין סוף פֿון די 80ער יאָרן געהאָלפֿן אָרגאַניזירן סאָציאַליסטישע קרייזלעך צווישן די יידישע אַרבעטער אין מינסק. 1890 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. סוף 90ער יאָרן ווערט ער שטאַרק באַקעמפֿט פֿון מאָריס ווינטשעווסקין, וועלכער האָט אים אָנגערופֿן „פּראָפֿעסאָר פֿון שעטנד־פּאָליטיק” פֿאַר זיין אַגיטאַציע, אַז די סאָציאַליסטן זאָלן זיך פֿאַראייניקן ביי די וואַלן מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע (זע קלמן מרמר — „מאָריס ווינטשעווסקי”, ניו־יאָרק, פֿאַרלאַג „פֿרייהייט”, 1928, ז׳ 225). הורוויטש קריטיקירט יאָרן־נאָכאַנאַנד די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי צום גרעסטן טייל פֿון רעפֿאָרמיסטישע פּאָזיציעס. אויף דער עלטער ווערט ער אַקטיוו אין די יידישע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. אין לעצטן יאָר פֿון זיין לעבן איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „פֿאָרווערטס” און געשריבן אַרטיקלען און געהאַלטן רעדעס קעגן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

[152] קאַפּעלאָוו, ז׳ 260. לויט מ. קאַטץ אין דער „פֿאָרעדע צו עדעלשטאַטס ׳שריפֿטן׳” (1909), האָט עדעלשטאַטס שכירות באַטראָפֿן 10 דאָלער אַ וואָך. מען קאָן זיך אָבער מער פֿאַרלאָזן אויף קאַפּעלאָוון, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער „פֿאַ״ש” און האָט נאָך דערצו געהאַט אַ שטאַרקערן זכּרון ווי מ. קאַטץ.

[153] רעדנדיק, ווי אַזוי מאַרקס און ענגעלס האָבן פּאָלעמיזירט קעגן די אַנאַרכיסטן, זאָגט לענין : „מיר גייען זיך כּלל ניט פֿאַנאַנדער מיט די אַנאַרכיסטן אין דער פֿראַגע וועגן אָפּשאַפֿן די מלוכה, אַלס אַ צ י ל. מיר באַהויפּטן, אַז כּדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, איז נויטווענדיק אַ צייטווייליקע אויסניצונג פֿון ווערקצייגן, פֿון די מיטלען און די מעטאָדן פֿון דער מלוכה־מאַכט ק ע ג ן די עקספּלואַטאַטאָרס, פּונקט ווי צוליב פֿאַרניכטן די קלאַסן איז נויטווענדיק די צייטווייליקע דיקטאַטור פֿונעם אונטערדריקטן קלאַס. מאַרקס קלויבט אויס די סאַמע שאַרפֿע און סאַמע קלאָרע שטעלונג פֿון פֿראַגעס קעגן די אַנאַרכיסטן : אַראָפּוואַרפֿנדיק דעם יאָך פֿון די קאַפּיטאַליסטן, צי דאַרפֿן די אַרבעטער אָוועקלייגן דאָס געווער אָדער אויסניצן עס קעגן די קאַפּיטאַליסטן, כּדי צו צעברעכן זייער ווידערשטאַנד ? און די סיסטעמאַטישע אויסניצונג פֿון געווער דורך איין קלאַס

קעגן אַ צווייטן קלאַס, — וואָס איז דאָס אַזוינס, אויב ניט קיין איבערגאַנג־פֿאָרם פֿון מלוכה ?

זאָל זיך יעדער איינער סאָציאַל־דעמאָקראַט אַ פֿרעג טאָן : צי האָט ער אַזוי געשטעלט די פֿראַגע וועגן מלוכה אין דער פּאָלעמיק מיט אַנאַרכיסטן ? צי האָט אַזוי גע־שטעלט די פֿראַגע די גרעסטע מערהייט פֿון די אָפֿיציעלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פֿונעם וו אינטערנאַציאָנאַל ?

. . . די געוויינטלעכע קריטיק פֿונעם אַנאַרכיזם ביי די הייגטצייטיקע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן איז באַשטאַנען אין ריינסטער באַלעבעסלדיקער געמיינקייט : 'אָט מיר אָנערקענען די מלוכה, און די אַנאַרכיסטן ניט !' אַזאַ געמיינקייט קאָן ניט, פֿאַרשטענדלעך, ניט אָפּ־שטויסן די וויפֿל־־ס'ניט־איז דענקענדיקע און רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. ענגעלס זאָגט עפּעס אַנדערש : ער שטרייכט אונטער, אַז אַלע סאָציאַליסטן אַנערקענען דאָס פֿאַרשווינדן פֿון דער מלוכה, ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. ער שטעלט דערנאָך קאָנקרעט די פֿראַגע וועגן רעוואָלוציע, נעמלעך יענע פֿראַגע, וואָס צוליב אָפּאָרטוניזם מיידן זי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן געוויינטלעך אויס, איבערלאָזנדיק זי, אַזוי צו זאָגן, אויף אויסשליסלעכער 'באַאַרבעטונג' פֿאַר די אַנאַרכיסטן" (לענין, ב. XXI, „מלוכה און רעוואָלוציע", ז"ז 411—413).

[154] אין זיין באַקאַנטן בריוו צו די אַמעריקאַנער אַרבעטער (זע אָנמערקונג 42) מאַכט ענגעלס אויפֿמערקזאַם, אַז „איינער פֿון די רעזולטאַטן פֿון דער קומענדיקער פּראָלע־טאַרישער רעוואָלוציע וועט זיין די שטופֿנווייזע אויפֿלייזונג, און אינעם לעצטן סך־הכּל, דאָס פֿאַרשווינדן פֿון דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס רופֿט זיך מלוכה". ווארים „מיטן פֿאַרשווינדן פֿון דער פֿאַרמעגלעכער מינדערהייט וועט אויך פֿאַרשווינדן די נויטיקייט אין אַ באַוואָפֿנטער אונטערדריקונג אָדער אין מלוכה־מאַכט". „כּדי צו דערגרייכן צו אָט דעם און צו די אַנדערע, אַ סך וויכטיקערע, צילן פֿון דער קומענ־דיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע, מוז אָבער דער אַרבעטער־קלאַס צוערשט פֿאַרכאַפּן די אָרגאַניזירטע פּאָליטישע מאַכט פֿון דער מלוכה און מיט איר הילף ברעכן דעם ווידערשטאַנד פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און רעאָרגאַניזירן די געזעלשאַפֿט". דאָס איז פּונקט דער קעגנזאַץ צו דעם „אַנאַרכיסטישן אומזין", וואָס אַגיטירט „אָנצו־הויבן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע מיט אָפּשאַפֿן די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פֿון דער מלוכה". „גראָד דורך דער מאַכט פֿון דער מלוכה — ווייזט אָן ענגעלס — קאָן דער זיגרייכער פּראָלעטאַריאַט אונטערדריקן זיינע קאַפּיטאַליסטישע שונאים און דורכ־פֿירן יענע עקאָנאָמישע רעוואָלוציע פֿון דער געזעלשאַפֿט, וואָס אָן איר וואָלט זיך דער גאַנצער זיג געמוזט ענדיקן מיט אַ נייער מפּלה און מיט אַ מאַסן־אויסשלאַכטונג פֿון אַרבעטער, אַזוי ווי דאָס איז געווען נאָך דער פּאַריזער קאָמונע".

[155] „שטורעם־וואָלקן" איז ביי עדעלשטאַטן דער סימבאָל פֿון יאוש. ער באַניצט עס אין אָט דעם זינען אין זיין געדיכט אין פּראָזע „מוזיק" און אין זיין דערציילונג „דער קאַר־קאָנדוקטאָר".

[156] „איניקע לייט, וואָס זיינען ניט אויפֿמערקזאַם צו די באַדינגונגען פֿון דער צוגרייטונג און אַנטוויקלונג פֿונעם מאַסנקאַמף, האָט דערפֿירט צו פֿאַרצווייפֿלונג און אַנאַרכיזם דאָס, וואָס ס'האָט זיך אויף לאַנג אָפּגעלייגט דער אַנטשיידענער קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּע. מיר זעען איצט ווי קורצזיכטיק און קליינמוטיק עס איז די אַנאַרכיסטישע פֿאַרצווייפֿלונג" (לענין, „די היסטאָרישע שיקזאַלן פֿון קאַרל מאַרקס' לערע", ב. XVI, ז' 333).

[157] סאָפֿיאַ לוואָוונאַ פּעראָווסקאַיאַ (1854—1881). געשטאַמט פֿון הויכן רוסישן אַדל. ווערט יונג טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער פֿאָלקיסטישער באַוועגונג. געהערט צום אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ און פֿירט דורך דעם אַטענטאַט אויפֿן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן (1 מערץ 1881). זי איז די ערשטע פֿרוי אין רוסלאַנד, וואָס איז געשטאָרבן אויף דער תּליה פֿאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

אין זיין ליד „סאָפֿיאַ פּעראָווסקאַיאַ“ — „געווידמעט“ זיין „שוועסטער שרה“, שרייבט דוד עדעלשטאַט:

„דאָס איז געווען אַ פֿרוי! דרייסטער פֿון אַ מאַן
האָט זי געקעמפֿט פֿאַר פֿרייהייט און פֿאַר רעכט!
זי האָט געהאַמערט דעם זאַרג (די טרונע) פֿאַרן טיראַן
און האָט געריסן די קייטן פֿון די קנעכט.

זי האָט פֿאַרלאָזן די וועלט פֿון רייכע גראַפֿן,
אין פּראָסטע לאַפּטשעס און אַ סאַראַפֿאַן
איז זי אַוועק צו אונטערדריקטע שקלאַפֿן
פּריידיקן האַס צו יעדן טיראַן.

אַוועק זייגען יאָרן און זי האָט פֿאַרשטאַנען,
אַז דאָס וואָרט איז שוואַך, עס האָט קיין ווערט
אין דעם קאַמף מיט האַרצלאָזע טיראַנען;
און זי נעמט אין האַנט די פֿרייהייטס־שווערד!

— — — — — — — — — — — — — — — —

ס'האָבן זי דערוואָרגן די געקרוינטע הענקער,
דאָך לעבט איר גייסט און ווירקט נאָך איצט,
פֿון הערצער אידעלע און פֿון פֿרייע דענקער
געליבט, געאַכטעט, באַוואונדערט און געשעצט“.

[158] אַנדרעי איוואַנאָוויטש זשעליאַבאָוו (1851—1881). אָרגאַניזאַטאָר און אָנפֿירער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“. געווען דער זון פֿון אַ לייב־אייגענעם רוסישן פּויער. 1871 ווערט ער אויסגעשלאָסן פֿון אָדעסער אוניווערזיטעט פֿאַר אָנטיילנעמען אין אַ דעמאָנסטראַציע. אין 1873 הויבט ער אָן אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַרבעטער און פּויערים. ער איז איינער פֿון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרס דורכצופֿירן דעם אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם 2טן. כאָטש זיין אַרעסט צוויי טעג פֿריער שטערט אים צו באַטייליקן זיך אין דער דורכפֿירונג, ווערט ער אויפֿגעהאָנגען (דעם 15טן אַפּריל 1881) צוזאַמען מיט סאָפֿיאַ פּעראָווסקאַיאַ א״אַנד.

[159] העסיע העלפֿמאַן (1853—1882). אַ יידישע נייטאָרין. געבוירן אין מאָזיר, מינסקער געגנט, ווייסרוסלאַנד. אַנטלויפֿט פֿון דער היים קיין קיעוו, וואו זי טרעט אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פֿאַרמישט אינעם „פּראָצעס פֿון די 40“, ווערט זי 1875 אַרעסטירט און פֿאַרמשפּט. שפּעטער שליסט זי זיך אָן אין דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ און נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין צוגרייטן דעם אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם 2טן. ווערט פֿאַרמשפּט צו דער תּליה, אָבער דער פּסק ווערט אָפּגעלייגט צוליב דעם, וואָס זי איז דעמאָלט געווען אויף דער צייט. שווער קראַנק נאָכן געבוירן דאָס קינד, שטאַרבט זי אין טורמע. דער סאָוועטיש־יידישער פֿאָרשער ר. מ. קאַנטאָר האַלט, אַז העסיע העלפֿמאַן איז געווען די צוזאַמענשטעלערין פֿון דער העקטאָגראַפֿירטער „אַרבעטער־צייטונג“ (20טן יאַנואַר, 1881) — „דער ערשטער פּרואוו פֿון סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע אויף יידיש אין רוסלאַנד“.

צו קאַפּיטל 17

[160] אַט זיינען עטלעכע מוסטערן פֿונעם לייענשטאָף, וואָס עדעלשטאַט פֿלעגט דרוקן אַלס רעדאַקטאָר פֿון דער „פֿאַ״ש“, און וואָס ער פֿלעגט פֿאַרבראַקירן: דעם 16־טן יאַנואַר — אַן אַרטיקל, וואָס באַווייזט, אַז דער „אַרבעטער אין קלאַסנקאַמף קאָן פֿון דער מלוכה דערוואַרטן נאָר „בליי“, אָנשטאָט „ברויט“. דעם 23טן יאַנואַר — פּאָפּולערע נאַטורוויסנשאַפֿטן. דעם 6טן פֿעברואַר — „בריווקאַסטן“ — פֿאַרבראַקירט די אַרטיקלען וועגן פֿרייער ליבע און אַלע צוגעשיקטע לידער. דעם 20טן פֿעברואַר — אַרטיקל (מעגלעך עדעלשטאַטס) וועגן אַן אַרבעטער, וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד מחמת נויט. דעם 13טן מערץ — וועגן פֿאַבריקאַנטן, וואָס זעצן אָן זייערע אַרבעטער (אַנטלויפֿן מיט דעם ניט־אויסגעצאָלטן אַרבעט־לוין). דעם 27טן מערץ — פֿעלעטאָן וועגן פּורים, אין וועלכן עס ווערט דערציילט, אַז די פּערסישע יידן האָבן געפּרוווט זיך העלפֿן צו־ערשט „דורך זעצן אַ יידן אין פּאַרלאַמענט“... „דורך רעליגיע“ (דריי טעג געפֿאַסט) און צום סוף זיך גענומען צום קאַמף: „צעקלאַפּט די זייטן פֿון אַ 500 דיקע בייכער“... דעם 3טן אַפּריל — אַרטיקלען פֿון אַ פֿאַראייניקטער אַקציע פֿון סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן צו העלפֿן די קלאָוקמאַכערס. דעם 10טן אַפּריל — אַרטיקלען וועגן דער דערמאָרדונג פֿון שטרייקער אין פּיטסבורג: „וואָפֿן! ברידער, דאָס איז די איינציקע האָפֿענונג פֿון אַרבעטער, דאָס איינציקע מיטל צו זיין באַפֿרייאונג“. אין דעם זעלביקן נומער איז אויך דאָ אַן אַרטיקל קעגן „צעטלעך“ (פּאַרלאַמענטאַריזם) און פֿאַר „רעבעליאָן“ (אויפֿשטאַנד). דער שרייבער פֿאַרענדיקט: „עס לעבע די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן! די צוקונפֿט געהערט דעם אַנאַרכיזמוס־קאָמוניזמוס!“ (קענטיק, אַז אַט דער הורא־אַנאַרכיזם האָט ניט אויסגענומען ביי די אַרבעטער, ווייל דעם 29טן מאַי דריקט שוין עדעלשטאַטס „פֿאַ״ש“ אַן אַרטיקל, אין וועלכן ס׳ווערט דערקלערט פֿאַר בייזע רכילות, אַז אַנאַרכיסטן זיינען „קעגן אָרגאַניזאַציאָן, קעגן שטרייקס, קעגן אַכט שטונדן“).

עדעלשטאַט האָט אויך געגעבן איבערזעצונגען פֿון זשול ווערנס „אַ רייזע אַרום דער וועלט אין אַ לופֿטבאַלאָן“, דע־וואָלנייס „פֿאַרוויסטונגען פֿון קעניגרייך“; דאָסטאָיעווסקיס „די דערנידעריקטע און באַליידיקטע“; פֿעליקס פּיאַטס „דער רעגס־פּעדלער [שמאַטע־הענדלער] פֿון פּאַריז“; טורגעניעווס „אויף דער שוועל“; וויקטאָר הוגאָס „צוואה“; טשערנישעווסקיס „פֿאַר וואָס איז אַרבעט אומאָנגענעם?“; הערצענס „מענטשנפֿרעסעריי אין דער היינטיקער געזעלשאַפֿט“ אד״גל. ער האָט אויך געגעבן פּלאַץ פֿאַר אַ סעריע אַרטיקלען פֿון אַ סאָציאַליסט (באַראַנאָוו) איבער „דער אַנטוויקלונג [פֿון] דער בורזשואַזיע אַלס אַ שטופֿע אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג [פֿון] דער מענטשהייט“. ער האָט אויך איינגעפֿירט אַן אָפּטיילונג באַשרייבונגען פֿון באַרימטע מענטשן (מיט זייערע בילדער), ווי טיבעריוס גראַקכוס, דאַנטאָן, וויקטאָר הוגאָ אד״גל, און שפּריך־ווערטער פֿון רעוואָלוציאָנערן (פֿון קאַרל מאַרקס האָט ער געגעבן: „די געוואַלט איז די הייבאַמע פֿון יעדער אַלטער געזעלשאַפֿט, וועלכע איז שוואַנגער מיט אַ נייער“).

[161] זע שלום פֿונעם קאַפּיטל 13.

[162] אין זיין ליד „פֿראַגמענט“ ענטפֿערט עדעלשטאַט אויף די טענות קעגן זיין אומאויפֿהערלעכן רוף צו סאָציאַלער רעוואָלוציע. אויף דער טענה, אַז דאָס פֿאָלק קאָן נאָר ברעכן און ברענען, און ווען עס שטילט זיך איין זיין צאָרן „וועט עס ווידער דעם טראָן אָנערקענען, און דער ביטערער קאַמף איז פֿאַרלאָרן“, — ענטפֿערט עדעלשטאַט,

אַז „דאָס פֿאָלק גאַרט פֿרייהייט אומעטום! און ווען דער פֿרייהייטס־קאַמף איז פֿאַרלוירן, איז עס דערפֿאַר, ווייל די פֿירער זיינען דום“. ער פֿאַרענדיקט:

„וואַרפֿט ניט אַרויף די שולד אויפֿן פֿאָלק,
ווען איר זייט שולדיק אַליין;
ווייסט נאָר צו פֿירן דעם קאַמף מיט אַ טאָלק,
און דער קאַמף וועט פֿאַרלאָרן ניט גיין!“

[163] אַניוטאַ וואָלפֿסאָן איז געווען צווישן עדעלשטאַטס נאָענטע פֿריינדינס, ער ווידמעט איר אייניקע לידער אין רוסיש, און איין ליד אין יידיש „אַ ביטערער מזל“, פֿאַרעפֿנטלעכט נאָך זיין טויט („אַרבעטער פֿריינד“, 6טן יאַנואַר, 1893). זי איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער. לויט עדעלשטאַטס שוועסטער, האָט אַניוטאַ געגעבן עדעלשטאַטן דעם שטאָף פֿאַר זיין ליד „דער קינדער־מערדער“ („דאָקטאָר גראַן“) און פֿאַר זיינע דערציילונגען „ווער איז שולדיק“ און „געלט און ליבע“. אויף אַ בילד, געמאַכט קענטיק פֿון באַזונדערע פֿאָטאָגראַפֿיעס נאָך עדעלשטאַטס פֿאַרלאָזן ניו־יאָרק, שטייט פֿון אויבן עדעלשטאַטס פּאָרטרעט, און אונטער אים די פּאָרטרעטן פֿון אַניוטאַ וואָלפֿסאָן און פֿון נאָך אַ יונגער פֿרוי. לויט מ. קאַטץ (זע ווייטער אָנמערקונג 177), האָט עדעלשטאַט געגלויבט, אַז זיין חבר הלל זאָלאָטאַראָוו איז אין איר פֿאַרליבט; און ווען זאָלאָטאַראָוו האָט געהייראַט אַן אַנדערע, האָט עדעלשטאַט געהאַט דערפֿון אַ סך פֿאַרדרוס.

[164] אין אַ בריוו פֿון ניו־יאָרק (29טן אַפּריל, 1891) זוכט עדעלשטאַט צו באַוועגן זיין אייציקע שוועסטער, זי זאָל ווערן אַן אַגיטאַטאָרין פֿאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. זי ווערט דאָס טאַקע נאָך זיין טויט. אין דער „פֿאַ“ש“ פֿונעם 17טן אָקטאָבער, 1899, ווערט אַנאָנסירט אַ מאַסן־פֿאַרזאַמלונג, צונויפֿגערופֿן פֿון דער גרופּע „פּראָלעטאַריאַט אָוו [פֿון] ברוקלין“, וואו שרה עדעלשטאַט־טעלסאָן (עדעלשטאַטס שוועסטער) רעדט אויף דער טעמע „איבער די פֿליכטן פֿון פֿרויען“. שפּעטער פֿלעגט זי אַרויסטרעטן נאָר אויף עדעלשטאַט־פֿייערונגען.

[165] לויט דער מיטטיילונג פֿון זיין שוועסטער; דאָך איז ער געווען גרייט צו פֿאָרן קיין באָסטאָן אויף אַ קאָנצערט (בריוו צו דער שוועסטער פֿון מיטן אַפּריל, 1891). עס זעט אָבער אויס, אַז די געפּלאַנטע אונטערנעמונג איז ניט דורכגעפֿירט געוואָרן.

צו קאַפּיטל 18

[166] קעגן די „דיכטער“ פֿון דער „אַרבעטער־צייטונג“, מאָריס הילקוויט („המנגן“) און אַב. קאַהאַן, איז געווען געצילט אויך עדעלשטאַטס ליד „די פֿאָלק־שטימע“ („מאָרגנשטערן“, 18טן אַפּריל, 1890). עדעלשטאַט דערקלערט דאָרט, אַז כאָטש „עס קלינגען זיס געשליפֿענע צינגער, עס זינגען אונדז פֿאָלקס־פּאָעטן“, איז דאָך דעם „עלנטן שקלאַף“ דערפֿון ניט גרינגער, ווייל „נאָר אייניקייט קען אים איצט רעטן“ (מאָריס ראָזענפֿעלד האָט אָנגעהויבן זיין מיטאַרבעט אין דער „אַרבעטער־צייטונג“ ניט מיט לידער, נאָר מיט פּראָזע).

[167] צווישן עדעלשטאַטס מאַנוסקריפּטן געפֿינט זיך אַ בלעטל, אויף וועלכן עס איז אויפֿגעשריבן מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן „ראָזענפֿעלד“, און עס אַנטהאַלט אַזוינע זאַצן: „בלייב טריי די [דער] וואַרהייט, אַרבעטער־דיכטער“ — — — „טו דיין אַרבעט נאָך

דיין איבערצייגונג, אויף אַפּלאַדיסמענטן ניט וואַרט״ — — — „אַרבעט פּלייסיק״ — — — „דיין אַרבעט איז דיין בעסטער לוין״.

[168] די ניו־יאָרקער אַנאַרכיסטן האָבן דערקלערט ראָזענפעלדן פֿאַר אַ „פֿאַררעטער״ פֿאַר זיין אַוועקגיין פֿון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע „ריטער דער פֿרייהייט״ („אַרבעטער־פֿריינד״, 13טן סעפּטעמבער, 1889). די דאָזיקע גרופּע, וועמעס מיטגלידער זיינען געווען אַריבערגעקומענע פֿון לאָנדאָן, האָט באַזונדערס זיך אָפּגעגעבן מיט שטיצן דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער־פֿריינד״ און אַרויסגעבן בראָשורן אונטערן ביבלישן נאָמען „משמיע ישועה״, מערסטנס פֿון דעם „סאָציאַליסט״ פֿייגענבוים, לויט וועמעס פֿאָרשלאַג זיי האָבן זיך אָנגערופֿן מיט אָט דעם נאָמען (ב. רודערמאַן, „די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין ענגלאַנד״, „פֿאָ״ש״, 10טן אָקטאָבער, 1934). לויט איר באַריכט אינעם „מאָרגנשטערן״, פֿונעם 14טן פֿעברואַר, 1890, פֿלעגט די גרופּע אויך פֿאָרלייענען אויף אירע מיטינגען דעם „וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם״ פֿון פֿרידריך ענגעלס (זע אָנמערקונג 120).

[169] אַן אָנדייט אויף עדעלשטאַטס ליד „בלומען און שטערן״ („וואַרהייט״, 10טן אַפּריל, 1889), וואו ער זאָגט : „די ערדישע בלומען זיינען זייער צעלאָזן, זיי האָבן גאָר קיין מאָראַל״.

[170] געמיינט עדעלשטאַטס ליד „פֿאַרבלוטיקטע גייסטער״ („מאָרגנשטערן״, 17טן מערץ, 1890), אין וועלכן ער שילדערט ״די געשפּענסטער״ פֿון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין צאַרישן סיביר.

[171] די שרייבער פֿון דער „אַרבעטער־צייטונג״ פֿלעגן אַלע מאָל טענהן, ווי דאָס טוט אַב. קאַהאַן אין דער דערמאָנטער „סדרה״ (זע אָנמערקונג 126), אַז די אַנאַרכיסטן רעדן בלויז וועגן די געוואַלד־טאַטן, אין דער אמתן אָבער זיינען זיי פּחדנים.

[172] אָנדייט אויף עדעלשטאַטס באַמערקונג אין „זשאַרגאָנישע דיכטער״ : „אַ שטיקל געאָרדערטע, באַצאָלטע אַרבעט״.

[173] כּדי צו באַוויזן דעם אונטערשייד פֿון אַ „וואָרן דיכטער״ ביז אַ „גראַמען־שרייבער״, האָט עדעלשטאַט ציטירט אין זיין אַרטיקל פֿרוגס עטלעכע סטראָפֿן און זיי אָנגערופֿן „הייליקע ווערטער״. אינטערעסאַנט איז, אַז אין יענער צייט איז פֿרוג אַטאַקירט געוואָרן אין „אַרבעטער־פֿריינד״ (1890) פֿאַר חנפֿענען זיך צו יידישע גבירים אין זיין הספּד אויף דעם רוסיש־יידישן גביר פּאָליאַקאָוו.

[174] געמיינט „פֿאָניעשע״ (פֿאָניע — צונאָמען פֿאַרן אַמאָליקן רוסלאַנד), אַן אָנדייט אויף עדעלשטאַטס רוסיפֿיצירטקייט.

[175] זע דוד עדעלשטאַטס לידער „אַן די געגנאָסען״ און „דער לעצטער שטרייק״, און מאָריס ראָזענפֿעלדס ליד „דער לייב״.

צו קאַפּיטל 19

[176] דאָס ליד „צום משוגענעם פֿילאָזאָף״ איז דאַטירט 17טן מערץ, 1890, סינסינעטי — דער טאָג, ווען ס׳איז דערשינען דער ערשטער נומער „אַרבעטער־צייטונג״. עס זעט אויס, אַז עדעלשטאַט איז דערמוטיקט געוואָרן צו שיקן דאָס ליד צום „אַרבעטער־פֿריינד״ דורך דעם פֿאַקט, וואָס מאָריס ווינטשעווסקי האָט ניט באַגריסט די פּאַרטייאישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג.

[177] מ. קאַטץ אין זיינע ענטפֿערס אויף מיין „פֿראַגן־צעטל״.

צו קאַפּיטל 20

178 פֿון די יידישע אַרבעטער אינעם „שוויץ״־שאַפּ האָט עדעלשטאַט אויך איבערגע־נומען אַזוינע אויסדרוקן, ווי „הייליקע שכינה״ („לואיס לינג״), „פֿון גלות אונדז רעטן״ („צו די פֿאַרטיידיקער פֿון פּינצטערניש״), „לאַנג ווי דער יידישער גלות״ („אַ רעדאַקטאָרס חלום״) אד״גל.

179 אַן אָנדייט אויף דעם ערשט־מאַיאיקן פּאַראַד פֿון די סאָציאַל־רעפֿאָרמיסטן אין ניו־יאָרק (1891), וואָס עדעלשטאַט האָט אויסגעלאַכט אין זיין אַרטיקל "פּאַיאַצירט״.

180 אין די לידער „צום געבורטס־טאָג״, „וואַכט אויף״, „דער עלפֿטער אין דער פֿרעמד״, „1789״, „דער פֿאַל פֿון דער באַסטיליע״. (עדעלשטאַט גראַמט „ב״ מיט „פּ״, ווי „ליב״ מיט „פּרינציפּ״ אין ליד „דזשאַן בראָון״; „ג״ מיט „ק״, ווי „באַטרוג״ מיט „דרוק״ אין „עלנט״, „ד״ מיט „ט״, ווי „פֿרייד״—„קווייט״ אין „צום אָנדענק פֿון ק. גאַללאָפּ״; „ל״ מיט „ר״, ווי „שטעלן״ מיט „צעשטערן״ אין „דער שמיד״ אאַז״וו).

181 עדעלשטאַט באַניצט געוויינטלעך איין־טראַפֿיקע און צוויי־טראַפֿיקע גראַמען (ווי „מאַכט״ מיט „נאַכט״ און „לאָרדן״ מיט „מאָרדן״). ער באַניצט זיך אויך מיט אומפּינקטלעכע גראַמען ווי „ברויט״ מיט „פֿאַרשטעלט״, „פֿאָלק״ מיט „פֿאַרפֿאָלגט״, „שקלאַף״ מיט „וויסנשאַפֿט״ (אין די לידער „אַן אַלטע געשיכטע״, „אַלבערט פּאַרסאָנס״, „דער קומענדער שטורעם״ אד״גל). דאַקטילישע גראַמען (ווי „איבעראַל״ מיט „ליבע־ראַל״) זיינען ביי עדעלשטאַטן אַ זעלטנהייט.

182 די דריי לידער מיט גאַרטל־גראַמען (געגראַמט שורות 1—4 און 2—3) זיינען: „דער וועקער״, „דער פֿאַל פֿון דער באַסטיליע״, „טרערן״ („איך זע אַ גלעזערנעם קאַסטן״). פֿיר מיט געמישטע גראַמען — „די רעוואָלוציאָן״ (זע ווייטער אָנמערקונג 184), „1789״, „דער שווין און די נאַכטיגאַל״, „שפּאַניען״. די עלף לידער מיט פּאָר־גראַמען (געגראַמט שורה נאָך שורה) זיינען: „געדאַנקען אויפֿן פֿאַבריק״, „ווען איך הייראַט....״, „פֿון אַלבערט פּאַרסאָנס לידער״, „פֿרעמדעס ברויט״, „קעמפֿט ביזן סוף״, „דיכטער?״ („פֿאַלשע דיכטער״), „דער אייזל און דער זונענשטראַל״, „דער דיכטער״, „דער אַגי־טאַטאָר״, „אַ ניט־געענדיקטע דראַמע״, „אַ טרויעריקער געלעכטער״. די 23 מיט אויס־געלאָזטע גראַמען (געגראַמט בלויז שורות 2—4): „וואָרע און פֿאַלשע העלדן״, „דאָס פֿאַבריק־קינד״, „דער אַרבעטער״, „מיין פֿרילינג־ליד״, „פֿאַרבלוטיקטע גייסטער״, „צו־רוף אַן די 'פּאַ״ש״״, „דער לעצטער שטרייק״, „דיכטער און מוזע״, „די געפֿאַלענע״, „צו אַ פֿריינט״, „אונדזער אידעאַל״, „אַ גוט וואָרט״, „אויף אַ באַל״, „זינגט מיט לוסט״, „דער רויטער זעגל״, „די בלאַסע וואַסער־ליליע״, „דער פֿאַרוואונדעטער אָדלער״, „דאָס צייט־ליד״, „אַ ראָמאַנס״, „אין נאַטור־טעמפּל״, „דער זעלנער״, „וואָס זאָגט איר צו אים״, „בעסער הונגערן איידער בעטלען״. דאָס ליד „סאָפֿיאַ פּעראָווסקאַיאַ״, איז אין גאַנצן אין קרייץ־גראַמען (געגראַמט שורות 1—3 און 2—4). צוויי סטראָפֿן אָבער (10טע און 15טע) זיינען אין גאַרטל גראַמען. די לידער „דער וועקער״ און „דער פֿאַל פֿון דער באַסטיליע״, וואָס האָבן 6־שורהדיקע סטראָפֿן, האָבן אומעטום די ערשטע צוויי שורות אין פּאָר־גראַמען.

183 מעגלעך באַווירקט פֿון היינעס ליד ג׳ 88 פֿון דער סעריע „היימקער״:

„נאַכט ליגט אויף דעם פֿרעמדען וועגען,
קראַנקעס הערץ אונד מידע גלידער;

אַך, דאַ פּליסט, ווי שטילער זעגען,
זיסער מאַנד, דיין ליכט ערנידער״.

[184] עדעלשטאַט האָט „פרייַ איבערגעזעצט״, אָדער „פרייַ באַאַרבעט״ 5 לידער פון היינען (אַ זעקסט ליד פון היינען האָט עדעלשטאַט באַאַרבעט אין רוסיש); פיר פון נעקראַסאָוון (אַ פינפט ליד, אויך וועלכן ס׳איז אָנגעגעבן „נאָך נעקראַסאָוון״, איז אין דער אמתן אַ רוסיש פאָלקס־ליד — זע קאַפּיטל 8); 2 פון נאַדסאָנען; 2 „פונעם רו־סישן״, ניט אָנגעבנדיק קיין נאָמען; צו איינציקע פון בייראָנען, לערמאָנטאָוון און פאַר־סאָנען; איין ליד „נאָכן דייטשן״ (פרייליגראַטס) „די רעוואָלוציאָן״ איז אונטגעשריבן (אין דער „פאַ״ש״, 7טן נאָוועמבער, 1890) M-n. — מ. קאַטץ האָט עס אַריינגענומען אין דער לאָנדאָנער אויסגאַבע (1909) ווי עדעלשטאַטס אַ ליד. כ׳האָב וועגן דעם אָנגעפרעגט (דורך ל. גרינהויז) ביים דעמאָלטדיקן רעדאַקטאָר פון דער „פאַ״ש״, ד״ר מעריסאָן, צי מיינט ניט די אונטערשריפט „מ.־נ.״, אַז ער אַליין האָט עס איבערגעזעצט. ד״ר מעריסאָן האָט געענטפערט, אַז ער געדענקט מער קיין זאַך ניט.

[185] דייטשישע אַרבעטער האָבן עס באַנוצט ווי אַן אויפשריפט אויפן „דענקמאָל״ פון די 22 געפאַלענע אַרבעטער אין פאַרטיידיקונג קעגן דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן „קאַפּ־פוטש״ פון 1922 אין אַמען־דאָרף, דייטשלאַנד.

[186] אויף עדעלשטאַטס מאַנוסקריפט פון דעם „פריי־באַאַרבעטן״ ליד פון אַלבערט פּאַרסאָנס איז פאַראַן אַ באַמערקונג צו דער רעדאַקציע: „איר זאָלט מיין נאָמען ניט אונטערשרייבן, ווייל עס קען איבערשרעקן מיינע איינציקע פריינט״.

[187] אַלבערט פּאַרסאָנס האָט דאָס דאָזיקע ליד געשריבן אין טויטן־קאַמער פון דער שיקאַגער טורמע אין פרימאָרגן פון טאָג, ווען מען האָט אים געהאָנגען צוזאַמען מיט זיינע חברים.

[188] „ווי קאָן מען טראַכטן וועגן גלאַטיקער פאָרם און קלינגענדיקן גראַם, אַז ס׳דערטראָגט זיך צו מיר דאָס טראַגישע לוויה־ליד אַן ווערטער, אַן קלאַנגען, נאָר פול מיט עלנט און טרערן״ („טאָגבוך״, יאַנואַר, 1889). ווען אַ פריינט האָט אים אויפגעוואָרפן פעלערן אין זיין גראַם, האָט דוד עדעלשטאַט געענטפערט מיט אַ שטאַרקן צאָרן: „ווי שעמט איר זיך ניט ווענדן אויפמערקזאַמקייט אויף גראַם, ווען די אַרבעטער שטאַרבן מאַסנווייז פון טשאַכאָטקע אין די אוממענטשלעכע פאַרדומפּענע פאַבריקן! צי דענקט איר זיך, אַז איך קאָן זיצן גלייכגילטיק און שניצן פיגורן מיט אַ מעסערל? איך שרייב ניט פאַר אינטעליגענטן, איך בעט ניט קיין מיטלייד ביי די בלוטזויגער, איך שרייב פאַר אַרבעטער, און מיט זייער געוועער האַק איך — מיט דער האַק!״ (אַרקאַדי טעלסאָן, אין אַ בריוו צו מיר פונעם 10טן אַפּריל, 1934).

[189] אין די לידער „צו מיינע לעזער״, „צו מיין פעדער״, „מיין מוזע״, „איך קאָן ניט זאָגן וויצן״, „מיין פרילינג־ליד״.

[190] „פערציק יאָר״, ז׳ 115. וויינשטיין דערציילט, אַז ווען אַ „קאָמיטע״ (פאַרטרע־טערשאַפט) פלעגט קומען פון אַן אַנאַרכיסטישן מיטינג, פלעגט זי דערקלערן, אַז זי קומט פונעם „פאָלק״.

[191] אין די לידער „פאָרווערטס״, „די פרייהייט־געטין״.

[192] דאָרט, און אין „צורוף צו דער ׳פאַ״ש׳ ״, „אַלבערט פּאַרסאָנס״, „דער לעצטער שטרייק״, „דער עלפטער אין דער פרעמד״.

צו קאַפּיטל 22

193 סוף אויגוסט, 1891, ברעכט אויס אַ סיכסוך צווישן דער „פֿאַ״ש" מיט דער דרוקער־יוניאָן. לויט דער „פֿאַ״ש", איז אין דעם געווען שולדיק דער פֿאָרמאַן (אויפֿפּאַסער) מילכיקער, וועלכער האָט סאַבאָטירט דאָס אַרויסגעבן די צייטונג אין צייט („אַמאָל אין אַמעריקע", ז״ז 281—282). לויט דער דרוקער־יוניאָן, האָט די „פֿאַ״ש" אָפּגעזאָגט מילכיקערן, ווייל ער איז געווען „צודרינגלעך" בנוגע זיין אַרבעט־לוין (היימאַן ראָזענסאָן, „דערינערונגען", אין „זאַמלבוך" צום 35־יעריקן יובילײ פֿון דער „היברו טאַיפּאָגראַפֿיקל יוניאָן" [פּראָפֿ. פֿאַראיין פֿון יידישע דרוקער] נומ' 83 פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער דרוקער יוניאָן, ניו־יאָרק, 1923, ז' 11).

קאָפּעלאָוו דערקלערט, אַז אונטער עדעלשטאַטס רעדאַקציע וואָלט „אפשר גאָר קיין שטרייק ניט געווען. האָט דאָך דער זעלביקער מילכיקער דעם דאָזיקן עדעלשטאַטן פּשוט פֿאַרגעטערט און גרויס דרך־ארץ פֿאַר אים געהאַט" („אַמאָל אין אַמעריקע", ז״ז 281—282). עס זעט דעריבער אויס, אַז עדעלשטאַט האָט צום סוף אויגוסט 1891 שוין ניט געטאָן קיין רעדאַקציע־אַרבעט, אָדער, אַז ער איז ניט געקומען מער אין רעדאַקציע, כאָטש די „פֿאַ״ש" איז נאָך פֿול מיט עדעלשטאַטס שריפֿטן דעם גאַנצן חודש סעפּטעמבער.

194 די דריי קורצע לידלעך פֿריי־באַאַרבעט „פֿון היינע", אין דער „פֿאַ״ש" פֿונעם 10טן אָקטאָבער, זיינען, קענטיק, געשריבן אַ סך פֿריער. דאָס ערשטע לידל, וואָס הויבט זיך אָן מיט דער שורה „איך געדענק די שטונדע זיסע", איז, אָן צווייפֿל, געווידמעט זיין פֿריינדין אַנאַ נעטער, וועלכע האָט אים געבראַכט בלומען צו זיין 23טן געבורטסטאָג, אין מאַי 1889 (אין מאַנוסקריפּט איז דאָס ליד געשריבן אויף די בלאַנקען פֿון דער „פֿאַ״ש"). דאָס סאַטירישע לידל וועגן חתונה איז, מעגלעך, אינעם ערשטן וואַריאַנט געשריבן פֿאַר זיינער אַ פֿאַרערערין.

195 אַ. רודאַש (זע אָנמערקונג 138). לויט מ. קאַטץ, אין זיין „פֿאָררעדע" צו עדעלשטאַטס שריפֿטן 1909, איז עדעלשטאַט שוין אין אָנהויב זומער 1891 געוואָרן מיט יעדער וואָך בלייכער און בלייכער, און „עס האָבן זיך שוין באַוויזן סימנים פֿון יענער לונגען־קראַנקהייט, וועלכע האָט אים אָפּגעריסן פֿון דער וועלט. אומזיסט האָבן פֿריינט צו אים גערעדט, אַז ער מוז פֿאָרן אין אַן אַנדער קלימאַט. וועט ער דען אַוועקפֿאָרן און לאָזן די צייטונג אונטערגיין ? זיין לעבן איז געווען אין געפֿאַר, ער האָט געבלוטעט". אין יוני, דערציילט קאַטץ, האָט עדעלשטאַט אים אויפֿגעפֿאָדערט איבערצונעמען די רעדאַקציע־אַרבעט — „אַניט וועט ער פֿון זיין הייליקן פּאָסטן ניט אָפּטרעטן ביז דעם לעצטן מאָמענט". קאַטץ דערציילט אָבער ניט, פֿאַרוואָס ער האָט עדעלשטאַטס פֿאַרלאַנג ניט אויסגעפֿילט און אים געלאָזט פֿאַרבלייבן אין ניו־יאָרק אַ גאַנצן זומער.

196 קאָפּעלאָוו דערציילט : „מיר האָבן אים עטלעכע מאָל געשיקט אַ פּאָר קעסטלעך 'טאָקאַיער ווין'. איך האָב אויך זיינע לידער צונויפֿגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן אין אַ בוך, כּדי פֿאַרשאַפֿן אים אַ ביסעלע גייסטיקן פֿאַרגעניגן" („אַמאָל אין אַמעריקע", ז' 284. זע אָנמערקונג 219).

197 עדעלשטאַטס שוועסטער דערציילט, אַז מחמת זיין נאָכאַנאַנדיקן הוסט, פֿלעגט ער אַלע מאָל מוזן אונטערברעכן זיין שרייבן.

198 אַחוץ עטלעכע נומערן פֿונעם ערשטן מאָנאַט, איז די „פֿאַ״ש" פֿונעם 1892־טן יאָר ניטאָ אין קיין שום עפֿנטלעכער ביבליאָטעק.

[199]פּ. ב. שעלי (1792—1822), ענגלישער רעוואָלוציאָנערער דיכטער, וועלכן ענגעלס רופט אָן „גענילער, פּראָפעטישער״.

[200] קינעטיק—לערע וועגן באַוועגונג. געמיינט די מימישע קונסט, מיט וועלכער די קלאַסישע גריכישע דיכטער פּלעגן דעקלאַמירן זייערע ווערק.

צו קאַפּיטל 23

[201] אין דעם זעלבן בריוו צו ווײַנבערגן שרײַבט עדעלשטאַט: „איך האָף, אַז אונדזערע גענאָסן וועלן ווידער אויפוואַכן און זיך נעמען מונטער צו דער אַרבעט״. עדעלשטאַטן איז, קענטיק, געווען באַקאַנט, אַז די אַנאַרכיסטן האָבן אין יענער צײַט, אָנהויב 1892, שוין פאַרלוירן זייער ווירקונג אויף די יידישע אַרבעטער־מאַסן. ער האָט אָבער געמיינט, אַז דאָס איז בלויז דערפאַר, וואָס די אַנאַרכיסטישע אַגיטאַטאָרן זײַנען ניט גענוג טעטיק.

[202] משה קאַטץ האָט געהאַט פאַרנומען עדעלשטאַטס פּלאַץ אַלס רעדאַקטאָר פון דער „פאַ״ש״.

[203] ווײַזט אויס, געמיינט זײַן פרײַנדין אַניוטאַ וואָלפּסאָן (זע אָנמערקונג 163).

[204] „דער אָוונט־גלאָק״ איז ניט געווען דאָס לעצטע ליד פון דוד עדעלשטאַט, ווי מ. קאַטץ זאָגט אין זײַן „פאַרעדע״ צו עדעלשטאַטס שריפטן, 1909. דאָס ליד איז אַרײַן שוין אין עדעלשטאַטס לידער־זאַמלונג „פאָלקס־געדיכטע״, יאַנואַר, 1892. מעגלעך, אַז ער האָט עס נאָך געשריבן אין סינסינעטי פאַר זײַן אַפּפאָרן זיך היילן אין דענווער, קאָלאָ־ראַדאָ (די ערשטע זײַט פון דער „פאַ״ש״, פונעם 30־טן אָקטאָבער, 1891, פעלט אין דער ניו־יאָרקער שטאַט־ביבליאָטעק, און קיין צווייטע קאָפּיע איז אין קיין אַנדערער עפנט־לעכער ביבליאָטעק ניטאָ. מעגלעך, אַז אין יענעם נומער איז געווען געדרוקט דאָס ליד „דער אָוונט־גלאָק״).

[205] דעם אויסדרוק „טריאומפירנדיקע שווײַנען״ באַניצט עדעלשטאַט שוין אין פעברואַר 1888 אינעם בריוו צו ד״ר זאָלאָטאַראָוו. ער באַניצט עס אין זײַן רוסישן מאַנוסקריפּט „קליינע מענטשעלעך״ פון 1887—1888 און אין זײַן בריוו צו מיכאל קאָן פון 11טן סעפּטעמבער 1892.

[206] קאָפּעלאָוו דערציילט („אַמאָל אין אַמעריקע״, ז״ז 361—365), אַז „מאַסט איז געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז נעמענדיק אין באַטראַכט די שוואַכקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און פון דער ראַדיקאַלער בפרט, און נעמענדיק איבערהויפּט אין באַטראַכט, דאָס די גאַנצע באַוועגונג איז נאָר צווישן די פרעמדע און ניט צווישן געבוירענע אַמעריקאַנער, גלויבט ער, אַז אַזעלכע טאַטן ווי בערקמאַנס [אַלעקסאַנדער בערקמאַנס אַטענטאַט אויפן פאַרוואַלטער פון קאַרנעגיס שטאָל־פאַבריקן, מ״ר פריק, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אַ בלוט־באָד אויף זײַנע שטרײַקנדיקע שטאָל־אַרבעטער אין האָמסטעד], זײַנען ניט נאָר ניט נוצלעך, נאָר צו אַ געוויסער מאָס זאָגאַר שעדלעך!״. אַ צווייטע אַנאַרכיסטישע פראַקציע, די „אויטאָנאָמיסטן״, אָנגעפירט פון פויקערט, עמאַ גאָלדמאַן א״אַנד, זײַנען דערפאַר אָנגעפאַלן אויף מאָסטן און דערקלערט, אַז „ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זײַן אייגענער פעל״ . . . „עס זײַנען געוואָרן מיינונגס־פאַרשיידנקייטן וועגן מאָסטס אַרויסטרעטונג״. די מערסטע „פיאָנערן״ — „מאָסטס בלינדע נאָכפאָלגער״ — „האָבן פאַרשריגן און אָפּגעלאַכט פון בערקמאַנס העלדנטאַט״. נאָר עס זײַנען „אויך געווען אַזעלכע אַנאַרכיסטן, וועלכע זײַנען באַגײַסטערט געוואָרן פון בערקמאַנען און

אידעאַליזירט זיין אַקט״. אַט די רייסערייען האָבן צעריסן די „פּיאָנערן״. זיי זיינען פאַרפרעמדט געוואָרן איינער צום אַנדערן״...

דוד עדעלשטאַט האָט געהערט צו די, וואָס האָבן אידעאַליזירט בערקמאַנס טאַט. ער האָט אים אויך געווידמעט אַ ליד „דער יונגער העלד״ („אַרבייטער־פריינד״, 7טן אָקטאָבער, 1892), אין וועלכן ער לויבט זיין טאַט:

זיין טאַט איז אַ הייליקער קריגס־סיגנאַל,
מיט האַס און מיט ראַכע, מיט צאָרן און שאַנד,
און דעם ליידנדענס טרערן און וואונדן
האָבן באַוואָפנט זיין העלדישע האַנט!
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
איר מעגט אים מיט שמוץ אָדער בלומען באַדעקן, —
זיין טאַט איז אַ הייליקער קריגס־סיגנאַל,
וואָס מוז אַלע ערלעכע הערצער דערוועקן
צום קאַמף פאַר דעם פרייהייטס־אידעאַל!״

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָט עדעלשטאַט אויסגעלאַכט דעם גלויבן, אַז יחידים זיינען אימשטאַנד צו באַפרייען דאָס פאָלק. אין זיין ליד „דער אַגיטאַטאָר״ זאָגט ער צו די אַרבעטער: „אָן אייך הויבט זיך גאָרנישט אָן!״. גלייכצייטיק אָבער האָט עדעלשטאַט דערקלערט, אַז אַזאַ פאַרברעכן, ווי דאָס אויפהענגען פון די שיקאַגער אַרבעטער־פירער, וואָלט אין רוסלאַנד געפונען אַ נקמה־נעמער. באַזונדערס וואָלט עמעצער גענומען נקמה פון דעם גובערנאַטאָר און פון דעם פּראָקוראָר... („ווערטער און טאַטן״, „פאַ״ש״, 13טן פעברואַר 1891). אויך אין זיין ליד „לואיס לינג״ זאָגט עדעלשטאַט: „געוואַלט האָט אונדזער וועלט פאַרשקלאַפט און געוואַלט וועט זי באַפרייען״! (זע אָנמערקונג 108); און אין זיין ליד „צום פאַראייניקטן קאַמף״ — „ווערטער זיינען איצט צו מענטשלעכע וואָפן פאַר אונדזערע אוממענטשלעכע פיינט״. נאָך דייטליכער דריקט אויס עדעלשטאַט זיינע סימפּאַטיעס צום אינדיווידועלן טעראָר אין זיין ליד „איך בין דאָס שווערד, איך בין דער פלאַם״:

„לאָז רוסלאַנד אונדז אַלס ביישפּיל דינען,
דאָרט פאַלן אָפּפער אָן אַ צאָל,
דאָך וועט איר אימער דאָרט געפינען
אַ קעמפער גרייט פיר ברוטוס ראָל!״

ברוטוס, דער אַלטער רוימער, פּאַטריצישער ראַכע־נעמער פון דעם זעלבסטהער־שערישן צעזאַר, איז פאַר עדעלשטאַטן געווען דער סימבאָל פון אַ ראַכע־נעמער. אין ליד „לואיס לינג״ לויבט דעריבער עדעלשטאַט דעם העלדישן יונגן אַרבעטער־מאַרטירער, אַז „ווי ברוטוס שטאָלץ און אומדערשראָקן איז ער געוועזן אין פרייהייטס־קריג״.

207 עדעלשטאַט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם (אַ ביסל פאַרנעפּלט, ווי אַלע אַנאַרכיסטן) אויך אין זיין ליד „אמתער פּאַטריאָטיזם״. ער זאָגט דאָרט: „זאָל יעדער ליבן זיין פאָטערלאַנד גוט, זיין שפּראַך און זיינע לידער און קעמפן מיט זייער האַרץ און בלוט פאַר זייערע פאַרשקלאַפטע ברידער — — — און ווען אין יעדן פאָטער־לאַנד פאַלן טיראַנען און טראַנען, — דאַן פאַלט אויך די פינצטערע וואַנט, וואָס צע־טיילט איצט אַלע נאַציאָנען״.

208 „אַרבעטער־פריינד״, 30טן סעפּטעמבער, 1892.

[209] די „פֿאַ״ש״, הערט אויף צו דערשיינען אַרום יוני, 1892. זי דערשיינט אויפֿדאָסניי דעם 12טן פֿעברואַר, 1893, נאָר אין 1894 גייט זי ווידער אונטער.

[210] „אַמאָל אין אַמעריקע״, ז׳ 383. (זע אויך אָנמערקונג צום בריוו 40).

[211] דאָרט. געמיינט ש. יאַנאָווסקין, וועלכער, פֿאַרבלייבנדיק אַן אַנאַרכיסט, איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אינעם „פֿאָרווערטס״.

[212] „אַמאָל אין אַמעריקע״, ז״ז 364—365 און 437—438.

צו קאַפּיטל 24

[213] נ. מ. באַבאַד (1872—1903) האָט פֿאַרעפֿנטלעכט צוויי לידער וועגן עדעלשטאַטן: „צום פּאָעט (געווידמעט אַן ד. עדעלשטאַט״ — „פֿאַ״ש״, 25טן דעצעמבער, 1891) און "In Memoriam of D. Edelstadt" (אין אָנדענק פֿון ד. עדעלשטאַט, „אַרבייטער פֿריינד״, 18טן נאָוועמבער 1892). באַבאַד האָט אויסגעשטודירט מעדיצין און באַלד נאָך דעם געשטאָרבן פֿון טובערקולאָז.

[214] זיילין האָט נאָך ביי עדעלשטאַטס לעבן זיך געווענדט צו אים מיט אַ ליד „צום פּאָעט״ („פֿאַ״ש״, 15טן יאַנואַר, 1892). אין 1930 האָב איך יצחק זיילינען געטראָפֿן אין קאַליפֿאָרניע, וואו ער האָט פּראַקטיצירט מעדיצין. ער איז געווען אַ סימפּאַטיקער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע און פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. אַק־טיוו אָבער האָט ער זיך ניט באַטייליקט.

[215] מיטגעטיילט דורך מ. דובאָוו, אין אַ בריוו פֿון 14טן מאַי, 1934.

[216] ש. אַגורסקי דערציילט אין זיין אַריינפֿיר צו דוד עדעלשטאַטס „לידער פֿון נויט און קאַמף״ (מאָסקווע, 1930, ז׳ 41), אַז ער האָט אין 1914 אָנגעוויזן אויף דעם „ניט דערלאָזבאַרן פֿאַקט״ פֿון פֿאַרנאַכלעסיקן עדעלשטאַטס קבר. „נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן זאַמלען געלט אויף אויפֿצושטעלן אַ דענקמאָל. די „פֿאַ״ש״ פֿונעם 17טן דע־צעמבער ,1915, דערציילט, אַז דער „מאָנומענט איז בשום אופֿן ניט דער אויפֿטו פֿון אונדזער באַוועגונג. מען האָט אַפּעלירט און אַפּעלירט, אָבער גאָר ווייניק האָבן זיך אָפּגערופֿן, און ווען עדעלשטאַטס ברודער, אַב. עדעלשטאַט, פֿון ביוט, מאָנטאַנאַ, וואָלט ניט בייגעשטייערט דאָס מיינסטע געלט צו דער אויפֿשטעלונג פֿון דעם מאָנומענט, וואָלט ער נאָך ביז היינט געבליבן אַ שיינער וואונטש״.

[217] „דהי דענווער דזשואיש ניוס״, ציטירט אין דער „פֿאַ״ש״ פֿונעם 25טן דעצעמבער, 1915.

[218] אַ ביישפּיל פֿון אַ דוד עדעלשטאַט־אָוונט אין 1934 געפֿינט זיך אין אַ בריוו צו דער „מאָרגן־פֿרייהייט״ (21טן אַפּריל, 1934) פֿון ל. וויסמאַן, סעקרעטאַר פֿונעם דוד עדעלשטאַט־בראַנטש פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן אין פּיטסבורג: אַ רעדע (ז. זינגער) וועגן „דוד עדעלשטאַט, זיין לעבן און שאַפֿן״. דער בריוו־שרייבער האָט גערעדט וועגן דער „אַנטוויקלונג פֿון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״. אַן אַנדערער (סידער) האָט פֿאַרגעלייענט עדעלשטאַטס סאַטירע „ניו־יאָרקער ראַדיקאַלן״ און דעק־לאַמירט פּראָלעטאַרישע לידער. דער פֿאָרזיצער (ווינגער) האָט דערציילט וועגן זיין נאָענ־טער באַקאַנטשאַפֿט מיט עדעלשטאַטן און וועגן עדעלשטאַטס אַנטירעליגיעזע אָנשויאונגען.

[219] קלמן מרמר — „דוד עדעלשטאַט (צו זיין 40טן יאָרצייט)״, „דער האַמער״, ניו־יאָרק, יאַנואַר, פֿעברואַר, מערץ, מאַי און יוני 1933.

220 ה. בלאָשטיין האָט אין זיין פּאָעמע „דוד עדעלשטאַט" גישילדערט אַ ביבליאָטעק אין בוענאָס־איירעס, וואו אַ בינטל אַנאַרכיסטן האָט אָפּגעהאַלטן „אַ מיטינג קעגן לאַנד פֿון די סאָוועטן", און איינער פֿון זיי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו עדעלשטאַטס בילד און באַמערקט: „אָט דער איז אונדזער ביישפּיל! אָט דער איז אונדזער זינגער!" און דער דיכטער שטעלט זיך פֿאָר, אַז ווען עדעלשטאַט וואָלט געלעבט, וואָלט ער „געוויס דאָס לידל אָנגעשריבן", וואָס ער (בלאָשטיין) האָט אַמאָל געהערט, אַז „די אַנאַר־כיסטן זיינען שפּיאָנעס, פּראָוואָקאַטאָרן". ס'איז קלאָר, אַז בלאָשטיין האָט געמיינט דאָס „בינטל אַנאַרכיסטן", וואָס ער האָט געזען אין אַ ביבליאָטעק פֿון דער אַרגענטינער הויפּט־שטאָט. ה. לייוויק האָט דאָס אָבער אויסגעטייטשט, אַז ה. בלאָשטיין „וויל ניט אַנדערש, ווי נאָר אַריינלייגן אין מויל עדעלשטאַטן אַזוינע ווערטער, עס זאָל אויסקומען ווי ער, עדעלשטאַט, וואָלט שילטן און שימפּפֿן אַנאַרכיסטן, — ניט נאָר איצ־טיקע אַנאַרכיסטן, נאָר אויך אַמאָליקע און אָנרופֿן זיי: פּראָוואָקאַטאָרן און שפּיאָנען", און ער רופֿט אויס: „איך בין ניט קיין אַנאַרכיסט, נאָר פֿון אַזאַ מאַנעווער שטעלן זיך די האָר אויפֿן קאָפּ" („צום 40טן יאָרצייט פֿון דוד עדעלשטאַט", „יידיש", 16טן דעצעמ־בער, 1932).

אָבער ניט אין דער פּאָלעמיק מיט בלאָשטיינען ליגט דער שווערפּונקט פֿון ה. לייוויקס אַרטיקל. ער טרעט אַרויס דער עיקר קעגן די, וואָס „מאַכן גרעסער, אויף איין האָר אַפֿילו, די באַדייטונג פֿון עדעלשטאַטן אַלס פּאָעט פֿון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט". אויף לייוויקס פּרואוו צו פֿאַרקלענערן עדעלשטאַטס דיכטערישן ווערט און צו דיס־קרעדיטירן די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור בכלל, האָט געענטפֿערט דער דיכטער אַהרן קורץ אין „סיגנאַל" (זע ביבליאָגראַפֿיע). ה. בלאָשטיינס פּאָעמע איז פֿאָרגעלייענט געוואָרן אויף אַן עדעלשטאַט־אָוונט אין לאָס־אַנדזשעלעס אונטער דעם אָנפֿיר פֿון די קינדער־שולן ביים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, „האַמער"־פֿאַרוואַלטונג און „פּראָ־לעטפּען"־גרופּע („סיגנאַל", נומ' 4—5, יוני—יולי, 1934, ז' 21).

221 קאָפּעלאָוו, וועלכער האָט צונויפֿגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן אינעם פֿאַרלאַג „פֿאַ"ש" עדעלשטאַטס „פֿאָלקס־געדיכטע", דערציילט, אַז „דאָס בוך לידער האָט, ליידער, זיך גאָרניט איינגעגעבן. עס איז ניט געווען ווער עס זאָל מאַכן די ריכטיקע קאָרעקטור, און עס זיינען אַריינגעפֿאַלן אַ סך מיאוסע גרייזן, וועלכע נאָר עמי־הארצים־זעצערס קאָנען מאַכן. עדעלשטאַט, אין אַ בריוו צו מיר — כאָטש ער האָט מיר האַרציק באַ־דאַנקט פֿאַר מיין גוטער כוונה און טרחה, האָט ער זיך אָבער דאָס האַרץ אַרויסגעגעסן („אַמאָל אין אַמעריקע", ז' 284). אינמיטן ליד „בלומען און שטערן" האָבן די זעצער איבערגעלאָזט דעם נאָמען פֿון דער צייטונג („וואַרהייט"), און אַזוי איז עס איבערגע־דרוקט אין אַלע עדעלשטאַט־אויסגאַבעס, אַחוץ אין דער לאָנדאָנער (1909), וואו עס זיינען אויסגעלאָזט געוואָרן פֿיר סטראָפֿעס, 10—13.

222 אַנאָנסירט פֿון ב. רודערמאַן („פֿאַ"ש", 19טן יאַנואַר, 1900) ווי „אַ זאַמלונג פֿון אויסגעצייכנטע און העכסט־רירנדע דערציילונגען פֿון אונדזער פֿאַרשטאָרבענעם פּאָעט דוד עדעלשטאַט". מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער, דעם 27טן יולי, 1900, אַנאָנסירט די „פֿאַ"ש", אַז „אַלע פּאָעטישע בילדער און דערציילונגען אויס דעם אַרבעטער־לעבן פֿון דוד עדעלשטאַט זיינען יעצט ערשינען אין איין בוך אונטער דעם נאָמען 'עדעלשטאַטס שריפֿטן'. דאָס בוך אַנטהאַלט 96 זייטן, געדרוקט אויף גוטן פּאַפּיר מיט אַ שיינעם קאָווער [הילע] און דערצו אַלס ביילאַגע דאָס בילד פֿון דוד עדעלשטאַט. עס איז אַ

צירונג אין יעדעס הויז און קאָסט בלויז 10 סענט". ווייזט אויס, אַז די „עדעלשטאַטס שריפֿטן", וואָס די ווילנער בוכהאַנדלונג „איזראַעליט" האָט אין 1905 אַנאָנסירט פֿאַר 10 קאָפּיקעס, איז די זעלביקע אויסגאַבע.

[223] אַרויס אויך אין וואַרשע, 1906, אונטערן נאָמען „שריפֿטן פֿון ד. עדעלשטאַט", פּרייז 15 קאָפּ. (זע ביבליאָגראַפֿיע).

[224] אינעם „אַרבעטער־פֿריינד" פֿון 2טן דעצעמבער, 1892, איז אין בריוו־קאַסטן פֿאַראַן אַן ענטפֿער צו „גענאָסין עדעלשטאַט, דענווער, וועגן איר ביישטייערונג אַרויסצוגעבן איר ברודערס שריפֿטן". ס'איז ניטאָ אָבער דאָרט קיין איין וואָרט וועגן אַן „עדעלשטאַט־פֿאַראיין", וואָס זאָל זיך דערמיט אָפּגעבן.

[225] מאָריס ווינטשעווסקי אין „צוקונפֿט", דעצעמבער, 1908, ז' 773, און אַ. ליעסין אין „פֿאָרווערטס", 5טן דעצעמבער, 1908, ז' 4.

[226] אורטיילנדיק לויט די בריוו פֿון מ. לענאָבל, דעם פֿאַרוואַלטער פֿונעם פֿאַרלאַג „אַרבעטער־פֿריינד". אין אַ בריוו פֿונעם 3טן מערץ, 1909, שרייבט ער, אַז ס'איז נויטיק נאָך אַ סומע פֿון 50 פֿונט, כּדי אַרויסצוגעבן דאָס בוך, און דער פֿאַרלאַג דערוואַרט, אַז עדעלשטאַטס שוועסטער זאָל צולייגן אַ האַנט. אין אַן אַנדערן בריוו, פֿונעם 30טן מערץ, שרייבט ער צו עדעלשטאַטס שוועסטער, אַז ער שיקט איר די קאָרעקטור פֿון עדעלשטאַטס שריפֿטן, און אַז ער האָפֿט אַרויסצוקריגן פֿון מ. קאַטץ די פֿאָררעדע אָן פֿיל פֿאַרשפּעטיקונגען, כּדי דאָס בוך זאָל קאָנען פֿאַרטיק ווערן צום אַנהויב מאַי.

[227] אַ. פֿרומקין, וועלכער איז אַ צייט געווען פֿאַרבונדן מיטן „אַרבעטער־פֿריינד" אין לאָנדאָן און האָט דאָרט „געמאַכט די קאָרעקטור און אויפֿגעפּאַסט אויף דער אויסגאַבע" פֿון עדעלשטאַטס „שריפֿטן", האָט מיר מיטגעטיילט (אין בריוו פֿונעם 19טן אַפּריל 1934), אַז „מ. קאַטץ האָט רעדאַקטירט עדעלשטאַטס זאַכן, וואָס זיינען אַריין אין דעם באַנד. אַחוץ די לידער און דערציילונגען, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין ערשטן ביכל פֿון דער 'היברו פּאָבלישינג קאָמפּ.', האָט ער אַריינגענומען נאָר געדרוקטע זאַכן, וואָס זיינען דערשינען אין דער אַלטער „פֿאַ"ש", און וועלכע האָבן ניט געפֿונען קיין פּלאַץ אינעם ערשטן ביכל. און אויסער דעם, דאַכט מיר, אויך אייניקע ניט־געדרוקטע מאַנוסקריפּטן פֿון עדעלשטאַטן. אין ניו־יאָרק איז צו יענער צייט ניט געווען קיין מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אַ נייע אויפֿלאַגע; האָט זיך שרה עדעלשטאַט געווענדט צום 'אַרבעטער־פֿריינד' אין לאָנדאָן מיט אַ פֿאָרשלאַג אַרויסצוגעבן דאָס בוך. איר ווייסט דאָך, אַז מיר זיינען דעמאָלט געווען טעטיק און דער פֿאָרשלאַג איז אונדז געווען זייער ווילקאָמען. אַזוי איז די זאַך צו שטאַנד געקומען — — — מיר דאַכט, אַז מען האָט געדרוקט 2000 עקזעמפּלאַרן, וועלכע זיינען אַוועק אין אַ פֿאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט, אַזוי, אַז מען האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן נאָך אַן אויפֿלאַגע".

לויטן „אַרבעטער־פֿריינד" פֿונעם 16טן מערץ, האָט קאַטץ זיך שוין דעמאָלט אונטערגענומען צו זאַמלען און סאָרטירן עדעלשטאַטס ניט־געדרוקטע „שריפֿטן" און די „פּראָגרעסיוו לייברערי" (פּראָגרעסיווע ביבליאָטעק) פֿון ניו־יאָרק האָט געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן די דאָזיקע שריפֿטן „אין אַ היפּשן ביכל מיט אַ ביאָגראַפֿיע פֿון אונדזער פֿאַרשטאָרבענעם דיכטער, געשריבן פֿון מ. קאַטץ".

[228] מ. קאַטץ גיט ניט קיין רעאַלע שילדערונג פֿון עדעלשטאַטס קינדהייט, נאָר פֿאַרנעמט זיך מיט „ראָמאַנטישע" עפּיזאָדן. ער דערציילט, צום ביישפּיל, ווי אַזוי אַ פּאָליציאַנט איז אַריין אין התפּעלות פֿון די גראַמען פֿון דעם ניין־יעריקן יינגל און אים

נביאות געזאָגט, אַז ער וועט „אַמאָל זיין אַ גרויסער פּאָעט״; ווי אַזוי דער קאַלוגער גובערנאַטאָר ווערט איבערראַשט, ווען ער זעט, אַז דער קאַלוגער דיכטער איז „נאָך גאָר אַ יונג קינד״, און קושט אים און גלעט אים און חזרט דערביי איבער דעם פּריסטאַווס נביאות, אַז עדעלשטאַט וועט „זיין אַמאָל אַ שיינער פּאָעט״ אד״גל.

[229] די ניו־יאָרקער „זנאַמיאַ״ פֿון 1889 געפֿינט זיך ניט אין קיין עפֿנטלעכער ביב־ליאָטעק, און ס׳איז דערפֿאַר ניט מעגלעך צו באַשטימען צי עדעלשטאַט האָט דאָרט געשריבן נאָך עפּעס אַחוץ די צוויי לידער, וואָס ער דערמאָנט אין זיין טאָג־בוך פֿון יאַנואַר 1889.

[230] אינעם יאָר 1902 האָבן עדעלשטאַטס שוועסטער און שוואָגער מיטגעגעבן אַ קאָפּיע פֿון עדעלשטאַטס רוסישע לידער (איבער הונדערט) מ. מ. ראָזענבוימען, ער זאָל זיי אָפּדרוקן אין אַן אומלעגאַלער רוסישער אויסגאַבע און זיי פֿאַרשפּרייטן אינעם אונטער־ערדישן רוסלאַנד. ער ווערט אָבער אַרעסטירט אויף דער גרענעץ און דערביי גייען אויך פֿאַרלוירן עדעלשטאַטס לידער.

אָנמערקונגען צו די בריוו

1

[231] מייטוס דער זון — אַן אַרבעטער, אַ צושניידער (ווערט שפּעטער אַ דאָקטאָר). אין סינסינעטי געהערט ער צו עדעלשטאַטס קרייז.

[232] וואַשינגטאָנס געבורטסטאָג (דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, 1732—1799, ערשטער פּרע־זידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן), דער 22טער פֿעברואַר, איז אַן אָפֿיציעלער יום־טוב אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע.

2

[233] עדעלשטאַטס אַ פֿריינט אין סינסינעטי.

3

[234] אין נאָוועמבער, 1888, איז דערוויילט געוואָרן פֿאַר פּרעזידענט פֿון די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן דער רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט בענדזשעמין העריסאָן (1833—1901). מעגלעך, אַז עדעלשטאַט האָט געפּלאַנט אָנצושרייבן אַ ליד קעגן אים אונטער דעם נאָמען „הוראַ פֿאַר העריסאָנען״.

[235] אין קופּער־אינסטיטוט, איצט באַקאַנט אַלס „קופּער־יוניאָן״, קומען נאָך איצט אויך פֿאָר אַלערליי לעקציעס און מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען.

[236] די צאָל „צענטויזנטקעפּיקע״ באַנוצט אָפּנים עדעלשטאַט פֿיגוראַטיוו פֿאַר אַ גרויסער צאָל. אין פֿאַרזאַמלונג־זאַל פֿון קופּער־יוניאָן קאָן ניט אַריין מער ווי אַ העלפֿט דערפֿון.

4

[237] מיר גיבן דאָ עדעלשטאַטס „טאָגבוך", ווייל זיין אינהאַלט גיט צו וויכטיקע פּרטים צו זיינע בריוו פֿון יענער צייט.

[238] עדעלשטאַטס „ליד פֿון אַ פּראָלעטאַריער" (זע קאַפּיטל 7) איז דערשינען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רוסישער צייטונג „זנאַמיאַ" (זע אָנמערקונג 76).

5

[239] די אַנאַרכיסטישע גרופּע „פּיאָנערע דער פֿרייהייט" איז געגרינדעט געוואָרן אין אָקטאָבער, 1886. אירע אויפֿגאַבעס זיינען געווען — אַגיטירן פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון די פֿאַראורטיילטע אַנאַרכיסטן, צו פֿאַרשפּרייטן אַנאַרכיסטישע אידייען צווישן אַרבעטער, צו שאַפֿן אַן אַנאַרכיסטישע צייטונג. זי האָט אויך געהאָלפֿן גרינדן טרעיד־יוניאָנס, גע־פֿירט אַ שטאַרקן קאַמף קעגן רעליגיע און, די ערשטע יאָרן, אויך געשטיצט דעם לאָנדאָ־נער „אַרבעטער־פֿריינד". צו די „פּיאָנערע דער פֿרייהייט" האָט אויך געהערט דער דיכטער מאָריס ראָזענפֿעלד.

[240] אין ערשטן נומער „וואַרהייט" (15טן פֿעברואַר 1889) איז דערשינען עדעל־שטאַטס ליד „צורוף [צו] דער וואַרהייט", מאָדעלירט לויט ווינטשעווסקיס „צורוף צום אַרבעטער־פֿריינד" פֿון יולי, 1885 (זע קאַפּיטל 8).

[241] זלאַטע מוטשניקאָוו, די פֿרוי פֿון גרישע מוטשניקאָוו (דוד עדעלשטאַטס עלטסטער ברודער פֿון איין מוטער).

[242] זאַלאַס ראָמאַן „זשערמינאַל" האָט זיך דעמאָלט געדרוקט אין יידישער איבער־זעצונג אין דער „וואַרהייט", אונטערן נאָמען „זשערמינאַל" אָדער „צווישן די קוילן־מינען".

[243] עמיל (יערעמיי, יערמאַק טימאָפֿייעוויטש) — דוד עדעלשטאַטס יינגסטער ברודער.

[244] לייב (ליאָ, לואי) מוטשניקאָוו און סיידע מוטשניקאָוו — די קינדער פֿון גרישע מוטשניקאָוו.

6

[245] עדעלשטאַטס ליד „געדאַנקען אין פֿאַבריק" („וואַרהייט", 22טן פֿעברואַר) דער־שיינט צום ערשטן מאָל אין בוך־פֿאָרם אין עדעלשטאַטס געזאַמלטע ווערק, אַרויס־געגעבן פֿונעם אינסטיטוט פֿאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור.

קענטיק, אַז עדעלשטאַט האָט אין דעם ליד געזוכט נאָכצומאַכן די יידישע פֿאָלק־לאָריסטישע לידער, געזונגען פֿון די שאַפּ־אַרבעטער.

7

[246] האָט געהערט צו עדעלשטאַטס קרייז אין סינסינעטי; שפּעטער אַ פּראָפֿעסאָר פֿון מאַטעמאַטיק.

[247] ס'האַנדלט זיך וועגן טויט פֿון עדעלשטאַטס שוועגערין זלאַטע מוטשניקאָוו.

[248] אַראָשע (אַהרן) מוטשניקאָוו — עדעלשטאַטס עלטערער ברודער פֿון איין מאַמען.

[249] „סטאַפּעדזש" (אָפּהאַלטן די אַרבעט), דערקלערן אַ דערווייליקן שטרייק אין שאַפּ (ביזן אַנטגילטיקן באַשלוס פֿון דער יוניאָן).

[250] „סלעק" — עס פעלט אויס אַרבעט.

[251] יאַקאָוו ליפשיץ — אַן אַנאַרכיסט, ביי וועלכן דוד עדעלשטאַט האָט געוואוינט.

8

[252] עדעלשטאַטס ליד „די צוואה" איז דערשינען אין דער „וואַרהייט" פון 22טן מערץ, 1889.

9

[253] „קעסל־גאַרדען" (שלאָס־גאַרטן) איז געווען דער פּלאַץ, וואו די אימיגראַנטן פלעגן דורכגיין ביי זייער אָנקומען אין ניו־יאָרק. איצט ווערן די אימיגראַנטן אינספּעקטירט אין „עליס־איילאַנד" (עליס־אינדזל).

11

[254] דער וועג מיטן שיף אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן ביז נאָרפאָלק, ווירדזשיניאַ, און פון דאָרט מיטן באַן קיין סינסינעטי, איז אויך געווען עדעלשטאַטס לעצטער מאַרשרוט פון ניו־יאָרק (לויט דעם אַנאַרכיסט אַ. רודאַש, וועלכער האָט דעם קראַנקן דיכטער באַגלייט אויף זיין רייזע).

12

[255] דעם אינדזל מאַנהעטן, דער הויפּט־צענטער פון ניו־יאָרק, האָבן האָלענדישע קאָלאָניסטן אָפּגעקויפט, אין 17טן יאָרהונדערט, פון אַן אינדיאַנער שבט.

13

[256] דאָס ליד וועגן דזשאָרדזש קענאַן איז געווען פאַרעפנטלעכט אין לאָנדאָנער „אַרבעטער־פריינד" פון 16טן מאַי 1890, אונטערן נאָמען „דעם פריינד פון רוסישע קאַמפן פאַר פרייהייט".

[257] די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רוסישע צייטונג „זנאַמיאַ" איז אין 1890 ווידער אַרויס, פון צייט צו צייט. נאָר דעמאָלט איז שוין אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער קאַמף צווישן אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן. עדעלשטאַט ווענדט זיך דערפאַר צום סאָציאַליסטיש־„אומפּאַרטייאישן" לאָנדאָנער „אַרבעטער־פריינד" מיט זיינע רוסישע לידער.

14

[258] אונדז — געמיינט דעם אַנאַרכיסטישן פאַראיין „טרוט־סיקערס" (אמת־זוכער) אין סינסינעטי. דער בריוו האָט צוערשט געהאַט אַן איבערשריפט „טרוט סיקערס, סינסינעטי", דערנאָך איז עס אויסגעשטראָכן געוואָרן. אינעם נאָמען פון אָט דעם פאַראיין האָט עדעלשטאַט אויך געשיקט שטיצע דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער־פריינד" (קוויטירט: יאַנואַר 27, 1890). דער זעלבער פאַראיין האָט אויך געגעבן 50 דאָלער (פאַר יענער צייט אַ גרויסע סומע) צו גרינדן די „פרייע אַרבעטער שטימע" (באַריכט אין „מאָרגנשטערן" פון 7טן פעברואַר 1890).

15

259 עס האַנדלט זיך וועגן דעם נומער „פֿאַ״ש״ פֿון 8טן אויגוסט 1890.

260 די לינקע סאָציאַליסטן, צווישן זיי אויך מאָריס ווינטשעווסקי און די רעדאַקציע פֿון „אַרבעטער־פֿריינד״ האָבן זיך דעמאָלט אָנגערופֿן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן.

16

261 ד״ר אייזיק מאיר וויז (1819—1900) — איינער פֿון די הויפּט־פֿאָרשטייער פֿונעם רעפֿאָרם־יידנטום אין אַמעריקע.

262 עדעלשטאַט האָט אויך שפּעטער, אַלס רעדאַקטאָר פֿון דער „פֿאַ״ש״, געפּרואווט איינפֿירן דאָס וואָרט „ריידנער״ אָנשטאָט „רעדנער״, נאָר דאָס איז אים ניט געלונגען.

19

263 ז. זאַסלאַווסקי — אַ צושניידער. פֿלעגט איבערזעצן בעלעטריסטיק פֿון ענגליש אויף יידיש. האָט געהערט צו עדעלשטאַטס קרייז אין סינסינעטי.

264 עס האַנדלט זיך וועגן עדעלשטאַטס ליד „אויף אַ באַל״ („פֿאַ״ש״, 23טן יאַנואַר 1891).

20

265 אַניאַ (אַנאַ) עדעלשטאַט — די פֿרוי פֿון דוד עדעלשטאַטס ברודער אַבראַשע.

21

266 געמיינט ראָמאַן ג. לואיס (?186—1918), דער ערשטער רעדאַקטאָר פֿון דער „פֿאַ״ש״, וועלכער איז דעמאָלט געווען טעטיק אין סינסינעטי (זיינער אַן אַרטיקל אין דער „פֿאַ״ש״ פֿון 6טן מערץ, 1891, איז געווען דאַטירט: „סינסינעטי 17טן פֿעברואַר 91״).

22

267 די „פֿאַ״ש״ פֿון 6טן מערץ, 1891.

268 דאָס ליד „סאָפֿיאַ פּעראָווסקאַיאַ״ („פֿאַ״ש״, 13טן מערץ, 1891) איז „געווידמעט אַן [צו] מיין שוועסטער שרה עדעלשטאַט״ (זע אַנמערקונג 157).

23

269 עס רעדט זיך וועגן „פֿאַ״ש״ פֿון 13טן מערץ, 1891. אַחוץ זיין ליד „סאָפֿיאַ פּעראָווסקאַיאַ״, האָט דאָרט עדעלשטאַט דריי זאַכן וועגן דער פּאַריזער קאָמונע: דאָס ליד „לואיזע מישעל״, און אַרטיקלען „היסטאָרישער מאָמענט״ און „עס לעבט די קאָמונע״.

270 לעצטער אַרטיקל — „די וועלט, אין וועלכער מיר לעבן״ („פֿאַ״ש״, 6טן מערץ, 1891), וואָס הויבט זיך אָן אַזוי: „׳וואָס זייט איר אַזוי טרויעריק? וואָס זייט איר אַזוי פֿאַריאָמערט?׳ — אַזוי פֿרעגן מיר [מיך] אָפֿט מיינע גוטע פֿריינט״.

[271] אַניאַ עדעלשטאַטס מוטער.
[272] מיטגליד פון דעם „אינטערנאַציאָנאַלן פּראָפּאַגאַנדע־פאַראיין" אין סינסינעטי.
[273] עדעלשטאַט האָט אויסבראַקירט אַ סך מאַנוסקריפּטן (לידער, סקיצן, אַרטיקלען אאַז"וו) פון זיינע נאָענטע פריינט. ער האָט צוליב דעם אָפט אַליין אויסגעפילט אַ האַלבע צייטונג.

26

[274] דער קאָנצערט אין באָסטאָן איז ניט דורכגעפירט געוואָרן.

27

[275] מיכליע מוטשניקאָוו — די צווייטע פרוי פון גרישע מוטשניקאָוו, עדעלשטאַטס ברודער.

28

[276] סאָניע (שרה עדעלשטאַט טעלסאָן) איז שפּעטער אָפט אַרויסגעטראָטן אַלס רעדנערין אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען. די לעצטע יאָרן פלעגט זי בלויז אַרויסטרעטן אויף די אונטערנעמונגען צו פייערן איר ברודערס אָנדענק.
[277] „מוזיק", אַ „געדיכט אין פּראָזע" וועגן דער „מאַרסעליעזע", אונטערגע־שריבן „קאַסטאַליאָ", און „אַ רעדאַקטאָרס חלום", אָן אונטערשריפט. דעם פּסעוודאָנים „קאַסטאַליאָ" האָט עדעלשטאַט באַנוצט אויך עטלעכע וואָכן שפּעטער אויף זיין פּאָפּולער ליד „צו די אַרבעטער־פרויען" („פאַ"ש", 8טן מאַי, 1891). אין „מוזיק" גיט איבער עדעל־שטאַט זיינע דעמאָלטדיקע שטימונגען (זע קאַפּיטל 17). דעם דאָזיקן פּסעוודאָנים האָט, ווייזט אויס, עדעלשטאַט אָנגענומען צוליב זיין פאַרערונג פאַר דעם הומאַניסטישן מאַרטירער קאַסטעליאָ (1515—1563), וועלכער איז אַרויסגעטראָטן פאַר געוויסנס־פרייהייט, און דער פאַנאַטישער קריסטלעכער רעפאָרמאַטאָר, קאַלווין, האָט אים דערפאַר געלאָזט פאַרברענען אויפן שייטערהויפן.
[278] אַ ניו־יאָרקער אַנאַרכיסטקע, מעגלעך אַ שוועסטער פונעם ווילנער רעוואָלוציאָנער שאול באַדאַנעס, מיט וועלכן עדעלשטאַט איז צוזאַמען געפאָרן קיין אַמעריקע.

29

[279] די שטאָט דענווער, אין שטאַט קאָלאָראַדאָ, רעכנט זיך ווי אַ גוטער פלאַץ פאַר שווינדזוכטיקע.
[280] אויך אין זיינע לידער כאַראַקטעריזירט זיך דוד עדעלשטאַט ווי אַ „קינד"... „טרוימעריש און נאַאיוו"... „וואָס אויפן לונג, דאָס אויפן צונג" („צו מיין פעדער" — „פאַ"ש", 17טן אַפּריל, 1891).

30

[281] דאָס ליד „דער 11 אין דער פרעמד" איז געדרוקט אין דער „פאַ"ש", 13טן נאָ־וועמבער, 1891.
[282] ציטאַט פון לינגס רעדע נאָך זיין פאַראורטיילט ווערן צום טויט:

"If you cannonade us, we shall dynamite you."

31

[283] עס האַנדלט זיך וועגן דעם אַנאַרכיסטישן צוזאַמענפֿאָר פֿון סוף דעצעמבער, 1891.

[284] דוד עדעלשטאַט האָט אָנגעשריבן אַ פֿאָררעדע צו זיין ערשטער לידער־זאַמלונג, אַרויסגעגעבן פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע” אונטערן נאָמען „פֿאָלקס־געדיכטע”, אין יאַנואַר, 1892. אַ טייל פֿון אָט דער פֿאָררעדע געפֿינט זיך צווישן זיינע מאַנוס־קריפּטן. פֿאַרוואָס זיין פֿאָררעדע איז ניט געווען געדרוקט, איז ניט באַקאַנט.

[285] ניוטאַ — די פֿרוי פֿון י. קאַפּעלאָוו.

32

[286] די צוויי דערוויילטע רעדאַקטאָרס פֿון דער "פֿאַ"ש" זיינען געווען דוד עדעלשטאַט און י. אַראָנאָוויטש (ד"ר יצחק אייזיק הורוויטש — זע קאַפּיטל 15).

33

[287] ד"ר מאַקס שטאַלער — אַנאַרכיסטישער אַרבעטער־פֿירער אין פֿילאַדעלפֿיע. ווערט שפּעטער דאָקטאָר (מעדיצין) און דערווייטערט זיך פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

[288] אַ פֿילאַדעלפֿיער אַנאַרכיסט.

[289] עדעלשטאַטס באַקאַנטע אין דענווער.

34

[290] ש. פרענער — אַנאַרכיסטישער פֿירער אין פֿילאַדעלפֿיע.

35

[291] יוסף לוקאָווסקי — אַ צושניידער. האָט געהערט צו עדלשטאַטס קרייז אין סינ־סינעטי. פֿלעגט שרייבן לאַנגע פֿילאָזאָפֿישע אַרטיקלען אין דער ראַדיקאַל־בירגערלעכער פּרעסע. עדעלשטאַט האָט לוקאָווסקיס זאַכן קיין מאָל ניט געדרוקט (זע קאַפּיטל 29).

36

[292] ראַבינסאָן און זיי פֿרוי רייטשעל (רחל), ביי וועלכע עדעלשטאַט האָט געוואוינט איידער ער האָט צום לעצטן מאָל פֿאַרלאָזט ניו־יאָרק. זיי האָבן דעם קראַנקן דיכטער זייער צערטלעך באַהאַנדלט.

מען האָט גערעכנט, אַז רייטשעל, וועלכע איז יונג געשטאָרבן פֿון שווינדזוכט, האָט זיך אָנגענומען מיט טובערקולאָז־באַצילן, באַדינענדיק דעם קראַנקן עדעלשטאַטן.

38

[293] יעליסאַוועטגראַדער ברודערשאַפֿט — די „דוכאָוונאָיע ביבלייסקאָיע בראַטסטווא” (גייסטלעכע ביבלישע ברודערשאַפֿט), אַ יידישע טאָלסטאָיאַנישע סעקטע אין יעליסאַ־וועטגראַד, געגרינדעט פֿון יעקב גאָרדין (1853—1909), — שפּעטער באַקאַנטער יידישער דראַמאַטורג און רעפֿאָרמאַטאָר פֿון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

[294] ראַסינסקי און פֿיישן האָבן געהערט צו עדעלשטאַטס קרייז אין סינסינעטי.

40

[295] די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג צווישן יידן אין אַמעריקע איז געקומען צו אַ שטילשטאַנד שוין אין פֿרילינג 1892. באַלד איז אויך אונטערגעגאַנגען די אַנאַרכיסטישע „פֿרייע אַרבעטער־שטימע״, וועלכע ווערט אַנגערופֿן אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אַרבעטער־צייטונג״ (27טן מאַי) „שטומע באַשעפֿעניש״. אין דעם זעלבן נומער ווערט דערציילט, אין אַ בריוו פֿון פֿילאַדעלפֿיע, אַז די דאָרטיקע אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן פֿריער געהאַט אַ באַדייטנדיקן איינפֿלוס, זיינען פֿאַרשוואונדן: „אַז איר וועט זוכן מיט ליכט, וועט איר זיי אויך ניט געפֿינען״. די פֿירער זיינען געוואָרן געשעפֿטסלייט. פֿון די איבעריקע זיינען אַ טייל אינגאַנצן אַוועק פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אַ טייל זיינען אַריבער צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

אין אַ צווייטן וואַריאַנט שרייבט עדעלשטאַט: „אַזאַ אידייע, וועלכע איז נאָך ווייניק וואָס פֿאַרשטענדלעך פֿאַר די פֿאַרשקלאַפֿטע געהירן פֿון די אָרעמע לוין־שקלאַפֿן. ניט נאָר די פּראָפּאַגאַנדע פֿון אונדזער אידייע פֿאָדערט פֿון אונדז, דאָס מיר זאָלן האָבן אַ פֿרייע פּרע־סע, אויך די שמוציקע פֿאַרלוימדונגען פֿון אונדזערע קעגנער פֿאָדערן, אַז מיר זאָלן האָבן אין האַנט אַ גייסטיקע שווערד, וועלכע זאָל אַנטוואָרטן אַ שלאַג פֿאַר אַ שלאָג אונדזערע פּרעכע פֿיינט״. „האָבן אַ צייטונג הייסט האָבן אַ געווער״.

[296] סאַוועריאַ מערלינאָ — איטאַליענישער אַנאַרכיסט. פּראָפֿעסער פֿון אַ ווערק איבער סאָציאַליזם, אין 1887 (איבערגעזעצט אין יידיש אין „פֿרייע געזעלשאַפֿט״, ניו־יאָרק, 1896). אין 1892 איז ער רעדאַקטאָר פֿונעם אַנאַרכיסטישן אָרגאַן אין אַמעריקע — „סאָלידאַריטי״. מערלינאָס לעבן איז באַשריבן אין יידיש פֿון אַבֿרהם פֿרומקין (אין „פֿרייע געזעלשאַפֿט״, יולי, 1900).

41

[297] אין יידיש האָט עדעלשטאַט אויסגעדריקט דעם זעלבן געדאַנק אין זיין ליד „פֿאָרווערטס!״ („פֿאַ״ש״, 5טן סעפּטעמבער, 1890), וואו ער שרייבט:

„פֿאָרווערטס, שטופּט די פֿרייהייטס־רעדער!
מיטן שווערד און מיטן פּען —
לאָז זיין אַרבעט טאָן אַ יעדער —
ווי ער קען און וואָס ער קען״.

45

[298] באַקונין מיכאַיל (1814—1876). רוסישער אַנאַרכיסט. איינער פֿון די הויפּט־פֿירער פֿונעם אַנאַרכיזם אין די 60—70ער יאָרן.

[299] געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער־פֿריינד״ פֿון 30טן סעפּ־טעמבער, 1892, אָן אונטערשריפֿט (וואַרשיינלעך צוגעשיקט פֿון ד״ר קאָן), אונטערן נאָמען „באַקונינס בילד״ — „אַ פֿריינטס בריוו״. דער געדרוקטער בריוו האָט אַ סך אָפּווייכונגען פֿון אונדזער טעקסט.

49

[300] פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון ד״ר מיכאל קאָן אין „אַרבעטער־פֿריינד״, 11טן נאָוועמ־בער, 1892.

50

[301] ד״ר מיכאל קאָנס פֿרוי, אַנאַ נעטער (זע אָנמ. 98).

ביבליאָגראַפֿיע

מאַטעריאַלן פֿאַר אַן עדעלשטאַט־ביבליאָגראַפֿיע

די פֿאָרליגנדיקע מאַטעריאַלן ווערן דאָ געגעבן ווי אַ באַזע פֿאַר אַן עדעלשטאַט־ביבליאָגראַפֿיע. אין דער יידישער פּרעסע, באַזונדערס אין דער אַמעריקאַנער, זיינען פֿאַר די לעצטע 40 יאָר געוויס געווען געדרוקט אַרטיקלען און באַמערקונגען וועגן עדעלשטאַטן, וואָס זיינען אין אָט די מאַטעריאַלן ניט אַריין. די דאָזיקע אַרבעט איז אָבער דער ערשטער פּרואוו אויף אָט דעם געביט. ביז איצט איז נאָך ניטאָ אַפֿילו קיין איין ערנסטע ביבליאָגראַפֿישע אַרבעט וועגן ווינטשעווסקין, וועלכער האָט געשאַפֿן אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָכאַנאַנד ; אויך ניט וועגן מאָריס ראָזענפֿעלדן, וועגן וועלכן ס׳איז געשריבן געוואָרן אין אַ צענדליק שפּראַכן.

עדעלשטאַטס ביבליאָגראַפֿיע האָט מען ביז איצט אָפּגעפּטרט מיט אַ פּאָר ווערטער. זלמן רייזענס „לעקסיקאָן״, צום ביישפּיל, גיט בלויז צוויי שורות — צוויי נומערן (בורגין און וויינשטיין, וואו עס געפֿינען זיך בלויז אַ פּאָר ביבליאָגראַפֿישע נאָטיצן). די העברייאישע, רוסיש־יידישע און ענגליש־יידישע ענציקלאָפּעדיעס דערמאָנען אַפֿילו ניט עדעלשטאַטס נאָמען. דאָס איז ניט מחמת שנאה צו יידיש, נאָר הויפּטזאַכלעך מחמת שנאה צו עדעלשטאַטס רעוואָלוציאָנערן שאַפֿן. די ענגליש־יידישע ענציקלאָפּעדיע צ״ב, וואָס פֿאַרשווייגט אינגאַנצן עדעלשטאַטס עקזיסטענץ, גיט איבער גענוג פּלאַץ פֿאַר אַזוינע מינדערוועריקע באַלעבאַטישע דיכטער, ווי יאָנאַטהאַנזאָן (קל וחומר), יצחק ראַבינאָוויטש (איש קאָוונע) אד״גל. די, וועלכע זיינען מבטל עדעלשטאַטן אַלס דיכטער כּלומרשט מחמת „עסטעטישע״ מאָטיוון, טוען עס אין דער אמתן, ווייל זיי זיינען אידעאָלאָגן פֿון דער בורזשואַזיע. זיי פֿאַרשוויגן אויך עדעלשטאַטן אין זייערע שולן און נעמען ניט אַריין קיין איין זאַך פֿון זיין פּעדער אין זייערע „ליטעראַרישע״ כרעסטאָמאַטיעס און לייענביכער.

גאָר אַנדערש האָבן זיך צו עדעלשטאַטן געמוזט באַציען די צונויפֿשטעלער פֿון לידער־זאַמלונגען פֿאַר די אַרבעטער־מאַסן, ביי וועלכע עדעלשטאַטס ווערק זיינען געווען זייער פּאָפּולער. עדעלשטאַטס לידער זיינען דעריבער אַריין אַפֿילו אין אַזוינע זאַמלונגען ווי „יידישע טעאַטער־לידער״ (ניו־יאָרק, 1895) און „די נייסטע טעאַטער־ און פֿאָלקס־לידער״ (ניו־יאָרק, 1896). אַן ענדערונג אין אָט דער באַציאונג צו עדעלשטאַטס לידער קומט פֿאָר אין די יאָרן פֿון רעאַקציע. די נייע לידער־זאַמלונגען, וואָס זיינען צונויפֿגעשטעלט געוואָרן צווישן 1907 און 1917, אַנטהאַלטן ניט קיין איין ליד פֿון עדעלשטאַטן, בעת אין די פֿריערדיקע זאַמלונגען, ווי צ״ב אין די „פֿרייהייט״ (1901 און 1905), און אין „די פֿרייע האַרפֿע״ פֿון 1907, האָבן זיינע לידער פֿאַרנומען מער פּלאַץ ווי די לידער פֿון יעדן אַנדערן דיכטער. ערשט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע הויבט

דער אומט־גלאָק (ז׳ 78, 6 סט׳).

1933

262. וויליאַם אייבראַמס און קלמן מרמר — רעוואָלוציאָנערער דעקלאַ־מאַטאָר.
זאַמלונג פֿון לידער, דערציילונגען, איינאַקטערס צום פֿאַרלייענען, שפּילן און זינגען ביי אַרבעטער־פֿאַרווייליגען.
ניו־יאָרק, אַרויסגעגעבן פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, 1933.
די לידער: איך בין דאָס שווערד, איך בין דער פֿלאַם (ז׳ 183, זע: נומ׳ 37 — אַרויסגעלאָזט די סט׳ 6—7); וואַכט אויף! (זז׳ 184—185, זע: נומ׳ 87); מיין לעצטע האָפֿענונג (זז׳ 27—28, זע: נומ׳ 35); מיין צוואָה (זז׳ 28—29, זע: נומ׳ 27); צו די אַרבעטער־פֿרויען (זז׳ 184—185, זע: נומ׳ 99); צו אַ פֿריינט (זז׳ 183—184, זע: נומ׳ 73).

עדעלשטאַט אין שול

1. עדעלשטאַטס לידער אין שולביכער, כרעסטאָמאַטיעס און לייענביכער

1924

263. י. ראַבינאָוויטש, — באַפֿרייטע אַרבעט, געזעלשאַפֿטלעכע ליטעראַ־רישע כרעסטאָמאַטיע. פֿאַרלאַג „טשערוואָני שליאַך", 1924.
דאָס ליד דער פֿאַל פֿון דער באַסטיליע (ז׳ 60, זע: נומ׳ 41).

1930

264. ר. בעזנאָסיק, מ. עריק, רובין — אַנטירעליגיעזער ליטעראַרישער לייענבוך.
מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק, צענטער פֿאַרלאַג, 1930.
דאָס ליד: צו די גאָטספֿאַרכטיקע בירגער (זז׳ 370—371, זע: נומ׳ 187).

265. ש. גאָדינער און י. ראַבינאָוויטש — רעוואָלוציאָנערע שלאַכטן אין דער אָפּשפּיגלונג פֿון דער קינסטלערישער ליטעראַטור.
כאַרקאָוו, צענטער־פֿאַרלאַג, 1930.
דאָס ליד: דער פֿאַל פֿון דער באַסטיליע (ז׳ 230, זע: נומ׳ 41).

266. מ. האָדער, ע. קאָפּשיטע און י. ד. קורלאַנד — ליטעראַטור, כרעס־טאָמאַטיע פֿאַרן 6טן שול־יאָר.

מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק, צענטער־פֿאַרלאַג, 1930.
דאָס ליד: אין קאַמף (זז' 330—331, זע: נומ' 23).

1931

267. מ. האָדער א״אַנד — ליטעראַטור, לייענבוך פֿאַרן 6טן און 7טן שול־יאָר.
צווייטע געענדערטע אויפֿלאַגע. 2טער טייל. צענטער־פֿאַרלאַג, 1931.
דאָס ליד: אין קאַמף (זז' 89—90, זע: נומ' 23).

268. ליטעראַטור, ליטעראַטור־מאַטעריאַל צום אַרבעט־בוך שפּראַך און ליטעראַטור פֿאַרן 6טן לערניאָר, כאַרקאָוו—קיעוו, צענטער־פֿאַר־לאַג, 1931.
די לידער: אין קאַמף (זע: נומ' 23); מיין צוואה (ז' 249, זע: נומ' 27).

269. אַ. מאַקאַגאָן, אַ. ספּיוואַק און ה. קאַזאַקעוויטש — אין קאַמף. אַרבעט־בוך אויף שפּראַך און ליטעראַטור פֿון גערעלשאַפֿטקענ־טעניש פֿאַרן 4טן לערניאָר.
קיעוו, קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע״, 1931.
די לידער: דער לעצטער שטרייק (זע: נומ' 63); עס טאָגט (זע: נומ' 192).

270. י. ד. קורלאַנד — די ערשטע יידישע אַרבעטער־דיכטער (ווינ־טשעווסקי, ראָזענפֿעלד, באָווישאָווער, עדעלשטאַט).
ביבליאָטעק פֿון דער שול נומ' 1, מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק, צענטער־פֿאַרלאַג, 1931.
די לידער: אַן מיינע לעזער (ז' 83, זע: נומ' 48 — אַריין די סט' 7—9, 11); אין קאַמף (ז' 89, זע: נומ' 23, אַריין די סט' 1—4, 9); דער אוונט־גלאָק (זז' 90—91, זע: נומ' 170, — אַריין די סט' 1—5); וואַכט אויף! (זז' 86—87, זע: נומ' 87); מיין אַנטוואָרט צו ישראל בן־עולם (זז' 84—85, זע: נומ' 58, — אַריין סט' 4, 7—11, 13—14, אונטערן נאָמען מיין אַנטוואָרט — מיט אַ ניט ריכטיקער אָנמערקונג: „דאָס ליד איז אַן ענטפֿער צו מאָריס ווינטשעווסקין״; באמת איז עס צו ישראל באַרסקי); מיין לעצטע האָפֿענונג (ז' 92, זע: נומ' 35); נאַטור און מענטש (זז' 83—84, זע: נומ' 28, — אַריין די סט' 1, 3, 7, 10, 11); דאָס פֿאַבריק־קינד (זז' 85—86, זע: נומ' 32, — אַריין די סט' 2—4, 7—9, 17); דער פֿאַרוואונדעטער אָדלער (זז' 89—90, זע: נומ' 169, — אַריין די סט' 9—14); פֿאַרצווייפֿלונג און באַגייסטערונג (ז' 88, זע: נומ' 55, — אַריין די סט' 6, 8, 10, 11, אונטערן נאָמען זונענשיין); פֿאָרווערטס (זז' 87—88, זע: נומ' 66, — אַריין די סט' 1—4, 9); צו אַ פֿריינט (ז' 92, זע: נומ' 73).

271. י. ראַבינאָוויטש — דער אַרבעטער אין דער יידישער ליטעראַטור. מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק, צענטער־פאַרלאַג, 1931.
די לידער: מיין צוואָה (ז׳ 99, זע: נומ׳ 27); צו די אַרבעטער־פרויען (זז׳ 98—99, זע: נומ׳ 99, — אַריין אונטערן נאָמען אַרבעטער־פרויען).

272. י. ראַווין און וו. שאַץ — אַרבעט־בוך פאַרן 5טן יאָר, פאַרן 5טן קלאַס פון 7־יאָריקער שול. 2טער טייל.
צענטער־פאַרלאַג, 1931.
דאָס ליד: מיין צוואָה (ז׳ 4, זע: נומ׳ 27).

1932

273. ג. יאַבראָוו און ל. גאָלדין — פאַרן 3טן לערניאָר.
כאַרקאָוו—קיעוו, אוקרנאַצמינד־מלוכה־פאַרלאַג, 1932.
דאָס ליד: מיין צוואָה (ז׳ 47, זע: נומ׳ 27).

274. ליטעראַרישע מאַטעריאַלן צום אַרבעט־בוך פאַרן 6טן לערניאָר.
צונויפגעשטעלט אַ קאָלעקטיוו אונטער ש. קולבאַקס אָנפיר.
כאַרקאָוו—קיעוו, אוקרנאַצמינד־מלוכה־פאַרלאַג, 1932.
דאָס ליד: אין קאַמף (זז׳ 158—159, זע: נומ׳ 23).

1933

275. י. ראַווין און וו. שאַץ — ליטעראַטור לערן־ביכל פאַרן 4טן שול־יאָר.
מינסק, ווייסרוסישער מלוכה־פאַרלאַג, 1933.
דאָס ליד: עס טאָגט (זז׳ 31—32, זע: נומ׳ 192, — מיט אַ ווערטערביכל און פראַגעס צום ליד).

276. אַ. וועלעדניצקי און ז. סקודיצקי — ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע פאַרן 6טן לערן־יאָר.
כאַרקאָוו—קיעוו, אוקרנאַצמינד־מלוכה־פאַרלאַג, 1933.
די לידער: אין קאַמף (ז׳ 177, זע: נומ׳ 23); מיין צוואָה (ז׳ 178, זע: נומ׳ 27); דער שניידער (ז׳ 172, זע: נומ׳ 29).

1940

277. אַנטאָלאָגיע פאַרן קלאַס „א״.
אַרבעטער־רינג מיטל־שול, ניו־יאָרק, 1940, העקטאָגראַפירט.
אַ קורצע ביאָגראַפישע נאָטיץ וועגן דוד עדעלשטאַט (ז׳ 2). די לידער: אין קאַמף, מיין צוואָה, דער אָוונט־גלאָק, מיין לעצטע האָפענונג, יציאת מצרים (זז׳ 21—27).

וועגן עדעלשטאַטן

1. לידער וועגן עדעלשטאַטן
(וועגן אינהאַלט פֿון די לידער — זע ביאָגראַפֿיע)

1890

1. המנגן [מאָריס הילקוויט].
אויף אַ וואַנדערער (אַ גרוס צו מיין מיטרייזנדן פּאַסקאַרעל).
אַרבעטער צייטונג, וו"ב, ניו־יאָרק, 9טן מאַי 1890, נומ' 10, ז' 5.

2. ראָזענפֿעלד, מאָריס.
צו מיינע קריטיקער.
דאָרט, 12טן סעפּטעמבער 1890, נומ' 28, ז' 5.

1891

3. באָבאָד, נ. מ.
צו עדעלשטאַטן.
פֿאַ"ש, וו"ב, ניו־יאָרק, 25טן דעצעמבער 1891, נומ' 78, ז' 4.

1892

4. באָבאָד, נ. מ.
In Memoriam of D. EDELSTADT [צום אָנדענק פֿון ד. עדעלשטאַט]
אַרבייטער פֿריינד, וו"ב, לאָנדאָן, 18טן נאָוועמבער, 1892, נומ' 35, ז' 3.

5. באָוושאָווער, יוסף (ניו־יאָרק).
צום אָנדענקען פֿון ד. עדעלשטאַט (געשריבן אין טאָג פֿון זיין טויט).
דאָרט, 4טן נאָוועמבער, נומ' 33, ז' 2—3. זינט 1899 אַריין אין אַלע אויסגאַבעס פֿון עדעלשטאַטס לידער.

6. זיילין, יצחק.
צום פּאָעט (געווידמעט ד. עדעלשטאַטן).
פֿאַ"ש, וו"ב, ניו־יאָרק, 15טן יאַנואַר 1892, ז' 5.

7. קאָן, ס. (באָסטאָן).
אין שטורעם.
אַרבייטער פֿריינד, וו"ב, לאָנדאָן, 21טן אָקטאָבער 1892, נומ' 31.

8. זיילין, יצחק.
די פֿרייהייט און די וועלט (צום אָנדענקען פֿון ד. עדעלשטאַט).
דאָרט, 2טן דעצעמבער 1892, נומ' 37, ז' 1.

9. זיילין, יצחק.
צום אַנדענקען פֿון אונדזער פּאָעט.
דאָרט, 30טן דעצעמבער, נומ׳ 41, ז׳ 1.

1893

10. פרענאַוויטש, י. ש. (שיקאַגאָ).
צום יאָרצייט פֿון דוד עדעלשטאַט.
דאָרט, 20טן אָקטאָבער 1893, נומ׳ 42, ז׳ 1.

1928

11. ווינטשעווסקי, מאָריס.
אַן ד. עדעלשטאַט.
קלמן מרמר, „מאָריס ווינטשעווסקי, זיין לעבן,ווירקן און שאַפֿן״.
ניו־יאָרק, פֿאַרלאַג „פֿרייהייט״, 1928, ז׳ 171—172. דאָס ליד איז געשריבן אין 1892.

1932

12. בלאָשטיין, ה.
דוד עדעלשטאַט (צו זיין 40טן יאָרצייט: 17 אָקטאָבער; 1892—1932).
דער האַמער, זש׳ ניו־יאָרק, אָקטאָבער, 1932, נומ׳ 9, זז׳ 37—39 (זע ביאָגראַפֿיע, באַמערקונג 220).

13. בלאָשטיין, ה.
מיר זיינען היינט אַ סך, אַ סך... — פֿון דער נאָך ניט פֿאַרעפֿנט־לעכטער פּאָעמע „דוד עדעלשטאַט״, קאַפּיטל 10.
דער שטערן, ט״צ, כאַרקאָוו, 17טן אָקטאָבער 1932, נומ׳ 239, ז׳ 2.

1933

14. סול, מ. אַ.
פֿאַרויס, ווי די פֿאָן האָט געפֿלאַטערט דיין ליד (דוד עדעלשטאַטן צו זיין פֿערציקסטן יאָרצייט).
מאָרגן־פֿרייהייט, ט״צ, ניו־יאָרק, 29טן יאַנואַר 1933, נומ׳ 227 (9108), ז׳ 3.

1943

14א. וויינפּער, ז.
ביים קבר פֿון דוד עדעלשטאַט.
דאָס געזאַנג פֿונעם גלויביקן פֿון ז. וויינפּער, הויפּט־פֿאַרקויף: איקוף, ניו־יאָרק, 1943, ז׳ 292—295.

„...איך שטיי ביי דער מצבה פֿון אַ יידישן פּאָעט,
וואָס האָט געקעמפֿט מיטן הונגעריקן קעגן זאַטן, —
איך בויג מיין קאָפּ צום קבר פֿון דוד עדעלשטאַטן!"

2. קריטיק און באַמערקונגען וועגן עדעלשטאַטן
(וועגן אינהאַלט פֿון די אַרטיקלען — זע ביאָגראַפֿיע)

1889

15. בראַסלאַווסקי, אַבאַ.
דער יונגער דיכטער דוד עדעלשטאַט.
ניו־יאָרקער יידישע פֿאָלקס־צייטונג, וו"ב, ניו־יאָרק, 5טן יולי 1889, נומ' 163.

16. [— — — — — —
פֿר. [פֿריינט] ד. עדעלשטאַט.
אַרבייטער־פֿריינד, וו"ב, לאָנדאָן, 10טן מאַי 1889, נומ' 19.

1890

17. קאָאַסקע, אַ.
בריוו צו ה. פּאַסקאַרעל [דוד עדעלשטאַט].
מאָרגענשטערן, וו"ב, ניו־יאָרק, 4טן אַפּריל 1890, נומ' 12.

18. בן־עולם [באַרסקי], ישראל.
אַן אָפֿענער בריוו פֿון ישראל בן־עולם צו פֿריינט פּאַסקאַרעל [דוד עדעלשטאַט].
דאָרט, 23טן מאַי 1890, נומ' 19.

1891

19. קאָפּעלאָוו, י.
אויפֿרוף.
פֿאַ"ש, וו"ב, ניו־יאָרק, 23טן אָקטאָבער 1891, נומ' 69, ז' 2.

1892

20. ווינטשעווסקי, מאָריס.
נאָך עדעלשטאַטן — אַ זיפֿץ.
פֿרייע וועלט, זש', לאָנדאָן, דעצעמבער, 1892, נומ' 5, ז' 105.

21. [— — — — — —
דוד עדעלשטאַט געשטאָרבן.
אַרבייטער־פֿריינד, וו"ב, לאָנדאָן, 21טן אָקטאָבער 1892, נומ' 31, ז' 1.

22. ס. ט.
יהודה לייב גאָרדאָן און דוד עדעלשטאַט.
דאָרט, 28טן אָקטאָבער, נומ׳ 32, ז׳ 2; 4טן נאָוועמבער, נומ׳ 33, ז׳ 3; 25טן נאָוועמבער, נומ׳ 36, ז׳ 3.

23. [— — — — —
פון נאָענט און פון ווייטן.
אַרבעטער צייטונג, וו״ב, ניו־יאָרק, 28טן אָקטאָבער 1892, נומ׳ 44, ז׳ 1.

24. קאָן, מיכאל.
ד. עדעלשטאַט איז געשטאָרבן.
אַרבייטער־פריינד, וו״ב, לאָנדאָן, 11טן נאָוועמבער 1892, נומ׳ 34, ז׳ 1.

1895

25. [האַרקאַווי, אַלעקסאַנדער].
צום פאָלק.
„פאָרווערטס״ צו עדעלשטאַטס פאָלקס־געדיכטע, ניו־יאָרק, 1895 (זע: נומ׳ 2. זע אויך ביאָגראַפיע, אין אָפּטייל „אויסגאַבעס פון עדעלשטאַטס ווערק״).

1897

26. קאָברין, לעאָן.
אַ בלאַנדזשענדע קריטיק (אַן ענטפער אויף ה. בודיאַנאָוס אַרטיקל „אַ בלאַנדזשענדער פאָעט״).
דער נייער גייסט, זש׳, ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1897, נומ׳ 3, ז׳ 170, שפּ׳ 2. קאָברין לאַכט אויס די מיינונג, אַז אַ פּאָעט פונעם „רעוואָלוציאָנערן קלאַס״ איז גרעסער, ווי אַ פּאָעט פונעם קאָנסערוואַטיוון קלאַס. באַמערקט דערצו, אַז מען קאָן נאָך מיינען „למשל, אַז דער פאַרשטאָרבענער יידישער פּאָעט־רעוואָלוציאָנער דוד עדעלשטאַט איז גרעסער ווי דער פאַרשטאָרבענער ענגלישער פּאָעט־קאָנסערוואַטיוו טעניסאָן״.

1899

27. גרופּע פּא״ש.
דערקלערונג.
פּא״ש, וו״ב, ניו־יאָרק, 6טן אָקטאָבער 1899, נומ׳ 1, ז׳ 1.
גיט אָן דעם יחוס פון דער פּא״ש. דערמאָנט די „שלאַנקע, בלייכע, מאַרטירער־געשטאַלט״ פון „איר פאַרשטאָרבענעם רעדאַקטאָר דוד עדעלשטאַט, וועמענס יאָרן זיינען פאַרקירצט געוואָרן דורך זיינע גרויסע טריישאַפט־לעכע אַרבעט פאַר איר״.

28. אַחר [אַכער].
צום אָנדענקען פֿון דוד עדעלשטאַט — געשטאָרבן 17טן אָקטאָבער 1892.
דאָרט, 20טן אָקטאָבער 1899, נומ׳ 3, ז׳ 1 און 11.

1900

29א. רודערמאַן, ב.
עדעלשטאַטס שריפֿטן.
דאָרט, 19טן יאַנואַר 1900, נומ׳ (?)
רופֿט אָן עדעלשטאַטס דערציילונגען „אויסגעצייכנטע און העכסט רירנדע״.

1904

29ב. האַרקאַווי, אַלעקסאַנדער.
פֿאָרוואָרט.
געזאַמלטע לידער פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד, ניו־יאָרק, „אינטערנעשאָנעל לייברערי פּאַבלישינג קאָמפּאַני״, 1904, ז׳ 7 און 12.
האַלט, אַז עדעלשטאַט איז געווען „אינטערנאַציאָנאַל און רעוואָלוציאָנער״, אָבער „קיינמאָל ניט געהאַט ראָזענפֿעלדס פּאַטעטישן שוואונג״.

1908

30. ווינטשעווסקי, מאָריס.
צום אָנדענקען פֿון דוד עדעלשטאַט.
צוקונפֿט, זש, דעצעמבער, 1908, נומ׳ 12, ז׳ 377.
„אַן אומפֿאַרגעסלעכער טויטער, אָבער ניט געשטאָרבענער דיכטער״.
האַלט פֿאַר וויכטיק אַרויסצוגעבן עדעלשטאַטס געזאַמלטע ווערק.

31. ליעסין, אַ.
דוד עדעלשטאַט.
פֿאָרווערטס, ט״צ, ניו־יאָרק, 5טן יולי 1908, נומ׳ 3856, ז׳ 4.
„מיר, די ליטעראַטן פֿון עלטערן דור, קענען שווער באַגרייפֿן דעם יוגנטלעכן ענטוזיאַזמוס פֿון אַזאַ שרייבער ווי עדעלשטאַט, אין וועלכן דער רעוואָלוציאָנער האָט ברוטאַל געזוכט אויסצושרײַען דעם דיכטער. — — — עדעלשטאַט האָט געקוקט אויף זיינע געדיכטע ניט מער און ניט ווייניקער ווי אויף פּראָקלאַמאַציעס אין פֿערזן״.

1909

32. קאַטץ, מ.
דוד עדעלשטאַט (פֿאָררעדע איבער דעם לעבן און שאַפֿן פֿון דעם דיכטער).

דוד עדעלשטאַט־שריפֿטן, לאָנדאָן, פֿאַרלאַג „אַרבייטער־פֿריינד״, ז׳ III—XXXIII.

1911

33. פּינעס, ד״ר מ.
די געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור — אונטער דער רע־דאַקציע פֿון בעל־מחשבות. 2טער טייל.
וואַרשע, פֿאַרלאַג „שימין״, 1911, ז׳ 114.
ער גיט אָפּ עדעלשטאַטן די צוויי שורות: „עדעלשטאַט האָט באַזונדערס געשאַפֿן רעוואָלוציאָנערע לידער און פֿילע פֿון זיינע לידער זיינען געוואָרן זייער פּאָפּולער אין אַרבעטער־קרייזן.״.

34. קאָן, מיכאל.
י. באָוושאָווער — זיין לעבן און שאַפֿן.
געזאַמלטע שריפֿטן פֿון י. באָוושאָווער (פּאָעזיע און פּראָזע).
ניו־יאָרק, פֿאַרלאַג „פֿאָ״ש״, 1911, ז׳ 15.
„דער יידישער אַנאַרכיזם האָט דאָ ביי אונדז אַ רעכט צו שטאָלצירן מיט די צוויי ליכטיקע שטערן, וואָס זיינען דערשינען אויף זיין פּאָעטישן הימל. אַזעלכע הערלעכע נשמות ווי די פֿון אונדזערע עדעלשטאַט און באָוושאָווער״. דערקלערט ענלעך ווי קאַטץ און קאָברין, אַז „די נשמות פֿון די אמתע פּאָעטן זיינען באַזונדערס מסוגל צום אַנאַרכיסטישן אידעאַל״.

35. מילך, יעקב.
צום 20־יאָריקן יובליי פֿון דער „צוקונפֿט״ (1892—1912).
דער פּנקס, ווילנע, תרעג—1913, שפּ׳ 210, 213—214.

1914

36. רייזען, זלמן.
דוד עדעלשטאַט.
1. לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, רעדאַקטירט פֿון ש. ניגער, וואַרשע, פֿאַרלאַג „צענטראַל״, 1914, שפּ׳ 434. 2. לע־קסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע, ווילנע, פֿאַרלאַג קלעצקין, 1927, ב׳ 2, שפּ׳ 718—721.
„אַלע עדעלשטאַטס לידער טראָגן אַ רעוואָלוציאָנער־אַנאַרכיסטישן כאַ־ראַקטער. צווישן זיי איז נישטאָ קיין איינציקס אַפֿילו, וואָס זאָל ניט זיין טענדענציעז״. — — — „אין זיי איז דאָ מער רעוואָלוציאָנערע פּובליציסטיק, ווי ריינע פּאָעזיע״. ס׳זיינען פֿאַראַן אינעם לעקסיקאָן ביאָגראַפֿישע טעותן, צ״ב, אַז עדעלשטאַט האָט די פֿאָ״ש „רעדיגירט

ביז אייניקע מאַנאַטן פֿאַר זיין טויט" (באמת אויפֿגעהערט מיט איבער אַ יאָר פֿריער). ניט ריכטיק איז אויך, אַז די לאַנדאַנער אויסגאַבע פֿון עדעלשטאַטס שריפֿטן איז אַרויס אין 1910 (זי איז אַרויס אין מאַי 1909). (זע אויך ביאָגראַפֿיע). די „ביבליאָגראַפֿיע" האָט בלויז 2 נומערן.

1916

37. עפּשטיין, שכנא.

דוד גאָלדשטיין — „ווינטער־בלומען" (ביבליאָגראַפֿיע).

צוקונפֿט, זש', ניו־יאָרק, מאַי 1916, נומ' 5, ז' 464—465.

לויבט גאָלדשטיינען, אַז כאָטש „ער איז געווען אַ צייטגענאָסע פֿון שאַר־קאַנסקי, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער, ווען אונדזער דיכטונג איז געווען דורכגעדרונגען מיט געזעלשאַפֿטלעכקייט", האָט ער דאָך „גע־זונגען ריין לירישע לידער".

1917

38. באָסין, מ.

דוד עדעלשטאַט.

זינף הונדערט יאָר יידישע פּאָעזיע (אַנטאָלאָגיע). ניו־יאָרק, פֿאַרלאַג „יידיש", 1917, ז' 36.

„די מערסטע פֿון זיינע [עדעלשטאַטס] לידער זיינען טעכניש שלעכט געבויט, און זיינען אָרעם אין פּאָעזיע". ער גיט דערפֿאַר טאַקע אָפּ אין זיין אַנטאָלאָגיע בלויז איין זייט פֿאַר עדעלשטאַטן (צוויי לידער).

38א. באָראָכאָוו, ב.

אין זיינע „אַ פּאָר ווערטער" [פֿאָרוואָרט] צו דער אַנטאָלאָגיע שרייבט ב. באָראָכאָוו (ערשטער טייל, ז' III—VI): „נאָך איין טיפּ פֿון דער יידישער פּאָעזיע פֿעלט כמעט אין באָסינס אַנטאָלאָגיע, און דאָס איז די 'באַוועגונג־'־פּאָעזיע, די סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע דיכטונגען. הגם זיי האָבן נישט קיין גרויסן עסטעטיש־ליטעראַרישן ווערט, פֿונ־דעסטוועגן זיינען זיי פֿון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט זייער וויכטיק און כאַראַקטעריסטיש: זיי האָבן געקראָגן די גרעסטע פֿאַרשפּרייטונג, און צוויי דורות האָבן זיך אויף זיי דערצויגן צו אַ העכערן געשמאַק. אַהער וואָלטן געדאַרפֿט אויסגעטיילט ווערן פֿילע מוסטערן פֿון מ. ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער, מ. ראָזענ־פֿעלד, אַ. רייזען, ש. אַנ—סקי, י. [יהושע] פּעלאָוויץ [דער מחבר פֿון דער באַוואוסטער פּועלי־ציוניסטישער „שבועה"] א"אַנד".

1919

39. אָלגין, מ.

טענדענץ און קונסט.

אין דער וועלט פֿון געזאַנגען — אַ בוך וועגן פּאָעזיע און פּאָעטן, ניו־

יאָרק, פֿאַרלאַג „פֿאָרווערטס‟, 1919, ז׳ 92—91 (געשריבן 1916—1915).
„ביי אונדז אין דער יידישער ליטעראַטור האָט פּרץ באַזונגען די חסידים — — — עדעלשטאַט — די געפֿילן פֿון אַ מאָדערנעם פּראָלעטאַריער. פֿונדעסטוועגן אַלס קינסטלער זיינען פּרץ און שלום־עליכם העכער און בעסער, ווי באָווּשאָווער און עדעלשטאַט‟.
אַלגין גיט שפּעטער פּאָזיטיווערע אָפּשאַצונגען פֿון עדעלשטאַטן.

40. לאַנדוי, זישע.

אַנטאָלאָגיע. די יידישע דיכטער אין אַמעריקע ביזן יאָר 1919.
זישע לאַנדוי, איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון דער באַוואוסטער דיכטער־גרופּע „יונגע‟, דערקלערט אין זיין פֿאָרוואָרט, אַז עדעלשטאַט האָט גע־הערט צו די „אומאַנטוויקלטע מענטשן‟, צו „די דאָזיקע ׳דיכטער׳, וואָס זיינען אפֿשר אין יאָרן געווען אַוועקגעגאַנגען פֿון דער קינדהייט, אָבער וועלכע זיינען נאָך גייסטיק דאָרט געבליבן. — — — מיט בלוט פֿונעם האַרצן האָט ער [עדעלשטאַט] זיינע קינדערשע פֿערזן געשריבן, אָבער אויב אויפֿריכטיקייט איז אַ נויטווענדיקייט פֿאַר אַ טאַלאַנט, איז עס אָבער אַן איבעריקער באַלאַסט פֿאַר אַ מענטשן, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט ליטעראַטור און וועלכער האָט קיין טאַלאַנט נישט‟.

41. ליטווין, אַ. [ש. הורוויטש]

די רעוואָלוציאָנערע פֿאָלקס־ליד און איר דיכטער (— — — גע־ווידמעט וואָלטן — אַ. ליעסין צו זיין יובילעום).
צוקונפֿט, זש׳, ניו־יאָרק, אַפּריל, 1919, נומ׳ 4, ז׳ 270—267. אין זיין אַרטיקל צום 50־יאָריקן יובילײ פֿון אַ. ליעסין, דעמאָלדיקער רע־דאַקטאָר פֿון צוקונפֿט, שרייבט אַ. ליטווין, אַז דערפֿאַר וייל „ווינ־טשעווסקי, עדעלשטאַט — — — זיינען געווען אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק און ליעסין איז געווען דער ערשטער און איינציקער רע־וואָלוציאָנערער דיכטער, וואָס האָט געלעבט אין מינסק און אין ווילנע, ד״ה, אין רעכטן צענטער פֿון דער יידישער באַוועגונג — — — קאָן מען דערפֿון שליסן, אַז וואָלט—לעסינס ווירקונג אַלס דיכטער פֿון דער רעוואָלוציע איז געווען אין יענעם מאָמענט, די גרעסטע‟. דערביי דערקלערט ליטווין, אַז די רעוואָלוציאָנערע לידער פֿון „עדעלשטאַט און אַנדערע‟ זיינען „פֿאָלקס־לידער‟ און אַז „די ערשטע רעוואָלוציאָנערע דיכטער‟ זיינען געווען „פֿאָלקס־דיכטער‟, וואָס האָבן „ווי די רעליגיעזע פֿאָלקס־דיכטער פֿון מיטלאַלטער נאָר געזוכט צו באַגייסטערן מיט זייער גלויבן די אָפּגעשטאַנענע און גלייכגילטיקע‟.

1920

42. דאָברושין, י.

ביבליאָגראַפֿיע. „כוואַליעס‟.
עמעס, ט״צ, מאָסקווע, 25טן נאָוועמבער 1920, נומ׳ 15, ז׳ 2.
„מיר מוזן וואָרענען די רעדאַקציע פֿון כוואַליעס, זי זאָל ניט דערלאָזן

קיין 'מאַיאָווע געדאַנקען', וואָס וועלן שאַפן אין דער יוגנט־דיכטונג אַ מאָדערנע עדעלשטאַט־ און ווינטשעווסקי־תּקופה". דאָברושין האָט זיך אין זיינע שפּעטערדיקע אַרבעטן אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן שטאַנד־פּונקט.

1921

43. קאָברין, לעאָן.

א פערטל יאָרהונדערט — בלעטלעך פון דעם גייסטיקן לעבן אין אַמעריקע.

טאָג, ט"צ, ניו־יאָרק, 27טן פעברואַר 1921.

דערמאָנט בלויז, אַז „איינער אַ גוטער סאָציאַליסט" איז געשטאָרבן „פּונקט אַזוי ווי דוד עדעלשטאַט פאַר זיין אידעאַל".

1922

44. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.

אין די גאַסן — צו די מאַסן (פון דער סעריע „מאָטיוון פון אַרבעט און קאַמף אין דער יידישער פּאָעזיע").

דער וועקער, וו"ב, ניו־יאָרק, 23טן יוני 1922.

ביאַלאָסטאָצקי דערקלערט, אַז „עדעלשטאַט, ווינטשעווסקי, באָוושאָווער האָבן זיך איבער ימען אויף פליגלען געטראָגן (אַגב ניט דווקא אָד־לערישע...), האָבן זיי אַממערסטן געזונגען וועגן סתּם קאַמף, גערופן, געוויינט, געוועקט, געשריען, אָבער ווייניק וואָס באַשאַפן פון לעבן דאָ אַרום". „אַלע זיינען זיי שטאַרק פראַזאַאיש, סאָציאַליסטישע זאָגערס איידער זינגער דעקלאַמאַטעריש, נאַקעט־שרייעריש און דערצו נאַאיוו־גלויביק".

45. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.

דער בלייכער אַפּערייטאָר (פון דער סעריע: „מאָטיוון פון אַרבעט און קאַמף אין דער יידישער פּאָעזיע").

דאָרט, 1טן יולי, ז' 16.

באַהויפּט דאָרט, אַז עדעלשטאַטס (אויך ווינטשעווסקיס און באָוושאָווערס) קאַמף־לידער זיינען געשריבן פאַר רוסלאַנד און שפּיגלען ניט אָפּ די אַמעריקאַנערווירקלעכקייט (פאַקטיש שפּיגלט אָפּ אַפילו דער גרעסטער טייל פון עדעלשטאַטס קאַמף־לידער אין רוסיש דעם קלאַסן־קאַמף אין אַמעריקע).

46. פּען [פּ. נאָוויק].

דוד עדעלשטאַט.

„וועגווייזער דער מענטשהייט", פרייהייט, ט"צ, ניו־יאָרק, 17טן אָק־טאָבער 1922, נומ' 129, ז' 8.

„עדעלשטאַט איז געווען מער אַגיטאַטאָר ווי פּאָעט. די ברוטאַלע אומ־

גערעכטיקייט פֿון דער איצטיקער אָרדענונג האָט אים כּסדר געדריקט. ער האָט ניט געקענט זינגען פֿריי פֿון האַרצן״.

1923

47. ענטין, י.

מאָריס ראָזענפֿעלד — צו זיין זעכציק־יאָריקן יובילעום.

צוקונפֿט, זש׳, ניו־יאָרק, פֿעברואַר, 1923, נומ׳ 2, ז׳ 130.

זעט עדעלשטאַטס ווירקונג אויף ראָזענפֿעלדן בלויז אין ראָזענפֿעלדס ליד „צו די בלומען אין הערבסט״.

48. קאַברין, לעאָן.

מאָריס ראָזענפֿעלד און זיין צייט.

טאָג, ט״צ, ניו־יאָרק, 1טן אויגוסט 1923.

„ע ד ע ל ש ט אַ ט און דערנאָך ב אָ ו ש אָ ו ע ר האָבן דעם אייגענעם ניגון, וואָס ווינטשעווסקי, דאָ אין אַמעריקע געזונגען. זינגען בלויז לשם געזאַנג, בלויז לשם פּאָעזיע, — דאָס וואָלטן די דיכטער אַליין געהאַלטן פֿאַר אַ פֿאַרשוועכונג פֿון זייער הייליקער זאַך״.

1924

49. ווערניק, פּ.

די געשיכטע פֿון די יידן אין אַמעריקע.

קאַפּיטל 43 : „יידישע ליטעראַטור, דראַמע און די פּרעס״, מאָרגן־זשורנאַל, ט״צ, ניו־יאָרק, 6טן אָקטאָבער 1924, ז׳ 4. שטרייכט אונטער : „דער פֿאַרשטאָרבענער דוד עדעלשטאַט, מאָריס ווינטשעווסקי — — — און י. באָוושאָווער, זיינען די ראַדיקאַלע פּאָעטן, וואָס די טענדענץ אין זייערע געזאַנגען פֿאַרטונקלט אָפֿט די קונסט״.

50. [קאַהאַן, יוסף.]

פֿינף און צוואַנציק יאָר „פֿרייע אַרבעטער שטימע״.

פֿא״ש, וו״ב, ניו־יאָרק, 3טן אָקטאָבער 1924, נומ׳ 1 (1283), ז׳ 1.

ער חזרט איבער די ווערטער פֿון דער גרופּע פֿא״ש אין 1899 וועגן עדעלשטאַטס פּערזענלעכקייט און זיין שייכות צו דער פֿא״ש פֿון די שפּעטערע יאָרן.

1925

51. קאַפּעלאָוו, י.

מ. קאַצס טעטיקייט אין דער אַנאַרכיסטישער און סאָצ. רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג.

דאָרט, ז׳ 25—26.

שילדערט דעם פֿינצטערן פֿייכטן קעלער, אין וועלכן עדעלשטאַט, אַ הונ־געריקער, האָט שווער געאַרבעט און געקראָגן אויסצערונג.

1926

52. ברענדעל, אולריך [פסעוודאָנים]

מאָריס ווינטשעווסקי.

אונדזער בוך, זש׳, ניו־יאָרק, אויגוסט, 1926, ז׳ 218.

רופֿט אָן עדעלשטאַטן „איידלשטאָט״, לויבט ווינטשעווסקין, אַז „זיינע אַרבעטער־לידער געהערן געוויס מער צו דער יידישער פּאָעזיע, ווי די גראַמען פֿון איידלשטאַט און באָוושאָווער — — — זיי זיינען פֿריי פֿון דער געשוואָלענער רעוואָלוציאָנערער באָמבאַסטיק, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר איידלשטאַטן און באָוושאָווערן״.

53. ליטוואַק, א. [ח. י. העלפֿאַנד].

דאָס יידישע אַרבעטער־ליד.

„וואָס געווען — עטיודן און זכרונות״, ווילנע־וואַרשע, פֿאַרלאַג קלעצקין, 1925—1926, זז׳ 226—242.

האַלט דאָס פּיאָנערישע אַרבעטער־ליד פֿאַר „בלויז אַ שטיקל אַגיטאַציע אין גראַמען״.

54. ליטוואַקאָוו, מ.

ירושה און העגעמאָניע.

א) דער עמעס, ט״צ, מאָסקווע, 14טן פֿעברואַר 1926, נומ׳ 37, ז׳ 2 ;
ב) אין אומרו, ב׳ 2, מאָסקווע, 1926, פֿאַרלאַג „שול און בוך״, ז׳ 9.

„אמת, אונדזער דיכטונג איז אין דעם פּרט גליקלעכער געווען. אָנגעהויבן האָט זי זיך אין געשטאַלט פֿון מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפֿעלד, עדעלשטאַט, באָוושאָווער, אַברהם רייזען אַלס דירעקטע אָפּשפּיגלונג פֿונעם אַרבעטער־קאַמף און אין ענגער פֿאַרבינדונג מיט אים. אָבער אויסער מאָריס ראָזענפֿעלד און אַברהם רייזען איז זי געווען גיכער אַ געמאַכטע איידער אַן אָרגאַנישע דיכטונג״. ליטוואַקאָוו האָט שפּעטער זיך אָפּגעזאָגט פֿון אָט דער מיינונג.

55. ניגער, ש.

מאָריס ווינטשעווסקי — צו זיין 70־יאָריקן געבורטסטאָג.

טאָג, ט״צ, ניו־יאָרק, 5טן סעפּטעמבער 1926.

פֿירט אויס : „עס וועלן דעם היינטיקן לעזער שוין גיכער נעמען די לידער פֿון אַן עדעלשטאַט [ווי ווינטשעווסקיס און אַנדערע], מחמת אין זיי איז כאָטש דאָ תּמימות און אַ געוויסער חן פֿון אומבאַהאָלפֿנקייט״.

56. רייזען, אַברהם.

עפּיזאָדן פֿון מיין לעבן — ליטעראַרישע דערינערונגען.

פֿרייהייט, ט״צ, ניו־יאָרק, 25טן נאָוועמבער 1926, נומ׳ 236 (1717), ז׳ 5.

„דאָס דאָזיקע ליד ׳אין קאַמף׳ האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן, לאַנג אומפֿאַרגעסלעכן רושם. די נאַאיווע, אָבער אין דער זעלבער צייט פֿלאַמענדע ווערטער, מיט דעם האַלב־טרויעריקן, האַלב־אויפֿמונטערנדן

ניגון, האָבן געוועקט און אויפֿגעקאָכט אין מיר די געפֿילן פֿון קאַמף קעגן די אונטערדריקונגען און מיין ׳נאָענטקייט׳ און אַפֿילו ליבע צו אונטערדריקטע״.

1927

57. **אַגורסקי, ש.**

צוויי פֿאַרגעסענע אַרבעטער־דיכטער — עדעלשטאַט און באָוו־שאָווער.

דער עמעס, ט״צ, מאָסקווע, 15טן מאַי 1927, נומ׳ 108, ז׳ 3.

ווייזט אָן אויף זייער וויכטיקייט. באַמערקט, אַז אין די פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיעס, וואָס זיינען אין די לעצטע צוועלעכע יאָר אַרויס, „געפֿינען מיר לידער פֿון די סאַמע יינגסטע פֿון אונדזערע דיכ־טער — — — אָבער איר קענט כמעט קיין איין ליד ניט געפֿינען פֿון אונדזערע ערשטע רעוואָלוציאָנערע דיכטער — עדעלשטאַט און באָווּשאָווער״.

(ש. אַגורסקי דערציילט, אין דעם זעלביקן אַרטיקל, אַז מ׳האָט עדעלשטאַטן געשטעלט אַ מצבה „צום 20טן יאָרצייט״. דאָס איז אַ טעות. באמת איז עס געווען אין נאָוועמבער 1915 — 23 יאָר נאָך עדעלשטאַטס טויט).

58. **ברעגמאַן, יעקב.**

צום 35טן יאָרצייט [פֿון דוד עדעלשטאַט].

יוגנט־פֿרייהייט, פּועלי־ציוניסטישער זש׳, וואַרשע, 1927, נומ׳ 3.

59. **ד—ס, מ. [דאַנציס, מרדכי].**

אין דער יידישער פּרעסע.

יידישעס טאַגעבלאַט, ט״צ, ניו־יאָרק, 27טן נאָוועמבער 1927, ז׳ 9.

„דוד עדעלשטאַט איז ניט געווען אונדזער דיכטער. אונדזערע נאַ־ציאָנאַלע ווייען און האָפֿענונגען זיינען אים געווען פֿרעמד. ער האָט באַלאַנגט צו אַ לאַגער, וואָס האָט אָנגעפֿירט אַ פֿאַרביסענעם קאַמף קעגן אַלצדינג, וואָס איז ביי אַ נאַציאָנאַלן יידן טייער און הייליק. ער איז אויך געווען מער פּראָפּאַגאַנדיסט ווי דיכטער, און אַלס פּאָ־עטישער שאַפֿער פֿאַרנעמט ער גאָר אַ קליינעם אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור״.

לויבנדיק שטאַרק אַן אַרטיקל וועגן עדעלשטאַטן פֿון שמואל ראָזשאַנסקי (זע נומ׳ 66) אין דער יידישער צייטונג פֿון אַרגענטינע, באַהויפּטעט ער, אַז די יידישע אַרבעטער אין ניו־יאָרק האָבן פֿאַרשוויגן עדעלשטאַטס 35טן יאָרצייט, וואָס איז לחלוטין פֿאַלש.

60. **וועוויאָרקע, אַ.**

אַראָפּ מיטן קליינבירגערלעכן חרם.

דער עמעס, ט״צ, מאָסקווע, 10טן אַפּריל 1927, נומ׳ 81, ז׳ 2.

פֿאָדערט, אַז די „אַקאַדעמישע ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט זאָל תיכּף איבער־

שאַצן די ווערטן, וואָס דאָס יידישע קליינבירגערטום האָט איינגעשטעלט" בנוגע צו די „פּראָלעטאַרישע דיכטער" ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער, זי זאָל „אַוועקשטעלן ווי געהעריק אויף אַ וויסנשאַפֿטלעכן יסוד די פֿאָרשונג פֿון אונדזער פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערער פּאָ־עזיע פֿון דער פֿאַרגאַנגענער עפּאָכע". וועוויאָרקע איז נאָך אָבער דע־מאָלט אַליין אויך ניט באַקאַנט געווען מיט עדעלשטאַטס שאַפֿן. ער ווייסט ניט אַפֿילו דעם נאָמען פֿון עדעלשטאַטס פּאָפּולער ליד „דער אָוונט־גלאָק", אויך ניט נאָך וועמען עדעלשטאַט האָט דאָס ליד באַ־אַרבעט. ער רעדט אויך וועגן ניט פֿאַראַנענע „בריוו, וואָס עדעלשטאַט האָט געשריבן צו אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערן". אינעם עמעס פֿונעם 12טן אַפּריל 1927 באַשטרייט נוסינאָוו (אינעם אַרטיקל „פֿאַרשפּע־טיקטע מאָראַל") וועוויאָרקעס באַהויפּטונג, אַז די סאָוועטישע ליטע־ראַטור־וויסנשאַפֿטלעכע אַנשטאַלטן זיינען דעמאָלט „אין זייער באַציאונג צו די פֿאַראָקטיאַברישע רעוואָלוציאָנערע דיכטער ראָזענפֿעלד, ווינ־טשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער א"אַנד ניט אָפּגעטראָטן פֿון דער אַל־געמיינער ליניע, וואָס די קליינבירגערלעכע עסטעטיק האָט איינגעשטעלט" (זע נומ' 190).

61. מרמר, קלמן,

דוד עדעלשטאַט — צו זיין 35טן יאָרצייט.

פֿרייהייט, ט"צ, 16טן אָקטאָבער 1927, נומ' 2038, זז' 3, 5.

„דוד עדעלשטאַט איז ניט געווען קיין זייטיקער, קיין דרויסנשטייענדיקער צווישן דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט געקענט דעם סוועט־שאַפּ [שוויס־פֿאַבריק] פֿון אייגענער דערפֿאַרונג. ער איז אויך געווען טעטיק אין קלאַסן־קאַמף; איז געווען אַ פּאַרטיי־טוער, אַ דעלעגאַט צו פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָרן, אַ רעדאַקטאָר פֿון אַן אַרבעטער־צייטונג, אַ פּובליציסט, אַ באַריכט־אָפּגעבער אד"גל. נאָר צוערשט איז ער געווען אַ דיכטער".

62. מנחם [באָריישאָ].

מיר אין אַמעריקע (וועגן דער יידישער ליטעראַטור).

שטערן, זש', מינסק, יאַנואַר, 1927, נומ' 1, זז' 35—36.

„אַמאָל האָבן יענע אויף די פֿאַבריקן געזונגען באָוושאָווער, עדעל־שטאַט, ווינטשעווסקי און ראָזענפֿעלד. — — — געווען פּובליציסטיק, טענדענץ, מגידות, ניט פּאָעטיש און ניט קינסטלעריש. — — — מע האָט זיי ליב ביז אויף היינטיקן טאָג. אין די שטעט און שטעטלעך, וואו די מאָדע פֿון 'ריינער קונסט' איז נאָך ניט דערגאַנגען. — — — קוויקט מען זיך נאָך איצט אויך מיט באָוושאָווערן און עדעלשטאַטן". (די רעדאַקציע שטערן האָט באַמערקט, אַז זי איז ניט מסכּים מיט מנחמס מיינונגען).

63. [— — —]

נאָטיצן פֿון רעדאַקציע.

נייוועלט, זש', בוענאָס־איירעס, דעצעמבער, 1927, נומ' 7, ז' 33.

דערקלערט, אַז עדעלשטאַטס לידער זיינען „פֿול מיט רעוואָלוציאָנערן אימפּעט און פּראָטעסט קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, צייכענען זיך אויס מיט טיפֿער אויפֿריכטיקייט און זיי האָבן פֿיל מיטגעטראָגן צו דער באַגייסטערונג פֿונעם קלאַסנקאַמף פֿונעם יידישן אַרבעטער״.

64. **ענטין, י.**

דוד עדעלשטאַט.

„יידישע פּאָעטן — האַנטבוך פֿון יידישער דיכטונג״, 2 בענד, ניו־יאָרק, אַרויסגעגעבן פֿון דער פֿאָלקשול־אָרגאַניזאַציע פֿון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד און פּועלי־ציון, 2טער טייל, 1927, ז׳ 113.

„עדעלשטאַט איז איינס פֿון די מאַרטירער־געשטאַלטן פֿון דער יידישער אַנאַרכיסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע״.

65. **[קאַהאַן, יוסף.]**

דער דיכטער פֿון גלויבן און ליבע.

פֿא״ש, וו״ב, ניו־יאָרק, 21טן אָקטאָבער 1927, ז׳ 1.

דער רעדאַקטאָר פֿון פֿא״ש רעדט וועגן עדעלשטאַטן אַלס אַ „היי־ליקן, אַן אַסקעט, אַ נביא״. זאָגט אָבער גאָרניט וועגן דעם עצם כאַ־ראַקטער פֿון זיינע לידער.

66. **ראָזשאַנסקי, שמואל.**

דוד עדעלשטאַט — דער פּאָעט אַגיטאַטאָר, 35 יאָר נאָך זיין טויט.

יידישע צייטונג, ט״צ, בוענאָס־איירעס, 16טן אָקטאָבער 1927, נומ׳ 3896, ז׳ 10.

„עדעלשטאַט איז מערער פּובליציסט ווי פּאָעט. אַזוי אין דער פֿאָרעם, ווי אין דעם אינהאַלט. — — — זיינע לידער באַרייכערן אונדז ניט און באַפֿליגלען [ניט]. פֿון פּאָעטישן שטאַנדפּונקט זיינען זיי פּובליציסטישע אַרטיקלען און פֿון פּובליציסטישן שטאַנדפּונקט זיינען זיי לידער...״ ראָזשאַנסקי גיט דאָרט אָן אַ פֿאַלשע דאַטע פֿון עדעלשטאַטס טויט, וועלכע ער חזרט איבער עטלעכע מאָל.

67. **שייער, ב.**

שוין לאַנג צייט געווען.

דער עמעס, ט״צ, מאָסקווע, 19טן אַפּריל 1927, נומ׳ 88, ז׳ 3.

„די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־אַרמיי האָט איר רעוואָלוציאָנערע יניקה הויפּטזעכלעך פֿון דער ליטעראַטור פֿון ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָװשאָווער״.

1928

68. **אויסלענדער, נ. וואָלקענשטיין, ד. לוריע, ע. פֿינינבערג.**

יידישע ליטעראַטור־כרעסטאָמאַטיע פֿון ליטעראַטור און קריטיק.

1טער טייל אונטער דער רעדאַקציע פֿון מ. לעוויטאַן. קיעוו, קאָאָפּעראַ־טיווער פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע״ 1928, זז׳ 350—341. אינהאַלט : 1)

ביאָגראַפֿיע; 2) ק. מרמר — „עדעלשטאַטס לעבן און שאַפֿן, זיין שטעלונג צו דיכטונג און דיכטער"; „עדעלשטאַט — דער זינגער פֿון אַרבעטער־נויט און רעוואָלוציאָנערן קאַמף"; 3) פֿראַגן און אויפֿגאַבן; 4) די וויכטיקסטע ווערק.

די ביאָגראַפֿיע גיט בלויז 4 דאַטעס פֿון עדעלשטאַטס לעבן: געבורט, אָנקום אין אַמעריקע, עדעלשטאַט אַלס רעדאַקטאָר פֿון פֿא"ש און טויט. דער אַרטיקל וועגן עדעלשטאַטס לעבן און שאַפֿן שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אידעאַליזאַציע פֿון עדעלשטאַטן. די פֿראַגן און אויפֿגאַבן זיינען: 1) פּובליציסטישער עלעמענט אין עדעלשטאַטס דיכטונג; 2) דער „טרערן־דיכטער" און דער רעוואָלוציאָנערער קריגער אין עדעלשטאַטס לידער; 3) פֿאַרגלייכונגען פֿון עדעלשטאַטס ליד מיט דעם ליד פֿון ראָזענפֿעלדן: מאָטיוון, שפּראַך און ליד־געבוי (עס ווערט אָבער ניט געגעבן קיין שום פֿאַרגלייך מיט ווינטשעווסקיס ליד). אַלס עדעלשטאַטס „וויכטיקע ווערק" ווערט אָנגעגעבן „שריפֿטן — ניו־יאָרק", אָנשטאָט די פֿולשטענדיקע אויסגאַבע פֿון לאָנדאָן, 1909.

אַלס אַן אַריינפֿיר איבער „דאָס רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־ליד" ווערן דאָרט געגעבן אַרטיקלען פֿון אַ. ליטווין און אַ. ליטוואַק.

69. אַלמי, אַ.

דוד עדעלשטאַט.

פֿאָרווערטס, ט"צ, ניו־יאָרק, 2טן דעצעמבער 1928, נומ' 11339, ז' 10.

דוד עדעלשטאַט איז געווען אַ „געמיש פֿון יעזוס און בודאַ". — „אין אים האָט שטענדיק געברענט אַ רעליגיעזער עקסטאַז". זיין באַציאונג צו דער נאַטור איז געווען „עכט יידיש — אומבאַוואוסט פֿאַר אים אַליין, אַ רעליגיעזע יידישער בליק". אין זיין „צוואָה"־ליד „פֿילט זיך אַזאַ שטאַרקע רעליגיעזע נאָטע" — „אַ באַווייז, אַז ער איז בתּוך געווען אַ רעליגיעזע נאַטור". — זיינע לידער, אָבער, זיינען „טרוקן, אָן פֿאַנטאַזיע"...

70. וועוויאָרקע, אַ.

רעוויזיע. (דער היפּנאָז פֿון דער יידישיסטישער עסטעטיק).

פּראָליט, זש', כאַרקאָוו, מאַי, 1928, נומ' 2, זז' 27—36.

„אויב די יידישע פּראָזע האָט אירע קלאַסיקער אין מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם, האָט די יידישע פּאָעזיע אירע קלאַסיקער אין ווינטשעווסקי, באָוושאָווער, עדעלשטאַט, מאָריס ראָזענפֿעלד און אַנדערע. די דאָזיקע דיכטער זיינען אין זייער צייט געווען די איינציקע מאָדערנע דיכטער. און — זאָל עס אַ גרילץ טאָן אין עסטעטישע אויערן! — אין געוויסע פּרטים אַ סך אָריגינעלער, אייגנאַרטיקער, ווי די פּראָזע־קלאַסיקער" (זע אָנמער' צו נומ' 81).

71. זשוקאָווסקי, מ.

מוט און וויסנשאַפֿט (מכּוח ח' וועוויאָרקעס רעוויזיע־אַרבעט).

דאָרט, אָקטאָבער 1928, נומ' 7, זז' 50—55.

שטייט נאָך אינגאַנצן אויף דעם שטאַנדפּונקט פֿון די קליינבירגערלעכע „עסטעטן", וועלכע ער האָט שפּעטער פֿאַראורטיילט, אַז „קלאַסיק האָט דערפֿאַר אַ ווערט פֿאַר דער גאַנצער ליטעראַטור — וואָס אירע מוסטער־האַפֿטע אָריענטירנדיקע שאַפֿונג־מיטלען זיינען דויערהאַפֿטיקער פֿאַר איר אידעאָלאָגישן פֿאַרנעם — — — ליטוואַקאָווס אָפּשאַצונג: זייער [ווינטשעווסקיס, עדעלשטאַטס, באָוושאָווערס] דיכטונג איז 'געווען גיכער אַ געמאַכטע איידער אַן אָרגאַנישע' איז בפֿירוש אַ ריכטיקע. אלא דאָס וואָרט 'געמאַכטע' איז דאָ אַ ביסל אומגעלונגען: ס'קאָן זיין אַן 'אָרגאַנישע' דיכטונג, דערביי אַ פּרימיטיווע; יעדנפֿאַלס, ניט קיין קלאַסישע".

72. קאָפּעלאָוו, י.

אַמאָל אין אַמעריקע — זכרונות פֿון דעם יידישן לעבן אין אַמע־ריקע אין די יאָרן 1883—1904.

וואַרשע, פֿאַרלאַג בזשאַזאַ, 1928, זז' 234, 246, 257—258, 260, 276—278, 283—285.

1929

73. אַגורסקי, ש.

דוד עדעלשטאַט (וועגן די ערשטע אַרבעטער דיכטער אין יידיש).

די רויטע וועלט, זש', כאַרקאָוו, פֿעברואַר־מערץ 1929, נומ' 2—3, ז' 175—181; אַפּריל, נומ' 4, זז' 102—115 (זע אָנמערק' צו נומ' 77).

74. אַלמי, א.

דרייסיק יאָר יידישע ליטעראַטור.

פֿא"ש, „יובילייזאַמלבוך", ניו־יאָרק, 1929 [ביילאַגע צו דער פֿא"ש, וו"ב, 27טן סעפּטעמבער, נומ' 1.] ז' 52.

דוד עדעלשטאַט און יוסף באָוושאָווער האָבן „נישט נאָר אין דער שפּראַך, נאָר אויך אין דער דיכטונג אין אַלגעמיין געזען ניט קיין זעלבסטצוועק, נאָר אַ מיטל, אַ מיטל פֿאַר דער פּראָפּאַגאַנדע, און דערפֿאַר האָבן זיי ביידע דעם מינדסטן אַכט ניט געלייגט אויף דער שיינקייט פֿון לשון און כסדר געבראַקט דייטשמעריש".

75. בראָנשטיין, י.

דער סטילן־קאַמף אינעם פּעריאָד פֿון מיליטערישן קאָמוניזם.

א) פּראָליט, זש', כאַרקאָוו, נאָוועמבער־דעצעמבער 1929, נומ' 11—12, זז' 62—87; פֿעברואַר, 1930, נומ' 2, זז' 66—77; מערץ־אַפּריל, נומ' 3—4, זז' 108—122; מאַי, נומ' 5, זז' 66—82.

ב) אַטאַקע, ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען. מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק, צענטראַלער פֿעלקער־פֿאַרלאַג, 1930, זז' 19—67.

רייסט אַרונטער די קריטיק, וואָס איז „קעגן די טראַדיציעס פֿון באָוו־שאָווער, עדעלשטאַט און ווינטשעווסקי אין דער רעוואָלוציאָנערער לי־

טעראַטור״ און דעמאַסקירט זי אַלס „קלאַסן־עסטעטיק״; אונטערשטרייכט דעם איינפלוס פון דער „באָוושאָווער־עדעלשטאַט־טראַדיציע אויך אויפן גאַר יונגן דור אַרבעטער פּאָעטן״: „פון באָוושאָווערן, עדעלשטאַטן, ווינטשעווסקין, ראָזענפעלדן אַזוי האָט דער יעווסעקישער מאַסאָווער אַרבעטער־פּאָעט געגומען זיין בילדער־וועלט, זיין לעקסיק, זיין סינ־טאַקסיס, זיין מעטער און אַפילו דעם גראַם״. ווייזט אויך אָן אויף די גרינטלעכע אונטערשיידן ביי די ביידערליי דיכטער און באַמערקט, אַז די „קאַפּיטאַליסטישע שוויס־סיסטעם פון די אַמעריקאַנער פאַבריקן״ האָט אויך ניט געקענט אַרויסרופן ביי די אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער־פּאָעטן אין דער געהעריקער מאָס דעם באַוואוסטזיין פון שטאָלץ פאַר דער מאַשין״. „אי ראָזענפעלד, אי עדעלשטאַט האָבן אין אַ גרעסערער מאָס אויפגעפּאַסט דעם טומל פון דער ׳ווילדער מאַשין׳ איידער דעם שטאָלצן באַוואוסטזיין פון אַ נייער מאַשין־קראַפט, וואָס איז באַרופן רעוואָלוציאָניזירן די געשיכטע פון דער מאָדערנער מענטשהייט״.

76. ליטוואַקאָוו, מ.

אברהם רייזען.

„ביבליאָטעק יידישע שרייבער״: „אַ. רייזען־דערציילונגען״, קיעוו, קאָאָ־פעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע״, 1929, ז׳ 7.

כאַראַקטעריזירט די דיכטונג פון פרוג און פרץ און שטעלט איר אַנטקעגן „די פּראָלעטאַרישע דיכטונג, וועלכע האָט אויך דאָן אין די 80־ער יאָרן אָנגעהויבן אויפגיין, — די דיכטונג פון מאָריס ווינ־טשעווסקי, דוד עדעלשטאַט״.

1930

77. אַגורסקי, ש.

דוד עדעלשטאַט (זיין לעבן און שאַפן).

„דוד עדעלשטאַט: לידער פון נויט און קאַמף״, מאָסקווע, פאַרלאַג „דער עמעס״, 1930, ז״ז 5—44.

איבערגעאַרבעט פון די אַרטיקלען אין דער רויטער וועלט, געמאַכט אַ ריי אויסבעסערונגען. פאַראַן נאָך דאָרט עלעמענטן פון אידעאַליזאַ־ציע און עס זיינען פאַרבליבן אַ ריי ביאָגראַפישע טעותים, צ״ב, אַז עדעלשטאַט איז אין אַ געוויסער צייט „אויך געווען אונטער דער וויר־קונג פון מאַרקסיסטישע אידייען״ (ז׳ 29), וואָס איז ניט ריכטיק. עדעלשטאַטס ווערטער: „מיר האָבן אויך נייע פּראָפעטן — בערנע, לאַסאַל, קאַרל מאַרקס״ זיינען פאַר דעם קיין שום באַווייז ניט. אין יענע צייטן האָבן אַנאַרכיסטן געזוכט צו באַגרינדן זייערע טעאָריעס מיט ציטאַטעס פון מאַרקס און ענגעלס. טעותים זיינען אויך, אַז „ישראל בן עולם״ (דער שניידער־אַרבעטער ישראל באַרסקי) איז מאָ־ריס ווינטשעווסקי, אַז די פּא״ש האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין 1891 (פאַקטיש אין יולי 1890); אַז „די נייע זשורנאַליסטישע אַרבעט האָט געצוואונגען עדעלשטאַטן זיך באַזעצן אין ניו־יאָרק (ז׳ 30). דער

אמת איז, אַז עדעלשטאַט איז געקומען קיין ניו־יאָרק אין 1888 זוכן אַרבעט נאָך איידער ער האָט געקענט שרייבן אין יידיש (זע ביאָגראַ־פיע, קאַפּיטל 7).

78. אָגורסקי, ש.

יוסף באָוושאָווער און זיין צייט.

רויטע וועלט, זש׳, כאַרקאָוו, מערץ, 1930, נומ׳ 3, ז׳ 132.

„אַלע דריי, ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער, האָבן זייער דיכ־טעריש שאַפן געמאַכט פאַר אַן אַגיטיר־מיטל צו וועקן דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער־מאַסן צו קעמפן קעגן דער מורדי־קער עקספּלואַטאַציע און פאַרשקלאַפונג״.

79. אָגורסקי, ש.

דער כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער ביז דער אַנטשטייאונג פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ.

צייטשריפט, ז״ב, מינסק, אויסגאַבע פון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, 1930, באַנד 4, ז׳ 249.

וועגן עדעלשטאַטס שייכות צו דער באַוועגונג. דערמאָנט, אַז צווישן די „יידישע רעוואָלוציאָנערן״, וואָס האָבן געחלומט „וועגן פאָרן אין אַמעריקע און דאָרט גרינדן קאָמוניסטישע קאָלאָניעס״ איז „אויך געווען דער באַרימטער יידישער פּראָלעטאַרישער דיכטער דוד עדעל־שטאַט, וואָס איז מיט אַ גרופּע ׳עם עולם׳ אַוועקגעפאָרן אין אַמעריקע און געטרוימט שאַפן אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניע״.

80. דובילעט, מ.

י. באָוושאָווער אין דער אַרבעט־שול (צו זיין 15טן יאָרצייט).

א) ראַטנבילדונג, זש׳, קיעוו, קאָאָפּ. פאַרלאַג „קולטור־ליגע״, 1930, ז׳ 79 ;

ב) פאָרוואָרט צו „י. באָוושאָווערס לידער״ פון דעם זעלביקן פאַרלאַג, 1930.

האַלט, אַז עדעלשטאַט, ווינטשעווסקי און ראָזענפעלד האָבן געהאַט „אַ געוויסע ווירקונג אויף באָוושאָווערן״.

81. וועוויאָרקע, אַ.

אונדזער יחוס (וועגן די ערשטע אַרבעטער־פּאָעטן אין יידיש).

דער שטערן, זש׳, מינסק, אַפּריל 1930, נומ׳ 4, זז׳ 132—139 ; מאַי־יוני, נומ׳ 5—6 ; יולי־אויגוסט, נומ׳ 7־8, זז׳ 76—80.

אין זיין באַגייסטערטער פּיאָנערישער ראָלע, אויסצוקעמפן פולע אָנער־קענונג פאַר ווינטשעווסקין, עדעלשטאַטן, ראָזענפעלדן און באָוושאָ־ווערן, טרייבט איבער אַ. וועוויאָרקע, סיי אין זיין אידעאַליזירן זיי אַלס פּראָלעטאַרישע דיכטער און סיי אין זיין אונטערשאַצן די קלאַ־סיקער מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם און אין זיין מינימיזירן דעם ווערט פון זייער ליטעראַרישער ירושה (זע נומ׳ 70).

82. זשוקאָווסקי, מ.

ווי אַזוי אַל. פֿינקל אינפֿאָרמירט דעם אוקראַיִנישן לייענער.

פּראָליט, זש׳, כאַרקאָוו, מײַ 1930, נומ׳ 5, זז׳ 46—50.

„רעדנדיק וועגן דער ביז אַקטאָבערישער דיכטונג, דערמאָנט ער [אַל. פֿינקל] מיט קיין איין וואָרט ניט די ווינטשעווסקי־עדעלשטאַט־באָוושאָווער־גרופּע און אויכעט ראָזענפֿעלדן, פּונקט ווי די דאָזיקע פּיאָנערן פֿון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער ליד האָבן אינגאַנצן ניט עקזיסטירט אויף דער וועלט" — — — „די קעמפֿערישע רעוואָלוציאָנערע פּאַטעטיק — — — שמעקט ניט אַלע ׳אונדזערע׳ קליינבירגערלעכע עסטעטן".

83. זשוקאָווסקי, מ.

רייזען איז מיט אונדז [צו זיין באַזוך אין ראַטן־פֿאַרבאַנד].

דאָרט, נאָוועמבער־דעצעמבער, נומ׳ 8־9, זז׳ 90—103.

שעווטשענקאָס לידער מאַכן אַ גרעסערן רושם פֿאַר עדעלשטאַטס (די רייד איז דאָ, נאַטירלעך, ניט וועגן דעם קינסטלערישן פֿאַרגלייך צווישן דעם פּרימיטיוון עדעלשטאַטן און געניאַלן ׳קאָבזאַר׳־מחבר; אָבער סאָציאַל גענומען איז דאָך עדעלשטאַט נעענטער פֿאַר שעווטשענקאָן".

84. [— — —]

עדיטאָריעלע נאָטיצן [לייטאַרטיקל].

יוניאָן־סקווער, ז״ב, ניו־יאָרק, דעצעמבער 1930, זז׳ 5—6.

אידעאַליזירט די ערשטע רעוואָלוציאָנערע יידישע דיכטער. דערקלערט, אַז דער „ערשטער פּעריאָד אין פּראָלעטאַרישן שאַפֿן אין אַמעריקע — — איז געווען אַ פּראָלעטאַרישער פּעריאָד. מאָריס ראָזענפֿעלד, דער טרערן־מיליאָנער, עדעלשטאַט, באָוושאָווער און ווינטשעווסקי, זיינען אויסגעוואַקסן אין אַ פּעריאָד פֿון אומגעהויערע ליידן צווישן דער יידיש־עמיגראַנטישער האָרעפּאַשנער מאַסע".

85. סלוצקי, ב.

דוד עדעלשטאַט.

א) אַפּריים־קאַלענדאַר אויפֿן 1931 יאָר. צענטער־פֿאַרלאַג, מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק, 25טן דעצעמבער 1930;

ב) דאָרט, אויף 1932 יאָר, כאַרקאָוו—קיעוו, 16טן דעצעמבער 1931.

„אַלע זיינע לידער זיינען דורכגעדרונגען מיט שטאַרקן האַס צו דער זעלבסטהערשונג, מיט הייסע ליבע צום אַרבעטער־קלאַס און זיינען פֿול מיט רעוואָלוציאָנערן אימפּעט".

86. עפּשטיין, שכנא.

די יידישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור און די פּראָלעטאַרישע שרייבער־אָרגאַניזאַציעס.

רויטע וועלט, זש׳, כאַרקאָוו, מערץ 1930, נומ׳ 3, ז׳ 122.

דערקלערט, אַז דער סטיל פֿון די ערשטע אַרבעטער־דיכטער קען אונדז שוין ניט דינען „ווי אַ רעזערוואַר, ווי אַ מוסטער".

87. פּאַקס, ש.

יאַ זשאַרגאָן, ניט זשאַרגאָן.

וואַן, וו"ב, ניו־יאָרק, 14טן פֿעברואַר 1930, נומ' 20, ז' 19.

גיט איבער אַ רעדע פֿונעם דיכטער מאַני לייב (אַ פֿירער פֿון דער גרופּע „יונגע"), אין וועלכער ער דערקלערט, אַז די יידישע דיכטונג פֿונעם ווינטשעווסקי־עדעלשטאַט־פּעריאָד האָט געצויגן איר יניקה פֿונעם העברייאיש־משכּילישן עלעמענט און איז געווען „מייסטנס אַ פּובליציסטיש־געדאַנקלעכע" — „צו פריידיקן די אָדער יענע אידייע".

88. פֿיינבערג, ל.

די „יונגע".

די יידישע פּאָעזיע אין אַמעריקע

דאָרט, 21טן מערץ, נומ' 25, ז' 14.

איז איינשטימיק מיט דער שטעלונג פֿון די „יונגע" צו „עדעלשטאַט, באָווּשאָווער, ראָזענפֿעלד" (זע נומ' 40, 87). גיט צו, אַז „מע האָט געדאַרפֿט קעמפֿן" קעגן זייער „ניט־בילדלעכער, אומקינסטלערישער סאָציאַלער דיכטונג". אים געפֿעלן אָבער ניט די „קאַמף־מיטלען" און דער „קעגן־גיפֿט" פֿון די „יונגע".

89. קאָן, יאָסל.

צו וועמען טענות.

מאָרגן־פֿרייהייט, ט"צ, ניו־יאָרק, 10טן פֿעברואַר 1930, נומ' 237 (7728), ז' 5.

דריקט אויס זיין אומצופֿרידנקייט מיט דער ירושה פֿון דער פּיאָנערישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור: „היינטיקן קינסטלער" (וואָס וויל שרייבן פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטערשאַפֿט) „קומט נאָך אויס צו שאַפֿן פֿאַר אַ מאַסע, וואָס טראָגט אין זיך די איינגעוואָקסענע טראַדיציע פֿון באָווּשאָווערס, עדעלשטאַטס און ראָזענפֿעלדס לידער־זינגעריי".

די רעדאַקציע מאָרגן־פֿרייהייט באַמערקט דאָרט, אַז זי „איז לחלוטין ניט מסכּים מיט יאָסל קאָנס צוגאַנג און זיין אויספֿיר".

90. קאַרמאַן, ע.

אַן אַלטער פּזמון וועגן די „יונגע".

פֿאָ"ש, וו"ב, ניו־יאָרק, 16טן מאַי 1930, ז' 4.

פּרוּווט אויסלאַכן די מיינונג, אַז אין די לידער פֿון „עדעלשטאַט, באָווּשאָווער און מאָריס ראָזענפֿעלד געפֿינען זיך קאָמפּלוסטיקייט, דערהויבנקייט, האָפֿערדיקייט", אַז אָט „די אַלטע דיכטער לעבן נאָך", בעת די דיכטער פֿון דער גרופּע „יונגע" גייען אונטער.

91. שוואַרצמאַן, פֿרויקע.

דער וועג צו אַ פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

מאָרגן־פֿרייהייט, ט״צ, ניו־יאָרק, 27טן יאַנואַר 1930, נומ׳ 223 (7714), ז׳ 5.

„די אַרבעטער האָבן געקענט, ליב געהאַט און פֿאַרשטאַנען אין זייער צייט מאָריס ראָזענפֿעלדן, עדעלשטאַטן און באָװשאָװערן. — — — זיי האָבן אָבער קיינמאָל (אפֿשר מיט זעלטענע אויסנאַמען) ניט געזונגען די לידער פֿון לייוויק און פֿון אונדזערע יונגע דיכטער״.

פֿאַקטיש ווערן געליבט, פֿאַרשטאַנען און געזונגען אויך „אונדזערע יונגע דיכטער״.

92. פֿינינבערג, עזרא.

פֿון מאָריס ווינטשעווסקי צו יוסף באָװשאָװער (צוויי דאַטעס אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער פּראָלעטאַרישער דיכטונג).

דער עמעס, ט״צ, מאָסקווע, 26טן דעצעמבער 1930, נומ׳ 298 (2927), ז׳ 3 ; נומ׳ 299 (2928), זז׳ 2, 3.

זעט אין עדעלשטאַטן : „אַן ענטוזיאַסטישן דיכטער־פּובליציסט, אַ סענטימענטאַלן ראָמאַנטיקער, אַ זינגער פֿון רעוואָלוציאָנערער העראָאיק, אַ קלאָגער אויף די ווייטיקן פֿון דער ליידנדער מענטשהייט״. „דער דאָזיקער ׳וואָס אויפֿן לונג, דאָס אויפֿן צונג׳ האָט אָפֿט פֿאַרביטן ביי ד. עדעלשטאַטן בילד און געשטאַלט, פֿאַרב און מוזיק״. העכער שעצט פֿינינבערג „ווינטשעווסקיס און עדעלשטאַטס געטרייען, נאָר אָפֿט צו טרוקענע, אָדער צו ווייכע סענטימענטאַלע רעוואָלוציע־ליד״. „דוד עדעלשטאַטס ליד האָט די ערשטע אַריינגעבראַכט אין דער יידישער דיכטונג דאָס געזאַנג וועגן די גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין איראָפּע און אין אַמעריקע. — — — איבער דער ׳ישראליק׳־דיכטונג האָט פֿון דוד עדעלשטאַטס לידער אַ הויך געטאָן מיט יאַקאָבינער, מיט פֿאָלקס־מאַרטירער, מיט ענטוזיאַסטישן רעוואָלוציע־קאַמף, מיט די תּליות פֿון זשעליאַבאָוו און אוליאַנאָוו, מיט פּערליאַשעז״. „נאַקעטער און אָפֿט נאָך בייסיקער, גאַליקער ווי ביי ווינטשעווסקין זיינען עדעלשטאַטס סאַטירעס — — — אין די סאַטירעס האָט זיך שיין און שטאַרק אויסגעדריקט עדעלשטאַט דער טעמפּעראַמענטפֿולער דיכטער־פּובליציסט״ (זע נומ׳ 95, 97 וועגן דער פּאָלעמיק קעגן פֿינינבערגס אַרויסזאָגונגען).

1931

93. אָרשאַנסקי, ב.

יידישע פּאָעזיע אין ווייסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע. פּרואוון פֿון אַן אויספֿאָרשונג.

א) צייטשריפֿט, מינסק, אויסגאַבע פֿון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע, יידישער סעקטאָר, ב׳ 5, 1931, זז׳ 20—28.

ב) די יידישע ליטעראַטור אין ווייסרוסלאַנד..., מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק, צענטער־פֿאַרלאַג, 1931, זז׳ 12, 37, 47—62.

ווייזט אָן, אַז „וועגן אַזאַ עמאַציאָנעל שטאַרקן, אמת, פאָרמעל גאַנץ אָפּט אומבאַהאָלפענעם פּאָעט, ווי ד. עדעלשטאַט, וואָס האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע ווירקונג אויף דורות יידישע מאַסן, איז אין דער יידישער קריטיק כמעט קיין וואָרט ניטאָ". דערקלערט, אַז „די עפּאָכע פון דער ערשטער רעוואָלוציע, אָנהייבנדיק פון די 80ער יאָרן — — — איז געווען די עפּאָכע פון דער בליענדיקער רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע, ווען ס'זיינען אויפגעגאַנגען די קלאַסיקער פון דער דאָזיקער פּאָעזיע: מ. ווינטשעווסקי, ד. עדעלשטאַט, י. באָווּשאָווער און מאָריס ראָזענפעלד (פון דעם ערשטן פּעריאָד)". ער אונטערשטרייכט אָבער ניט גענוג, אַז אין אָט דער פּיאָנערישער רעוואָלוציאָנערער יידישער דיכטונג האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעשפּיגלט דער קלאַסן־קאַמף אויפן ענגליש־אַמעריקאַנישן באָדן. אָרשאַנסקי מאַכט אויך אַ טעות, ציטירנדיק עדעל־שטאַטס ליד „אַ שטיקעלע ברויט" אַלס י. באָווּשאָווערס אַ שאַפונג.

94. בראָנשטיין, י.

ליטעראַרישע קריטישע סך־הכלען (אויך וועגן די קריטישע אַר־טיקלען איבער דער פּאָעזיע פון די ערשטע יידישע אַרבעטער־דיכטער).

צייטשריפט, ז"ב, מינסק, אויסגאַבע פון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, 1931, ב' 5, זז' 301—305.

„אינעם סטיל פון דער יידישער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־פּאָעזיע שטעקן נאָך בפירוש גרויסע שעפערישע סטיל־כוחות (אַ סך מער איידער ביי פּרצן), וואָס קענען ביים ווייטערדיקן וואוקס באַפרוכפּערן באַשטימטע זשאַנרען פון אונדזער מאָדערנער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע".

95. גורשטיין, אַ.

דיכטערישע פאַנטאַסטיק (אַן ענטפער דעם ח' אַ. קושניראָוו).

דער עמעס, ט"צ, מאָסקע, 29טן מערץ 1931, נומ' 70 (3001), ז' 2.

פאַרטיידיקט פיניבערגס אַרויסזאָגונגען וועגן דער דיכטונג פון ווינ־טשעווסקין און עדעלשטאַטן (זע נומ' 92).

96. דאָברושין, י.

פאָלקלאָריסטישע וויגליד פון אַרבעט און פרייהייט.

א) צייטשריפט, ז"ב, מינסק, ב' 5, 1931.

ב) אין איבערבליק (ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען), מאָסקווע, פאַר־לאַג „עמעס", 1932, ז' 292.

„אין די אַלע קעמפערישע וויג־געזאַנגען הערשט אַ נייע שפּראַך, אַ נייער פאָלקס־סטיל — דער סטיל פון האַרטער, קאָנקרעטער, פון דער רעוואָלוציאָנערער אויפפאַסונג שטאַמענדיקער אַרבעטער־שפּראַך — — — דאָ מוז מען אונטערשטרייכן די ווירקונג פון דער רעוואָלוציאָ־נערער דיכטונג פון ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט און באָווּשאָווער, הגם זי אַליין איז געווען אינטערעסאַנט באַווירקט פון פרייהייט־פאָלקלאָר".

97. וועוויאָרקע, אַ.

פֿאַר פּולער אָנערקענונג.

א) פּראָליט, זש׳, כאַרקאָוו, מערץ, 1931, נומ׳ 3, ז׳ 66—85.

ב) אין שטראָם, כאַרקאָוו—קיעוו, אוקרמלוכה נאַצמינדפֿאַרלאַג, 1932, ז׳ 56—76.

אין זיין פּאָלעמיק קעגן פֿיניבערגס אַרטיקל וועגן דער דיכטונג פֿון ווינטשעווסקי און עדעלשטאַט (זע: נומ׳ 92), ווייזט אָן וועוויאָרקע, אַז „ניט געקוקט דערויף״, וואָס מיר געפֿינען „אין געוויסע לידער פֿון באָװשאָװער און עדעלשטאַט״ די שטימונגען פֿון יענעם „פּראָלעטאַרישן שיכט, וועלכער שטעקט נאָך מיט זיינע געהירן אינעם קליינבירגערלעכן נעכטן״, זיינען באָװשאָװער און עדעלשטאַט אינעם גרעסטן טייל פֿון זייערע דיכטונגען פֿריי פֿון דעם קליינבירגערלעכן צינד־רעוואָלוציאָניזם. ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן זיך גערעכנט צום אַנאַרכיסטישן לאַגער, האָט ביי זיי גובר געווען דער פּראָלעטאַרישער חוש און אינסטינקט. אינעם גרעסטן טייל פֿון זייערע לידער זיינען זיי דורכאויס פּראָלעטאַריש, קאָלעקטיוויסטיש, קלאַסנדיק און אָפּטימיסטיש״. דער אַרטיקל אַנטהאַלט אַ היפּשע מאָס אידעאַליזאַציע.

98. וועוויאָרקע, אַ.

וועגן דער פּראָלעטאַרישער ירושה.

וועגן „שעפּערישן מעטאָד אין דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור״.

(פֿאַרטראַג, געהאַלטן אויף דער 2טער אַלאוקראַינישער קאָנפֿערענץ פֿון יידישע פּראָלעטאַרישע שרייבער).

פּראָליט, זש׳, כאַרקאָוו, אַפּריל־מאַי 1931, נומ׳ 4—5, ז׳ 77—82.

איבערגעחזרט זיינע אַרויסזאָגונגען וועגן עדעלשטאַטן און באָװשאָװערן אינעם אַרטיקל „פֿאַר פּולער אָנערקענונג״.

99. וועוויאָרקע, אַ.

רעוויזיע.

כאַרקאָוו—קיעוו, מלוכה־פֿאַרלאַג „ליטעראַטור און קונסט״, 22טן מערץ 1931.

אַחוץ זיין סעריע אַרטיקלען „אונדזער יחוס״ (זע: נומ׳ 81) נעמט אַריין וועוויאָרקע אין זיין פֿאָדערונג פֿאַר אַ „רעוויזיע״ אויך שמ״רן און דעם שמ״ריזם, וואָס איז שאַרף פֿאַראורטיילט געוואָרן פֿון דעם סאָוועטישן ליטעראַטור־היסטאָריקער און קריטיקער מאיר ווינער.

100. ליטוואָקאָוו, מ.

וועגן די ערשטע פּראָלעטאַרישע דיכטער.

אויף צווי פֿראָנטן, מאָסקווע, צענטער־פֿאַרלאַג, 1931, ז׳ 172—174.

רעווידירט זיין פֿריערדיקע אָפּשאַצונג (פֿון 1926) פֿון די ערשטע יידישע אַרבעטער־דיכטער (זע: נומ׳ 54), האַלט פֿאַר ריכטיק, אַז גלייכצייטיק

מיט „דאָס אויפֿדעקן דעם סאָציאָלאָגישן עקוויוואַלענט" פֿון אַ ווערק, דאַרף די מאַטעריאַליסטישע קריטיק אויך זוכן דאָרט „קינסטלערישע מעלות". זיין פֿעלער אָבער איז געווען, זאָגט ער, וואָס „אונטער־שטרייכנדיק אין אַ געוויסן מאָמענט צוליב געוויסע אַקטועלע צוועקן די קינסטלערישע שוואַכקייטן ביי אייניקע פֿון זיי (ווינטשעווסקי, עדעל־שטאַט, באָוושאָווער)", האָט ער אין דער זעלבער צייט „ניט אָנגעוויזן אויף זייערע שטאַרקע זייטן און אויפֿן קינסטלערישן ווערט אין אַל־געמיין פֿון זייערע אַלעמענס ווערק".

101. מאַקאַגאָן, אַ. און קאַזאַקעוויטש ה.
ד. עדעלשטאַט
אין קאַמף, אַרבעט־בוך אויף שפּראַך, ליטעראַטור און געזעלשאַפֿט־קענטעניש פֿאַרן 4טן לערניאָר. קיעוו, קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", 1931, זז' 99—101.
„עדעלשטאַט באַווייזט ניט נאָר דעם אַרבעטערס לאַגע. ער רופֿט אויך צום קאַמף — — — אָפֿט זיינען זיינע לידער דורכגעדרונגען מיט אמתער רעוואָלוציאָנערער קעמפֿערישער מוטערקייט — — — ער ווערט אַ סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר און געזעלשאַפֿטלעכער טוער, כאָטש דערצו איז ער געווען קנאַפּ צוגעגרייט טעאָרעטיש". די אוי־טאָרס מאַכן אָבער דערפֿון דעם פֿאַלשן אויספֿיר, אַז דאָס איז געווען די איינציקע סיבה פֿון זיין אַנאַרכיזם, אַז „דאָס טאַקע האָט אים גע־בראַכט דערצו, אַז ער איז געוואָרן אַן אַנאַרכיסט".
אינעם ביאָגראַפֿישן טייל זיינען פֿאַראַן אייניקע טעותים אָדער דרוק־פֿעלער, צ"ב, אַז עדעלשטאַט האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע אין 1872 (אַנשטאָט 1882), אַז ער איז געוואָרן אַן אַרבעטער ביי אַ קנעפּלעך־מאַשין (אַנשטאָט אַ קנאָפּלאָך־מאַשין — אַ מאַשין אויף אויסנייען קנאָפּ־לעכער), אַז די פֿא"ש איז געווען אַ זשורנאַל (אַנשטאָט אַ וואָכן־בלאַט).

102. ניימאַרק, ד.
אַ זינגער פֿון נויט, אַרבעט און קאַמף.
יוגנט־וועקער, צווייוועכנטלעך, וואַרשע, 1931, נומ' 13, ז' 13 ; נומ' 14, זז' 12—13.
דערציילט ניט ריכטיק, אַז עדעלשטאַט האָט „אָנגעהויבן אַלס 'נאַראָדאָוואָליעץ', שפּעטער אַ סאָציאַליסט און לסוף אַן אַנאַרכיסט".
ער נעמט אָן עדעלשטאַטס דערציילונג „ווערא" ווי אַ פֿאַקטישע אויטאָ־ביאָגראַפֿיע און אַז עדעלשטאַט „איז אַמאָל אַרויסגעפֿאָרן אויף אַ זומער־וואוינונג צו זיינעם אַ רייכן קרוב" (אַנשטאָט צו אַ „באַקאַנטע" פֿאַמיליע, ווי אין דער דערציילונג „ווערא"), אַז „מען האָט עדעלשטאַטן געהייסן צוגרייטן עפּעס אַ פֿיין געדיכט צו ווייזן דעם גאַסט. ער האָט עטלעכע טעג און נעכט געאַרבעט איבער אַ ליד. ענדלעך איז דאָס ליד פֿאַרטיק געווען". (אין „ווערא" ווערט דערציילט, אַז דער יונגער דיכטער האָט ביינאַכט דורכגעקוקט זיין העפֿט לידער און פֿון דאָרט אויסגעקליבן „אַ

גערדיכט, וואָס אַלע האָבן זייער געלויבט", עס פֿאַרצולייענען פֿאַר דעם גאַסט).

103. פּאָמעראַנץ, י.

יוסף באָווּשאָווער און זיין ליטעראַרישע ירושה.

האָמער, זש', ניו־יאָרק, פֿעברואַר 1931, נומ' 2, ז' 45.

„עדעלשטאַט, באָווּשאָווער און ראָזענפֿעלד, די ערשטע יידישע אַרבע־טער־דיכטער, זיינען דורכגעגאַנגען די — — — 'סוועט־שעפּער' און דאָס פֿילט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זייערע לידער".

104. פּעפּער, איציק און פֿינינבערג, עזרא.

פֿון די צונויפֿשטעלער.

מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָווּשאָווער — געקליבענע לידער, קיעוו, קאָאָפּ. פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", 1931, ז' 5—7.

„די רעוואָלוציאָנערע, פּראָלעטאַרישע דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט און יוסף באָווּשאָווער" — דערקלערן די צונויפֿשטעלער — „האָבן געשאַפֿן אין סאַמע אָנהייב פֿון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג און אין סאַמע אָנהייב פֿון דער יידישער ליטעראַטור. זיי זיינען געווען ניט נאָר די ערשטע רעוואָלוציאָנערע דיכטער, נאָר בכלל די ערשטע יידישע דיכטער. גרויס איז זייער באַטייט סיי פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס, סיי פֿאַר אונדזער ליטעראַטור".

דאָס איז איבערגעטריבן. „בכלל די ערשטע יידישע דיכטער" זיינען זיי ניט געווען.

105. צווייג, אַ. ר. [ראָזענצווייג]

יוסף באָווּשאָווערס שאַפֿן און זיינע סאָציאַל־אידעאָלאָגישע וואָרצלען.

רויטע וועלט, יאַנואַר־פֿעברואַר 1931, נומ' 1־2, ז' 204—207.

„ס'איז אַ פֿאַקט, אַז עדעלשטאַטס דיכטונג איז פֿיל ענגער און אָר־גאַנישער, ווי באָווּשאָווערס, געווען פֿאַרבונדן מיטן לעבן פֿונעם אַר־בעטער־קלאַס. עדעלשטאַט רעדט תּמיד אינעם נאָמען פֿונעם פּראָלע־טאַריאַט, וואו ער גיט אויך 'קאָנקרעטע בילדער פֿון נויט און פּיין' און דערפֿאַר טאַקע האָט מען געזונגען זיינע לידער אויף אַרבעטער־פֿאַר־זאַמלונגען און 'בעת דער אַרבעט'".

צווייג טרייבט איבער, ווען ער זאָגט, אַז „עדעלשטאַט, אַזוי ווי ווינטשעווסקי, האָט גערופֿן צו סטרייקן, צו דעמאָנסטראַציעס, צו פּאָ־ליטישן קאַמף" (פֿון וועלכן ער איז אַלס אַנאַרכיסט געווען אַ פּרינ־ציפּיעלער קעגנער). אַ טעות איז אויך, אַז עדעלשטאַט איז „געווען אַ געוויסע צייט אונטער דער ווירקונג פֿון מאַרקסיסטישע אידייען", און צווישן זיינע לערער ווייזט ער אָן די גרינדער פֿון וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם („מיר האָבן אויך נייע פּראָפֿעטן — בערנע, לאַסאַל, קאַרל מאַרקס"). לויט אַזאַ אויסטייטשן עדעלשטאַטן קומט אויס, אַז בערנע,

לאַסאַל, קאַרל מאַרקס זיינען אַלע גלייך „גרינדער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם״... (זע: אַנמער׳ צו נומ׳ 77).

106. קאַץ, משה [מ. כץ].

פאָרוואָרט.

דער אַרבעטער אין דער יידישער ליטעראַטור, ליטעראַרישע זאַמלונג, רע־דאַגירט פון י. ראַבינאָוויטש, מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק, צענטער־פאַר־לאַג, 1931, ז׳ 4.

„דעם אַרבעטער אַלס אַרבעטער און ניט אַלס האַרעפּאַשניק בכלל׳ טרעפן מיר זייער זעלטן און בלויז אַלס עפּיזאָדישע פיגור אין דער פאַראָקטאָבערישער יידישער ליטעראַטור — — — אַן אויסנאַם, פאַר־שטייט זיך, זיינען אַזוינע שרייבער ווי ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוו־שאָווער, וואָס האָבן לכתחילה געשריבן פאַרן אַרבעטער און וועגן אַר־בעטער״.

107. קורלאַנד, י. ד.

אַריינפיר, דוד עדעלשטאַט (וויכטיקסטע ביאָגראַפישע ידיעות) — ביבליאָגראַפיע פאַרן לערער.

די ערשטע יידישע אַרבעטער־דיכטער (מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער), ביבליאָטעק פאַר דער שול, נומ׳ 1, מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק, צענטראַלער פעלקער־פאַרלאַג, 1931, זז׳ 5—18, 81, 118—119.

„אויף עדעלשטאַטס ווערק ליגט דער שטעמפּל פון ניט אויסגעלעבטן פאַלקיסטישן ראָמאַנטיזם, און נאָכמער איז עדעלשטאַט באַווירקט פון לומפּן־פּראָלעטאַרישן אַנאַרכיזם״. — — —„ווי אַן אוטאָפּיסט זעט ניט עדעלשטאַט אין דער געשיכטע קיין קייט פון אומפאַרמיידלעכע סאָציאַלע פּראָצעסן, וואָס אַנטוויקלען זיך דורך קלאַסן סתירות און קעמפנדיק פאַר־בייטן זיי איינער דעם אַנדערן״. „אין גרונט גענומען אָבער איז עדעלשטאַט אונדזערער אַ דיכטער — אַ פּראָלעטאַרישער פּאָעט״.

אין די ביאָגראַפישע ידיעות זיינען אַריין אַ ריי טעותים, אָדער דרוק־פעלער. אין איין אָרט (ז׳ 6) ווערט דערציילט, אַז עדעלשטאַט האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש אין 1888 און אין אַ צווייטן אָרט (ז׳ 81), אַז זיין „ערשט יידיש ליד איז געדרוקט געוואָרן אין 1886״ (באמת אין 1889). ניט ריכטיק איז, אַז עדעלשטאַט ווערט רעדאַקטאָר פון דער פאַ״ש אין 1890 (באמת אין 1891). טעותים זיינען אויך פאַראַן אין די ביאָ־גראַפיעס פון ראָזענפעלדן און באָוושאָווערן.

108. קושניראָוו, אַ.

פאַר פולשטענדיקער אַנערקענונג.

דער עמעס, ט״צ, מאָסקווע, 3טן מערץ 1931, נומ׳ 49 (2980), זז׳ 2—3.

קריטיקירט פיינבערגס שטעלונג צו די יידישע „ערשטע פּראָלעטאַ־רישע דיכטער״ (זע: נומ׳ 92): „אונדזערע ערשטע פּראָלעטאַרישע דיכ־טער — — — זיינען געווען עכטע אָרגאַנישע דיכטער, העכסטע קינסט־

לער און טאַלאַנטן און פֿאַר זייער צייט רעוואָלוציאָנער״. — — —
„אַפֿילו אין הינזיכט פֿון פֿאָרעם און טעכניק פֿונעם פֿערז זיינען אונ־דזערע ערשטע פּראָלעטאַרישע דיכטער געווען אַ סך קאָמפּליצירטער און פֿאָרויסגייענדיקער פֿון אַ סך שפּעטערדיקע יידישע פּאָעטן. אָבער ווער איז דאָס אַזוי נאַאיוו צו מיינען, אַז דער קליינבירגערלעכער און נאַציאָנאַליסטישער קריטיק איז טאַקע באמת אָנגעגאַנגען די פֿאָרעם פֿון באָווּשאָווערס אָדער עדעלשטאַטס דיכטונג, אַז זי האָט זיי פֿאַרשוויגן דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן זי, אָט די קריטיק, עסטעטיש און קינסטלעריש ניט צופֿרידנגעשטעלט! — — — דאָס איז געווען אַ קאַמף ניט אַרום פֿאָרעם, נאָר אַרום אידעאָלאָגיע, כאָטש געפֿירט געוואָרן איז דער קאַמף אונטער אַ רויך־צודעק פֿון פֿלומרשט עסטעטישע פֿאָדערונגען״.

1932

109. פּרינץ, אַ. [בער גרין].

ווינטשעווסקיס לידער.

מאָרגן־פֿרייהייט, ט״צ, ניו־יאָרק, 27טן מערץ, 1932, ז׳ 5.

„פּונקט ווי ביי די אַנדערע פּיאָנערן פֿון פּראָלעטאַרישער דיכטונג (באָווּשאָווער, עדעלשטאַט, ראָזענפֿעלד) איז אויך ביי ווינטשעווסקין דאָ אַ דאָמינירנדיקער עלעמענט: ׳דער סאָציאַל־סענטימענטאַליזם׳ די סאָציאַלע ליריק״.

110. עריק, מאַקס.

וועגן „סטילן־קאַמף אין פּעריאָד פֿון מיליטערישן קאָמוניזם״.

„אינסטיטוט פֿאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור ביי דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע, סעקציע פֿאַר ליטעראַטור און קריטיק — פֿאַרן לעניניש עטאַפּ אין דער ליטעראַטור־קריטיק״ (באַריכט פֿונעם פּלענום פֿון דער סעקציע, 25—30 אַפּריל 1932). אוקרמעלוכע־נאַצמינדפֿאַרלאַג, כאַרקאָוו—קיעוו, 1932, זז׳ 79—82.

„עדעלשטאַט איז געווען אַן אָרגאַניזירטער אַנאַרכיסט, אַן אַנאַרכיסטישער פֿירער, אַ רעדאַקטאָר פֿון אַן אַנאַרכיסטישן צענטראַלן אָרגאַן, און אויך באָווּשאָווער איז געווען אַן אַנאַרכיסט. עס שטייט איצט פֿאַר דער מאַרקסיסטישער פֿאָרשונג די וויכטיקע אויפֿגאַבע אָנווייזן, ניט נאָר וואָס פֿאַרבינדט ווינטשעווסקין מיט עדעלשטאַט—באָווּשאָווער, נאָר אויך וויפֿל ווינטשעווסקיס ליטעראַרישע ירושה שטייט העכער אין אַלע הינזיכטן, און דאָס הייסט קודם כּל אידעאָלאָגיש קוואַליטאַטיוו העכער פֿון דער ירושה פֿון באָווּשאָווער—עדעלשטאַט״.

111א. ליעסין, אַ.

מאָריס ווינטשעווסקי.

צוקונפֿט, זש׳, ניו־יאָרק, אַפּריל 1932, נומ׳ 4, ז׳ 189.

„עדעלשטאַט איז געווען אַ יידיש־רוסישער אינטעליגענט פֿון יענע צייטן,

ווען ביי דער רוסישער יוגנט איז נאַדסאָן געווען דער אָפּגאָט. אין זיינע פּערזן פּילט זיך אַמאָל דער אָפּקלאַנג פון נאַדסאָנען".

111ב. וועלעדניצקי, אַ., סקודיצקי, ז.
ליטעראַטור־לערנבוך פאַרן 6טן לערניאָר.
„ליטעראַטור לערנבוך פאַרן 6טן לערניאָר", כאַרקאָוו—קיעוו, אוקרמעלוכע נאַצמינד פאַרלאַג 1932, זז' 55—56.
„ווי ביי ווינטשעווסקין אין אייניקע לידער, טרעפן מיר אויך ביי עדעל־שטאַטן שטעלעס פון אַמאָליקער פאַלקיסטישער אידעאָלאָגיע. ווי ביי באָוושאָווערן קלינגען אין עדעלשטאַטס לידער טענער פון אַן אַנאַרכיס־טישער רעוואָלוציאָנערישקייט, וואָס איז אימשטאַנד אַנצוצינדן מיט אַ מאָמענטאַלן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, אָבער ניט אויפקלערן און אָרגאַ־ניזירן מאַסן פאַר אַן אויסגעהאַלטענעם סיסטעמאַטישן קלאַסן־קאַמף".

111ג. וועוויאָרקע אַ.
וועגן אייניקע פּראָבלעמעס פון דער פּראָלעטאַרישער ליטע־ראַטור.
אין שטורעם, כאַרקאָוו—קיעוו, אוקרנאַצמינד מעלוכע־פאַרלאַג, 1932, זז' 49—52.
פּאָלעמיזירט קעגן גורשטיינס פאַרטיידיקונג פון פיניבערגס אַרויסזאָגונגען וועגן דער דיכטונג פון ווינטשעווסקין און עדעלשטאַטן.

112. וועוויאָרקע, אַ.
דער דיכטער קעמפער (דוד עדעלשטאַט — איינער פון די ערשטע פּראָלעטאַרישע דיכטער — צו זיין 40טן יאָרצייט).
דער שטערן, ט"צ, כאַרקאָוו, 17טן אָקטאָבער 1932, נומ' 239, ז' 2.
„וואָלט ניט דער טויט אַזוי יונג אים אונטערגעשניטן, וואָלט ער זיכער באַפרייט זיך פון עם פרעמדן ביסל פאָלקיסטישן און אַנאַרכיסטישן באַ־גאַזש, אָבער זיין טראַגישער גורל האָט אים געשטערט סיי פאַנאַנדער־וויקלען אין דער גאַנצער גרייס זיין קינסטלערישע קראַפט, סיי פול־שטענדיק אויסלייטערן זיין פּראָלעטאַרישע וועלט־אַנשויאונג".

113. מרמר, קלמן.
די יידישע פיאָנערן פון עם סאָציאַל־פאַשיזם אין אַמעריקע.
דער האַמער, זש', ניו־יאָרק, אָקטאָבער, 1932, נומ' 9, זז' 40—42.
דערמאָנט אויך די ירידה פון אַ צאָל אַנאַרכיסטישע חברים פון דוד עדעלשטאַט (זע: ביאָגראַפיע, קאַפּיטל 23).

114. דעקאַדע [י. ד. קורלאַנד].
דוד עדעלשטאַט (צום 40טן יאָרצייט).
אָקטיאַבער, ט"צ, מינסק, 20טן נאָוועמבער 1932, נומ' 234, ז' 3.
„אַלס אַנאַרכיסט האָט ער [עדעלשטאַט] ניט דערשאַצט די ראָלע פון דער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע, פּאַרטיי־דיסציפּלין, עקאָנאָמישע קלאַסן־

שטרייטן, פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף אאַז״וו. פֿאַר עדעלשטאַטן איז דעריבער כאַראַקטעריסטיש אינטעליגענטישע אומגעדולדיקייט, אַ געוויסע צעשוואו־מענקייט פֿון פּרינציפּן, דאָס פֿעלן פֿון באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַ־רישער פֿאַרהאַרטעוועטקייט, פּראָלעטאַרישער קלאַסן־שטאַנדהאַפֿטיקייט און אויסדויערונג־קראַפֿט — דאָס אַלץ האָט דאָך ניט דערפֿירט דעם דיכטער צו יאוש־שטימונגען, צו אַפּהעגטיקייט און אינטעליגענטישע גריב־לערייען; פֿאַרקערט, זיין גאַנצע דיכטונג איז דורכגעדרונגען נאָר מיט ברענענדיקן האַס און צאָרן״.

אַ טעות מאַכט דעקאַדע וועגן עדעלשטאַטס אָנהייב אין יידיש. עדעלשטאַט האָט אָנגעהויבן שרייבן און פֿאַרעפֿנטלעכן יידישע לידער ניט אין 1886, נאָר אין 1889.

115. לייוויק, ה.

צום פֿערציקסטן יאָרצייט פֿון דוד עדעלשטאַט (אָקטאָבער 1892—1932).

יידיש, וו״ב, ניו־יאָרק, 16טן דעצעמבער 1932, נומ׳ 22, זז׳ 11—13. (זע: ביאָגראַפֿיע, באַמערקונג 219; זע אויך: נומ׳ 123, 124).

116. סקודיצקי, ז.

וועגן פֿאָלקלאָריסטישן אַרבעטער־ליד.

פּראָבלעמעס פֿון פֿאָלקלאָריסטיק, זאַמלונג 1, אונטער דער רעדאַקציע פֿון מ. ווינער. אינסטיטוט פֿאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור ביי דער אַלאוקראַינישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע. עטנאָגראַפֿישע סעק־ציע. כאַרקאָוו—קיעוו, אוקרמעלוכע נאַצמינדפֿאַרלאַג, 1932, זז׳ 153—155, 166, 177, 180, 184—192.

באַטראַכט געגנוי עדעלשטאַטס ווירקונג אויפֿן פֿאָלקלאָר־ליד. ברענגט אויך דעם רוסישן טעקסט פֿון דעם פֿאָלקיסטישן ליד, וואָס האָט באַווירקט עדעלשטאַטס ליד „דער אַרבעטער״, און ווייזט אָן, אַז „עדעלשטאַט דער רעוואָלוציאָנער און קעמפֿער״ ענדיקט ניט זיין ליד מיט דער ווענדונג נאָך יושר צום הויפּטמייסטער, באַלעבאָס און אויפֿזעער, ווי דאָס טוט דער אַנאָנימער פֿאָלקיסטישער אויטאָר פֿונעם רוסישן ליד, נאָר ווענדט זיך צו די ברידער אַרבעטער״ מיטן רוף „וואַכט אויף!״

1933

117. מרמר, קלמן.

דוד עדעלשטאַט (צו זיין 40טן יאָרצייט).

דער האַמער, זש׳, ניו־יאָרק, יאַנואַר, 1933, נומ׳ 1, זז׳ 56—61; פֿעברואַר, נומ׳ 2, זז׳ 55—58; מערץ, נומ׳ 3, זז׳ 54—58; מאַי, נומ׳ 5, זז׳ 55—61; יוני, נומ׳ 5, זז׳ 59—63.

דער שרייבער האָט אינגאַנצן זיך געשטעלט אויף עדעלשטאַטס זייט אין זיין קאַמף קעגן די אַמאָליקע סאָציאַל־רעפֿאָרמיסטן. דערביי האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז עדעלשטאַט האָט באַקעמפֿט די סאָציאַל־רע־

פּאַרמיסטן ניט פֿון רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישע, נאָר פֿון אוטאָפּיסטיש־קליינבירגערלעכע פּאָזיציעס; אַז עדעלשטאַט האָט אידענטיפֿיצירט די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט דעם רעפֿאָרמיסטישן פֿליגל און איר אַנטקעגנגעשטעלט דעם אַנאַרכיסטישן הוראַ־רעוואָלוציאָניזם, וואָס איז אין עצם ניט רעוואָלוציאָנער און ניט פּראָלעטאַריש.

118. [— — —]

דוד עדעלשטאַטס 40טער יאָרצייט.

מאָרגן־פֿרייהייט, ט״צ, ניו־יאָרק, 27טן יאַנואַר 1933, נומ׳ 225 (9106), ז׳ 1.

„עדעלשטאַט איז געווען איינער פֿון די רעוואָלוציאָנערסטע, פֿון די ברויזנדיקסטע פּאָעטן פֿון זיין צייט. ער האָט — — — מיט זיינע פֿלאַ־מענדיקע לידער אָנגעצונדן צום קאַמף״.

119. [אַלגין, מ.]

צום הייטיקן עדעלשטאַט־מעמאָריאַל.

מאָרגן־פֿרייהייט, ט״צ, ניו־יאָרק, 29טן יאַנואַר 1933, נומ׳ 227 (9108), ז׳ 4, לייט־אַרטיקל.

„עדעלשטאַט איז געווען אַ פּיאָנער, אַ וועטעראַן פֿון אַרבעטער־דיכ־טונג און אַרבעטער־קאַמף״.

120. [— — —]

אונדזער סיגנאַל.

סיגנאַל, זש׳, ניו־יאָרק, מערץ, 1933, נומ׳ 1, זז׳ 1—2.

רעדנדיק וועגן דער „ליטעראַטור־ירושה״, דערקלערט דער אָרגאַן פֿונעם „פּראָלעטפּען״, אַז „דער ערשטער יידישער אַרבעטער אין דער לי־טעראַטור איז געקומען אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן ווי אַ בייזער געוויטער פֿון בליץ און פֿון דונער — — — מיט באָוושאָווער, עדעלשטאַט, ווינטשעווסקי, ראָזענפֿעלד, מיט זייער מעכטיק רעוואָלוציאָנערן וואָרט, וואָס האָט דערפֿרייט, געוועקט און געהויבן — — — צום קאַמף פֿאַר אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפֿט... מיר קומען היינט, אין 1933, אונ־טער דער פֿאָן פֿון אונדזערע ערשטע פּיאָנערן אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. מיר זיינען היינט נענטער אויף פֿערציק יאָר צו עדעל־שטאַטס רויטע סיגנאַלן״.

121. היימאַן, לואיס.

טענות צו די פּראָלעטאַרישע שרייבער.

דאָרט, אַפּריל, 1933, נומ׳ 2, ז׳ 9.

„די [הייטצייטיקע]פּראָלעטאַרישע שרייבער האָבן נאָך ניט געפֿונען דעם וועג צו די מאַסן — — — עדעלשטאַט, ראָזענפֿעלד, ווינטשעווסקי, באָוו־שאָווער האָבן דאָך פֿאַר זיך געהאַט געשאַפֿן אַ גרעסערן לייענער־קרייז, ווי עס האָט געהאַט די רעוואָלוציאָנערע פּרעסע פֿון זייער צייט״.

122. אייבראַמס, וויליאַם.

אַן ענטפּער חבר לואיס היימאַנען.

דאָרט, אַפּריל, נומ׳ 2, זז׳ 10—11.

„די יונגע ליטעראַטן פון דער גרופּע ׳יונג־קוזניע׳, פון דער גרופּע ׳יר־ניאַן־סקווער׳, וואָס האָבן זיך אַלע אויסגעוואַרעמט אַרום דער מאָרגן־פרייהייט — — — האָבן שוין מיט יאָרן פריער, לאַנג פאַרן פּראָלעט־פּען, פּראָקלאַמירט זייער אומאָפּהענגיקייט פון די איסט־בראָדווייער [די יידישע שרייבער, וואָס גרופּירן זיך אַרום דער יידישער בורזשואַזער פּרעסע אין ניו־יאָרק] און אָנגענומען אַלס זייער ירושה־קוואַל עדעל־שטאַט, ווינטשעווסקי, באָווהאָווער און ראָזענפעלד״.

123. קורץ, אַהרן.

בלאַשטיין, עדעלשטאַט און לייוויק.

דאָרט, זז׳ 5—6.

(זע: ביאָגראַפיע).

„אויב עמעצער פעלשט עדעלשטאַטס אידעאָלאָגיע, טוט דאָס לייוויק! לייוויק זאָגט וועגן עדעלשטאַטן: ׳זיין אידעאָלאָגיע איז געווען הומאַניזם׳. מיר זאָגן: עדעלשטאַטס אידעאָלאָגיע איז געווען קלאַסנקאַמף!״

124. קורץ, אַהרן.

ווי לייוויק שאַצט עדעלשטאַטן.

(צווייטער אַרטיקל, זע פריערדיקן נומער).

דאָרט, מאַי, נומ׳ 3, זז׳ 17—20.

„דער אַרבעטער — — — איבערשאַצט איצט זיינע טראַדיציאָנעלע ווערטן, און ער קומט צו עדעלשטאַטן, באָווהאָווערן, ווינטשעווסקין און זיין שאַפיקן ראָזענפעלדן. עדעלשטאַט האָט ניט אויפגעהערט ווירקן אַפילו דעמאָלט, ווען מען האָט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור ניט געלייענט. איצט וועט זיין ווירקונג, ווי די ווירקונג פון אַלע אונ־דזערע פּראָלעטאַרישע שרייבער־פּיאָנערן אין אַמעריקע אַלץ שטאַרקער און ברייטער״.

125. פענסטער, ב.

אויפן וועג צו די מאַסן.

דאָרט, זז׳ 5—8.

„די רעוואָלוציאָנערע לידער פון עדעלשטאַט, ראָזענפעלד, באָווהאָווער און ווינטשעווסקי — — — האָט מען שנעלער אויפגעכאַפּט ווי די פּרעסע, ניט נאָר דערפאַר, וואָס די לידער האָבן אויסגעדריקט די קרעכצן און פּראָטעסטן פון סוועט־שאַפּ, און זיינען אַפילו געווען פאַרשטענדלעכער ווי די פּרעסע, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די לידער האָט מען אַפילו געשפּאַרט צו לייענען, מ׳האָט זיי געזונגען — מיט היימישע ניגונים״.

126. גרינשפּאַן, יוסף.
טענות, וואָס קומען פֿון סתּם אַנאַלאָגיעס.
דאָרט, יוני־יולי, 1933, נומ׳ 4־5, זז׳ 8—9 (דיסקוסיע־אַרטיקל).
„עדעלשטאַט, באָװשאָװער, ראָזענפֿעלד און װינטשעװסקי זײנען געװען פֿאַרהעלטנישמעסיק פֿרײ פֿון סאָפֿיסטיקאַציע, פּלאַגטערײען און דעקאַ־דענטישקײט אין פֿאָרם און אין אינהאַלט — — — זײ זײנען געװען פֿרײ פֿון דעם, װאָס איז לגמרי פֿרעמד און פֿײנטלעך צו די ברײטע מאַסן, װאָס רײסן זיך נאָכאַנאַנד אַרױפֿצו צום לעבן — — — זײענדיק פֿרײ דערפֿון, האָבן יענע שרײבער ניט געװאוסט פֿון קײן מחיצה צװישן זיך און זײער סביבה".

127. קאָן, ד״ר מיכאל.
געגנ. [געגנאָסע] י. קאָפּעלאָװ — זײן לעבן און שאַפֿן.
פֿאָ״ש, װ״ב, ניו־יאָרק, 6טן אָקטאָבער 1933, נומ׳ 39 (1653), זז׳ 2 און 4.
„אױף קאָפּעלאָװן האָט אױך געהאַט אַ גרױסע השפּעה אונדזער פּאָעט דוד עדעלשטאַט — — — זײ זײנען געװען זײער אינטים, און זײן פֿריצײטיקער טױט — — — האָט אױף אים און אױף אונדז אַלע געמאַכט אַ מוראדיקן רושם".

128. אײבראַמס, װ.
טעאָריעס אױף פּראַקטיק.
סיגנאַל, זש׳, ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1933, נומ׳ 8, ז׳ 3.
„דאָס איז דער קלאַסן־מאָטיװ, װאָס האָט אַזױ פּאָפּולער געמאַכט עדעל־שטאַטס, װינטשעװסקיס, באָװשאָװערס און ראָזענפֿעלדס — פֿון זײן ערשטן פּעריאָד — לידער בײ די אַרבעטער־מאַסן".
אַ טעות איז אין װ. אײבראַמס אַרטיקל, אַז „שױן דאָרט, אױף יענער זײט ים, האָט ער [עדעלשטאַט] געזונגען רעװאָלוציאָנערע לידער".
עדעלשטאַט הײבט אָן זינגען רעװאָלוציאָנערע לידער אונטער דער װירקונג פֿונעם קלאַסן־קאַמף אין אַמעריקע.

129. װעלעדניצקי, אַ. און סקודיצקי, ז.
די ערשטע ײדישע רעװאָלוציאָנערע דיכטער — עדעלשטאַטס לעבן, עדעלשטאַטס שאַפֿן.
„לערנבוך אױף ליטעראַטור פֿאַרן 6טן לערניאָר, כאַרקאָװ—קיעװ, אוקרמעלוכע נאַצמינדפֿאַרלאַג, 1933, זז׳ 90—115 (2טע אױפֿלאַגע, 1934, זז׳ 71—73 און 82—86).
עדעלשטאַט װערט ניט אידעאַליזירט. ס'װערן אָנגעװיזן זײנע מעלות און חסרונות. עס װערן אױך געגעבן מוסטערן פֿון זײנע פֿאַרגלײכן, מעטאַפֿאָרעס און עפּיטעטן, און ס'װערט דורכגעפֿירט אַ פּאַראַלעל צװישן זײנע לידער מיט װינטשעװסקיס. װײניקער קאָרעקט איז דער ביאָגראַפֿישער טײל. דאָרט װערט דערצײלט, אַז עדעלשטאַט האָט אָנ־

געהויבן שרייבן יידישע לידער אין סינסינעטי (אין דער אמתן אין ניו־יאָרק); אַז ער האָט געוואוינט אין ניו־יאָרק „ביזן סוף פֿון זיין לעבן" (אין דער אמתן האָט דאָס לעצטע יאָר עדעלשטאַט געוואוינט אין דענווער); אַז דאָס ליד „מיין צוואָה" האָט עדעלשטאַט „געשריבן אויפֿן קראַנקן־בעט קורץ פֿאַר זיין טויט" (אין דער אמתן איז עס איינס פֿון זיינע ערשטע יידישע לידער, פֿאַרעפֿנטלעכט מערץ 1889); אַז דאָס וואָכנבלאַט פֿא"ש, וואָס עדעלשטאַט האָט רעדאַגירט, איז געווען אַ זשורנאַל, און אַז זיין ליד „מיין ענטפֿער" איז געווענדט צו מ. ווינטשעווסקי, בעת דער פֿולער נאָמען פֿונעם ליד איז „מיין אַנטוואָרט צו ישראל בן־עולם"—באַרסקי, (זע ביאָגראַפֿיע).

130. אַלגין, מ.

מאָריס ראָזענפֿעלדס ירושה.

(פֿון אַ רעדע, געהאַלטן אויף דער „פּראָלעטפען"־פֿאַרזאַמלונג דעם 30טן יוני, צו ראָזענפֿעלדס צענטן יאָרצייט).

מאָרגן־פֿרייהייט, ט"צ, ניו־יאָרק, 3טן יולי 1933, ז' 5.

„אָנווייזנדיק אויף ראָזענפֿעלדס אָפּנויגן, באַמערקט אַלגין, אַז אויך אין ווינטשעווסקין האָט געשטעקט אַ סך נאַציאָנאַליזם, אַז עדעלשטאַט און באָוושאָווער זיינען געווען אָנגעהויכט מיט אַנאַרכיזם — „און מיר זאָגן זיך, אַז דאָס איז ניט געווען קיין צופֿאַל. אויב אַ גאַנצע פּלעיאַדע שרייבער פֿון אַ באַשטימטן סאָרט האָט געהאַט אַזוינע אָפּנויגן, וואָ־קלעניש און קאַטאַסטראָפֿישע דורכברייטן, איז דאָ געווען די ווירקונג פֿון אַ סאָציאַלער סביבה, וואו דאָס קלאַסן־באַוואוסטזיין פֿון די אַרבעטער איז געווען אומאַנטוויקלט".

131. שולמאַן, אליהו.

דער רעוויזאָר און שטורמיסט אַ. וועוויאָרקע.

ליטעראַרישע בלעטער, וו"ב, וואַרשע, 1933, נומ' 43, ז' 680.

דער שרייבער איז מבטל די פּיאָנערישע רעוואָלוציאָנערע פּאָעזיע און פֿאַרזיכערט, אַז קיין דיכטער וועט „ניט נעמען עדעלשטאַטן אָדער ווינ־טשעווסקין אַלס מוסטערן".

132. ניגער, ש.

דיכטער און מענטש — נאָך מאָריס ראָזענפֿעלדס צענטן יאָרצייט.

טאָג, ט"צ, ניו־יאָרק, 23טן יולי, 1933.

אין זיין פּרואוו מבטל צו זיין די פּיאָנערישע רעוואָלוציאָנערע דיכטונג, דערקלערט ש. ניגער, אַז „מען האָט ניט געדאַרפֿט זיין קיין פּאָעט. עס איז גענוג געווען צו זיין אַ סאָציאַליסט, אַנאַרכיסט, סתם אַ ראַדיקאַל, כּדי צו זאָגן און צו זינגען — — — אַזוי האָט ג ע ג ר אַ מ ט דוד עדעלשטאַט" (מיין אונטערשטרייכונג — ק. מ.)

133. עריק, מאַקס.

וועגן אַ וויסנשאַפֿטלעכער אויסגאַבע פֿון דער עלטערער רעוואָ־לוציאָנערער יידישער ליטעראַטור.

א. פּראָלעטאַרישע פֿאָן, צוויטאַגיקע צייטונג, קיעוו, 18טן דעצעמבער 1933, נומ׳ 158 (559), ז׳ 3; ב. אָקטיאַבער, ט״צ, מינסק, 26טן יאַ־נואַר 1934, נומ׳ 21 (2669), ז׳ 3.

„אין דער אַרבעט פֿון דער קריטיק זיינען געווען היפּשע פֿעלערן, סיי פֿון רעכטן מין (דאָס ניט דערשאַצן די באַדייטונג פֿון דער עלטערער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג), סיי פֿון לינקאַטשיש־רעכטן כאַראַקטער (דער ניט־קריטישער צוגאַנג און במילא דאָס איבערשאַצן די באַדייטונג פֿון דער דאָזיקער ירושה, דאָס פֿאַרשמירן די אַנאַרכיסטישע און קליינבירגערלעכע עלעמענטן אין דער דיכטונג פֿון עדעלשטאַט, באָוו־שאָווער, ווינטשעווסקי)".

134. מרמר, קלמן.

די ערשטע צייטונג פֿון די אַלטע „יידישע גענאָסן" אין אַמעריקע (צום יובילײ פֿון דער מאָרגן־פֿרייהייט).

מאָרגן־פֿרייהייט, ט״צ, ניו־יאָרק, 1933.

„ווען עדעלשטאַט איז געשטאָרבן, האָט די אַרבעטער צייטונג געשריבן, אַז ער איז געווען אַ מוסטער פֿון ערלעכקייט" — — — ביי זיין לעבן האָט מען אים אין דער א״צ כאַראַקטעריזירט אַלס „שמירער, וואָס טונקט זיין פֿעדער אין פֿאַמויניצע פֿון אומוויסנהייט, שקר" אאַז״וו.

135. יאַנאָווסקי, ש.

צום 10טן יאָרצייט פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד.

פֿאַ״ש, וו״ב, ניו־יאָרק, 1933.

וועגן עדעלשטאַטס ערשטן ליד אין יידיש (זע: ביאָגראַפֿיע).

136א. [— — —

מאָרגן איז דוד עדעלשטאַטס 40־טער יאָרצייט.

מאָרגן־פֿרייהייט, ט״צ, ניו־יאָרק, 28טן יאַנואַר 1933, נומ׳ 226 (9107), ז׳ 1.

„זיינע [עדעלשטאַטס] לידער זיינען געוואָרן אַ פֿאָן אין אונדזער קאַמף און דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן מיטן „פּראָלעטפֿען" האָבן אָפּגענומען די דאָזיקע פֿאָן פֿון דעם גרויסן קינסטלער אין קאַמף קעגן די אַלע, וואָס האָבן אים געפּרואווט פֿאַרווישן און אָפּט פֿאַר־שפּאָטן".

136ב. [— — —

היינט פֿייערונג פֿון עדעלשטאַטס פֿערציקסטן יאָרצייט.

דאָרט, 29טן יאַנואַר 1933, נומ׳ 227 (9108), ז׳ 1.

„די בירגערלעכע קולטור־עסטעטן ווילן אַוועקמאַכן עדעלשטאַטס קינסט־לערישן ווערט פֿון זיינע לידער, אָבער פֿאַר די יידישע אַרבעטער און

פראָלעטאַרישע דיכטער, האָט עדעלשטאַט איבערגעלאָזן אַ רייכע ירושה פון פּראָלעטאַרישער דיכטונג״.

1934

136ג. אייבראַמס, וויליאַם.

פיר שטורעם־זינגער (צום פּראָלעטאַרישן נאָכמיטאָג — — — אין אָנדענק פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור — ראָזענפעלד, ווינטשעווסקי, באָװשאָװער און עדעלשטאַט).

דאָרט, 17טן מערץ 1934, נומ׳ 275 (9321), זז׳ 5 און 6.

„עס איז געווען אַ געמיש פון דייטשמעריזמען, סלאַוויזמען, העבריי־איזמען, צאינה־וראינה־לשון — דאָס איז געווען דער „׳אוצר׳, וואָס ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד, באָװשאָװער און עדעלשטאַט האָבן געפונען אין יידישן לעבן און עס אַריינגעפורעמט אין פּראָלעטאַרישער דיכ־טונג״. — — — „מיר האָבן שוין צעריסן דעם שפּינוועב, מיט וועלכן מ׳האָט אַרומגעוויקלט די קרעפטיק קינסטלערישע ירושה פון אונדזערע פּראָלעטאַרישע ליטעראַרישע פּיאָנערן. היינט גייען שוין אין די פוס־טריט פון ווינטשעווסקי, באָװשאָװער, ראָזענפעלד און עדעלשטאַט קאַדרען פּראָלעטאַרישע שרייבער״.

137. [— — —

היינט מעמאָריאַל נאָך פיר פּיאָנערן פון פּראָלעטאַרישער ליטע־ראַטור.

דאָרט, 18טן מערץ, נומ׳ 276 (9322), ז׳ 1.

„די פיר פּיאָנערן ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד, באָװשאָװער און עדעלשטאַט זיינען אונדזערע פיינסטע קלאַסיקער און מיר מוזן אָפּגעבן פאַר זיי איין טאָג אין יאָר, ווען מיר זאָלן לייענען און זינגען זייערע לידער און אויך רעדן וועגן זייערע ווערק״.

138. זשוקאָװסקי, מ.

פּרוּוון — אַ זאַמלונג קאָנקרעטע קריטיק.

רעדאַגירט — מ. לעוויטאַן, כאַרקאָװ—קיעוו, אוקרנאַצמינד מעלוכע־פאַרלאַג, 1934, ז׳ 13.

דערקלערט אין זיין אַריינפיר (געשריבן אין אויגוסט 1931) פאַר זיין „סאַמע פאַרדראָסיקן״ פעלער אויפן קינסטלערישן געביט — „דאָס גרינגשאַצן און בכלל די לייכטזיניקע באַציאונג צו די הערלעכע פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור: ווינטשעווסקי, באָװשאָװער, עדעלשטאַט. און וועוויאַרקען קומט אַוודאי אָנערקענונג, וואָס ער האָט געננוג טעמפּעראַמענטפול דעמאַסקירט מיין פעלער.

„אויפדעקנדיק אָבער מיין פעלער, האָט דער ח׳ וועוויאָרקע אַליין דערלאָזט די גראָבסטע מעטאָדאָלאָגישע פעלערן, אָנווענדנדיק צו דערווייזן די הנחה, אַז די שאַפונג פונעם דריילינג איז די קלאַסיק פון דער

יידישער פּראָלעטאַרישער דיכטונג — דעם אומבאַהאָלפענעם, פאָרמעל מע־כאַנישן אַנאַלאָגישן מעטאָד״.

139. מרמר, קלמן.

דוד עדעלשטאַט.

[אַריינפיר צו] „דוד עדעלשטאַטס בריוו״

וויסנשאַפט און רעוואָלוציע, זש׳, אַרויסגעגעבן פון אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פון דער אַלאוקראַינישער וויסנ־שאַפטלעכער אַקאַדעמיע, קיעוו, 1934, זז׳ 75—79.

ווייזט אָן אויף דער ווירקונג פונעם רעפאָרמיזם און אָפּאָרטוניזם פון די יידישע „סאָציאַליסטישע״ פירער אויף עדעלשטאַטס אַנאַרכיזם: „עדעלשטאַט באַקעמפט זייער אָפּאָרטוניזם, זייערע פשרות מיט די באַ־לעבאַטים. — — — עס איז אים דערפאַר לייכט זיך איינצורעדן, אַז דער אַנאַרכיזם איז אַ רעוואָלוציאָנערע אידייע און סאָציאַליזם מיינט אָפּאָרטוניזם״.

140. פעפער, איציק.

אונדזער פּאָעזיע (פונעם פאָרטראָג אויף דער ערשטער אַלפאַר־באַנדישער באַראַטונג פון די יידישע סאָוועטישע שרייבער אין מאָסקווע, דעם 1טן אויגוסט 1934).

דער שטערן, ט״צ, כאַרקאָוו, 6טן אָקטאָבער 1934, נומ׳ 231 (2675), ז׳ 3.

„באַזונדערס דאַרפן מיר דיסקאָנטירן די ירושה פון אַזאַ טאַלאַנטפולער גרופּע רעוואָלוציאָנערע דיכטער, ווי מאָריס ווינטשעווסקי, יוסף באָוו־שאָווער און דוד עדעלשטאַט. אַן אויסשליסלעכן אינטערעס האָט פאַר אונדז, פאַרשטייט זיך, די שאַפונג פון די ערשטע צוויי, ווייל דוד עדעלשטאַטן האָט זיך ווייניקער איינגעגעבן צו געפינען דאָס קינסט־לערישע בילד אויף אויסצודריקן דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, וואָס האָט גענערט די אַרבעטער־דיכטונג פון יענער צייט״.

141. קורלאַנד, ד.

צו דער פּראָבלעם וועגן די ערשטע יידישע פּראָלעטאַרישע דיכ־טער (קריטיש־ביבליאָגראַפישער איבערזיכט).

אויפן וויסנשאַפטלעכן פראָנט, בולעטין פון אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, מינסק, 1934, נומ׳ 5־6, זז׳ 150—183.

זוכט צו פאַר׳סך־הכלען אייניקע גרונט־ליניעס פון דער דיסקוסיע, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין אונדזער קריטיק וועגן דעם כאַראַקטער, באַדייטונג און ראָלע פון די ערשטע יידישע אַרבעטער־דיכטער — ווינטשעווסקי, באָווישאָווער, עדעלשטאַט״. באַהאַנדלט די אַרבעט פון נוסינאָוו, אָרשאַנסקי, ליטוואַקאָוו, בראַנשטיין און עריק. ווייזט אָן, אַז עדעלשטאַטן זיינען פרעמד געווען אויך די „אינדיווידועלע שטורעם־ליידן, אַז מחמת דעם, וואָס יענע דיכטער זיינען נאָך ניט געשטאַנען אויף

דער הויך פֿון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־באַוואוסטזיין, שטאַמט אי דאָס, וואָס עדעלשטאַט, אַשטייגער, בעת ער וויל אונדז געבן קאָנקרעטע שיל־דערונגען פֿון עקספּלואַטאַציע, עלנט און נויט, נעמט ער פֿאַר העלדן אַ פּשוטן מערדער, אַ פּראָסטיטוטקע, אַ שקלאַף, אַ הינטיש־איבערגע־געבנקייט צום באַלעבאָס, אָבער ניט פֿון די, וואָס האָבן געשטופּט פֿאָרויס די פֿרייהייט־רעדער". קורלאַנד אונטערשטרייכט אויך, אַז „דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אידייאישער וואוקס פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג צווישן די יידישע מאַסן האָט ניט אין אַ קליינער מאָס גע־ווירקט אויף עדעלשטאַטן און באַוושאָווערן (צייטנווייז אַפֿילו אויף ראָזענפֿעלדן), אַז זיי זאָלן אָפּט אַרויס פֿון די ראַמען פֿון דער דורכשניטלעכער אַנאַרכיסטיש קליינבירגערלעכער באַגרענעצטקייט, זיי זאָלן זיך אויפֿהייבן העכער פֿון קליינבירגערלעכן וועלט־באַנעם, — דאָס וואָס עס גיט אונדז דעם גרונט זיי צו פֿאַררעכענען דער עיקר פֿאַר פּראָלעטאַרישע שרייבער פֿון יענעם פּעריאָד".

142. ראָזענצווייג, אַ.

דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פֿון פּרצעס שאַפֿן (די „יום־טוב־בלעט־לעך").

„טעקסט־אויסוואַל און ליטעראַטור־היסטאָרישער אַריינפֿיר", טעקסט־ביבליאָטעק פֿון דער הויכשול. אַלאוקראַאינישע וויסנשאַפֿטלעכע אַקאַ־דעמיע, אינסטיטוט פֿאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור. סעקציע פֿאַר ליטעראַטור און קריטיק. כאַרקאָוו—קיעוו, אוקרמעלוכע נאַצמינד־פֿאַרלאַג, 1934, זז' 11—12, 27, 35, 49, 56.

„ניט די יום־טוב־בלעטלעך האָבן געמאַכט אַן עפּאָכע אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־שרייבער פֿון די 80־90ער יאָרן. ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער, זיי, די אָנזאָגער פֿון דעם אויפֿקום פֿון אַ נייעם קלאַס און פֿון זיין רעוואָלוציע, זיינען ווירקלעך געקומען מיט אַ קוואַליטאַטיוו נייעם אינהאַלט און נייער פֿאָרם".

1939

143. חייקין, י.

ערשטע יידיש־אַמעריקאַנער שרייבער־פּראָפֿעסיאָנאַלן.

פֿאָ"ש, וו"ב, ניו־יאָרק—פֿילאַדעלפֿיע, 29 סעפּטעמבער 1939, נומ' 39 (1965), זז' 3 און 6.

„וואָס עס זיינען געווען די אָפֿיציעלע געהאַלטן פֿון די רעדאַקטאָרן פֿון דער ערשטער פֿאָ"ש איז מיר ניט באַקאַנט", אָבער „אַלע ווייסן, אַז ניט י. יאַפֿפֿאַ, ר. לואיס, דוד עדעלשטאַט אָדער מ. קאַטץ האָבן וועגן ניט איז באַקומען זייער פֿולן אָפֿיציעלן האָנאָראַר".

144. [— — —

איניקע רעדאַקטאָרן פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער שטימע".

דאָרט, 13טן אָקטאָבער 1939, נומ׳ 41 (1967), ז׳ 5.
מיט אַ בילד פֿון דוד עדעלשטאַט (מיט דער באָרד).
„דוד עדעלשטאַט — אַן אינטעליגענטער, יונגער ענטוזיאַסט, באַשאַנקען מיט אַ גרויס האַרץ, מיט גרענעצלאָזער ליבע צו דער ליידנדער מענטשהייט... צוויי יאָר שטייט ער, ווי אַ סאָלדאַט אויף זיין פּאָסטן [ווי דער רעדאַקטאָר פֿון דער פֿא״ש] מיט זעלטענעם אידעאַליזם און מיט אומבאַשרייבלעכער אָפּפּערווילִיקייט״.

145. קאַצענעלנבויגן, אוריה.
בלעטערנדיק דעם ערשטן יאָרגאַנג „פֿרייע אַרבעטער שטימע״.
דאָרט, ז׳ 6.
„מען דערמאָנט [אין פֿא״ש פֿון 6טן אָקטאָבער 1899, נומ׳ 1] ׳די שלאַנקע, בלייכע מאַרטירער־געשטאַלט׳ פֿון איר רעדאַקטאָר — דעם פּאָעט דוד עדעלשטאַט״.

1940

146. מינקאָוו, נ. ב.
דוד עדעלשטאַט (געבוירן מאַי 1866— געשטאָרבן אָקטאָבער, 1892).
דאָרט, 30טן אויגוסט 1940, נומ׳ 35 (2013), זז׳ 2 און 8.
מיט אַ בילד פֿון דוד עדעלשטאַט (מיט דער באָרד).
„זיין [עדעלשטאַטס] ליד איז קיינמאָל ניט געוואָרן זעלבסט־באַהערשט און רייף... [עדעלשטאַט] איז גרויזאַם פֿאַרשניטן געוואָרן פֿון טויט צו זעקס־און־צוואַנציק יאָר פֿון זיין לעבן. און די עקזאַלטירטע שטים פֿון דור האָט זיך נאָך מער אויסגעפֿורעמט אין דער געשטאַלט פֿון דוד עדעלשטאַטן, וואָס האָט פֿון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן צו ווערן — לעגענדע״.
(המשך פֿון לעצטן נומער).
דאָרט, 13טן סעפּטעמבער 1940, נומ׳ 36 (2014), ז׳ 6.
(המשך פֿון פֿאָריקן נומער).
דאָרט, 20טן סעפּטעמבער 1940, נומ׳ 37 (2015), זז׳ 5 און 7.

147. מינקאָוו, נ. ב.
דוד עדעלשטאַט — עדעלשטאַטס פּאָעטישע דערגרייכונג. סאָציאַלער כאַראַקטער פֿון זיין פּאָעזיע. באַציאונג צו אים פֿון די צייט־גענאָסן. היסטאָרישע באַדייטונג פֿון עדעלשטאַטס שאַפֿן.
דאָרט, 4טן אָקטאָבער 1940, נומ׳ 39 (2017), ז׳ 5.
„עדעלשטאַטס פּאָעטישע דערגרייכונגען דאַרף מען באַטראַכטן אין ליכט פֿון היסטאָרישע און קינסטלערישע באַדינגונגען. היסטאָריש, כּדי צו זען דעם באָדן, פֿון וואַנען די וואָרצלען האָבן געצויגן יניקה, און

קינסטלעריש, כדי צו דערזען די ווערטן, וואָס געפינען זיך הינטער די לידער, די רייפע, ווי די אומרייפע".

1941

148. מרמר, קלמן.
די יידישע אַרבעטער־פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק.
מאָרגן־פרייהייט, ט"צ, ניו־יאָרק, 11טן מאַי 1941, נומ' 329 (6460), זז' 2 און 5.
„... רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן האָבן זיך דעריבער אָנגעהויבן גרופּירן אַרום דער אַנאַרכיסטישער פאַ"ש, באַזונדערס, ווען דער אויפריכטיקער רעוואָלוציאָנערער דיכטער דוד עדעלשטאַט איז געווען איר רעדאַקטאָר (אין 1891)".

149. פראַנק, ד"ר הערמאַן.
דוד עדעלשטאַט דער רעדאַקטאָר.
פאַ"ש, וו"ב, ניו־יאָרק, 16טן מאַי 1941, נומ' 20 (2049), זז' 4 און 5.
רעדע אויף דער טעמע „עדעלשטאַט דער רעדאַקטאָר", געהאַלטן אויף אַ ראַדיאָ־פּראָגראַם פון „ציקאָ" (וואו אויך אַברהם רייזען האָט גערעדט וועגן „עדעלשטאַט אַלס דיכטער") צו דער געלעגנהייט פון „75 יאָר נאָך דעם געבוירן־טאָג פון דעם אַלגעמיין באַליבטן און רעוואָלוציאָנערן דיכטער און קעמפער, דעם ערשטן רעדאַקטאָר פון דער פאַ"ש".
מיט אַ בילד פון דוד עדעלשטאַט (מיט דער באָרד).
„עדעלשטאַטס דיכטונגען... האָבן פון ערשטן טאָג אָן באַצויבערט און באַגייסטערט אַלע לייענערס... די גאַנצע רעדאַקציאָנעלע לאַסט [איז] געפאַלן אויף דעם זייער יונגן דוד עדעלשטאַט... איז געווען אַ שטרענגער רעדאַקטאָר. ער האָט געשטרעבט איינצופירן וואָס מער גוטע פּאָעזיע, געוואָלט דרוקן גוטע, באַלערנדיקע אָפּהאַנדלונגען, און האָט אויך אַליין געשריבן אַ סך אַרטיקלען איבער דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק און אַנדערע צייט־פראַגן".
אין דער רעדאַקציאָנעלער נאָטיץ צו דעם אַרטיקל זיינען פאַראַן צוויי טעותים: עדעלשטאַט איז ניט געבוירן דעם 9טן, נאָר דעם 21טן מאַי; ער איז ניט געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער פאַ"ש, וועלכע האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 4טן יולי 1890, בעת עדעלשטאַט איז דערוויילט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר ערשט ביי דער צווייטער קאָנווענשאָן, דעם 25טן דעצעמבער 1890 (זע ביאָגראַפיע, קאַפּיטל 15).

150. מרמר, קלמן.
דוד עדעלשטאַט, זיין לעבן און שאַפן — צום 75טן געבורטסטאָג פון דעם דיכטער.
מאָרגן־פרייהייט, ט"צ, 25טן מאַי 1941, נומ' 343 (6474) זז' 2 און 6.
מיט אַ בילד פון דוד עדעלשטאַט (מיט דער באָרד).

„דוד עדעלשטאַט איז אַן אויסערגעוויינטלעכע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור".

151. מרמר, קלמן.

וועז עדעלשטאַט איז געוואָרן רעדאַקטאָר — זיין איבערנעמען די „פרייע אַרבעטער שטימע" (צווייטער אַרטיקל).

דאַרט, 1טן יוני 1941, נומ' 350 (6481), ז' 6.

מיט אַ בילד פון דוד עדעלשטאַט.

„אונטער דער ווירקונג פון זיין סאָציאַליסטישן מיטרעדאַקטאָר [דער סאָציאַל־דעמאָקראַט יצחק אייזיק הורוויטש] איז עדעלשטאַט אויף אַ וויילע מסכים אויף אַ פּאַראַיינינקטער טעטיקייט פון אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן".

152. מרמר, קלמן.

עדעלשטאַט אַלס רעדאַקטאָר — ווי אַזוי ער האָט רעדאַגירט די אַמאָליקע פאַ"ש. צום 75טן געבורטסטאָג פון דעם דיכטער (דריטער אַרטיקל).

דאַרט, 9טן יוני 1941, נומ' 358 (6489), ז' 5.

„עדעלשטאַט איז געווען אַ שטרענגער רעדאַקטאָר, ער האָט געדרוקט בלויז דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נוצלעך פאַר די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן".

153. טענענבוים, ש.

דוד עדעלשטאַט — צו זיין 75־יעריקן געבורטסטאָג, וואָס איז אַדורך אומבאַמערקט.

די פאָלקס־שטימע, מעקסיקע, 5טן יולי 1941.

„דוד עדעלשטאַט געהערט צו די פּיאָנערן־דיכטער פון יידישן ליד". „האָט אָנגעהויבן זינגען מיט העראָאישן פּאַטאָס, וואָס האָט ניט זיינס גלייכן אין דער יידישער פּאָעזיע". „ער איז געבליבן אַ מאַרטירער, אַ העראָס אין דער יידישער ליטעראַטור!"

אויך טענענבוים גיט אָן דעם געבוירן־טאָג — 9טן מאַי.

154. מרמר, קלמן.

דוד עדעלשטאַטס לידער — צום 75טן געבורטסטאָג פון דוד עדעלשטאַטן.

מאָרגן־פרייהייט, ט"צ, ניו־יאָרק, 6טן יולי 1941, נומ' 285 (6516), ז' 6.

„דוד עדעלשטאַט איז פון נאַטור אויס געווען אַ ליריקער. ווען ער לעבט לענגער, וואָלט ער אָן שום ספק... אויך גענומען שרייבן פּערזענלעכע לירישע לידער (טיילוויז האָט ער עס שוין געטאָן אויך פריער), נאַטור־לידער, ליבע־לידער".

1942

155. ניגער, ש.

די צוקונפט און די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע.

די צוקונפט, זש׳, ניו־יאָרק, מאַי־יוני 1942, ב׳ 47, נומ׳ 5, זז׳ 314—323.
אַנווייזנדיק אויף די סיבות פאַרוואָס אין די ערשטע פינף נומערן צוקונפט פון 1892 איז דאָ אַזוי ווייניק לידער, דערקלערט ניגער (צווישן אַנדערן): „עדעלשטאַט איז [דעמאָלט] געלעגן קראַנק אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, און סוף 1892 איז ער יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט. אין ניט קיין אַנאַרכיסטישער אויסגאַבע וואָלט ער סיי ווי, אַגב, ניט מיטגעאַרבעט".

156. [— — —

אַ וואָרט אין צייט — דוד עדעלשטאַט: דער רעדאַקטאָר.

פא"ש, וו"ב, ניו־יאָרק—פילאַדעלפיע, 30טן אָקטאָבער 1942, נומ׳ 44 (2125), ז׳ 4.
עס ווערט פעסטגעשטעלט (אויפן סמך פון קלמן מרמרס דוד עדעל־שטאַט־ביאָגראַפיע), אַז „מיר האָבן אין אונדזער עדעלשטאַט־נאָטיץ פון דער פאַריקער וואָך ליידער ניט גאַנץ פּינקטלעך איבערגעגעבן די מאָטאָ, וואָס אונדזער אומפאַרגעסלעכער דיכטער און קעמפער האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער פא"ש... זיין מאָטאָ איז געווען: ׳לאָז די שטימע פון פאָלק געהערט ווערן׳".

157. וויינבערג, חיים.

פיינע כאַראַקטער־שטריכן פון דער דוד עדעלשטאַדט משפחה — שרה עדעלשטאַדט און די „פרינציפיעלע עסערס". אַ פּאָר עפּי־זאָדן פון חיים וויינבערגס לעבן מיט איבער 40 יאָר צוריק. דעם 17טן אָקטאָבער איז געוואָרן 50 יאָר נאָכן פריצייטיקן טויט פון אונדזער גרויסן דיכטער און פרייהייט־קעמפער.

דאָרט, זז׳ 3 און 5.
פון חיים וויינבערגס איבערגעבליבענע פאַרצייכענונגען פון זיין לעבנס־געשיכטע.

158. וואַסערמאַן, שניאור.

אַ פּיאָנער פון דער מענטשלעכער פרייהייט — צו דוד עדעל־שטאַטס 50טן יאָרצייט.

די פאָלקס שטימע, מעקסיקע, 1טן נאָוועמבער 1942, ז׳ 6.
„ווי אַ פּיאָנער האָט ער באַדאַרפט אַלע שטרויכלונגען אַליין בייקומען און ווי אַ רעוואָלוציאָנערער זינגער האָט ער ניט געהאַט קיין צייט צו־פיל זיין מוזע צו צערטלען".

159. ניגער, ש.

דוד עדעלשטאַטס בריוו (צו זיין 50טן יאָרצייט).

טאָג, ט״צ, ניו־יאָרק, 8טן נאָוועמבער 1942.

„עדעלשטאַטס ליד [איז אונדז] נאָך אַלץ נאָענט און ליב צוליב עדעל־שטאַטס ליכט. עפּעס איז געווען אין אים, וואָס זיינע אומבאַהאָלפענע פערזן האָבן נאָר אָנגעוואונקען אויף דעם״. „אַ קעמפער פאַר פרייהייט, אַ טוער און אַ פירער פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג איז ער, ווען ער שרייבט זיך דורך מיט ד״ר הילל זאָלאָטאַראָוו, מיט ד״ר מיכאַל קאָהנען, מיט י. קאָפּעלאָוו, מיט אַנדערע חברים — — — אין די בריוו צו נאָענטע מענטשן איז ער, פריער ווי אַלץ, אַ פּאָעט...״

160. קאָפּעלאָוו, ישראל־יחיאל.

דוד עדעלשטאַט: דער מענטש, דער רעדאַקטאָר, דער חבר.

פּא״ש, וו״ב, ניו־יאָרק, 20טן נאָוועמבער 1942, נומ׳ 47 (2128) ז׳ 3.

פון קאַפּיטל יח, פון קאָפּעלאָווס 2טן מעמואַרן־באַנד „אַמאָל אין אַמעריקע״. „דוד עדעלשטאַט איז געווען איינער פון די איידלסטע און געהויבנסטע נשמה־מענטשן״. אונטער זיין רעדאַקציע איז די פּא״ש „געוואָרן רייכער אין טאָן, וואַרעמער, האַרציקער און מיט מער ליטעראַטור״. „זיין תמימות, זיין באַגייסטערונג און זיין ענטוזיאַזם פאַר דער שענערער און בעסערער צוקונפט איז געווען אַ קוואַל פון באַגייסטערונג פאַר אַלעמען, וועלכע זיינען געקומען מיט אים אין באַרירונג״.

161. קיסין, י.

מ׳האָט געזונגען זיינע לידער אין טענעמענט־הייזער און אין שעפּער — צום 50טן יאָרצייט פון דוד עדעלשטאַט.

פאָרווערטס, ט״צ, ניו־יאָרק, 22טן נאָוועמבער 1942, ז׳ 5.

„אין עדעלשטאַטס אומבאַהאָלפענע שורות האָט דער יידישער פאָלקס־מענטש מיט זיין געזונטן חוש אַלעמאָל געשפּירט די טיפע אויפריכטיקייט פון דעם פּאָעטס געפיל און וואָרט — — — דוד עדעלשטאַטס לידער פלעגן די היגע יידישע אַרבעטער־מאַסן זינגען נאָכאַנאַנד ביי פאַרזאַמלונגען, ביי דער אַרבעט און אין דער היים״.

162. מינקאָוו, נ. ב.

דוד עדעלשטאַט (צו זיין 50טן יאָרצייט).

די צוקונפט, זש׳, ניו־יאָרק, דעצעמבער 1942, ב׳ 47, נומ׳ 11, זז׳ 744—749.

„אויב דער אינדיווידואַליזם און ראָמאַנטיק פון די ׳יונגע׳ וועט זיך ווען ניט איז אומקערן אין דער יידישער פּאָעזיע, און וועט זוכן יניקה אין ׳סאָציאַלע וואָרצלען׳, וועלן די דאָזיקע נייע פּאָעטן ניט קענען געפינען צווישן די ערשטע יידישע פּאָעטן קיין בעסערן מייסטער פון ׳רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק׳, ווי דאָס איז געווען עדעלשטאַט״.

163. גלאַזמאַן, ברוך.

אויפֿן בית־עולם וואו עדעלשטאַט רוט (איינדרוקן פֿון אַ באַזוך אין דענווער).

פֿאַ״ש, וו״ב, 11טן דעצעמבער 1942, נומ׳ 50 (2131), זז׳ 5 און 7. מיט אַ רעפּראָדוקציע פֿון עדעלשטאַטס מצבה.

„האָט ער [עדעלשטאַט] פֿאַרויסגעפֿילט, פֿאַרויסגעשפּירט דעם תּחית־המתים פֿון זיין ליד אינעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אינעם פּוילן פֿון נאָך דער וועלט־מלחמה?״

1943

164. פֿראַנק, ד״ר ה.

פֿון דוד עדעלשטאַטן ביז אונדזער איצטיקער צייט — עדעל־שטאַטס טאָפּלטער קאַמף פֿאַר אמת און יושר. זיינע פּראָפּעטישע אידייען וועגן סאָציאַלער צוקונפֿט. האָט קריטיקירט פּאַרטיי־דאָגמעס און פֿאַלשע פּרינציפּן. איצטיקער וועלט־חורבן אין ליכט פֿון זיינע סאָציאַלע אידעאַלן.

א) פֿאַ״ש, וו״ב, ניו־יאָרק, 29טן יאַנואַר 1943, נומ׳ 5 (2138) — יו־בילײ־אויסגאַבע), זז׳ 2 און 3. ב) דאָס פֿרייע וואָרט, זש׳, בוענאָס־איירעס, אַפּריל 1943, נומ׳ 58, זז׳ 5 און 6.

„... זיין [עדעלשטאַטס] ווערק איז פֿאַרבליבן אַן אומשעצבאַרער מאָ־נומענט, וואָס איז איצט — צו זיין 76טן יאָר — נאָך אַלץ פֿריש און דערמוטיקט די דענקנדע און פֿילנדע אַרבעטער־מאַסן צו דעם אַלט־נייעם קאַמף פֿאַר פֿרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט״.

165. לייטאַרטיקל.

אַ וואָרט אין צייט — 52 יאָר „פֿרייע אַרבעטער שטימע״.

פֿאַ״ש, וו״ב, ניו־יאָרק, 29טן יאַנואַר 1943, נומ׳ 5, ז׳ 4.

„מיר טאָרן ניט בײַ אָט דער געלעגנהייט פֿאַרגעסן די פֿאַרשטאָרבענע בויער און וועגווייזער פֿון דער פֿאַ״ש,... ווי דער אומפֿאַרגעסלעכער דוד עדעלשטאַט...״

166. אַלמי, אַ.

דוד עדעלשטאַט — מענטש, דיכטער און לעגענדע — לעגענ־דאַרישע קלאַנגען אין איראָפּע וועגן זיין לעבן און טויט. ווי אַזוי דערקלערט זיך עדעלשטאַטס מאַגישע ווירקונג אויף אַרבעטער אומעטום? אומבאַוואוסטזיניקער רעליגיעזער גייסט נעמט דורך זיין לעבנס־באַנעם און קוק אויף מענטש און וועלט. אַ פּאָר באַטראַכטונגען וועגן כּוח פֿון רעוואָלוציאָנערן ליד.

דאָרט, ז׳ 5.

מיט אַ רעפּראָדוקציע פֿון עדעלשטאַטס מצבה אויפֿן דענווער אַ״ר־בית־עולם.
„...עדעלשטאַט איז ביי יידישע אַרבעטער, איבערהויפּט אין דעם רוסלאַנד פֿון די רעוואָלוציע־יאָרן 1905—1907, געוואָרן דער באַליבטער דיכטער״.

167. גאָרסאָן, ש. ס.

די אַמאָליקע פֿאַ״ש און די איצטיקע.

דאָרט, ז׳ 6.

„די גרופּע וואָס האָט געגרינדעט די פֿאַ״ש... זיי אַלע האָבן גע־שטרעבט... צו שאַפֿן אַ נייע וועלט־אָרדענונג... וואו, ווי דוד עדעלשטאַט האָט עס אויסגעדריקט, ׳עס זאָלן ניט גיסן קיין טרערן, ניט פֿליסן אומשולדיקעס בלוט, וואו מענטשן, ווי גלענצנדע שטערן, לעבן אין ליבע און מוט׳... איך בין זיכער, אַז די מערסטע גרינדער פֿון 1890 וואָלטן ניט געווען צופֿרידן מיט זייער דערוואַקסענעם קינד פֿון 1943: זיי וואָלטן געהאַלטן די איצטיקע פֿאַ״ש פֿאַר צו קאָנ־סערוואַטיוו״.

168. פּרעס, ש. (קליינשטעטלדיקער).

מיט איבער 50 יאָר צוריק אין ענגלאַנד און אַמעריקע.

דאָרט, ז׳ 6 און 7.

„איך בין שוין אַלט, אָפּגעלעבט, און דאַרף ציען מיין חיונה פֿון די אַלטע זיסע זכרונות, אַז איך האָב אַמאָל, מיט 50 יאָר צוריק, זוכה געווען צו אַרבעטן מיט אַזוינע ליכטיקע גייסטער, ווי די עדעלשטאַטס, מעריסאָנס און זייער גלייכן״.

169. גאָרסאָן, ש. ס.

פֿאַ״ש פֿאַרוואַלטונג־ראַט מיט 50 יאָר צוריק — וואָס איז פֿאָרגע־קומען אויף אַ פֿאַרוואַלטונגסראַט־מאַסנמיטינג זיצונג — דערי־נערונגען וועגן דוד עדעלשטאַט, קאָפּעלאָוו, אַלעקסאַנדער בערק־מאַן און אַנדערע. גרויסע אָפּפּערגרייטשאַפֿט פֿון אַלע חברים. זכרונות פֿון אַ פֿאַרוואַלטער.

דאָרט, זז׳ 7 און 11.

מיט אַ רעפּראָדוקציע פֿון דער ערשטער זייט פֿון ערשטן נומער פֿאַ״ש.
„דער עקס־מענעדזשער [פֿאַרוואַלטער] אַ. רודאַשעווסקי ... דערציילט, אַז ווען ער איז געווען מענעדזשער, איז איינמאָל אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע אַן אַלטער מאַן מיט אַ גרויער באָרד און געזאָגט, אַז יעדעס מאָל ווען ער לייענט אין דער פֿאַ״ש עדעלשטאַטס אַן אַרטיקל אָדער אַ סקיצע, ווי למשל, ׳די באַמערקע׳, ׳דר. גראָן׳ און אַנדערע, ווערט ער אַזוי גערירט, אַז ער האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז זען מיט זיינע אייגענע אויגן דעם מלאך, וואָס באַזיצט אַזאַ צאַרטע נשמה

און אַזאַ ברייט האַרץ, אָנגעפּילט מיט מיטלייד און סימפּאַטיע צו די אָרעמע און ליידנדע.

„און אַזאַ מאַן ווי עדעלשטאַט — דונערט רודאַשעווסקי [ביי אַ מיטינג אין רעדאַקציע פון דער פּא״ש] — האָט אַב. קאַהאַן געהאַט די חוצפּה אָנצורופן אין זיין אַרבעטער צייטונג ׳דער צאַצקעוואַטער בחור׳ ו״

170. גאָלדבאַום, י.

עפּיזאָדן פון לעבן מיט פינף צענדליק יאָר צוריק — קאַמף צווישן אַרבייטער צייטונג און פּא״ש. פּערזענלעכע איינדרוקן פון דוד עדעלשטאַטן. ווי פּרומאַקעס מאַכן אַ פּאָגראָם אויף פּא״ש אום יום־כיפּור. שרהזאַנס טאָגעבלאַט שפּילט מיאוסע, היפּאָקריטישע ראָלע. אַ סטרייק, די אַרבייטער צייטונג און אַב. קאַהאַנס טשיקאַווע פּאַרענטפערונג.

דאָרט, ז׳ 8.

„ער [עדעלשטאַט] האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק. אויף זיין פּנים האָט מען געקענט באַמערקן וואָס אין זיין נשמה קומט פאָר. דער צער און אומגליק, די דחקות פון די פאַרשקלאַפּטע אַרבעטער אין שוויץ־שעפּער, האָבן געדומפּלט אויף די צאַרטע סטרונעס פון זיין האַרצן... אָט אַזוי האָט ער געשריבן זיינע פּערזן און אַזוי זיין פּראָזע״.

171. ריטש, סיימאָן.

צו דער געשיכטע פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״.

דאָרט, זז׳ 8 און 9.

אין אַ נאָטיץ צו דעם אַרטיקל מאַכט די רעדאַקציע פון דער פּא״ש אויפמערקזאַם, אַז „ערשט סוף 1890, אַ האַלב יאָר כמעט נאָך דער גרינדונג פון דער פּא״ש, איז אויסגעקליבן געוואָרן דוד עדעלשטאַט אַלס אַנאַרכיסטישער רעדאַקטאָר״.

172. מינקאָוו, נ. ב.

דוד פּינסקי (צו זיין 70טן געבוירן־טאָג און 50 יאָר פון זיין שאַפן).

אידישער קעמפער, וו״ב, ניו־יאָרק, 16טן אַפּריל 1943.

„ווינטשעווסקיס, עדעלשטאַטס און ראָזענפעלדס פּראָלעטאַריש ליד האָט זיך אַנטוויקלט אין די אַנגלאָזאַקסישע לענדער ענגלאַנד און אַמעריקע... ביזן יאָר 1892 (און אויך יאָרן שפּעטער) האָט מען אין איראָפּע [אַחוץ אין ענגלאַנד] ניט געוואוסט וועגן דער פּראָלעטאַרישער שיטה אין דער יידישער פּאָעזיע״.

173. מינקאָוו, נ. ב.

באַבאַד, נ. מ., דיכטער־אינטעליגענט און קרבן פון סוועט־שאַפּ.

געזעצטיקייט, וו״ב, דזשוירזי סיטי, ניו־דזשוירזי, יולי 1943, נומ׳ 7 (וואָל. 25), זז׳ 9 און 10.

„... ביי עדעלשטאַטן, זיילינגען און אַנדערע רוסיפיצירטע יונגע־לייט איז... געווען נאָך אַ שוואַכקייט... זייערע קינסטלערישע אימ־פולסן און פּאָעטישע איבערלעבונגען האָבן זיי געמוזט איבערגעבן אין אַ לשון, וואָס איז זיי געווען פרעמד״.

174. מרמר, קלמן.

יוסף באָוושאָווערס וועג — צום 70טן געבורטסטאָג פון דעם יידישן דיכטער.

מאָרגן־פרייהייט, ט״צ, ניו־יאָרק, 17טן אָקטאָבער 1943, נומ׳ 16 (7252), ז׳ 6.

דערמאָנט נאָכאַמאָל, אַז באָוושאָווער האָט זיך נ י ט געטראָפן מיט עדעלשטאַטן. ווען באָוושאָווער איז געקומען אין ניו־יאָרק, איז „דוד עדעלשטאַט... שוין געווען אַוועקגעפאָרן קיין דענווער״.

175. מינקאָוו, נ. ב.

נאַציאָנאַל־יידישע מאָטיוון אין אונדזער אַלטער און נייער לי־טעראַטור אין אַמעריקע.

דער טאָג, ט״צ, 12טן דעצעמבער 1943.

„... מאָריס ווינטשעווסקי... מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער... און צענדליקער אַנדערע... האָבן קולטיווירט דאָס סאָציאַלע ליד״.

1944

176. פראַנק, ד״ר ה.

ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע רעדאַקטאָרן און די פאָ״ש.

פאָ״ש, וו״ב, ניו־יאָרק—פילאַדעלפיע, 25טן פעברואַר 1944, נומ׳ 8 (2194), ז׳ 5.

„... מיט עדעלשטאַטס איבערנעמען די פאָ״ש איז אַזוי פאַרשטאַרקט געוואָרן איר גייסטיקער כוח און פרעסטיזש, אַז זי האָט פאָרט גע־קענט, מיט גרויסע מאַטערנישן, איבערקומען די ערשטע, די שווערסטע פיאָנערן־יאָרן״.

177. אַדלער, י.

מיין ערשטער מאי דאָ אין לאַנד — מיט מאָריס ראָזענפעלד (אַ בלעטל זכרונות).

די צוקונפט, זש׳, ניו־יאָרק, מאַי, 1944, ב׳ 49, נומ׳ 5, זז׳ 312—313.

„איך בין אויך באַקאַנט געוואָרן מיט דוד עדעלשטאַטס לידער, וואָס די אַנאַרכיסטן פלעגן זינגען, און אויך מיט זיין ׳דאָקטאָר גראַן׳, אָבער העכער איז געשטאַנען ביי מיר מאָריס ראָזענפעלד״.

178. ניגרעשל, ד״ר מענדל.
מלך כמעלניצקי
דאָרט, אָקטאָבער 1944, ב׳ 49, נומ׳ 10, זז׳ 618—621.
„... גאַליציע האָט אין די נײַנציקער יאָרן ניט פאַרמאָגט אַפילו קיין איין איינציקן פּאָעט, וואָס וואָלט זיך געקענט פאַרמעסטן כאָטשבי מיט אַן עדעלשטאַט אָדער אַ באָווּשאָווער״.

1945

179. וואָלפסאָן, ה.
היסטאָרישע פּאַסירונג, 55 יאָר צוריק, איז איצט אויפגעדעקט געוואָרן.
פּאָ״ש, וו״ב, ניו־יאָרק—פילאַדעלפיע, 11טן מאַי 1945, נומ׳ 19 (2257), זז׳ 11 און 12.
עפּיזאָדן פון דער צייט, ווען ש. גאַרסאָן איז געווען דער פאַר־וואַלטער און דוד עדעלשטאַט דער רעדאַקטאָר פון דער פּאָ״ש (אי־בערגעדרוקט פון דער „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע״, ב׳ 2, ייוואָ־אויסגאַבע, ניו־יאָרק, 1945).

180. מינקאָוו, נ. ב.
יצחק זיילין — אַ פאַרגעסענער אַרבעטער־פּאָעט (פון דער סע־ריע „יידישע סאָציאַלע פּאָעטן״).
גערעכטיקייט, זש׳, דזשוירזי סיטי, ניו־דזשוירזי, אָקטאָבער 1945, נומ׳ 10 (וואָל. 27), זז׳ 7 און 8.
„ביי דעם תהומיק־ערנסטן עדעלשטאַטן האָט מען אין זיינע ראָמאַנטישע טענער געהערט אַ מיסטיש־פּאַטעטישן נאָכקלאַנג, צייטנווייז אַ פאַר־צווייפלטן, אַ טראַגישן ציטער... איז אָבער פאַר אים ניט כאַראַקטע־ריסטיש די געבראָכענע שטימונג פון רעזיגנאַציע״.

1946

181. מינקאָוו, נ[חום] ב[רוך].
די לעגענדע דוד עדעלשטאַט.
די יידישע עסיי, אַ זאַמלונג, צונויפגעשטעלט פון שלמה ביקל, פאַרלאַג „מתנות״, ניו־יאָרק, 1946, זז׳ 229—233.
געווען געדרוקט אין דער פּאָ״ש (דעם 30טן אויגוסט 1940).

182. מינקאָוו נ. ב.
באָווּשאָווער וועגן פּאָעזיע (צו זיין 30טן יאָרצייט).
קולטור און דערציאונג, זש׳, ניו־יאָרק, מערץ 1946, נומ׳ 3, זז׳ 10—12.
„... עדעלשטאַטן האָבן אינטערעסירט ניט קיין פּראָבלעמען אין דער פּאָעזיע. אים האָבן אינטערעסירט: ׳דער פרייער גייסט׳, וואָס שניידט דורך ׳די טויטלעכע פינצטערניש׳... עדעלשטאַטס בליק אויף דער

פֿונקציע פֿון פּאָעזיע איז געווען דער אַנגענומענער בליק פֿון כמעט אַלע ראַדיקאַלע שרייבער אין די 80ער און 90ער יאָרן אין אַמעריקע״.

183. ווײַנער, חיים.

העברייאישע בראָשור וועגן פֿיר ייִדישע רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן.

פֿאַ״ש, וו״ב, ניו־יאָרק—פֿילאַדעלפֿיע, 9טן אויגוסט 1946, ז״ 5 און 7.

וועגן ד״ר ישראל רובינס העברייאישן ביכל „ביכורי השירה היהודית המהפכנית״ (ערשטלינגען פֿון ייִדישן רעוואָלוציאָנערן ליד).

„אַ תּמציתדיקע אָפּהאַנדלונג איבער פֿיר באַרימטע ייִדישע רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן... צוויי פֿון זיי (עדעלשטאַט און באָװשאָווער) האָבן געשוואוירן טרײַהייט צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פֿאַר זייער גאַנצן לעבן און שאַפֿן״.

184. מינקאָוו, נ. ב.

יוסף באָװשאָווער וועגן פּאָעזיע (צו זיין 30טן יאָרצײַט).

קולטור און דערציאונג, זש״, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1946, נומ׳ 6, ז״ 9—11.

„... צווישן עדעלשטאַטס... און באָװשאָווערס אינטערעס אין דער מיסטעריע פֿון שאַפֿן... ליגט אַ תּהום, וואָס האָט עד־היום צעטײלט די פּאָעטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור: די מערסטע, וואָס זיינען פּראָדוקטן פֿון רוסישע איינפֿלוסן, און די ווייניקע, וואָס זיינען פּראָדוקטן פֿון ענגלישע איינפֿלוסן״.

1947

185. מייזיל, נחמן.

אונדזער דיכטערישער פֿאַרמעג.

ייִדישע קולטור, זש״, ניו־יאָרק, אויגוסט 1947, נומ׳ 8, ז״ 39—44.

מאַכט אויפֿמערקזאַם, אַז אין מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע „פֿינף הונדערט יאָר ייִדישע פּאָעזיע״, ערשטער טייל, פֿעלן „אַ גרעסערע צאָל ייִדישע דיכטער פֿון דעם פּעריאָד 1800—1905. עס פֿעלן דוד עדעלשטאַט, י. באָװשאָווער א״אַנד״.

186. מאַלאַמוט, יוד לאַמעד.

זכרונות וועגן משה קאַטץ (צו זיין 6טן יאָרצײַט)

פֿאַ״ש, וו״ב, ניו־יאָרק—פֿילאַדעלפֿיע, 22טן אויגוסט 1947, נומ׳ 34 (2376), ז׳ 3.

דערציילט אונטער וועלכע אומשטענדן משה קאַטץ האָט איבערגענומען פֿון דוד עדעלשטאַטן די רעדאַקציע פֿון דער פֿאַ״ש.

187. נאָוויק, פּ.

די גרויסע טראַדיציע.

מאָרגן־פֿרייהייט, ט״צ, ניו־יאָרק, 1טן סעפּטעמבער 1947, נומ׳ 8661 (ב׳ 26), ז׳ 3.

„דער סוועט־שאַפּ... איז אַרײַן אין דער דעמאָלט [אין די אַכציקער

יאָרן] יונגער יידישער ליטעראַטור", װעגן װעלכן ס'האָט געזונגען עדעלשטאַט, באָװשאָװער, מאָריס ראָזענפעלד, װינטשעװסקי.

1948

187א. טענענבוים, ש.
דוד עדעלשטאַט; פּאָעט און לעגענדע.
פּאָ"ש, װ"ב, ניו־יאָרק—פילאַדעלפיע, 30טן יאַנואַר 1948, נומ' 5 (2399), זז' 5 און 7.
„דוד עדעלשטאַט — — — אַ באַגייסטערטער פון דער דעמאָלט רעװאָ־לוציאָנערער באַװעגונג — — — האָט אָנגעהויבן צו זינגען מיט אַ העראָאישן פּאַטאָס, װאָס האָט נישט זיינס גלייכן אין דער יידישער פּאָעזיע".

3. ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן
(אויספירלעך װעגן די מאַטעריאַלן — זע ביאָגראַפיע)

1890

188. [— — —
געג. [גענאָסע] ד. עדעלשטאַט, סינסינעטי (פיר דעם אַרבעטער־פאַראיין „טרוט־סיקערס").
אַרבייטער פריינד, 17טן יאַנואַר, נומ' 3, ז' 6.

189. שייקעװיטש, נחום מאיר [שמ"ר].
אַ שפּאָגל נייע קאָנקורענציע.
